STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07501

GEVEHLTE VERK

Jules Verne

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשולווערן.

געזאמעלטע ווערק

צווייטער באנד.

היברו פאבלישינג קאמפאני

83־85 קאנאל סטריט, ניו יארק.

א רייזע אויפ'ן גרונד פון ים

— אדער —

20 טויזענד מייל אונטערן וואסער

ערשטעס קאַפּיטעל.

א משונה'דיגע בריאה.

אין יאָהר 1866 האָט זיך בעוויזען א מערקווירדיגע, וואונדערבארע נאטור ערשיינונג, וועלכע פיעלע האָבען וואהרשיינליך ביז יעצט נאָך ניט פערגעסען. גאַנצע נאַציאָנען זיינען העכסט איבערראַשט געוואָרען, איבער־הויפּט קויפלייטע און שיפס־אייגענטהימער, קאַפּיטענע און זעע־רייזענדע פון איירָאפּא און אמעריקא, אפיציערען וואָס געהערען צו דער קריעגס־פלאָטע פון אלע לענדער און זאָגאר די רעגיערונגען פוןביידע וועלט־טהיי־לען זיינען אויף דיעזע זעלטענע ערשיינונג זעהר אויפמערקזאם געוואָרען.

עס האָט געמליך צו יענער צייט זיך בעוויזען אויפ'ן ים א מין גע־גענשטאַנד, אָדער א בריאה, וועלכע פערשיעדענע שיפען האָבען געזעהען אין פיעלע ערטער און קיינער האָט זיך ניט געקענט ערקלעהרען וואָס דאָס איז אזעלכעס. דיעזער געגענשטאַנד איז געווען אונגעהויער גרויס און לאַנג, אין דער פאָרמע פון א שפינדעל, זעהר אָפט האָט זיך פון איהם בעוויזען א בעלייכטונג, אזוי ווי פון פאָספאָר און אויב מען זאָל גלויבען אז דאָס איז א מין לעבעדיגע בעשעפעניס, וואָס געהערט צו די גרעסטע זאָרט חיות פון ים, ווי צום ביישפיעל די וואלפישען, מוז מען אָבער צוגעבען אז אזא שרעקליך גרויסען וואלפיש איז נאָך קיינמאָל ניט געווען צו זעהען צייט מענשען לעבען אויף דער וועלט.

פון די בעשרייבונגען וואָס די שיפען האָבען געמאַכט אין יענע צייטען, וועגען דיעזען געגענשטאַנד, אָדער בעשעפעניס, איז ניט מעגליך געווען א בעשטימטע זאַך צו ערפאַהרען; נור אזוי פיעל האָבען זיי אלע ערקלעהרט, אז דער געזעהענער געגענשטאַנד בעזיצט א שרעקליכע קראַפט אין זיינע בעוועגונגען און אזא שנעלקייט וואָס מען מוז דאפון ערשטוינט ווערען.

נאַטירליך וואָלט קיין נאַטור־פאָרשער אין דער וועלט ניט געקענט גלויבען אז אזא מהיר זאָל קענער עקסיסטירען, ווייל די וויסענשאַפט איז ניט אים שטאַנד אזא ערשיינונג צו ערקלעהרען. אָבער דעננאָך האָט קיינער ניט געקענט אָבלייקענען אז דיעזע ערשיינונג עקסיסטירט. אויב פיעלע האָבען איבערטריעבען אז זי איז דריי מייל די לענג און א מייל די ברייט, איז אָבער קיין ספק ניט געווען אז דיעזעס וועזען איז אונגעהויער משונה'דיג גרויס.

וואָס אנבעטרעפט די שנעלקייט פון זיין לויף זיינען צו דיעזער צייט בעקאַנט געוואָרען די פאָלגענדע פאַקטען: דאָס דאַמפּף־שיף „גאָווערנאר היגינסאָן" האָט דען 20 יולי פון דיעזען יאָהר 1866 בעמערקט אין ים, בערך 5 מייל ביי די מזרח ברעגעס פון אויסטראַליען, אז פון וואסער שטירצט ארויס א געוואַלדיג גרויסער געגענשטאַנד. אנפאַנגס האָט דער קאַפּיטאַן געמיינט אז דאָס איז א פעלזען, וואָס איז נאָך ביז יעצט ניט בעוואוס'ט געווען אויף דער לאַנד־קאַרטע, אָבער באַלד האָט דיעזער געגענשטאַנד ארויס געשפריצט פון זיך מיט א שאַרפען קלינגענדען פייף, צוויי וואסער־שטראַהלען, ביז 150 פוס די הויך, און דאַצו האָט ער זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען און צו שווימען. זאָ דאָס דער ערשטוינטער קאַפּיטאַן האָט זיך באַלד איבערצייגט, דאָס ער האָט דאָ צו טהון ניט מיט א טויטען פעלזען, זאָנדערן מיט א לעבעדיגע בעשעפעניס.

אין דריי טעג נאָכהער האָט מען דעמזעלבען געגענשטאַנד געזעהען פון דער שיף „קריסטאָבאַל־קאָלאָן", אין א געוויסען פונקט פון שטילען אָקעאַן, וועלכער וואר ערוויטערט פון יענעם אָרט, וואו „גאָווערנער היגינסאָן" האָט איהם געזעהען, אויף גאַנצע 700 מייל. אזא שטח דורך צו שווימען אין פערלויף פון דריי טעג קען ניט בעווייזען קיין שיף און קיין ים־מהיר אין דער וועלט.

צוויי וואָכען שפּעטער איז שוין געניער בעוואוסט די גרויס פון דיעזע משונה'דיגע בריאה. אין אטלאַנטישען ים, צווישען אייראָפּא און אמעריקא, האָבען איהר געזעהען די דאַמפּף־שיפען „העלוועציא" און „שאַנאָן" אויף א שטעלע וואָס וואר צוויי טויזענד מייל וויטער פון יענער ארט וואו דער „קריסטאָבאַל קאָלאָן" האָט איהם געזעהען. ביי דיעזע בעאָבאַכטונג האָבען דיביידע שיפען אויסגעפונען אז דאָס אונערקלערליכע געגענשטאַנד אָדער בריאה איז לאַנג מינדעסטענס 350 ענגלישע פוס. די גרעסטע וואַלפישען וועלכע געפינען זיך ביי די אלעאוטישע אינזלען האָבען ניט מעהר ווי 150 פוס לענג. אויב דאָס זאָל אלזא אויך זיין א וואַלפיש מוז מען צו געבען אז ער איז אזא מין דיעז וואָס איז גאָר אין דער נאַטור ניט מעגליך.

די עפענטליכע מיינונג איז פון דיעזע אלע בעריכטען זעהר אויפגערעגט

געוואָרען; עס איז ניט געווען איין לאנד וואו מען האָט דאריבער ניט אויפגעהערט צו רעדען און צו שרייבען. די משונה'דיגע בריאה אין ים איז געוואָרען א טאגעס פראגע, וועלכע האָט שטארק בעשעפטיגט די ציוויליזירטע פעלקער פון ביידע וועלט־טהיילען. מען האָט וועגען איהר געזונגען אין די קאפע הייזער, געלאכט אין די צייטונגען און געשפּיעלט אין די טהעאטערס. ווי געוועהנליך ביי אזעלכע צופאלען האָט זיך די פאנטאזיע פאנאנדער געשפּיעלט און מען האָט זיך אָנגעפאנגען צו ערצעהלען, אז אין ים לעבען אזעלכע מינים אינזעקטען וואָס זיינען אים שטאנד אראָפּ צו שלעפּען אויפ'ן גרונד די גרעסטע שיף וואָס וועגט ביז 5000 טון. אנדערע האָבען זאָגאר בעוויעזען מיט קלאהרע ראיות אז די גרויסע נאטור פאָרשער פון אלטערטהום ווי למשל אריסטאָטעל און פּליניוס און די שפּעטערדיגע געלעהרטע, ווי דער נאָרוועגישער בישאָף פּאָנטאָפּידאן און אויך פּאול העגעדעס ערקלעהרען, אז דיעזע ברואים עקסיסטירען אין דער ווירקליכקייט. ענדליך האָבען זיי געזאָגט, איז די ערקלעהרונג פון א געוויסען רייזענדע: הארינגטאָן געוויס ריכטיג, וועלכער בעהויפּטעט, אז פאָהרענדיג אויף דער „קאסטילאָן” אין יאָהר 1857 האָט ער אליין געזעהען א ים־שלאנג פון דיעזען זאָרט.

פיעלע אנדערע דאגעגען, און דאָס גרעסטע טהייל פון די געלעהרטע מענער האָבען געמאכט חוזק פון אזעלכע „וויסענשאפטליכע” פאנטאזיעס. עס זיינען דאפון ארויס געקומען הייסע דיספּוטען, ביי וועלכע עס זיינען פערגאָסען געוואָרען ניט נור גאנצע טונען מיט טינט זאָנדערן זאָגאר שעהנע עטליכע טראָפּען בלוט, דען דיעזע געלעהרטע פראגע וועגען דעם ים־שלאנג האָט געבראכט צו פּערזענליכע בעליידיגונגען. די הומאָריסטישע שריפטשטעלער האָבען נעמליך געענטפערט מיט דעם בעוואוסטען שפּרוך פון דעם גרויסען נאטור פאָרשער ליננא אז „די נאטור בעשאפט קיינע דומקעפּ”. אויף דיעזען אופן איז דער ליטעראַרישער קריעג געפיהרט געוואָרען צייט 6 מאָנאט, ביז ענדליך האָט איין אלגעמיין בעליעבטער סאטירישער זשורנאל אבגעשפּאָט און אויסגעלאכט די גאנצע געשיכטע אז מען האָט זיך גאָר געשעהמט וועגען דעם ווייטער צו רעדען און די דיספּוטען זיינען שטיל געוואָרען.

אָבער מיט חכמות און וויטצען האָט מען דאָך ניט געקענט אזא פראגע אוועק מאכען אונטערען האנד. אין די ערסטע מאָנאטען פון דעם פאָלגענדען יאָהר 1867, האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען צו הערען וועגען די משונה'דיגע בריאה אין ים; אָבער דיעזעס מאָל האָט מען שוין ניט געקענט יוצא זיין מיט וויסענשאפטליכע פראגען און ערקלעהרונגען, זאָנדערן עס איז שוין געווען נויטהיג צו זוכען ריכטיגע מיטלען, ווי אזוי צו פערהיטען די

שיפען פון איין ערנסטע געפאהר. די מערקווירדיגע בעשעפענים האָט דעם מאָל בעוויעזען אז זי איז ניט קיין אינזעל, אָדער אַ פעלזען, זאָנדערן איין אונבעשטימטעס לעבעדיגעס וועזען, וועלכע קען זעהר פיעל געפעהרליכען שאָדען ברענגען.

דען 5טען מערץ פון יענעם יאָהר האָט דאָס שיף „מאָראַוויאַן" זיך אָנגעשטויסען אויף אַ פעלזען אין אַזאַ שטעלע, וואו נאָך דער ים־קאַרטע האָט ניעמאָלס קיין פעלזען געקענט זיין. דער שטויס איז געווען אַזוי שטאַרק אז דער אונטערסטער דעק פון שיף איז גרעסטענטהיילס צובראָכען געוואָרען. דאָס גליק איז געווען אז דער „מאָראַוויאַן" איז איינע פון די בעסטע שיפען, זעהר שטאַרק געבויט און ביי איהר שנעליגקייט פון 400 פערד־קראַפט האָט זי נאָך בעוויעזען צו רעטען זיך מיט איהרע 237 פאַסאַזשירען. באַלד נאָכדעם וואר אונטערזוכט דער אָרט וואו דאָס שיף האָט בעקומען אַזאַ געפעהרליכען קלאַפּ און עס איז ווירקליך בעוויעזען געוואָרען, אַז דאָרט איז גאָר קיין סימן פון אַ פעלזען צו געפינען, זאָנדערן דער שטאַרקער שטראָם האָט דייטליך געצייגט, אַז דאָ ניט לאַנג איז עטוואָס אונגעהויערעס אונטערן וואסער דורכגעשוואומען.

אויב מען וואָלט געקענט דיעזען צופאל פערגעסען האָט אין דריי וואָכען ארום ווידער געטראָפען אַ זאַך, פון וועלכע די גאנצע וועלט איז העכסט ערשטוינט געוואָרען. דער בעריהמטער ענגלישער שיפּס־הערר קונאַרד איז איבעראל גענוג בעקאַנט. אָנגעפאנגען זיינע געשעפטען האָט ער גאַנץ קליין, בלויז מיט אַ דריי הילצערנע שיפּען, וואָס האָבען געמאַכט אַ רעגעלמעסיגען פאָסט־קורס צווישען ליווערפּול און האַליפאַקס; אָבער יעצט בעזיצט ער שוין אַ רייהע פון די ערסטע קלאסע שיפען, וואָס מאַכען די וויטעסטע רייזען איבער'ן מעער. די קאָמפּאַניע קונאַרד האָט אימער געפיהרט איהרע געשעפטען מיט דעם בעסטען ערפאָלג, און צייט די זעקס־און־צוואנציג יאָהר וואָס זי איז געגרינדעט האָט נאָך מיט קיין איינציגע פון איהרע צאהלרייכע שיפען אירגענד וועלכעס אונגליק געטראָפען.

דעם 13טען אַפּריל פון דעמזעלבען יאָהר איז איינע פון זייערע בעסטע שיפען „סקאָטיא" נעפאָהרען איבער דעם אטלאַנטישען אָקעאַן. דאָס וועטער וואר זעהר שעהן און דער ים גאַנץ רוהיג. צו אבענד־צייט, גראדע דאַן ווען די פאַסאַזשירען זיינען געזעסען אין שפּייזע־זאַאל ביי'ן טיש, האָט מען פּלוצלונג דערשפּירט איין אונגעוועהנליכען שטויס, אַזוי ווי יעמאַנד וואָלט אונטערען וואסער דורכגעשניטען אָדער דורכגעבויערט דעם דעק פון שיף. אנפאנגס האָט זיך וועגען דעם קיינער ניט שטאַרק בעקימערט, אָבער באַלד איז געוואָרען אַ שרעקליכער געוואלט „וואסער אין שיף; מיר געהען אונטער!"

צום גליק איז דער קאַפּיטאַן אנדערסאָן געווען אים שטאַנד די אויפ־גערעגטע פּאסאזשירען באַלד צו בערוהיגען, ערקלעהרענדיג אז די „סקאָ־טיא" קען פון אזא סיבה ניט אונטערגעהען. זי איז אינוועגיג איינגעטהיילט אין זיעבען פערשיעדענע רוימען, מיט אַזעלכע שטאַרקע ווענד, אַז ווען דאָס וואסער זאָל זאָגאר אריינדרינגען אין איינע פון זיי, קען עס אין די וויטערע אבטהיילונגען ניט צו קומען, און דארום איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען פיר אַ גרויסע געפאהר. דער קאַפּיטאַן איז באַלד ארונטער טיעפער אין שיף און אויסגעפונען, אַז דאָס וואסער דרינגט אריין אין די פינפטע אבטהיילונג, וואו אין דעק איז דורכגעשלאגען אַ לאָך. צום גליק איז דיעזע אבטהיילונג אויך געווען ווייט פון קעססעל, דען זאָנסט האָט דאפון גע־קענט ענטשטעהען איין עקספּלאָזיאָן און דאָס שיף וואָלט אויף ברעקלאך צושפּרונגען געוואָרען.

אויף דעם קאַפּיטאַן'ס בעפעהל איז דאָס שיף אָבגעשטעלט געוואָרען און מען האָט זיך אראָפּגעלאָזען אין וואסער אונטער'ן דעק, אום דעם שאַ־דען צו אונטערזוכען. עס איז דאן אויסגעפונען געוואָרען אז דאָרט איז פון אירגענד וועלכען שאַרפען אינסטרומענט אויסגעהאַקט אַ לאָך, מעהר ווי צוויי עלען די ברייט, די וויטערע רייזע איבער'ן ים איז נאַטירליך ניט געווען מעגליך צו מאַכען מיט די געוועהנליכע שנעליגקייט און דאָס שיף איז אָנגעקומען נאָך ליווערפּול מיט דריי טעג שפּעטער ווי אימער.

דיעזע לעצטע בעגעגנהייט האָט זעהר שטאַרק אויפגערעגט די עפענט־ליכע מיינונג. פון יעצט אָן האָט מען שוין אָנגעפאנגען צו גלויבען אז אין ים געפינט זיך איין אונבעקאַנטע שרעקליכע בריאה, וועלכע מאַכט אונזי־כער דעם פערקעהר פון די שיפען, דארום מוז מען זעהן מיט אַלע מעגליכ־קייטען פון דיעזער פירכטערליכע בעשעפענים לויז צו ווערען.

צווייטעס קאַפּיטעל.

מיין ערקלעהרונג.

צו דערזעלבער צייט ווען דיעזע אַלע בעגעבענהייטען האָבען פּאַסירט בין איך צוריק געקומען נאָך נויאָרק פון די אינערליכע אַמעריקאַנישע שטאַ־טען, וואוהין די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט מיך, אַלס פּראָפעסאָר דער נאַטורגעשיכטע, געשיקט אויף אַ רייזע מיט אַ וויסענשאַפטליכען צוועק, ביי וועלכע איך האָב פערבראַכט מעהר ווי זעקס מאָנאַט. דאָס וואר אין

אנפאנג מערץ, אלס איך בין שוין פערטיג געווען אבצופאהרען נאך פראנק־רייך, מיט מיינע פערשיעדענע קאסטבארע זאמלונגען. איך האב געוואלט נור א קורצע צייט נאך פערברענגען אין נויארק, אום דיעזע זאמלונגען איינצוטהיילען אין א ריכטיגע ארדנונג, לויט די פערשיעדענע קלאסען פון נאטור־וויסענשאפט, נעמליך : די יעניגע וואס בעהאנדלען וועגען לעבענ־דיגע ברואים (זאאלאגיע), וועגען פפלאנצען (באטאניק) און שטיינערנע גע־גענשטאנדען (מינעראלאגיע).

די וויכטיגע טאגעס־פראגע וועגען דעם מערקווירדיגען אונגעהויער אין ים איז מיר געווען גוט בעקאנט פון די צייטונגען, און אלס איך האב קור־מענדיג נאך נויארק ערפאהרען וועגען דעם צופאלל וואס האט זיך געמאכט מיט דעם דאמפפער סקאטיא, איז מיר די זאך נאך מעהר אינטערעסאנט געווארען. דעננאך איז מיר ניט מעגליך געווען וועגען דעם א ריכטיגע מיי־נונג אויסצושפרעכען. איך האב שוין געהערט וועגען פערשיעדענע ערקלעה־רונגען, אז דאס זאל זיין איין ארומשווימענדער אינזעל, אדער א שטיק פון א צובראכענע שיף ; אבער אזעלכע לעכערליכע בעהויפטונגען האט דאך קיין פערנינפטיגער מענש ניט געקענט גלויבען, דען ווי איז דאס מעגליך אז אזא שווימענדער געגענשטאנד זאל אין א קורצע צייט קענען דורך פליע־הען גאנצע ימים ?

עס איז אויך דיעזען אויפן געבליעבען אנצונעהמען איינס פון דאס ביי־דע ; אדער דאס איז א ווירקליכע משונה'דיגע בריאה, פון וועלכע די ווי־סענשאפט האט נאך ביז יעצט ניט ערפאהרען, אדער א מערקווירדיגע שנע־לע שיף וואס קען פאהרען אונטערן וואסער.

ביי דיעזע לעצטע וואהרשיינליכסטע ערקלעהרונג איז דעננאך ניט מעג־ליך געווען צו בלייבען ; דען ווי זאל מען גלויבען אז איין איינציגער פריי־וואט־מאן איז אים שטאנד אזא שיף אויפצובויען. אזא אונטערנעהמונג וועלכע פארדערט מאסען געלד, פיעל ארבייטס־קראפט און גרויס קונסט וואלט ניט געקענט בלייבען א פערבארגענע געהיימניס ; מען וואלט דאפון באלד ערפאהרען נאך איידער די שיף איז פערטיג געווארען. איבער דיזעל־בע אורזאכע איז אויך ניט מעגליך צו גלויבען אז אירגענד וועלכע רעגיערונג זאל דאס האבען אויפגעטהון, דען גראדע זיי היטען גענוג איינע די אנדערע ביי יעדע בעוועגונג, איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך וועגען פערפערטי־גען פון א נייע מאשין, וואס קען נוטצען ביי א קריעג.

די נאכפארשונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אין ענגלאנד, רוס־לאנד, פראנקרייך און אלע אנדערע אייראפעאישע לענדער האבען קלאהר בעוויעזען אז אזא שיף וואר דארט ניט פערפערטיגט. די רעגיערונגען הא־בען בעשטימט ערקלעהרט אז זיי ווייסען ניט פון וואס צו זאגען ; און אזוי

ווי דאָ האנדעלט זיך וועגען דעם אינטערעס פון די גאנצע וועלט האָט מען דאָך ניט געקענט צווייפלען אז דיעזעס מאָל ערקלעהרען די רעגיערונגען די ריינע וואהרהייט.

אלס איך בין געקומען נאָך נויאָרק האָבען איינינע בעוואוסטע מענער זיך געווענדעט צו מיר מיט די פראגע איך זאָל ערקלעהרען מיין מיינונג. מיין נאָמען, אלס פּראָפעסאָר, איז געווען גענוג בעקאנט; נאָך מיט איינינע יאָהר צוריק איז ערשיענען אין פראנקרייך מיינע א גרויסע ווערק אין צווי בענדער: „די געהיימניסע פון די טיעפנים אין ים״. די געלעהרטע וועלט האָט דיעזעס ווערק גוט אויפגענומען און איך בין אנערקענט געוואָרען אלס ספּעציאליסט אין דיעזען אונערפאָרשטען טהייל דער נאַטור־וויסענ־שאפט וועגען די ים־ברואים. איבער דיעזע אלע אורזאכען האָט מען נאַטיר־ליך מיט גרויס שפּאנונג ערווארטעט צו הערען מיין אנטוואָרט, וועלכע איך האָב מיט אלע מעגליכקייטען געזוכט ניט צו געבען. ענדליך בין איך גע־צוואונגען געווען עפענטליך זיך צו ערקלעהרען, אלס דער „נויאָרקער הע־ראָלד״ און נאָך איינינע גרויסע צייטונגען האָבען אויפגעפאָדערט מיך „דעם עהרענווערטען פּיערר אראָנאקס, פּראָפעסאָר פון פּאריזער מוזעאום״ איך זאָל מיין מיינונג איבער דיעזען געגענשטאנד אויסשפּרעכען.

לענגער איז נאַטירליך ניט מעגליך געווען זיך ארויס צו מאכען און אין א גרויסען ארטיקעל, וואס וואר אבגעדרוקט דען 30טען אפּריל אין אלע צייטונגען האָב איך די זאך גענוי בעהאנדעלט פון פערשיעדענע שטאנד־פּונקטען. מיין ערקלעהרונג איז בעשטאנען אונגעפעהר אין פאָלגענדעס:

„פון אלע מיינונגען וואס זיינען ביז יעצט אויסגעשפּראָכען געוואָרען איז אם ריכטיגסטען אנצונעהמען אז די לעצטע צייטען האָט זיך אין ים געמוזט בעווייזען א מערקווירדיג משונה׳דיגע בריאה. די גרויסע טיעפני־סען פון מעער זיינען נאָך ביז יעצט אונבעקאנט און אונערפאָרשט. ווער קען גענוי וויסען די פורכטבארע געהיימניסע וואָס דאָרט געהן פאָר? וועל־כע בעשעפניסע לעבען דאָרט אין א טיעפנים פון צוועלף ביז פופצעהן טויזענד מייל? דאָס אלעס איז שווער זאָגאר זיך פאָרצושטעלען.

„דענאָך קומט די פראגע אן נור דארויף: קענען מיר גענוי אלע ברואים וואס לעבען אויף אונזער פּלאנעטע, אָדער מיר קענען זיי נאָך ניט?

„אויב אין דער נאַטור־וויסענשאפט גיבט נאָך פיר אונז אירגענד וועל־כע אונערקלעהרליכע געהיימניסע דאן איז מעגליך צו גלויבען אז אין ים זיי־נען דאָ פיעלע ברואים, זאָגאר גאנצע קלאסען מינים, פון וועלכע מיר האָ־בען קיין שום בעגריף ניט. זיי לעבען דאָרט אונטען טיעף, גאנץ טיעף, און דאן קומט א צייט ווען אזא משונה׳דיגע בעשעפנים פערוועלט זיך ארויף

צו שפאציערען אין די העכערע וואסערען און מיר ווערען ערשטוינט הערענ־דיג פון איהר אונגעהויערע געשטאלט און שרעקליכע גבורות.

„נאך מיין מיינונג אבער האט די נאטור־וויסענשאפט שוין אלעס ער־פאהרען און עס גיבט ניט אזעלכע בעשעפעניסע וואס זאלען ניט זיין גענוי בעשריעבען. אויף דיעזען אופן קומט ביי מיר אויס, אז דאס אונגעהייער וואס בעוויזט זיך יעצט אין פערשיעדענע ערטער פון ים, איז איין אונגע־וועהנליכעס ריעזען טהיר, פון די פאמיליע וואס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאמען „נארוואל״.

„דער געוועהנליכער נארוואל איז אזא מין חיה אין ים וואס ערדרייכט זעהר אפט ביז זעכציג פוס די לענג. ער טראגט אויף'ן קאפף א הארן, וואס האט די פארמע אזוי ווי א שווערד פון עלפאנט ביין און איז הארט ווי דער בעסטער שטאהל. דער נארוואל בעפאלט זאגאר אזעלכע גרויסע טהיערע ווי דער וואלפיש און בעזיעגט איהם. מען האט אין מאנכע שיפען געפונען שטעקענדיג דיעזען הארן, פון וועלכען דער דעק וואר אין גאנצען דורכגעבויערט. אין פאריזער מוזעאום געפינט זיך א הארן, פון דיעזען ים־טהיער, וואס איז ביינאהע דריי עללען לאנג.

„אויב מען זאל אננעהמען אז אין ים געפינט זיך יעצט א מין ריעזען־נארוואל, וועלכער איז צעהן אדער פופצעהן מאל גרעסער און שטארקער ווי א געוועהנליכער, מוז ער ווירקליך טראגען אזא פורכטבארען הארן וואס קען דורכלעכערען יעדע שיף. נאטירליך מוז אזא חיה אויך בעזיטצען די שנעלקייט דורך צו שיעסען אונגעפעהר צוואנציג מייל אין א שטונדע, ווי מען האט עס מיט דיעזען אונגעהויער בעמערקט.״

מיין ארטיקעל איז איבעראל אנגענומען געווארען מיט גרויס בייפאל און מיין מיינונג האט זיך פיעלע אנהענגער ערווארבען. מיין ערקלעהרונג איז וואהרשיינליך נור דארום אזוי געפעלען געווארען ווייל דא האט זיך די פאנטאזיע געקענט אביסעל פאנאנדער שפיעלען, און דאס ליעבט יעדער מענש, זאגאר דער העכסט געבילדעטער אויך זעהר שטארק.

דער ים איז גראדע דער איינציגער ארט פון וועלכען מען קען זעהר פיעל טרוימען און פאנטאזירען; דארט, אין יענע פורכטבארע טיעפעניסען, לע־בען געוויס אזעלכע ברואים וואס אונזערע עלעפאנטען זיינען קארליקעס גע־גען זיי. מיר וויסען צום בייישפיעל אלס פאקט, אז דאס גרעסטע טהייל פון דער קלאס טהיערע וואס געבארען לעבענדיג קינדער און זויגען זיי, גע־פינען זיך אין ים; אבער עס קען דאך אויך זיין אז דארט זיינען פערבאר־גען אזעלכע אונגעהויערע שלאנגען און מאללוסקען וואס עס איז גאר א שרעק אויף זיי א קוק צו געבען. אמאל, אין די אורצייטען, מיט פיעלע צעהנד־ליגע טויזענד יאהרען צוריק, איז אונזער וועלט געווען בעזעצט מיט גאנץ

אנדערע ברואים. עס האָבען דאן געלעבט פיערפיסיגע ברואים, פויגלען און שרצים וואָס ווארען הונדערטע קלאָפטער די גרויס. די ערד האָט זיך פון יענע ציימען געענדערט און יענע אונגעהויערע ריעזען זיינען פערשוואונדען; אָבער דער ים וואָס איז געבליעבען אין דעמזעלבען צושטאַנד ענטהאַלט געוויס אין זיינע אונבעקאַנטע טיעפעניסען אזעלכע שרעקליכע ריעזענגעשטאַלטען ווי אין יענעם גרויסען אלטערטהום.

קורץ און גוט, די אלגעמיינע ערקלעהרונג, אז אין ים שפּאַציערט ארום איין אונבעקאַנטער געפעהרליכער אונגעהויער, האָט געפיהרט דאַצו אז מען זאָל אם שנעלסטען אַלע מיטלען אנווענדען דיעזען שרעקליכען ריעזען צו פערניכטען. אין פיעלע לענדער האָט מען מיט דיעזע פראגע זיך שטאַרק בעשעפטיגט, אויף וועלכען אופן אזא אונגעוועהנליכע אויפגאַבע אויסצופיהרען. מען וואָלט נאָך וועגען דעם פיעלייכט לאַנג געשפּראָכען, אָבער די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען אין אמעריקא האָט באַלד אָנגעפאַנגען אין דער ווירקליכקייט עטוואס צו טהון אין דיעזער אנגעלעגענהייט. אַ שנעלל־קריעגס־דאַמפּפער, נעמליך די פרעגאַטע „אייבראַם לינקאָלן" איז בעשטימט געוואָרען דעם ריעזען־נאַוואַל צו פערפאָלגען. דער קאַמאַנדאַנט פון דיעזער שיף פאראגוט איז שוין געוועזען שטאַרק בעשעפטיגט אַלע נויטהווענדיגע פּאַרבערייטונגען וואָס אם שנעלסטען צו מאַכען.

אָבער אזוי ווי אויף להכעים איז דער אונגעהויער גראַדע צו דיעזער צייט אין גאַנצען פערשוואונדען. עס זיינען פארביי געגאַנגען מעהר ווי צוויי מאָנאַט און מען האָט פון איהם ניט געהערט און ניט געזעהען. די הומאָריסטישע צייטונגען האָבען זיך געהאַט איבער וואָס לוסטיג צו מאַכען, פאַרשטעלענדיג ווי דער ריעזען־נאַרוואַל לעגט צו דעם אויער צום טעלעגראַפען־דראָט, אויפ'ן גרונד פון ים, און הערט זיך איין די סודות וואָס ווערען געשפּראָכען וועגען איהם דורך די קאַבעל־דעפּעשען.

די פרעגאַטע „אייבראַם לינקאָלן" איז שוין געשטאַנען רייזע פערטיג, אויסגעשטאַטעט מיט אַלע פירכטערליכע קאַמפּף־מאַשינען, אָבער מען האָט ניט געוואוסט נאָך וועלכע געגענד פון ים צו ווענדען. ענדליך איז ערהאַלטען געוואָרען די נאַכריכט, אז אַ דאַמפּפער פון דער סאַן־פראַנציסקאָ־ליניע האָט געזעהען דעם אונגעהויער מיט דריי וואָכען צוריק, אין די נאָרד־וואַסערען פון דעם גרעסטען וועלט־מעער, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען דער שטילער אָקעאַן.

די אלגעמיינע אויפרעגונג איז באַלד געוואָרען זעהר גרויס. מען האָט דעם קאָמאַנדאַנט פאראגוט קוים פיער־און־צוואַנציג שטונדען צייט געלאָזען די לעצטע פּאַרבערייטונגען צו מאַכען. באַלד וואַר אַלעס אם שנעלסטען פערשאַפט; די נויטהיגסטע מאַטעריאַלען, קוילען נאָך מעהר ווי פיעל מען

דארף, און די גאנצע מאנשאפט פון פרעגאטע יעדער אויף זיין פאסטען. עס איז נור איבריג געבליעבען איינצוהייצען און אבצורייזען.

דריי שטונדען איידער די פרעגאטע איז אבגעפאהרען האב איך פאלגענדען בריעף ערהאלטען :

„הערן אראנאקס, פראפעסאר פון פאריזער מוזעאום, 5טע עוועניו האטעל, נויארק.

„די רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען וועט זעהר ערפרייט זיין אויב איהר וואלט איינשטימען זיך אנצושליעסען צו דער עקספעדיציאן פון דער פרעגאטע „איבראם לינקאלן". דורך אייך וועט פראנקרייך בעוויזען איהר געפעליגען אנטהייל אין דיעזע אונטערנעהמונג. דער קאמאנדאנט פאראגוט האלט פיר אייך פערטיג א בעזונדערע קאיוטע.

„גאנץ ערגעבענסט, י. ב. האבסאן, מארינע־סעקרעטער."

דריטעס קאפיטעל.

מיין דיענער קאנסייל.

דריי מינוטען פריהער, איידער דיעזער בריעף איז מיר אנגעקומען, האב איך אזוי פיעל געטראכט צו פאהרען מיט די פרעגאטע לינקאלן גראדע ווי איך וואלט געקענט דענקען צו מאכען א רייזע נאך דער לבנה. דריי מינוטען שפעטער, נאכדעם ווי איך האב דיעזען בריעף איבערגעלעזען, איז ביי מיר קיין צווייפעל געוועזען אז איך וועל די העפליכע איינלאדונג אננעהמען. מיין בערוף אלס פראפעסאר בעפעהלט מיר איך זאל אנטהייל נעהמען אין אזא וויכטיגע זאך, מיט וועלכע די גאנצע וועלט אינטערעסירט זיך אזוי פיעל.

איך קום זאגאר יעצט ערמיעדעט פון א לאנגע שוועריגע רייזע און וואלט זעהר נויטהיג געדארפט אויסרוהען. עס בייגקט זיך אפילו זעהר שטארק נאך דער היימאטה־לאנד, נאך מיין שטילע, ליעבליכע וואהנונג, מיט די אלע היימישע בעקוועמליכקייטען ; אבער דאס אלעס קען מיך ניט צוריק האלטען און איך בין פעסט ענטשלאסען די מערקווירדיגע עקספעדיציאן מיט צו מאכען, און מיט מיינע אייגענע אויגען דיעזע וואונדערבארע בעשעפענים צו זעהען.

„איבריגענס" האב איך מיט זיך אליין געטראכט „קען מען דאך אויף

יערען וועג צוריק נאָך פראנקרייך קומען. דער ריעזען־נארוואל וועט געוויס נאָך ניט זיין אזוי גראָב אונז גאנץ ווייט צו פערפיהרען און מיר וועלען איהם וואהרשיינליך אנטרעפען אין די אייראָפּעאישע וואסערען. דאפיר וועל איך איהם מאכען די עהרע און אוועק שטעלען א שטיקעל פון זיין האָרן אויף דעם שעהנסטען פּלאַטץ אין אונזער פאריזער נאַטור־היסטאָרישען מוזעאום.

פאָרלויפיג אָבער פאָהרען מיר דעם ריעזען־נארוואל אויפזוכען אין די נאָרד־געגענדען פון שטילען אָקעאן. דאָס איז גראדע א משונה'דיגער וועג פון אמעריקא נאָך פראנקרייך איבער בינא און יאפּאן.

„קאָנסייל!" האָב איך אויסגערופען אונגעדולדיג.

קאָנסייל איז שוין פון יאָהרענלאנג געווען מיין טרייער דיענער, וועלכער האָט יעדעס מאָל אויף אַלע מיינע רייזען מיך בעגלייט. אַלס געבאָרענער האָלענדער וואר ער פּינקטליך אין זיין ארבייט, רעגעלמעסיג אין אַלע זיינע בעוועגונגען און אזוי קאַלטבליטיג אז קיין זאך האָט איהם ניט געקענט אי־בערראשען. פון דעם פערקעהר מיט די געלעהרטע פּראָפעסאָרען, וואָס פלעגען שטענדיג מיר בעזוכען, איז זיין בילדונגס־שטופע אזוי פיעל ענט־וויקעלט געוואָרען אז ער האָט פערשטאנען אויסצורעכענען אַלע גרופּען, קלאַסען, אבטהיילונגען און פאמיליען פון פערשיעדענע ברואים, וואָס זיי־נען בעשריעבען אין דער נאַטור־געשיכטע, אָבוואָהל אין דער טהאָט האָט ער קיין מאָל אזעלכע טהיערע ניט געזעהען און וואָלט געוויס ניט געקענט אונטערשיידען א פּאַטשפיש פון א וואַלפיש. איבריגענס איז קאָנסייל געווען א טיכטיגער, בראַווער יונגע, פון א יאָהר 30. קרעפטיג אין געזונדהייט, מיט שטאַרקע גליעדער, אָבער אָהן נערוועז, דאָס הייסט, ער האָט ניעמאָלס געוואוסט ווי צו זיין נערוועז אויפגערעגט. אויף אַלע מיינע רייד האָט ער נור געהאַט איין אנטוואָרט: „ווי דער הערר ווינשט!" דיעזען וואָרט „דער הערר" פלעגט ער אימער געברויכען אין געשפּרעך מיט מיר, גראדע ווי איך וואָלט דאביי ניט געווען. דאָס וואר זיין אייגציגער פעהלער פון וועלכען איך האָב איהם ניט געקענט אָבגעוואָהנען.

„דער הערר רופט מיך?" האָט ער געפרעגט אריינקומענדיג אין צימער.

„יא, מיין יונגע! אין צוויי שטונדען וועלען מיר אבריייזען, מאך אַלעס פערטיג."

„ווי דער הערר ווינשט." האָט קאָנסייל רוהיג געענטפערט.

„דו דאַרפסט נור איינפּאַקען קליידער און וועש; אַלע נאַטור־היסטאָ־רישע זאמלונגען וועלען מיר פאָרלויפיג דאָ איבערלאָזען."

„ווי, דער הערר פאָהרט ניט צוריק נאָך פאריז?"

„יא — דאָס הייסט, ניט דירעקט; מיר פאָהרען מיט די פרעגאַטע

„אייבראם לינקאָלן", אום דעם גרויסען אונגעהויער — דעם ריעזען נאַר־וואָל צו פערפאָלגען. די רייזע איז אפילו אביסעל געפעהרליך — אזא שרעק־ליכע בעשעפענים; אָבער עס פאסט מיר ניט אנדערס; איך מוז עס טהון. פיעלייכט ווילסט דו אליין צוריק נאך פראנקרייך פאָהרען?"

„וואו דער הערר פאָהרט, רייז איך מיט." האָט קאָנסייל געענטפערט.

אין אַ פיערטעל שטונדע שפּעטער ווארען אונזערע קאָפפער געפּאקט און געשיקט נאך ברוקלין, וואו די פרעגאטע איז געשטאנען אין האפען. איך האָב אונטערדעסען אין קאנטאר פון האָטעל זיך אָבגערעכענט און בעשטעלט מיינע איבריגע זאכען און די זאמלונגען נאך פראנקרייך צו טראנספּאָרטי־רען. דאן בין איך אין דער בעגלייטונג פון מיין דיענער קאָנסייל ארויס פון האָטעל און אונגעפעהר אַ שטונדע נאָכדעם זיינען מיר געקומען אין ברוקלי־נער האפען און דערזעהען דעם „אבראם לינקאָלן", ווי זיינע צוויי גרויסע קוימענס שטויסען ארויס אַ געדיכטען שווארצען רויך, אַ צייכען אז די מאשינען זיינען שוין שטארק איינגעהייצט און די פרעגאטע האלט ביי'ן אבזייזען.

איך בין ארויף אויף'ן פערדעק און איינער פון די מאטראָזען האָט מיך צוגעפיהרט צום קאָמאנדאנט פאראגוט. נאך דער ערסטער געוועהנליכער פאָרשטעלונג האָט דער קאָמאנדאנט מיך זעהר פריינדליך בעגריסט און גע־הייסען דעמזעלבען מאטראָז מיר אנצייגען מיין צימער, מיט וועלכע איך בין נעבליעבען זעהר צופריעדען. דאס וואר איין זעהר בעקוועמע קאיוטע, אין דעם הינטערען טהייל פון שיף, ניט ווייט פון דעם אָפיציערען־זאאָל.

באלד נאָכדעם זיינען אונזערע קאָפערס געבראכט געוואָרען און קאָנסייל האָט אָנגעפאנגען מיט זיינע רעגעלמעסיגע, פּינקטליכע בעוועגונגען זיך היי־מיש איינצואָרדנען. לאָזענדיג מיין דיענער ביי דיזער בעשעפטיגונג בין איך ארויסגעגאנגען אום דאָס שיף גענויער צו בעטראכטען.

דער „אייבראם לינקאָלן" איז געוועזען איינער פון די בעסטע און שנעל־סטע פרעגאטען. איהר מאשינע, מיט אַ דאמפף־קראפט ביז זיעבען אט־מאָספערען האָט געקענט טרייבען דאָס שיף פון דרייצעהן ביז אכטצעהן מיי־לען אַ שטונדע. אזא געשווינדיגקייט איז אפילו זעהר גרויס, אָבער געגען די שנעליגקייט פון יענעם ריעזען־טהיער האָט דאָס ניט פיעל צו בעדייטען.

די לעצטע שטריק פון אנקער ווארען אָבגעבונדען. דער קאָמאנדאנט איז שוין געשטאנען אויף'ן פלאטפאָרם און געגעבען דורכ'ן שפּראך־ראָהר זיינע בעפעהלען נאך דעם מאשינען רוים. אַ שניידענדער פייף האָט דורכ־געקלונגען די לופט, די שרויבע איז געזעצט געוואָרען אין בעוועגונג און די פרעגאטע האָט אָנגעפאנגען לאנגזאם ארויס צו פאָהרען פון האפען.

בעגלייטעט פון פיעלע שיפען, שיפלאך און יאכטען איז אונזער מאיע־

סטעטישע פרעגאטע געפאָהרען פארביי ברעג, אויף וועלכען עס זיינען גע־שטאַנען צעהנדליגע טויזענדע צושויער און האָבען אין דיעזער מינוט בע־גריסט אונזערע אברייזע מיט א שטורם פון א בעגייסטערטען הורראה. דיע־זע בעגריסונגען האָבען ניט אויפגעהערט ביז אונזער שיף איז אָנגעקומען אין די וואסערען פון הודסאָן־ריווער, אן דער שפיטצע פון דעם לאנגען האלב־אינזעל, אויף וועלכען די שטאָדט נויאָרק איז געבויט.

מיר זיינען דאן געפאָהרען פארביי די וואונדערשעהנע ברעגעס פון נ־י־דזשוירזי, וואָס זיינען בעזעצט מיט פּראכטפאָלע לאנד־הייזער, און פון דאָרט ווייטער פארביי די פאָרטען, פון וועלכע אונזער אברייזענדע פרעגא־טע איז בעגריסט געוואָרען מיט א קאנאָנען־דאָנער.

שנעלער און שנעלער האָט די שרויבע געשלאגען די וועלען, ביז מיר האָבען אום אכט אוהר אבענד פערלאָרען פון די אויגען די לעצטע ארומיגע אינזלען און אונזער פרעגאטע איז מיט פולען דאמפף־קראפט אריינגעפאָהרען אין די דונקעלע וואסערען פון אטלאנטישען אָקעאן.

פערטעס קאפּיטעל.

עדוארד, דער וואלפיש־פאנגער.

דער קאמאנדאנט פאראגוט איז געוועזן א טיכטיגער זעעמאַן און אויס־געצייכענטער שיפס־פיהרער. וועגען דעם אז אין ים עקסיסטירט ווירקליך א ריעזען־אונגעהויער איז ביי איהם גאָר קיין שום צווייפעל ניט געווען, גראדע אזוי ווי די גוטע, פרומע ווייבער גלויבען אז עס געפינט זיך אירגענדוואו א לויתן, אָדער א שור־הבר, ניט ווייל זיי אליין האָבען אזעלכע ברואים געזעהן, נור גאנץ איינפאך, ווייל דאָס איז א זאך וואָס מען דארף גלוי־בען. קלערען ארום דעם, אויב דאָס איז מעגליך אָדער ניט, טהאָר מען גאָר ניט, און אזוי האָט אויך אונזער קאמאנדאנט גאָר ניט געוואָלט הערען אז יעמאנד זאָל זיך ערלויבען וועגען דיעזע זאך צו דיספּוטירען. ער איז אויך געווען ביי זיך פאָלשטענדיג זיכער, אז זיין פרעגאטע וועט דעם אונ־געהויער ענטדעקען און עס וועט איהם געלינגען דיעזע שרעקליכע בריאה צו טויטען, אום די וועלט פון איהר צו בעפרייען.

די אפיציערען פון אונזער שיף זיינען אויך געווען גאנץ איינפערשטאנ־דען מיט די מיינונג פון זייער קאמאנדאנט. זיי פלעגען נור שטענדיג זיך דורכרעדען אויף וועלכען אופן עס איז זיכערער און בעסער דעם ריעזען־

נארוואל אָנצוגרייפען, און דאביי האָבען זיי ניט אויפגעהערט גוט אכטונג צו געבען אויפ'ן ים פון אלע זייטען. די דיענסט פון האלטען וואך, וועלכע איז זאָנסט זאָגאר פיר א מאטראָז זעהר ניט אנגענעהם, האט יעצט יעדער אָפיציער מיט פריידען ערפילט. אויך די מאטראָזען האָבען ניט אויפגע־הערט גאנצע טעג צושפּרינגען אויף די העכסטע מאסטען, אום וואָס וויי־טער איבער'ן גרויסען מעער זיך ארום צו קוקען, אָבוואָהל די פרעגאטע איז נאָך געוועזען ווייט פון יענע וואסערען וואו מען האט לעצטענס דעם שרעקלי־כען נארוואל געזעהען.

עס איז אויך קיין וואונדער ניט, אז די מאנשאפט פון דעם „אייבראם לינקאָלן" האט ניט אויפגעהערט מיט אזא שפּאנענדע אונגעדולד צו ערוואר־טען דעם מאָמענט ווען די פרעגאטע וועט מיט דעם משונה'דיגען ים־טהיער צוזאמען טרעפען, דען דער קאמאנדאנט האָט בעשטימט א פרייז פון צוויי טויזענד דאָלער, פיר דעמיעניגען וואָס וועט דער ערסטער געבען א סיגנאל אז דער נארוואל זעהט זיך. מען קען זיך דארום פאָרשטעלען ווי יעדער איי־נער האט אָנגעשטרענגט זיינע בליקען און געהאלטען אויסגעשטעלט די אויי־גען אויף דעם ווייטען, ברייטען מעער.

איך, פון מיינער זייטע, האָב נאטירליך אויך מיט גרויס אינטערעס שטענדיג בעאָבאכטעט דעם ים, נור קאָנסייל, מיין קאלטבלוטיגער דיענער, האט קיין אנטהייל גענומען אין די אלגעמיינע בעגייסטערונג און איז אימער געשטאנען פון וויַיטען, אזוי ווי די גאנצע זאך וואָלט גאָר צו איהם ניט האָבען.

ווי געזאָגט איז אונזער שיף געווען פערזאָרגט מיט אלע מאשינען און ווערקציַיגען, וועלכע זיינען נויטהיג אזא אונגעהויער גרויסען טהיער צו טויי־טען. עס האט קיין זאך ניט געפעהלט. אנפאנגענדיג פון מיט דער האנד געוואָרפענער הארפּונע : (אזא מין שארפער שפּיז, וואָס ווירד בענוצט צו טויטען וואלפישען :) ביז די גרעסטע קאנאָנען, וואָס ווארפט צעהן פונ־טיגע עקספּלאָזיאָן־קוילען אונגעפעהר אויף צעהן מייל ווייט.

עס האט אלזאָ אויף דער פרעגאטע ניט געפעהלט קיין מאָרד־אינסטרו־מענטען און אויך קיין לייטע וואָס זאָלען זיך פערשטעהען דאמיט גוט צו בע־נוצען ; אָבער דער וויכטיגסטער פון זיי אלעמען איז געווען א געוויסע פּער־זאָן, דער ווייט בעריהמטער עדוארד לענד, וועלכען מען האט גערופען דער קעניג פון אלע הארפּוניער.

עדוארד לענד איז א געבאָרענער פון קענעדע. אין זיין געפעהרליכע פּראָפעסיאָן צו פאנגען וואלפישען איז צו איהם קיין גלייכען ניט דאָ. זיין געשיקטע האנד ווארפט פון וויַיטען די הארפּונע אזוי פּינקטליך אז עס איז ווירקליך צום ערשטוינען. זיין קאלטבליטיגע העלדען־מוטה און זיין קלאהרע

בערעכענונג אין מאָמענט פון גרעסטען געפאהר גיבמ איהם די מעגליכקייט מיט ערפאָלג צו קעמפפען געגען דאָס שטארקסטע ים־טהיער.

דיעזער עדוארד איז געווען א מאן פון א יאָהר פערציג, הויך געוואקסען, קרעפטיג געבויט, מיט איין גאנץ ערנסטע מיענע. רעדען פלעגט ער גאנץ ווענינ, אָבער זיין שטילער כאראקטער איז אויך געווען זעהר היציג און מען האָט איהם גאנץ לייכט געקענט אויפרייצען ביז צום גרעסטען צאָרן. פון זיין נאַציאָנאלע אבשטאמונג וואר ער א געבאָרענער פראנצויז ; זיינע עלטערן האָבען זיך בעזעצט אין קוועבעק, נאָך צו יענער צייט ווען דיעזע שטאָדט האָט געהערט צו פראנקרייך. נאכדעם איז קוועבעק מיט גאנץ קענעדע איבערגעגאנגען צו די ענגלישע רעגיערונג און עס איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען די ענגלישע לאנדעס שפראך און אלע ענגלישע זיטען ; דעננאָך האָט עדוארד מיט פערגניגען בענוצט יעדע געלעגענהייט, אום די אלטע פראנצויזישע שפראך צו רעדען, און יאהרשיינליך דארום איז ער אין א קורצע צייט צו מיר צוגעבונדען געוואָרען און פלעגט שטענדיג פערברענגען מיט מיר זיך צו אונטערהאלטען. איך פלעג אויך מיט גרויס אינטערעס זיך צוהערען זיינע ערצעהלונגען, וועגען די מערקווירדיגע רייזען וואָס ער האָט שוין דורכגעמאכט אין די וויטעסטע געגענדען פון דעם געפעהרליכען אייז־מעער, און פון די שרעקליכע בעגעבענהייטען וואָס האָבען דאָרט מיט איהם פאסירט, וועלכע ער פלעגט שילדערען זעהר פאָעטיש און שפאנענד.

אויף דיעזען אופן איז צווישען אונז ענטשטאנדען א פריינדשאפט, וועלכער איך קען נאָך ביז יעצט ניט פערגעסען, אָבוואָהל אין אונזערע אנזיכטען וועגען דעם ריעזען־נארוואל האָבען מיר ניט איינגעשטימט. דער ערפאהרענער הארפוניער האָט זאָגאר ניט געגלויבט אז די מערקווירדיגע ערשיינונג אויפ'ן ים זאָל זיין א לעבעדיגע בעשעפעניס, און יעדעס מאָל ווען עס איז וועגען דיעזען געגענשטאנד צו רייד געקומען האָט ער געזוכט א וויטערען געשפרעך אויסצומיידען.

עס וואר א שעהנער פראכטפאָלער אבענד דען 30טען יוני, דאָס הייסט, דריי וואָכען נאָכדעם ווי מיר האָבען אָבגערייזט פון נויאָרק. אונזער פרעגאטע האָט זיך געפונען געגען דעם בארג־שפיטץ פון קאפ בלאנקא, דרייסיג מייל אונטערן ווינד, ביי די ברעגעס פון לאנד פאטאגאָניען. צו דעם מאַגעללאן־קאנאל איז געווען נור אונגעפעהר זיעבען הונדערט מייל וויט און מיר האָבען געקענט רעכנען נאָך פערלויף פון אכט טאָג אריין זעגלען אין די וואסערען פון דעם גרויסען, שטילען אקעאן.

איך און עדוארד זיינען ווי געוועהנליך געזעסען אויף דעם הינטערן טהייל פון שיף, פלוידערענדיג וועגען פערשיעדענע געגענשטאנדען און בע־

טראַכטענדיג דעם געהיימניספאָלען מענער מיט זיינע פורכטבאַרע טיעפעני־סען, וועלכע קיין מענשליכע אויג האָט נאָך ניעמאַלס געזעהען. איך האָב באַלד אָנגעפאַנגען צו פיהרען אַ געשפּרעך וועגען דעם ריעזען־נאַרוואַל, קלעהר־רענדיג אויב אונז וועט געלינגען איהם צו ענטדעקען און בעזיעגען. עדוואַרד לענד איז געזעסען שטיל זיך איינהאָרכענדיג מיינע רייד, אויף וועלכע ער האָט ביז יעצט גאָר ניט געענטפערט.

„אָבער זאָגט מיר, עדוואַרד" בין איך שליעסליך צוגעשטאַנען „פאַר־וואָס זייט איהר דער איינציגער אויפ'ן שיף וואָס גלויבט ניט אין די עקסיס־טענץ פון דיעזען אונגעהויערען טהיער, וועלכען מיר פערפאָלגען? קענט איהר דען ערקלעהרען אַ ריכטיגע אורזאַכע וואָרום איהר צווייפעלט דאַרין?"

„פיעלייכט יא, הערר אַראָנאַקס", האָט ער געענטפערט טראַכטענדיג.

„דאַן ערקלעהרט מיר אייערע אַנזיכטען: איך וואָלט מיינען גראַדע פערקעהרט, אַז אַזאַ מאַן ווי איהר, וואָס האָט אין זיין לעבען אַזוי פיעל גרויסע ים־טהיערע געזעהען, דאַרף שנעלער ווי יעדער אַנדערער איבער־ציינגט זיין אין דיעזער זאַך. פאַרוואָס קען, צום ביישפּיעל, ניט טרעפען אַז פון דעם זאָרט נאַרוואַלען איז אויסגעוואַקסען איינער, איין אונגעווענ־ליכער ריעז, וועלכער איז זאָגאַר אים שטאַנד אַ שיף צו שעדיגען?"

„ניין, הערר פּראָפעסאָר, איהר האָט אַ טעות" האָט עדוואַרד גאַנץ רוהיג געענטפערט „דער איינפאַכער פעבעל מעג זיך גלויבען אין אַזעלכע וואונדער, אַז עס גיבט קאָמעטען וואָס שפּאַציערען פריי אַרום אין די לופט־טען, אָדער אונבעוואוסטע משונה'דיגע ברואים אין טיעפענים פון דער ערד, אָבער דער געלעהרטער אַסטראָנאָם און דער געאָלאָג לאַכט זיך אויס פון אַזעלכע דומהייטען. דאָס זעלבע מוז איך אויך, אַלס ערפאַהרענער וואַל־פיש־פאַנגער בעהויפּטען. איך האָב מיין גאַנצען לעבען פערבראַכט אין פערפאָלגען גרויסע ים־טהיערע, מיט פיעלע פון זיי געקעמפּפט, אָבער דאָס ווייס איך געווי אַז קיין איינציגע פון דיעזע ברואים קען אַ שיף ניט שאַדען. זי מעג בעזיטצען די גרעסטע גבורה און די שטאַרקסטע צייהנער וועט זי דעננאָך ניט אים שטאַנד זיין אַזאַ זאַך אויסצופיהרען."

„אָבער ווייסט איהר דען ניט אַז די נאַרוואַל־טהיערע האָבען שוין פיעלע מאָל דורכגעבויערט מיט זייערע צייהנער די דעקען פון שיפען?—"

„הילצערנע פיעלייכט יא. איבריגענס האָב איך בלויז געהערט וועגען דעם רעדענדיג, אָבער געזעהען מיט די אויגען ניט. אַלזאָ ביז מען וועט מיר בעווייזען אַז אַ נאַרוואַל קען דאָס יא אויפטהון, וועל איך אַזעלכע זאַכען ניט גלויבען."

„אָבער הערט נור צו, עדוואַרד—"

„ניין, הערר פּראָפעסאָר. אַלעס וואָס איהר וועט מיר זאָגען, נור

דאָס ניט. אַ נאַרוואַל — ניין, דאָס איז אונמעגליך! פּיעליכט אַ ריזען־פּאָליפּ —"

„וואָס רעדט איהר? אַ פּאָליפּ איז דאָך נור אַ מאָלוסק; ער בעזיצט קיין קנאָכען און זאָגאר זיין פלייש איז ניט פעסט. עס איז ריכטיג אז דיעזע ים־שלאַנגען זיינען אונגעהויער גרויס, אָבער אַזאַ בעשעפּינים מעג אויף פינף הונדערט פוס לאַנג זיין וועט זי דאָך ניעמאָלס קענען שאַדען אַזאַ שיף ווי די „סקאָטיא", אָדער אונזער „אייבראַם לינקאָלן". דאָס האָט מען נור אין די פאַרצייטיגע יאָהרען זיך איינגערעדט, אַז עס גיבען זעהר געפעהרליכע ים־שלאַנגען וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי איין אינזעל; אַז שיפען, האָבענדיג אַ טעות, שטעלען זיך אָב ביי זיי אום אַנקער צו וואַרפען. יעצט וועט זיך דאָך קיין פערנינפטיגער מענש אַזעלכע לעכערליכקייטען ניט לאָזען איינרעדען."

„און דעננאָך, הערר פּראָפעסאָר" האָט דער האַרפּוניער מיט שפּאָט ערוויעדערט „גלויבט איהר אַליין אַז עס קען געבען אַ ריזען־נאַרוואַל, מיט אַזאַ שטאַרקען האָרן, וואָס זאָל דורכלעכערען דעם דיקען שטאַהל פון אַ שיף?"

„יאַ, מיין עהרליכער קאַנאַדיער, ווייל איך בין פאָלשטענדיג דאַרין איבערצייגט, און איך קען אייך גאַנץ איינפאַך בעווייזען נור דאַמיט, אַז אַזאַ טהיער וואָס לעבט און בעוועגט זיך פריי טויזענדע מיילען אונטער די טיעפענים פון ים, מוז בעזיטצען אַזאַ גבורה אין קערפּער, וועלכע מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען."

„מיט וואָס קענט איהר דאָס בעווייזען?"

„הערט נור צו אויפמערקזאַם. די וויסענשאַפט האָט ריכטיג ערקלעהרט, אַז אויף אַ טיעפענים פון אונגעפעהר דרייסיג פוס דריקט שוין דאָס וואַסער אויף יעדען קערפּער מיט אַ געוויכט פון בערך פערציג טויזענד פונט. היינט שטעלט זיך פאָר וואָס פיר איין אונגעהויער שרעקליכע מאַסע עס זיינען אים שטאַנד צו ערטראַגען יענע בעשעפעניסען וועלכע לעבען דאָרט אויף אַ טיעפענים פון טויזענדע מיילען. אַ קערפּער פון אַזאַ טהיער, וואָס קען אויסהאַלטען מיליאָנען פונטען געוויכט, מוז דאָך אַ רעכטע ביסעל קרעפטען האָבען."

„אויב אַזוי" האָט דער האַרפּוניער אויסגעשפּראָכען צווייפלענדיג „מוזען זיי דאָך בעזיטצען אַ הויט וואָס איז אַזוי שטאַרק וועניגסטענס ווי דער אכט־צאָל דיקער אייזען, מיט וועלכען אונזערע פּאַנצער־פרעגאַטען זיינען בעשלאַגען."

„גאַנץ געוויס! יעצט בערעכענט, ווען אַזאַ משונה'דיג שטאַרקע בריאה, וואָס פליעהט מיט די שנעלקייט פון אַ דאַמפּף־צוג, שטויסט זיך

אן נעגען א שיף, וואס פיר א פירכטערליכע צערשטערונג עס מוז דאפון ארויסקומען.״

„ווירקליך — פיעלייכט״ האט עדוארד אויסגעשפראכען נאכדענקענדיג.

„נון, האב איך אייך שוין יעצט איבערציינגט ?״

„יא, הערר נאטור־פארשער. איהר האט מיר בעוויעזען אז אויב דארט אויפ׳ן גרונד פון ים עקסיסטירען ווירקליך אזעלכע ברואים מוזען זיי זיין אזוי שטארק ווי איהר זאגט. אבער די פראגע איז אויב זיי געפינען זיך דארט אין דער ווירקליכקייט.״

„אבער זייט איהר איין איינגעשפארטער מענש !״ האב איך אויסגע־רופען מיט גרויס אונגעדולד „אויב אזוי דאן מוזט איהר דאך ערקלעהרען איין אנדער ריכטיגע אורזאכע, פון וועלכע די סקאטיא איז דורכגעבויערט גע־ווארען.״

„ווייס איך ניט״ האט דער הארפוניער רוהיג געענטפערט „און וועגען א זאך וואס איך ווייס ניט וויל איך ניט רעדען.״

איך האב געמוזט איינזעהען אז עס איז ניט מעגליך דעם מענשען אי־בערצורעדען און דארום איז ביי מיר געבליעבען דעם ווייטערען געשפרעך אויפצוגעבען. איך אליין בין נאטירליך געבליעבען פעסט ביי מיינע איבער־ציינונג. דער לעצטער צופאל מיט דאס שיף סקאטיא איז געוועזען א פאקט, וואס קיינער האט ניט געקענט אבלייקענען. די גרויסע לאך אין איהר דעק איז ניט פון זיך אליין געמאכט געווארען, און אזוי ווי דארט איז קיין שום פעלזען ניטא מוז דאך יעדער צוגעבען, אז דאס איז די ארבייט פון א אונ־געהויערעם ים־טהיער.

נאך מיין מיינונג קען דיעזע בריאה זיין נור א ריעזען נארוואל, ווייל די בעשעפעניסען פון זייער זארט טראגען שטארקע הערנער אויפ׳ן קאפף. די נעגויערע בעשטימונג, צו וועלכע ארט און גאטונג ער געהערט, איז א פראגע אויף וועלכע מען קען יעצט ניט ענטפערען, ביז מען האט דעם אונ־בעקאנטען ריעז ניט צושניטען ; אבער אום מען זאל איהם צושניידען דארף מען איהם פריעהער פאנגען, און אום דאס אויסצופיהרען מוז מען איהם דאך צוערסט זעהען, וועהרענד אונז איז נאך פארלויפיג ניט געלונגען זאגאר די קלענסטע שפור פון איהם צו ענטדעקען.

זיעבענטעם קאפיטעל.

די בעגעגענים.

אונזערע וויטערע רייזע איבער׳ן ים איז געגאנגען געוועהנליך, אהן אירגענד וועלכע סיבות. דאך האט איין בעזונדערער צופאל אונז אלעמען בעוויעזען, ווי מערקווירדיג געשיקט דיעזער עדוארד לענד איז, און ווי פיעל מען קען אויף זיין טאפפערקייט בויען.

ניט ווייט פון די פאלקלאנד־אינזלען האט אונזער פרעגאטע אנגעטראפען איינער אמעריקאנישע שיפען, וואס רייזען ארום וואלפישען צו פאנגען. אויף אונזערע פראגע וועגען דעם ריעזען נארוואל איז דעננאך קיינער ניט געוועזען אים שטאנד אירגענד וועלכע נאכריכט אונז צו געבען. דער קאפיטאן פון זייערע א שיף, הערענדיג אז דער בעריהמטער הארפוניער עדוארד לענד געפינט זיך אויף אונזער פרעגאטע, האט געבעטען די ערלויבנים, דיעזער מאן זאל איהם העלפען ביי דער יאגד אויף א וואלפיש, וועלכער איז דא ניט ווייט בעמערקט געווארען. אונזער קאמאנדאנט פאראגוט איז זעהר צופריעדען געוועזען דעם ערסטען מאל צו זעהען ווי עדוארד וועט צייגען זיין קונסט־פאלע געשיקליכקייט און האט דארום די ערלויבנים געגעבען. די גאנצע פאלגענדע סצענע האט זיך אבגעשפיעלט זעהר שנעל. אונזער קאנאדיער האט בעשטיעגען די קליינע שיפעל, מיט איינצע מאטראזען, וועלכע זייענען גאנץ פארזיכטיג צוגעפאהרען צו דער בעשטימטער שטעלע, עדוארד האט דאן מיט איין ווארף צוויי הארפונען ארויסגעשליידערט און ביידע האבען פאלשטענדיג געטראפען צוויי בעזונדערע וואלפישען, גראדע אין הארצען, זא דאס נאך פערלויף פון א קורצע צייט ווארען זיי געפאנגען. דער ריעזען־נארוואל, וועלכען מיר זוכען, קען שוין אלזא גאנץ זיכער זיין, אז ביי א בעגעגענים מיט אונזער הארפוניער וועט ער טרוקען ניט אבשניידען.

די פרעגאטע איז שנעל פארביי געפאהרען די לעצטע אסט־ברעגעס פון אמעריקאנישען וועלט־טהייל. דעם 3טען יולי זיינען מיר אנגעקומען צום אריינגאנג אין מאגעללאנישען קאנאל, געגען די געבירגען פון קאפ דע־לא־ווירגינעס. אונזער קאמאנדאנט האט דעננאך ניט געוואלט דיעזען ענגען, פערדרעהטען וואסער־פאס דורך פאהרען, עס איז יעדענפאלס ניט מעגליך געוועזען צו ערווארטען אז גראדע דא וועלען מיר דעם ריעזען נארוואל אנטרעפען; דארום האט דער קאמאנדאנט בעסער געפיהרט די פרעגאטע אר״ה, איבער׳ן אפענעם מעער, פארביי דעם קאפ הארן.

דעם 6טען יולי זיינען מיר פארביי געפאהרען דיעזען לעצטען אמערי־

קאנישען אינזעל, וועלכער ליעגט אזוי ווי פערלאָהרען אין מיטען ים, און יעצט איז די פרעגאַטע ענדליך אריינגעפאָהרען אין דעם אונבעגרעניצטען שטילען אָקעאן.

„אכטונג געבען ! אויפפאסען !” האָבען אונזערע מאַטראָזען א״נ״ג דעם אנדערען אויפגעמונטערט, יעצט ווען מען האָט שוין געקענט רעכענען דעם לאנג פערפאָלגטען אונגעהויער ענדליך צו בעגעגענען. אויגען און "פאָקטיוון זיינען אָהן אויפהער נאָך אַלע געגענדען געווען אויסגעשטעלט. טאָג און נאכט האָט מען בעאָבאַכט דעם גרויסען מעער, דען די נייגיעריגקייט און די אויסזיכט צוויי טויזענד דאָלאר צו געווינען האָט אויף יעדען איינעם גע־ווירקט אַלע זיינע קרעפטען אנצושטרענגען.

מיר האָט נאַטירליך די פערשפּראָכענע געלד־בעלאָהנונג גאַנץ וועניג געקימערט, און דעננאָך בין איך געווען נאָך מעהר ווי יעדער אנדערער אויפגערעגט פון גרויס ערוואַרטונג. איך האָב קוים זיך פערגונען די צייט איינינגע מינוטען צו עסען און אַ פּאָאַר שטונדען צו שלאָפען, שטעהענדיג אימער אויפ׳ן פערדעק, ווי אין רעגען אזוי אויך אין זונען־שיין, און בע־טראכטענדיג מיט בעגיעריגע בליקען די וואסערען ארום, אזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט גרייכען. ווי אָפט בין איך צוזאמען מיט די אָפיציע־רען און מאַנשאַפטען העכסט איבערראשט געוואָרען, אַלס אַ וואַלפיש האָט פלוצלונג זיך פערוועלט זיין שווארצען רוקען פון אונטערן וואסער צו צייגען. דאן האָט זיך בעוויעזען אונזער אירטהום, און דעננאָך פלעג איך וויטער בלייבען שטעהען אויפ׳ן פערדעק מיט אויפגעריסענע אויגען, ניט זייענ־דיג אים שטאַנד זיך פון אָרט צו ריהרען, ביז מיין דיענער קאָנסייל פלעגט צו געהען און מיט זיין געוועהנליכע קאַלטבלוטיגע מיענע זאָגען :

„דער הערר שטרענגט צופיעל אָן די אויגען ; דאָס קען דעם העררן שאדען.”

אָבער אַלע דיעזע בעאָבאכטונגען און אויפרעגונגען זיינען געווען אומ־זיסט. אויסער דיעזע געוועהנליכע וואלפישען האָבען מיר ביז יעצט דעם קלענסטען צייכען פון דעם פערפאָלגטען אונגעהויער ניט געהערט און ניט געזעהען.

צום גליק האָט אונז וועניגסטענס דאָס וועטער געדיענט, אָבוואָהל וועהרענד די צייט ווען אין אונזערע לענדער איז געוועהנליך זומער, קומט אין דיעזע ווייטע געגענדען פערקעהרט, דער קאַלטער ווינטער מיט זיינע שטורמס, זאָ דאָס אין מאָנאט יולי טרעפען דאָ זעהר אָפט די שלעכטעסטע וועטערען ; דעננאָך איז גראָדע דיעזעס מאָל דער גרויסער ים געבליעבען רוהיג און אונזער וויטערע רייזע וואר ניט געשטערט.

עדוארד לענד איז נאָך אימער געבליעבען אזוי אונגלויביג ווי פריהער. ער האָט זאָגאר ווייניג וואָס אכטונג געגעבען אויפ'ן מעער, אויסער דער צייט ווען ער איז געצוואונגען געווען זיך צו געפינען אויפ'ן פערדעק; זאָנסט פלעגט ער גרעסטענטהיילס פערבלייבען אין זיין קאיוטע, שלאָפענדיג אָדער לעזענדיג א בוך. מיר האָט די זאך פערדראָסען, דען גראדע זיין שארפער בליק וואָלט אונז זעהר צו נוטץ געקומען ביי דיעזער אנגעלעגענהייט, און אלס איך האָב איהם איין מאָל פּאָרווירפע געמאכט פיר זיין גלייכגילטיגקייט איז ער זאָגאר אביסעל בייז געוואָרען.

„איך וויים ניט וואָס איהר ווילט פון מיר, הערר פּראָפעסאָר" האָט ער אויסגערופען „זאָל שוין זיין ווי איהר זאָגט, אז מיר פערפאָלגען אירגענד וועלכע גרויסע ים־טהיער, אָבער איהר אליין ערצעהלט דאָך אז דיעזע משונה'דיגע בעשעפענים קען דורך שווימען הונדערט מיילען א טאָג; אונ־טערדעסען האָבען מיר נור א דונקעלע, אונבעשטעטיגטע נאַכריכט, אז מיט צוויי מאָנאטען צוריק האָט מען דיעזע בריאה געזעהען אירגענד וואו אויפ'ן שטילען אָקעאַן. עס איז נאָך ערסטענס א פראגע וואָס יענע לייטע האָבען געזעהען; אויב דאָס איז ווירקליך געווען דערזעלבער געגענשטאַנד וועלכען איהר רופט ריעזען־נארוואל; און אויב יא, איז ער שוין געוויס אין פערלויף פון דיעזער צייט לאַנג אויף יענער זייט וועלט, וועהרענד מיר פאָהרען דאָ ארום זוכען גאָטט ווייס וואָס. הייגט זאָגט איהר אליין: קען זיך א פערנינפטיגער מענש אינטערעסירען מיט אזא מין עקספּעדי־ציאָן?"

איך האָב לײדער געגען דיעזע ווערטער גאָר ניט געקענט אייגווענדען. עס איז גאַנץ ריכטיג, מיר טאַפּען דאָ ארום ווי בלינדע אין דער פינסטער־ניס, פאָהרענדיג ווי מען זאָגט אויף גאָטטס בעראטה, וואו דער צופאל וועט אונז פערטראָגען. צום גליק זיינען די מאַטראָזען ניט אזוי קלוג ווי אונזער אייגנעשפּאַרטער קאַנעדיער; יעדער פון זיי איז נאָך פאָלקאָמען מונטער און בעגייסטערט פיר אונזער אונטערנעהמונג, און אלע זיינען פאַלשטענדיג איבערצייגט מיט די האָפנונג אז גאָר אין א קורצע צייט וועלען מיר דעם ריעזען־נארוואל אַנטרעפען.

דעם 20טען יולי זיינען מיר אריבער געפאָהרען דעם עקוואַטאָר, אויף דעם אַנדערן האַלבען ערד־קוגעל, צו דרום זייט, און פון דאַנען אַן איז אונ־זער פרעגאַטע אַוועק גראדע נאָך וועסט, אין די מיטעלע וואַסערען פון שטילען אָקעאַן. דער קאַמאַנדאַנט פאַראַגוט האָט גאַנץ ריכטיג געאור־טהיילט, אז עס איז פיעל גלייכער אויסצומיידען די פלאַכע ערטער ארום די אינזלען, וואו אזא אונגעהויער ווי דער נארוואל וועט זיך געוויס ניט אויפ־האַלטען. ביי אזא בעשעפענים איז מעגליך בעקוועם צו שווימען נור אין די

טיעפסטע געגענדען פון מיטען ים. מיר זיינען דארום געפאָהרען ווייט פאַר־ביי די מאַרקיז־ און סאנד וויטץ־אינזלען, ביז מיר האָבען עררייכט דעם כי־נעזישען מעער.

ענדליך זיינען מיר געקומען אין די געגענדען וואו מען האָט לויט די לעצטע בעריכטען דעם אונגעהויער געזעהען. די אויפרעגונג וואָס עס איז יעצט געוואָרען אויף אונזער שיף איז ניט צו בעשרייבען. מען האָט זאָגאר פערגעסען וועגען עסען און טרינקען, האַלטענדיג אויסגעשטעלט די אויגען און ערוואַרטענדיג מיט גרויס נייגעריגקייט און שרעק אז יעדען מאָמענט וועט זיך דער וואונדערבארער ים־ריעז בעווייזען. אזא פיעבערהאפטער צו־שטאַנד האָט נאַטירליך לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען. עס זיינען פאַרביי־געגאַנגען אַזעלכע דריי מאָנאַט, פון וועלכע יעדער טאָג האָט זיך געצויגען ווי אַ לאַנגער יאָהר־הונדערט. דער „אייבראַם לינקאָלן” איז שוין דורך גע־פאָהרען אַלע נאָרד־געגענדען פון שטילען אָקעאַן, נאָכלויפענדיג פערשיע־דענע וואַלפישען מיט פולען דאַמפף־קראַפט און באַלד בלייבענדיג שטעהן, אַלס דער אירטהום איז קלאהר געוואָרען. קורץ און גוט : פון דעם אַמע־ריקאַנער ברעג ביז יאפאַן איז ניט געבליעבען קיין איינציגער פונקט וואו די פרעגאַטע זאָל ניט האָבען אונטערזוכט, און דעננאָך האָט מען וועהרענד דיע־זע גאַנצע צייט קיין זאַך ניט געזעהן, אויסער דעם אונענדליכען, וויסטען ים ; קיין שום בעוועגונג פון אירגענד וועלכע ריעזען־טהיער, קיין צייכען זאָגאר פון אַ פערבאָרגענעם פעלזען אונטער׳ן וואַסער, אָדער זאַנסט פון איין אַנדערען אונגעוועהנליכען געגענשטאַנד.

די מאַטראָזען און זאָגאר די אָפיציערען האָבען באַלד פון גרויס בע־גייסטערונג אין גאַנצען דעם מוטה פערלאָהרען. די גאַנצע מאַנשאַפט האָט מיט איינמאָל אָנגעפאַנגען צו צווייפלען, אויב די געשיכטע איז איבער־הויפּט ריכטיג און אויב די גאַנצע אונטערנעהמונג איז עטוואס ווערטה. גע־פיהלען פון צאָרן און שאַנדע האָבען אויפגעקאָכט ביי יעדען אין ברוסט און זעהר אָפט האָט מען געקענט הערען מורמלענדיג, אַז „עס איז דאָך גע־ווען די ערגסטע לעכערליכקייט, די גרעסטע דומהייט זיך נאָך צו יאָגען אַזוי לאַנג נאָך אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז ניט געשטויגען ניט געפלויגען. עס איז דאָך גאַנץ איינפאַך יעצט אַ שאַנדע די אויגען פאַר די וועלט צו ווייזען !”
דער פערדעק פון שיף איז די לעצטע צייט גרעסטענטהיילס געבליעבען לעער, און אויסער די יעניגע וואָס זיינען געווען פערפפליכטעט זייער דיענסט צו ער־פילען, איז יעדער איינער געלעגען פערגראָבען אין זיין ווינקעל מיט גרויס פערדרוס און ערגערניס.

דער קאַמאַנדאַנט פאַראַגוט איז דעננאָך געבליעבען שטאַרק ביי זיין גלויבען אין די עקסיסטענץ פון דעם ריעזען־נאַרוואַל און וואַר נאָך אימער

פעסט איבערצייגט אז פריהער אָדער שפּעטער וועט מען דעם אונגעהויער אנטרעפען. ווען ניט דער קאמאנדאנט וואָלט די פרעגאַטע שוין לאנג אָבגע־זעגעלט צוריק נאָך אַמעריקע; אָבער ענדליך האָט ער דאָך געמוזט איינזעהען אז מיט איין אונצופריעדענע מאַנשאַפט וועט ער גאָר ניט אים שטאַנד זיין אויסצופיהרען. די העכערע אָפיציערען האָבען באַלד אָנגעפאַנגען איהם פּאָרצושטעלען ווי די זאַך איז ריכטיג, אז דער „אייבראַם לינקאָלן" האָט זיין פּפליכט אויפ'ן בעסטען אופן געטהון, און אויב עס איז קיין ערפאָלג ניט עררייכט געוואָרען קען מען דאָך קיינעם פון די מאַנשאַפט ניט בעשול־דיגען. פיעללייכט איז די גאַנצע געשיכטע פאַלש און אזא אונגעהויער עקסיסטירט גאָר ניט, אָדער מען האָט ניט געהאַט דאָס גליק איהם צו ענט־דעקען; יעדענפאַלס איז דאָך אָבער ניט מעגליך לענגער זיך ארומצוטרייבען איבער'ן ים ווי די בלינדע, אָהן אירגענד וועלכע ריכטיגע אויסזיכט.

אַ קורצע צייט האָט נאָך דער קאָמאַנדאַנט פון אַזעלכע רייד גאָר ניט געוואָלט הערען, אָבער שליעסליך איז ער געצוואונגען געווען נאָכצוגעבען, נור אזוי ווי אַמאָל קאָלומבוס ביי די ענטדעקונג פון אַמעריקא, האָט ער אויך געבעטען די אונצופריעדענע מאַנשאַפט. אז זיי זאָלען האָבען געדולד נור נאָך 3 טעג. אויב עס זאָל זיך אין פערלויף פון דיעזער צייט קיין אונגעהויער ניט בעווייזען, וועט דער „אייבראַם לינקאָלן" אָבפאָהרען צוריק נאָך די אייראָפּעאישע וואַסערען.

דיעזעס פערשפּרעכען איז געגעבען געוואָרען דעם צווייטען נאָוועמ־בער. די גאַנצע מאַנשאַפט איז דאפון געוואָרען פיעל פרעהליכער און צו־ליעב דעם האָט אויך זייער מוטה אויפגעוואַכט; מען האָט וויעדער אָנגע־פאַנגען מיט שפּאַקטיוון געניו דעם אָקעאַן צו בעטראַכטען, האָפענדיג אז דער ים־ריעז וועט דאָך שליסליך ניט זיין אזוי גראָב און ווענינגסטענס צום אבשיעד זיך בעווייזען.

וועהרענד די פאָלגענדע צוויי טעג האָט אונזער פרעגאַטע זיך געהאַל־טען ביי'ן שוואַכען דאַמפּף. עס זיינען אַלע מעגליכע מיטלען אנגעווענדעט געוואָרען, אום די פערשלאָפענע אויפמערקזאַמקייט פון דעם אונגעהויערען ריעז צו וועקען, אויב ער געפינט זיך נור אין דיעזע געגענדען. מען האָט אראָפּגעוואָרפען אין וואַסער גרויסע שטיקער פעטץ, ארום וועלכע עס האָ־בען זיך באַלד צוזאַמען געקליבען גאַנצע מאַסען פון די רויבערישע הייפישען. קליינע שיפלעך זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען נאָך אַלע ריכטונגען, וועה־רענד דער „אייבראַם לינקאָלן" האָט טיעף אויפגעברויזט דעם וואַסער ווייט ארום. עס איז אָבער געקומען די נאַכט פון פיערטען נאָוועמבער, די שיפּ־לאַך האָבען צוריק געקעהרט און דאָס געהיימניס פון אונטער'ן וואַסער איז נאָך אימער ניט ענטדעקט געוואָרען.

היינט, דער פינפטער נאָוועמבער, איז דער לעצטער טאָג פון דעם פעסטגעשטעלטען טערמין. נאָך איין נאכט האָבען מיר נור אין דיעזע גע־גענדען צו פערבלייבען און דאן וועט זיך אונזער פרעגאטע ווענדען צוריק נאָך הויז, ניט האָבענדיג קיין זאך אויפגעטהון, מיט דאָס זעלבע ווי זי איז פון דאָרט ארויסגעפאָהרען.

עס וואר שוין ביינאהע אכט אוהר אבענדס. אונזער שיף איז געשטאַ־נען אויף א געוויסען פונקט, אונגעפעהר צוויי הונדערט מיילען אונטער'ן ווינד פון די יאפאנישע לאנדשאפטען. דער האלבער מאָנד איז געווען פער־שלייערט מיט וואָלקען און די רוהיגע וועללען פון ים האָבען אזוי ווי פער־שלאָפען זיך געצויגען פארביי די ווענט פון שיף. איך בין געשטאַנען פאָרנט אויפ'ן פערדעק אנגעלעהנט ביי'ן געלענדער. אייניגע מאטראָזען זיינען גע־זעסען אויף די מאסטען, בעטראכטענדיג דעם וויטען מעער, וועלכער איז אימער דונקעלער געוואָרען; דאָ און דאָרט בעווייזט זיך איין אָפיציער, וואר־פענדיג א בליק דורך זיין נאכט־לאָרנעטע אויף די פינסטערע וואסערען; זאָנסט בלייבט אלעס ארום שטיל און רוהיג.

מיין דיענער קאָנסייל איז יעצט צוגעגאנגען צו מיר און האָט זיך אויך אָבגעשטעלט קוקענדיג אויפ'ן וואסער. דער עהרליכער קערל האָט זיך ביז יעצט גאנץ וועניג געקימערט וועגען דעם וואָס אויפ'ן שיף איז פאָרגעקומען, און נאַטירליך דענקט ער אויך אין דיעזער מינוט ניט וועגען דעם ים־ריעז, מיט וועלכען מיר האָבען ניט געהאט די עהרע בעקאנט צו ווערען.

„נו, קאָנסייל!" האָב איך זיך אָבגערופען לאבענדיג „בעטראכט גוט דעם וואסער; דו האָסט נאָך צייט היינטיגען אבענד, פיעלייכט וועט דיר געלינגען צו פערדיענען צוויי טויזענד דאָלער."

„דער הערר וויים אַז איך זוך ניט דיעזען פרייז צו בעקומען." האָט קאָנסייל רוהיג געענטפערט „פון מיינטוועגען מעג די רעגיערונג פון די פער־אייניגטע שטאַאטען ארויסגעבען א פרייז פון הונדערט טויזענד דאָלער; מיך וועט עס דאן אויך גאנץ וועניג אינטערעסירען."

„דו האָסט פאָלקאָמען רעכט, קאָנסייל. נאָך אַלעמען איז די זאך גע־ווען א הוילער וואהנזין. ווי פיעל צייט ווי פיעל מיהע איז פערלאָרען געגאנ־גען אויף גאָרנישט! מיר וואָלטען שוין זעקס מאָנאט געקענט זיין צו הויז. — יעצט, ענדליך, וועט נאָך די וועלט האָבען וואָס צו לאכען.—„

„געוויס! ווען מען האָט די עהרע צו זיין אזא געלעהרטער ווי דער הערר איז דארף מען פריהער זיך גוט ארום זעהען . . . ."

איידער קאָנסייל האָט נאָך צייט צו ענדיגען זיינע קאלטבלוטיגע בע־לעהרונגען, איז פלוצלונג די טיעפע שטילקייט אונטערבראָכען געוואָרען און עדוארד לענד'ס שטימע האָט הויך אויסגערופען:

„דער געזוכטער געגענשטאנד איז דאָ ! קווער געגען אונז, אונטער'ן ווינד !"

זעקסטעם קאפיטעל.

דער קאמפף.

אויף לענד'ס אויסרוף איז אויגענבליקליך די גאנצע מאנשאפט צוזאַמען געלאָפען. קאָמאנדאנט, אָפיציערען, מאטראָזען און שיפס-יונגען — אלע האָבען זיך צוזאמען געדרענגט ארום דעם הארפוניער ; זאָגאר די אינזשינערען און די הייצער זיינען ארויסגעשפרונגען פון מאשינען רוים און די פרעגאטע איז באלד געבליעבען שטעהען. עס וואר שוין צו דיעזער צייט גאנץ פינסטער און מיר אלע האָבען מיט ערשטוינגען געקוקט אויף די ערשיינונג, וואָס האָט זיך אזוי פּלוצלונג אין דיעזער מינוט פאר אונזערע אויגען בעוויעזען."

ניט וויט פון אונזער פרעגאטע, אונגעפעהר א פיערטעל מייל, איז אַ רעכטע שטרעקע פון מעער געוועזען בעלייכטעט מיט אַ וואונדערבארען גלאנץ. דאָס אונגעהויער, וואָס וואר פערבאָרגען איינינע קלאפטער אונטער'ן וואסער, האָט ארויסגעגעבען דיעזע אונערקלעהרליכע, מערקווירדיגע שטראהלען. אין דער מיטען פון דיעזע שטעלע איז דאָס ליכט געוועזען זעהר שטארק און פון דאָרט האָבען זיך די שטראהלען פאנאנדער געשפרייט אין דער פאָרמע פון אַ גאנץ לאנגען אָוואל, ווערענדיג אימער שוואכער און דונקעלער, ביז צו דער גרענעץ פון די בעלויכטעטע שטעלע.

„פּיעלייכט איז דאָס נור אַ צוזאמענהויפנונג פון פאָספאָר-מאַסען ?" האָט איינער פון די אָפיציערען געפרעגט.

„ניין, מיין הערר" האָב איך ערווידערט „פאָספאר קען אזא שטארקען ליכט ניט ארויסגעבען ; דיעזער גלאנץ איז פיעל עהנליכער צו עלעקטריציטעט. — איבריגענס, זעהט נור, זעהט ! זי בעוועגט זיך הין און צוריק, — אָה, זי שטירצט גאָר אויף אונז !"

אלע האָבען אויסגערופען מיט שרעק און איבערראשונג, בעטראַכטענדיג ווי דער אונבעקאנטער געגענשטאנד פליעהט גראדע צו די פרעגאטע.

„שטילל !" האָט דער קאמאנדאנט אויסגעשריען „רודער אונטער'ן ווינד, גאנץ ! מאַשינע צוריק !"

די מאַטראָזען האָבען צוגעשטירצט צום רודער און די אינזשינערען זיינען אריינגעלאָפען אין מאַשינען־רוים.

דער דאַמפף אין באַלד איינגעהאַלטען געוואָרען און די פרעגאַטע האָט זיך אומגעווענדעט לינקס, בעשרייבענדיג אַ ווייטען האַלבען קרייז.

„רודערט רעכטס ! מאַשינע פאראויס !"

דיעזע בעפעהלען פון קאמאנדאנט זיינען פינקטליך ערפילט געוואָרען און אונזער שיף האָט אָנגעפאנגען שנעל צו אנטלויפען פון די וואונדערבארע, גלענצענדע ערשיינונג, וועלכע איז איהר דעננאָך מיט דאָפפעלטע געשווינדיגקייט נאָכגעפאָלגט.

מיר אַלע אויפ'ן שיף זיינען זיינען דורכגעציטערט געוואָרען, ניט אזוי פיעל פון שרעק ווי פון פלוצלונגע איבערראשונג און גרויס בעשטירצונג. דער ים־ ריעז האָט אָנגעפאנגען זיך צו דרעהען ארום אונזער שיף גאַנץ נאָהענט, מיט אַזאַ אונבעשרייבליכע שנעלקייט אז עם האָט אויסגעזעהען ווי מיר וואָלטען געוועזן ארומגערינגעלט מיט אַ גרויסען עלעקטרישען רייף. דאַן איז ער מיט איין מאָל אוועק געפלויגען אויף אַ שטרעקע פון צוויי ביז דריי מייל און איז דאָרט געבליעבען שטעהען ; אָבער עם האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי ער ערהאַלט זיך נור, אום פון דאָרט מיט זיין גאַנצע מאַכט אויף אונז ארויף צו שטירצען, דען באַלד האָט ער ווידער גענומען פליהען צו אונז ווי אַ פייל פון בויגען און איז צום גליק געבליעבען שטעהען נור ביי אַ צוואַנציג פוס פון אונזער פרעגאַטע. פלוצלונג איז ער פערשוואונדען אין דער נאַכט־דונקעלהייט, אַזוי ווי זיי ליכט וואָלט מיט איינמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען, און אין אייניגע מינוטען שפּעטער האָט ער זיך בעוויעזען אויף דער אַנדערער זייט שיף אין זיין פולען־בלענדענד־העללען גלאַנץ. אויב ער איז דורכגעשוואומען אונטען, אָדער פארביי אונזער שיף איז ניט מעגליך געווען צו ערקלעהרען, אָבער יעדע מינוט זיינען מיר געשטאַנען אין גרויס געפאהר מיט דעם אונגעהויער צוזאמען צו שטויסען, און דאַן וואָלט אונזער פרעגאַטע געווים אונטערגעגאַנגען.

ביי אַלעם דעם איז ביי מיר געוועזן אַ וואונדער צו הערען ווי דער קאַמאנדאנט גיבט אימער בעפעהלע מיר זאָלען ענטלויפען וואָס ווייטער פון דעם ים־ריעז. מיר האָבען דאָך איהם אַזוי לאַנג געזוכט, מיט די אבזיכט איהם צו פערפאָלגען, און יעצט ענדליך, ווען ער האָט זיך שוין יאַ בעוויעזען, קומט עס אוים גראַדע פערקעהרט, אַז ער פערפאָלגט גאָר אונז. איך האָב זיך ווענדען דעם געווענדעט מיט אַ פראַגע צום קאַמאנדאנט, וועלכער איז געשטאַנען אין גרויס בעשטירצונג.

„אָבער, הערר אַראָנאַקס" האָט ער מיר דארויף ערווידערט „איך ווייס דאָך ניט מיט וואָס פיר אַ פורכטבארע בעשעפענים איך האָב דאָ צוטהון,

ווי איהם אַנצוגרייפען און ווי זיך צו פערטהיידיגען ; עס איז מיר אויף דיעזען אופן ניט מעגליך יעצט, אין דער נאַכט דונקעלהייט, מיט מיין פּרעגאַנטע צו ריזיקירען. מיר מוזען אָבוואַרטען ביז טאָג, דאַן וועלען מיר וואהרשיינליך אים שטאַנד זיין איהם צופערפאָלגען."

„יעצט זעהט איהר, קאַמאַנדאַנט, אַז דאָס איז ווירקליך אַ משונה'דיגע ריעזען טהיער ?"

„געוויס איז דאָס אַ נאַרוואַל און דאַצו נאָך איין עלעקטרישער."

„דאָס איז אָבער פורכבאַר זאָגאַר זיך פאָרצושטעלען !" האָב איך אויסגערופען מיט אַ שוידער „ווען מען זאָל בערעכענען אַז דער ציטטער פּיש, וואָס איז נור 7 ביז 8 פוס די גרויס, איז אים שטאַנד מיט איין קלאַפּ פון זיין עלעקטרישע קראַפט אַ פערד צו שטירצען, דאַן איז דאָך דיעזער אונ־געהויער־גרויסער עלעקטרישער ריעז ווירקליך אים שטאַנד אַ וועלט חרוב צו מאַכען !"

„עבען דאַרום זאָג איך, הערר פּראָפעסאָר, אַז עס איז בעסער צו וואַרטען ביז טאָג. מיר מוזען אין דיעזען פאַל העכסט פאָרזיכט זיין."

די גאַנצע נאַכט זיינען אַלע געבליעבען אויף די פיס ; קיינער האָט נאַטירליך וועגען שלאָפען ניט געקענט דענקען. אונזער פּרעגאַטע האָט זיך אין געשווינדיגקייט אויף קיין אַרט מיט יענעם ריעז ניט געקענט פערגלייכען און דאַרום האָבען מיר זיך געהאַלטען פון וויטען, בּיסלאַך־ווייז זיך ציהענדיג צוריק. דער נאַרוואַל האָט אויפגעהערט אונז צו פערפאָלגען און זיך וויעגענדיג אויפ'ן וואַסער איז ער געבליעבען פאַסט אויף דעמזעל־בען פּלאַטץ.

נאָך האַלבע נאַכט איז ער פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען ; אויב ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען צום גרונד אָדער ער איז אין גאַנצען ענטלאָ־פען וואַר ניט מעגליך צו בעשטימען, דען זיין עלעקטרישע ליכט האָט זיך מיט איינמאָל פערלאָשען. מיר זיינען אָבער לאַנג ניט געבליעבען אין צווויי־פעל, דען נאָך פערלויף פון אונגעפעהר אַ שטונדע האָט ער אירגענד וואו ניט וויט פון אונז אָנגעפאַנגען צו פייפען מיט אַזאַ ווילדען קוויטש אַז מיר זיינען שיער פערטויבט געוואָרען. דאַצו איז געוועזן צו הערען אַז ער שפּריצט אַרויס פון זיך מאַסען וואַסער מיט אַ שרעקליכע קראַפט.

דער קאַמאַנדאַנט, איך און עדוואַרד לענד זיינען וועהרענד דיעזער צייט געשטאַנען ביי'ן פאָדערסטען טהייל פון שיף און געקוקט מיט בעגיערונגע בליקען אין די נאַכט־דונקעלהייט.

„לענד" האָט דער קאַמאַנדאַנט איהם געפרעגט „איהר האָט דאָך גע־וויס זעהר אָפט געהערט דאָס ברוזען ווען אַ וואַלפיש שיעסט אַרויס פון זיך וואַסער ?"

„יא, הערר קאמאנדאנט, אבער ניט אזא ווילדען פייף ווי פון דיעזען וואלפיש, וועלכער האט מיר פערשאפט צוויי טויזענד דאלער.“

„גאנץ געוויס, לענד ; דעם פרייז האט איהר פאלקאמען פערדיענט ; אבער זאגט מיר, האט דיעזעס ברויזען גאר קיין עהנליכקייט מיט דעם רוי־שען פון א וואלפיש ?“

„עהנליך איז עס יא, הערר קאמאנדאנט, אבער פיעל אונגעהויער שטארקער. יעצט מוז איך אויך אנפאנגען צו גלויבען אז דאס איז א לעבענ־דע בעשעפעניס, א משונה׳דיגער ריעז פון וואלפיש־געשלעכט ; אבער מיט אייער ערלויבניס, הערר קאמאנדאנט, וועלען מיר מארגען מיט איהם אפאאר ווערטער רעדען.“

„אויב ער וועט נור לוסט האבען אייך אויסצוהערען“ האב איך ער־ וויעדערט מיט א צווייפעל.

„ווען איך זאל נור עטוואס נעהנטער צו איהם קומען דאן וועט ער שוין דערהערען, שפיערענדיג דעם געשמאק פון מיין הארפונע.“

„רעכענט איהר איהם ווי געוועהנליך אין א קליינע שיפעל צו פערפאל־גען ?“ האט דער קאמאנדאנט געפרעגט „איך גלויב אז דאס וועט זיין זעהר ריזיקאליש, זאגאר לעבענס־געפעהרליך.“

„דאס איז שוין ריכטיג ; אבער עס גיבט דאך קיין אנדער מיטעל ניט.“ האט לענד געענטפערט.

ארום צוויי אוהר דעם מארגענס האט זיך די בעלויכטענע שטעלע וויע־דער בעוויעזען, ביי א פינף מייל ווייטער פון אונז. טראצדעם איז געוועזן דייטליך צו הערען ווי דאס וואסער ברויזט ארום דעם טהיער און זאגאר זיין שווערער אטהעם, וועלכען מען האט געקענט פערגלייכען מיט דעם רוי־שען פון א לאקאמאטיוו וואס בעזיצט וועניגסטענס צוויי טויזענד פערד קראפט.

„א שעהנער וואלפיש, מיט א קראפט פון א גאנצע קאוואלעריע־רעגי־מענט !“ האב איך צו זיך אליין געזאגט.

ביז טאג זיינען געמאכט געווארען אלע נויטהיגע פארבערייטונגען צום קאמפף. מיר האבען אנגעלאדען די קליינע קאנאנען, וועלכע ווארפען א הארפונע אויף א מייל ווייט, און די לאנגע ביקסען, וואס שיעסען מיט די־נאמיט־קוילען, פון וועלכע דאס שטארקסטע טהיער מוז געטויטעט ווערען. עדוארד לענד האט קיין פיעלע פארבערייטונגען ניט געדארפט מאכען, דען זיין געשיקטע, מעכטיגע האנד וואר צו יעדע מינוט בערייט די פירכטערלי־כע הארפונע צו שליידערען.

אום זעקס אוהר האט אנגעפאנגען צו טאגען און צו דערזעלבער צייט, ווי די ערסטע גרויע ליכט האט זיך איבער׳ן מעער פערברייטעט, איז דער

עלעקטרישער גלאַנץ פון דעם נאַרוואַל פערשוואונדען געוואָרען. מיט אַ שטונדע שפּעטער איז שוין אין גאַנצען טאָג, אָבער דער ים איז געווען אַי־בעראַל בעלאַגערט מיט אַזאַ געדיכטען טהוי אַז דורך די בעסטע ספּאַקטיוווען איז ניט מעגליך געווען אויף אייניגע קלאַפטער פון שיף עטוואָס צו זעהען.

דיעזע שטערונג האָט אונז אַלעמען געמאַכט גרויס פערדרוס. די אָפיציערען זיינען אַרויפגעשטיגען די העכסטע מאַסטען, פלוכענדיג דעם טהוי, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאַמיט געקענט עטוואָס העלפען. איך האָב אויך אַרויפגעקלעטערט אויף די שטאַנגען פון דער הינטערמאַסט, אָבער דעם ים־דיעז איז פאָרלויפיג ניט מעגליך געווען אירגענד־וואו צו ערבליקען.

אַזוי איז פאַרבייגעגאַנגען מעהר ווי אַ שטונדע; עס וואַר שוין אונגעפעהר אַכט אוהר, אַלס דער טהוי האָט אָנגעפאַנגען בּיסלעכווייז זיך אויפצוהעבען און דער הימעל איז געוואָרען רייגער און קלאָהרער. אונזערע אַלעמענס בליקען האָבען זיך נאָך אַנגעשטרענגט, אום דעם פערשוואונדענעם געגענשטאַנד צו ענטדעקען, אָבער אויך דיעזעס מאָל האָבען עדוואַרד׳ס שאַרפע אויגען פריהער ווי אַלע איהם דערזעהען, און צו דערזעלבער צייט איז געווען צו הערען ווי ער רופט אויס:

„דער געזוכטער געגענשטאַנד איז הינטער אונז, לינקס!״

אַלע בליקען האָבען זיך געווענדט צו דעם בעצייכענטען פונקט. דאָרט, אונגעפעהר אַנדערטהאַלב מייל ווייטער, איז געווען צו בעמערקען אַ לאַנגען, דונקעלען קערפּער, וועלכער שטאַרצט אַרויס פון די וועלען מעהר ווי אויף איין עלל די הויך. עס איז געווען פון ווייטען צו הערען די געוואַלטיגע קלעפּ פון זיין אונגעהויערען עק און דאָס שרעקליכע ברויזען פון וואַסער, זאָ דאָס הינטער איהם האָט זיך געצווייגען איבער׳ן ים אַ לאַנגער, ווייסער פאַס.

וועהרענד די פרעגאַטע איז צו איהם עטוואָס נעהנטער געקומען האָב איך געהאַט די מעגליכקייט דיעזע מערקווירדיגע בריאה, מיט וועלכע די וועלט האָט דאַמאַלס געקלונגען עטוואָס גענויער צו בעטראַכטען. די בעריכטען וועגען איהם זיינען אַלזאָ ניט זעהר שטאַרק איבערטריבען; ער איז ווירקליך אונגעפעהר צוויי הונדערט און פופציג פוס לאַנג. די דיק פון זיין קערפּער, וועלכער איז פערבאָרגען אונטערן וואַסער, איז נאַטירליך יעצט ניט מעגליך צו בעשטימען, אָבער נאָך די לענג אַליין האָט מען זיך שוין געקענט פאָרשטעלען וואָס פיר איין אונגעהויער דיקעס טהיער דאָס איז.

פּלוצלונג האָט דיעזע שרעקליכע בעשעפעניס אַרויסגעשליידערט פון איהרע לופט־לעכער צוויי זיילען, צומישט פון דאַמפּף מיט וואַסער, ביז אַ פופציג עלען די הויך. עס הייסט אַלזאָ אַז דער ריעז אָטהעמט אויף דיעזען אופן, און דאַרום בין איך יעצט נאָך זיכערער אַז מיר האָבען דאָ צו

טהון מיט א מין ריעז פון די ים־טהיערען, וואס בעזיטצען די פארמע פון א פיש, אבער זיי געבוירען דעננאך לעבעדיגע קינדער און זויגען זיי, גראדע ווי די ברואים אויף דער ערד. די וואלפישען, פאטטפישען און דעלפינען געהערען אלע צו דיעזער קלאסע ים־זויגע־טהיערע; און צו וועלכע פון זיי אונזער ריעז געהערט האף איך אז עס וועט מיר נאך היינט מעגליך זיין גע־נויער צו בעשטימען, נאכדעם ווי ער וועט נעהענטער בעקאנט ווערען מיט אונזערע קאנאנען און הארפונען.

די גאנצע מאנשאפט האט יעצט געווארט מיט גרויס אונגעדולד אויף די בעפעהלען פון קאמאנדאנט, וועלכער איז אויך א קורצע צייט געשטאנען און געווי בעטראכט דאס טהיער, דאן האט ער ארויסגערופען דעם אינזשי־נער פון מאשינען־רוים און זיך געווענדעט צו איהם מיט די פראגע:

„האבען מיר יעצט גענוג דאמפף?"

„יא, הערר קאמאנדאנט!" האט דיעזער געענטפערט.

„גוט, הייסט שטארקער אנהייצען, ביז צו פולע דאמפף־קראפט."

הערענדיג דיעזען בעפעהל האבען אלע מיט בעגייסטערונג אויסגערופען דריי מאל הורראה. ענדליך איז געקומען די לאנג־ערווארטעטע שטונדע פון קאמפף. אין איינינע מינוטען איז פון די צוויי רויך־קוימענס אויף אונזער פרעגאטע ארויסגעשטיגען א שווארצער וואלקען פון דאמפף און דער גאנצער פערדעק האט אנגעפאנגען צו ציטערען אונטער דעם דרוק פון דעם אנגע־שטרענגטען קעסעל.

די געוואלטיגע שרויבע האט אנגעפאנגען צו ארבייטען און אונזער שיף האט אויסגעשאסען גראדע צו דעם ים־ריעז. וועלכער איז געבליעבען אויף זיין שטעלע ביז די פרעגאטע איז געקומען נאהענט צו איהם אויף אונגע־פעהר הונדערט עלען, דאן האט ער מיט איינמאל געגעבען א פליה, דורכ־געשניטען דעם וואסער ווי א פייל פון בויגען און איז ווידער געשטאנען אויף אנדערטהאלב מייל וויים פון אונז.

מיר האבען אזוי פערבראכט א גאנצע שטונדע איהם פערפאלגענדיג, אבער עס איז דעננאך ניט געלונגען זאגאר אויף צוויי קלאפטער איהם נעהענ־טער צו קומען. עס איז געווען דייטליך צו זעהען אז מיר וועלען אויף דיעזען אופן גאר ניט אויספיהרען.

דער קאמאנדאנט איז געשטאנען אויף זיין פלאטץ ברענענדיג פון גרויס וואוטה און ערגערנים.

„עדווארד לענד!" האט ער אויסגערופען.

דער קאנאדיער איז צו איהם צוגעגאנגען.

„נון, וואָס זאָגט איהר יעצט ?״ האָט דער קאָמאַנדאַנט ביי איהם גע־פרעגט „גלויבט איהר נאָך אימער אַז איך זאָל הייסען אראָפּלאָזען אַ שיפעל, אום דיעזען אונגעהויער צו האַרפּונירען ?״

„ניין, הערר קאָמאַנדאַנט ; היינטיגען מאָל איז דאָס צו געפעהרליך.״

„וואָס ראַטה איהר אָבער מיר צו טהון ?״

„הייסט שטייגערען די דאַמפּף־קראַפט ביז די העכסטע שטופע. איך וועל אונטערדעסען אַרויפקלעטערען אויף דעם פאָדערסטען שפּיטץ פון שיף און אַבוואַרטען אויף דעם ריכטיגען מאָמענט ווען מיר וועלען קומען צום טהיער נעהענטער, דאַן וועל איך אין זיין קערפּער מיין האַרפּונע אַריין שליידערען.״

„זעהר גוט, עדוואַרד !״ האָט דער קאַפּיטאַן מיט צופריעדענהייט אויסגעשפּראָכען „אינזשינער, הייסט שטייגערען דעם דאַמפּף !״

דער האַרפּונער האָט זיך בעגעבען צו זיין פּאָסטען אויף׳ן פאָרדערסטען שפּיטץ פון שיף. דער פייער אין מאַשינע איז געוואָרען גרעסער ; די שרוי־בע האָט זיך אָנגעפאַנגען אום צו דרעהען דריי און צוואַנציג מאָל אין אַ מי־נוט און דער דאַמפּף איז אַרויסגעשטיגען מיט אַ געוואַלטיגע מאַכט ; די פרעגאַטע איז יעצט געפאָהרען מיט די געשווינדיגקייט פון אַכטצעהן מייל אַ שטונדע.

אָבער דער פערדאַמטער ים־ריעז איז אויך געפלויגען און דעננאָך איז אונזער שיף זאָגאַר ניט אויף איין קלאַפטער נעהענטער געקומען צו יענעם אונגעהויער. דאָס איז זאָגאַר געווען אַ שאַנדע פיר אַ שנעל־דאַמפּפער פון די אַמעריקאַנישע קריעגס־מאַרינע. די מאַנשאַפט איז אויפגערעגט געוואָ־רען מיט גרויס צאָרן און יעדער פון די מאַטראָזען האָט ניט אויפגעהערט צו פלוכען דעם ריעזען־נאַרוואַל, וועלכער האָט זיך אָבער דאַריבער גאַנץ ווייניג געקימערט.

דער קאָמאַנדאַנט האָט נאָך אַ מאָל געשיקט אַרויף רופען דעם אינ־זשינער.

„איז אין דער מאַשינע דאָ גענוג דאַמפּף ?״ האָט ער ביי איהם גע־פרעגט.

„יאָ, הערר קאָמאַנדאַנט !״

„און אויף ווי שטאַרק זיינען אָנגעשטעלט די קלאַפּען ?״

„אויף זעקס און אַ האַלב אַטמאָספערען.״

„שטיילט זיי אַן אויף צעהן !״ האָט דער קאָמאַנדאַנט געהייסען.

אַלע זיינען ערשטוינט געוואָרען הערענדיג אַזאַ געפעהרליכען בעפעהל.

„קאַנסייל” האָב איך צו מיין דיענער זיך אָבגערופען „ווייסט דו אז מיר מעגען זיך ריכטען קירצליך צוזאמען מיט דאָס שיף אין די לופט ארויף צו שפּרינגען ?”

„ווי דער העדר ווינשט” האָט מיין קאַלטבלוטיגער האָלענדער געענט־פערט.

נאַטירליך האָב איך אזא זאַך געוויס ניט געוואונשען ; אָבער דער „אייבראַם לינקאָלן” האָט אונטערדעסען אָנגעפאַנגען נאָך פיעל שנעלער צו פליהען. די מאַסטען האָבען געציטערט ביז צום גרונד און דער צוזאמענ־געדריקטער רויך האָט קוים געקענט ארויס דרינגען דורך די ענגע רעהרען. דער שטויערמאַן האָט ווידער אראָפּ געוואָרפען דעם לאָנג, אום אויסצו־מעסטען ווי שנעל דאָס שיף געהט יעצט.

„נון, שטויערמאַן ?” האָט דער קאַמאַנדאַנט געפרעגט.

„ניינצעהן און דריי פערטעל מיילען.”

„נאָך שטאַרקער פייערן !” האָט דער קאָמאַנדאַנט דורך דעם שפּראַך־ראָהר אָנגעזאָגט אין מאַשינען־רוים.

דער אינזשינער האָט דיעזען בעפעהל ערפילט. דער מאַנאָמעטער ציינט יעצט די קראַפט פון דאַמפף אויף פולע צעהן אַטמאָספערען ; אָבער דאָס ים־טהיער הייצט זיין לעבעדיגע מאַשינע אויך אַזוי שטאַרק ; ער שווימט גאַנץ לייכט מיט אַ שנעלקייט פון צוואַנציג מיילען אַ שטונדע. אייניגע מאָל האָט ער זיך זאָגאַר אָבגעשטעלט און צו געלאָזען די פרעגאַטע גאַנץ נאָהענט צו זיך.

„מיר וועלען איהם בעקומען, באַלד !” האָט דער קאַנאַדער מיט אַ בע־גייסטערונג פון פערגניגען אויסגערופען ; אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק ווי לענד האָט נור אויפגעהויבען זיין האַנד מיט די פירכטערליכע האַרפּונע איז דאָס אונגעהויער אוועק ווי אַ בליטץ, מיט די געשווינדיגקייט פון גע־וויסע דרייסיג מיילען אַ שטונדע, זאָ דאָס אונזער דאַמפּפער האָט געגען איהם אויסגעוויזען ווי אַ קינדער־שפּיעל.

אום צוועלף אוהר זיינען מיר נאָך ניט געווען נעהענטער צו אונזער ציעל אַלס אום אכט. דער קאָמאַנדאַנט איז ענדליך גאַנץ איינפאַך בייז גע־וואָרען.

„אה, קאַנאַליע !” האָט ער דעם ים־ריעז געשימפּפט „דו ביזט שנע־לער ווי דער „אייבראַם לינקאָלן”, אָבער מיר וועלען זעהען אויב אונזערע קוילען זיינען נים שנעלער פון דיר. מייסטער, די מאַנשאַפט צו די קאַנאָנע אין פראָנט !”

די קאַנאָנע אויף דעם פאָדערסטען טהייל פון שיף איז באַלד אָנגעלאַ־

דען געוואָרען, די קויל אבגעשאָסען, אָבער זי איז פארביי געפלויגען איבער דאָס טהיער מיט ביינאהע א האלבע מייל ווייטער.

„איין אנדערע, ווער עס פערשטעהט בעסער !" האָט דער קאָמאנדאנט אויסגערופען „פינף הונדערט דאָלאר בעלאָהנונג דעמיעניגען וואָס וועט די בעסטיע טרעפען."

איין אלטער גרויער קאַנאָניער איז גאנץ קאלטבלוטיג צוגעגאנגען. א קורצע צייט אזי ער געשטאנען און מיט א רוהיגען בליק בעטראכט די ווייטקייט פון אונזער שיף ביז צום אונגעהויער. א טיכטיגער שום און די גאנצע מאַנשאַפט האָט אויסגעשריען מיט גרוים פרייד הורראה.

די קויל האָט דעם אונגעהויער ריכטיג געטראָפען אָבער צו אונזער גרויסען ערשטוינען האָט עס איהם גאָר ניט געשאדעט. זי איז אָבגעשפרונגען פון זיין קערפער און איז אוועק געפלויגען מיט א פּאָאר מייל ווייטער אין ים.

„צום טייפעל !" האָט דער אלטער קאַנאָניער געפלוכט „דיעזע בעסטיע בעזיצט וואהרשיינליך א הויט וואָס איז וועניגסטענס אזוי שטארק ווי א פּאנצער און זעקס צאָל דיק."

„פערדאמט !" האָט אויך דער קאמאנדאנט מיט גרוים צאָרן אויסגערופען „שנעלער מוז מען דאָס שופטיגע טהיער פערפאָלגען, ווען איך זאָל אפילו וויסען אז די מאַשינע וועט פּלאַטצען !"

קיינער האָט זיך ניט ערלויבט געגען דיעזען בעפעהל עטוואס איינצווענדען און די פרעגאטע האָט ווידער אָנגעפאנגען יענע אונבעגרייפליכע בעשעפּענים נאָך צו יאָגען.

מיר האָבען אייגענטליך געקענט האָפען אז דיעזעס טהיער, ווי שטארק ער זאָל זיין, מוז דאָך שליסליך מיעד ווערען און עס וועט דאָך איהם ניט מעגליך זיין אזוי לאַנג ווי א דאמפּף-מאַשינע מיט אזא שנעליגקייט ארום צו פליעהען אין וואסער ; אָבער ווי עס ווייזט אוים האָבען מיר געהאָט א גרויסען טעות. עס זיינען נאָך א פּאָאר שטונדען פארבייגעגאנגען און מיר בעמערקען אויף יענע מערקווירדיגע בריאה קיין שום צייכען פון ערמיעדונג.

איבריגענס מוז מען צוגעבען אז דער „אייבראם לינקאָלן" האָט דיעזען טאָג געטהון אלעס וואס נור מעגליך, אום זיין אויפגאבע צו ערפילען. אונזער שיף איז אין יענעם געפעהרליכען טאָג, דען 6טען נאָוועמבער, אָבגעלאָפען א שטארקע פּאָאר הונדערט מייל, ביז עס איז ענדליך נאכט געוואָרען און די דונקעלהייט האָט בעדעקט דעם אונרוהיגען מעער.

איך האָב דאמאלס געגלויבט אז דאמיט איז אונזער עקספּעדיציאָן געענדיגט און מיר וועלען דעם נארוואל מעהר אין די אויגען ניט זעהען. עס

האט זיך אָבער באלד בעוויעזען אז מיין מיינונג איז ניט ריכטיג. אונגעפעהר אום עלף אוהר פאר האלבע נאכט איז די עלעקטרישע בעלייכטונג וויעדער ערשיענען נור אויף א דריי מייל וויים פון אונז, אזוי ריין און שטארק גראדע ווי אין די פאָריגע נאכט.

דער נארוואל איז יעצט אויך געלעגען רוהיג אויף איין שטעלע. וואהר־שיינליך שלאפט ער פון גרוים ערמיעדונג, זיך וויעגענדיג אויף די וועללען פון ים. דער קאמאנדאנט האט בעשלאָסען מיט דיעזען צושטאנד זיך צו בענוטצען און ארויסגעגעבען די נויטהיגע בעפעהלען. די פרעגאטע האט אָנגעפאנגען גאנץ פאָרזיכטיג צו פאָהרען וויטער, מיט שוואכע דאמפף, אום קיין גערויש צו מאכען און דעם געגנער ניט אויפצוואועקען. עם פאסירט זעהר אָפט אז מען טרעפט וואלפישען שלאָפענדיג אויפ'ן מיטען ים און דאן איז מעגליך מיט דעם בעסטען ערפאָלג זיי אנצוגרייפען און צו בעקעמפפען. עדוארד לענד ערצעהלט אונז, אז ער אליין האט שוין פיעלע מאָל מיט זיין הארפונע געשטאָכען שלאָפענדע וואלפישען. דער קאנאדיער האט זיך אלזאָ יעצט וויעדער בעגעבען אויף דעם פאָדערסטען שפיטץ פון שיף, פאָרבערייט אין דעם ריכטיגען מאָמענט דעם קאמפף געגען דעם אונגעהויער אָנצופאנגען.

די פרעגאטע איז גאנץ שטיל צוגעקומען אימער נעהענטער און האט זיך אָבגעשטעלט נור אויף א פערטעל מייל פון דעם ריעזען־טהיער, אלע ביי אונז אויפ'ן פערדעק האָבען זאָגאר איינגעהאלטען דעם אטהעם, זאָ דאָם איבעראל האט יעצט געהערשט א טיעפע שטילקייט, מיר זיינען שיין וועני־גיגער ווי הונדערט פוס פון דעם גליהענדען קערפער, פון וועלכען דער שיין ווערט יעדע מינוט שטארקער און אזוי העלל גלענצענד אז אונזערע אויגען ווערען שיער פערבלענדעט.

אין דיעזען אויגענבליק זעהע איך ווי עדוארד לענד שטעהט איבער מיר, אויפ'ן פאָדערסטען שפיטץ פון שיף, ווי ער האלט פערטיג אויסגעשטעלט די שרעקליכע הארפונע. אלס מיר זיינען געקומען אונגעפעהר צוואנציג פוס צום ריעז האָט לענד מיט א קרעפטיגע האנד זיין וואפען אין איהם אריינגע־שליידערט ; איך הער גאנץ דייטליך ווי די הארפונע קלאפט זיך אב אזוי ווי אָן א שטארקען אייזערנעם קערפער.

דער עלעקטרישער שיין איז פלוצלונג אויסגעלאָשען געוואָרען, און צוויי שטארקע, רייסענדע שטראָמען וואסער האָבען ארויפגעשאָסען אויף דעם פערדעק פון אונזער פרעגאטע, ווארפענדיג די גאנצע מאנשאפט צום באדען און צורייסענדיג די שטריק פון אונזער זעגלען. אין די נעכסטע מינוט איז די גאנצע שיף ערציטערט געוואָרען פון א שרעקליכען שטוים און איך בין אָריבער געפלויגען איבער'ן געלענדער אין מעער.

זיבענטעס קאפיטעל.

א נייער זאָרט וואלפיש.

ווי גרוים מיין שרעק און איבערראשונג איז געווען אין דיעזען מאָמענט, אלס עס האָט מיך אזוי פּלוצלונג אין ים אריינגעשליידערט, געדענק איך דעננאָך זעהר גוט יעדע זאך וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען אין די נעכסטע אייניגע אויגענבליקען.

אנפאנגס בין איך אריינגעפלויגען ביז א צוואנציג פוס טיעף אין וואַסער, אלס גוטער שווימער האָב איך דעננאָך אין דיעזען געפעהרליכען מאָמענט מיין מוטה און מיין בעזינונג ניט פערלאָרען. צוויי מאָל קרעפטיג זיך אבשטויסענדיג מיט די פיס בין איך באלד צוריק ארויפגעשוואומען.

די ערסטע זאך האָב איך אָנגעפאנגען מיט מיינע אויגען צו זוכען די פרעגאטע. האָט די מאַנשאַפט בעמערקט ווי איך בין אראָפּ געפאַלען ? האָט דער קאָמאַנדאַנט אראָפּגעשיקט א שיפעל אין ים ? קען איך האָפען גערעטעט צו ווערען ?

א שווארצע פינסטערניס איז איבעראל ארום מיר פערשפּרייט. איך זעהע ווי א דונקעלע מאַסע פערשווינדעט שנעל, נאָך די געגענד פון מזרח־זייט, און איהר בעלייכטונג ווירד צו דיעזעלבע צייט דאָרט אין דער ווייטענים אויסגעלאָשען. דאָס איז אונזער פרעגאטע, וועלכע ענטלויפט האסטיג פון דיעזע געפעהרליכע שטעלע. וועגען מיר קימערען זיי זיך ניט, אָדער זיי האָבען אין דעם טומעל זיך נאָך גאָר ניט ארומגעזעהען ווי איך בין אראָפּגעשליידערט געוואָרען אין ים.

„צו הילפע, הילפע !‟ האָב איך געשריען אין גרויס פערצווייפלונג, שווימענדיג מיט אַלע קרעפטען נאָך יענער ריכטונג וואו דער „אייבראם לינקאָלן‟ איז אַוועק געלאָפען.

מיינע קליידער הינדערן מיר זעהר פיעל. זיי קלעפּען זיך אָן אין וואַסער צו מיין קערפּער און שטערען אין גאנצען מיינע בעוועגונגען. א קורצע צייט איז מיר נאָך מעגליך געווען זיך צו האלטען, אָבער באלד שפּיער איך אז די לופט פאנגט מיר אָן אויסצוגעהען ! —

„צו הילפע ! רעטטעט !‟

איך בין שוין קוים אים שטאנד געווען דיעזע לעצטע ווערטער אויסצושרייען. דאָס געזאלצענע ביטערע ים־וואסער איז מיר אריינגעקומען אין מויל — שרעקליך ! איך פיהל אז איך קען זיך שוין קוים צאַפּלענדיג האַלטען איבער'ן וואסער און עס וועט ניט לאנג דויערען ביז איך וועל צום גרונד

אראָפּ זינקען. פּלוצלונג האָט א קרעפטיגע האנד אָנגעפּאסט מיינע קליידער און האסטיג ארויפגעריסען איבער'ן וואסער. צו דערזעלבער צייט זאָגט צו מיר א בעקאנטע, קאָלטבלוטיגע שטימע.

„ווען דער הערר וויל אזוי גוט זיין זיך אנלעהנען אויף מיינע שולטערען וועט ער קענען פיעל בעקוועמער שווימען."

איך האָב מיט איין האנד זיך אָנגעכאַפּט אן מיין געטרייען דיענער קאָנסייל.

„דו ?" בין איך איבערראשט געוואָרען „האָט דען דער שטוים אויך דיך אראָפּגעוואָרפען אין מעער ?"

„ניין ; אָבער איך האָב געזעהען ווי דער העהר איז אראָפּגעפאלען בין איך אויך באלד נאָכגעשפּרונגען."

זאָגאר אין מיין יעצטיגען צושטאנד בין איך געריהרט געוואָרען פון אזוי פיעל טרייהייט.

„און וואָס איז מיט די פרעגאטע ?" האָב איך איהם געפרעגט.

„די פרעגאטע !" האָט קאָנסייל מיט א גאנץ גלייכגילטיגען טאָן אויס־געשפּראָכען, זיך אומקעהרענדיג אויפ'ן רוקען „איך גלויב אז דער העהר דארף שוין אויף הילפע פון דאָרט נים רעכענען."

„פארוואָס ?"

„ווייל אין דעם אויגענבליק אַלס איך בין אין וואסער אראָפּגעשפּרונגען האָב איך געהערט אויפ'ן שיף שרייענדיג, אז די מאשינע און דער רודער זיינען צובראָכען."

„אונמעגליך ! ווי אזוי האָט דאָס געקענט פּאסירען ?"

„דער אונגעהויער האָט מיט איין קלאַפּ פון זיין צאהן דיעזען שאדען אנגעמאכט, און וועמען ? אזא שטארקע שיף ווי דער „אייבראם לינקאָלן !" פיר אונז איז דיעזער אומשטאנד זעהר שלים, דען די פרעגאטע קען זיך פאָר־לויפיג מעהר נים בעוועגען."

„דאן זיינען מיר פערלאָרען !" האָט איך מיט גרוים פערצווייפלונג אויסגערופען."

„עס קען זיין" האָט קאָנסייל גאנץ רוהיג צוגעשטימט „אָבער מיר מע־גען רעכנען אז אייניגע שטונדען וועט אונז נאָך מעגליך זיין זיך צו האלטען, און אין פערלויף פון אזא צייט קען נאָך פיעלעס פּאסירען."

קאָנסייל'ס קאָלטבלוטיגקייט האָט אויך אויף מיר געווירקט אזוי פיעל אז איך בין עטוואָס מוטהיגער געוואָרען ; מיינע קרעפטען ווארען ווי פון דאָס נייע בעלעבט און עס איז מיר מעגליך געווען שווימענדיג זיך צו האל־טען אויפ'ן וואסער, אָבער מיט גרוים אנשטרענגונג, דען מיינע קליידער ווארען אויף מיר שווער ווי בליי. קאָנסייל האָט עס באלד בעמערקט.

„דער הערר וועט ערלויבען איהם עטוואס בעקוועמער צו מאכען.״

מיט דיעזע ווערטער האט קאנסייל ארויסגענומען א טאשען־מעסער און דורכגעשניטען אלע מיינע קליידונגס־שטיקער פון אויבען ביז אונטען, זא דאס אין די נעכסטע מינוט בין איך געווען פריי אין מיינע בעוועגונגען. איך האב דאן דאסזעלבע געטהון מיט מיין דיענערס קליידער און יעצט איז אונז מעגליך געווען פיעל בעקוועמער צו שווימען איינער נעבען אנ־דערען.

אונזער לאגע איז דעננאך געווען גענוג שרעקליך. עס איז מעגליך אז זיי האבען זאגאר ביז יעצט אויף דעם „אייבראם לינקאלן״ נאך ניט בעמערקט, ווי מיר זיינען פערשוואונדען, אדער זיי זיינען ניט אים שטאנד מיט א צובראכענעם רודער אהער, געגען דעם ווינד, צוריק צו קעהרען; אבער יעדענפאלס וואלטען זיי דאך געקענט ארויסשיקען א שיפעל אונז צו רעטען.

קאנסייל האט דיעזע בעטראכטונג גאנץ רוהיג אויסגעשפראכען און דאצו ערקלעהרט וואס מיר זאלען דא יעצט טהון. עס איז ווירקליך געווען צום ערשטוינען ווי דיעזער קאלטבלוטיגער יונגע רעדט און בענעהמט זיך, גראדע ווי מיר וואלטען געווען צו הויז אין אונזער צימער.

אזוי ווי אונזער גאנצע אויסזיכט אויף רעטונג איז אבהענגיג נור דאפון אז מען וועט זיך שליעסליך ארום זעהען אויף דער פרעגאטע וועגען אונזער אונגליקליכען צופאל און זיי וועלען דאן אונז צושיקען א שיפעל, מוזען מיר זעהען מיט אלע מעגליכקייטען וואס לענגער זיך צו האלטען אויפ׳ן וואסער ביז די הילפע וועט קומען. קאנסייל האט דארום בעשלאסען מיר זאלען ביידע מיט איינמאל אונזערע קרעפטען ניט אנשטרענגען און דאס איז אונז מעגליך געווען אויסצופיהרען אויף פאלגענדען אופן: וועהרענד איי־נער פון אונז איז געבליעבען ליעגען רוהיג, מיט׳ן געזיכט ארויף, האט דער אנדערער געשוואומען אונטער איהם, אום ווי מעגליך נעהענטער צו דער פרעגאטע צו קומען. מיר האבען זיך אזוי יעדע צעהן מינוט געביעטען אר־בייטענדיג און דאן וויעדער זיך ערהאלענדיג, זא דאס עס איז אונז מעג־ליך געווען צו האפען די אייניגע שטונדען ביז עס וועט טאג ווערען אויס־צוהאלטען.

אונזער אויסזיכט אויף רעטונג איז זעהר שוואך, אבער די האפנונג איז איינגעווארצעלט טיעף אין הארצען ביי יעדען מענשען. דער צוזאמענשטויס פון דער פרעגאטע מיט דעם ים־אונגעהויער האט געטראפען אום עלף אוהר פאר האלבע נאכט; ביז די זונן וועט וויעדער אויפגעהען איז גאר ניט מעג־ליך צו ערווארטען זיי זאלען זיך דארט אויפ׳ן שיף וועגען אונז ארום זעהן. מיר האבען אלזא צו ווארטען אויף הילפע וועניגסטענס אכט שטונדען;

פיעלייכט וועט אונז געלינגען טראגענדיג איינער דעם אנדערן ביז דאהין ניט ערטרונקען צו ווערען. דער ים איז גאַנץ רוהיג און דארום קענען מיר שווימען אָהן פיעל אנשטרענגונג.

דעננאָך האָב איך אַרום איינס אוהר נאָך האַלבע נאַכט אָנגעפאַנגען זיך צו שפּיערען זעהר מיעד. מיינע גליעדער זיינען געוואָרען שטייף אזוי ווי געלעהמט פון קראַמפּף און קעלט. קאָנסייל האָט מיך געמוזט שטיטצען און פון יעצט אָן איז ער אליין נור אים שטאַנד געווען צו שווימען פיר אונז ביי־דען. איך הער ווי דער אָרעמער יונג מאַטערט זיך אז עס געהט איהם שיער אוים דער אָטהעם. עס איז יעצט מעהר קיין צווייפעל אז מיר זיינען פערלאָהרען, דען ער וועט עס לאַנג ניט קענען אויסהאַלטען.

„לאָז מיך, קאָנסייל" האָב איך צו איהם געזאָגט „זעה זיך אליין וועניגסטענס צו רעטען."

„ניין, איך וועל דעם הערן ניט פערלאָזען" האָט מיין געטרייער דיענער ערוויעדערט. אין דיעזען מאָמענט האָט זיך בעוויעזען די לבנה, וועלכע וואר ביז יעצט פערבאָרגען צווישען די וואָלקענס, און איהרע מילדע זילבער־שטראַהלען האָבען בעגאָסען מיט א צויבער־ליכט דעם אונענדליכען מעער. דער שיין האָט אין אונז וויעדער עטוואס מוטה אויפגעוועקט און בעלעבט אונזערע קרעפטען. איך האָב געקענט אויפהויבען דעם קאָפּף און בעטראַכטען א וויטערע שטרעקע איבער'ן ים. יעצט זעה איך אז די פרעגאַטע איז אונגעפעהר פינף מייל וויט פון אונז קוים צו בעמערקען, אָבער קיין סימן פון אירגענד וועלכע רעטונגס־שיפעל. איך האָב געוואָלט אנפאַנגען צו שרייען, אָבוואָהל עס איז גאָר ניט מעגליך צו האָפען זיי זאָלען אזוי וויט מיין שוואַכע שטימע הערען. קאָנסייל רופט און שרייט מיט אלע זיינע קרעפטען און דאן שטעלען מיר זיך אב אום צו האָרכען. יעצט דוכט זיך מיר אז יעמאַנד האָט אויף זיינע קולות געענטפערט.

„דו הערסט, קאָנסייל ?" האָב איך אויסגעשטאַמעלט.

„יא, יא !"

און מיט דיעזע ווערטער שטויסט ער וויעדער אוים א געשריי אום הילפע. יעצט איז שוין די אנטוואָרט פון א מענשליכע שטימע דייטליכער צו הערען. פיעלייכט איז אויסער אונז נאָך איינער אראָפּגעפאַלען פון פרעגאַטע און האַלט אויך יעצט ביי'ן דערטרונקען ווערען ? אָדער מען ענטפערט אונז פון דאָרט דורך דעם שפּראַך־ראָהר, פון וועלכען די שטימע קען אזוי וויט אָבהילכען.

קאָנסייל נעהמט צוזאמען אַלע זיינע קרעפטען און זיך שטיצענדיג אויף מיין שולטער הויבט ער אויף דעם קאָפּף אום נאָך צו זעהען פון וואַנען דיעזע אנטוואָרט קומט ; דאן איז ער שוואַך צוריק געזונקען.

„וואָס האָסט דו געזעהען, קאָנסייל ?" פרעג איך איהם.

„איך האָב געזעהען —" שטאַמעלט ער מיט גרויס שרעק „איך — אָבער לאָמיר בעסער וועגען דעם ניט רעדען. — מיר מוזען מיט אַלע קרעפטען שנעלער — ווייטער ! —"

וואָס האָט ער געזעהען ? וועמעס שטימע האָט זיך דאָ געהערט ? עס איז אָבער יעצט וועגען דעם קיין צייט ניט געווען צו פרעגען, איך שווים מיט די לעצטע כוחות, וועהרענד קאָנסייל שטופּט מיך ווייטער. יעדע מינוט הויבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום און רופט אויס מיט אַ העכסט־ערשראָקענעם קול, אָבער די שטימע וואָס ענטפערט קומט אימער נעהענ־טער. איך הער שוין דאָס אַלעס נור ווי אין א טרוים, מיינע קרעפטען גע־הען אויס אין גאנצען ; מיינע פינגער זיינען אויסגעשפּרייט ווי שטיקלעך האָלץ און מיינע הענד קענען זיך שוין מעהר ניט בעוועגען. דער קאַמפּף עפענט מיינע ליפּען און דאָס וואסער דרינגט אריין אין מויל, אין האַלז. צום לעצטען מאָל וויל איך דעם קאָפּ אויפהויבען, דאן פאנג איך אן צו פערזינקען —.

אין דעמזעלבען אויגענבליק שטויס איך זיך צו אן א הארטען קערפּער. איך פיהל אז מען שלעפּט מיך ארויס פון וואסער און מיין ברוסט פאנגט אן פרייער צו אטהמען, דאן אָבער בין איך אין אהנמאכט געפאלען —.

וואהרשיינליך בין איך ניט לאנג געבליעבען אין אזא בעוואוסטלאָזען צושטאנד ; קרעפטיגע הענד רייבען מיינע ערקעלטעטע גליעדער און ווענ־דען אן אלע מיטלען אום מיך אָבצומינטערען. באַלד האָב איך אויך די אויג־גען ווידער געעפענט.

„קאָנסייל" האָב איך קוים אויסגעשטאַמעלט.

„דעם הערן איז בעסער ?" פרעגט ער מיט א בעזאָרגטע שטימע.

ביי די העלע שטראהלען פון דעם מאָנד זעה איך נאָך א צווייטע גע־שטאַלט נעבען מיר.

„עדוארד לענד !" רוף איך אויס אין דער גרעסטער איבעררראשונג.

„איך זעלבסט, מיין הערר." האָט דער קאנאדיער געענטפערט.

„זייט איהר דען אויך דורך דעם צוזאמענשטויס פון שיף ארונטער געפאלען ?"

„יא, הערר פּראָפעסאָר ; אָבער מיר האָט עס גליקליכער אָבגעגאָלטען, דען איך האָב באַלד געפונען א קליינעם אינזעלע, אויף וועלכען עס וואר מיר מעגליך צו בלייבען שטעהען אויף די פיס."

„א אינזעל ?" בין איך ערשטוינט געוואָרען.

„יא, דאָס הייסט אויף אונזער ריעזען־נארוואַל."

„איך פערשטעה ניט, עדוארד, ערקלעהרט מיר געפעליגסט —".

„אויף וואס פיר א מין אינזעל מיר געפינען זיך יעצט ? נון, גאנץ איינ־פאך, הערר פראפעסאר, אויף א בלעכענעם ; דען אונזער ריעזען־נארוואל איז געמאכט פון דיקען אייזען־בלעך, דארום איז מיין הארפונע פון איהם אבגעשפרונגען".

דיעזע ווערטער האבען אויף מיר געמאכט אזא געוואלטיגען איינדרוק אז איך בין פון גרויס איבערראשונג אדער ערשטוינונג אויפגעשפרונגען, פערגעסענדיג אין גאנצען אן מיין שוואכקייט. אלע מיינע פארשטעלונגען, אין וועלכע איך בין ביז יעצט געווען אזוי פעסט איבערצייגט, האבען זיך פערוואנדעלט אין גאר ניט, אין א פוסטען חלום. א ריעזען־נארוואל, א משונה'דיגער ים־ריעז האט אלזא עקסיסטירט נור ביי מיר אין געדאנקען ; אבער וואס איז אייגענטליך דיעזער געגענשטאנד אויף וועלכען מיר געפינען זיך יעצט ?

אין דער גרעסטער אויפרעגונג בין איך ארויפגעקראכען אויף דעם רו־קען פון דיעזע בעשעפענים, אדער געגענשטאנד, וועלכער ליעגט גאנץ רו־היג, האלב אונטער'ן וואסער. איך פרוביר מיט'ן פוס, — יא, ריכטיג ! דיעזער קערפער איז ניט פון ווייכע טהיערען־פלייש, זאנדערן פון הארטען מעטאל. אין דעם ערסטען מאמענט איז מיר זאגאר אריין געפלויגען א גע־דאנקען אז דאס איז דעננאך א לעבעדיגע בעשעפענים, פון יענע זארטען ברואים וואס טראגען אויף זיך אנשטאט הויט א הארטען פאנצער, ווי צום ביישפיעל : די קראקאדילען און אלליגאטארען, נאטירליך א מאל צוואנ־ציג גרעסער ווי די געוועהנליכע. אזעלכע אונגעהויערע ריעזען־קראקאדילען האבען געלעבט אויף אונזער ערדען־באל מיט פיעלע צעהנדליגע־טויזענד יאהרען צוריק. אויב מיר זעהען זיי יעצט ניט אויף דער יבשה קען דאך פון דעסטוועגען מעגליך זיין אז זיי געפינען זיך אירגענד וואו אין די אונבעוואוס־טע טיעפעניסען פון דעם גרויסען ים, און איינעם פון זיי האט זיך יעצט פער־ווייעלט ארויף צו שפאציערען אויבען, אויפ'ן וואסער.

ווי געזאגט האב איך נור די ערסטע פאאר מינוטען אזעלכע געדאנקען זיך געקענט איינרעדען, דען באלד איז מיר גענוג קלאהר געווארען אז דאס זיינען נור איינגעבילדעטע פאנטאזיעס. דער שווארצליכער רוקען פון דיע־זען געגענשטאנד, אויף וועלכען מיר זיצען, איז ניט אין שופען ווי א נאטירליכער קראקאדילען־פאנצער, זאנדערן גלאט, פאלירט. ווען מען קלאפט אויף איהם הערט זיך איין אבקלאנג ווי פון מעטאל, און ווי אונגלויב־ליך דאס איז, דעננאך זעה איך קלאהר די צוזאמען־געשלאסענע פלאטען פון א שטארקען אייזען־שטאהל.

עס איז אלזא לענגער ניט מעגליך צו צווייפלען. דאס פירכטערליכע, אונגעהויערע בעשעפענים, וואס האט ארויפגעיאגט א שרעק אויף די גאנצע

וועלט און משוגע געמאכט די גרעסטע געלעהרטע מענער, עקסיסטירט גאָר ניט אלס א לעבעדיגע זאך, זאָנדערן אלס א מאשינע, וועלכע איז נאָך פיעל מעהר וואונדערבאר און איבערראשענד. מיין פערשטאנד וואָלט ניט אזוי פיעל ערשטוינט געוואָרען, ווען עס זאָל זיך בעשטעטיגען אז דאָס איז א זעלטענע ריעזען־טהיער, פון וועלכע מיר מענשען האָבען ביז יעצט ניט ערפאהרען, דען די נאטור בעזיצט נאָך געווים פיעלע אזעלכע געהיימניסע וואָס מיר ווייסען ניט ; אָבער צו זעהען יעצט מיט איינמאָל אז דיעזעס אונמעגליכע געהיימניס איז בעשאפען געוואָרען פון מענשען־האנד — אזא מין ערקלעהרונג האָט אלע מיינע געדאנקען פאָלשטענדיג צומישט.

יא, מיר געפינען זיך אויף דעם רוקען פון א זאָרט שיף, וואָס שווימט אונטער'ן וואסער. ווי פיעל איך קען אין דיעזער מינוט אורטהיילען בעזיצט זי די פאָרמע פון א שרעקליך גרויסען פיש, געמאכט פון שטאהל. איך מוז אלזאָ צוגעבען אז עדווארד איז פאָלקאָמען גערעכט געווען וואָס ער האָט ניט געגלויבט אין די עקסיסטענץ פון א ריעזען־נארוואל.

„אָבער דיעזעס שיף” האָב איך זיך אָבגערופען „מוז דאָך האָבען א מאַ־שינע וואָס ברענגט איהר אין בעוועגונג, און א מאנשאפט, וועלכע בענוטצען זיך מיט איהר.”

„גאנץ געווים” האָט עדוארד געענטפערט „אָבוואָהל דיעזע לייטע האָ־בען זיך נאָך זאָגאר ניט בעוויעזען צייט די דריי שטונדען וואָס איך זיטץ דאָ אויף זייער שיף.”

„און זי איז אויך די גאנצע צייט אויף דעמזעלבען אָרט געשטאנען ?”

„יא, הערר אראָנאקס, זי בעוועגט זיך ניט, אויסער נור וואָס די וועלען שאָקלען איהר.”

„מיר ווייסען דאָך אָבער אז דיעזעס שיף בעזיצט איין אונגעהויערע גרויסע געשווינדיגקייט. נאטירליך טרייבט איהר א מאשינע מיט וועלכע יעמאנד רעגיערט ווי ער וויל.”

גראדע אזוי ווי צום בעווייז פון די ווערטער וואָס איך האָב יעצט אויס־געשפראָכען איז אין דעמזעלבען אויגענבליק געוועז צו הערען א גערויש אין דעם הינטערסטען טהייל פון דיעזע מערקווירדיגע שיף, ריכטיג אזוי ווי פון א שרויבע, וואָס דרעהט זיך אונטער'ן וואסער, און די מאשינע האָט אנגעפאנגען זיך עטוואס שנעלער צו בעוועגען. מיר האָבען נאָך צייט געהאט זיך ארויפצוכאפען העכער אויפ'ן פערדעק, וועלכער האָט ארויסגעשטארצט פון וואסער עטוואס מעהר ווי איין עלל, און דאָרט זיך ווי עס איז אָנ־צוהאלטען. צום גליק איז דאָס שיף יעצט אויך ניט געלאָפען צו האסטיג, זאָנסט וואָלטען מיר געווים ארונטער געפאלען.

„אזוי לאנג ווי זי געהט אין א גלייכע ריכטונג איז נאָך ניט געפעהר־

ליך" האָט עדוואַרד געברומט „אָבער אויב עס זאָל זיך זיי פּערוועלען אַרונ־טער צו שווימען, דאַן איז אונזער לעבען ניט ווערטה קיין צוויי סענט."

יאַ, מיר געפינען זיך ווירקליך אין אַ זעהר קריטישע לאַגע, פּאַסט אַ טריט פון זיכערען טויט, דען מיר ווילען יעדענפאַלס לאַנג זיך ניט קע־נען האַלטען אויף דעם קיילאַכדיגען, ג'אַטען רוקען פון דיעזען בלעכענעם וואַלפיש אינוועניג געפינען זיך דאָך וואהרשיינליך מענשען, און אָב־וואהל מיר ווייסען ניט ווער זיי זיינען, מוזען מיר דעננאָך זעהן וואָס שנע־לער מיט זיי זיך צוזאַמען צו רעדען, אַז זיי זאָלען אונז אין שיף אַריינלאָזען. איך האָב אָנגעפאַנגען צו זוכען איבער'ן גאַנצען דעק, פּיעלייכט וועל איך געפינען אירגענד וואו איין אָפענע שטעלע, אָבער די אייזען־פּלאַטען זיינען איבעראַל פעסט צוזאַמען געשלאָסען, אַזוי ו זיי וואָלטען געווען פון איין שטיק.

דער מאַנד איז אויך באַלד אונטערגעגאַנגען און מיר זיינען געבליעבען אויף אונזער געפעהרליכען פּלאַטץ אין דער פינסטערניס. מיר מוזען דאַרום אבוואַרטען ביז עס וועט טאָג ווערען; פּיעלייכט וועט אונז דאַן געלינגען אויסצוגעפינען אַ מיטעל ווי אַזוי אין דאָס שיף אַריין צו קומען.

עס איז אָבער אַ גרויסער צווייפעל אויב מיר וועלען ביז דאַהין בלייבען לעבען. דיעזעס שיף, וואָס איז געמאַכט געוואָרען צו שווימען אונטער'ן וואַסער, קען יעדע מינוט זיך אַרונטערלאָזען און אונז אַראָפּשווינקען. אויב די מענשען אין שיף ווייסען פון אונז אָדער ניט, איז שווער צו בעשטימען: אָבער יעדענפאַלס איז אונזער לעבען אבהע -- פון זייער קאַפּריז און גוטען ווילען, אונז אין שיף אַריין צו נעהמען און רעטען, אָדער אונז צו לאָזען דאָ אומקומען.

אויף דעם קאָמאַנדאַנט פּאַראַגוט מיט זיין פרעגאַטע האָבען מיר שוין גאָר ניט וואָס צו האָפען. אונזער בלעכענער וואַלפיש שווימט אימער וויטער פון דיעזער געגענד צו דער וועסט, אָבוואהל ניט זעהר שנעל, אָבער ווי פיעל איך קען אבשאַטצען מאַכט ער יעצט אויף אונגעפעהר צוועלף מיילען אין אַ שטונדע. די שרויבע קלאַפּט גאַנץ רעגעלמעסיג איבער די וועללען און דאָס וואַסער שפּריצט הויך מיט אַ פאָספאָר־גלאַנץ.

אַרום פיער אוהר פאַרטאָג האָט דאָס שיף אָנגעפאַנגען שנעלער צו געהן. מיר וועלען שוין וואהרשיינליך לאַנג ניט קענען אויסהאַלטען, עס שווינ־דעלט אונז שרעקליך אין די אויגען און דאָס וואַסער בעגיעסט יעדע מינוט דעם גאַנצען פּערדעק. צום גליק האָט עדוואַרד דערטאַפּט איין אייזערנעם רינג און מיר קלאַמערען זיך אָן איהם מיט אונזערע ציטערנדע הענד, אַזוי ווי אָן די לעצטע האָפנונג. דעננאָך פערצווייפעל איך ניט און ערוואַרט יעדע מינוט אַז מיר זאָלען גערעטעט ווערען, דען דאָס שיף וואָס איז רונד אַרום

אזוי פעסט געשלאָסען, אז עס זאָל דורך אירגענד וועלכען שפּאַלט קיין וואַסער ניט קענען אריין קומען, מוז דאָך אָבער צו אַ בעשטימטע צייט נייע, פרישע לופט אריין גענהמען; זיי וועלען דארום געוויס עפנען קירצליך אַ פּלאַטע, און דאן וועלען מיר האָבען די מעגליכקייט זיך מיט זיי צוזאַמען צו רעדען.

ענדליך איז דיעזע לאַנגע, שרעקליכע נאַכט פאַרבייגעגאַנגען. עס איז מיר אונמעגליך צו בעשרייבען וואָס מיר זיינען וועהרענד די צייט פון יענע געפעהרליכע שטונדען אויסגעשטאַנען; מיין עראינערונג ווירד צומישט פון די פערשיעדענע געפיהלען וואָס האָבען דאַן אין מיין הערצען געשטורמט. נור איין זאַך געדענק איך קלאָהר, אז וועהרענד דאָס מעער און דער ווינד וואַרען רוהיג איז מיר איינינגע מאָל פאָרגעקומען אז אירגענד וואו ווייט, אין די טיעפענים פון שיף, הערען זיך זיסע, מעלאָדישע טאָנען, אזוי ווי מען וואָלט שפּיעלען אויף אַ פּיאַנאָ. ווער זיינען אַלזאָ די מענשען וואָס לעבען אין דיעזען מערקווירדיגען שיף? וואָס פיר אַ וואונדערבאַרע קראַפט טרייבט איהר מיט אזא געשווינדיגקייט איבער די וועלען פון ים? דאס וואַרען די פראַגען מיט וועלכע איך האָב זיך די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו בעשעפטיגען.

עס איז טאָג געוואָרען. אַ קורצע צייט וואַרען מיר בעדעקט מיט אַ געדיכטען טהוי, וועלכער איז אָבער באַלד פאַנאַנדער געגאַנגען. איך האָב אָנגעפאַנגען צו אונטערזוכען די פּלאַטפאָרם אויף די אויבערסטע טהייל פון שיף, אָבער באַלד בין איך געבליעבען שטעהען ווי פערשטיינערט פון שרעק. שפּיערענדיג אז אונזער זאָנדערבאַר אייזערנער וואַלפיש זינקט אַראָפּ גאַנץ לאַנגזאַם אין די טיעפענים פון וואַסער. ער לאָזט זיך אַרונטער — מיר זיינען פערלאָהרען!

„עה, טייוולען!" האָט עדוארד לענד געשריען, טראַמפּלענדיג מיט די פיס אויפ'ן פערדעק „עפענט דאָך אויף איהר פערפלוכטע נשמות!"

די שרויבע רוישט אָבער אזוי אז עס איז גאָר ניט מעגליך צו האָפען מען זאָל עדוארד'ס קלעפּ דערהערען. דעננאָך האָט דאָס שיף באַלד אויפגעהערט זיך אַרונטער צו לאָזען און איז מיט איינמאָל געבליעבען שטעהען.

פּלוצלונג דערהערען מיר אין שיף אַ גערויש אזוי ווי מען רוקט אָב אייזערנע ריגלען; איינע פון די פּלאַטען איז געעפענט געוואָרען, אַ מאַן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּף און אַרויסגעשטויסען אַ זאָנדערבאַרען געשריי, דאַן איז ער וויעדער פערשוואונדען געוואָרען.

איינינגע אויגענבליק נאָכדעם זיינען אַרויסגעשפּרונגען אכט שטאַרקע מענער, מיט פערמאַסקירטע געזיכטער, און ניט רעדענדיג אַ וואָרט האָבען זיי אונז נעפּאַקט און אַריינגעשלעפּט אין דיעזע פירכטערליכע מאַשינע.

אכטעס קאפיטעל.

MOBILIS IN MOBILE.

דיעזע ברוטאלע סצענע האט זיך אבגעשפיעלט שנעל ווי א בליץ. איך ווייס ניט וואס מיינע פעראונגליקטע קאמעראדען האבען געשפירט אין דעם מאמענט ווען זיי זיינען אויף זא איין אופן אריינגעשלעפט געווארען אין דאס שווימענדע געפענגניס, אבער מיר האט עס דורכגעשווידערט. מיט וועמען האבען מיר דא אייגענטליך צו טהון ? ווער זיינען דיעזע מענשען ? פאר־וואס בעהאלטען זיי זיך פון דער וועלט ? עס איז העכסט וואהרשיינליך אז מיר זיינען דא אריינגעפאלען אין די הענד פון א נייעם זארט ים־רויבער, וועלכע האבען ארויסגערופען אזא מערקווירדיגען מיטעל, אום זיך פון פער־פאלגונג צו פערזיכערען.

די פלאטען איבער אונז האט זיך באלד געשלאסען און מיר זיינען פער־דעקט געווארען מיט א דיקע פינסטערניס. דער איבערגאנג פון דאס העללע טאגעס־ליכט דרויסען אין דיעזע טיפע דונקעלהייט האט אויף מיינע אויגען אזוי געווירקט אז עס איז מיר אין דיעזען מאמענט ניט מעגליך געוועזען עטוואס צו זעהען. איך שפיער מיט מיינע נאקעטע פיס ווי מען פיהרט מיך איבער די שטאפלען פון איין אייזערנעם לייטער. עדווארד לענד און מיין דיענער ווערען אויך האסטיג אראפגעשלעפט איבער מיר ; אלס מיר זיינען באלד געקומען אונטען האט זיך אירגענד וואו געעפענט א טהיר, וועל־כע איז דאן מיט א גערויש הינטער אונז פערשלאסען געווארען.

מיר קענען זיך גאר ניט דענקען וואו מיר זיינען דא אריינגעפאלען ; ארום אונז איז דונקעל, שווארץ ווי די פינסטערניס אליין.

עדווארד לענד האט אנגעפאנגען פון גרויס וואוטה שרעקליך צו פלוכען.

„צעהן טויזענד מיליאן טייוולען !” האט ער געשריען „ווער זייט איהר אזעלכע, מענשען־פרעסער ? וואס ווילט איהר אונז אויף א פריה־שטיק פערצעהרען ? איך וועל אבער מיט אלע מיינע קרעפטען קעמפפען געגען אייער פערפלוכטע באנדע !”

„בערוהיגט זיך, פריינד עדווארד” האט מיין דיענער זיך אבגערופען גאנץ געלאסען „צו וואס דארפט איהר זיך שוין יעצט אזוי ערגערען ? פאר־לויפיג האט מען אונז נאך ניט אנגעפאנגען אבצובראטען.”

„ווער ווייס ?” פיעלייכט ליעגען מיר שוין דא אין א בראט אויווען ?” האט דער קאנאדיער זיך געקאכט „דא איז דאך אזוי שטאק פינסטער ווי אין

גיהנום ! צום גליק האָב איך נאָך ביי זיך מיין ברייטען מעסער ; זאָלען זיי נור קומען, די באַנדיטען ! דעם ערסטען, בעסטען וואָס זאָל זיך נור אונ־טערשטעהען מיך אָנצוריהרען וועל איך . . ."

„גענוג שוין שרייען, עדוארד !" האָב איך איהם אָבגעהאַלטען „פיע־לייכט ברענגט איהר אונז מיט אייערע ווערטער אין נאָך א גרעסערע גע־פאַהר ? עס קען דאָך מעגליך זיין אז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט מענשען וואָס פערשטעהען אונז און הערען אייערע שימפּפעריייען. לאָמיר בעסער זיך אַרום זעהן, פיעלייכט וועט אונז געלינגען צו ערפאהרען וואו מיר גע־פינען זיך דאָ."

דער קאַנאַדיער איז שטיל געבליעבען און איך האָב אָנגעפאַנגען פאָר־זיכטיג צו געהען, האַלטענדיג אויסגעשטעלט די הענד. פינף טריט ווייטער דערטאַפּ איך איין אייזערנע וואַנד, וועלכע בעשטעהט אויך פון צו־זאמען־געשלאָסענע שטאהל־פּלאַטען. דאַן דרעה איך זיך אום און באַלד שטויס איך זיך אָן צו א הילצערנעם טיש, אַרום וועלכען עס שטעהען אייניגע שטוהלען. דער גאַנצער באָדען איז אויסגעלעגט מיט א דיקען, ווייכען טעפּיך, זאָ דאָס מען קען די טריט גאָר ניט הערען. טאַפּענדיג אַרום די נאַקעטע ווענד פיהל איך קיין שפּור פון אירגענד וועלכע טהיר אָדער פענס־טער. קאָנסייל וועלכער האָט אויף דעמזעלבען אופן אונטערזוכט דיעזע צי־מער פון דעם צווייטען זייט, איז באַלד מיט מיר צוזאמען געקומען. נאָך אונזער רעכנונג איז די קאַיוטע מינדעסטענס צוואַנציג פוס לאַנג און צעהן פוס ברייט. דער הויך־געוואקסענער קאַנאַדיער האָט אויפגעהויבען די הענד, אום דעם אויבערסטען פערדעק צו ערגרייכען, אָבער דאָס וואר איהם אונ־מעגליך.

א האַלבע שטונדע איז אזוי פאַרבייגעגאַנגען און אונזער לאַגע האָט זיך ניט געענדערט. מיר האָבען שוין ניט געוואוסט וואָס צו קלעהרען און צו טראַכטען, אַלס פּלוצלונג איז געוואָרען אזוי העלל ליכטיג אַז אונזערע אויגען זיינען פערבלענדעט געוואָרען. אַן דעם ווייסען, שטאַרקען שיין האָב איך באַלד דערקענט אַז דאָס איז איין עלעקטרישע בעלייכטונג, דערזעל־בער העלל־גלענצענדער, פּראַכטפאָלער שיין מיט וועלכען דיעזע אונטער־וואסערדיגע שיף שפּיעגעלט זיך אָב אין די וועללען פון ים. א קורצע צייט האָב איך געמוזט האַלטען די אויגען געשלאָסען, ביז עס איז מיר מעגליך געוועזן ביסלאַכווייז צו דיעזע ליכט זיך איינצוגעוואהנען, און דאַן זעהע איך אַז די לייכטענדע קראַפט קומט אַרויס פון א גלאַטען האַלב קוגעל, וועלכער איז איינגעזעצט אויבען, אין דעק פון דער קאַיוטע.

„ענדליך ! ווענינגסטענס איז יעצט ליכטיג." האָט עדוארד אויסגערו־

פען און זיך געזעצט אויף א שטוהל, האלטענדיג זיין ברייטען מעסער אין האנד, פערטיג זיך צו פערטהיידיגען.

„יא, ליכטיג איז עס גענוג” האב איך דארויף געזאגט „אבוואהל אונזער לאגע בלייבט נאך אימער דונקעל.”

„זאל נור דער הערר עטוואס גערולד האבען” האט מיין קאלטבלוטיגער דיענער זיך אבגערופען „אז די מענשען זיינען קיינע ווילדע באנדיטען איז דאך שוין דייטליך גענוג. באלד וועלען מיר געווים פון זיי עטוואס מעהר הערען און זעהען.”

יא, זעהען האבען מיר שוין יעצט געקענט און גוט בעטראכטען די קא־יוטע איבעראל. אויסער א טיש מיט פינף שטוהלען געפינט זיך דא קיין מעבעל ניט. די טהירען זיינען אזוי קונסטפאל געשלאסען, אז עס איז אויף די גלאטע אייזערנע וואנד פון זיי קיין צייכען ניט צו בעמערקען. עס הערט זיך אויך קיין שום גערויש, אזוי ווי אלעס אין שיף וואלט געווען אויסגעשטארבען. אויב מיר פאהרען ווייטער, שווימענדיג אויף די אויי־בערפלעכע פון מעער, אדער מיר זיינען פערזונקען אין די טיעפענים — דאס האבען מיר יעצט ניט געקענט וויסען.

אונטערדעסען מוז איך דאך צוגעבען אז מיין דיענער קאנסייל איז פאל־קאמען גערעכט. מען האט דאך ניט גלאט אזוי, אהן שום אורזאכע, בע־לייכטעט אונזער צימער; וואהרשיינליך וועלען קירצליך די בעוואהנער פון דאס שיף זיך אויך לאזען זעהען.

אונזער האפנונג איז באלד ווירקליך ערפילט געווארען. עס הערט זיך ווי מען רוקט אב א ריגעל, די טהיר ווירד געעפענט און צוויי מענער קומען צו אונז אריין. איינער פון זיי איז א ניעדריגער, קרעפטיג געבויט, מיט ברייטע שולטערען און שטארקע גליעדער; זיין קאפף איז גענוג דיק, בע־דעקט מיט געדיכטע, שווארצע האאר; זיין בליק איז שארף, דורכדרינ־גענד און זיין גאנצע ערשיינונג איז זעהר לעבהאפט און בעוועגליך, גראדע ווי די מענשען וואס זיינען געבארען אין די הייסערע דרום־געגענדען. אזעל־כע פערזענליכקייטען טרעפט מען אן ביי אונז אין פראנקרייך אם מייסטען אין די פראווינצען פון דער פראוואנס. ער האט גערעדט אין אונזער געגענ־ווארט אויף א זאנדערבארע שפראך, פון וועלכע עס וואר אונז ניט מעגליך זאגאר איין ווארט צו פערשטעהען.

דער צווייטער איז מיר ערשיענען אלס א העכסט מערקווירדיגע פערזאן. אויף זיין אפענעם, קלאהרען געזיכט איז געווען דייטליך צו דערקענען זיינע אייגענשאפטען און זיין גאנצען כאראקטער. פון זיינע שווארצע אויגען האט געשטראהלט איין זיכערעס פערטרויען צו זיך זעלבסט, איין ענטשלאסענער מוטה, שטארקע ווילענסקראפט און רוהיגע געלאסענהייט. אויף זיין גאנצע

פיגור ליעגט א שטאָלצער חן; זיין פעסטער, רוהיגער בליק שיינט צו ענט־האַלטען הויכע געדאַנקען און פון זיין גאַנצע בענעהמונג איז צו זעהען אַז דער מאַן בעזיצט איין ערדעלע, ערהאַבענע זעעלע.

די געגענוואַרט פון דיעזען מאַן האָט מיר זעהר בערוהיגט. ניט פיעל טראַכטענדיג איז אין מיר אויפגעשטיגען א געפיהל אַז פון אזא פערזאָן דאַרף מען נור גוטעס ערוואַרטען.

ווי אַלט דיעזער מערקווירדיגער מענש איז, אויב פינף און דרייסיג אָדער זאָגאַר פופציג יאָהר, איז מיר דאַן ניט מעגליך געוועזען צו בעשטימען. זיין געוואוקס וואַר הויך, דער קלאָהרער שטערןברייט, דער נאָז גראַד און די ליפען שעהן און עדעל געצייכענט. די פיינע, לאַנגע הענד זיינע גראַדע ווי בעשאַפען אום פיר א שעהנע, ליידענשאַפטליכע זעעלע צו דיענען. אי־בערהויפּט ליעגט אין זיינע אויגען אזא קראַפט וועלכע קען אריין דרינגען דעם צווייטען אין הערצען און דורכבליקען די פערבאָרגענע טיעפנים פון מעער, ביז צום פינסטערען גרונד. —

ביידע מענער האָבען געטראַגען קליידער פון איין אונבעקאַנטען, ווייכען שטאָף, זאָ דאָס מען האָט זיך אין איהם געקענט בעקוועם און פריי בע־וועגען. זייערע קעפּ וואַרען בעדעקט מיט פעלענע מיטצען פון ים־טהיערע, וואָס איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען אָטטער. זייערע שטיעפעל וואַרען אויך געמאַכט פון ים־ראַבבען־פעלל.

דער העכערער פון דיעזע ביידע פערזאָנען, וואהרשיינליך דער אנפיה־רער פון שיף, בעטראַכט אונז אַלעמען א קורצע צייט מיט פאָרשענדע בלי־קען, ניט רעדענדיג זאָגאַר איין וואָרט. דאַן ווענדעט ער זיך צו זיין קאַ־מעראַד און זאָגט איהם עטוואָס אויף אזא שפּראַך וועלכע איז מיר גאַנץ אונ־בעקאַנט. איך הער נור פאָלקלינגענדע, האַרמאָנישע ווערטער, מיט א פער־שיעדענע בעטאָנונג, אָבער איך הויב ניט אָן צו פערשטעהען די בעדייטונג פון זיי. דער אנדערער האָט נור צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און עטוואָס גע־ענטפערט אויף די זעלבע שפּראַך, דאַן האָבען זיינע בליקען זיך אָבגעשטעלט אויף מיר מיט א פראַגענדען אויסדרוק.

איך האָב דאַרויף אין מיין פראַנצויזישע מוטער־שפּראַך איהם ער־קלעהרט אַז איך פערשטעה ניט וואָס ער פרעגט מיר; אָבער עס איז געוועזען דייטליך צו זעהען אַז ער פערשטעהט אויך ניט וואָס איך רייד, און מיר זיינען ביידע געבליעבען אין גרויס פערלעגענהייט.

„דער הערר דאַרף דערנאָך אונזער גאַנצע געשיכטע ערצעהלען" האָט קאַנסייל זיך אָבגערופען „די הערען וועלען פיעלייכט איינינע ווערטער דאַ־פון קענען בעגרייפען."

פאָלגענדיג דיעזען ראַטה האָב איך אָנגעפאַנגען ריכטיג און גענוי צו

ערקלעהרען אלע אונזערע בעגעבענהייטען. איך האָב געזוכט צו רעדען גאַנץ לאַנגזאַם, מיט געצעהלטע ווערטער, קלאָהר און דייטליך. אלס מיין ערצעהלונג וואר אויף דיעזען אופן געענדיגט האָב איך פאָרגעשטעלט זיך זעלבסט, דעם פּראָפעסאָר אראָנאַקס פון פאריז, מיין דיענער קאָנסייל און דעם האַרפּוניער עדוארד לענד.

דער שטאָלצער הויבער מאַן, מיט דעם רוהיגען בליק, האָט מיך גאַנץ געלאַסען אויסגעהערט און וואר דאַביי זעהר העפליך און אויפמערקזאַם; אָבער אויף זיין געזיכט איז ניט מעגליך געווען צו דערקענען אויב ער האָט מיך פערשטאַנען. אלס מיין ערקלעהרונג וואר געענדיגט האָט ער אַ וואָרט ניט געענטפערט.

מיין פראַנצויזישע ערצעהלונג האָט אלזאָ קיין ווירקונג ניט געמאַכט. מיר האָבען דעננאָך אַ מיטעל זיך צו בענוצען מיט ענגליש, וועלכע איז אַנ־ערקענט אלס אַ וועלט־שפּראַך. איך אליין פערשטעה זעהר גוט ענגליש און דייטש צו לעזען און צו שרייבען, אָבער דאָס שפּרעכען קומט מיר אָן עטוואַס שווער. יעצט אָבער, מיט דיעזע פּערזאָנען, מוז מען זיך איבערהויפּט גאַנץ פערשטענדליך ערקלעהרען.

„די לייטע פערשטעהען וואהרשיינליך קיין פראַנצויזיש" האָב איך צום קאַנאַדיער געזאָגט „נעהמט זיך אלזאָ צוזאַמען, מייסטער לענד און בעמיהט זיך צו שפּרעכען אין אַ קלאָהרען ריינעם ענגליש. פיעלייכט וועט אייך בע־סער געלינגען אלס מיר."

עדוארד האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און אָנגעפאַנגען אויף ענג־ליש צו ווידערהאָלען מיין ערצעהלונג. פּאַסט אין דיזעלבע ווערטער. דער קאַנאַדיער האָט געשפּראָכען זעהר לעבהאַפט און מיט גרויס אויפרעגונג, זיך בעקלאָגענדיג פאַרוואָס מען האַלט אונז געגען יעדע מענשליכע רעכט גע־פאַנגען, און פרעגענדיג וואו האָבען זיי גענומען אַזאַ געזעטץ, מיט פער־אונגליקטע מענשען אויף דיעזען אופן זיך צו בענעהען. דאַביי האָט עדוארד געמאַכט מיט די הענד און געשריען, אַז מיר ווילען זיי פערפאָלגען דורך דאָס געריכט, און דאַן האָט ער געשלאָסען זיינע ברויזענדע ווערטער מיט די ערקלעהרונג אַז מיר שטאַרבען דאָ פון הונגער.

די לעצטע בעהויפּטונג איז אפילו געווען גאַנץ ריכטיג, אָבוואָהל מיר האָבען ביז יעצט גאָר קיין צייט געהאַט צו דענקען וועגען עסען; דעננאָך איז דער קאַנאַדיער ניט געווען גליקליכער ווי איך, און צו אונזער גרויסען ערשטוינען האָבען אונזערע בעזוכער ווי עס ווייזט אויס זיין ענגלישע ער־קלעהרונג אויך ניט געקענט בעגרייפען.

איך בין יעצט געבליעבען אין גרויס פערלעגענהייט; אונזער שפּראַך־

קענטניס איז דאמיט געוועזן געענדיגט ; וואס זאלען מיר יעצט טהון, אום מיט דיעזע לייטע זיך צוזאמען צו רעדען ?

„אויב דער הערר וויל מיר ערלויבען" האט מיין דיענער זיך אבגערופען „וועל איך פּרובירען מיט זיי רעדען דייטש."

„ווי ? דו פערשטעהסט די דייטשע שפּראך ?" בין איך פערוואונדערט געוואָרען.

„ווי א האללענדער, געוועהנליך ; אבער עס איז גענוג זיך צו ערקלעהרען."

איך האב קאנסייל'ן מיט פערגניגען דאס ערלויבט און ער האט דאן מיט זיין געוועהנליכע רוהיגע בענעהמונג גאנץ בנעימות אנגעפאנגען אונזער געשיכטע צום דריטען מאל צו ערצעהלען. אבער טראָטץ אלע בעמיהונגען האט דא דער דייטש אליין אויך ניט געקענט העלפען.

ענדליך האב איך צוזאמען גענומען אלע מיינע עררינערונגען פון שטודיום אין די יונגע יאהרען און זיך פאנאנדער גערעדט מיט זיי אויף לאטייניש. אויב מיינע ערקלעהרונגען זיינען פיעלייכט ניט געוועזן אין דעם עכטען רייגעם סטיל פון הויך לאטיין, אבער יעדער וואס ווייס די שפּראך האט מיך געקענט גאנץ גוט פערשטעהען, אויסער דיעזע צוויי פּערזאָנען, וועלכע זיינען יעצט אויך געבליעבען שטעהען און מיט קיין צייכען ניט בעוויעזען אז זיי בעגרייפען וואס מיר רעדען.

נאך דיעזע לעצטע לאטיינישע ערקלעהרונג האבען די אונבעקאנטע גערעדט צווישען זיך אפּאָאר ווערטער אויף זייער אונפערשטענדליכע שפּראך און זיינען ארויסגעגאנגען, איבערלאָזענדיג אונז אין די גרעסטע בעשטירצונג. די טהיר פון אונזער געפענגניס איז ווידער גאנץ שטיל געשלאָסען געוואָרען.

„פערדאמט !" האט עדוארד לענד אויסגעשריען אין גרעסטען וואוטה „האט איהר וועגן געהערט ? מען רעדט צו די שופטען פראנצויזיש, ענגליש, דייטש, לאטייניש און גאר ניט ! זיי געפינען ניט פיר נויטהיג וועניגסטענס איין וואָרט צו ענטפערען."

„רוהיג, עדוארד" האב איך דעם ברויזענדען קאנאדיער אבגעהאלטען „מיט אייער צאָרן וועט איהר זיך דאך גאר ניט העלפען."

„אבער ווייסט איהר, הערר פּראָפעסאָר, אז מיר וועלען אין דיעזען אייזערנעם שטייג אויסגעהען פון הונגער ?"

„נון, עס איז נאך ניט אזוי געפעהרליך" האט קאנסייל ערוויעדערט „מיר וועלען נאך א רעכטע צייט קענען אויסהאלטען."

„הערט נור צו, ליעבע פריינדע" האב איך געזאגט „מיר דארפען פאַרלויפיג ניט פערצווייפלען. פריהער, איידער מען האט אונז אריינגענומען

אין שיף, זיינען מיר געווען אין איין ערגערע לאגע. זייט נור א ווילע רו־היג, איך וויל מיך בעקלעהרען וואס פיר א זארט מענשען זיינען דיעזער קא־פיטאן און זיין מאנשאפט."

„איך האב שוין בעקלעהרט געגוג" איז עדוארד אויפגעשפרונגען „זיי זיינען שופטען . . ."

„עה שווייגט דאך בעסער! איך מיין פון וועלכען לאנד קענען זיי שטאמען."

„נאטירליך פון שופטען־לאנד!" האט עדוארד ניט אויפגעהערט צו פלוכען.

„אבער, עדוארד" האב איך געמוזט לאכען „איהר ווייסט דאך אז אזא לאנד געפינט זיך ניט אויף דער קארטע. איהר שטערט מיך בלויז מיט אייערע רייד, וועלכע קענען דאך גאר ניט נוטצען. האט געדולד, איך וויל נור בעטראכטען צו וועלכע נאציאן זאלען זיי אייגענטליך געהערען. ענג־לענדער, דייטשען, פראנצויזען זיינען זיי ניט, דאס האט זיך יעצט קלאהר בעוויעזען. בעטראכטענדיג זייערע געזיכטער קומט מיר אבער פאר אז זיי מוזען געהערען צו אירגענד וועלכע לאנד פון די הייסערע געגענדען; עס ליעגט אויף זייער גאנצען וועזען אזא מין בענעהמונג ווי מען זעהט עס אויף יענע פעלקער. אבער אויב זיי זיינען שפאניער, טערקען, אראבער אדער אינדיער איז שווער צו בעשטימען, איבערהויפט קומט מיר זייער שפראך פאר גאנץ פרעמד. דאס איז נעמליך די צרה פון די פערשיעדענהייט אין די לשונות. ווען אלע מענשען זאלען רעדען איין שפראך וואלט די וועלט ווירק־ליך פיעל בעסער אויסגעזעהען."

„און אונז וואלט עס דענגאך ווענינ געהאלפען" האט עדוארד גע־ברומט „דיעזע באנדיטען וואלטען צו יעדער צייט אויסגעטראכט זייער איי־גענע שפראך, אום עהרליכע מענשען וואס זיינען הונגעריג אין פערצווייפ־לונג צו טרייבען. יעדער עזעל, יעדער דומקאפף קען פערשטעהען א וואונק, א תנועה, ווען מען צייגט איהם אז מען וויל עסען, דענגאך מאכען זיך דיעזע קאנאליעם ניט וויסענדיג . . ."

איידער דער בייזער קאנאדיער האט נאך געקענט בעווייזען זיין גאנ־צען גרים־צארן אויסצוגיעסען איז די טהיר וויעדער געעפענט געווארען. דער סטוארט (פראוויאנט־מייסטער) פון שיף איז אריינגעקומען און האט אונז געבראכט הויזען, וועסטען און נאך איינינע שטיקער קליידונג פון איין אונ־בעקאנטען שטאף. איך האב מיט גרויס פערגניגען באלד אנגעצויגען אויף מיין נאקעטען לייב דיעזע לייכטע, ווארעמע קליידער און דאס זעלבע הא־בען אויך מיינע קאמעראדען געטהון. פון דעם סטוארט איז אונז אויך ניט געלונגען זאגאר א ווארט צו הערען; אויב ער איז שטום, אדער ער פער־

שטעהט אונז ניט קענען מיר ניט וויסען. ביז מיר זיינען געוועזען פערטיג מיט'ן אנקליידען זיך האט ער געגרייט צום טיש און פאנאנדער געשטעלט דריי גערעקטע סערוויזען.

„אט דאס איז אנאנדער זאך!" איז קאנסייל דערפרעהט געווארען „יעצט וועלען מיר זיך גוט האבען."

„א קלייניגקייט!" האט דער קאנאדיער זיך נאך אימער געערגערט „וואס מיינט איהר פרעסען דען אזעלכע ווילדע מענשען? לעבער פון שילדקרעטען, פאסטעטען פון הייפיש, ביפשטעקס פון ים־הונד!—"

עדוארד'ס צארן איז אבער דיעזעס מאל געוועזען אומזיסט. אלס מיר האבען אויפגעהויבען די זילבערנע דעקלעך פון די שיסלען זיינען פאר אונזערע אויגען געשטאנען אויסגעצייכענטע, פראכטפאלע געריכטען, מיט וועלכע מען דארף זיך ניט שעהמען זאגאר אין גראנד האטעל פון פאריז. עס ווארען צווישען דיעזע שפייזען איינינע זארטען פון די געשמאקסטע פישען, פערשיעדענע פליישען, גוט צובערייטעט און פיעלע אנדערע געריכטען פון איין גאנץ אונבעוואוסטען זארט, וועלכע מיר האבען ניט געקענט פערשטעהן פון וואס זיי זיינען געמאכט; אבער זייער געשמאק איז געוועזען גוט, ווי מען קען זיך גאר בעסער ניט ווינשען. דעננאך האבען ביי אונזער טיש געפעהלט צוויי זאכען, נעמליך ברויט און וויין, אבוואהל מיר האבען ריעזען מאנגעל גאנץ ווייניג געשפיערט, דען אנשטאט ברויט האט אונז גענוצט איין אנדער אונבעוואוסטער זארט שפייז און נאך וויין האב איך ווייניגסטענס גאר ניט געבייגקט.

פון די עלעגאנטע סערוויזען און די פראכטיגע טיש־גערעטהע האבען מיר געקענט פערשטעהען אז די בעוואהנער פון דיעזען שיף זיינען פאלשטענדיג געבילדעטע לייטע. איך בין נאך מעהר ערשטוינט געווארען צו זעהען אויף אלע טעלער, גאפעל, מעסער און יעדען געגענשטאנד די פאלגענדע לאטיינישע אויפשריפט: Mobilis in mobile N.

דאס הייסט, א זאך וואס בעוועגט זיך אין א בעוועגליכען עלעמענט, גראדע ווי עס פאסט צו זאגען אויף אונזער שיף. דער בוכשטאב ען איז וואהרשיינליך דער אנפאנג פון דעם קאפיטאן'ס אדער אייגענטהימער'ס נאמען. ער פערשטעהט אלזא די ליטיינישע שפראך און בענוצט זיך מיט איהר, דעננאך האט ער מיר אין דער זעלבער שפראך ניט געוואלט ענטפערען. א מערקווירדיגער מענש!

עדוארד און קאנסייל האבען וואהרשיינליך וועגען דיעזע אלע זאכען גאנץ ווייניג געטראכט, זיטצענדיג ביי'ן טיש און פערשלינגענדיג מיט א הייסען הונגער די געבראכטע שפייזען, איך האב נאטירליך אויך דאס זעלבע געטהון מיט א פרעהליכען געמיטה, דען ווי עס שיינט קענען מיר וועגען

אונזער ווייטערען שיקזאל פאַלשטענדיג בערוהיגט זיין. מען וועט אונז וואהרשיינליך אויף דיעזען שיף ניט אויפעסען, ווי עדוארד האָט געשריען, און פון הונגער וועלען מיר אויך ניט שטארבען.

אָבער אַלעס אויף דער וועלט נעהמט איין ענדע, זאָגאר דער הונגער פון אזעלכע מענשען וואָס האָבען צייט פערצעהן שטונדען ניט געגעסען. אלס אונזער אפעטיט איז בעפריעדיגט געוואָרען האָט אונז אָנגעפאנגען זעהר שטארק צו שלעפערען. גאנץ נאַטירליך זיינען מיר געווען געגוג מיעד נאָך אזאַ אונענדליך־לאנגע נאכט און נאָך אזעלכע שרעקליכע געפאהרען, ווען עס איז אונז אויסגעקומען זיך צו ראנגלען מיט'ן טויט.

„מיר דאכט אַז יעצט איז דאָס בעסטע פיר אונז צו געהען שלאָפען." האָט קאַנסייל געקלעהרט.

„און מיר דוכט גאָר ניט; איך שלאָף שוין!" האָט עדוארד געענט־פערט.

מיינעביידע קאַמעראַדען האָבען זיך אויסגעשטרעקט אויפ'ן ווייכען טע־פיך און זיינען באַלד פערזונקען אין א טיעפען שלאָף. מיך האָט אָבער קיין שלאָף ניט גענומען, אָבוואָהל איך בין געווען זעהר מיעד. פערשיעדענע אויפרעגענדע געדאנקען האָבען מיין רוהע געשטערט. וואו געפינען מיר זיך? אין וועלכע אונבעגרייפליכע מאכט זיינען מיר ארייגעפאלען? איך שפיער אָדער מיר דוכט זיך, אַז דיעזעס זאָנדערבארע שיף לאָזט זיך גראדע יעצט ארונטער אין די טיעפסטע אבגרונדען פון ים. א שווידער האָט מיך דורכ־געדרונגען און מיין הארץ איז געוואָרען פערקלעמט. מיר פאָהרען ארונטער אין א נייע אונבעקאנטע וועלט, וואו עס געפינען זיך געהיימניספאָלע, פירכטערליכע בעשעפעניסען, צו וועלכע מען דארף אויך אונזער שיף פער־גלייכען. מיינע געדאנקען האָבען ענדליך זיך פערפלאָנטערט אין פערשיע־דענע פאנטאסטישע בילדער, ביז איך האָב אויך הארט און שווער איינ־געשלאָפען.

נײנטעס קאַפּיטעל.

לענד מאַכט סקאַנדאַל.

ווי לאנג דיעזער שלאָף האָט געדויערט ווייס איך ניט; אָבער דאָס איז זיכער אַז מיר האָבען א רעכט היבשע צייט געשלאָפען, דען מיר זיינען אויפגעשטאַנען גוט ערהאָלט און פאָלשטענדיג אויסגערוהט. איך האָב דער

ערסטער אויפגעוואכט, וועהרענד מיינע קאמעראדען זיינען נאך געלעגען אויסגעשטרעקט, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט.

אויפשטעהענדיג פון מיין הארטען געלעגער און שפיערענדיג אז מיין קאָפּף איז קלעהרער און מיין גייסט רוהיגער האָב איך זיך אָנגעפאנגען ארום צו קוקען אין אונזער קאיוטע. וועהרענד די צייט פון אונזער שלאָף איז דאָ קיין זאך ניט געענדערט געוואָרען; מיר זיינען גראדע דאָס זעלבע ווי פריי־הער איינגעשלאָסען און געפאנגען אין דיעזען קערקער. וואהרשיינליך איז די גאנצע צייט דאָ קיינער ניט געווען, אויסער דעם סטוארט, וועלכער האָט אראָפּגענומען פון טיש. אונזער לאגע האָט זיך אלזאָ אין קיין זאך פערענדערט, און ווי ניט ווילענדיג האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט די ערנסטע פראגע: וואָס וועט דאָ פון אונז ווערען? וועלען מיר דען אויף אימער בלייבען איינגעשפּאַרט אין דיעזע געפענגנים?

ווי געזאָגט איז מיין קאָפּף געווען עטוואס פרייער פון די נעכטיגע צור־מישעניס, דעננאָך האָט די צווייפעלהאפטע אויסזיכט פיר אונזער נעכסטע צוקונפט געמאכט אויף מיר איין זעהר אומיטיגען איינדרוק. פיעלייכט גראדע דארום ווייל יעצט האָב איך אָנגעפאנגען צו שפיערען אז מיין ברוסט איז אזוי ווי פערקלעמט. עס איז מיר גאנץ איינפאך שווער דעם אטהעם אָב־צוציהען. איך פיהל אז די לופט איז דאָ שטיקענד, אָבוואָהל די קאיוטע איז גענוג ברייט און גערוים. די אורזאכע דאפון איז ווייל די לופט איז דאָ אין דיעזער מינוט פערדאָרבען און קען מעהר ניט געברויכט ווערען איינ־צואטהעמען.

די לופט וואָס רינגעלט ארום אונזער ערדען־באלל בעשטעהט איבער־הויפּט פון געגויע 21 פּראָצענט זויער־שטאָף, 79 פּראָצענט שטיק־שטאָף און א גאנץ קליינעם טהייל קאָהלען־זויערע. דער זויער־שטאָף איז דער לע־בענס־מאטעריאל פון אונזער קערפּער, דען די בעשאפענהייט פון אונזער בלוט פאָרדערט דיעזען ריינעם שטאָף, און ביי יעדען מאָל ווען מיר ציעהען אריין דעם אטהעם אין אונזערע לונגען פערמישט ער זיך דאָרט מיט דאָס בלוט, דאגעגען אָבער איז די לופט וואָס מיר לאָזען ארויס פון די לונגען פערדאָרבען, דען זי ענהאלט אין זיך א גרויסען פּראָצענט קאָהלען־זויערע. מיר ווייסען צום ביישפּיעל אז ווען אין א פערמאכטע צימער קלייבען זיך צוזאמען פיעל מענשען ווירד די לופט שווער צו אטהמען, ווייל דער זויער־שטאָף איז פון אלעמענס לונגען שנעל פערברויכט געוואָרען און יעדער האָט אויסגעאטהעמט פון זיין קערפּער דעם שעדליכען קאָהלען־זויערע. דען יע־דער מענש פערברויכט אין די צייט פון א שטונדע אזוי פיעל זויער־שטאָף ווי פיעל עס ענטהאלט זיך אין א הונדערט ליטער געוועהנליכע לופט, און גראדע אזוי פיעל לאָזט ער ארויס פון זיך דעם שעדליכען מאטעריאל קאָה־

לען־זויערע. אויף זאָ איין אופן מוז דיעזער לעבענס־מאַטעריאַל, דער זויער־שטאָף, אין אַ פערמאַכטע צימער אימער וועניגער ווערען און אנשטאט איהם קלייבט זיך מעהר צוזאמען דער קאָהלען־זויערע, וועלכער מאַכט די לופט פערדאָרבען און שטיקענד. עס איז קלאָהר בעוויעזען אַז ווען די ליפט ענטהאַלט שוין נור 17 פּראָצענט זויער־שטאָף, אנשטאט 21, און די קאָהלען־זויערע פערמעהרט זיך ביז געגויע 4 פּראָצענט, דאן מוז דער מענש ערשטיקט ווערען. דאָס איינפאַכע מיטעל דאצו איז מען זאָל עפענען אַ פענסטער אָדער אַ טהיר, און אריינלאָזען די געוועהנליכע לופט פון דרויסען.

אונזער שיף וועלכע שווימט אונטערען וואַסער מוז דאָך אלזאָ בעזיצען אַ מיטעל ווי זי זאָל פון צייט צו צייט איהר אינוועניגסטע לופט אָבפרישען. דער קאַפּיטאן קען דאָס אייגענטליך בעזאָרגען אויף פערשיעדענע ארטען; ווען ער זאָל צום ביישפּיעל דערוואַרמען כלאָרזויערען קאַלי דאן ענטוויקעלט זיך דאפון גוטע זויער־שטאָף; דעם שעדליכען קאָהלען־זויערע קען ער פון דער לופט אבציהען דורך איין אנדער מאַטעריאַל, וואָס מען רופט קאוסטישע קאַלי. אויף דיעזען אופן איז איהם מעגליך אימער צו פערבלייבען אונטערן וואַסער און ער דאַרף צו די אויסערליכע לופט גאָר ניט אָנקומען; אָבער אנשטאט דעם מוז ער אָנקומען צו די כעמישע מאַגאַזינען, אום דיעזע מאַטעריאַלען זיך צו פערשאַפען. נאַטירליך מוז דאָס קאָסטען פיעל געלד און דארום איז פיעל בעקוועמער און שפּארזאַמער ער זאָל דאָס מאַכען גאַנץ איינפאַך ווי די וואַלפישען און אנדערע וואַרם־בלוטיגע טהיערען פון ים, דאָס הייסט, פון צייט צו צייט ארויפשווימען אויבען און אריינלאָזען אין שיף פרישע לופט פון דרויסען.

נור זאָל זיין ווי עס וויללֿ, אָבער עס איז יעדענפאַלס העכסט נויטהווענדיג דער קאַפּיטאן זאָל דיעזען אָדער יענעם מיטעל וואָס שנעלער אנווענדען, דען די לופט ווירד אימער שטיקענדער, די ברוסט שווערער, דער אָטהעם פליהט האַסטיג און איך פאַנג שוין אָן צו שפּיערען דעם טעם פון נאָהענטען טויט, אַלס פּלוצלונג האָט אריינגעצויגען אין קאַיוטע אַ שטראָם ריינע געזאַלצענע לופט; דאָס וואַר די ריכטיגע פרישע זעע־לופט! איך האָב אויפגעאָטהעמט מיט אַ פוללע ברוסט און מיינע לונגען זיינען ערקוויקט געוואָרען פון דיעזען בעלעבענדען עלעמענט. צו גלייכער צייט שפּיר איך ווי אונזער שיף, דער בלעכענער וואַלפיש, לאָזט זיך ארויף העכער, אויפ'ן וואַסער. דער מיטעל אלזאָ, ווי דער קאַפּיטאן ערפרישט די לופט אין שיף, איז אויף דיעזען אופן פאָלשטענדיג ערקלעהרט.

צו גלייכער צייט האָב איך אויך בעמערקט איבער'ן טהיר פון אונזער קאַיוטע איין אָפענע לופט־ראָהר, דורך וועלכע די פערדאָרבענע, שווערע

לופט איז אַבגעצויגען געוואָרען און די פרישע ערקוויקענדע האָט אריין גע־שטראָמט.

דער איינפלוס פון דיעזע פּלוצלונגע לופט־פערענדערונג האָט געבראַכט דאַצו אַז מיינע קאַמעראַדען זיינען באַלד אויפגעוואַכט געוואָרען. זיי האָבען זיך אויסגעריבען די אויגען, אויסגעשטרעקט די גליעדער און דאַן אויפגע־שפּרונגען פון באָדען.

„האָט דער העדר גוט געשלאָפען?" פרעגט מיך מיין דיענער קאָנסייל.

„זעהר גוט, מיין יונגע. און איהר עדוארד?" האָב איך דעם קאַנאַדיער געפרעגט.

„טיעף, העדר פּראָפעסאָר. אָבער איך וויים ניט, פיעלייכט האָב איך אַ טעות; מיר דוכט אַז איך שפּיער פרישע זעע־לופט."

דער זעעמאַן האָט נאַטירליך קיין געקענט ניט טעות האָבען און איך האָב איהם דאַן ערצעהלט וואָס דאָ איז מיט אַ פּאָאַר מינוטען צוריק פּאָר־געקומען.

„גאַנץ ריכטיג" האָט ער דארויף געזאָגט „דאָס ערקלעהרט פּאָלקאָממען דעם שאַרפען ברויזען וואָס מיר האָבען געהערט פון דיעזער שיף, וועהרענד מיר זיינען נאָך געוועזן אויף דער פרעגאַטע."

„יא, עדוארד. אונזער בלעכענער וואַלפיש האָט אויף דיעזען אופן דעם אָטהעם אַבגעצויגען."

„נור איין זאַך, העדר אַראָנאַקס, קען איך ניט בעגרייפען, נעמליך: ווי פיעל איז יעצט די אוהר. איך גלויב אַז עס איז די זעכסטע צייט צו עסען מיטאָג."

„וואָס רעדט איהר, מיטאָג?" האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען „זאָגט בעסער פריהשטיק, דען ווי פיעל איך פערשטעה האָבען מיר געשלאָפען מעהר ווי פיער און צוואַנציג שטונדען."

„דאָס איז גאַנץ ריכטיג אַז מיר געפינען זיך שוין אויף דיעזען שיף דעם צווייטען טאָג" האָב איך בעשטעטיגט.

„פון מיינטוועגען, איך וויל אייך ניט וויעדערשפּרעכען" האָט עדוארד זיך אָבגערופען „זאָל זיין פריהשטיק אָדער מיטאָג, נור דיעזער פערדאָמ־טער פּראָוויאַנט־מייסטער זאָל עס וואָס שנעלער ברענגען, דען די וואהרהייט זאָגענדיג בין איך שוין זעהר אויסגעהונגערט."

„נון, איהר מוזט געדולד האָבען, עדוארד," האָב איך געענטפערט, „איהר ווייסט דאָך שוין אַז די אונבעקאַנטע מיינען ניט אונז צו לאָזען שטאַרבען פון הונגער, דען זאָנסט וואָלטען זיי דאָך געבטען אונז ניט גע־געבען עסען."

„ווער קען וויסען וואס אזעלכע באנדיטען מיינען !" האט עדואר־
נעברומט „ביי מיר קומט נאך יעצט אויף אויס, אז מיר זיינען אריינגעפא־
לען אין די הענד פון מענשען־פרעסער און ניט היינט מארגען וועלען זיי אונז
אבבראטען אויף א פריהשטיק."

„פע, מיסטער לענד !" האב איך דעם הארפוניער ערוויעדערט
„איהר דארפט אזעלכע ווערטער ניט רעדען, מיר האבען פארלויפיג פון דיע־
זע מענשען קיין שלעכטעס ניט געזעהען, נור מיט אייער צארן קענט איהר
יא אונזער לאגע פערשלימערען."

„אבער יעדענפאלס בין איך הונגעריג ווי א טייוועל !" האט דער קא־
נאדיער געשריען „זאל זיין פריהשטיק, אדער מיטאג, פארוואס ברענגען זיי
ניט עסען ?"

„וואהרשיינליך איז דא געשטעלט א געוויסע שטונדע ווען מען דארף
שפייזען" האט קאנסייל גאנץ געלאסען זיך אריינגעמישט.

„א געוויסע שטונדע !" האט דער קאנאדיער מיט צארן אויסגערופען,
„איהר, קאנסייל, בלייבט זיך אימער אזוי שטיל, רוהיג, און איהר ניצט
גאר ווייניג אב אייערע נערווען. איך קען אבער אזא בעהאנדלונג ניט ער־
טראגען ! דער הערר פראפעסאר מעג זיך בייזערען פארוואס איך רוף זיי
מענשען־פרעסער, אבער א באנדע ים־רויבער זיינען זיי געוויס, און איך
וועל זיך ניט שעהמען די שופטען אין די אויגען צו זאגען, אז זיי האבען
קיין רעכט אונז צו האלטען איינגעשפארט אין דיעזען פערדאמטען שטייג.
איך וואלט גראדע וועלען הערען אייער מיינונג, הערר אראנאקס ; זאגט
איהר ווי לאנג וועלען מיר בלייבען אין אזא פערשטיקטען קערקער ?"

„די וואהרהייט זאגענדיג ווייס איך דאס אזוי פיעל ווי איהר. איך
גלויב נור אז צופעליג זיינען מיר דא צוזאמען געקומען מיט א וויכטיגע גע־
היימניס. אויב די מאנשאפט פון דיעזען אונטערוואסערדיגען שיף מוזען
דורכאויס דיעזעס געהיימניס האלטען פערבארגען, דאן קען ווירקליך זעהר
מעגליך זיין אז זיי וועלען אויף אונזער לעבען ניט שוינען. ווען דיעזע איינ־
ציגע אורזאכע זאל אבער ניט עקסיסטירען, וועלען מיר געוויס אין קורצען
פון דאנען בעפרייט ווערען, און דער קאפיטאן וועט בענוטצען די ערסטע
בעסטע געלעגענהייט אונז אויף די בעוואהנטע וועלט ארויסצולאזען. דארום
זאג איך אייך נאך א מאל, מיר מוזען געדולדיג אבווארטען און זעהען וואס
די נעכסטע צוקונפט וועט מיט ברענגען, אבער ניט שפרינגען פון הויט, דען
דאמיט קענען מיר גאר ניט אויפטהון."

„גראדע פערקעהרט, הערר פראפעסאר" האט עדוארד ניט נאכגע־
געבען „מיר מוזען זעהען אלעם מעגליך צו טהון, אום זיך צו רעטען, צו
ענטלויפען !"

„אבער ווי ווילט איהר דאָס אויספיהרען ? פון א געפענגנים אויף דער יבשה צו ענטלויפען איז אויך זעהר שווער, און פון דיעזע קאיוטע אונטערען וואסער איז דאָך דאָס גאַנץ אונמעגליך.”

„נון, מיסטער לענד ?” האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען, אלס דער קאַנאַדיער איז געבליעבען שטיל „וואָס קענט איהר געגען דעם הערר'ן'ס ווער־טער ערוויעדערען ? ווילט איהר פיעלייכט זאָגען אז איין אמעריקאנער וויים זיך אימער ווי צו העלפען ?”

דער הארפוניער איז געבליעבען זיטצען אין פערלעגענהייט, ניט ווי־סענדיג וואָס צו ענטפערען. ענדליך, נאָך א לענגערען טראכטען האָט ער זיך אָבגערופען:

„מיר לעגט זיך אויפ'ן זינען עטוואס אנדערעס. אויב מיר מוזען שוין יא פערבלייבען אויף דיעזע פערדאממטע שיף קענען מיר פיעלייכט ארויס־ווארפען פון דאנען אונזערע וועכטער, אונזערע פייניגער ?”

„ווי ?” האָב איך מיט גרוים ערשטוינונג געפרעגט „איהר גלויבט ווירקליך אז מען קען ביי זיי דאָס שיף אוועק נעהמען, אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך !”

„פארוואָס, מיין הערר ? עס קען זיך דאָך אזא גוטע געלעגענהייט מאַ־כען, און איך זעה ניט איין ווארום מיר זאָלען דאן זיך מיט איהר ניט בענוט־צען. אויב די מאַנשאפט אויפ'ן שיף בעשטעהט ניט מעהר ווי פון צוואנציג פערזאָן קענען מיר שוין מיט זיי פערטיג ווערען.”

איך האָב מיט דעם אויפגערעגטען הארפוניער אין א לענגערען געשפרעך וועגען דעם זיך ניט געוואָלט אריינלאָזען און דארום האָב איך איהם נור ערווידערט.

„מיר וועלען זעהען וואָס די צוקונפט וועט ברענגען, אָבער ביז דאהין פערלאַנג איך פון אייך, מיסטער לענד, איהר זאָלט אייער אונגעדולד איינ־האַלטען. אויב עס וועט יא מעגליך זיין עטוואס אויפצוטהון אום אונזער לאַ־גע צו פערבעסערען קען עס נור געשעהען אויף א שטילען אופן, מיט א רו־היגע איבערלעגונג, אָבער ניט מיט האסטיגקייט און געשרייען. פער־שפרעכט מיר אלזאָ אז איהר וועט ערטראגען אונזער יעצטיגע לאגע ניט ארויסווייזענדיג אייער צאָרן.”

עדוארד לענד האָט עס מיר צוגעזאָגט, אָבער פון זיין בענעהמונג איי געוועזען דייטליך צו זעהען אז ער טהוט עס אין דעיזער מינוט נור אוים אכטונג צו מיר. איהם מיט זיין היטציגען כאראקטער, וועט זעהר שווער זיין זיך צו בעהערשען און איך בין זיכער אז דאָס וועט שליסליך אונז שטירצען אין די גרעסטע געפאהר. נאָך מיין מיינונג זיינען לענדס פלאנען נור פוסטע פאנטאזיעס, דען עס איז פאלשטענדיג זיכער אז אזא אונטערוואסערדיגע

שיף בעזיצט א צאהלרייכע, ענטשלאָסענע מאַנשאַפט, נעגען וועלכע מיר וועלען ניט אים שטאַנד זיין מיט געוואַלט עטוואַס אויסצופיהרען. איבריגענס איז דאָך פאַרלויפיג וועגען דעם ניטאָ וואָס צו דענקען, אזוי לאַנג ווי מיר זיינען געפאַנגענע, און איך זעה גאָר קיין מיטעל ניט ווי מיר זאָלען זיך קענען פון דיעזע פעסט־פערשלאָסענע קאַיוטע בעפרייען. עס איז העכסט וואהרשיינליך אז אויף דיעזער מערקווירדיגער שיף איז פערבאָרגען א וויכטיגע געהיימניס, וועלכע מען מוז פון א זייטיגען מענשען היטען, און אויב אַזוי איז גאָר ניטאָ וואָס צו האָפען אז דער קאַפּיטאַן וועט אונז ארויסלאָזען פון געפאַנגענשאַפט. וואָס ער רעכענט מיט אונז צו מאַכען, אויב ער וועט אונז פיר אימער האַלטען דאָ איינגעשפּאַרט, אָדער אויף אירגענד וועלכען ווייטען ברעג ארויסוואַרפען, דאָס קענען מיר יעצט נאַטירליך ניט וויסען.

עדוארד איז דענאָך איין ערפאַהרענער, פערנינפטיגער מאַן און ביי א רוהיגען צושטאַנד וואָלט ער זיך געוויס אזעלכע נארישקייטען גאָר ניט געקענט איינרעדען, אָבער די געדאַנקען זיינען ביי איהם יעצט ערביטערט און דארום פלוידערט ער וואָס עס פאַלט איהם אריין אין זינען. איך זעה ווי זיין צאָרן שטייגט יעדע מינוט, ברומענדיג מיט פלוכען און פערוויינ־שונגען. ער שפּרינגט אויף, אָבשטויסענדיג דעם שטוהל און פאַנגט אָן ארום צו געהן איבער'ן קאַיוטע אין גרוים אויפרעגונג. איבריגענס איז דאָס אויך גאָר קיין וואונדער ניט; די צייט געהט אָוועק, דער הונגער פּייניגט און דער פּראָוויאַנט־מייסטער לאָזט דיעזעס מאָל אויף זיך לאַנג וואַרטען. איך מוז צוגעבען אז אויב מען מיינט אויף דיעזען שיף זאָגאַר ניט אונז שלעכטעס צו טהון, פערגעסען זיי אָבער צו לאַנג אז מיר זיינען הונגעריג, פערשמאַכט און קענען זיך אליין ניט העלפען.

דער האַרפּוניער, מיט זיין קרעפטיגען מאַגען ליידט נאַטירליך מעהר ווי איך און מיין דיענער, און איך זעה אז טראָטץ זיין פערשפּרעכונג וואָס ער האָט מיר געגעבען, וועט עס געוויס מאַכען א סקאַנדאַל, ווען איינער פון די לייטע אין שיף זאָל יעצט אריינפאַלען אין זיינע הענד.

נאָך צוויי שטונדען זיינען אזוי פאַרביי געגאַנגען; עדוארד איז שוין אויסער·זיך פון גרוים וואוטה. ער שרייט און זעצט אין די בלעכענע וואַנד, אָבער אומזאָנסט. עס הערט זיך ניט דער קלענסטער גערויש אין גאַנצען שיף; זי ליעגט יעצט שטיל און אונבעוועגליך. עס איז קיין צווייפעל ניט אז מיר זיינען אראָפּגעזונקען אין די טיעפענים פון מעער און דאָס שיף איז אויף דיעזען אופן אין גאַנצען אָבגעשיעדען פון דער וועלט.

די טויטע שטילקייט וואָס הערשט ארום אונז איז ווירקליך מורא'דיג. מיר זיינען יעצט גראַדע אזוי ווי לעבענדיג בעגראָבענע און עס איז זיך

שווער פֿאַרצושטעלען וואָס פון אונז וועט דאָ ווערען אין דיעזען פירכטער־ליכען קבר. ביסלאַכוויז ווערען פערלאָשען די האָפנונגען וועלכע איך האָב געהאַט ביי אונזער ערסטע בעגעגנונג מיט דעם קאַפּיטאַן. דער מילדער בליק פון דיעזען מאַן, דער עדעלער אויסדרוק פון זיין געזיכט און זיין גאַנצע גוטמוטהיגע בענעהמונג, אַלעס פערשווינדעט פון מיין ערינערונג. פּיע־לייכט טרייבט איהם די נויטה אַז ער וועט מוזען אונז בעהאַנדלען גרויזאַם, פיעלייכט איז ער זאָגאַר אַ מענשען־פיינד, וועלכער האָט אָבגעשניטען דעם פערקעהר מיט די גאַנצע וועלט און געשוואָרען האַסס צום מענשליכען גע־שלעכט? יאָ, איך פאַנג שוין אָן צו גלויבען אַז מען וועט אונז לאָזען אין דיעזען ענגען קערקער אויסגעהען פון הונגער און ליידען אַלע שרעקליכע קוואַלען און מאַטערונגען פון אַזאַ גרויזאַמען טויט. מיינע געדאַנקען פער־פינסטערען זיך אימער מעהר און איך ווער דורכגעשווידערט מיט גרויס ענטזעטצען. קאָנסייל זיצט און שוויינט, עדוארד ברילט ווי אַ פערצוויי־פעלטער.

אין דיעזער מינוט דערהערט זיך אַ גערויש, טריט קומען נעהענטער, דער ריעגעל ווירד אָבגערוקט און די טהיר עפענט זיך. דער פּראָוויאַנט־מייס־טער איז אריינגעקומען.

איידער איך האָב זיך נאָך בעוויעזען אַ ריהר צו געבען אום עדוארד'ן; אָבצוהאַלטען איז ער בעפאַלען אויף דעם אונגליקליכען סטוארט, איהם געוואָרפען צו דער ערד און אָנגעפאַנגען צו ווערגען. קאָנסייל איז צוגעלאָ־פען אום דעם האַלב־ערשטיקטען סטוארט פון דעם גרימיגען עדוארד'ס הענד ארויסצורייסען, און גראַדע אין דעמזעלבען אויגענבליק ווי איך בין אויך צוגעשפּרונגען, אום איין אונגליק צו פערהיטען, הערט זיך פון טהיר אַ וואָהלקלינגענדע שטימע, וועלכע רופט אויס אין אַ ריינע פראַנצוי־זישע שפּראַך:

„בערוהיגט זיך, מייסטער לענד, און איהר, הערר פּראָפעסאָר, וועט אַזוי גוט זיין מיין ערקלעהרונג אויסהערען.”

צעהנטעס קאַפּיטעל.

דער הערשער פון מעער.

דיעזע ווערטער האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג און רוהיג אויסגעשפּראָכען אונ־זער נעכטיגער בעזוכער, דער שלאַנקער, שעהנער מאַן, וועלכער וואַר דער קאַפּיטאַן פון שיף.

עדווארד לענד איז אויפגעשטאנען; דער סטוארט איז אויף זיין הערן'ס וואונק צושלאגען און הינקענדיג ארויס געקראכען פון אונזער קאיוטע. די מאכט פון דעם קאפיטאן אויף זיינע לייטע איז וואהרשיינליך זעהר גרויס, דען ארויסגעהענדיג האט דער סטוארט זאגאר מיט א בליק ניט בעוויעזען זיין צארן געגען דעם קאנאדיער, פיר די ביטערע קלעפ וואס דיעזער האט איהם איינגעטהיילט. מיר אלע זיינען געבליעבען זעהר פערוואונדערט און בעשטירצט, ערווארטענדיג וואס פון דיעזע פלוצלונגע סצענע וועט ארויס־קומען.

א פאאר מינוטען איז דער קאפיטאן געשטאנען, אבגעלעהנט ביי'ן טיש, מיט צוזאמען געלעגטע הענד, בעטראכטענדיג אונז מיט פיעל אויפמערק־זאמקייט, דאן האט ער זיך אבגערופען:

„מיינע הערען, איך קען גוט רעדען פראנצויזיש, ענגליש, דייטש און ליטיין. עס איז מיר אלזא גאנץ לייכט געווען נעכטען, ביי מיין ערסטען בעזוך, אייך צו ענטפערען, אבער איך האב געוואלט פריהער אייך גענויער קענען לערנען און דאן זיך איבערלעגען. איך וויים אלזא אז דער צופאל האט געבראכט צו מיר אויפ'ן שיף הערן אראנאקס, פראפעסאר פון נאטור געשיכטע אין דעם פאריזער מוזעאום, וועלכען זיין רעגיערונג האט געשיקט אויף א וויסענשאפטליכע רייזע אין אויסלאנד; זיין דיענער קאנסייל און עדווארד לענד, הארפוניער פון די אמעריקאנישע פרעגאטע „אייבראם לינ־קאלן."

איך האב זיך נור פערנייגט אלס צייכען פון צושטימונג; רעדען האב איך ניט געהאט וואס, דען ער האט דאך מיר פארלויפיג קיין פראגע ניט געשטעלט. איך הער ווי דער מאן רעדט א קלאהרע, שעהנע אויסשפראכע, פאסט ווי א געבארענער געבילדעטער פראנצויז, דעננאך פיהל איך אז ער איז ניט מיין לאנדסמאן.

„אייך איז געוויס פארגעקומען וואונדערבאר פארוואס איך האב אזוי לאנג געווארט מיט מיין צווייטען בעזוך" האט ער אונטערדעסען ווייטער גע־שפראכען „אבער, ווי געזאגט, איך בין נאך ביז יעצט צו קיין ריכטיגען בעשלוס ניט געקומען וואס איך זאל אייגענטליך מיט אייך טהון. עס איז זעהר צו בעדויערען אז די אומשטענדען האבען אייך צוזאמען געבראכט מיט א מאן וועלכער וויל פון די וועלט ניט וויסען און האט מיט די מענשהייט אלע בעציהונגען געבראכען. דורך אייער אנוועזענהייט אויף מיין שיף שטערט איהר מיר זעהר פיעל —"

„אונז קענט איהר ניט בעשולדיגען, קאפיטאן" האב איך געענטפערט „דען מיר ווילען עס געווים ניט."

„ניין?" האט ער געפרעגט מיט איין עטוואס העכערען טאן „האט

מיך דער „אייבראם לינקאָלן" פערפאָלגט איבער אלע מעערען געגען זיין ווילען ? זייט איהר, הערר פראָפעסאָר, געצוואונגען געווען מיט געוואלט אויף יענע פרעגאטע זיך צו בעגעבען ? האָבען אייערע קוילען פון זיך אליין געשאָסען אויף מיין שיף ? האָט מיסטער לענד'ס הארפונע מיך געטראָפען געגען זיין ווילען ?"

עס איז געווען אין זיין געלאסענעם טאָן צו הערען ווי ער איז דעננאָך זעהר אויפגערייצט שטעלענדיג דיעזע אלע פראגען. נאטירליך איז מיר גאנץ לייכט געווען געגען זיינע בעשולדיגונגען זיך פאָלשטענדיג צו פערטהיידיגען, וועהרענד איך האָב דארויף געענטפערט :

„מיין הערר, ווי איך זעה ווייסט איהר ניט וואָס עס איז גערעדט גע־וואָרען וועגען אייך אין אמעריקא און גאנץ אייראָפּא. איהר האָט וואהר־שיינליך ניט געהערט ווי שטארק די עפענטליכע מיינונג איז אויפגערעגט געוואָרען, איבער די סיבות וואָס פערשיעדענע דאמפפערס האָבען געליטען פון א צוזאמענשטוס מיט אייער שיף. איך וויל אייך ניט אזוי פיעל בעמי־העען אויסצוהערען אלע מיינונגען וואָס זיינען אויסגעשפראָכען געוואָרען אי־בער דיעזע אונערקלעהרליכע, געהיימניספאָלע ערשיינונג. אָבער דאָס מעגט איהר וויסען, אז וועהרענד דער „אייבראם לינקאָלן" האָט אייך פער־פאָלגט זיינען מיר געווען זיכער, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען א משונה'־דיגע ריעזען־בעשעפניס, פון וועלכע דאָס מעער מוז יעדענפאלס בעפרייט ווערען."

„הערר אראָנאקס" האָט דער קאפיטאן ערוויעדערט מיט א געלאסענעם שמייכעל „ווילט איהר דען בעהויפטען אז אייער פרעגאטע וואָלט געווען אזוי גוט און פרום און מיך ניט פערפאָלגט, ווען זיי זאָלען נור וויסען אז דאָ האנדעלט זיך ניט וועגען א לעבענדיגע בעשעפניס, זאָנדערן וועגען איין אונ־טערוואססערדיגע שיף פון איין אונבעקאנטען פריוואט־מאַן ?"

איך בין געבליעבען אין גרויס פערלעגענהייט, דען וואָס האָב איך גע־קענט ענטפערען אויף דיעזע פראגע ? איך ווייס זעהר גוט אז יעדע רעגיע־רונג וואָלט געוויס אזא געפעהרליכע שיף נאָך מעהר פערפאָלגט אלס איר־גענד וועלכע ים־אונגעהויער, און קאמאנדאנט פאראגוט וואָלט געוויס דיע־זע שיף גראדע ווי א ריעזען־נארוואל פערניכטעט, ווען דאָס וואָלט איהם נור מעגליך געווען.

„איהר מוזט אלזאָ צוגעבען, מיין הערר" האָט אונזער קאפיטאן וויי־טער געשפראָכען „אז איך האָב פאָלקאָממען רעכט אייך אלס פיינדע צו בע־האנדלען."

איך האָב איהם אויף דארויף גאָר ניט געענטפערט, דען יעדענפאלס

האט ער דאך די מאכט אין האנד, און דאנעגען קענען דאך קיינע איינוועג־דונגען ניט העלפען.

„איך בין אלזא ניט פערפפליכטעט אייך אלס געסט אויפצונעהמען" האט ער זיין ערקלעהרונג פארטגעזעצט „אין מיין אינטערעס איז געווים ניט געלעגען מיט אייך צוזאמען צו טרעפען און מיר קען אויך וועניג קימערען פון אייך זיך צו שיידען. איך האב דארום פאלקאמען רעכט אייך צוריק צו ברענגען אויפ'ן פערדעק פון מיין שיף, אויף וועלכע איהר האט זיך ארויפ־געכאפט אהן מיין ערלויבנים ; איך לאז זיך דאן ארונטער אין די טיעפנים און פערגעס וועגען אייך."

„דאס קען טהון א ווילדער, ניט קיין ציוויליזירטער מענש" האב איך זיך אבגערופען.

„הערר פראפעסאר" האט ער עטוואס אויפגערעגט ערוויעדערט „איך וויל גאר ניט געהערען צו די יעניגע וועלכע מען רופט ביי אייך ציוויליזירטע. איך האב זיך ענטזאגט פון אייער מענשליכע געזעלשאפט איבער געוויסע ריכטיגע אורזאכען און דארום קענען אייערע בעגריפען פון יושר און גערעכ־טיגקייט ביי מיר גאר קיין ראלע ניט שפיעלען, דען איך דענק וועגען דעם גאנץ אנדערש."

דיעזע ווערטער האט ער אויסגעשפראכען מיט א בעשטימטען, הארטען טאן ; אין זיינע אויגען איז געוועזען צו בעמערקען איין אויסדרוק פון צארן און פעראכטונג, פון וועלכע עס וואר דייטליך צו זעהען, אז אין דער פער־גאנגענעם לעבען פון דיעזען מאן איז געווים פערבארגען אירגענד וועלכע פורכטבארע געהיימנים. ער פערהאסט און פערדאמט די גאנצע מענשהייט מיט איהרע געזעטצען, פון וועלכע ער האט זיך פאלשטענדיג בעפרייט. קיי־נער קען זיך דערוועגען איהם צו פערפאלגען אויפ'ן ווייטען, ברייטען מעער און אין די אונענדליכע טיעפע אבגרונדען פון ים איז ניט מעגליך איהם צו עררייכען. געגען זיין שטוים קען דאס שטארקסטע פאנצער־שיף ניט בע־שטעהען און עס גיבט ניט אין דער וועלט אזא מאכט וואס זאל אים שטאנד זיין געגען איהם צו קעמפפען. זיין ריכטער איז נור איין גאטט, אויב ער גלויבט אין איהם, אדער זיין אייגענער געוויסען, אויב ער בעזיצט אזא געפיהל.

דיעזע בעטראכטונגען זיינען דורכגעפלויגען אין מיין געהירן ווערענד דער זאנדערבארער מאן איז געבליעבען שטיל אזוי ווי פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. ניט ווילענדיג האט מיך אנגענומען א שרעק, בערעכנענדיג מיט וואס פיר א מענשען מיר האבען דא צו טהון.

נאך פערלויף פון איניגע מינוטען האט דער קאפיטאן וויעדער זיך אב־גערופען :

„עס איז מיר אלזאָ שווער געווען צו קומען צו אַ ריכטיגען בעשלוס, ·בער ענדליך האָב איך זיך בערעכענט, אַז עס איז מיר מעגליך מיינע איינ־טערעסען צו זיכערען און צו דערזעלבער צייט זיך בעגעהען מיט אייך לויט מענשליכען געפיהל. איהר פערבלייבט אין מיין שיף, ווייל דאָס שיקזאַל האָט אייך דאַצו געבראַכט. איהר ווערט דאָ זיין פערהעלטניסמעסיג פריי, אָבער מיט אַ געוויסע בעדינגונג, אויף וועלכע איהר מוזט מיר געבען אייער וואָרט אַז איהר ווערט עס אננעהמען."

„גאַנץ געוויס, מיין הערר" האָב איך געענטפערט „אויב דיעזע בעדינגונג איז נור אַזעלכע וואָס יעדער עהרענמאַן קען עס אננעהמען."

„זעהר גוט; איך וועל אייך ערקלעהרען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. עס קען זעהר מעגליך זיין אַז איבער געוויסע אנגעלעגענהייטען וועל איך בעדארפען אויף איינינע שטונדען, אָדער זאָגאר אויף אַ פּאָאַר טעג, אייך אין אַ בעזונדערע קאַיוטע צוריק האַלטען. נאַטירליך וואָלט איך דאָס געקענט אויספיהרען מיט געוואַלט אויך, אָבער איך וויל בעסער איהר זאָלט מיר פערשפּרעכען מיט גוטען געהאָרכזאַם צו זיין. פיר אייך איז דאָס אויך פיעל גלייכער ווען איהר ווערט ניט זעהען אַזעלכע זאַכען וואָס קיינער דאַרף ניט וויסען. זייט איהר מיט דיעזע בעדינגונגען צופריעדען?"

„יאַ!" האָב איך געענטפערט מיט גרויס ערשטוינונג, הערענדיג אַז אויף דיעזען שיף געהען פאָר אַזעלכע געהיימניסע וואָס זייטיגע מענשען דארפען ניט וויסען. „אָבער איך פערלאַנג נור איהר זאָלט מיר ערקלעהרען אייערע פריהערדיגע ווערטער: איהר זאָגט אַז מיר וועלען דאָ פערהעלטניסמעסיג פריי זיין; וואָס פערשטעהט איהר אייגענטליך מיט דיעזע בעשטימונג?"

„נון, גאַנץ איינפאַך. איהר ווערט זיין פריי איבעראַל אַרום צו געהען, זאָגאַר צו זעהען אַלעס וואָס אויפ'ן שיף געהט פאָר, — אויסער אין בעזאָנדערע זעלטענע צופאַלען, — קורץ דיעזעלבע פרייהייט וועלכע איך און די מאַנשאַפט פון מיין שיף האָבען."

„ענטשולדיגט, מיין הערר" האָב איך ערווידערט, זעהענדיג אַז ער פערשטעהט ניט וואָס איך מיין „אַזאַ פרייהייט האָט דאָך יעדער געפאַנגענער, אַרום צו געהען הין און צוריק אין זיין אבגעשלאָסענע געפענגניס־קאַמער. מיר קענען זיך מיט אַזאַ פרייהייט ניט בעגניגען."

„און איך קען אייך קיין אַנדערע ניט געבען."

„ווי? איהר פערלאַנגט ווירקליך אַז מיר זאָלען זיך אויף אייביג ענטזאַגען פון דער וועלט און פון דער האָפנונג אונזער היימאַטה, פריינדע און פערוואַנדטע ווידער צו זעהען?"

„יא, מיין הערר" האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט מיט אַ בעשטימטען טאָן „און איך מיין אַז עס איז גאָר ניט אַזוי שווער זיך צו ענטזאגגען פון יע־נעם שקלאַפּען־יאָך, וועלכען די מענשען אויף דער ערד רופען מיט דעם פאַלשען נאָמען פרייהייט."

„ניעמאַלס !" האָט עדוארד לענד אויסגערופען „איך גיב מיין וואָרט ניט דארויף ! און וועל מיט אַלע מעגליכקייטען זוכען זיך פון דאנען צו רעטען."

„אייער וואָרט פערלאַנג איך גאָר ניט, עדוארד לענד" האָט דער קאַפּי־טאַן מיט אַ קאַלטע מיענע געענטפערט.

„נאַטירליך קענט איהר טהון מיט אונז וואָס איהר ווילט, הערר קאַפּי־טאַן" בין איך אויפגערעגט געוואָרען „אָבער איהר בעגעהט געגען אונז אַ גע־וואַלטטהאַט, אַ גרויזאַמקייט !"

„ניין, הערר פּראָפּעסאָר, איך בעגעהע זיך מיט אייך גאַנץ גנעדיג ; איהר זייט מיינע קריעגס־געפאַנגענע און איך לאָז אייך לעבען, וועהרענד עס דאַרף מיר נור איין וואָרט קאָסטען אייך אין גרונד פון ים ארויסצוואַר־פען. איהר האָט דאָך מיך אָנגעגריפען און דארום זייט איהר צופעליג אריינ־געדרונגען אין אַ געהיימניס, וואָס קיין מענש אין דער וועלט דאַרף ניט ערפאַהרען, נעמליך : דאָס געהיימניס פון מיין דאַזיין. און איהר גלויבט אַז נאָך דעם אַלעם וועל איך אייך צוריק ארויסלאָזען אויף דער ערד, וואו קיינער דאַרף וועגען מיר ניט וויסען ? אָה ניין, ניעמאַלס ! איך האַלט אייך צוריק אויף דיעזער שיף ניט אום אייך, זאָנדערן מיינע אינטערעסען צו שיטצען."

פון דעם קאַפּיטאַן'ס ווערטער איז שוין געווען דייטליך צו הערען אַז זיין בעשלוס איז פעסט און אונז וועט ניט געלינגען איהם איבערצורעדען.

„אַלזאָ, מיין הערר" האָב איך זיך אָבגערופען „איהר גיבט אונז הייסט עס דעם איינציגען אויסוואהל : אָדער דעם טויט, אָדער אייביגע געפאַנגענ־שאַפט אויף דיעזער שיף."

„גאַנץ נאַטירליך."

„פריינדע" האָב איך צו מיינע קאַמעראַדען זיך געווענדעט „געגען אַזאַ בעשטימונג העלפט דאָך קיין רייד ניט ; אָבער מיר זיינען צו דעם הערר'ן פון דיעזען שיף מיט קיין פערשפּרעכען ניט געבונדען."

„געוויס ניט" האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט „און אַזאַ פערשפּרעכען איז מיר גאָר ניט נויטהיג."

נאָך פערלויף פון אַ קורצע צייט האָט ער וויעדער אנגעפאַנגען פיעל פריינדליכער צו שפּרעכען :

„יעצט ערלויבט מיר, הערר אראַנאַקס, געגויער וועגען דעם מיט אייך

זיך דורכצוראַדערן. ווי פיעל איך קען אייך און האָב וועגען אייך געהערט בין איך פאָלשטענדיג זיכער אז איהר וועט אזוי שטארק ניט בעדויערן דעם שיקזאל וואָס האָט אייך אויף מיין שיף געבראכט. איהר וועט געפינען ביי מיר א רייכע ביבליאָטהעק פון די ניצליכסטע ביכער, זאָגאר אייער אייגענע בעריהמטע ווערק, איבער „די געהיימניסע פון די גרויסע טיעפעניסען אין מעער.״ דיעזעס ווערק האָט מיר ווירקליך גרויס פערגניגען פערשאַפט און איך האָב מיך דאפון איבערצייגט אז איהר זייט אין דיעזער וויסענשאַפט אזוי ווייט דערגאנגען ווי פיעל דאָס איז נור מעגליך געוועזן פון א מענשען וואָס וואָהנט אויף דער ערד. נאַטירליך קענט איהר ניט וויסען אזעלכע זאכען וואָס איהר האָט ניט געזעהען. איך וויל אייך זאָגען, הערר פראָפעסאָר, אז איהר וועט יעצט צופריעדען זיין מיט די צייט וואָס איך וועט אויסקומען ביי מיר אויפ׳ן שיף צו פערברענגען. איהר וועט רייזען אין א וואהרע וואונדער־לאנד, און אייער זעעלע וועט ערפילט ווערען מיט ער־שטוינונג, זאָ דאָס איהר וועט זיך געווים ניט דארפען לאנגווייל ען. איך וויל גראדע יעצט אונטערנעהמען א רייזע ארום די וועלט אויפ׳ן גרונד פון ים און איהר וועט האָבען די געלעגענהייט צוזאמען מיט מיר צו שטודירען די מערקווירדיגסטע וואונדערבארע זאכען. פון היינטיגען טאָג אָן קומט איהר אריין אין א נייעם עלעמענט און איהר וועט זעהען דאָס וואָס קיין מענש האָט נאָך ביז יעצט ניט בעטראכט. אונזער ערדען־פּלאנעט וועט אייך איה־רע פערבאָרגענסטע געהיימניסע צייגען.״

דיעזע ווערטער האָבען ווירקליך געמאכט אויף מיר א טיעפען איינדרוק. דער קאפּיטאן האָט מיך דאמיט גראדע זעלבע זאכען פאָרגעשטעלט פיר וועלכע איך וואר אבגעגעבען מיט מיין גאנצע זעעלע. איך האָב אין דיעזען אויגענבליק זאָגאר פערגעסען אז פיר אזא פערגניגען מוז איך בעצאהלען מיט די פערלוסט פון מיין פרייהייט. איבריגענס גלויבענדיג אז די צוקונפט וועט אונז פיעלייכט וויזען איין אנדער וועג האָב איך זיך אָבגערופען:

„מיין הער, אויב איהר האָט יא געבראָכען מיט די גאנצע מענשהייט וויל איך דעננאָך גלויבען אז איהר האָט נאָך דאָס מענשליכע געפיהל ניט פערלאָהרען. מיר זיינען פעראונגליקטע, וועלכע מען האָט אויף אייער שיף בארמהערציג אויפגענומען; דאָס וועלען מיר ניעמאלס פערגעסען. וואָס מיך אליין אנבעטרעפט וויל איך ניט לייקענען, אז איבער די גרויסע לוסט צו וויסענשאַפט קען איך זאָגאר די פערלאָהרענע פרייהייט פערגעסען, און איך האָף דיעזען פערגניגען ביי אייך פאָלשטענדיג צו געניסען.״

איך האָב געגלויבט אז דער קאפּיטאן וועט מיר רייכען די האנד, אלס צייכען פון העפליכקייט און איינשטימונג, אָבער ער האָט עס ניט געטהון. מיר איז נור איבערגעבליעבען דיעזען מערקווירדיגען מאן צו בעדויערן, דען

איך זעה אז ער בעזיצט יא א געבילדעטע ערציעהונג, נור דיעזע צוריקהאל־טיגע, ערנסטע בענעהמונג קומט ביי איהם ארויס גראדע ווי ביי א מענשען וואס צווייפעלט און פערצווייפעלט אין אלעס.

„נאך איין פראגע" האב איך זיך אבגערופען, זעהענדיג אז ער וויל שוין ארויסגעהען „מיט וועלכען נאמען דארף איך אייך רופען?"

„איך בין פיר אייך דער קאפיטאן נעמא, הערר פראפעסאר, און איהר מיט אייערע קאמעראדען זייט פאר מיר נור די פאסאזשירען פון מיין שיף."

קאפיטאן נעמא האט א רוף געטהון. א דיענער איז אריינגעקומען און ער האט איהם עטוואס געזאגט אויף א שפראך, פון וועלכע איך האב ניט איין ווארט געקענט פערשטעהען. דאן האט ער זיך געווענדעט צום קאנא־דיער און צו מיין קאנסייל'ן זאגענדיג:

„די מאהלצייט ערווארט אייך אין א קאיוטע וואס איז בעשטימט פיר אייך. געהט געפעלליגסט מיט דיעזען מאן."

„דאס איז פארלויפיג בעסער ווי אלע געשפרעכען" האט עדוארד מיט פערגניגען אויסגערופען. קאנסייל איז דאן צוזאמען מיט איהם ארויסגע־גאנגען פון דיעזער געפענגניס, אין וועלכע מיר ווארען איינגעשפארט מעהר ווי דרייסיג שטונדען.

„און יעצט, הערר אראנאקס, אונזער פריהשטיק איז אויך פערטיג. ערלויבט מיר אייך צו בעגלייטען."

„זעהר גערן, קאפיטאן."

מיר זיינען ביידע אויך ארויסגעגאנגען און דער קאפיטאן האט מיך געפיהרט דורך איין עלעקטריש־בעלייכטעטען קארידאר, וועלכער ווער אונ־געפעהר 12 עללען לאנג, דאן האט זיך פיר אונז געעפענט א צווייטער טהיר.

מיר זיינען אריינגעקומען אין א שפייזע־זאאל, וועלכער ווער אין דעם שעהנסטען שטיל אויסמעבלירט און פראכטפאל געפוצט. ביי ביידע זייטען ווענט זיינען געשטאנען הויכע, רייך־פערציערטע בופעטען פון אייבענ־האלץ און אויף זייערע פאכען האבען געגלענצט די טהייערסטע פאיאנסען, פארצעלייען און גלאז־געפעס, פון די שעהנסטע, זעלטענסטע ארבייט. עס ווארען דא אויך מאסען זילבערנע און גאלדענע כלים, אין וועלכע די עלעק־טרישע שטראהלען האבען זיך אבגעשפיעלט מיט אלערליי פארבען. דיעזע עלעקטרישע בעלייכטונג איז אויך ארויסגעקומען, פון א האלב־רונדע לאמפ, וואס ווער אריינגעשטעלט אין מיטען דעק פון זאאל, און האט בעשיינט די גרויסע פארטרעטען, וואס זיינען געהאנגען ארום אויף די וואנד.

אין מיטען זאאל איז געשטאנען א רייך־געדעקטער טיש. קאפיטאן נע־מא האט מיר אנגעוויזען מיין פלאטץ.

„זעצט זיך" האָט ער צו מיר געזאָגט „און עסט ווי א מאַן וואָס האָט נעהאַט צייט זיך גוט אויסצוהונגערען."

דאס פריהשטיק איז בעשטאַנען פון פערשיעדענע געריכטען, וועלכע זיינען פערפערטיגט געוואָרען נור פון אזעלכע פּראָדוקטען וואָס דער ים ליעפערט. אנדערע שפייזען זיינען מיר זאָגאר געווען גאַנץ אונבעקאַנט, אָבער זעהר געשמאַק.

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט וואהרשיינליך בעמערקט מיט וועלכע בליקען פון וואונדער איך בעטראַכט דיעזע געריכטען, וואָס איך געניס יעצט דעם ערסטען מאָל אין מיין לעבען, און ניט וואַרטענדיג ביז איך וועל דאריבער פרעגען איין ערקלעהרונג האָט ער זיך אָבגערופען:

„די מייסטען פון דיעזע געריכטען זיינען אייך געווים גאַנץ אונבעקאַנט, אָבער איהר מעגט זיי גאַנץ רוהיג געניעסען. זיי זיינען פאַלשטענדיג געזונד און גוט ערנעהרענד. פון די שפייזע־מיטלען וואָס קומען פון דער ערד האָב איך שוין לאַנג זיך ענטזאָגט און דעננאָך פעהלט אונז קיין זאַך ניט. די מאַנשאַפט פון מיין שיף איז פון דיעזע ערנעהרונג נאָך פיעל קרעפטיגער און געזונדער געוואָרען."

„און איהר בעקומט ווירקליך דיעזע אַלע שפייזען נור פון מעער?" האָב איך זיך געוואונדערט.

„יא, הערר פּראָפעסאָר, דער ים בעפריעדיגט מיך אין אַלעס וואָס איך בעדארף. איך שפּרייט אוים מיינע צוג־נעטצען און ציעהע זיי אריין פול געפּאַקט מיט די בעסטע פיש. זעהר אָפט געהע איך ארוים אויפ'ן יאגד אין פערשיעדענע געגענדען וואו קיין מענש קען ניט צוקומען, אין די וועלדער וואָס וואַקסען אויפ'ן גרונד פון ים. דאָרט, אין יענע אונענדליכע וויעזענלענדער, אונטערן וואסער, פיטערען זיך אויך פערשיעדענע טהיערע. דאָס אַלעס בענוטץ און בעהערשט איך אליין, ווי נעפּטון, דער אמאָליגער מיטהאָלאָגישער גאָט פון ים."

„קאַפּיטאַן" האָב איך מיט גרוים ערשטוינען ערוויעדערט „איך קען בעגרייפען אז מיט אייערע נעטצען האָט איהר די מעגליכקייט גוטע פיש צו פאַנגען און דאפון פערשיעדענע שפּייזען צו מאַכען; אָבער אז איהר זאָלט קענען געהען אויפ'ן גרונד פון ים שיעסען פערשיעדענע טהיערע אין די דאָרטיגע וועלדער, אז צווישען אייערע געריכטען זאָל זיך קענען געפינען זאָגאר איין שטיקעל פלייש, — דאָס זיינען אזעלכע זאַכען וואָס מיין פערשטאַנד קען עס ניט בענעהמען."

„איך זאָג אייך גאָר ניט אז אויף מיין טיש קומט ארויף פלייש פון לאַנד־טהיערען" האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.

„און וואָס איז דאָס?" האָב איך געצייגט אויפ'ן טעלער, אין וועל־

כען עס זיינען געלעגען דין־געשניטענע שטיקלאַך פלייש, וועלכע וואָרען זעהר געשמאַק צובערייטעט.

„יאַ, דאָס איז פלייש, הערר פּראָפעסאָר, אָבער פון די ריעזען־שילד־קרעטען וואָס לעבען אין ים, וועלכעס איז פיעל בעסער און געזונדער אַלס אייערע רינדער־פלייש. דאָסזעלבע איז אויך דיעזער געריכט געמאַכט פון דעלפין־לעבער, אויף וועלכען איהר מיינט געוויס אז דאָס איז שאַרף־גע־ווירצטעס פלייש. מיין קוכער פערשטעהט זיין זאַך אויסגעצייכענט און ער קען אַזעלכע פּראָדוקטען זעהר גוט צובערייטען און אויף אַ פרישען צושטאַנד בעוואַהרען. דיעזע קאָנסערוועז פון געוויסע וואורם־פאָרמיגע ים־טהיערע, (האָלאָטהוריען) קענען זיך פערגלייכען מיט די בעסטע אין דער וועלט, און יענער שמאַנד איז פון די מילך וואָס מיר בעקומען פון די ראָהרען וואָס וואַקסען אויפ'ן גרונד פון נאָרד־מעער און זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פוקוס. ענדליך ערלויבט מיר אייך דיעזען אנעמאָנען־קאָנפעקט אנ־צוביטען, וועלכער איז איין אויסגעצייכענטער דעסערט אַזוי פון פרוכטען."

איך האָב דאָס אַלעס פערזוכט מיט גרויס נייגיעריגקייט, וועהרענד דער קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיר ווירקליך געמאַכט פיעל פערגניגען מיט זיינע מערקווירדיגע ערקלעהרונגען.

„אָבער דאָס זעלבע מעער" האָט דער קאַפּיטאַן ווייטער געשפּראָכען „גיבט מיר אויסער די פאָרטרעפליכסטע נאַהרונגס־מיטלען אויך אַלע מאַ־טעריאַלען צו קליידונג. די שטאָף פון אייערע קליידער זיינען געוועבט פון געוויסע מושעל־פעדים און געפּאַרבט מיט אנטיקען פּורפּור. אין אייער קאַיוטע וועט איהר געפינען אויפ'ן טואַלעטען־טיש פּאַרפומען וואָס זיינען דעסטיללירט פון ים־פּפלאַנצונגען; דאָס זעלבע איז אייערע בעטגעוואַנד, אייערע טינט און פעדער געמאַכט געוואָרען נור פון מאַטעריאַלען וואָס דער ים אַליין ליעפערט, אַזוי איז עס אויך מיט אַלעס וואָס איך בעדאַרף."

„איהר זייט ווי איך זעהע אַ גרויסער פריינד פון מעער, קאַפּיטאַן ?"

„גאַנץ געוויס ! דאָס מעער פערנעהמט זיעבען צעהנטעל פון אונזער וועלט, זאָ דאָס ער איז מעהר ווי צוויי מאָל גרעסער אַלס אייער טרוקענעס לאַנד. די ים־לופט איז ריין און געזונד. אין דיעזער אונענדליך־גרויסע וויסטעניס פיהלט דעננאָך דער מענש זיך ניט איינזאַם; ארום איהם שוועבט אַ לעבען; עס ריהרט זיך איין איבערנאַטירליכע, וואונדערפאָלע עקסיס־טענץ פון אייביגע בעוועגונג און ליעבע. און ווירקליך, הערר פּראָפעסאָר, געפינען מיר דאָך אַז די דריי גרויסע קלאַסען פון די ברואים אין דער נאַטור, די מינעראַליען, פפלאַנצונגען און טהיערע, זיינען אין ים פאַרהאַנדען מעהר אַלס אויף דער ערד. נעהמט צום ביישפּיעל דעם טהיערען־רייך אַליין, וועט איהר זיך באַלד איבערצייגען ווי מעכטיג גרויס דער צאַהל פון דיעזע בע־

שעפּניסען איז אין ים. עס לעבען דאָ פיער גרופּפּען פון פפלאנצונג־טהיערע, דריי קלאסען גליעדער־טהיערע, פינף קלאסען מאָללוסקען, זוויגענטהיערע, שרצים און פיש אָהן א צאָהל און אָהן א ענדע. דיעזע אַלע קלאסען ברואים ענטהאַלטען אין זיך דרייצעהן טויזענד פערשיעדענע גאַטטונגען און מינים, פון וועלכע נור א צעהנטע טהייל לעבט אין די טייכען און אַלע איבריגע נור אין ים. יאַ, הערר פּראָפעססאָר, די נאַטור לעבט נור אין מעער, וואו עס איז דעננאָך אימער גאַנץ שטיל און רוהיג. דאָ הערשט אייביגעס פריע־דען, דען דאָס מעער ליעגט ניט אונטער דער מאַכט פון טיראַנען. אויבען, אויפ'ן וואסער, קענען זיי זיך נאָך אָפטמאָל שלאָגען, רייסען און בעגע־הען זייער שרעקליכע, גיעדערטרעכטיגע טהאַטען; אָבער דרייסיג פוס טיעפער הערט אויף זייער גוואַלט. אַך, מיין הערר, נור אין דעם שוים פון ים אַליין הערשט דער וואהרער גליק; דאָ איז דער מענש ווירקליך פריי!"

אין מיטען פון דיעזע בעגייסטערטע רעדע איז דער קאַפּיטאַן מיט איין מאָל שטיל געבליעבען. עס זעהט אויס אזוי ווי עס וואָלט איהם פערדריסען פאַרוואָס ער האָט זאָגאר אויף איין מינוט אַוועקגעוואָרפען זיין געוועהנליכע קאַלטע בענעהמונג. אייניגע מינוטען איז ער ארום געגאַנגען איבער'ן זאאַל עטוואס אויפגערעגט, דאַן, אלס ער איז מעהר רוהיגער געוואָרען האָט ער זיך צו מיר געווענדעט מיט די ווערטער:

„יעצט, הערר פּראָפעססאָר, אויב איהר ווילט גענוי בעטראַכטען מיין שיף, וועלכע הייסט נאַוטילוס, שטעה איך צו אייערע דיענסטען."

עלפטעס קאַפּיטעל.

דער נאַוטילוס.

איך בין מיט פערגניגען דעם קאַפּיטאַן נאָכגעגאַנגען. א דאָפּעל־טהיר האָט זיך געעפענט און מיר זיינען אריין געקומען אין א צימער, וועלכע וואר ביינאַהע אזוי גרויס ווי דער שפּייזע־זאאַל.

דאָס איז געווען די ביבליאָטהעק. איבעראַל ארום די וואַנד געפינען זיך הויכע געשטעלען פון שוואַרצען פּאַליסאַנדער־האָלץ, אויסגעלעגט מיט קו־פּער, און אין די פאַכען זיינען אויסגעשטעלט אין גלייכע, שעהנע פאָרמען איינגעבונדענע ביכער. אין פערשיעדענע ווינקעלאָך פון דיעזען צימער גע־פינען זיך טהייערע, ווייך־געפּאָלסטערטע דיוואַנען, אויף וועלכע עס איז

זעהר בעקוועם לעזענדיג צו רוהען. לייכטע בעוועגליכע פולטען, וועלכע מען קען רוקען וואוהין מען וויל, דיענען דאצו אום דאס בוך אוועקצולעגען, אז מען זאל עס ביי'ן לעזען ניט דארפען שטענדיג האלטען אין האנד. אין מיטען צימער שטעהט א גרויסער טיש, בעדעקט מיט פערשיעדענע העפטען, ביכער און עלטערע צייטשריפטען. דאס אלעס וואר בעלייכטעט מיט מילדע עלעקטרישע שטראהלען, זא דאס מיינע בליקען האבען מיט בעוואונדערונג און פערגניגען דיעזע שעהנע צימער בעטראכט.

„קאפיטאן נעמא" האב איך צו מיין ווירט געזאגט „מיט אזא ביבליא־טהעק וואלט דער שעהנסטער פאלאסט אויף דער ערד געקענט שטאלציערען, און איך בין ווירקליך זעהר ערשטוינט צו געפינען אזא פראכט אויף דעם גרונד פון מעער."

„איבערהויפט די רוהע, דער פריעדען!" האט דער קאפיטאן אויסגע־רופען „האט איהר אויף דער ערד אזא שטילען, אונגעשטערטען ארט? איז אין דעם שטודיר־צימער פון אייער וואהנונג בעסער צו לעזען?"

„ניין, מיין העהר; און די וואהרהייט זאגענדיג איז מיין ביבליא־טהעק זעהר ארים פערגלייכענדיג מיט אייערע. איהר האט דא געוויס פון זעקס ביז זיבען טויזענד ווערקע."

„צוועלף טויזענד, העהר אראנקאס. דאס זיינען נאך די איינציגע געגענשטאנדען וואס עררינערען מיך אן די ערד און די מענשהייט. אבער פון דעם טאג ווען מיין נאוטילוס איז צום ערסטען מאל אראפגעשוואומען אונטער די וועללען פון ים עקסיסטירט די וועלט מעהר ניט פאר מיר. אין יענעם טאג האב איך מיינע לעצטע ביכער, מיינע לעצטע העפטען און צייט־שריפטען געקויפט, און פון דאן אן לעב איך מיט דעם געדאנקען אז די מענשהייט האט מעהר ניט געדענקט און ניט געשריעבען. מיט דיעזע אלע ביכער, העהר פראפעסאר, קענט איהר זיך צו יעדער צייט גאנץ פריי בע־נוטצען."

איך האב דעם קאפיטאן אויסגעשפראכען מיין דאנק און בין צוגעגאנ־גען נעהענטער צו די שראנקען בעטראכטען וואס פיר א זארט ביכער דאס זיינען. עס וואראן צווישען זיי זעהר וויכטיגע ווערקע איבער מאראל־פילא־זאפיע, ליטעראטור, פון פערשיעדענע פאזיטיווע וויסענשאפטען, א מענ־גע שריפטען אין אלערליי שפראכען, אבער קיין איינציגעס וועגען שטאאטס־פאליטיק; אזעלכע ווערקע, וואס בעטרעפען הערשען און רעגיערען, זיי־נען וואהרשיינליך אויף דעם נאוטילוס א פערבאטענע סחורה. אלע ביכער זיינען געווען געטהיילט נאך די געגענשטענדען פון וועלכע וויסענשאפט זיי בעהאנדלען, אהן אונטערשיעד דער שפראכע; א בעוויז אז דיעזער קא־

פּיטאַן נעמאָ לעזט אויף אַלע פערשיעדענע שפּראַכען, יעדעס בוך וואָס קומט איהם צו ערסט אין האַנד אריין.

צווישען דיעזע ביכער האָב איך בעמערקט די ערהאַבענסטע מיטטערווערקע פון דער אַלטער און נייער ליטעראַטור, אַלע שעהנסטע שריפטען וואָס דער מענשליכער גייסט האָט נור געשאַפען, אנפאַנגענדיג פון דעם אַלטען גריכישען פּאָעט האָמער, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ געגויע דריי טויזענד יאָהר צוריק, ביז צו די בעריהמטעסטע שרייבער פון אונזער צייט. אָבער די וויסענשאַפטליכע ווערקע זיינען געוועזען נאָך צאהלרייכער; דאָ וואַרען די בעסטע ווערקע וועגען מעכאַניק, מאַטהעמאַטיק, פיזיק, געאָגראַפיע, געאָלאָגיע און זאָ ווייטער; איבערהויפּט ווערקע וועגען נאַטורוויסענשאַפט, מיט וועלכע דער קאַפּיטאַן האָט ווי עס ווייזט אוים זעהר אָפט זיך אָם ליעבסטען בעשעפטיגט. צווישען דיעזע לעצטע ביכער האָב איך אויך געפונען מיין אייגענע פערפאַסונג, אין צוויי בענדער, צוליעב וועלכע קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך יעצט מיט אַזוי פיעל עהרע און אכטונג אויפגענומען. איין אַנדער ווערק, וועלכע יאָזעף בערטראַנד האָט ארויסגעגעבען אין יאָהר 1865, איז געוועזען דאָס לעצטע אין דיעזער ביבליאָטהעק; און דאַפון האָב איך געקענט פערשטעהען אַז דער נאַוטילוס איז וואהרשיינליך צו יענער צייט פערטיג געוואָרען מיט אַלע זיינע אויסשטאַטונגען, און אויף דיעזען אופן פיהרט קאַפּיטאַן נעמאָ זיין לעבען אונטער'ן וואַסער שוין אונגעפעהר דריי יאָהר. איבריגענס גלויב איך אַז מיט דער צייט וועט עס מיר וועגען דיעזע זאַך מעגליך זיין גענויער צו ערפאַהרען.

„מיין הערר" האָב איך געזאָגט צום קאַפּיטאַן „איך דאנק אייך איבערהויפּט זעהר פיעל פיר די ערלויבניס מיט דיעזע ביבליאָטהעק זיך צו בענוטצען. זי ענטהאַלט ווירקליך אין זיך די שעהנסטע אוצרות פון ליטעראַטור און וויסענשאַפט."

„דיעזער זאאל" האָט דער קאַפּיטאַן ערקלעהרט „איז ניט נור צום לעזען זאָנדערן אויך צום רויכען."

„צום רויכען?" בין איך פערוואונדערט געוואָרען „איז דען מעגליך רויך־אַרטיקלען אויף דעם נאַוטילוס צו בעקומען?"

„געוויס! פאַרוואָס ניט?"

„דאַן מוז איך גלויבען אַז איהר האָט נאָך אַלע בעציעהונגען מיט די בעוואָהנטע ערד ניט אבגעבראָכען."

„איהר אורטהיילט ניט ריכטיג, הערר פּראָפעסאָר; איך בעקום מיינע רויך־מאַטעריאַלען אויך פון מעער. נעהמט דיעזע סיגאַר, זי איז ניט פאבריצירט געוואָרען פון האַוואַנאַ־בלעטער; דעננאָך, אויב איהר זייט אַ קענער, וועט איהר שוין מיט איהר צופריעדען זיין."

מיט דיזע ווערטער האָט ער מיר דערלאנגט אַ סיגאַר, וועלכע איז געוועזן זעהר שעהן געאַרבייט און האָט אויסגעוויעזען ווי פון גאָלד־בלעטער. איך האָב איהר אָנגעצונדען אין אַ פייער־בעהעלטער, פון אַ פּראַכטפאָלע שטאַטוע, אויף איין עלעגאַנטען פוס־געשטעל, און האָב אָנגעפאַנגען צו רויכען מיט דעם געפיהל פון אַזאַ פערגניגען, וואָס יעדער וועלכער איז דאַ־צו געוואָהנט מוז שפּיערען, ווען ער האָט שוין דאָס צייט צוויי טעג ניט געקענט געניעסען.

„דאָס איז פּאָרטרעפליך“ האָב איך זיך אָבגערופען אָבער קיין טאַבאַק איז עס ניט.“

„ניין, דאָס איז ווירקליך קיין טאַבאַק פון די ערד־פּלאַנטאַציעס. איך אַרבייט אויס דיזען מאַטעריאַל פון אַ געוויסען אַרט זעע־גראָז, וואָס ענט־האַלט אין זיך דיזעלבע ניקאָטין־שטאָפען ווי טאַבאַק. ביינקט איהר יעצט בעסער נאָך אַ האַוואַנאַ סיגאַרע, העררר פּראָפּעסאָר ?“

„קאַפּיטאַן, געגען אייערע סיגאַרען איז האַוואַנאַ גאָר ניט ווערטה.“

„דאַן רויכט זיי ווי פיעל איהר ווילט, ניט טראַכטענדיג פון וואַנען און ווי זיי האָבען זיך גענומען. עס איז אַפילו פיר זיי קיין אַקציז ניט אָבגע־צאָהלט, דעננאָך גלויב איך שאַדעט עס ניט צו זייער געשמאַק.“

„געוויס ניט !“ האָב איך געלאַכט אויף דעם קאַפּיטאַן'ס וויטציגע בע־מערקונג.

ער האָט יעצט געעפענט אַ צווייטע טהיר, גראַדע געגען די יעניגע דורך וועלכע מיר זיינען אין דיזע ביבליאָטהעק־צימער געקומען, און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַנץ גרויסען גלענצענד־ליכטיגען זאַאַל. דאָס וואַר אַ פּראַכט־צימער, מיט האַלב־רונדע ווינקלען, עלף עללען לאַנג, זיעבען ברייט און זעקס די הויך. דער גאַנצער דעק פון דיזען זאַאַל איז געוועזן געציערט מיט די שעהנסטע מאַלערייען און העלל ערלייכטעט, מיט אַ ווייסען, מילדען שיין, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדער געגאָסען אויף אַלע מערקוויר־דיגע זעלטענהייטען פון דיזען מוזעאום. יאַ, דאָס וואַר ווירקליך אַ מו־זעאום, אין וועלכען נור אַ געבילדעטער, רייך־בעמיטעלטער מאַן האָט גע־קענט אויפזאַמלען אַזעלכע אוצרות פון נאַטור און קונסט.

דרייסיג בילדער, פון וועלכע יעדער איינע איז געוועזן אַ זעלטענע מייסטערווערק, וואַרען אויסגעשטעלט ווי אַ גלענצענדע גרופּע אין ראַהמען פון גלייכער פאָרם, אַרום די ווענד, וואָס זיינען טאַפּעציערט אין אַ שטרענג־קונסטפאָלען שטיל. איך האָב צווישען זיי געזעהען אַזעלכע פּאָרטרעטען פון העכסטען ווערטה, וואָס וואָלטען אין יעדע וועלט־אויסשטעלונג אַרויס־גערופען די גרעסטע בעגייסטערטע בעוואונדערונג ; און אין די ווינקלען

פון דיעזען ערהאבענעם מוזעאום זיינען געשטאנען טהייערע סטאטועןפון בראנז און גאלד, נאכגעבילדעט נאך די שעהנסטע אנטיק מוסטערס.

„הערר פראפעסאר" האט דער קאפּיטאן צו מיר געזאגט „ענטשולדיגט מיר אויב איהר געפינט דא אירגענד וועלכע אונארדנונגען."

„מיין הערר" האב איך ערוויעדערט „אבוואהל איך ווייס ניט ווער איהר זייט דערקען איך אבער אין אייך א וואהרען קינסטלער."

„ניין, הערר אראנאקס ; העכסטענס בין איך נור א ליעבהאבער פון קונסט. עס פלעגט מיר א מאל מאכען פרייד צו זאמלען אזעלכע שעהנע ווערק פון מענשען־האנד געשאפען. איך האב שטענדיג געזוכט און עס איז מיר געלונגען איינינע ווערטהפאלע זאכען צוזאמען צו ברענגען. דאס זיינען מיינע לעצטע עררינערונגען אן די ערד, וועלכע איז שוין פיר מיך ווי אבגעשטארבען."

„אבער איהר בעשעפטיגט זיך וואהרשיינליך זעהר פיעל מיט מוזיק" האב איך געזאגט, צייגענדיג אויף א שעהנע ארגעל־פיאנא, אויף וועלכע עס זיינען געלעגען פארטיטורען פון וועבער, ראססיני, מאצארט, מעערבער און אנדערע גרויסע קאמפאזיטארען.

„יא, דאס זיינען אויך נור אנדענקונגען פון יענע פערשוואונדענע, לענגסט פערשוואונדענע צייט" האט דער קאפּיטאן געזאגט שטילערהייט, אזוי ווי צו זיך אליין, וועהרענד ער איז געבליעבען זיטצען טיעף פערטראכט אין זיינע געדאנקען און איך האב אונטערדעסען זיך ניט געקענט זאט אנקוקען אויף די מערקווירדיגע אוצרות פון דיעזען סאלאן. עס ווארען דא זעלטענהייטען פון דעם נאטור־רייך, וואס האבען געהאט א גרויסען ווערטה, די טהייערסטע מושלען (מויער קעפף) און אנדערע געגענשטאנדען פון מעער, וועלכע דער קאפּיטאן נעמא האט וואהרשיינליך אליין אויפגעזאמעלט. אין מיטען זאלאן איז געשטאנען א שפרינג־ברונען, מיט א בעקען וואס וואר געמאכט פון איין איינציגע מושעל, אזוי גרויס אז דער ראנד פון דיעזען בעקען האט געמאסטען מעהר ווי זעקס עללען ארום. דער גלאנץ פון דיעזעם פראכטווערק און די וואסער־שטראהלען האבען זיך אבגעשפיעגעלט מיט די שעהנסטע פארבען אונטער דער עלעקטרישער בעלייכטונג. דיעזע ריעזען־מושעל איז אלזא געוועזען פיעל גרעסער ווי די יעניגע וואס די רעפּובליק פון ווענעדיג האט א מאל געשאנקען דעם פראנצויזישען קעניג פראנץ דעם ערסטען ; אבוואהל יענע רעכענט זיך אלס איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט.

אויפ'ן גאלענדער ארום דעם בעקען זיינען געשטאנען אונטער גלעזערנע דעקען, פערציערט מיט גאלדענע איינפאסונגען, די קאסטבארסטע פראדוקטען פון מעער. אויף יעדען דעקעל איז אנגעקלעפּט איין עטיקעטע, מיט

די בעשרייבונג פון יעדען געגענשטאנד בעזונדער. מען קען זיך לייכט פאָר־שטעלען וואָס פיר א פריידע עס איז געוועז פיר מיך, אלס נאַטורפאָרשער, דיעזע זעלטענהייטען צו בעטראכטען.

עס גיבט אין ים אזא קלאסע ברואים וואָס ווייזען אוים ווי פלאנצונ־גען, אָבער זיי זיינען אין דער וואהרהייט לעבעדיגע טהיערע, וועלכע ווע־רען בעצייכענט אין דער נאַטורגעשיכטע מיט דעם אלגעמיינעם נאָמען „זאָאָ־פיטען". פון די גרופּפּע פּאָליפּען און עכינאָדערמען (אזעלכע טהיער־פפלאנ־צונגען מיט שטעכעדיגע הויטען) איז דאָ געוועזן צו זעהען די מערקווירדיגס־טע מוסטערען. פון דעם זאָרט מאָלוסקען האָבען זיך דאָ געפונען אזעלכע טהייערע שטיקער פון וועלכע יעדער געלעהרטער וואָלט געמוזט ערשטוינט ווערען זיי בעטראכטענדיג. אויף איין אנדער שטעלע, אין בעזונדערע גע־רעקטע פאכען, זיינען געלעגען גאנצע רייהען פון די שעהנסטע שניר פּערל, וואָס האָבען געבליצט מיט די פּראכטפּאָלע פערשיעדענהייט פון זייערע פארבען. אייניגע פון דיעזע פּערלען זיינען געוועזן אזוי גרויס ווי דאָס איי פון א טויב, דאָס הייסט, נאָך פיעל טהייערער ווי די יעניגע בעריהמטע פּערל וואָס געפינען זיך נור אין דעם בעזיטץ פון דעם פּערזישען שאך. דער ווערטה פון דיעזע זאמלונג איז גאָר ניט געוועזן מעגליך מיט די גרעסטע סומע געלד צו בעשטימען. וועהרענד איך בין געשטאַנען קוקענדיג מיט ענטציקטע בליקען און זיך פרעגענדיג אין געדאנקען פון וואנען דער קאפּיטאַן האָט גע־קענט צוזאמען נעהמען אזעלכע אונגעהויערע אוצרות האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגערופען :

„איהר בעטראכט מיינע מושעלן און פּערלען, הערר פּראָפעסאָר. זיי קענען ווירקליך יעדען נאַטורפאָרשער גרויס פערגניגען פערשאפען ; אָבער פיר מיך האָבען זיי נאָך א בעזונדערען רייץ, דארום ווייל איך אליין האָב זיי אויפגעזאמעלט, און עס גיבט אויף דער וועלט קיין ים אין וועלכען איך האָב ניט דורכגעפאָרשט זוכענדיג דיעזע קאָסטבארקייטען."

„מען קען בעגרייפען, קאפּיטאַן, אז עס איז ווירקליך א פריידע דער בעזיטצער פון אזעלכע שעטצבארע זאכען צו זיין, איבערהויפּט נאָכדעם ווי מען האָט זיי אליין אויסגעפונען. קיין מוזעאום אין אייראָפּא האָט ניט אזא זאמלונג פון די זעלטענסטע ים־פּראָדוקטען. אָבער בעוואונדערנדיג דיעזע אלע זעלטענהייטען, וואָס איך זעה דעם ערסטען מאָל אין מיין לעבען, שטעלט זיך מיר פאָר נאָך איין זאך, וועלכע איז נאָך פיעל מערקווירדיגער, נעמליך, דאָס שיף נאַוטילוס, אין וועלכע מיר געפינען זיך. איך וויל זאָ־גאר אין אייערע געהיימניסע ניט אריינדרינגען, דאָך מוז איך זאָגען אז די אונערקלעהרליכע קראפט וואָס דיעזע שיף ענטהאלט אין זיך, די מאַשי־נערייען וועלכע לענקען איהרע בעוועגונגען, די זעלע וואָס בעלעבט דעם

שטאהלענעם קערפער פון נאוטילוס — דאס אלעס וועקט אויף מיין נייגי־ריגקייט ביז די העכסטע שטופע. איך זעה אויף די וואנד פון דיעזען זאלאן אזעלכע אינסטרומענטען וואס זייער בעשטימונג און געברויך איז מיר גאנץ אונבעקאנט, איז מיר ערלויבט צו פרעגען . . .״

„הערר אראנאקס״ האט דער קאפיטאן מיך אונטערבראכען „איך האב אייך געזאגט אז איהר זייט אויף מיין שיף פאלשטענדיג פריי, דארום מעגט איהר אויך וויסען און זעהען אלעס וואס איהר פערלאנגט. אויב איהר ווילט מיין שיף איבעראל בעטראכטען וועט עס מיר מאכען פערגניגען אייך צו בעגלייטען און יעדע זאך צו ערקלעהרען.״

„איך וויס ווירקליך ניט ווי איך זאל אייך פיר דיעזע העפליכקייט דאנקען, אבער עס איז מיר זעהר שווער אייך אזוי פיעל צו בעמיהען. איך וואלט נור וועלען פרעגען צו וואס נוטצען אייגענטליך דיעזע פיזיקאלישע אינסטרומענטען —״

„גראדע אזעלכע אינסטרומענטען וועט איהר געפינען אין מיין צימער, הערר פראפעסאר, און דארט וועל איך אייך זייער בעדייטונג ערקלעהרען. קומט ; איך וועל אייך יעצט אויך צייגען אייער אייגענע קאיוטע, דען אלס בעשטענדיגער פאסאזשיר פון נאוטילוס מוזט איהר דאך אייער בעשטימטע וואהנונג האבען.״

מיר זיינען ביידע ארויסגעגאנגען און דער קאפיטאן האט מיך געפיהרט דורך איין אנדער קארידאר, אין דעם פאדערסטען טהייל פון שיף. מיר זיינען אריינגעקומען אין איין עלעגאנטע צימער, וועלכע וואר אויסגעפוצט מיט די שעהנסטע מעבעל, טואלעטען, א בעט און אלע בעקוועמליכקייטען, פיר וועלכע איך האב מיין ווירטה ווירקליך געמוזט העכסט דאנקבאר זיין.

„אייער צימער איז די נעכסטע פון מיינע״ האט ער געזאגט, עפ־נענדיג א צווייטע טהיר דערביי „און פון מיין צימער קען מען אריינקומען אין דעמזעלבען זאאל, פון וועלכען מיר זיינען יעצט ארויסגעגאנגען.״

אין קאפיטאן׳ס וואהנונג איז גראדע ניט געווען צו זעהען קיין איבערי־גע לוקסוס, קיינע פערציערונגען, נור דאס וואס איז שטרענג נויטהווענדיג. איין אייזערנע בעט, איין ארבייטס טיש, איניגע שטיק מעבעל — דאס וואר אלעס.

„זעצט זיך, הערר פראפעסאר,״ האט ער געזאגט, אלס מיר זיינען דא אריינגעקומען, און דאן האט ער אנגעפאנגען זיינע ערקלעהרונגען.

צוועלפטעס קאפיטעל.

די קראפט פון עלעקטריציטעט.

„דא זעהט איהר, מיין הערר, דעם אפאראט וועלכער איז נויטהיג צו די פיהרונג פון מיין שיף" האט ער זיך אבגערופען, צייגענדיג אויף פערשיעדענע אינסטרומענטען וואס זיינען געהאנגען אויף די וועגד פון צי־מער „איך האב זיי דא, גראדע ווי אין זאלאן שטענדיג אונטער מיינע אוי־גען, איך זאל צו יעדע צייט קענען ריכטיג וויסען, וואו איך געפין זיך אין מיטען ים, און נאך וועלכע ריכטונג איך פאהר. אייניגע פון דיעזע אינ־סטרומענטען זיינען אייך דאך וואהרשיינליך בעקאנט. דער טהערמאמעטער וואס צייגט די גראדען פון היטץ און קעלט; דער באראמעטער, אום דאס געוויכט פון די לופט צו בעשטימען און דער היגאמעטער, וועלכער ווייזט ווי פיעל פייכטקייט עס געפינט זיך אין דער לופט. דאס וועטטער־גלאז פערקינדיגט א שטורם, איידער ער קומט נאך אן: דער קאמפאס צייגט די ריכטונג וואוהין מען וויל פאהרען; דער סעקסטאנט בעשטימט די הויכ־קייט פון די זונן, אום מען זאל דאדורך קענען בערעכענען אין וועלכער געגענד דער וועלט מען געפינט זיך; דער כראנאמעטער צו מעסטען די צייט און בעשטימען דעם ארט אויפ'ן אפענעם ים; און ענדליך די טאג און־נאכט־ספאקטיוון, וואס דיענען מיר ווייט ארום דעם גאנצען מעער צו בע־טראכטען, דאן ווען דער נאוטילוס שווימט פון אויבען אויפ'ן וואסער."

„דאס זיינען געוועהנליכע אינסטרומענטען, וועלכע אלע זעע־פאהרער מוזען בענוטצען" האב איך ערוויעדערט „זייער געברויך איז מיר גענוג בע־קאנט. אבער איך זעה דא אנדערע, וואס דיענען וואהרשיינליך צו די ספע־ציעלע נויטהווענדיגקייטען פון דעם נאוטילוס, אלס אונטערוואסערדיגע שיף. דיעזע ציפערבלאט, מיט דעם ווייזער וואס לויפט אויף איהר ארום, איז דאך געווים א זארט מאנאמעטער?"

„יא, א מאנאמעטער. ער צייגט ווי שווער די דריקונג פון וואסער איז און דאדורך קען איך צו יעדע צייט וויסען ווי טיעף דאס שיף געפינט זיך אין ים."

„און דיעזע אינסטרומענטען, פון וועלכע איך הויב גאר ניט אן צו פער־שטעהען דעם געברויך?"

„הערט מיר צו אויפמערקזאם" האט דער קאפיטאן נאך א קורצען שוויינען זיך אבגערופען „דען פריהער מוז איך אייך אייניגע ערקלעהרונגען געבען. אויף מיין שיף הערשט א שטארקע, שנעללע, פאלגזאמע און זעהר

נוטצליכע קראפט. זי גיבט מיר אַלעס וואָס איך בעדארף, בעלייכטעט, ערוואַרמט און זעצט מיינע מאשינעריעען אין בעוועגונג; קורץ, זי איז די איינציגע לעבענס־קראַפט פון מיין נאוטילוס און איהר נאָמען איז: עלעקטריציטעט.

„עלעקטריציטעט?” בין איך עטוואס איבערראשט געוואָרען „אָבער ווי ווייט איך האָב בעמערקט די שנעלע בעוועגונגען פון אייער נאוטילוס קען די קראַפט פון עלעקטריציטעט אזוי פיעל נים געבען. אַלע ענטדעקונגען וואָס זיינען ביז יעצט מיט דיעזען שטאָף געמאַכט געוואָרען האָבען נאָך אַזעלכע שטאַרקע ווירקונג נים בעוויעזען.”

„הערר פּראָפעסאָר” האָט דער קאַפּיטאַן ערוויעדערט „מיין עלעקטריציטעט איז נים דערזעלבער פון וועלכען יעדער מאַן ווייס; און דאָס איז פאָרלויפיג אַלעס וואָס איך קען אייך דארויף ענטפערען.”

„איך וויל אייך נים צודרינגען, מיין הערר, און מוז נאַטירליך בלייבען ביי מיין ערשטוינען. ערלויבט מיר נור איין איינציגע פראגע, אויף וועלכע איהר קענט אויך נים ענטפערען, אויב זי איז נים פּאַסענד. וואו נעהמט איהר איינענטליך די שטאָפען, וועלכע זיינען נויטהווענדיג אום דעם עלעקטריציטעט ארויסצובריינגען, ווען איהר האָט קיין שום פערבינדונג נים מיט די ערד? וואו בעקומט איהר צום ביישפּיעל צינק, וועלכע ווירד ראַצו פערברויכט, און מוז זיך דאָך שליעסליך ביי אייך ענדיגען?”

„איך וויל אייך אויף דיעזע פראגע ענטפערען. צוערסט מוז איך אייך זאָגען אַז אויפ׳ן גרונד פון ים געפינט איהר נים נור צינק, זאַנדערן גאַנצע מינעס פון אייזען, זילבער, גאָלד און פיעלע אנדערע מעטאַלען, וועלכע מען קען גאַנץ לייכט פון דאָרט אויפזאמלען. אָבער איך געברויך דיעזע מעטאַלען נים, דען אום מיין עלעקטריציטעט צו בעקומען האָב איך אַ פיעל בעסערען, שטאַרקערען מיטעל, וועלכע איז אויך מעהר פּראַקטיש, ווייל איך קען איהם צו יעדע צייט ערהאַלטען.”

„און אין וואָס בעשטעהט דיעזער מיטעל, אויב עס איז ערלויבט צו פרעגען?”

„אין דעם וואַסער פון ים.” האָט דער מערקווירדיגער מענש צו מיין גרויסען ערשטוינען געענטפערט „איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך אַז אין ים־וואַסער געפינען זיך פערשיעדענע כעמישע שטאָפען, ווי צום ביישפּיעל; כלאָר־מאַגנעזיום, זאַלץ זויערע קאַלי, בראָם מאַגנעזיום, שוועפעל זויערע און קוילענזויערע פון קאַלך, אָבער מעהר ווי דאָס אַלעס ענטהאַלט דאָס וואַסער אין זיך כלאָר־סאָדע און פון דיעזע סאַדא נעמליך ציעהע איך ארויס דעם עלעמענט וואָס איז נויטהיג פיר מיין עלעקטריציטעט.”

„כלאָרסאָדא?” בין איך ערשטוינט געוואָרען.

„גאנץ געוויס, מיין הערר; ווען איך צומיש דאָס מיט קוועק־זילבער האָב איך איין עלעמענט וועלכער איז העכסט פּאָרטרעפליך פיר מיין ציעל. קוועק־זילבער נוצט זיך קיינמאָל ניט אָב, נור דער כלאָרסאָדא ווירד פערברויכט, און דאָס בעקום איך צו יעדע צ׳יט פון מעער. איך וויל אייך אָבער נאָך איין זאך בעמערקען, הערר פּראָפעסאָר, אז דער עלעקטריציטעט וואָס פליעסט ארוים פון דיעזען שטאָף איז אין דאָפּעלט שטארקער ווי דעריעניגער וואָס מען ערהאַלט געווהנליך פון צינק.״

„זעהר גוט, קאפּיטאן; איך קען בעגרייפען אז סאדא איז פיר אייך דאָס בעסטע מיטעל, וועלכעס איהר האָט אויסערדעם די מעגליכקייט יעדע צייט צו בעקומען. אָבער איהר מוזט דאָך דאצו אליין אויך האָבען עלעקטריציטעט, אָדער ריכטיגער צו זאָגען היטץ, אום דאָס סאָדא פון וואסער אויסצוציהען און צו פאבריצירען, ווי מאַכט איהר דאָס? אויף יעדע ביסעל סאדא וואָס איהר קענט געווינען דורך אזא פּראָצעס מוזט איהר דאָך פיעל מעהר עלעקטריציטעט פערברויכען!״

„הער פּראָפעסאָר, איך דארף גאָר ניט פערווענדען קיין עלעקטריציטעט אום דעם כלאָרסאדא פון וואסער צו בעקומען; איך מאַך עס גאנץ איינפאך מיט די היטץ פון שטיין־קוילען.״

„שטיין־קוילען? דאָ אין מיטען ים?״

„זאָל זיין ים־קוילען.״ האָט ער גאנץ רוהיג געענטפערט.

„דאָס הייסט אלזאָ איהר נעהמט קוילען פון די מינעס וואָס געפינען זיך אונטערן גרונד פון ים?״

„הערר אראָנאקס, איהר וועט מיט דער צייט זעהען מיט וועלכע מיטלען איך מאַך דאָס. האָט נור עטוואס געדולד אָבצוואַרטען. פּאָרלויפיג וויסט איהר, אז איך בעקום נור פון ים די בעסטע מיטלען פיר אזא מין עלעקטריציטעט, וועלכער גיבט מיר אַלעס וואָס איך דארף, ווארעמקייט, ליכט, בעוועגונג, קורץ — דאָס גאַנצע לעבען.״

„אָבער דאָך ניט די לופט צום אטהמען?״

„אָה, דאָס איז פון די קלענסטע זאכען! איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך אז לופט קען מען אימער פאבריצירען, פון געוויסע כעמישע שטאָפען; אָבער מיר איז דאָס ניט נויטהיג, דען איך קען צו יעדע צייט ארויפשטייגען אויפ׳ן וואסער פון מעער. דעננאָך נוצט מיר אויך דער עלעקטריציטעט אין דיעזער הינזיכט; ער טרייבט געוואַלטיגע פּומפּען, וועלכע פּרעסען צוזאמען פיעל לופט אין בעזונדערע גערדיכט־אָבגעשלאָסענע רוימען, אום מיר זאָלען קענען נאָכהער מיט דיעזע פּאָרבערייטעטע לופט זיך ביסלאכווייז בענוטצען, זאָ דאָס איך קען פערבלייבען אונטער׳ן וואסער ווי לאנג איך וויל.״

„קאפיטאן" האב איך אויסגערופען „אייערע ערקלעהרונגען זיינען ווירק־ליך איבערראשענד! איך זעה אז איהר האט ענטדעקט פיעלע אזעלכע זאכען וואס מענשען וועלען נאך דארפען לאנג ארבייטען איידער זיי וועלען דאס דערגרייכען."

„איך ווייס ניט אויב זיי וועלען דאס דערגרייכען" האט דער קאפיטאן מיט א קאלטע מיענע פון פעראכטונג געענטפערט „נור ווי די זאך איז האט איהר יעצט א ריכטיגע ערקלעהרונג וועגען די קראפט וואס ווירד אויפ'ן נאוטילוס אנגעווענדעט. זי לייכטעט אונז גלייכמעסיג און אויסדויערנד, אזוי ווי א זונענליכט וואס ווירד קיינמאל ניט אויסגעלאשען. יעצט בעטראכט דיעזע אוהר; זי איז עלעקטריש, און דורך דיעזע קראפט געהט זי אזוי רעגעלמעסיג אז קיין כראנאמעטער אין דער וועלט קען זיך מיט איהר ניט פערגלייכען. איך האב איהר נאך דעם איטאליענישען סיסטעם איינגעטהיילט אין 24 שטונדען, דען פיר מיך עקסיסטירט קיין אונטערשיעד פון נאכט און טאג; קיין זונן און קיין מאנד; נור מיין אייגענע עלעקטרישע בע־לייכטונג, וועלכע איך נעהם מיט זיך אין די טיעפסטע אבגרונדען פון מעער. זעהט איהר, אין דיעזען אויגענבליק איז גראדע צעהן אוהר אין דער פריה."

„יא, גאנץ ריכטיג."

„נאך איין אנוועהדונג פון עלעקטריציטעט איז פאלגענדע: דיעזעס ציפער־בלאט וואס שטעהט פאר אונזערע אויגען ווייזט מיר יעדע צייט ווי שנעל דער נאוטילוס פאהרט. איין עלעקטרישער דראהט ברענגט איהר אין פערבינדונג מיט די שרויבע פון לאג, און דער לאג, ווי איהר ווייסט, איז איין אפעראט וואס מעסט דעם גאנג פון שיף. איהר זעהט, אז יעצט פאהרען מיר מיט די מעסיגע געשווינדיגקייט פון פופצעהן מייל א שטונדע."

„וואונדערבאר, העכסט וואונדערבאר! איך זעה, קאפיטאן, אז ווען די מענשען אויף דער ערד זאלען וויסען מיט די עלעקטרישע קראפט זיך אזוי פיעל צו בענוטצען וואלטען זיי מעהר זאגאר די הילפע פון פייער, וואסער און דאמפף ניט געדארפט האבען."

„מיר זיינען נאך ניט פערטיג, הערר אראנקאס" האט קאפיטאן נעמא געזאגט אויפשטעהענדיג „אויב איהר האט לוסט יעצט מיט צו געהען וועל איך אייך צייגען דאס הינטערע טהייל פון נאוטילוס."

אין דער טהאט האב איך פארלויפיג געזעהען נור דאס פארדערטהייל פון דיעזען אונטערוואסערדיגען שיף, וועלכעס פיהרט פון מיטען נאך דיע־זער זייט, און איז איינגעטהיילט אין די צימערען וואס זיינען שוין אויבען בעשריעבען, און אויסער דעם א רוים פון אונגעפעהר אכט עללען, אום די צוזאמענגעפרעסטע לופט איינצוהאלטען. יעדעס צימער איז איינע פון די אנדערע אבגעטהיילט מיט וואסער־זיכערע ווענד און טהירען, אז קיין איינ־

ציגעם טראָפּען זאָל פון איינע אין די אַנדערע ניט קענען אריינקומען, זאָ דאָס ווען עס זאָל זיך מאַכען אַ פאַל אַז אין איין צימער וועט וואַסער אריינ־דרינגען, דאַן קען עס די איבריגע טהיילען פון שיף ניט שאַדען. דיעזע אַלע רוימען און צימערען פערנעהמען דעם גאַנצען פאָדערסטען טהייל פון שיף אונגעפעהר ביז פערציג עלען לאַנג.

איך בין געגאַנגען מיט'ן קאַפּיטאַן נעמאָ דורך דעם קאָררידאָר פון פאָר־דערסטען טהייל ביז מיר זיינען געקומען צום מיטעלפּונקט פון שיף. דאָ האָב איך דערזעהען צווישען צוויי וואַססער־זיכערע וועגד אַ מין שאַכט, אין וועלכע עס איז געשטאַנען בעפעסטיגט צום וואַנד איין אייזערנער לייטער, וואָס פיהרט נאָך אויבען צום פערדעק. איך האָב געפרעגט דעם קאַפּיטאַן, צו וואָס דיעזע לייטער ווירד בענוצט.

„אום נאָך די קליינע שיפעל צו קומען.“ האָט ער געענטפערט.

„ווי ? איהר האָט אויפ'ן נאַוטילוס אַ קליינע שיפעל אויך ?“ בין איך ערשטוינט געוואָרען.

„געוויס ; זאָגאר איין אויסגעצייכענטע, לייכטע און זיכערע, וועלכע מיר בענוטצען צו פאָהרען שפּאַציערען און פיש צו פאַנגען.“

„אָבער דאַן מוזט איהר דאָך ארויפשטייגען אויבען, אום פון נאַוטילוס אין דאָס קליינע שיפעל זיך אריינצוזעטצען.“

„ניין, דאָס איז גאָר ניט נויטהיג. דאָס שיפעל געפינט זיך אויבען אין אַ בעזונדער אבגעשלאָסענעם רוים, אונטערן פערדעק. דער גאַנצער רוים איז געוועהנליך פון אַלע זייטען מיט וואַסער־זיכערע וועגד ארום גע־בויט. מיט דיעזע לייטער קום איך אין יענע רוים, וואו דאָס שיפעל גע־פינט זיך, און שליעס הינטער זיך די אינוועניגסטע טהיר ; דאָס שיפעל זעלבסט איז אויך זיכער פערדעקט אַז קיין וואַסער זאָל ניט קענען אריינ־דרינגען. אַלס איך שטייג אריין אין שיפעל און שליעס זיך אָב גיב איך אַ געוויסען צייכען דורך איין עלעקטרישען דראַטה צו מיינע לייטע ; זיי עפנען מיט אַ אינוועניגסטע שרויב דעם אויסערען פערדעק פון שיף און מיין שיפעל שיסט ארויף ווי אַ פייל אויפ'ן ים, דען איהר ווייסט דאָך, אַז יעדער קערפּער וואָס ענטהאַלט אין זיך לופט ווירד פון דעם וואַסער־דרוק געטריע־בען נאָך אויבען. קומענדיג אויפ'ן מעער ציעהע איך אָב דעם פערדעק פון מיין שיפעל, שטעל אָן די זעגלען מיט דעם רודער און פאָהר וואוהין איך וויל.“

„אָבער ווי קומט איהר ווידער צוריק צום נאַוטילוס ?“

„איך קום גאָר ניט צוריק, הערר אראָנאַקס ; גראַדע פערקעהרט זיער נאַוטילוס קומט צו מיר.“

„אויף אייער בעפעהל, גראַדע דאַן ווען איהר ווילט צוריק קעהרען ?“

„געוויס, אויף מיין בעפעהל. איין עלעקטרישער דראטה האלט דאס שיפעל אין שטענדיגע פערבינדונג מיט דעם נאוטילוס, זא דאס איך קען צו יערע צייט שיקען מיין בעפעהל דורך אזא טעלעגראמע."

„ווירקליך" האב איך אויסגערופען העכסט ענטציקט פון דיעזע ער־קלעהרונג „דאס איז דאך אזוי ריכטיג און איינפאך!"

פארביי געהענדיג ווייטער האב איך געזעהען אין א בעזונדערע קליינע קאיוטע מיין דיענער קאנסייל און עדוארד לענד, וועלכע זיינען געווען בע־שעפטיג זייער געשמאקען מאהלצייט מיט א מונטערען אפעטיט צו פער־צעהרען. פון דאנען האט זיך געעפענט א טהיר און מיר זיינען אריינגעקו־מען אין א לאנגע קיך, וועלכע איז געווען אויפגעשטעלט צווישען די שפייכ־לער־קאמערען.

דא האב איך געקענט גענוי בעטראכטען ווי בעקוועם און ענערגיש דער עלעקטריציטעט ערפילט אלע ארבייט וואס זיינען נויטווענדיג צום קאכען. די דראטהען וועלכע ציעהען זיך אונטערן אויוועז דערהיטצען רעהרען פון פלאטינא, אין וועלכע די ווארעמקייט ענטהאלט זיך דויערהאפט און ווירד רעגעלמעסיג פערטהיילט. זי הייצט צו גלייכער צייט דיסטילאציאן־אפא־ראטען, וועלכע ציעהען ארויס פון דעם ים־וואסער די פערשיעדענע זאלצען און כעמישע שטאפען, און דאן ליעפערען זיי פארטרעפליכע וואסער צום טרינקען. פון דער קיך קומט מען אריין אין א באדע־צימער, וועלכע איז איינגעארדענט מיט וואנעס, ווארמע און קאלטע וואסער און מיט אלע בע־קוועמליכקייטען.

די נעכסטע גרויסע צימער פון קיך איז די וואהנונג פיר די מאנשאפט פון שיף, אבער די טהירען זיינען געבליעבען פערשלאסען און איך האב דיע־זען רוים אינוועניג ניט געהאט די מעגליכקייט צו בעטראכטען, זא דאס איך האב פארלויפיג זאגאר דעם צאהל פון דיעזע שיפס־לייטע ניט געקענט ערפאהרען.

א פיערטע וואסער־זיכערע וואנד האט זיך געצויגען צווישען דיעזען זאאל און דאס מאשינען־צימער. עס האט זיך געעפענט א טהיר און איך בין אריין געקומען אין דיעזען רוים, וואו עס זיינען געשטאנען אלע אינ־סטרומענטען דורך וועלכע די בעוועגונג פון שיף ווירד רעגיערט. דיעזע צי־מער איז די גרעסטע אין שיף, מעהר ווי צוואנציג עלען לאנג, און איז זעהר העלל בעלייכטעט. דא ווארען נאטירליך צוויי בעזאנדערע אבטהיילונגען, נעמליך: איינע אום די עלעקטריציטעט אויסצוארבייטען און די צווייטע פיר די מעכאנישע איינריכטונגען, וועלכע זיינען נויטהיג אום די שרויבע, דעם רודער און די פומפען צו טרייבען.

אנפאנגס בין איך עטוואס איבערראשט געווארען, שפיערענדיג אין דיע־

זען רוים א בעזאָנדערען שטאַרקען גערוך. בעמערקענדיג אויף מיר דיעזען איינדרוק האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָבגערופען:

„דאָס ריכט נור דער גאַז. וואָס ענטוויקעלט זיך פון דעם סאָדא, וועהרענד דיעזער שטאָף ווירד דיסטיללירט; אָבער דער אונאַנגענעהמער גערוך איז ניט זעהר שטאַרק, און אויסערדעם ווירד דאָס גאַנצע שיף טאָג טעגליך גוט דורכגעלופטערט."

אונטערדעסען האָב איך נאַטירליך מיט גרויס אינטערעס אָנגעפאַנגען גענוי צו בעטראַכטען די עלעקטרישע מאַשינע.

„ווי איהר זעהט" האָט קאַפּיטאַן נעמאָ ערקלעהרט „בענוטץ איך די עלעמענטען וואָס וואַרען ענטדעקט פון דעם גרויסען כעמיקער בונזען, ווייל זיי זיינען פיעל שטאַרקער און גרעסער אַלס די יעניגע וואָס וואַרען געוועהנליך געברויכט נאָך די סיסטעמע פון רוהמקאָפף. די עלעקטריציטעט ווירד געטריעבען נאָך הינטען, און דאָרט, דורך די קראַפט פון גאַנץ גרויסע עלעקטראָ־מאַגנעטען, טרייבט זי אַ בעזונדערען סיסטעם פון פערשיעדענע רעדער, ברענגט אין בעוועגונג די שרויבע. נאַטירליך קען מען אנשטעלען די עלעקטרישע מאַשינע ווי מען וויל, שטאַרקער אָדער שוואַכער, און דאַן געהט דאָס שיף אויך שנעלער אָדער לאַנגזאַמער. די העכסטע קראַפט פון מיין עלעקטריציטעט ווירקט אויף די שרויבע אַזוי פיעל אַז זי דרעהט זיך אום הונדערט צוואַנציג מאָל אין אַ סעקונדע."

„און ווי שנעל איז דאַן די בעוועגונג פון אייער שיף?"

„פופציג מייל אַ שטונדע."

איך בין העכסט ערשטוינט געוואָרען. אונזערע וויכטיגסטע שנעלדאַמפּפער מאַכען ביי די גרעסטע אנשטרענגונג ניט מעהר ווי צוואַנציג מייל אין אַ שטונדע. איך זעה אַ מערקווירדיגע געהיימניס וועלכע איז מיר ניט ערקלעהרט געוואָרען. עס איז זאָגאַר אַ בעוואוסטע זאַך אַז די עלעקטריציטעט איז פיעל שטאַרקער אַלס דאַמפּף, אָבער אויף וואָס פיר איין אופן בענוצט זיך קאַפּיטאַן נעמאָ אום אַזאַ אונגעהויערע קראַפט ארויסצוציעהען? שטייגערט ער די עלעקטריציטעט זעלבסט ביז צו די העכסטע שפּאַנונג? אָדער די עלעקטרישע מאַשינע איז געמאַכט געוואָרען נאָך אַזאַ אונבעקאַנטען סיסטעם, אַז זי איז אים שטאַנד אַזעלכע שנעללע בעוועגונגען צו שאַפען?"

„קאַפּיטאַן נעמאָ" האָב איך צו איהם געזאָגט „איך זעה מיט גרויס וואונדער אַלעס וואָס דאָ טהוט זיך, אָבער ווי דאָס ווירד אָבגעטהון איז מיר נאָך ביז יעצט גאַנץ אונבעקאַנט. שטעהענדיג אויפ'ן פּערדעק פון „אייבראַם לינקאָלן" האָב איך גוט בעטראַכט ווי אייער נאַוטילוס מאַנעווירט און איך וויים וואָס פיר אַ שנעלקייט ער איז אים שטאַנד צו בעווייזען.

איך פערשטעה אזוי פיעל אז איין אונגעהויער־שטארקער שטראם עלעקטרי־
ציטעט טרייבט די שרויבע און דער נאַוטילוס געהט פאָרווערטס ; אָבער
דאָס אליין איז נאָך ניט גענוג, איהר מוזט דאָך אויך קענען זיך בעוועגען
רעכטס און לינקס ; זיך אראָפּלאָזען און צוריק ארויפשווימען אויבען. ווי
קענט איהר עררייכען די טיעפניסען פון מעער, וועהרענד דאָס וואסער פון
אונטען מוז אייך דאָך טרייבען צוריק, אזוי ווי יעדע קערפּער וואָס ענט־
האלט אין זיך לופט ? ווי שטייגט איהר נאָכהער וויעדער ארויף איבער'ן
וואסער ? ענדליך ווי מאַכט איהר עס דאָס שיף זאָל קענען בלייבען שטע־
העו אין יעדע אומגעבונג, דאָס הייסט, איבער'ן וואסער, אין מיטען וואסער,
אָדער גאָר אויפ'ן גרונד ? בין איך פיעלייכט אונבעשיידען וועהרענד איך
שטעל אייך דיעזע פראגען ?"

„ניין, הערר פּראָפעסאָר" האָט דער קאַפּיטאַן מיר געענטפערט נאָך
א קורצען בעזינען „דען יעדענפאלס וועט איהר דאָך אויף דיעזען שיף אי־
מער פערבלייבען. קומט מיט מיר אין זאַלאָן ; דאָרט איז מיין ריכטיגע
ארבייטס־צימער, און דאָרט וועל איך אייך ערקלעהרען אלעס וואָס איהר
ווילט וועגען דעם נאַוטילוס וויסען."

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל.

דעם קאַפּיטאַן'ס בערעכנונגען.

א קורצע צייט נאָכדעם זיינען מירביידע געזעסען אויפ'ן דיוואַן אין
זאַלאָן, רויכענדיג בעקוועם אונזערע סיגארען, וועהרענד דער קאַפּיטאַן
האָט מיר פאָרגעלעגט די פּלאַנען און די צייכנונגען, נאָך וועלכע דער נאַ־
טילוס איז געבויט געוואָרען, און דאבייא אָנגעפאנגען פאָלגענדעס צו ער־
קלעהרען :

„דאָס שיף אויף וועלכען מיר געפינען זיך, הערר אראָנאַקס האָט דעם
געשטאַלט ווי א לאנגער צילינדער, פון וועלכען ביידע ענדען זיינען צוגע־
שפּיצט. איהר לענג איז אַכטציג עללען, איהר ברייט אין מיטען — ניין
עללען ; דאָס הייסט אלזאָ, אז די ברייט געגען די לענג איז וועניגער אלס
איינס געגען צעהן, ווי אלע געוועהנליכע שנעל־דאמפּפער זיינען געבויט.
די צוגעשפּיצטע ענדען ווערען געמאַכט מיט דעם צוועק, אום דעם וואַ־
סער דורכצושניידען, אז דער לויף פון שיף זאָל ניט געהינדערט ווערען.

„פון דיעזע מאַאס וואָס איך ערקלעהר איז לייכט צו בערעכנען, אז דער
נאַוטילוס האלט אין קוואדראט איין טויזענד און הונדערט עללען, וועהרענד

זיין קוביק־מאאס בעטרעפט פופצעהן הונדערט און דרייצעהן עלּלען, — דאָס וועט אַלזאָ הייסען אַז מיט דיעזע שווערקייט פערדרענגט ער גראַדע אַזוי פיעל טאָנען וואסער ווי פיעל קוביק עלּלען ער ענטהאַלט.

„אַלס איך האָב געמאכט פערטיג די פּלאנען פיר דיעזע אונטערוואסער־דיגע שיף האָב איך געוואָלט אַז ביי איהר געוועהנליכע האַלטונג זאָל זי שטע־העז איבער'ן וואסער מיט איין צעהנטעל פון איהר קערפּער; דארום האָב איך געמוזט ברענגען די שווערקייט פון שיף נור אויף דרייצעהן הונדערט איין און זעכציג טאָנען, און דאָס איז איהר ווירקליכע געוויכט.

„דער נאוטילוס איז אַ דאָפּעל־שיף; אין זיין אויסערליכען קערפּער איז אריינגעשטעלט נאָך איינער, איין אינערליכער, וועלכער איז צוזאמענ־געשלאָסען צו דעם אויסער'ן מיט שטארקע, דויערהאפטע קלאמערס. דער ווידערשטאנד פון דעם אויסער'ן שיפס־קערפּער געגען דעם דרוק פון וואסער איז דעננאָך מעכטיג געגוג; די שטאהל־פּלאטען זיינען אונגעפעהר צוויי אינטשעס דיק, און אויסערדעם וואס די קאָנסטרוקציאָן פון די מאטעריאַלען איז פעהיג יעדע קראפט פון די וועלּלען צו טראָטצען, איז אויך די אינווע־ניגסטע לופט אזא מאכט וואס פערהינדערט דעם וואסער אירגענד וועלכע ווירקונג אויף דעם אייזערנעם קערפּער צו מאכען.

„יעצט פערשטעהט איהר שוין, הערר פּראָפעסאָר, אַז דער נאוטילוס לויט זיין געוויכט שטעהט געוועהנליך מיט ניין צעהנטעל פון זיין קערפּער אונטער'ן וואסער. ווען איך וויל אָבער אַז דער לעצטער צעהנטעל זאָל זיך אויך ארונטערלאָזען און דאָס שיף זאָל ליעגען פלאך מיט'ן וואסער צוגלייך, דארף איך בלויז דעם נאוטילוס צו געבען אַ צעהנטעל געוויכט מעהר, דאָס הייסט, אריינלאָזען צווישעןביידע שיפס־קערפּער, דעם אויסערן און דעם אינערליכען, הונדערט מיט צוויי און פופציג טאָנען וואסער. און אַזוי מאַך איך עס, הערר פּראָפעסאָר; עס ווערען געעפענט געוויסע צאַ־פּענס פון ביידע זייטען שיף און ווען עס פליעסט אריין אַ געוויסע צאהל וואסער, דאן זינקט דער נאוטילוס צוגלייך מיט די אויבערפלעכע פון מעער."

„גוט, קאפּיטאן" האָב איך ערוויעדערט „אָבער יעצט קומען מיר צו די אייגענטליכע שוויעריגע פראגע. איך פערשטעהע אַז איהר קענט אויף דיעזען אופן שטעלען דאָס שיף גלייך מיט דעם וואסער־שפּיעגעל, אָבער ווען איהר זאָלט וועלען זיך טיעפער ארונטער לאָזען מוז די קראפט פון וואסער אייך שטויסען צוריק פון אונטען נאָך אויבען. די מאכט פון דיעזען דרוק איז נאָך מיין בערעכנונג אַזוי גרויס ווי איין אטמאָספערע אויף דרייסיג פוס טיעף, דאָס הייסט ביינאהע צוויי פונט אויף יעדע הונדערטע טהייל פון אַ קוואַ־דראַט עלּל."

„אלזא, וואס ווילט איהר דאמיט בעהויפטען, הערר פראפעסאר?"

„גאנץ איינפאך, אז אויב איהר זאלט דעם נאוטילוס ניט מאכען גאנץ פול מיט וואסער קענט איהר אונטען אין די טיעפענים זיך ניט אראפלאזען."

„ענטשולדיגט מיר, הערר פראפעסאר" האט ער זיך גאנץ רוהיג אבגערופען „איהר צומישט גאנץ איינפאך די לעהרע פון די קראפט אין יעדען קערפער מיט זיין גלייכגעוויכט, און דאפון קומט ביי אייך ארויס דיעזער טעות. איהר פערגעסט אז אין דער נאטור גיבט א געזעץ דאס יעדער קערפער זאל זיך ציעהען נאך אונטען, נאטירליך וואס ער איז שווערער איז דיעזע קראפט צו זינקען אימער שטארקער. ביי דעם געוויכט פון מיין נאוטילוס בעזיצט ער דאך א געוויסע בעדייטענדע מאכט, דעם וואסער וואס שפארט איהם ענטגעגען צו פערדרענגען. בערעכענט אלזא דיעזע ביידע קרעפטע וועט איהר גאנץ לייכט אויסגעפינען, אז ווען איך זאל דעם נאוטילוס צוגעבען א געוויכט נור פון דריי פיערטעל טאן זינקט ער באלד ארונטער אויף העכער ווי טויזענד עללען אין מעער. וויל וועהרענד ער זינקט אראפ ניעדריגער, דריקט איהם דער וואסער פון אויבען אויך נאך אונטען, און דארום איז ווייטער אין ים פיעל לייכטער אראפ צו געהען ניעדריגער. איהר ווייסט אלזא אז איך קען עס אויספיהרען בלויז מיט א געוויכט פון דריי פיערטעל טאן, יעצט אבער שטעלט אייך פאר, ווען איך האב פאלשטענדיג די מעגליכקייט אריינצולאזען יעדע מינוט אין מיינע וואסערבעהעלטער א געוויכט פון הונדערט טאנען; ווי טיעף קען איך דאן ארונטערשטייגען! ווען איך וויל ווידער ארויף העכער צום אויפערבלעכע פון מעער ברויך איך נור אוועקצולאזען מיינע עלעקטרישע פומפען, דאס וואסער ווירד גראדע זא שנעל ארויסגעטריעבען, דער נאוטילוס קומט אימער העכער ביז דאס גאנצע וואסער איז ארויס געפומפט, דאן זיצט דאס שיף אין איהר געוועהנליכע לאגע, מיט איין צעהנטעל פון איהר גרויס איבער דעם שפיעגעל פון מעער."

„דיעזע בערעכנונגען זיינען שוין גאנץ ריכטיג," האב איך דארויף גענטפערט „און איך פערשטעהע יעצט פאלקאמען ווי אזוי אייך איז מעגליך זיך צו האלטען אין יענע שיכטע וואסער וואו איהר ווילט זיך נור אבשטעלען. נון אבער שיינט מיר אז איך האב נאך א פראגע, וועלכע איז זעהר וויכטיג."

„איהר מעגט פרעגען, הערר אראנאקס."

„ווען איהר געפינט זיך אויף טויזענד עללען טיעף דאן מוזען די ווענד פון נאוטילוס אויסהאלטען א דרוק פון הונדערט אטמאספערען אדער די פרעסונג פון 15 פונט אויף יעדען קוואדראט אינטש. אויב איהר ווילט אין דעמזעלבען אויגענבליק לעדיג מאכען אייערע וואסער־בעהעלטערס, אום דאס

שיף צו ערלייכטערען אז זי זאָל קענען ארויף שטייגען, מוזען דאָך אייערע פּומפּען קענען איבערשטייגען דיעזען וואסער־דרוק, און דאצו איז נויטהיג א קראפט פון . . .״

„איהר פערשפּארט צו רעכנען, הערר פּראָפעסאָר, וויל איהר ווייסט דאָך ניט די קראפט פון מיין עלעקטריציטעט, וועלכע איז ווירקליך אים שטאנד נאָך פיעל וויכטיגערע זאכען אויפצוטהון, דען די קראפט פון מיינע מאשינען זיינען אונבעגרענצט. איהר, זייענדיג אויפ׳ן „אייבראם לינקאָלן״, האָט דאָך געמוזט שפּיערען מיט וואָס פיר א גבורה דער נאָוטילוס שיעסט זיינע רייסענדע וואסער־שטראהלען, און דאָס איז דאָך ניט אַלעס וואָס מיי־נע פּומפּען קענען בעווייזען. איבריגענס בענוטץ איך זיך זעהר זעלטען מיט דיעזען מיטעל, דעם צווישען־רוים פון נאָוטילוס מיט וואסער אָנצופּילען, אום ניעדריגער אין ים זיך אראָפּצולאָזען, דען איך קען עס אנדערס פיעל לייכטער און איינפאכער מאכען.״

„איך וואָלט זעהר וועלען הערען אויף וועלכען אופן !״ האָב איך מיט גרויס נייגיעריגקייט אויסגערופען.

„מיין שיף״, האָט דער קאפּיטאן ערקלעהרט „בעזיצט, ווי יעדע אנ־דערע ביי איהר הינטערסטע זייט א שטייער־רודער, אום דאמיט איהר רעכטס אָדער לינקס צו לענקען, אָדער אין גלייכע ריכטונג צו פאָהרען. אָבער איך קען דעם נאָוטילוס לענקען אראָפּ און ארויף, דורך די הילפע פון צוויי פליגלען, וואָס זיינען אנגעבראכט ביי ביידע זייטען ביי׳ן צענטרום פון שיף, דיעזע פליעגלען ווערען געבראכט אין בעוועגונג דורך א קרעפטיגע הויב־מאשינע און זיי קענען געשטעלט ווערען אין אירגענד וועלכע פערשיעדענע לאגע. ווען איך האַלט זיי גלייך מיט׳ן שיף דאן בעוועגט זי זיך אין א גראדע ריכטונג ; אויב זיי זיינען געבויגען מוז דער נאָוטילוס שנעל מאנעווירירען דאהין וואו זיי לענקען איהם ; אין א גראדע, אין א קרומע ליניע, נאָך אונ־טען אָדער צוריק נאָך אויבען ; און דאביי ווירקט נאָך די קראפט פון זיין שרויבע, אזוי אז דער נאָוטילוס מאכט אַלע זיינע בעוועגונגען מיט די גרעסטע געשווינדיגקייט.״

„בראווא, קאפּיטאן !״ האָב איך אויסגערופען העכסט ענטציקט, „אָבער יעצט ערקלעהרט מיר ווי קען דער שטייערמאן, זייענדיג אין דער פינסטער אין מיט׳ן וואסער, ריכטיג רודערען דאהין וואו איהר הייסט איהם ?״

„דער שטייערמאן האָט א בעזונדערע ליכטיגע שטיבעל, מיט פענסטער, דורך וועלכע עס קען דעם רודער גוט בעטראכטען.״

„פענסטער ? אין דען מעגליך א גלאָז זאָל אויסהאלטען אזא וואסער־דרוק ?״

„פארוואָס ניט ? א קריסטאַל־גלאַז וועלכע איז לייכט צו ברעכען בעזיצט דעננאָך אין דיעזער הינזיכט א שטאַרקע פעהיגקייט. ביי די וויסענשאַפט־ליכע פישערייי־פראָבען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1864, האָט זיך בעוויעזען, אַז שטיקער גלאָז, וואָס וואַרען עטוואַס מעהר ווי א פיערטעל אינטש דיק, האָבען געקענט אויסהאַלטען א פרעסונג פון 15 אַטמאַספערען. נון אָבער, זיינען מיינע גלעזער, וועלכע איך געברויך, דרייסיג מאָל אַזוי פיעל דיק, און דאַפון קענט איהר פערשטעהען אַז זיי זיינען אים שטאַנד אויסצוהאַלטען יעדען וואַסער־דרוק."

„גאַנץ ריכטיג, קאַפּיטאַן, אָבער איך פערשטעה נאָך אימער ניט ווי קען דער שטייערמאַן דורך זיין פענסטער זעהען דעם רודער, וועהרענד דאָס שיף שווימט אונטען אין די דונקעלע וואַסערען ?"

„הינטען אין דעם שטייערמאַן'ס הייזעל געפינט זיך א רעפלעקטאָר פון שטאַרקען עלעקטרישען ליכט. די שטראַהלען פון דעם שיין דרינגען דורך די וואַסערען פון מעער אויף האַלב־מייל רונד ארום."

„אויסגעצייכענט !" האָב איך מיט גרויס ענטציקונג אויסגערופען „יעצט פערשטעה איך פאַרוואָס דאָס וואַסער ארום אייער שיף איז שטענדיג בעגאָסען מיט אַזא שטאַרקע עלעקטרישע בעלויכטונג, איבער וועלכע פיעלע געלעהרטע האָבען זיך קעפּ צובראָכען קלעהרענדיג ; און איך בין גע־וועזען אַזוי דום דאָס אָנצונעהמען אַלס עלעקטרישען ריעזען־נאַרוואַל. ביי דיעזער געלעגענהייט ערלויב איך מיר צו פרעגען, אויב דער צוזאַמענשטויס פון אייער נאָוטילוס מיט דעם דאַמפּפער סקאָטיא, איבער וועלכען די גאַנ־צע וועלט איז דאַמאַלס אַזוי אויפגערעגט געוואָרען, איז נור געוועזען א צופאַל ?"

„יאָ, מיין הערר, א ריינער צופאַל. איך בין דאַן געפאָהרען צוויי עלען אונטער'ן וואַסער אַלס דיעזער צוזאַמענשטויס האָט געטראָפען. איבריגענס האָב איך באַלד געזעהען אַז עס איז דאַפון קיין גרויס געפאַהר ניט ארויס געקומען."

„דאָס איז ריכטיג, קאַפּיטאַן, אָבער דער שאַדען וואָס איהר האָט גע־מאַכט דעם „אייבראַם לינקאָלן ?" —

„הערר פּראָפעסאָר, עס טהוט מיר זעהר לייד אַז איך בין דאָס גע־צוואונגען צו טהון, אָבער מען האָט מיך אָנגעגריפען און איך האָב זיך דאָך געמוזט פערטהיידיגען. איך האָב די פרעגאַטע נור אַזוי פיעל גע־שאַדעט אַז זי זאָל מיך ניט קענען פערפאָלגען. זי וועט דיעזען שאַדען אים שטאַנד זיין אויסצובעסערען אָהן פיעל מיהע און קאָסטען אין דעם ערסטען בעסטען האַפען."

„איך מוז אייך זאָגען, קאַפּיטאַן, אַז אייער נאַוטילוס איז ווירקליך אַ וואונדערבאַרע שיף!" האָב איך אויסגערופען מיט בעגייסטערונג.

„יאַ, הערר פּראָפעססאָר, און איך ליעב דיעזעס שיף אַזוי ווי מיין פלייש און בלוט!" האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט מיט אַ בעוועגטע שטימע „די בעסטע פון אייערע שיפען זיינען דעננאָך אבהענגיג פון פערשיעדענע צופאַלען אויפ'ן ים; די געפאַהר דערטרונקען צו ווערען איז צו יעדע צייט זעהר גרויס, וועהרענד מיר דאָ אונטען אין נאַוטילוס קענען לעבען מיט אַ רוהיגען געמיטה, אָהן שום זאָרג. ביי אונז קען ניט טרעפען אַז דאָס שיף זאָל ווערען דורכגעלעכערט, דאָס זעגעל זאָל צורריסען ווערן, אָדער דער קעסעל זאָל פּלאַטצען. מיר דאַרפען אויך ניט מורא האָבען פיר אַ שטורם, דען אייניגע קלאַפטער אונטער'ן וואַססער איז אימער שטיל און רוהיג. דאָס, מיין הערר, איז אַ שיף ווי עס דאַרף צו זיין! און אויב עס איז ריכטיג וואָס מען זאָגט אַז דער אינזשינער האָט מעהר פערטרויען אויף זיין שיף אַלס דעריענינגער וואָס האָט איהר אויפגעבויעט און דער אויפבויער מעהר ווי דער קאַפּיטאַן, דאַן קענט איהר בעגרייפען ווי טהייער ביי מיר איז מיין נאַוטילוס, דען איך אַליין בין זיין אינזשינער, אויפבויער און קאַ־פּיטאַן."

ער האָט דיעזע ווערטער אויסגעשפּראָכען מיט אַ ריהרענדען טאָן. עס איז ווירקליך געוועזען צו זעהען אַז ער ליעבט זיין שיף ווי אַ פאַטער זיין קינד.

„איהר זייט אַלזאָ אינזשינער, קאַפּיטאַן נעמאָ?" האָב איך געפרעגט, אָבוואָהל אַזאַ פּערזענליכע פראַגע איז ניט זעהר פּאַססענד געוועזען פיר אונזער יעצטיגע ערסטע בעקאַנטשאַפט.

„יאַ, הערר פּראָפעססאָר" האָט ער געענטפערט „איך האָב שטודירט אין לאָנדאָן, פּאַריז און נויאָרק, צו יענער צייט ווען איך וואר נאָך איין ערדען־בעוואָהנער."

„אָבער ווי איז אייך מעגליך געוועזען דיעזעס מערקווירדיגע שיף אויפצו־בויען, אַזוי שטיל אַז קיינער זאָל דאַפון ניט ערפאַהרען?"

„גאַנץ איינפאַך, הערר אַראָנאַקס, יעדע איינצעלנע שטיק פון שיף איז געשטעלט געוואָרען אין איין אַנדער אָרט און אונטער פערשיעדענע פרעמדע נעמען. דאָס הינטער טהייל פון שיף איז געשמיעדעט געוואָרען אין די בעריהמטע מעטאַל־פאַבריקען פון די פראַנצויזישע שטאַדט קרעזאָ; די מאַשינעריי צו דער שרויבע האָט געמאַכט די פירמאַ פּען און קאָמפּ. אין לאָנדאָן; די שטאַהל־פּלאַטען פיר דעם קערפּער פון שיף וואַרען געגאָסען ביי לירד און קאָמפּ. אין ליווערפּול, די שרויבע זעלבסט — ביי סקאָט אין גלאַסגאָוו. די קונסטפאַלע לופט־בעהעלטער פון שיף זיינען אויסגעפער־טיגט ביי קעל און קאָמפּ. אין פּאַריז, די מאַשינע האָט געמאַכט דער וועלט־

בעוואוסטער פאבריקאנט קרופּ אין פּרייסען, דער פאַרדערטהייל — ביי מאַטאַלאַ אין שוועדען, די אינסטרומענטען ביי די געברידער האַרט אין נויאָרק און נאָך אין פיעלע אנדערע פּלעצער. די פּלאַנען צו דיעזע שטי־קער האָב איך אַליין אויסגעפּערטיגט און פאַנאַנדער געשיקט צו יעדען איינעם פון די פאַבריקאַנטען אונטער איין אנדער נאָמען.

„אָבער אַלס די שטיקער זיינען פערטיג געוואָרען האָט מען דאָך איר־געגד וואו זיי געדאַרפט צוזאַמען שטעלען אַז זיי זאָלען איינע צו די אנדערע פּאַסען ?"

„דאָס האָב איך שוין אַליין געטהון, הערר פּראָפעסאָר. מיינע ווערק־שטאַטען וואַרען אויפגעשטעלט אויף אַ קליינעם, איינזאַמען אינזעל, אין וויטען אָקעאַן. מיינע ארבייטער, דאָס הייסט, די זעלבע לייטע וועלכע זיינען יעצט מיינע בראַווע קאַמעראַדען, האָבען אַלעס אויסגעפערטיגט לויט ווי איך האָב זיי געצייגט. נאָכדעם ווי דער נאַוטילוס איז אויפגעשטעלט געוואָרען האָבען מיר דעם לעצטען שפּור פון אונזער קורצע בעוואָהנונג אויף יענעם אינזעל דורך פייער פערניכטעט."

„אויף דיעזען אופן מוז דאָך דער נאַוטילוס אייך קאָסטען אַ מאַסע געלד ?"

„הערר אראָנאַקס, יעדע אייזערנע שיף קאָסט געוועהנליך עלף הונדערט און צוואַנציג פראַנק פּער טאָן. דער נאַוטילוס ענטהאַלט פופצעהן הונדערט טאָנען געוויכט, דיעזע איינפאַכע רעכנונג בעווייזט אייך אַז דאָס שיף קאָסט מעהר ווי אנדערהאַלבען מיליאָן, אויסער די איינריכטונגען, פערשיעדע־נע קונסט־ווערקען און זאַמלונגען, וועלכע בעטרעפען אויך פון פיער ביז פינף מיליאָן."

„ערלויבט מיר נאָך איין פראַגע, די לעצטע, הערר קאַפּיטאַן."

„איהר מעגט רעדען, הערר פּראָפעסאָר."

„איהר זייט אַלזאָ וואהרשיינליך זעהר רייך ?"

„אונענדליך רייך, מיין הערר. ביי מיר וואָלט עס גאָר געוועזען אַ קליי־ניגקייט צו בעצאָהלען די צעהן מילליאַרד וואָס פראַנקרייך איז שולדיג."

איך בין געבליעבען אין גרויס ערשטוינונג הערענדיג דיעזע ווערטער. אַזאַ רייכטהום אין די הענד פון אַ פּריוואַט־פּערזאָן עקסיסטירט גאָר אויף דער וועלט נים. מיינט דיעזער מערקווירדיגער מענש פון מיך צו לאַכען, אָדער ער זאָגט עס ערנסט ? אויף דיעזע פראַגע קען נור די צוקונפט אַ ריכטיגע אנטוואָרט געבען.

פערצעהנטעס קאפיטעל.

דער שווארצער שטראם.

די ערד־פלאנעטען אויף וועלכע מיר מענשען בעוואהנען, איז בעדעקט מעהר ווי צוויי טהייל מיט וואסער, נור אונגעפעהר א דריטע טהייל פערנעהמט דאס טרוקענע לאנד. מען האט בערעכענט אז דיזע פליסיגע מאסע ענטהאלט אין זיך צוויי מילליארד און צוויי הונדערט פופציג מיליאן קוביקמיילען, און איהר געוויכט איז דריי קווינטיליליאנען טאנען. אום דיזע צאהלען צו בעגרייפען דארף מען פאלגענדעס בערעכענען: א מיליאן איז ווי בעוואוסט צעהן מאל הונדערט טויזענד; טויזענד מיליאנען מאכען אוים איין מילליארד און אין איין קווינטילליאן ענטהאלטען זיך גראדע אזוי פיעל מיליארדען ווי פיעל איינציגע אין א מילליארד.

די געאלאגישע וויסענשאפט בעווייזט אונז אז מיט פיעלע מיליאנען יאהרען צוריק איז אונזער ערדען־באלל געווען אין א צושטאנד פון פייער, צומישט מיט וואסערדיגען דאמפף. דאן האט עס געווים גענומען הונדערטע טויזענדע יאהרען ביז די ערדען־פלאנעטע האט זיך אויף אזוי פיעל אבגעקיהלט אז דער דאמפף איז אבגעזעצט געווארען אין וואסער, וועלכעס האט דאן בעדעקט דעם גאנצען באלל ארום און ארום. ביסלעכווייז האט זיך נאכדעם אנגעפאנגען צו בעוויזען דאס טרוקענע לאנד פון אונטער דעם וואסער; פריהער די שפיטצען פון די העכסטע בערג, דאן קליינע אינזלאך, וועלכע זיינען איבער געוויסע אורזאכען ווידער פערשוואונדען געווארען און אנדערע זיינען אויף זייער ארט ענטשטאנדען, ביז עס האבען זיך אויסגעבילדעט די גרויסע ערד־טהיילען, וועלכע מען רופט קאנטינענטען, און ענדליך האבען די לענדער בעקומען זייער פעסטען געשטאלט, אין וועלכע מיר זעהען זיי יעצט.

נאך דיזען געשטאלט פון די קאנטינענטען זיינען די וואסערען איינגעטהיילט אין פינף פערשיעדענע גרויסע מעערען; פון וועלכע צוויי הייסען, דער נארדליכער, אדער דער ארקטישער אייז־מעער, ביי צפון זייט פון דער וועלט, דער צווייטער איז דער זידליכער, אדער דער אנטארקטישער אייז מעער, ביי דרום זייט; דאן קומט דער אינדישער, דער אטלאנטישער, אויף וועלכען מען פאהרט פון אייראפא נאך אמעריקא, און שליעסליך דער גרויסער, שטיללער אקעאן.

דיעזער לעצטער איז ווירקליך דער גרעסטער פון אלע ימים. ער פערברייטעט זיך צווישעןביידע אייז מעערען פון נארדען נאך זידען און צווישען

אזיען און אמעריקא אויף הונדערט פינף און פערציג גראדען פון די לענג דער ערד, אדער דייטליכער צו זאגען, אונגעפעהר אויף צעהן טויזענד זיעבענציג מייל. ביי אלעם דעם איז דיעזער אקעאן דעננאך דער רוהיגסטער, די טייכען וואס שטראמען דורך איהם זיינען ווייט און לאנגזאם. דער רעגען גיעסט זעהר אפט אין דיעזע וואסער־געגענדען. דער קאפיטאן נעמא האט בעשטימט אז מיר זאלען דיעזען אקעאן צוערסט דורכרייזען.

„הערר פראפעסאר" האט ער צו מיר געזאגט „אויב איהר ערלויבט וועלען מיר יעצט פעסטשטעלען דעם ארט און דעם פונקט פון וועלכען מיר פאהרען אב. עס איז יעצט ניט ווייט פון צוועלף אוהר מיטאג. מיר וועלען ארויף שטייגען אויפ'ן וואסער."

מיט דיעזע ווערטער האט ער דריי מאל א דרוק געגעבען אויף איין עלעקטרישע מאשינע; די פומפען האבען אנגעפאנגען דאס וואסער פון די ביידע צווישען־וואנד ארויסצוטרייבען; דער ווייזער אויפ'ן מאנאמעטער צייגט דורך דעם פערשיעדענעם דרוק אז דער נאוטילוס שטייגט ארויף העכער און ענדליך איז ער געבליעבען שטעהען.

„מיר זיינען ארויף געקומען" האט דער קאפיטאן ערקלעהרט.

איך האב זיך מיט איהם בעגעבען צו דעם לייטער, וואס שטעהט אין מיטען שיף, און ארויף געקלעטערט מעהרערע מעטאלענע שטופען, ביז מיר זיינען ארויף אויבען אויפ'ן פערדעק פון נאוטילוס.

דער פלאטפארם פון שיף האט זיך ארויסגעזעהען איבער'ן וואסער אונגעפעהר אויף איין עלל. דער פארדער און הינטער טהייל פון נאוטילוס צייגען זיין געשטאלט, וועלכע איז עהנליך צו איין אונגעהויער־לאנגע סיגאר. איך בעטראכט יעצט גענויער ווי די שטאהל־פלאטען האבען די פארמע פון דאך־ציגלען און זעהען אויס גראדע ווי די שופען־פאנצער, מיט וועלכע די קערפערס פון די גרויסע קראקאדילען און שילדקרעטען זיינען בעדעקט. עס איז מיר דאהער קיין וואונדער אז טראטץ די גרויסע שפאקטיוון, מיט וועלכע דער נאוטילוס איז בעאבאכט געווארען האט ער דעננאך אויסגעזעהען ווי א ריעזען־ים־טהיער.

איך בעמערק אויך יעצט אויפ'ן מיטעלסטען פלאטפארם איין פונקט וואס איז עטוואס העכער; דאס איז נעמליך דער ארט אין וועלכען די קליינע שיפעל איז איינגעפאסט. פון פארנט און פון הינטען שטעהען צוויי מעסיגע הייזלאך מיט קרומע וואנד, וועלכע זיינען טהייל־ווייז געשלאסען מיט דיקע לינזען־גלעזער; איינע פון דיעזע הייזלאך איז פיר דעם שטייערמאן, וואס פיהרט דעם רודער פון נאוטילוס און דאס צווייטע איז פיר די גלענצענדע עלעקטרישע שיפס־לאנטערנע וואס בעלייכטעט דעם וועג.

דאס מעער איז יעצט געוועזען פראכטפאל; דער הימעל קלאר און ריין.

אונזער לאנגע שיף שפּיערט קוים די לייכטע װעללען פון אָקעאַן. א שטי־לער אָסט־װינד װעהט איבער די װאַסערען. װייט רונד ארום בעמערקען מיר קיין זאַך ניט ; קיין פעלזען, קיין אינזעלע. פון דער פרעגאַטע „אייבראַם לינקאָלן" איז שוין קיין שפּור ניט דאָ. מיר זיינען ארום גערינגעלט מיט איין אונענדליכען ים־װיסטעניס.

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אָנגעשטעלט דעם סעקסטאַנט, אום נאָך די הויב־קייט פון די זונן אויסצומעסטען דעם פּונקט פון די װעלט װאו דאָס שיף געפינט זיך יעצט. דער קלאָהרער הימעל האָט זעהר גוט געגעבען די מעג־ליכקייט דיעזע בעאָבאַכטונגען גענוי צו בעשטימען. איך בעטראַכט יעצט דעם קאַפּיטאַן, װאו ער שטעהט מיט דעם אינסטרומענט אין האַנד, גראַדע װי א מאַרמאָרנע סטאַטוע. דער מאַן קומט מיר װאָס װייטער פאַר מעהר װאונדערבאַר און אונבעגרייפליך.

„צװעלף אוהר מיטאַג" האָט ער אויסגעשפּראָכען, אַלס ער װאַר שוין פערטיג מיט זיינע בעאָבאַכטונגען. „ביטע, הערר פּראָפעסאָר, װילט איהר אַרונטער געהען ?"

איך האָב געװאָרפען דעם לעצטען בליק אויף דיעזע װאַסערען, װעלכע האָבען אין די נעגעבדען װאו מיר געפינען זיך יעצט, ניט װייט פון לאַנד יאַפּאַן, איין עטװאָס געלבליכע פאַרב ; דאַן בין איך מיט דעם קאַפּיטאַן אַרונטער געגאַנגען אין גרויסען זאַלאָן.

דאָ האָט ער אָנגעפאַנגען מיט די הילפע פון כראָנאָמעטער אויסצורע־כענען, נאָך די בעאָבאַכטונגען װאָס דער סעקסטאַנט האָט געצייגט, דעם פּונקט אויף װעלכען מיר געפינען זיך.

דיעזע װעלט־פּונקטען זיינען אייגעטהיילט אין גראַדען און מערידיא־נען. אונזער ערדען־פּלאַנעטע האָט װי בעװאוסט די פאָרמע פון א באַלל. פון נאָרד־פּאָל (צפון־זייט) ביז צום העכסטען פּונקט אין מיטען פון דער ערד, װעלכען פּונקט מען רופט עקװאַטאָר, צעהלען זיך ניינציג מערידיאַנען. אונ־טער'ן עקװאַטאָר ליעגט איבערהויפּט די הייסעסטע לענדער, װייל דאָרט פאַלען אראָפּ די זונען־שטראַהלען אין א גראַדע ריכטונג. פון דיעזען עק־װאַטאָר דאַן װייטער ביז אראָפּ צו דרום־זייט, װאו עס איז אויך שרעקליך קאַלט, איז װיעדער ניינציג מערידיאַנען. דאָס איז אויף איין האַלבען ערד־קוגעל פון צפון צו דרום ; אזוי װי צום ביישפּיעל מען שניידט דורך א באַלל אין העלפט, גיעבט אַלזאָ נאָך א צװייטער האַלבער אויך אין דיעזעל־בע ריכטונג, װעלכער האָט אויך צו ניינציג מערידיאַנען פוןביידע זייטען עקװאַטאָר.

אויף דיעזען אופן זיינען אייגעטהיילט די מערידיאַנען פון צפון נאָך דרום. די לענג פון די ערד פון אָסט נאָך װעסט איז אויך בערעכענט אויף

הונדערט אכציג גראדען פון יעדען האלב קונעל. אבער אזוי ווי דא גיעבט עס ניט קיין נארד־ און קיין זיד־פאל, דאס הייסט מען קען אין דיעזער ריכטונג פון מזרח נאך מעריב ארום פאהרען די ערד ווי איבער א רינג, אויף וועלכען עס איז ניט דא קיין בעשטימטער אנפאנג, רעכענט דארום יעדע גרויסע נאציאן דעם ערסטען גראד פון איהרע אסטראנאמישע אבסערוואטאריע ; די ענגלענדער פאנגען אן צו צעהלען פון גרינוויטש, א פארשטאדט אין לאנדאן ; די פראנצויזען פון פאריז, די רוסען — פון דעם בארג פולקאוו, ניט ווייט פון פעטערסבורג. און די אמעריקאנער פון וואשינגטאן. דאס ענדע קומט נאטירליך אויס דאס זעלבע, ארום און ארום, איבער דעם גאנצען ערד־קוגעל דריי הונדערט און זעכציג גראדען.

א מערידיאן און א גראד בעטרעפט אונגעפעהר ניין און זעכציג מייל. יעדער גראד און מערידיאן טהיילט זיך איין אין מינוטען און סעקונדען. ווען מען מעסט אלזא אויס מיט דעם סעקסטאנס און די איבריגע אסטראנאמישע אינסטרומענטען דעם פונקט נאך די הויכקייט פון די זונן און מען בערעכענט דאן אז א געוויסער געגענשטאנד געפינט זיך יעצט אויף אזוי פיעל גראד לענג און אזוי פיעל מערידיאנען ברייט, איז שוין לייכט נאך די קארטע אויסצוגעפינען אין וועלכע געגענד דער וועלט דיעזער געגענשטאנד שטעהט יעצט.

„הערר אראנאקס" האט דער קאפיטאן צו מיר געזאגט, מיר געפינען זיך יעצט אונטער'ן הונדערט זיעבען און דרייסיגסטען גראד פופצעהן מינוטען לענג —".

„פון וועלכע אבסעוואטאריע ?" האב איך האסטיג א פרעג געטהון, גלויבענדיג אז אויף דיעזען אופן וועט מיר זיין לייכט צו ערפאהרען צו וואס פיר א נאציאן דיעזער קאפיטאן געהערט.

„מיין הערר", האט נעמא געענטפערט, „איך בעזיטץ פערשיעדענע כראנאמעטער, וועלכע זיינען אנגעשטעלט נאך פאריז, גרינוויטש אדער וואשינגטאן. נור וייל איהר זייט א געבארענער פראנצויז, און אום אייך אלס גאסט צו בעעהרען, וועלען מיר רעכענען נאך די פאריזער אבסערוואטאריע."

פון אזא מין אנטווארט האב איך גאר ניט געקענט פערשטעהען ווער דער קאפיטאן אליין איז. מיר איז נור איבערגעבליעבען זיך צו פערנייגען דאנקענדיג וועהרענד ער האט ווייטער געשפראכען :

„אלזא רעכנענדיג פון פאריז געפינען מיר זיך אויף הונדערט זיעבען און דרייסיג גראדען פופצעהן מינוטען לענג און דרייסיג מערידיאן זיעבען מינוטען פון נארד־פאל, דאס הייסט אלזא אונגעפעהר דריי הונדערט מייל

פון יאפאנישען האפפען. היינט, דען אכטען נאָוועמבער, אום צוועלף אוהר מיטאג, פאנגען מיר אן אונזער רייזע אויפ'ן גרונד פון ים."

„גאָטט זאָל אונז בעהילפיג זיין !" האָב איך אויסגעשפּראָכען.

„און יעצט, הערר פּראָפעסאָר, קענט איהר זיך נעהמען צו אייערע סטודיען" האט דער קאפּיטאן ווייטער געשפּראָכען „דאָס שיף געהט נאָך די ריכטונג פון אָסט־נאָרד, ביי פופציג עללען אונטער'ן וואסער. דאָ האָט איהר קארטען, וועלכע וועלען אייך צייגען די ריכטונג פון אונזער רייזע, אויך מעגט איהר זיך בענוטצען מיט די אינסטרומענטען וואס געפינען זיך אין ריעזען זאלאָן. מיר אָבער ערלויבט זיך צוריק צו ציעהען."

איך בין געבליעבען אליין פערטיעפט אין מיינע געדאנקען וועגען דיעזען זאָנדערבארען קאפּיטאן פון אונזער אונטערוואסערדיגע שיף. וועט מיר ווען עס איז געלינגען צו ערפאהרען ווער און וואס ער איז און פון וועלכען פאָלק ער שטאמט, אבוואָהל ער אליין בעריהמט זיך ניט מיט קיין מענשליכע נאציאָן ? און פון וואנען קומט ער אייגענטליך אז ער פערהאסט אזוי פיעל די גאנצע מענשליכע געזעלשאפט ? וואהרשיינליך האט איהם דאָך די מענשהייט זעהר פיעל וועה געטהון ; פיעלייכט איז ער א הויכער געלעהרטער, א גרויסער וויסענשאפטליכער מאן, וועלכען מען האט פערשטויסען און אויסגעלאכט, אָדער זאָגאר פערפאָלגט, ווי דאס טרעפט זעהר אָפט ביי אונז ? פיעלייכט איז ער איינער פון די יעניגע וואס האָבען זעהר פיעל אונרעכט געליטען פון פּאָליטישע אינטריגעס, אָדער רעוואָלוציאָנען ? אויף דיעזע אלע פראגען האָב איך פּארלויפיג ניט געוואוסט קיין אנטוואָרט. פון זיין בענעהמען געגען מיר קען איך אויך קיין בעשטימטע זאך ניט אורטהיילען ; דאס שיקזאל האט מיך פערשלאגען אויף זיין געהיימניספאָלע שיף, ער האָט מיך אויפגענומען גאסטפריינדליך, דעננאָך רייכט ער מיר ניעמאָלס זיין האנד און צייגט קיין עטוואס ווארעמען מענשליכען געפיהל.

א גאנצע שטונדע בין איך געזעסען אזוי טראכטענדיג וועגען די מערקווירדיגע געהיימניסע מיט וועלכע איך בין דאָ ארום גערינגעלט. דאן האָבען מיינע בליקען זיך געווענדעט אויף די קארטען, און איך האָב אויף איהר בעצייכענט דעם פּונקט פון וואנען אונזער רייזע האָט זיך אָנגעפאנגען.

דער ים האָט גראדע ווי דאָס טרוקענע לאנד זיינע טייכען און שטראָמען, וועלכע ציעהען זיך אויף גאנץ ווייטע שטרעקען און אונטערשיידען זיך פון דעם מעער, ערסטענס דאמיט וואס זיי פליעסען, וועהרענד דאס וואסער אין ים איז שטעהענדיג, און צווייטענס מיט זייער בעזונדערען פארב. איינער פון דיעזע גרויסע טייכען איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען גאָלפשטראָם, וועלכער פליעסט דורך דאָס גרעסטע טהייל פון אטלאנטישען

אָקעאַן. די וויסענשאַפט האָט ביז יעצט בעשטימט אַזעלכע פינף הויפּט־שטראָמען אין פערשיעדענע גרויסע ימים.

איינער פון אַזעלכע שטראָמען איז דער בעוואוסטער שווארצער טייך, וועלכער פאנגט זיך אָן אין בענגאַליען, וואו די גראדע זונען־שטראהלען ער־ווארעמען זיינע וואַסערען, און לויפט פארביי די ברעגען פון אזיען, דאַן ציעהט ער זיך ווייט אין נאָרדען פון שטילען אָקעאַן, אין אַ האלב־רונדע פאָרמע, ביז צו די אַלעאוטישע אינזלען. מיט דעם לויף פון דיעזען שטראָם וועט יעצט אונזער נאוטילוס מאַכען זיין אונטערוואַסערדיגע רייזע, און דארום בין איך געזעסען בעטראכטענדיג מיט גרויס אינטערעס אויף דער קאַרטע די גאַנצע שטרעקע וואו ער ציעהט זיך דורך דעם אונענדליכען מעער, אלס דער קאנאדיער עדוארד לענד און מיין דיענער קאָנסייל זיינען צו מיר אין זאַלאָן אריינגעקומען.

מיינע איינפאכע קאמעראַדען זיינען געבליעבען שטעהען ביי'ן טהיר ווי פערשטיינערט, קוקענדיג אויף די מערקווירדיגע וואונדערבארע זאַכען, וועלכע געפינען זיך אין דיעזען צימער.

„איז דאָס מעגליך ?" האָט עדוארד אויסגערופען „דאָ וועיזט דאָך אויס פונקט ווי אין דעם גרויסען מוזעאום פון קוועבעק !"

„און מיר דוכט זיך אַז דאָס איז דער נאַטור־היסטאָרישער מוזעאום אין זאמעראַרד ! האָט קאָנסייל אויסגעשפּראָכען.

„מיינע פריינדע" האָב איך געזאָגט אריינרופענדיג זיי אין זאַלאָן „איהר ווייסט גאַנץ גוט אַז מיר זיינען ניט אין אמעריקא און ניט אין פראַנק־רייך, זאָנדערן אין דעם שיף נאוטילוס, וועלכער פאָהרט יעצט פופציג עללען אונטער דעם וואַסער."

„ווען דער הערר זאָגט מוז איך איהם גלויבען" האָט קאָנסייל ערוויע־דערט „אָבער די וואהרהייט קען איך אייך זאָגען, אַז אין דיעזען זאַלאָן מוז זאָגאר אַזא קאַלטבלוטיגער האָלענדער ווי איך בין אויך ערשטוינט און אי־בערראַשט ווערען."

„יאָ, מיין פריינד, דאָ גיעבט עס ווירקליך די זעלטענסטע מערקוויר־דיגקייטען, וואָס מען געפינט ניט אין קיין אנדער מוזעאום אויף דער וועלט. פיר דיך גיעבט עס דאָ פיעל אינטערעסאַנטעס צו בעטראכטען, איבערהויפּט אין דער אבטהיילונג פון נאַטור־געשיכטע."

איך האָב קאָנסיילען צוויי מאָל דיעזע ווערטער ניט געדאַרפט זאָגען, דען ער איז ווירקליך געווען אַ גרויסער ליעבהאבער פון אזעלכע געגענשטאַנ־דען. איידער איך האָב נאָך בעוויזען אוים צו רעדען איז ער שוין געשטאַנען און געקוקט מיט גרויס נייגיעריגקייט אויף די פערשיעדענע פלאַנצונגען און מושלען וואָס ווארען דאָ אויסגעשטעלט.

עדוארד, וועלכער איז ווענינ וואָס געווען אָבגעגעבען פיר אזעלכע זאַכען האָט זיך אונטערדעסען ביי מיר ערקונדיגט וועגען מיין געשפּרעך מיט קאַפּיטאַן נעמאָ. אויב איך האָב פון איהם ערפאהרען, ווער ער איז אזעלכער, פון וואַנען ער קומט, וואוהין ער פאָהרט, צו וועלכען ציעל. קורץ, טויזענד פראַגען, אויף וועלכע ער האָט מיר קיין צייט געגעבען עטוואָס צו ענטפערען.

ענדליך האָב איך איהם ערקלעהרט אַלעס וואָס איך וויים און געפרעגט ביי איהם אויב ער האָט פיעלייכט עטוואָס געהערט אָדער געזעהען ?

„קיין זאַך ניט !" האָט עדוארד געענטפערט פערדריסליך „זאָגאַר קיין איינציגען פון די מאַנשאַפט. ווער וויים, פיעלייכט זיינען זיי גאָר עלעקטרישע מענשען ?"

„עלעקטרישע מענשען ?" בין איך איבעררא שט געוואָרען.

„געווים ! אויף דיעזען געהיימניספאָלען שיף קען מען אין אזעלכע אוננאַטירליכע זאַכען אויך גלויבען. אָבער איהר, הערר אראָנאַקס, קענט איהר פיעלייכט מיר זאָגען אונגעפעהר ווי פיעל מענשען געפינען זיך דאָ ? צעהן ? צוואַנציג ? הונדערט ?"

„איך קען אייך דארויף קיין שום ענטפער ניט געבען, מיסטער לענד" האָב איך איהם געענטפערט, פערשטעהענדיג וואָס ער מיינט „איבריגענס וואָלט איך אייך ראטהען גאָר ניט צו דענקען מעהר וועגען אייערע פּלאַנען, אוועק צו נעהמען דאָס שיף, אָדער צו ענטלויפען פון דאַנען. דער נאוטילוס איז די גרעסטע מייסטערווערק, וואָס נור די אינדוסטריע פון אונזער צייט איז אים שטאַנד געווען צו שאַפען, און מיר וואָלט ווירקליך לייד געטהון ווען עס וואָלט מיר ניט אויסגעקומען אזאַ וואונדער צו זעהען. איך וויים אַז פיעל וואָלטען זיך געוואונשען אין אונזער לאַגע אריין צו פאַלען, אום דורך דיעזע מערקווירדיגקייטען צו שפּאַציערען. אַלזאָ האַלט זיך בעסער רוהיג און קוקט מיט אָפענע אויגען אויף אַלעס וואָס דאָ געהט פאָר."

„שוין געענדיגט, יעצט וועלען מיר שוין פערשפּאָרען צו קוקען !"

איידער לענד האָט נאָך דיעזע לעצטע ווערטער אויסגעשפּראָכען איז מיט איינמאָל געוואָרען שטאָק פינסטער. די ליכטיגקייט אין פערדעק פון צימער איז פערלאָשען געוואָרען, אָבער אזוי שנעל אַז איך האָב געשפּירט אַ שמערץ אין די אויגען, גראַדע אזוי ווי מען קומט אריין פּלוצלונג פון דער פינסטער אין אַ גאַנץ העלען אָרט, דאַן ווערען אויך די אויגען אזוי ווי פערבלענדעט די ערסטע איינינע מינוטען.

מיר זיינען געבליעבען זיטצען שטיל. זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, און ניט וויסענדיג וואָס פיר איין איבעררא שונג דאָ שטעהט אונז פאָר, אויב

א זאך וואס וועט ברענגען פערגניגען אדער שרעק און פערדרוס. צו דער־זעלבער צייט הערט זיך א געררויש ארום אונז, אזוי ווי ווענד וואלטען אב־געדרוקט ווערען.

„וואס איז דאס פיר א נייע טייוועלשער שפיעל!" האט לענד אויס־געדופען.

קאנסייל איז געבליעבען שטעהען מורמלענדיג אין דער פינסטער די נעמען פון פערשיעדענע מושעלען און אינזעקטען.

מיט איין מאל איז אין זאלאן ווידער געווארען ליכטיג, אבער ניט פון די עלעקטרישע בעלייכטונג פון פערדעק; עס האבען זיך נעמליך גע־עפענט די בלעכענע ווענד פון ביידע זייטען שיף און די וואסערען זיינען ווייט ארום אונז געוועזען בעלייכטעט דורך עלעקטרישע שטראמען. מיר זיינען אויף דיעזען אופן געוועזען אבגעטהיילט פון מעער נור דורך די דיקע קריסטאל־ווענד, דורך וועלכע אלעס האט זיך דורך געזעהען זעהר קלאהר און דייטליך. אנפאנגס בין איך דורכגעשוידערט געווארען ביי דעם געדאנ־קען אז אזעלכע ווענד קענען זיך דאך לייכט איינברעכען, אבער זעהענדיג ווי בעפעסטיגט זיי זיינען מיט א שטארקע איינפאסונג פון קופער און בע־טראכטענדיג ווי דיק דאס גלאז איז, האב איך זיך איבערצייגט אז עס איז ניט דא וואס מורא צו האבען, אז דער שווערסטער וואסער־דרוק קען דיעזע ווענד גאר ניט שאדען.

דאס מעער איז אונגעפעהר א מייל ארום נאוטילוס געוועזען קלאהר דורכזיכטיג. עס איז ווירקליך אזוי שעהן, וואונדערבאר, אז מען קען עס מיט קיין פעדער ניט בעשרייבען! די ליכט־שטראהלען וואס שפיעגלען זיך אב דורך דעם פליעסענדען עלעמענט און די הערליך־פראכטפאלע, זאנפ־טע בעלייכטונג, וועלכע פערליערט זיך ביסלאכווייז דארט, אירגענד וואו ווייט, זעהר ווייט — דאס איז א בילד וואס קיין קינסטלער איז ניט אים שטאנד פארצושטעלען!

עס איז א בעוואוסטע זאך אז דאס מעער־וואסער איז פיעל מעהר דורכ־זיכטיג אלס די קוועלל־וואסערען. אין מעער געפינען זיך פערשיעדענע מי־נעראלען און ארגאנישע שטאפפען, אין א צוגאנגענעם צושטאנד, אזוי ווי צום ביישפיעל צוקער אדער זאלץ אין א גלאז וואסער; אבער דיעזע שטאפען האבען די אייגענשאפט אנצוציעהען די ליכטיגקייט פון אויבען און צו פערברייטען אין מעער. דארום נעמליך זיינען דיעזע וואסערען שטארק דורכזיכטיג. אין פיעלע שטעלען פון אקעאן, ווי צום ביישפיעל ביי די אנטילישע אינזלען, ארום אמעריקא, קען מען אויף הונדערט פופ־ציג עללען טיעף יעדע קלייניגקייט אויף דעם זאמדיגען גרונד פון מעער דערקענען. די קראפט פון די זאנען־שטראהלען הערט דארט אויף אין גאנ־

צען ערסט אין די טיעפנים פון מעהר אלס דריי הונדערט עללען. אבער אין דיעזער פליסיגער אומגעבונג פון נאוטילוס האט זיך דער עלעקטרישער גלאנץ נאך ווייטער פערברייטעטעט. דען דאס ליכט קומט ניט פון אויבען איבער'ן מעער, זאנדערן דרינגט דורך אין מיטען די וואסערען, זא דאס אונז איז פארגעקומען אז מיר שווימען אין א ים ליכט.

דער בעוואוסטער געלעהרטער עהרענבערג בעהויפטעט אז דאס מעער זעלבסט ענטהאלט אין זיך ליכטיגקייט פון די פאספאר־עסענצען וואס גע־פינען זיך אין זיינע וואסערען, דארום קומט פאר אז דאס איז די אורזאכע פון דעם טויזענד פאכען ליכט־שפיעל וואס שטעהט אונז פאר די אויגען. דורך יעדע זייט קוק איך מיט ערשטוינען און ענטציקונג דורך די אפענע וואנד אין די געהיימניספאלע אונענדליכע אבגרונדען. די דונקעלהייט וואס הערשט אין זאלאן מאכט נאך קלאהרער די ליכטיגקייט פון דרויסען, אויף וועלכע מיר קוקען דורך א ריינעם קריסטאלענעם שפיעגעל־גלאז.

ביי די ערסטע בעטראכטונג האט זיך אונז געקענט דוכטען אז דער נאוטילוס שטעהט אויף זיין שטעלע, ווייל דאס בילד דרויסען איז געבליעבען אונפערענדערט. דעננאך זעהענדיג די וואסער שטרייפען וואס ציעהען זיך פארביי אונזער גלאז־וואנד קענען מיר פערשטעהען אז דאס שיף געהט גאנץ שנעל פארווערטס.

פערזונקען אין גרויס ערשטוינונג זיינען מיר געלעגען ביי דיעזע גרויסע שויבען; קיינער פון אונז האט פון איבעראשונג אייניגע מינוטען א ווארט ניט געקענט רעדען.

„קוקט נור, בעטראכט, פריינד עדוארד!" האט שליעסליך קאנסייל זיך אבגערופען מיט גרויס ענטציקונג „אה, זעהט נור ווי וואונדערבאר דאס איז!"

„מערקווירדיג! מערקווירדיג!" האט אויך דער קאנאדיער אויסגע־רופען, וועלכער האט אין דיעזען איבערראשענדען מאמענט פערגעסען זיין נאנצען צארן און אלע זיינע פראיעקטען צו ענטלויפען „מען וואלט ווירקליך געמעגט קומען פון יענעם זייט וועלט, אום נור אזא וואונדער צו זעהען!"

„יא, מען קען ווירקליך דיעזען מאן בענײדען!" האב איך געזאגט „ער האט די ערד פערלאזען, אום זיך א נייע וואונדער־וועלט צו בעשאפען."

„אבער די פיש?" פרעגט עדוארד „פארוואס זעה איך קיין פיש?"

„נון, פריינד עדוארד" האט קאנסייל מיט א מיענע פון שטאלץ אויס־גערופען „די פיש קענען דאך פיר אייך ניט אינטערעסאנט זיין, דען איהר ווייסט דאך ניט צו בעשטימען זייערע מינים און זארטען לויט די נאטור־געשיכטע."

„דרעהט מיר ניט דעם קאפף מיט אייערע דומהייטען!" איז עדוארד

אין כעס געוואָרען „איך וויים גענוג וואָס פיש זיינען אָהן אייער נאַטור־געשיכטע !"

צווישען דיביידע פריינדע האָט זיך יעצט אויפגעהויבען אַ שטרייט וועגען פון זיי פערשטעהט בעסער וואָס פיר אַ זאָרט ברואים די פיש זיינען. לויט די נאַטור־געשיכטע ווייס יעדער אַז די פיש געהערען צו די פיערטע און לעצטע קלאַסע פון די גרויסע גרופפע ווירבעל־טהיערע, דאָס הייסט חיות וואָס האָבען אַ רוקען מיט מארך; זיי בעזיטצען קאַלטעס בלוט און ציעהען דעם אטהעם דורך די באַקען. די פיש אונטערשיידען זיך איבער־הויפט אין אַזעלכע וואָס בעזיטצען הארטע קנאָכענס און אַנדערע וואָס אַנ־שטאט קנאָכענס האָבען זיי אויף דיזעלבע שטעלען נור אַ זאָרט ווייכען מארך־שטאָף. אין דער נאַטור־געשיכטע ווערען אַלזאָ בעצייכענט צוויי גרויסע אבטהיילונגען פון דיזע בעשעפעניסע, נעמליך: די קנאָכען־פיש און די קנאָרפעל־פיש.

קאַנסייל, אַלס גוטער פריינד און קאַמעראַד האָט דורכאוים געוואָלט דעם קאַנאַדיער בעגליקען מיט די וויסענשאַפטליכע ערקלעהרונג וועגען פיש.

„פריינד עדוארד" האָט ער זיך אָבגערופען „איהר זייט אַ געשיקטער פישער און איהר פערשטעהט זעהר גוט ווי די פיש צו פאַנגען אָדער צו טוי־טען. אָבער אין וועלכע זאָרטען ווערען דיזע בעשעפניסע איינגעטהיילט, דאָס ווייסט איהר דאָך ניט."

„געוויס ווייס איך עס !" האָט עדוארד גאַנץ איינפאַך געענטפערט „מען דאַרף אונטערשיידען די פיש וואָס טויגען צום עסען פון די יעניגע וואָס מען קען דאצו ניט בענוטצען."

„נון" איז דער עהרליכער קאַנסייל עטוואָס בייז געוואָרען „אַזאַ אונטער־שיעד מאַכט נור אַ פרעסער; אין דער וויסענשאַפט איז דאָס גאַנץ אַנדערס: עס גיעבען נעמליך צוויי גרויסע אבטהיילונגען: קנאָכען־פיש און קנאָרפעל־פיש. אין די ערסטע ענטהאַלטען זיך זעקס און אין די אַנדערע דריי פער־שיעדענע זאָרטען; אָבער אויך דיזע צוטהיילען זיך אין פאַמיליען, מינים און גאַטטונגען."

„אָבער, פריינד קאַנסייל" האָט דער הארפּוניער זיך אָבגערופען „איי־דער צו הערען די ערקלעהרונגען פון אייערע ביכער וועל איך בעסער יעצט זעהען דיזע פאַמיליען, מינים און גאַטטונגען, ווי זיי שווימען פאַרביי אונזער פענסטער."

„אָה, וואונדערבאר, ווירקליך וואונדערבאַר !" איז קאַנסייל ענט־ציקט געוואָרען „מען קען מיינען אַז מען זעהט איין אונגעהויער גרויסען אקוואריום."

„ניין !" האָב איך ערוויעדערט „איין אקוואריום איז דאָך נור אַ גע־

פענגנים, וואו די פיש זיינען איינגעשפארט, אבער דא זעהען מיר זיי אין זייער נאטירליכען פרייען עלעמענט, אזוי ווי די פויגלאך אין דער לופט."

„נון, פריינד קאנסייל!" האט דער קאנאדיער געלאכט „איהר זייט דאך אזא גרויסער געלעהרטער, זאגט מיר וואס פיר א זארט פיש זיינען דיעזע וואס שווימען יעצט פאר אונזערע אויגען?"

קאנסייל איז געבליעבען אין פערלעגענהייט, דען אבוואהל ער האט געוואוסט נאכצופלוידערען די ערקלעהרונגען פון דער נאטור־געשיכטע איז ער דעננאך ניט געוועזען אים שטאנד אין דער טהאט צו שיידען א הייפיש פון א לאקס. גראדע אין געגענטהייל האט דער הארפוניער פון דער פראקטיק גאנץ גענוי געוואוסט ווי יעדע פיש ווערט אנגערופען.

„בינעזישע הארנפיש!" האט עדווארד אויסגערופען, צייגענדיג אויף א געוויסע גרופפע וואס האבען זיך לוסטיג געשפיעלט ארום דעם נאוטילוס.

איך האב ווירקליך מיט גרויס פערגניגען געקוקט אויף דיעזע וואונדערשעהנע פיש. זייער קערפער איז פלאטציג און בעזעצט אויף דעם רוקען מיט שטאכעלען, וועלכע שטארצען ארויס ווי בערסט. דאס הויט איז אויבען גרוי און אונטען ווייס, מיט גאלדענע פלעקען. צווישען זיי האבען געשוואומען אנדערע זעלטענע מינים פיש, ווי צום ביישפיעל די געלבע ראכען, וועלכע זיינען אונטען ביי'ן בויך אזוי ווי אבגעפארבט מיט א צארט ראזא קאללאר. מיר האבען אויך באלד דערקענט די ברואים וואס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאמען ריטטער־פיש. זייער מערקווירדיגקייט בעשטעהט דארין, אז זיי גיעבען ארויס פון זיך ריכטיגע מוזיק־טאנען, וועלכע מען קען דייטליך הערען, ווען מען שטעקט אריין דעם קאפף אונטער'ן וואסער. דער גרויסער נאטור־פארשער פאן־הומבאלדט ערצעהלט: „אונגעפעהר ארום זיעבען אוהר אבענדס איז די גאנצע מאנשאפט פון אונזער שיף זעהר איבערראשט געווארען, הערענדיג א גערויש, אזוי ווי פון א מאסע קאבענדעס וואסער. אלס מען האט זיך גוט צוגעהארכט און בעמערקט אז דיעזע טאנען קומען פון אונטער'ן שיף זיינען אלע העכסט ערשראקען געווארען, גלויבענדיג אז אין שיף האט זיך געמאכט א שפאלט און דאס וואסער דרינגט אריין אינעווניג, ביז די ריכטיגע אורזאכע האט זיך ערקלעהרט, אז דאס קומט פון א גרופפע ריטטער־פיש."

צוויי שטונדען האבען פערשיעדענע וואסער־טהיערע בעגלייטעט אונזער נאוטילוס. עס איז ווירקליך געוועזען העכסט רייצענד צו בעטראכטען דיעזע שפיעלענדע און שפרינגענדע פישען, וועלכע שטייגען איבער איינע די אנדערע אין שעהנהייט, גלאנץ און שנעליגקייט. מיר האבען די גאנצע צייט זיך ניט געקענט אויפהערען צו וואונדערען, בעטראכטענדיג מיט גרויס ענטציקונג זייער פראכטיגע פארמען און לוסטיגע בעוועגונגען. דיעזע זעל־

טענע טהיערע צו זעהען לעבענדיג, פריי אין זייער נאטירליכען עלעמענט איז מיר געווען א פערגניגען וועלכעס איך האָב דעם ערסטען מאָל אין מיין לעבען גענאָסען. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט צו געצויגען אהער אזוי פיעל מאסען פיש אז זיי זיינען געשוואומען ארום שיף צאהלרייכע אלס די פויגלען אין דער לופט.

פלוצלונג איז אין זאלאָן וויעדער געוואָרען העלל. די אייזערנע וועגד האָבען זיך צוזאמען געצויגען און דער צויבער־שפיעל וואר געענדיגט. אָבער איך בין נאָך לאנג געזעסען אזוי ווי אין טרוים פערזונקען, און די וואונדער־בארע פאנאראמע איז מיר נאָך אימער געשטאנען פאר די אויגען.

עס וואר שוין פינף אוהר נאכמיטאג און איך האָב אומזיסט ערווארט דעם קאפיטאן נעמאָ; ער איז ניט ערשיענען. מיינע קאמעראדען האָבען זיך שוין בעגעבען אין זייער קאיוטע און איך אין מיין צימער, וואו דער טיש וואר שוין פיר מיך געגרייט. דער מאהלצייט איז בעשטאנען פון שילד־קרעטען־זופ, ווייסע געשמאקפאָלע פלייש פון מעער־בארב און אנדערע אזעל־כע זעלטענע פראכטפאָלע שפייזען, וועלכע אויפ'ן לאנד איז זעהר שווער צו בעקומען.

דעם אבענד האָב איך צוגעבראכט אליין, אין לעזען און שרייבען. אלס עס איז געקומען די צייט פון רוהע האָב איך מיט פערגניגען זיך אויסגע־שטרעקט אויף מיין ווייכע בעט און טיעף איינגעשלאָפען, וועהרענד דער נאו־טילוס האָט מיט זיין געוועהנליכע געשווינדיגקייט דורכגעשניטען דעם ריי־סענדען שטראָם פון שווארצען טייך.

פופצעהנטעס קאפיטעל.

די איינלאדונג.

דעם נעכסטען טאָג, אם 9טען נאָוועמבער, בין איך אויפגעשטאנען גאנץ שפעט ערסט נאָכדעם ווי איך האָב גאנצע צוועלף שטונדען געשלאָפען. קאָנסייל איז געקומען ווי געוועהנליך, פרעגענדיג וואָס דער הערר מאכט און אנבאטענדיג מיך צו בעדיענען אין וואָס נויטהיג איז. דער קאנאדיער האָט נאָך אימער געשלאָפען, אזוי ווי ער וואָלט דען פאָריגען טאָג זעהר שווער געהאָרעוועט.

איך האָב געלאָזען מיין דיענער פלוידערען, ניט פיעל ענטפערענדיג אויף אָלע זיינע רייד. איך קען זיך ניט ערקלעהרען פארוואָס בעווייזט זיך

דער קאפּיטאַן נעמאַ ניט צייט פון נעכטען מיטאָג, און גלויב אז ער וועט פיעלייכט באַלד צו מיר אַריינקומען.

וועהרענד איך בין בעשעפטיגט מיט דיעזע געדאַנקען ציעהע איך אָן מיינע קליידער, מיט וועלכע מען האָט אונז דאָ אין שיף פערזאָרגט. קאַנ־סייל הערט ניט אויף צו מאַכען בעמערקונגען און זיך צו וואונדערן וואָס פיר אַ מין שטאָף דאָס קען זיין. איך האָב איהם שליעסליך ערקלעהרט, אַז דאָס איז געוועבט פון אזעלכע גלענצענדע, צאַרטע פעדים, וואָס וואַקסען אי־בערהויפּט אין די מושעלען פון מיטעללענדישען מעער. מען מאַכט פון דיע־זען שטאָף אַ שעהנעם צייג פיר שטרימף און האַנדשוה, וועלכע זיינען גאַנץ דויערהאַפט און ווארם. די מאַנשאַפט פון נאוטילוס קען זיך מיט דיעזען שטאָף בענוטצען בעסער ווי די איינוואָהנער פון לאַנד, וואָס שטאַלצירען מיט זייער אַטלאַס און זייד.

אַלס איך בין פערטיג געוועזען מיט מיין אַנקליידונג האָב איך זיך בעגע־בען אין גרויסען זאַלאָן, אום די וואונדערבאַרע רייכטהימער און די זעלטענ־הייט וואָס געפינען זיך דאָרט וויעדער צו בעטראַכטען און שטודירען, דען אויף אזעלכע מערקווירדיגקייטען קען מען זיך ווירקליך זאַט ניט אַנקוקען.

דעם גאַנצען טאָג האָט דער קאַפּיטאַן נעמאַ זיך ניט געלאָזט זעהען. די בלעכענע וועגד זיינען היינט געבליעבען פערשלאָסען. ווי עס שיינט פער־גינט מען אונז ניט צו אָפט אזאַ גרויסען פערגניגען ווי מיר האָבען נעכטען געהאַט. די אינסטרומענטען צייגען אַז אונזער שיף געהט נאָך אימער אין די זעלבע ריכטונג נאָך נאָרד־אָסט, מיט די געשווינדיגקייט פון צוועלף מייל אַ שטונדע, פון זעכציג ביז זיעבענציג עללען טיעף אונטער׳ן וואַסער.

דעם 10טען נאָוועמבער בין איך דעם גאַנצען טאָג געבליעבען איינזאַם. זאָגאַר קיין איינציגען פון די מאַנשאַפט האָב איך ניט בעקומען צו זעהען. גרעסטענטהיילס האָב איך פערבראַכט די צייט אין דער געזעלשאַפט פון מיי־נע קאַמעראַדען עדוואַרד און קאָנסייל, וועלכע האָבען זיך אויך זעהר גע־וואונדערט איבער דעם קאַפּיטאַן׳ס אַבוועזענהייט. איז דיעזער מערקוויר־דיגער מאַן קראַנק געוואָרען? איז ער פיעלייכט איבער אירגענד וועלכע אורזאַכע בייז געוואָרען און וויל זיך מיט אונז מעהר ניט זעהען? איברי־געגס דאַרפען מיר אויף אונזער ווירטה זיך ניט בעקלאַגען; ער האַלט גאַנץ ריכטיג זיין וואָרט. מיר געניעסען פאָלשטענדיגע פרייהייט אַרום צו געהען אין שיף איבעראַל וואו מיר ווילען; אונזער טיש איז רייך בעזאָרגט מיט גוטע, געשמאַקפאָלע שפּייזען און יעדער פון אונז נאָך זיינע פעהיגקייטען האָט די בעסטע מעגליכקייט זיך גוט צו אַמוזירען, אַז די צייט זאָל ניט לאַנגווייליג ווערען.

פון דעם טאָג אָן האָב איך אָנגעפאַנגען צו פיהרען מיין טאָגע־בוך, פון

וועלכען איך שרייב יעצט דיעזע בעריכטען. איך האב אויף יענע פאפיערען, וואס ווארען געמאכט פון זעע־גראז, פערצייכענט אלעם וואס מיט אונז איז פארגעקומען וועהרענד די צייט פון אונזער וואונדערבארע רייזע.

דעם 11טען נאוועמבער אין דער פריה האט זיך אין נאוטילוס פערברייטעט א פרישע ערקוויקענדע זעע־לופט, וועלכע בעווייזט אז אונזער שיף איז ארויף געשטיגען איבער'ן וואסער. איך האב זיך בעגעבען צום לייטער וואס שטעהט אין מיטען שיף און בין ארויף געשטיגען אויבען אויפ'ן פערדעק.

עס וואר זעקס אוהר דעם מארגענס. דער הימעל איז בעדעקט מיט א שווערען טהוי און דער מעער־שפיעגעלט זיך אב אין א גרויען פארב; דענאך זיינען די וואסערען אזוי רוהיג אז עס איז קוים א בעוועגונג צו בעמערקען. מיין האפנונג איז געווען אז איך וועל דעם קאפיטאן נעמא אויבען אנטרעפען, אבער אויפ'ן פערדעק איז קיינער ניט דא, אויסער דעם שטייערמאן וואס זיצט דארט ווי איך בעמערק אין זיין גלעזערנע הייזעל. איך האב זיך אוועק געזעצט און איינגעאטהעמט מיט פערגניגען די פראכטפאלע ים־לופט.

ביסלאכווייז איז דער טהוי פערטריעבען געווארען פון די שטראהלען דער זונן, וועלכע איז יעצט אויפגעשטיגען אין מזרח־זייט. דער ים איז ווי דורך א צויבער־מאכט מיט איינמאל בעגאסען געווארען פון רויטהע פלאמען. די לייכטע וואלקענס האבען זיך אבגעפארבט אין וואונדערבארע שאטירונגען.

איך בין געזעסען אזוי ווי בעצויבערט פון דיעזע הערליכע נאטור־ערשיינונג, וועלכע ווירקט אויף יעדען איינעם מיט פרישקייט אזוי ווי פון א נייעם לעבען, אלס איך הער אז יעמאנד קומט די טרעפ ארויף.

איך בין שוין אויפגעשטאנען, אום דעם קאפיטאן נעמא צו בעגריסען, אבער דאס וואר נור דער שיפס־לייטענאנט, דערזעלבער מאן וואס איז דאמאלס צום ערסטען מאל צוזאמען מיט דעם קאפיטאן אין אונזער געפענגניס־קאיוטע ערשיענען. ער איז ארויף אויפ'ן פלאטפארם ניט קוקענדיג אויף מיר; אויב ער האט מיך ווירקליך ניט בעמערקט אדער זיך געמאכט ניט זעהענדיג ווייס איך ניט. מיט זיין שטארקען שפאקטיוו האט ער גאנץ גענוי בעטראכט די הימעלס־געגענדען נאך אלע ריכטונגען. דאן איז ער צוגעגאנגען, געעפענט א דעקעל פון א לאך און ארויסגעשריען א פאאר ווערטער, וועלכע איך געדענק זעהר גוט, דען איך האב זיי נאכהער גאנץ אפט געהערט פון איהם ביי עהנליכע צופאלען. דיעזע ווערטער זיינען געווען פאלגענדע: **Nautron respoc lorn i wirch.**

די בעדייטונג פון דיעזע פראזע קען איך ניט פערשטעהן. דער שיפס־לייטענאנט איז דאן ווידער אראפגעשטיגען. איך בין אויך ניט לאנג גע־

בליעבען אויפ'ן פערדעק, וויסענדיג אז באלד וועט דער נאוטילוס זיך ארונ־טער לאזען אין וואסער, דארום בין איך אויך אראפ די טרעפ און זיך בע־געבען אין מיין צימער.

אזוי זיינען פארביי געגאנגען פינף טעג אהן אירגענד וועלכע בעזאנ־דערע בעגעבענהייטען. א פאאר מאל בין איך געוועזן אויפ'ן פלאטפארם. דערזעלבער שיפס־לייטענאנט איז פינקטליך יעדעס מאל געקומען און אויס־געשפראכען די זעלבע פראזע. דער קאפיטאן נעמא האט זיך נאך אימער ניט בעוויזען.

איך האב זיך שוין איינגעוואהנט מיט דעם געדאנקען אז פיעלייכט וועלען מיר איהם קיין מאל ניט בעקומען צו זעהען, אלס דעם 16טען נא־וועמבער, אריין קומענדיג אין מיין צימער, האב איך געפונען אויפ'ן טיש א פערזיעגעלטען בריעף אדרעסירט צו מיר. מיט גרויס אונגעדולד האב איך האסטיג אויפגעריסען דעם קאנווערט, בעטראכטענדיג די קלארע, שטארקע האנדשריפט, וועלכע בעשטעהט אין פאלגענדע ווערטער:

„אן הערן פראפעסאר אראנאקס.

קאפיטאן נעמא לאדעט איך איין מיט צו געהען אויף די יאגד, וועלכע וועט מארגען שטאטפינדען אין די וועלדער פון דעם אינזעל קרעספא. קאפיטאן נעמא האפט אז דער הערר פראפעסאר וועט זיך ניט ענטזאגען אין דיעזער יאגד אנטהייל צו נעהמען און וועט אויך מיט פערגניגען זעהען אז זיינע קאמעראדען זאלען מיטקומען.

קאפיטאן נעמא, קאמאנדאנט פון נאוטילוס."

„א יאגד!" האט עדוארד אויסגערופען מיט ערשטוינונג, אלס ער און קאנסייל זיינען אריינגעקומען און איך האב זיי דעם בריעף געצייגט.

„און אין די וועלדער פון אינזעל קרעספא!" האט קאנסייל זיך גע־וואונדערט.

„אויב אזוי וועלען מיר דאך ענדליך בעטרעטען דעם טרוקענעם באדען פון דער ערד?" איז עדוארד דערפרעהט געווארען.

„דאס גלויב איך אויך." האב איך געענטפערט מיט איין אונזיכערען טאן, דען די בעדייטונג פון בריעף איז מיר נאך אימער ניט קלאהר געוועזן.

„יעדענפאלס מוזען מיר די איינלאדונג אננעהמען" האט דער קאנא־דיער זיך אבגערופען „ווען מיר זאלען נור איינמאל קומען אויפ'ן פעסטען לאנד דאן וועלען מיר שוין וויסען וואס מיר האבען צו טהון. איבריגענס מוז איך אייך זאגען אז א שטיק פרישעס פלייש פון איין ערדען־טהיער וואלט מיר זעהר גוט שמעקען."

איך האב פארלויפיג וועגען דעם פיעל ניט געקענט רעדען, דען עס איז מיר איבערהויפט שווער געוועזן זיך צו ערקלעהרען ווי אזוי קאפיטאן נעמא

בּעזיצט נאָך וועלדער אויף דער ערד, וועלכע איז איהם אַזוי פערהאַסט, דאַרום האָב איך בלויז געענטפערט:

„מיר וועלען צוערסט זעהען וואָס פיר א מין אינזעל קרעספאָ דאָס איז.“

איך האָב זיך דאַן אַרומגעקוקט אויף דער לאַנד־קאַרטע און אויסגעפונען אַז דער קלײנער, אײנזאַמער אינזעל קרעספאָ שטעהט אונטער 32 מעֿרידיאַן 40 מינוט פון נאָרד־פּאָל און 167 גראַד 50 מינוט פון פּאַריז נאָך וועסט. דער אינזעל איז ענטדעקט געוואָרען פון קאַפּיטאַן קרעספאָ אים יאָהר 1801, וועלכער האָט איהם דאַן א נאָמען געגעבען ראָקקא דע לאַ פּלאַטא, דאָס הייסט אויף שפּאַניש „דער זילבער־פּעלזען“. אונזער שיף איז אַלזאָ שוין אָבגעפאָהרען אונגעפעהר אַכטצעהן הונדערט מייל, און איהר ריכטונג איז עטוואָס געענדערט נאָך זיד־אָסט. ציינענדיג מיינע קאַמעראַדען דעם קלײנעם אינזעל, וואָס שטעהט אַזוי ווי פערלאָהרען אין דעם אונענדליכען שטילען אָקעאַן האָב איך געזאָגט:

„אויב דער קאַפּיטאַן נעמאָ בעגיעבט זיך שוין יא צו לאַנד דאַן קלייבט ער אויס אונבעוואָהנטע, אײנזאַמע אינזלען.“

עדוואַרד לענד איז בייז געוואָרען, אָבער ער האָט דיעזעס מאָל גאָר ניט געענטפערט און איז צוזאַמען מיט קאָנסייל'ן אַרויסגעגאַנגען. נאָך דעם אבענד־עסען, וועלכען דער סטוארט האָט מיר ווי אימער געבראַכט מיט א גלייכגילטיגע מיענע, ניט רעדענדיג א וואָרט, בין איך אײנגעשלאָפען טראַכטענדיג וועגען די נעכסטע בעגעבענהייטען.

אויף מאָרגען, דעם 17טען נאָוועמבער, האָב איך באַלד אויפוואַכענדיג בעמערקט אַז דער נאַוטילוס שטעהט גאַנץ שטיל אויף איין אָרט. איך בין שנעל אויפגעשטאַנען, זיך אַנגעקליידעט און אַריינגעגאַנגען אין גרויסען זאַלאָן. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך שוין דאָרט ערוואַרטעט. ער איז אויפגעשטאַנען מיט א העפליכען גרוס און געפרעגט אויב עס איז מיר אַנגענעהם איהם אויף דער יאַגד צו בעגלייטען.

וועגען זיין אַבוועזענהייט צייט אַכט טאָג האָט ער קיין איינציגעס וואָרט ערווינערט, און דאַרום איז מיר ניט געווען פּאַסענד איהם דאַריבער צו פרעגען. איך האָב נור דאַרויף געענטפערט אַז מיר זיינען פאָלקאָמען איינשטימיג זיין איינלאַדונג אַנצונעהמען.

„נור איין פראַגע, מיין הערר, וואָלט איך זיך וועלען ערלויבען“. האָב איך דאַצו געזאָגט.

„איהר מעגט פרעגען, הערר אַראָנאַקס, און אויב מעגליך וועל איך אייך דאַרויף ענטפערען.“

„נון, קאַפּיטאַן, איך וואונדער זיך אַז נאָכדעם ווי איהר האָט אָבגעֿ

בראכען יעדע פערבינדונג מיט די ערד געהט איהר נאך מאכען א יאגד אויף דעם אינזעל קרעספא ?"

„הערר פראפעסאר" האט ער ערוויעדערט „די וועלדער וועגען וועלכע איך רייד דארפען ניט קיין ליכט און קיין ווארעמקייט פון דער זונן. דארט געפינען זיך קיין לייבען, קיין טיגערס, קיין לעמפערטען, אדער אירגענד וועלכע אנדערע פיערפיסיגע חיות. מיט איין ווארט דאס זיינען קיין לאנד־וועלדער, זאנדערן אונטער־וואסערדיגע, אויפ'ן גרונד פון ים."

„אונטער־וואסערדיגע וועלדער !" בין איך ערשטוינט געווארען.

„געוויס, הערר פראפעסאר, וואס וואונדערט איהר זיך אזוי ?"

„און איהר ווילט איך זאל מיט אייך אהין געהען צו פוס ?"

„גאנץ ריכטיג, צו פוס, זאגאר זעהר טרוקען."

„אויפ'ן יאגד ? מיט די ביקס אין האנד ?"

„נאטירליך ; איך האב אייך דאך אזוי געשריעבען." האט דער זאנ־דערבארער מאן גאנץ רוהיג געענטפערט.

איך האב אויף דעם קאפיטאן א קוק געגעבען מיט אזא מיענע פון וועל־כע ער האט זיך ווירקליך געדארפט בעליידיגען.

„דער מאן איז געוויס וואהנזיניג" האב איך ביי זיך געטראכט „ווער ווייס וואס פיר א משוגע'נעם פלאן ער האט זיך איינגערעדט, צייט די אכט טאג ווען ער איז געזעסען פערשפארט אין זיין צימער, און יעצט פלוידערט ער נאך אימער וועגען דעם. אין הארצען טהוט מיר דעננאך זעהר לייד אז גראדע אזא מענש זאל זיין פעררוקט."

דיעזע געדאנקען וואלט יעדער איינער געקענט אויף מיין געזיכט לעזען, אבער קאפיטאן נעמא האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג און מיך איינגעלא־דען איהם צו בעגלייטען. איך בין נאכגעגאנגען ווי א מענש וואס איז שוין אויף אלעם צופריעדען. מיר זיינען אריינגעקומען אין שפייזע־זאאל, וואו דער פריהשטיק ווארט שוין דערלאנגט צום טיש.

„הערר אראנאקס" האט דער קאפיטאן זיך אבגערופען „ערהאלט זיך פון אייער איבערראשונג און פריהשטיק מיט מיר צוזאמען. איהר פער־שטעהט דאך נאטירליך אז מיר וועלען אין וועג קיין רעסטאראנס ניט געפי־נען און אונזער יאגד־שפאציער וועט וואהרשיינליך דויערען אזוי לאנג אז מיר וועלען קומען גאנץ שפעט צו מיטאג."

„איך האב זיך צום פריהשטיק לאנג ניט געלאזט בעטען, דען ער איז בעשטאנען פון פערשיעדענע געשמאקע פישען און אנדערע פראכטפאלע שפייזען, וועלכע עס איז מעגליך נור אין ים צו בעקומען. צום דעסערט ווארען אויסגעטראגען פארטרעפליכע טהיער־פלאנצונגען. מיר האבען פערטרונקען מיט קלאהרעס וואסער, אין וועלכע עס ווער געמישט א פראכט־

פֿאָלער ליקער, אזוי ווי מען מאכט איהם געוועהנליך אין קאמטשאטקא פֿון א זאָרט ים־פּרוכטען, וואָס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען אַלגען.

אַלס דער פריהשטיק וואר געענדיגט האָט דער קאפּיטאַן צו מיר זיך אָבגערופען:

„הערר פּראָפעסאָר, אנפאנגס, גלויבענדיג אז איך רוף אייך צו דער יאגד אויפ'ן פעסטען ערד־באָדען, איז ביי אייך אויסגעקומען אַלס וואונ־דער ווי אזוי איך קען האנדלען געגען מיינע אייגענע פּרינציפּען; נאָכדעם, הערענדיג מיין ערקלעהרונג וועגען די אונטער־וואסערדיגע וועלדער, האָט איהר געקוקט אויף מיר ווי אויף א משוגע'נעם. נון, הערר אראָנאקס, מען דארף וועגען א מענשען אזוי שנעל ניט אורטהיילען —"

„אָבער, קאפּיטאַן, ווי קענט איהר גאָר דענקען אז איך . . ."

„הערט מיך נור געפעליגסט אויס, דאן וועט איהר זיך איבערצייגען אז איך וויעדערשפּרעך זיך ניט אַליין און בין אויך ניט וואהנזיניג."

„גוט איך בין זעהר נייגיעריג אייער ערקלעהרונג צו הערען."

„הערר פּראָפעסאָר, איהר ווייסט אזוי גוט ווי איך, אז דער מענש וואָלט געוועזען אים שטאַנד צו לעבען אונטער'ן וואסער, ווען ער זאָל דאָרט נור האָבען דאָס נויטהיגע לופט איינצואטהעמען. די לייטע וואָס ארבייטען אונטער'ן וואסער, ווי צום ביישפּיעל, ביי קאָראַלען אָדער פּערלען זוכען, אויך ביי דעם בויען פונדאמענטען פון גרויסע בריקען, ציעהען זיך אָן אין אַזעלכע קליידער וואָס ווערען ניט דורכגענעצט און אויפ'ן קאָפּף זעטצען זיי ארויף א מעטאַלענעם שייד, פון וועלכען עס קומען ארויס ביז איבער'ן וואַ־סער רעהרען מיט לופט־פּומפּען און רעגולאטארען, זאָ דאָס זיי קענען דאָן זאָגאר אייניגע שטונדען אויפ'ן גרונד פערבלייבען."

„איך ווייס, דאָס איז א סקאפאנדער־אפּאראט."

„גאַנץ ריכטיג. אָבער אונטער אַזעלכע בעדינגונגען איז דער מענש ניט פריי. ער איז צוגעבונדען צו די פּומפּע, וועלכע שיקט איהם לופט דורך א גומענעם רעהר, דאָס הייסט גאַנץ איינפאך, זיין צוגעשמיעדט מיט א קייט צו דר'ערד. אויב מיר זאָלען אויך אַזעלכע מיטלען דארפען אנווענדען דאן וואָלט אונז ניט מעגליך געוועזען וויית פון נאוטילוס אוועק צו געהען."

„אָבער איך זעה ניט איין קיין אנדער מיטעל." האָב איך ערוויעדערט.

„נון, דאן האָט איהר פערגעסען אז אין די לעצטע צייטען, בענוצט מען שוין דעם סקאפאנדער־אפּאראט גאָר ניט ביי'ן ארבייטען אונטער'ן וואַ־סער, דען צוויי פון אייערע לאנדסלייטע, רוקוועראָל און דענערוז, האָבען ערפונדען א פּיעל בעסערען מיטעל, ביי וועלכען דער ארבייטער קען זיך יא פריי בעוועגען און ארום געהען אויפ'ן גרונד וואוהין ער וויל. איך האָב

דיעזען רוקווראַל־דענערוז־אַפּאַראַט אויסגעבעסערט נאָך מיין אייגענעם געברויך. דיעזער לעצטער אַפּאַראַט בעשטעהט נעמליך נור פון א דיקען בלע־כענעם קעסטעל, אין וועלכען עס איז צוזאַמען געפּרעסט א מאַסע לופט, אונטער דעם דרוק פון פופציג אַטמאָספערען. דער קעסטעל ווייזט אויס ווי א געוועהנליכער ראַנעץ און מען בעפעסטיגט איהם מיט ריעמענס צו זיך אויפ'ן רוקען. אין דעם אויבערסטען טהייל פון ראַנעץ איז געמאַכט געוואָ־רען אַזאַ מין קאַפּסעל, דורך וועלכע דאָס צוזאַמען־געדריקטע לופט געהט ארויס אין דעם שייד איבער'ן קאָפּף, אָבער נור אַזוי פיעל ווי מען קען גע־ברויכען. ביי דעם געוועהנליכען אַפּאַראַט רוקווראַל, ווי מען געברויכט איהם יעצט, ציעהען זיך צוויי גומענע רעהרלאַך צום נאָז און צום מונד; איינער פון דיעזע רעהרלאַך עפענט זיך אין דעם מאָמענט ווען דער מענש דאַרף אריין ציעהען דעם אַטהעם מיט פרישע לופט און דער צווייטער דאַן ווען ער אַטהעמט אויס פערדאָרבענע לופט, וועלכע פליעהט דאַן ארויס דורך דיעזען צווייטען רעהרעל. איך האָב אָבער דאצו נאָך געפונען פיר נוי־טהיג דעם שייד איבער'ן קאָפּף צו מאַכען פון שטאַרקען קופּער, דען אויף אַזאַ טיעפניס פון ים איז דער דרוק פון וואַסער זעהר שווער, און אין דיעזען שייד ציעהען זיך אריין די צוויי לופט רעהרלאַך פון ראַנעץ.״

„גאַנץ ריכטיג, קאַפּיטאַן נעמאָ; אָבער די לופט וועלכע איהר נעהמט מיט מוז דאָך באַלד פערברויכט ווערען און דאַן קענט איהר דאָך לענגער אונטער'ן וואַסער ניט פערבלייבען.״

„געוויס; אָבער איך האָב איך שוין איינמאָל ערקלעהרט, העדר אַראָנאַקס, אַז די פּומפּען פון נאַוטילוס קענען צוזאַמען פּרעסען לופט ביז די לעצטע מעגליכקייטען, און אויף דיעזען אופן נעהם איך מיט אין ראַנעץ אַזוי פיעל לופט וואָס זאָל מיר זיין גענוג וועניגסטענס אויף צעהן ביז צוועלף שטונדען.״

„נון האָב איך מעהר אין דיעזער הינזיכט ניט וואָס איינצואווענדען, אָבער איך פרעג אייך נור, קאַפּיטאַן, ווי קענט איהר אייער וועג בעלייכטען אַזוי טיעף אויפ'ן גרונד פון מעער.״

„מיט דעם אַפּאַראַט פון רוהמקאָפּף, העדר אַראָנאַקס, וועלכער ווערט אויך צוגעבונדען צום גאַרטעל. דער אַפּאַראַט איז ערפונדען מיט דעם צוועק אַז א לאַנטערנע זאָל קענען ברענען אין וואַסער דורך געוועהנליכע עלעקטרי־ציטעט. דעם זויער־שטאָף, וועלכען דאָס פייער מוז האָבען צום ברענען, ענטהאַלט זיך אין א געוויסע גלאָז: ווען דיעזער אַפּאַראַט פאַנגט אן צו ארבייטען דאַן גיעבט דאָס גלאָז ארויס פון זיך א גאַנץ ווייסע ליכט. איך בענוטץ אָבער דאצו מיין עלעקטריציטעט, וועלכער איז פיעל שטאַרקער און העללער.״

„קאַפּיטאַן נעמאָ, אויף אַלע מיינע איינווענדונגען האָט איהר מיר געגעבען אַזעלכע גענוגענדע אַנטוואָרטען אַז איך קען מעהר ניט צווייפלען. דעננאָך וואָס אַנבעטרעפט די ביקס, מיט וועלכע מען זאָל קענען שיעסען אין וואַסער, דאָס איז שוין אַ זאַך וואָס איז גאַנץ אונגלויבליך.“

„אָבער דיעזע ביקס פון וועלכע איך זאָג אייך איז דאָך קיין געוועהנליכע פייער־געוועהר.“ האָט דער קאַפּיטאַן ערוויעדערט.

„אַלזאָ איז דאָס אַ ווינד־ביקס ?“

„גאַנץ ריכטיג. איך האָב ניעמאָלס געפונען פיר נויטהיג זיך צו בע־שעפטיגען אויפ'ן נאַוטילוס מיט פאַבריצירען פולווער פון סאַלפּעטער, שווע־בעל און קאָהלען.“

„אויסערדעם“ האָב איך זיך אָבגערופען „מוז מען דאָך האָבען איין אונגעהויער מעכטיגען קראַפט־מיטעל צו שיעסען אונטער'ן וואַסער, וועלכער איז אכט הונדערט פופציג מאָל געדיכטער ווי די לופט.“

„דאָס מאַכט גאָר ניט אויס“ האָט דער קאַפּיטאַן ערוויעדערט „עס גיעבט אַזעלכע קאַנאָנען וואָס זיינען ערפונדען געוואָרען פון פולטאָן און פערבעסערט פון די ענגלענדער קאָלס און בורליי, פון דעם פראַנצויז טורסי און פון דעם איטאַליענער לאַנדי : דיעזע קאַנאָנען אַלזאָ בעזיטצען אַ בע־זאָנדערען שלאָס און מען קען מיט זיי אויך אונטער'ן וואַסער שיעסען. אָבער איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל אַז צו מיינע ביקסען איז פולווער גאָר ניט נויטהיג, דען איך שיעס פון זיי מיט צוזאַמען געפּרעססטע לופט, וועלכע איך קען צו יעדע צייט גענוג בעקומען דורך די פּומפּען פון נאַוטילוס.“

„אָבער דיעזע לופט מוז דאָך באַלד פערברויכט ווערען ; ווי לאַדעט איהר נאָכדעם ווידער אָן אייער ביקס ווערענד איהר געפינט זיך ווייט פון שיף ?“

„נון, דאַרויף האָב איך דאָך אויפ'ן רוקען דעם ראַקוועראַל־ראַנעץ, וועלכער איז פול מיט צוזאַמען געפּרעססטע לופט. עס איז נור נויטהיג אַ דרעה צו געבען אַ קליינעם שרייפעל און די ביקס איז ווידער אָנגעלאַדען. איברי־גענס, הערר אַראָנאַקס, וועט איהר ביי דעם יעצטיגען שפּאַציער־גאַנג אויפ'ן גרונד פון ים זיך באַלד איבערצייגען אַז אָהן לופט און קוילען פון אייער יבשה קען מען זיך אויך גאַנץ גוט בעגעהען.“

„אָבער אַזוי פיעל איז דאָך געוויס אַז אונטען אין דער האַלב דונקעלהייט און אין דער געדיכטער פליסיגקייט קען דאָס אָבגעשאָססענע קויל ניט ווייט לויפען און ווענינ שאַדען.“

„מיין הערר, דאָס בעשעפּניס וועלכע עס טרעפט אַ קויל פון מיין גע־וועהר איז אויגענבליקליך טויט.“

„ווי אַזוי איז דאָס מעגליך ?“

„ווייל איך שיעס ניט מיט געוועהנליכע קוילען זאָנדערן מיט גלעזערנע קאַפּסלען, וועלכע דער עסטרייכישער בעמיקער לעניעבראַק האָט ערפונדען. דיעזע קאַפּסלען זיינען געפּאַסט אין שטאָהל און אינווענינ זיצט אַ קליינער בלייענער קוגעל, וועלכער איז שווער געלאַדען מיט אַ שטאַרקען עלעקטריצי־טעט. ביי דעם קלענסטען שטויס פון די צוזאַמען געדריקטע לופט שיעסען זיי אויס און דאָס גרעסטע טהיער מוז אויגענבליקליך פאַלען טויט. דאָס דאַרפט אויך איהר וויסען אַז אַזעלכע קאַפּסלען וואָלטען מיר שווער געווען אַליין צו פאַבריצירען, אָבער איך האָב פון זיי אַ מאַסע פאָרבעריייטעט.“

„אַלזאָ“ האָב איך געענטפערט אויפשטעהענדיג „יעצט געפין איך מעהר ווירקליך ניט וואָס צו בעשטרייטען. איבריגענס וואוהין איהר געהט קום איך מיט.“

דער קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיך אַוועק געפיהרט צום הינטערסטען טהייל פון נאוטילוס, און געהענדיג פאַרביי די קאַיוטע פון מיינע קאַמאַראַדען האָב איך זיי גערופען און זיי זיינען אויך מיט געגאַנגען.

דאַן זיינען מיר אַריינגעקומען אין אַ קליינעם צימער, וועלכער וואַר נאָהענט ביי'ן מאַשינען רוים. דאָ האָבען מיר זיך געדאַרפט אַנקליידען, אום אונזער זאָנדערבאַרען שפּאַציער צו מאַכען.

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל.

אַ שפּאַציער אויפ'ן גרונד פון ים.

דיעזער צימער וואַר אייגענטליך דער אַרסענאַל און די גאַרדעראָבע פון דאָס שיף. אַ דוצענד סקאַפאַנדער־אַפּאַראַטען זיינען געהאַנגען אַרום אויף די ווענד. אויך פיעלע אַנדערע קליידער און געוועהר האָבען זיך דאָ געפונען.

עדוואַרד לענד, אַ קוק געבענדיג אויף די סקאַפאַנדער־אַפּאַראַטען, האָט זיך באַלד ענטזאָגט זיי אָנצוטהון.

„איהר ווייסט מיסטער לענד“ האָב איך צו איהם געזאָגט „אַז די וועל־דער פון קרעספּאָ שטעהען גאָר אונטער'ן וואַסער, אויפ'ן גרונד פון ים!“

„גוט!“ האָט דער קאַנאַדיער געענטפערט מיט פערדרוס, זעהענדיג אַז די אויססיכט אויף אַ פרישען בראַטען פון ערדען־טהיער פלייש און אויך אַלע זיינע האָפנונגען זיינען פערשוואונדען. „און איהר, הערר פּראָפעסאָר, איהר וועט אויף זיך אַרויפשלעפען אַזעלכע העסליכע קליידער?“

„נאטירליך ; דאס איז דאָך גויטהיג צו אונזער שפּאַציער־גאַנג.“

„טהוט ווי איך געפעלט, מיין הערר“ האָט עדוארד געענטפערט „איך אָבער וועל מיט'ן גוטען ווילען אזא מיאוס'ע פערשטעלענים אויף זיך ניט אנ־טהון, און צווינגען דאצו קען מיר אויך קיינער ניט.“

„מיט געוואלט וועט מען אייך געווים ניט צווינגען, מיסטער לענד“ האָט קאַפּיטאַן נעמאָ איהם געענטפערט.

„און איך וועל מיין העררן ניט פערלאָזען“ האָט קאָנסייל ערקלעהרט „וואו ער געהט וויל איך איהם נאָכפאָלגען.“

קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אַ רוף געגעבען ; צוויי לייטע פון די שיפס־מאנ־שאַפט זיינען געקומען און האָבען אונז געהאָלפען אנציעהען די שווערע גו־מענע קליידער, וואָס לאָזען ניט דורך קיין וואסער. דאצו ווארען אויך דיעזע קליידער אזוי אויסגעפערטיגט אז זיי האָבען געקענט אויסהאלטען דעם גאנ־צען וואסער־דרוק, דער קערפּער זאָל עס ניט שפּיערען. ביי אלעם דעם איז דער גאַנצער קאָסטיום געוועזען זעהר בעקוועם. ער איז בעשטאַנען פון הויזען, וואָס האָבען זיך אונטען געענדיגט מיט אַ פּאָאר שוה מיט שווערע בלייענע זאָהלען. די וועסט איז געוועזען אויפ'ן ברוסט בעשיצט מיט קופּערנע בלעכלאך, אזוי ווי אַ פּאנצער, אום דער וואסער זאָל אויף דיעזען טהייל פון קערפּער ניט קענען דריקען און די לונגען ניט פערהינדערען פריי דעם אטהעם אבצוציעהען. די ארבעל ענדיגען זיך מיט גאנץ בעקוועמע האנדשוה, וועלכע שטערען דורכאויס ניט די בעוועגונגען פון די פינגער.

איך האָב זיך באלד איבערצייגט אז דיעזער אנצוג איז פיעל מאָל בע־סער ווי די אומגעלומפּערטע סקאַפאַנדרען, וועלכע זיינען ערפונדען געוואָרען מעהר ווי מיט הונדערט יאָהר צוריק.

דער קאַפּיטאַן נעמאָ און איינער פון זיינע לייטע, אַ געזונדער שטאר־קער מאַן פון אַ ריעזענהאַפטע געשטאַלט, אויך איך און מיין דיענער קאָנ־סייל זיינען שנעל פערטיג געוואָרען מיט די אנקליידונג. יעצט איז אונז נור איבער געבליעבען אנצוטהון אויף אונזערע קעפּף די מעטאלענע שיידען ; אָבער איך האָב געבעטען ביי'ן קאַפּיטאַן די ערלויבנים פריהער אונטער צו זוכען די געווערען, וועלכע מיר דארפען מיט נעהמען.

איינער פון די מאַנשאַפט האָט מיר באלד דערלאנגט איין איינפאכע ביקס, וועלכע וואר ציעמליך דיק, מיט אַ גלענצענדען מעטאלענעם לויף. אין דעם ביקס איז געוועזען אַ בעזונדערער בעהעלטער, אין וועלכען עס ווערט אריינגעלאָזען דורך אַ קלאַפּע די צוזאמען געפּרעסטע לופט. אין דעם דיקען טהייל אונטערען שלאָס געפינט זיך אַ זאָרט קעסטעלע, וואָס ענטהאלט ביז צוואנציג עלעקטרישע קוילען, און דורך אַ דרוק אויף אַ בעזונדערע שפּרינג־פעדער, פליעהען די קוילען פון זיך אליין אריין איינציג־ווייז אין דעם לויף

פון ביקס. ווי איין שום איז נור געגעבען געוואָרען איז שוין דער צווייטער קויל פערטיג אָבצושיעסען.

„קאַפּיטאַן נעמאָ“ האָב איך געזאָגט „דאָס געוועהר איז אויסגעצייכענט גוט און מען קען גאַנץ לייכט דאַמיט אומגעהען. איך בין שוין ווירקליך אונ־געדולדיג זיך מיט דיעזע ביקס צו בענוטצען, אָבער ווי קומען מיר ארויס אויפ׳ן גרונד פון ים ?“

„הערר פּראָפעסאָר, דער נאַוטילוס זיצט יעצט ביז זעקס עללען טיעף אין דעם באָדען פון מעער, און מיר קענען באַלד זיך אויף אונזער וועג בע־געבען.“

„אָבער ווי וועלען מיר ארויס קומען פון שיף ?“

„דאָס וועט איהר באַלד זעהען.“

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעטהון אויפ׳ן קאָפּף דעם קיילעכדיגען מעטאַ־לענעם שייד ; איך און קאָנסייל האָבען אויך דאָסזעלבע געטהון, וועהרענד דער קאַנאַדיער האָט מיט שפּאָט אונז געוואונשען „א גליקליכע יאגד.“ די וועסט האָט זיך געענדיגט אויבען מיט א קופּפערנעם האַלז־באַנד, צו וועלכען דער מעטאַלענער קאָפּף־קוגעל איז פעסט צוגעשרויפט געוואָרען. אין דיעזע קוגעל זיינען געוועזען געמאַכט דריי לעכער, פערשטעלט מיט דיקע ליכטיגע גלעזער, זאָ דאָס מען האָט געקענט גאַנץ לייכט זעהען נאָך אַלע זייטען. זאָבאַלד ווי מיר האָבען דיעזע קאָפּף־בעקליידונג אָנגעטהון האָט שוין דער רוקוועראַל לופט־אַפּאַראַט אָנגעפאַנגען צו ארבייטען, די פרישע לופט פון ראַנעץ איז מעסיג אריינגעדרונגען און איך האָב געשפּיערט אַז עס איז גאַנץ לייכט און בעקוועם צו אָטהמען.

מיט די רוהמקאָפּף׳ס לאַנטערנע צוגעבונדען צום גאַרטעל און מיט דעם געוועהר אין האַנד בין איך שוין פערטיג געוועזען ארויסצוגעהען : אָבער אין דיעזע שווערע בעקליידונג מיט די בלייענע זאָהלען האָב איך זאָגאַר פון אָרט זיך ניט געקענט ריהרען. דאָך איז באַלד אויך דאַצו געפונען געוואָרען א ראַטה ; מען האָט מיך און מיינע בעגלייטער אריין געשטופּט אין די נעכסטע קליינע צימער. די טהיר פון די קליידער־קאַמער הינטער אונז איז פעסט פערשלאָסען געוואָרען און מיר זיינען געבליעבען שטעהן אין א טיעפע פינס־טערניס.

אין די נעכסטע פּאָאָר מינוטען הער איך א גערויש און פיהל א געוויסע קעלט, וועלכע שטייגט ארויף פון מיינע פיס צום קערפּער. וואַהרשיינליך האָט מען דורכ׳ן שיף אריינגעלאָזען וואַסער אין די קאַמער וואו מיר שטע־הען יעצט, זאָ דאָס מיר זיינען שוין בעדעקט מיט דיעזען נאַסען עלעמענט. באַלד דאַרויף האָט זיך געעפענט א צווייטע טהיר אין דער זייט פון נאַוטילוס

און דאן איז אויך די דונקעלהייט עטוואס ליכטיגער געװארען. אין איינינע סעקונדען שפּעטער זיינען מיר ארויס צו פּוס אויף דעם גרונד פון מעער.

דעם איינדרוק וואס דיעזער שפּאציער־גאנג האט אויף מיר געמאכט איז מיר אונמעגליך צו שילדערען. קיין פעדער און קיינע ווערטער זיינען ניט אים שטאנד צו ערצעהלען פון אזא גרויסען וואונדער און די מערקווירדיגע ערשיינונג וואס מיר האבען דאן געזעהען.

דער קאפּיטאן נעמא איז געגאנגען פאָרויס און זיין קאמעראד האט א פּאאר טריט הינטער אונז נאכגעפאלגט. איך און קאנסייל זיינען געבליעבען צוזאמען, אבוואהל דורך די דיקע קופּערנע שיידען וואס וואָרען אנגעטהון אויף אונזערע קעפּ איז אונז ניט מעגליך געווען איינער צום אנדערען א וואָרט צו רעדען. די שווערקייט פון מיין קליידונג האב איך יעצט מעהר ניט געשפּיערט. די בלייענע זאהלען און די פערשיעדענע אפּאראטען האבען מיר זאגאר אויף א האאר ניט געשטערט. נאך מעהר ווי מיט א טויזענד יאהר צוריק האט דער גרויסער גריעכישער מאטהעמאטיקער ערקלעהרט א נאטור געזעטץ, אז יעדע שווערע מאסע אין וואסער פערליערט פון איהר געוויכט גראדע אזוי פיעל ווי עס וועגט דאס וואסער, וועלכען זי פערדרענגט, און דיעזע וואהרהייט האב איך יעצט פּראקטיש ריכטיג ערפאהרען, דען פון דעם מאמענט ווי מיר זיינען אראפּ אויפ׳ן גרונד פון ים האב איך גע־קענט גאנץ לייכט און פריי זיך בעוועגען.

העכסט וואונדערבאר איז מיר אויך געווען צו בעטראכטען ווי שטארק דאס ליכט פון די זונען־שטראהלען דרינגען אריין אין מעער, זא דאס אויף א טיעפענים פון דרייסיג פוס איז נאך איבעראל גאנץ העלל. איך האב זאגאר געקענט דעם קלענסטען געגענשטאנד בעמערקען אויף א ווייטקייט פון אונ־געפעהר הונדערט עללען. ווייטער שאטירט זיך די גרונד־פארב פון וואסער אין לאזשור קאלאר, אין העללבלוי, ביז זי פערליערט זיך דאן אין איין אונבעשטימטע דונקעלהייט. איך מוז ווירקליך זאגען אז דיעזעס וואסער ארום מיר, וועלכעס איז פיעל געדיכטער ווי די אטמאספערע, האט דעננאך א מערקווירדיגע דורכזיכטיגקייט. איך קען זאגאר זעהען ווי אויבען איבער מיין קאפּ בעוועגט זיך דאס מעער גאנץ רוהיג.

מיר זיינען געגאנגען ווייטער איבער א דינעם, גלאטען זאמד, וואו מען טרעפט עס געוועהנליך אין זעהר אפט ביי די ברעגעס פון ים, נאכדעם ווי די פערפלייצונג האט זיך צוריק געצויגען. די גלענצענדע ווייסקייט פון גרונד האט ווי א גוטער רעפלעקטאר צוריק אבגעשפּיעגעלט דאס ליכט פון די זונן, זא דאס עס איז פאלקאמען מעגליך געווען אין דיעזער טיעפענים צו זעהען גראדע ווי אין א העללען טאג.

אונגעפעהר א פיערטעל שטונדע בין איך געגאנגען אויף דיעזען זאמד,

וועלכער וואר איבעראל אזוי ווי בעזעעט מיט בליטצענדע מושעלען. דער נאוטילוס, וועלכער האט אויסגעזעהען ווי א לאנגער שווארצער פעלזען, איז באלד פערשוואונדען פון אונזערע אויגען, אבער זיין עלעקטרישע ליכט האט נאך געשטראהלט זעהר וויים. דיעזע בעלייכטונג איז יעצט נאך מעהר פערשטארקט געווארען, אום אונז צו צייגען דעם וועג נאך הויז, אים פאל אז מיר זאלען קומען צוריק ארום אבענד־צייט, אדער ווען דער הימעל זאל זיך אונטערדעסען פערדונקלען. אויף דער יבשה, וואו די לופט איז דורכ־געדרונגען מיט שטויב קען מען דאס עלעקטרישע ליכט זעהען פון וויימען נור ווי דורך א טהוי, אבער אין דעם ריינעם וואסער שפיעגעלט זי זיך אב אויף א גאנץ לאנגע שטרעקע זעהר קלאהר און גלענצענד.

אונטערדעסען זיינען מיר אימער ווייטער געגאנגען און עס האט אויס־געזעהען אזוי ווי דיעזער זאמדיגער באדען האט גאר קיין גרענעץ ניט. באלד אבער דערזעהע איך פון גאנץ ווייט אונבעשטימטע גרויסע געגענשטאנדען און שליעסליך דערקען איך פראכטיגע שטיקער פעלזען, וועלכע זיינען אי־בעראל וויים מיט א שעהנעם טעפיך בעדעקט מיט די הערליכסטע זארטען פון פפלאנצען־טהיערען, זא דאס איך בין פון דיעזע ערשיינונג דעם ערסטען אויגענבליק זעהר איבעראשט געווארען.

עס וואר דאמאלס צעהן אוהר פארמיטאג. די זונען־שטראהלען, וועלכע פאלען אין א קרומע ריכטונג אויף די אויבער פלאכקייט פון ים, ברעכען זיך דורכ'ן וואסער און בעשיינען אלעס וואס דא געפינט זיך מיט די זיעבען פארבען פון רעגען־בויגען. עס איז ווירקליך געוועזען ענטציקט צו ווערען קור־קענדיג אויף די בלומען, פעלזען, פפלאנצען מושעלען און אלע אנדערע גע־גענשטאנדען, ווי זיי זיינען בעגאסען מיט דיעזע וואונדער־הערליכע בע־לייכטונג, וועלכע איז צוזאמען געמישט פון גרין־געלב, אראנזש, וויאלעט, דונקעל־ און העלל־בלויע!

זאגאר קאנסייל איז אויך געבליעבען שטעהען פון גרוים איבערראשונג, בעטראכטענדיג דיעזע שעהנהייטען. דער גאנצער באדען איז געוועזען בעדעקט מיט פרעכטיגע מושעלען, קאראלען און אנדערע טהיער־פפלאנצונגען פון פערשיעדענע הערליכע פארבען, זא דאס מיך האט ווירקליך לייד געטהון אזעלכע גלענצענדע מערקווירדיגקייטען צו צערשטערען און מיט די פיס צו טרעטען. מיר האבען דעננאך קיין צייט געהאט לאנג צו בלייבען שטעהען און קוקען אויף דיעזע וואונדערבארע זאכען, דען דער קאפיטאן נעמא האט אונז א וואונק געגעבען מיר זאלען שנעל נאכקומען.

דער באדען פון ים האט זיך באלד געענדערט; פון דעם זאמדיגען גרונד זיינען מיר יעצט געקומען אויף א שטרעקע וואס וואר בעדעקט מיט קליינע קלעפיגע קאלך־שטיינדלאך. אבער דיעזער גאנג האט ניט לאנג געדויערט.

מיר זיינען קורץ נאָכדעם אריינגעקומען אין א וואהרען וואלד פון אלגען־גראַזען, וועלכע וואַקסען אַזוי געדיכט אַז עס קען זיך אויסדוכטען דאָס זיי זיינען צוזאמען געוועבט ווי אַ טעפּיך. צו דערזעלבער צייט האָט זיך אויך איבער אונזערע קעפּף פּרברייט אַ גרינע דעקע ים־פּפלאַנצען. פון די זעלבע זאָרט אַלגען, פון וועלכע עס זיינען בעוואוסט ביז צוויי טויזענד מינים וואָס וואַקסען אויבען אויפ׳ן וואַסער. דיעזע אַלגען זיינעןווירקליך דער מערקווירדיגסטער וואונדער אין דעם פּפלאַנצען־רייך פון דער נאַטור. מען געפינט צווישען זיי אַזעלכע גרעזעלאַך וואָס מען קען קוים דערזעהען מיט דעם שטאַרקסטען מיקראָסקאָפּ: (פּערגרעסערונגס־גלאַז,) וועהרענד אַנדערע גראַזען פון דיעזעלבע קלאַסע אַלגען זיינען לאַנג ביז זעקס הונדערט עללען.

עס איז שוין בײנאַהע צוויי שטונדען צייט ווי מיר זיינען ארויסגעגאַנגען פון נאַוטילוס. אַז עס איז מיטאָג צייט דערקען איך פון די זונען־שטראַהלען, וועלכע פאַלען יעצט אַרונטער גראַדע פון אויבען צום גרונד, זיך ניט ברעכענדיג אין אַ קרומע ריכטונג. דארום זיינען אויך די צויבערהאַפטע פאַרבען פון פריהער בילאַכוויז פערשוואונד׳ען. אונטער דעם איינפאַך העללען ליכט זיינען מיר יעצט שנעל געגוג ווייטער געגאַנגען אונזער וועג און דער אבקלאַנג פון אונזערע טריט האָט זיך געהערט ווייט ארום. עס איז אַ בעוואוסטע זאַך אַז יעדער טאָן דרינגט דורכ׳ן וואַסער פיעל שטאַרקער ווי אין דער לופט, זאָ דאָס מען קען דעם קלענסטען גערויש הערען זעהר ווייט.

פון דאַנען אָן האָט דער גרונד זיך געצויגען שנעל באַרג אַראָפּ און אין אַ קורצע צייט וואַרען מיר שוין אונגעפעהר אויף אַ הונדערט עללען טיעף אין וואַסער, די דריקונג אין אַזאַ טיעפקייט איז געווענליך 10 אַטמאָספערען, אָדער 150 פונט אויף יעדען אינטש. אָבער אין מיין סקאַפאַנדער־בעקליידונג האָב איך דאָס גאָר ניט געשפּיערט און עס איז מיר לייכט געווען זיך צו בעוועגען פריי, גראַדע ווי ביז יעצט. דער צוויי־שטונדיגער שפּאַציער־גאַנג אין דיעזע אונגעוועהנליכע פּאַנצער־קליידער האָט מיך זאָגאַר ניט ערמיעדעט; דען ווי בעוואוסט נעהמט דאָס וואַסער צו אַ מאַסע פון די שווערקייט און די מוסקעלען פון קערפּער ווערען ניט אַזוי אבגעמאַרטערט דורך זייער טהעטיגקייט.

אַלס מיר זיינען געקומען אין אַ טיעפענים פון העכער ווי דריי הונדערט פוס איז די העללע ליכטיגקייט פון די זונען־שטראַהלען געווען פיעל שוואַכער, דאָ איז שוין אַלעס געוואָרען פערהילט אין אַ האַלבע דונקעלהייט; דעננאָך איז אונז נאָך מעגליך געווען גוט צו זעהען, אום אונזער ווייטערען וועג צו בעטראַכטען, און מיר האָבען נאָך ניט געדאַרפט אָנצינדען אונזערע רוהמקאָפּף׳ס־לאַנטערנען.

דער קאַפּיטאַן נעמאָ איז יעצט געבליעבען שטעהען ביז איך בין צו

איהם צו געגאַנגען, און דאַן האָט ער מיר געצייגט מיט'ן פינגער אויף איי־ניגע דונקעלע מאַסען, וועלכע האָבען זיך בעוויזען ניט ווייט פון אונז.

איך האָב באַלד פערשטאַנען אַז דאָס זיינען די אונטער־וואַסערדיגע וועלדער פון דעם גרונד, וועלכען דער קאַפּיטאַן רופט מיט דעם נאָמען קרעספּאָ.

זיעבצענטעם קאַפּיטעל.

אַ וואַלד אויפ'ן גרונד פון ים.

ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען אין דיעזען וואַלד, וועלכער געהערט וואהרשיינליך צו די שעהנסטע בעזיטצונגען פון קאַפּיטאַן נעמאָ. ער בע־טראַכט דיעזע אַלע געגענדען ווי זיין אייגענטהום און אין דער טהאַט, ווער קען איהם דען דיעזעס רעכט אַבשטרייטען ?

דער וואַלד איז בעשטאַנען פון גרויסע פלאַנצונגען, וועלכע זעהען ווירקליך אויס ווי בוימער. איך בעמערק באַלד אויף דיעזע צווייגען אַ בע־זאָנדערע מערקווירדיגקייט. וועלכע איז מיר ביז יעצט גאָר ניט איינגעפאַ־לען. עס געפינט זיך נעמליך קיין איינציגער פון דיעזע צווייגען, וואָס זאָל וואַקסען אין אַ גלייכע אָדער אַראָפּהענגענדע ריכטונג, זאָנדערן אַלע ציע־הען זיך נאָך אויבען, צו די אויפּערפלאַכקייט פון ים. זאָגאָר די פלאַנצונגען וואָס זיינען דין ווי אַ פאָדעם שטעהען אַזוי גלייך גראַדע ווי זייערע צווייג־לאַך וואָלטען געווען פון אייזען.

איך האָב זיך באַלד איינגעוואָהנט צו דיעזע מערקווירדיגע געשטאַלטונ־גען און צו די האַלבע דונקעלהייט וואָס הערשט אַרום אונז. נאָך מיין בע־רעכענונג זיינען די פערשיעדענע מינים פלאַנצונגען וואָס וואַקסען אונטערן ים פיעל צאַהלרייכער אַלס די יעניגע אויף דער טרוקענער ערד, זאָגאַר אין די וואַרמע געגענדען. אָבער איינינע מינוטען לאַנג איז מיר שווער געווען צו אונטערשיידען ריכטיגע פלאַנצען פון די יעניגע וואונדערבאַרע ברואים וואָס האָבען נור דעם געשטאַלט פון פלאַנצען, דעננאָך זיינען זיי אין דער טהאַט לעבעדיגע טהיערע. אין דיעזער אונטער־וואַסערדיגער וועלט זיינען דיביידע נאַטור־רייכען אַזוי צוזאַמען געמישט אַז מען דאַרף זיין איין ער־פאַהרענער נאַטור־פאָרשער אום די שטראַטצונגען פון די טהיערע אָבצו־טהיילען.

עס גיעבט פון דיעזע טהיער־פלאַנצען פערשיעדענע זאָרטען, פון וועלכע איינינע זיינען גרויס ווי אַ קאָרן זאַמד און אַנדערע וואָס זייער קערפּער איז

עהנליך צו קלענערע אָדער גרעסערע פלאנצונגען איז אָבער מערקווירדיג פערדיק מעהר ווי אַ פוס אין דורך מעסטער, זייער געשטאַלט וואָס איז אימער שיערען; פיעלע זעהען אויס ווי בוימער, אַנדערע ווי דיקע בלעטער אָדער פרוכטען. אייניגע לאָזען ארויס פון זיך לאנגע פערגיפטעטע פעדים, מיט וועלכע זיי בעטויבען די קליינע טהיערע וואָס פערפלאָנטערען זיך אין זייער נעטץ. דער איגוועניגסטער טהייל פון קערפער בעשטעהט נור אין אַ מאגענארטיגען זאַק, וועלכער איז פאנאנדער געטהיילט אין פערשיעדענע שיכטען. אייניגע פערמעהרען זיך זאָגאר דורך לעגען אייער, אָבער דאָס גרעסטע טהייל לאָזען ארויס פון זיך בליהונגען, גראדע ווי די ריכטיגע פלאנצען. דיעזע אלע טהיער־פלאנצען זיינען גאנץ לויז צוגעוואקסען צום גרונד פון ים, דען זיי ערנעהרען זיך ניט פון די זאפט אין דער ערד, ווי בוימער און גראָזען, זאָנדערען פון וואסער און די פערשיעדענע קליינע טהיערע וואָס טרייבען זיך ארום זיי. די מייסטען לאָזען פון זיך ארויס בלעטער און בליהונגען פון העכסט זאָנדערבארע געשטאלטען, מיט פראכטפאָלע פארבען פון ראָזא, קארמין, ברוין און אנדערע קאלארען.

עס געפינען זיך אָבער אין דיעזען וואלד ריכטיגע גרויסע בוימער מיט צווייגען, איבער וועלכע עס פליעהען אום אנשטאט פויגלאך קליינע, פראכטפאָלע פישלאך, וואָס זיינען אזוי גרויס ווי מוקען, וועהרענד פערשיעדענע אנדערע גרעסערע זאָרטען שפרינגען ארויס פון אונטער אונזערע פיש און פערשווינדען אין די ארומיגע האלב דונקעלהייט.

אונגעפעהר אום איינס אוהר האָט קאפיטאן נעמאָ געגעבען אַ צייכען מיר זאָלען זיך אָבשטעלען. איך בין דאמיט זעהר צופריעדען געווען זיך עטוואס אויסצורוהען און מיר האָבען זיך אלע אניעדער געלעגט אויפ׳ן באָדען פון מעער. מיר איז דיעזע לאנגע זעהר געפעלען געוואָרען, נור שאדע אז מיר קענען זיך ניט אונטערהאלטען, דען רעדען איינער צום אנדערען איז אונז דאָך גאנץ אונמעגליך. איך האָב דורך מיין דיקען קופערנעם קאָפף אַ קוק געגעבען אויף מיין דיענער קאָנסייל און זעהע ווי אויך ביי איהם גלענצען די אויגען פון גרויס צופריעדענהייט, און אום איך זאָל עס פערשטעהען מאכט ער אין זיין שייד זעהר קאָמישע בעוועגונגען.

מיר וואונדערט איבערהויפט אז יעצט, נאָך אַ שפאציער־גאַנג פון פיער שטונדען, פערשפיר איך דעננאָך קיין גרויסען הונגער ניט. פון וואנען דאָס נעהמט זיך אז דער מאָגען פארדערט אונטערן וואסער וועניגער שפייז איז מיר אונבעגרייפליך, אָבער דאפיר ציעהט עס מיך זעהר שטארק צום שלאפען. דיעזעס געפיהל איז בעקאנט צו די יעניגע מענשען וועמען עס קומט אויס לאנג צו פערבלייבען אונטער׳ן וואסער ביי דער ארבייט. מיינע אויגען האָבען זיך ווירקליך באלד געשלאָסען הינטער דעם דיקען גלאָז און

איך בין פערזונקען אין אַ טיעפען שלאָף. קאַפּיטאַן נעמאָ און זיין קרעפּטיגער נאכפאָלגער האָבען ווארשיינליך אויך דאָס זעלבע געטהון.

ווי לאנג דיעזער שלאָף האָט געדויערט קען איך ניט בעשטימען, אָבער אלס איך האָב אויפגעוואכט וואר שוין די זונן טיעף גענייגט צום אונטערגאנג. קאַפּיטאַן נעמאָ איז שוין געווען אויפגעשטאַנען און איך האָב אָנגעפאנגען מיינע גליעדער אויסצושטרעקען אלס איין אונערווארטעטע ערשיינונג האָט געבראכט דאצו אַז איך בין שנעל אויף די פיס אויפגעשפּרונגען.

איינינע טריט פון מיר איז געשטאַנען אַ ריעזענהאַפטע מעער־שפּין, מעהר ווי איין אייל די הויך, און אויסשטעלענדיג אויף מיר איהרע עקעלהאַפטע קרומע אויגען איז זי שוין פערטיג געווען מיך צו בעפאַלען. אָבוואָהל מיין סקאַפאַנדער בעקליידונג איז געווען דיק גענוג און איך האָב געקענט זיכער זיין געגען דעם ביס פון דיעזע גיפטיגע בעשעפנים, דעננאָך בין איך ניט ווילענדיג דורכגעשוידערט געוואָרען, קאָנסייל און דער מאַטראָז פון נאָוטילוס זיינען שוין אויך געווען אויפגעוואכט ; קאַפּיטאַן נעמאָ האָט דיעזען לעצטען געציינט אויף די אבשייליכע שפּין און דער מאַן האָט מיט איין קלאַפּ פון זיין ביקס איהר צושמעטערט, זאָ דאָס מיר איז ניט גוט געוואָרען קוקענדיג ווי די פירכטליכע פיס פון דיעזען אונגעהויער צאַפּלען און קרימען זיך אין אַ טויטליכע קאָנוואולסיע.

דיעזע בעגעגנים וועקט אין מיר אויף אַ געדאנקען אַז אין אַזעלכע דונקעלע אבגרונדען קענען זיך געפינען נאָך אנדערע פירכטערליכע טהיערע, געגען וועלכע מיין דיקע סקאַפאַנדער בעקליידונג וועט מיך פיעלייכט אויך ניט קענען שיטצען. עס גיעבט צום ביישפּיעל אַ זאָרט פיש, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען, דער ים־וואָלף, ביז 7 פוס גרויס, וועלכער בעזיצט פאַסט די שרעקליכסטע צייהנער פון אלע אנדערע בעשעפעניסע וואָס לעבען אין מעער. ער האַלט זיך שטענדיג פערבאָרגען אויפ׳ן גרונד, איבערהויפּט צווישען די פעלזען, וואו ער לויערט אויף זיינע אָפּפער פּלוצלונג צו בעפאַלען. מיט זיין פירכטערליכען געביס איז ער אים שטאַנדע צו צערברעכען זאָגאר מושעלען וואָס זיינען אַזוי הארט ווי שטיין. אין דעם אויסדרוק פון זיינע אויגען זעהט מען ווי שרעקליך גרימיג די נאַטור פון דיעזען פיש איז. די פישער וואָס פאַנגען איהם, זעהען אַם שנעלסטען איהם מיט די רודער־שטאַנגען אָדער מיט אַ האַק טויט צו מאַכען. דען ער קען מעהרערע שטונדען לעבען אויסער׳ן וואַסער און ביז די לעצטע מינוט איז ער זעהר געפעהרליך. עס גיעבט אויך אין אַזעלכע ערטער פון מעער די בעוואוסטע סקאָרפּיאָנען, וועלכע זיינען אַזוי געפרעסיג אַז זיי קענען איינשלינגען אַ פיש וואָס איז גראַדע אַזוי גרויס ווי זיי אליין. די וואונדען וואָס אַ מענש בעקומט פון זייערען אַ ביס, זיינען אויך העכסט געפעהרליך. אויסערדעם

קען מען דאָ לייכט אנטרעפען ים־שלאַנגען און נאָך אַזעלכע שרעקליכע ברואים, דארום האָב איך בעשלאָסען זעהר פאָרזיכטיג צו זיין אין אונזער ווייטערען גאַנג. איך האָב איבריגענס געגלויבט אַז דאָ וועט זיך אונזער שפּאַציער ענדיגען, אָבער קאַפּיטאַן נעמאָ קעהרט ניט צוריק און מיר זיינען געצוואונגען איהם נאָך צו פאָלגען.

דער באָדען לאָזט זיך אַראָפּ אימער ניעדריגער און מיר קומען אין אַ גרעסערע טיעפענים פון אבגרונד. עס האָט געמוזט זיין אונגעפעהר אום דריי אוהר נאָכמיטאָג אַלס מיר זיינען געקומען אין איין ענגען טהאָל, וואָס וואַר פון ביידע זייטען אבגעשלאָסען מיט הויכע פעלזען ווענד, אין אַ טיעפ־קייט פון אַ הונדערט זעכציג עללען. אַזוי טיעף אונטערען וואַסער איז נאָך קיין מענש ניט אַרונטער געשטיגען, אָבער דאַפיר בעזיטצען מיר אויך אַזעל־כע פאָלקאָמענע אַפּאַראַטען וואָס קיינער האָט נאָך ביז יעצט ניט ערפונדען ווי זיך מיט זיי צו בענוטצען.

ווען איך זאָג אַז מיר וואַרען אַ הונדערט זעכציג עללען אונטער'ן וואַ־סער קען איך דאָס נאַטירליך אַזוי גענוי ניט בעשטימען ווי איך וואָלט עס אויסגעמאָסטען מיט איין אינסטרומענט, אָבער אַזוי פיעל איז מיר בע־קאַנט אַז די ליכטיגקייט פון די זונען־שטראַהלען קען זאָגאַר אין קלאַהרסטען וואַסער טיעפער ניט אַריינדרינגען, נון אָבער זיינען מיר יעצט געווען אין אַ פאָלשטענדיגע דונקעלהייט, זאָ דאָס מען האָט אויף צעהן טריט ווייטער קיין זאַך ניט געקענט בעמערקען. אַלס איך בין אויף דיעזען אופן ווייטער געגאַנגען טאַפּענדיג דערזעהע איך מיט איין מאָל אַ ווייסען לעבהאַפטען ליכט ערשיינען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט זיין עלעקטרישער לאַנטערנע אָנגע־צונדען. זיין קאַמעראַד האָט אויך דאַסזעלבע געטהון און באַלד האָב איך מיט מיין דיענער זייער ביישפּיעל נאָכגעפאָלגט. עס איז דאַצו נויטהיג גע־ווען נור אַ קליינעם שרייפעל אַ דרעה צו געבען און דאָס מעער איז פון אונזערע פיער לאַמפּען בעלייכטעט געוואָרען אויף אַ דרייסיג עללען אַרום.

מיר געהען נאָך אימער אין די טיעפעניסען פון דיעזען וואַלד, אָבער בים־לאַך־ווייז ווערען די בוימער און די פלאַנצונגען זעלטענער, דאַגעגען פער־מעהרט זיך דאָ דאָס בעוועגליכע טהיערישע לעבען און אַרום שווימען אַרום אונגעהויערע מאַסען פון מאָללוסקען, פישען און פערשיעדענע אַנדערע ברואים. עס איז מיר אָבער אויך באַלד קלאַהר געוואָרען די אורזאַכע דאַפון; געמליך : דאָס ליכט פון אונזערע אַפּאַראַטען ציעהט צו דיעזע בעשעפעניסע, זיך אום אונז צוזאַמען צו קלייבען, דעננאָך האַלטען זיי זיך שטענדיג עט־וואָס ווייטער פון אונז. איך בעמערק ווי קאַפּיטאַן נעמאָ שטעלט זיך אָפּט־מאָל אָב און גרייפט נאָך זיין ביקס, מיט די אבזיכט צו שיעסען, דעננאָך

טהוט ער עס ניט, וואהרשיינליך דארום ווייל עס איז ניט ווערטה אויף אזעלכע נעוועהנליכע טהיערע צייט צו פערליערען.

ענדליך זיינען מיר געגען פיער אוהר געקומען צו דעם ציעל פון אונזער מערקווירדיגען שפאציער־גאנג. מיר שטעהען געגען א וואנד פון פראכט־פאל ערהאבענע פעלזען. וועלכע איז אזוי ווי צוזאמען געשטעלט פון שטי־קער גראניט. אויבען, עטוואס העכער, זעהען זיך די עפנונגען פון קליינע הייליען, אבער עס גיעבט קיין מעגליכקייט ניט אהין ארויף צו קלעטערען.

קאפיטאן נעמא האט זיך אבגעשטעלט און אונז געגעבען א וואונק צו־ריק צו קעהרען. מיר וואלט זיך זעהר געוואלט נור דיעזע וואנד אריבער קלעטערן, ווען עס זאל זיך דאצו געפינען א מיטעל, אבער אונזער אנפיה־רער דענקט וואהרשיינליך וועגען דעם ניט. ער געהט צוריק פאראויס אזוי ווי פריהער. איך גלויב צו בעמערקען אז מיר האבען יעצט זיך בעגעבען אויף איין גאנץ אנדערן וועג, אום צו אונזער שיף צו קומען. וועניגסטענס פיהרט דיעזער וועג מיט איין מאהל בארג ארויף, זא דאס דער גאנג קומט מיר אן זעהר שווער, באלד איז וויעדער געווארען ליכטיג פון די זונען־שטראהלען, וועלכע דרינגען יעצט אריין אין וואסער אזוי ווי פאר האלבען טאג אין א קרומע ריכטונג, דארום גלענצען אלע געגענשטאנדען אין די פראכטפאלסטע שעהנסטע פארבען, וועלכע מיר האבען שוין אין אנפאנג פון אונזער שפאציער־גאנג בעמערקט.

ביי א צעהן עללען טיעף האבען מיר געוואנדערט דורך מאססען פער־שיעדענע קליינע פישען, וועלכע זיינען ארום אונז געפליוגען נאך שנעלער ווי די פויגעלעך אין דער לופט, אבער ביז יעצט האט זיך נאך קיין טהיער ניט בעוויעזען וואס זאל ווערטה זיין אויף איהם צו שיעסען. אין דעם אוי־גענבליק זעהע איך ווי קאפיטאן נעמא שטעלט אן שנעל זיין ביקס און שיעסט אויף א בעוועגליכען געגענשטאנד אין וועלדעל. איך הער א שוואַ־כען פייף און אייניגע טריט פון אונז איז אגרעסערע טהיער געפאלען טויט.

דאס וואר נעמליך א פראכטפאלער אָטטער; די איינציגע פיער פיסי־גע חיה וואס לעבט נאר אין מעער. זיין פעלל וועלכע איז אויבען ברוין און אונטען זילבער העלל איז איינע פון די טהייערסטע אין פעלץ־האנדעל און ווערט געשעצט ביז צוויי טויזענד פראנק. דיעזע ים־זויגע טהיערען ווערען דארום זעהר שטארק פערפאלגט פון די פישערס, וועלכע האבען זיי שליעס־ליך אזוי אויסגעראָט אז יעצט געפינט מען דעם אָטטער זעהר זעלטען, נור אין געוויסע טהיילען פון שטילען אקעאן, און דא ווערט ער שוין אויך בים־לאכוויז פערשוואונדען.

דער מאטראָז פון נאוטילוס האט דאס געשאָססענע טהיער גענומען צו זיך אויף די שולטערן און מיר האבען דאן פארטגעזעצט אונזער וועג. א

שטונדע לאנג האבען מיר געהאט דורך צו געהען א גלייכען זאמדיגען פלאטץ, וועלכער האט זיך אפטמאל אויפגעהויבען ביז צוויי עללען אונטער דעם וואסער שפיעגעל. ביי דיעזער געלעגענהייט האב איך געזעהן אזא שום, מיט וועלכען יעדער יעגער וואלט געמעגט שטאלצירען. א גרויסער פויגעל, מיט ווייט אויסגעברייטעטע פליגעלן, וועלכען מיר האבען געקענט פון אונטער'ן וואסער זעהר גוט דערקענען, האט געשוועבט גאנץ נאהענט איבער די אויבער פלאכקייט פון ים. דער מאטראז האט אויף איהם געציעלט און אויסגעשאסען אלס ער איז געווען איינינע עללען איבער די וועללען. דאס פויגעל איז אראבגעזונקען, וועלכען דער געשיקטער יעגער האט יעצט ערגריפען און מיט גענומען. דאס וואר נעהמליך איין אלבאטראס פון דעם שעהנסטען זארט.

די אלבאטראסען זיינען גרויסע קרעפטיגע שווים־פויגלען, וועלכע לעבען נור אויפ'ן ים, אבער קיין פויגעל איז דעננאך נים אימשטאנד אזא לאנגע צייט ווי ער אהן אויפהער צו פליהען. עס טרעפט מאנכעס מאל אז איין אלבאטראס שוועבט נאך א שיף אין א פערלויף פון הונדערטע מיילען. דיעזע פויגלען ערנעהרען זיך איבערהויפט מיט פערשיעדענע טהיערע וואס שווימען אויבען אויפ'ן מעער, דען אראפ לאזען זיך אין וואסער זיינען זיי ניט אים שטאנד.

דיעזער צופאל האט לאנג אונזער וועג ניט געקענט שטערען. צוויי שטונדען זיינען מיר געגאנגען איבער פערשיעדענע זאמדיגע ערטער אדער איבער וויעזען (לאנקעס) פון מעער־גראז, וואו עס וואר נאך שווערער דורך צו געהען. די וואהרהייט זאגענדיג בין איך שוין געווען זעהר מיעד אלס איך האב מיט גרויס צופריעדענהייט פון ווייטען בעמערקט די שטארקע עלעקטרישע בעלייכטונג פון נאוטילוס. אין פערלויף פון צוואנציג מינוט וועלען מיר צוריק נאך הויז קומען און איך ערווארט עס שוין מיט גרויס אונגעדולד, דען יעצט פאנג איך אויך אן צו שפיערען אז דער זויער־שטאף פון מיין אפאראט איז שוין באלד פערברויכט און די לופט ווערט שוין שווער צו אטהמען.

אבער ניט ווייט פון נאוטילוס האט מיט מיר נאך איין אנדערער מערקווירדיגער צופאל פאסירט. איך בין ביי א צוואנציג טריט צוריק געבליעבען אלס איך זעה ווי קאפיטאן נעמא לויפט האסטיק צוריק. מיט זיין קרעפטיגע האנד האט ער מיר אניעדערגעווארפען צום באדען פון מעער, וועהרענד זיין מאטראז האט דאסזעלבע געמאכט מיט מיין דיענער קאנסייל. אנפאנגס האב איך אליין ניט געוואוסט וואס צו דענקען וועגען אזא בענעהמונג, אבער באלד האט דער קאפיטאן זעלבסט זיך נעבען מיר אויסגעצויגען און איז געבליעבען ליעגען גאנץ אונבעוועגליך.

אלס איך בין א קורצע צייט אזוי געלעגען אויפ'ן באָדען, האלב פער־באָרגען אונטער א וועלדעל פון הויכע זעע־גראָז, האָב איך פאָרזיכטיג דעם קאָפּף אויפגעהויבען און בעמערקט ווי אונגעהויער־גרויסע דונקעלע געשטאַל־טען ארומגערינגעלט מיט א פאספּאָר־שיין, שווימען איבער אונז אריבער, שטורמענדיג און רוישענדיג.

פון גרויס שרעק איז מיין בלוט פערגליווערט געוואָרען אין די אָדערען. דאָס וואָרען א מענגע פון די גרויזאמסטע זאָרטען הייפישען, מיט זייער פירכטערליך־גלעזערנע אויגען, אויף וועלכע עס נעהמט אָן א מורא א קוק צו געבען. דיעזע שרעקליכע רויב־פיש: ינען אים שטאַנד מיט זייערע איי־זערנע צייהנער א גאַנצען מענשען צו צוברעקלען.

פון די פערשיעדענע זאָרטען אין דער גאַטטונג פון דיעזע ברואים זיי־נען די קלענערע מינים, ווי צום ביישפּיעל דער קאַטצען־הייפיש און דער הונד־הייפיש אויך זעהר רויבעריש, אָבער נאָך פיעל מאָל שרעקליכער ווי דיעזע אַלע איז דער מענשען־הייפיש; א בעשעפענים וואָס איז געוואַלטיג, פרעך, רויבגיעריג און בלוט־דורסטיג. איינער פון זיי, דער בלויער היי־פיש, איז אָפט נאָך גרעסער ווי 12 פוס, און געפינט זיך איבערהויפּט אין אַטלאַנטישען וועלט מעער, וועהרענד דער ווייסער נאָך גרעסערער זאָרט פון דיעזע געפעהרליכע רויבער, לעבט גרעסטענטהיילס אין זידליכען אָקעאַן. זעהר אָפט טרעפט אז אזא פיש קומט אין האפען און ווען ער גרייפט נור אָן א מענשען איז שוין דיעזער פערלאָהרען, דען אין דעמזעלבען אויגענ־בליק פערשווינדעט ער מיט זיין רויב אונטער'ן וואסער און פרעסט אויף דעם אונגליקליכען מיט איין שלונג. זיי יאָגען זיך שטענדיג נאָך שיפען, איבער־הויפּט נאָך אזעלכע וואו עס געפינט זיך קראַנקע, און ווען עס טרעפט אז יעמאַנד פאלט ארונטער אין וואסער, אָדער מען וואַרפט אראָפּ א געשטאָר־בענעם, דאַן געפינט ער שוין רעגעלמעסיג זיין קבר אין דעם בויך פון דיע־זען געפעהרליכען רויבער.

די זעהענסקראַפט ביי דעם הייפיש איז ניט זעהר שטאַרק אויסגעביל־דעט און דאָס איז אויך יעצט געווען אונזער גליק. זיי האָבען פאַראיבער געברויזט און ניט בעמערקענדיג. איינער פון זיי האָט מיך זאָגאר בעריהרט מיט זיין ברוינע פלוס־פעדער און באלד וואָרען זיי פערשוואונדען. מיר זיי־נען אויף דיעזען ארט געראַטעט געוואָרען פון א געפאהר, וועלכע וואר יעד־דענפאלס פיעל גרעסער אַלס פון א בעגעגניס מיט א טיגער אין וואַלד.

א האלבע שטונדע שפּעטער, געהענדיג נאָך דעם שטאַרקען עלעקטרי־שען ליכט פון נאַוטילוס, זיינען מיר אָנגעקומען צוריק אויף אונזער שיף. די אויסערע טהיר איז געשטאַנען אָפען און אַלס מיר זיינען אַלע אריינגעגאַנ־גען אין דעם קליינעם פינסטערען רוים, האָט דער קאַפּיטאַן נעמאָ איהר

פעסט צוגעמאכט און אנגעדריקט א געוויסען קנאפף. באלד הער איך ווי די פומפען אין שיף ארבייטען און איך פיהל אז דאס וואסער ארום מיר זינקט אראפ, זא דאס נאך פערלויף פון אייניגע מינוטען איז דיעזע פארדער־קאיוטע געבליעבען גאנץ לעער. נון האט זיך געעפענט די צווייטע אינער־ליכע טהיר און מיר זיינען אריין געקומען אין די קליידער־קאמער.

דא האט מען פון אונז אראפגענומען די שווערע סקאפאנדער־בעקליי־דונג און איך האב זיך בעגעבען אין מיין צימער זעהר ערמיעדעט און פער־שלאפען, אבוואהל מיינע גדאנקען ווארען פול מיט ערשטוינונג, איבער די אלע וואונדער וואס זיינען מיר פארגעקומען ביי דיעזען מערקווירדיגען שפאציער־גאנג אויפ׳ן גרונד פון ים.

אכטצעהנטעם קאפיטעל.

פיער טויזענד מייל אונטער׳ן וואסער.

דען נעכסטען פריה־מארגען, דעם אכטצעהנטען נאוועמבער, בין איך אויפגעשטאנען גאנץ פריש און מונטער, און בין געקומען אויפ׳ן פלאט־פארם גראדע צו דער צייט ווען דער לייטענאנט האט אריין געשריען אין א רעהר פון שיף זיין געוועהנליכע פראגע. איך האב שליעסליך אנגעפאנגען צו גלויבען אז אין דיעזע ווערטער ענטהאלט זיך איין ערקלעהרונג אין וועל־כען צושטאנד דער ים געפינט זיך, אדער אז עס איז ווייט ארום קיין זאך ניט צו בעמערקען.

און ווירקליך איז דער אקעאן איבעראל געוועזען גאנץ לעער; עס זעהט זיך אין ערגעץ קיין זעגעל ניט, אדער קיין סימן פון אירגענד וועלכען דאמפ־שיף. די שפיטצען פון דעם אינזעל קרעספא, ביי וועלכען מיר זיינען נעכטען געשטאנען, זיינען איבער נאכט פערשוואונדען. דאס רוהיגע מעער שטראהלט אין זיין פראכטפאלל־בלויע פארב, וועלכע פערטראגט זיך דארט גאנץ ווייט אין א דונקעל־ברוינעם קאלאר.

ווערענד איך בין אזוי געשטאנען, בעוואונדערענדיג דיעזע נאטור־שעהנהייטען, איז דער קאפיטאן נעמא ארויפגעגאנגען. ווי עס ווייזט אויס בעמערקט ער מיך ניט און פאנגט אן זיך צו בעשעפטיגען מיט די נויטה־ווענדיגע אסטראנאמישע בעאבאכטונגען. אלס ער איז דאמיט פערטיג גע־ווארען האט ער זיך אנגעלעהנט אויף די הייזעל פון לייכט־טהורם און זיינע בליקען האבען אויך גענומען בעטראכטען דעם גלאטען שפיעגעל פון ים.

אונטערדעסען זיינען ארויפגעגאנגען ביי א צוואנציג מאטראזען פון נאוטילוס, לויטער קרעפטיגע און געשיקטע מענער. זיי האבען אנגעפאנ־גען ארויף צו ציעהען די נעטצען, וועלכע ווארען איבער נאכט אויסגע־שפרייט. נאך מיין בעטראכטונג מוזען דיעזע מענשען געהערען צו פערשיע־דענע נאציאנען, אבוואהל אין אלגעמיין טראגען זייערע געזיכטער דעם אנבליק פון אייראפייער. אויב איך האב נור קיין טעות ניט גלויב איך צווי־שען זיי צו דערקענען אירלענדער, פראנצויזען, אייניגע פון די סלאווישע פעלקער, איינער וואס זעהט אויס ווי א גרעק און נאך איינער ווי די יעניגע וואס בעוואהנען דעם אינזעל קאנד א. איבריגענס זיינען דיעזע לייטע זעהר קארג אין ווערטער און רעדען צווישען זיך דיעזעלבע שפראך, פון וועלכע איך פערשטעה קיין איינציגעסווארט ניט ; דארום קען איך גאר ניט האפען מיט זיי זיך צו פרעשטענדיגען.

די נעטצען זיינען ארויפגעצויגען געווארען אויפ'ן פערדעק. זיי וואר־רען געמאכט אויף א בעזאנדערע ארט, אז דורך א שטאנג און א שנור בלייבען זיי שטענדיג אפען און נעהמען אין זייערע ברייטע טאשען אריין אלעס וואס קומט זיי ענטגעגען, וועהרענד זיי שווימען נאך דעם נאוטילוס. עס ווארען יעצט דארין געפאנגען די בעסטע און טהייערסטע זארטען פיש, אין אזא צאהלרייכע מענגע אז מען האט עס געקענט אבשאטצען אם ועניגס־טענס ביי א טויזענד פונט, זא דאס מיר זיינען אויף א לאנגע צייט פער־זארגט מיט פארטרעפליכע ערנעהרונגס־מיטעל ; אבוואהל ביי דעם שנעל־טרעפ־גאנג פון נאוטילוס און זיין עלעקטרישע בעלייכטונג, וועלכע ציעהט צו זיך צו מאסען מיט פיש, איז גאנץ לייכט יעדען טאג אזא פאנג צו מאכען.

דיעזע ערנעהרונגס־פראדוקטען זיינען באלד אריינגעווארפען געווארען דורך א געוויסען רעהר דירעקט אין די שפייכלער קאמערען, וואו דאס אלעס ווערט געהעריג צורעכט געמאכט, אום צו עסען פריש אדער פערווארען אויף שפעטער.

אלס דיעזע ארבייט איז געווען פערטיג און די בעהעלטער מיט פרישע לופט ווארען שוין אויך אנגעפילט האב איך געגלויבט אז יעצט וועט דער נאוטילוס זיך באלד אראפ לאזען אין וואסער, דארום האב איך שוין געוואלט ארונטער געהן, אום אין מיין צימער זיך צו בעגעבען, אלס קאפיטאן נעמא איז גראד צו מיר צוגעגאנגען און אהן אירגענד וועלכען גרוס פון א גוט מארגען און דער גלייכען האט ער זיך אבגערופען :

„בעטראכט נור דיעזען אקעאן, הערר פראפעסאר, וואס פיר א ווירק־ליכעס לעבען עס שוועבט איבער איהם ! ער שלאפט מיט אונז איין צו אבענד צייט און דאן וועקט איהם אויף די זונן, בעריהרענדיג מיט איהרע

גאַלדענע שטראַהלען, און ער געווינט דורך איהר א נייעס לעבען יעדען טאָג. עס איז דאָך איין העכסט אינטערעסאַנטע זאַך צו בערעכענען וואָס פיר א וויכטיגע ראָללע דאָס וואַסער שפּיעלט אויף דער וועלט !"

איך האָב זיך ביי דיעזע ווערטער עראינערט די אַלע מערקווירדיגקייטען וואָס די וויסענשאַפט ערקלעהרט אונז אין אַלגעמיין וועגען די פערשיעדענע וואַנדערונגען און וואַנדלונגען פון דעם וואַסער אין וועלט־רוים. יעדער מענש האָט שטענדיג די געלעגענהייט צו בעמערקען דיעזע אָפטע פערענדערונגען וואָס קומען פאַר מיט'ן וואַסער ווען ער צומישט זיך מיט אַנדערע שטאָפען.

ווען איהר גיעסט צום ביישפּיעל ארויף קאַלטעס וואַסער אויף אונגעלאָשענע קאַלטע שטיקער קאַלך, ענטשטעהט דאַפון א היטץ, וועלכע איז פאַרדעם אין זיי ביידע ניט געווען. דאָס בעווייזט אַלזאָ אַז פון דיעזע צוזאַמען־מישענים איז ארויס געקומען א גאַנץ נייער געגענשטאַנד. נאָך מערקווירדיגער איז ווען מען צומישט וואַסער מיט צוריבענעם גיפּס; פון דעם פליסיגען וואַסער און ווייכען גיפּס־פּולווער איז ארויס געקומען א שטיק וואָס איז אזוי הארט ווי שטיין.

וואָס איז אין דיעזע פאַלען מיט דעם וואַסער געוואָרען ? גאַנץ אייננפאַך : זיין נאַטור האָט זיך פערוואַנדעלט און ער עקסיסטירט אויך יעצט אין דעם קאַלך אָדער אין גיפּס, אָבער אַלס טרוקענע הארטע מאַססע. אַזאַ מין פערוואַנדלונג פון וואַסער געפינט זיך אויך אין פיעלע אַנדערע שטאָפען. אין דעם טרוקענעם ראָסט פון אייזען שטעקט ביינאַהע איין פינפטעל וואַסער. גלויבער־זאַלץ ענטהאַלט אין זיך זאָגאר א העלפט פערגליווערטעס הארטעס וואַסער.

אָבער ניט נור אין אַזעלכע אונבעלעבטע געגענשטאַנדען, זאָנדערן אויך אין פלאַנצען און לעבעדיגע טהיערען איז דאָס וואַסער טהייל זעהר וויכטיג. ער איז דאָן ניט א געוועהנליכער וואַסער, אָבער א לעבענס זאַפט וואָס איז צוזאַמען געבונדען מיט דעם וועזען אין וועלכען ער געפינט זיך. ווען מען זאָל וועלען פון א פלאַנצונג ארויס בעקומען דעם וואַסער טהייל, מוז מען איהר פריהער פערניכטען, און דאָס זעלבע איז אויך מיט די קערפּערס פון אַלע לעבעדיגע בעשעפעניכע. ווען מיר טרינקען וואַסער געהט ער איבער דורך די גאַנץ דינע אָדערלאָך אין אונזער בלוט, דאָס הייסט ניט ער צומישט זיך זאָנדערן ער פערוואַנדעלט זיך אין גאַנצען אַלס בלוט, וועלכעס בילדעט אונזער קערפּער און האַלט אויף אונזער לעבען.

אין א מענשען'ס מאַרך איז דריי פיערטעל טהייל וואַסער. דאָך קענען מיר ניט זאָגען אַז מיר האָבען וואַסער אין קאָפּף, זאָנדערן אַז וואַסער איז

די הויפּט־מאַסע פון געהירן, פון יענעם אָרגאַן מיט וועלכען מיר דענקען און שפּיערען אַלע שעהנסטע און העכסטע געפיהלען.

ווען מיר בעטראַכטען ווייטער געפינען מיר אַז וואַסער איז דורך די אויסדאַמפּפונג פון די זאָנען־שטראַהלען פול אין די גאַנצע לופט, וואו ער ציעהט אַרום אַלס גאַז, נעבעל, וואָלקען, פון וועלכע ער פליעסט אַראָפּ צוריק אין די טייכען און די ימים, אַלס שנעע, רעגען און האָגעל.

אָט דאָס זיינען די פערשיעדענע וואַנדלונגען און פערענדערונגען פון דעם וואַסער, און עס איז ווירקליך שווער צו בעשטימען, וואו די מאַסען פון דיעזע עלעמענט געפינען זיך מעהר; אויב אין די טייכען און מעערען אָדער אין די פיעלפאַכע פערענדערונגען פון די אַלגעמיינע בעשעפּעניסע און עלעמענטען.

מיר זעהען אַלזאָ אַז פיר די עקזיסטענץ פון דער וועלט און אַלע איהרע ברואים איז נויטהווענדיג אַז דאָס וואַסער זאָל אויף דיעזען אופן אַרום רייזען. און דאָס טהוט אויף נור די קראַפט פון די זונען שטראַהלען, וועלכע ערוואַרעמען דאָס וואַסער און ציעהען איהם אַרויף אין דער לופט, וואו ער ווערט פערוואַנדעלט אין דאַמפּף און גראַז. ביי די ערסטע בעטראַכטונג וואָלט עס פאַרגעקומען עטוואַס וואונדערבאַר, ווי אַזוי דיעזע שטראַהלען בעזיטצען אַזאַ אונענדליכע און אונגעהויערע מאַכט אַזוי פיעל מאַסען וואַסער אין די לופט אַרויף צו ציהען, אָבער דיעזע ערשיינונג קען ערקלעהרט ווערען אין פאָלגענדע קורצע ווערטער:

עס איז יעדען בעקאַנט אַז די גרעסטע שטיק האָלץ שווימט אין וואַסער פון אויבען, וועהרענד אַ קליינער שטיינדעל פאַלט צום גרונד, דאָס קומט אַרויס דאַפון, ווייל האָלץ איז גרינגער ווי וואַסער און שטיין אָדער מעטאַל איז שווערער. נעהמט צום ביישפּיעל אַ שטיק אייזען וואָס זאָל פאַרנעהמען גראָדע אַזוי פיעל ווי איין עמער וואַסער ווערט איהר געפינען אַז דאָס אייזען וועגט זיעבען מאָל שווערער, וועהרענד אַ שטיק האָלץ וואָס זאָל אויספּילען דעמזעלבען עמער איז אַ מאַסע לייכטער ווי דאָס וואַסער.

דיעזער אונטערשיעד עקסיסטירט אָבער אויך אין דעם וואַסער גופא. די שיכטע וואַסער וואָס איז אנגעוואַרעמט וועגט פיעל לייכטער און שפּרייט זיך מעהר אויס אַלס קאַלטע וואַסער, וועלכע פאַלט אימער צום גרונד. דאַפון קומט אַרויס די שטראָמונגען אין ים, דען אין די הויכע וועלט געגענדען וואָס ליעגען אונטער'ן עקוואַטאָר אין מיטטעל־פּונקט פון ערד קוגעל, איז דאָס וואַסער פון אויבען שטענדיג הייס, פון די ברענענדע זונען־שטראַהלען וואָס פאַלען אויף זיי. אַ גרויסער טהייל פון דיעזען וואַסער ווערט פערדאַמפּפט און טראָגט זיך פאַנאַנדער אַלס לייכטער רויך אין לופט, דאַרום פליהט ער דאָרט נאָך אויבען. דאָס איבריגע הייסע וואַסער פון די עקוואַ־

טאָר־געגענדען פליעסט אראָפּ אין די ניעדעריגע ערטער, וואו זי קעהלט זיך אָפּ און פאלט צום גרונד. פון דאָרט ווייטער שפּארט עס די מאסען וואסער צוריק נאָך אויבען צום עקוואטאָר; און אויף דיעזען אופן שטראָמט דער ים אימער אין די אויבערסטע שיכטען פון עקוואטאָר צוביידע נאָרד־מעערען, ביי צפון און דרום פון דער וועלט, און פון דאָרט ציעהען זיך די אונטערסטע שיכטען צוריק צום עקוואטאָר. די קראפט פון די זונען־שטראהלען איז אזוי גרוים אז מיט דער צייט וואָלטען זיי געקענט ארויס־ציעהען אונגעהויערע מאסען וואסער פון ים און די גאנצע יבשה פערטריג־קען, אָבער די זאלצען וואָס געפינען זיך אין מעער פערהינדערן אזוי וויים, אז די אויסדאמפּפונג זאָל קענען נור מעסיג ארויפגעצויגען ווערען אין די לופטען.

קאפּיטאַן נעמאָ האָט וואהרשיינליך אויף מיין געזיכט געלעזען דיעזע אלע געדאנקען און דארום האָט ער ווייטער געשפּראָכען:

„יא, הערר פּראָפעסאָר, מען קען ווירקליך זאָגען, אז דאָס וואסער אין מעער צירקולירט ווי דאָס בלוט אין מענשען־קערפּער. און אום דיעזע צירקולאציאָן צו רעגולירען האָט דער בעשעפער אריין געגעבען אין ים מעהר ווארם־שטאָף, פערשיעדענע זאלצען און קליינע טהיערען. דורך ווארם־שטאָף זיינען די אונטערסטע וואסער־שיכטען שווערער אלס די אויבערסטע און דאפון קומען ארוים די שטראָמונגען. איך האָב דאָס געהיימניס פון דיעזע שטראָמונגען גענוי בעטראכט פון אויבען נאָך אונטען און דאן צוריק, איבער'ן גרונד פון ים, פון דעם קאלטען אייז־מעער ביז הייסען עקוואטאָר, און עס איז מיר פאָרגעקומען אזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער אטהעם פון אָקעאַן. יאָ הערר פּראָפעסאָר, מען מוז ערשטוינט ווערען צו זעהען ווי די נאטור האָט אלעס אזוי גוט בעזאָרגט און ריכטיג איינגעאָרדענט אום די וועלט זאָל קענען עקסיסטירען.”

קאפּיטאַן נעמאָ האָט ביי דיעזע ווערטער א ווייל̈ע בעטראכט דעם ווייטען מעער, ווע̈לכען ער קען אזוי גוט, און דאן אָנגעפאנגען ווייטער צו שפּרעכען.

„איינער פון די וויכטיגסטע געגענשטאנדען וואָס ענטהאלט זיך אין מעער־וואסער איז דער זאלץ. ווען מען וואָלט קענען דעם גאנצען זאלץ, וואָס געפינט זיך אין ים אין א צוגאנגענעם צושטאנד ארויס נעהמען, וואָלט ער בעדעקען די טרוקענע וועלט מיט א שיכטע פון צעהן עללען דיק. דער זאלץ פערהינדערט די זונען־שטראהלען און די ווינדען זאָלען ניט קענען צו־פיעל וואסער פון מעער ארויס ציעהען אין די לופט און פערוואנדלען אין דאמפּף, זאָנסט וואָלטען דאפון ארויס געקומען אזעלכע שלאָקס־רעגענס אז די גאנצע ערד וואָלט דערטרונקען געוואָרען. אָבער נאָך וויכטיגער זיינען

די קליינע בעשעפניסען, וואָס מען רופט אינפוזאָרען, פון וועלכע גאַנצע מיליאָנען לעבען אין איין טראָפּען וואַסער, דען ווי די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען בעוויזען, האָבען אַכט־הונדערט־טויזענד פון זיי נור דאָס געוויכט פון אַ טויזענדטע טהייל גראַם. און דיעזע מערקווירדיגע ברואים ברענגען מיט זייער טויט נאָך מעהר נוטצען ווי מיט דעם לעבען. זיי פערשאַפען אַ שטענדיגע בעוועגונג אין די וואַסערען פון מעער און דאַן פערוואַנדלען זיי זיך אַליין אין קאָראַללען, פון וועלכע עס בילדען זיך קלענערע און גרעסערע אינזלען, זאָגאַר גאַנצע שטיקער לאַנד. איהר זעהט אַלזאָ אַז אין ים פליעסט דער לעבענס־שטראָם פיעל קרעפטיגער און טהעטיגער אַלס אויף דער יבשה. מען זאָגט אַז דער אָקעאַן איז איין עלעמענט פון טויט פיר די מענשען, אָבער צו דערזעלבער צייט איז ער דעננאָך אַ היימאַטה פון לעבען פיר אונצעהליגע מיליאָנען פון אַנדערע בעשעפניסע און — אויך פיר מיך.״

אזוי רעדענדיג האָט זיך דעם קאַפּיטאַן׳ס ערנסטעס געזיכט פערקלעהרט מיט אזאַ מיענע אַז איך בין דאַפון זעהר געריהרט געוואָרען. אייניגע מינוטען אין ער אַרומגעגאַנגען איבער׳ן פּלאַטפאָרם פערטראַכט, דאַן האָט ער זיך צו מיר פּלוצלונג געווענדעט מיט די פראַגע:

„הערר אַראָנאַקס, ווייסט איהר ווי טיעף דער ים איז?״

„יאַ, קאַפּיטאַן. איך האָב געלעזען וועגען אַלע אויסמעסטונגען, וואָס זיינען ביז אונזערע צייטען געמאַכט געוואָרען. ווי פיעל איך קען יעצט אויסווענדיג געדענקען האָט מען אין נאָרדען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן געפונען אַ מיטעלסטע טיעפעניס פון צוויי הונדערט עללען און אין מיטעללענדישען מעער פון צוויי טויזענד פינף הונדערט עללען. דאַפיר אָבער געפינען זיך אין זידען פון אַטלאַנטישען מעער די מערקווירדיגסטע טיעפעניסען, וועלכע גרייכען זאָגאַר מעהר ווי פופצעהן טויזענד עללען. אין אַלגעמיין רעכענט מען אַז ווען דער גרונד פון ים זאָל אומעטום אויסגעגלייכט ווערען וואָלט עס איבעראַל האַלטען אונגעפעהר פיער מייל די טיעף.״

„גוט, הערר פּראָפעסאָר,״ האָט דער קאַפּיטאַן ערוויעדערט „איך גלויב אַז מיר וועלען קומען אין פיעל טיעפערע ערטער, אָבוואָהל אין דיעזע געגענדען פון שטילען אָקעאַן גיעבט עס דורכשניטליך קיין טיעפערער גרונד ווי פיער טויזענד עללען.״

מיט דיעזען געשפּרעך זיינען מירביידע צוריק אַרונטער געגאַנגען אין שיף און איך האָב זיך בעגעבען אין גרויסען זאַאַל. די שרויבע האָט באַלד אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען און דער נאַוטילוס איז וויטער אַוועק געפאָהרען מיט די שנעלקייט פון צוואַנציג מייל אין אַ שטונדע.

וועהרענד די נעכסטע טעג און וואָכען האָט דער קאַפּיטאַן נעמאָ מיך

גאַנץ זעלטען בעזוכט. זיין לייטנאַנט פלעגט מאַכען רעגעלמעסיג יעדען טאָג די אויפנאַהמען און בעצייכנען זיינע בעאָבאַכטונגען אויף דער קאַרטע זאָ דאָס איך האָב אימער געקענט וויסען אין וועלכע וועלט־געגענדען מיר גע־פינען זיך.

קאַנסייל און עדוואַרד לענד פלעגען פיעל צייט פערברענגען ביי מיר. מיין דיענער האָט דעם קאַנאַדיער ערצעהלט אַלע מערקווירדיגקייטען וואָס מיר האָבען געזעהען וועהרענד אונזער שפּאַציער־גאַנג אויף׳ן גרונד פון מעער, און עדוואַרד האָט עס יעצט שטאַרק פערדראָסען פאַרוואָס ער איז ניט מיט געגאַנגען. דאָך, האָף איך, אַז עס וועט זיך מיט דער צייט געפינען אַ צווייטע געלעגענהייט די וועלדער אונטער׳ן וואַסער צו בעזוכען.

פאַסט יעדען טאָג פלעגען זיך אויף אייניגע שטונדען עפנען די בלעכענע ווענד פון זאַלאָן, און אונזערע אויגען האָבען זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אויף די געהיימניסע פון דיעזער פערבאָרגענע וועלט.

דער נאַוטילוס שווימט נאָך דער ריכטונג פון מזרח זייט און האַלט זיך געוועהנליך אין אַ טיעפניס פון אונגעפעהר הונדערט פופציג עללען ; נור איין מאָל אין דאָס שיף אַראָפּ געשטיגען אויף צוויי טויזענד עללען, איך ווייס ניט איבער וועלכע אורזאַכע, דעם 27 נאָוועמבער איז דער נאַוטילוס אָנגעקומען צו די גרופּע סאַנדוויטש־אינזלען, וועלכע זיינען ענטדעקט גע־וואָרען פון דעם בעריהמטען ענגלישען קאַפּיטאַן קוק, וואו ער וואַר אויך אים יאָהר 1779 פון די ווילדע איינוואָהנער ערמאָרדעט. מיר זיינען אויף דיעזען אופן שוין אָבגעפאָהרען נאָהענט פון פינף טויזענד מייל. אַלס איך בין דיעזען טאָג אין דער פריה ארויף אויף׳ן פּלאַטפאָרם האָב איך בעמערקט אונגעפעהר צוויי מייל ווייטער דעם גרעסטען פון דיעזע אינזלען האַוואַי. די אינזעל איז זעהר גוט בעזעצט, זאָ דאָס די הייזער זעהען זיך גאַנץ נאָהענט ביי׳ן ברעג, און איך האָב אויך באַלד דערקענט זיינע געביר־גען, פון וועלכע אייניגע זיינען בעהערשט מיט פייער־שפייענדע וואול־קאַנען, וואָס געפינען זיך ביי אַ פינף טויזענד עללען העכער איבער דעם שפּיעגעל פון מעער.

אייניגע טעג שפּעטער זיינען מיר נאָך אַ שנעללען פאָהרען געקומען צו די מאַרקיז־אינזלען, וועלכע געפינען זיך אונטער אַכט מערידיאַנען אויף דרום זייט פון עקוואַטאָר און 139 גראַדען נאָך וועסט רעכענדיג אויס פּאַריז. דיעזע אינזלען געהערען צו פראַנקרייך, אָבער מיר איז געלונגען נור פון ווייטען צו זעהן די שפּיטצען פון די וואַלד־בעוואַקסענע געבירגען, דען קאַ־פּיטאַן נעמאָ האָט ניט געוואָלט נעהנטער צו דער יבשה צו פאָהרען.

אין די נעכסטע אַכט טאָג איז אונזער שיף איינגעפאָהרען נאָך צוויי טויזענד מייל. ביי דיעזע רייזע האָבען מיר בעגעגענט איין אונגעהויערע

מענגע מאָלוסקען, וועלכע מען האָט געקענט צעהלען גאַנצע מיליאָנען. דיעזע ברואים, וואָס זיינען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ווייך־טהיערע, לעבען נור אין מעער. זייער געשטאַלט איז זעהר משונה'דיג מיט מעהרערע פיס צוגעוואַקסען צום קאָפּף, וועלכע זיינען אָפט לענגער ווי דער גאַנצער קערפּער. די גרעסערע מינים פון דיעזע מאָללוסקען בעזיטצען אין זייערע פיס אַ שרעקליכע גבורה, זאָ דאָס דעם געגענשטאַנד וואָס זיי האָבען אָנגעגריפען איז ניט מעגליך פון זיי ארויסצורייסען. אַלע מאַללוסקען זיינען געפעהרליכע רויבטהיערע און ערנעהרען זיך נור פון פלייש; מאַנכע פון זיי קענען זאָגאַר אַ מענשען אויפפרעסען. אַ געוויסער פראַנצויזישער קאַפּיטאַן באָער האָט אים יאָהר 1861 אנגעטראָפען אַ זעלטענעם ריעזען־מאָללוסק, שווימענדיג אויף די אויבערפלאַכקייט פון וואַסער. דאָס טהיער האָט געהאַלטען ביז אכטצעהן פוס לאַנג, אויסער די אַכט פורכבאַרע ווי מיט צוואַנגען בעזעצטע פיס, וועלכע האָבען ביי איהם אַרוים געשטאַרצט פון קאָפּף. זיין פאַרב וואַר רויט ווי ציעגעל און אויף זיינע אויסגעשטעלטע, גרויסע אויגען האָט מען געמוזט דורכגעשוידערט ווערען אַ קוק צו געבען. דער מיטעלסטער טהייל פון קערפּער זעהט אוים ווי ביי אַלע מאַללוסקען אַזוי ווי אַנגעשוואָלען און די אונגעהויער גרויסע פלוס־פּעדערען געפינען זיך ביי'ן ענדע פון זיין פירכטערליך־עקעלהאַפטע געשטאַלט. זיין געוויכט האָט וואהרשיינליך געמוזט זיין ביז צוויי טויזענד פונט. קאַפּיטאַן באָער'ס שיף האָט וועהרענד דריי שטונדען איהם פערפאָלגט, אָבער מיט שיעסען איז אַזאַ טהיער וואָס בעזיצט קיין ביינער נים מעגליך געווען צו טויטען, אָבוואָהל עס וואַרען פון איהם אָבגעריסען שטיקער קערפּער האָט איהם דענּנאָך דאָס גאָר ניט געשאַדעט. אויך איז געווען צופיעל ריזיקאַליש אַראָפּ צו לאָזען איינינע פון די מאַנשאַפט מיט אַ קליינע שיפעל, וועלכע ער וואָלט מיט איין זעטץ פון זיינע שרעקליכע פיס אומגעקעהרט און אויך די מענשען גע־טויט; דארום זיינען זיי שליעסליך געצוואונגען געווען די יאַגד אויף צו געבען.

די מאַללוסקען וואָס מיר האָבען אָנגעטראָפען געהערן צו אַ פיעל קלע־נערען זאָרט, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען קאַלמאַר. די גאַנצע נאַכט פון 9טען אויפ'ן 10טען דעצעמבער איז דעם נאַוטילוס אויסגעקומען צו שווימען דורך די מענגע פון דיעזע ווייך־טהיערע, וועלכע האָבען מיליאָנען ווייז זיך געצויגען נאָך די וואַרעמע געגענדען, פערפאָלגענדיג די הערינג און די סאַרדינען, וואָס זיינען זייער הויפּט־שפּייז. מיר האָבען מיט גרויס ערשטוינען דורך אונזער בעלויכטעטע גלעזערנע־װענד בעטראַכט דיעזע שרעקליכע סצענע פון רויב און פרעסעריי, ווי זיי ערגרייפען זייערע אָפּפער מיט די צעהן העסליכע פיס און שלינגען זיי איין מאַסענווייז. עס

זיינען ווידער ארום זיי געשוואומען אנדערע גרעסערע רויב־טהיערע און פישען וואָס האָבען זיי געפרעסען. דאָס וואר איין אלגעמיינע צומישענים פון רייסעריי און פערניכטונג ! אַבוואָהל דער נאָוטילוס פאָהרט זעהר שנעל איז אונז דעננאָך אויסגעקומען מעהרערע שטונדען צו שווימען דורך אונענדליכע גרופען פון פערשיעדענע פישען און מעער־טהיערען.

דער ים האָט אונז אויף דיזען אופן געצייגט אלע זיינע מערקווירדיגקייטען, די סצענען און די דעקאָראציאָנען האָבען זיך יעדע מינוט פאר אונזערע אויגען פערענדערט, און מיר זיינען דאדורך געוועזען אים שטאנד צו בעטראכטען די מערקווירדיגע ברואים אין זייער פולע טהעטיגקייט און אויך די שרעקליכע געהיימנים פון אָקעאַן מיט אונזערע אויגען צו זעהען.

דאָס וואר אויף מאָרגען דעם 11טען דעצעמבער, אלס איך בין געזעסען אין זאאל בעשעפטיגט מיט לעזען. עדוארד לענד און קאָנסייל זיינען געלעגען ביי די וואנד־פענסטערס און געקוקט אויף די וויים בעלייכטעטע וואסערען. דער נאָוטילוס איז געשטאַנען אויף איין שטעלע, אין א טיעפּנים פון אונגעפעהר טויזענד עללען, די געגענד פון אָקעאַן צייגט זיך צו זיין איין גאנץ איינזאמע, דען זאָגאר גרויסע פישען בעווייזען זיך דאָ אויך גאנץ זעלטען. פלוצלונג האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען מיט א זאָנדערבאַרען טאָן :

„מיין הערר, קומט נור אויף איין אויגענבליק !"

„וואָס איז דען דאָרט, קאָנסייל ?" פרעג איך, ווייל מיר ווילט זיך ניט אָברייסען פון לעזען דעם בוך וועלכעס איז זעהר אינטערעסאַנט.

„אָבער זאָל דער הערר נור א קוק געבען !"

איך בין אויפגעשטאַנען און זיך געזעצט ביי'ן פענסטער, אָבער ביי דעם ערסטען בליק בין איך דורכגעשוידערט געוואָרען. ארום געריננעלט פון אונזער עלעקטרישען ליכט שוועבט אין מיטען וואסער א גרויסע, שווארצליכע מאססע און באלד דערזעהען איך אויך גאנץ גענוי וואָס דאָס איז.

„א שיף !" האָב איך אויסגערופען מיט גרוים שרעק.

„יא", האָט עדוארד בעשטימט „א געבראָכענע אונטערגעגאנגענע שיף."

איך בעטראכט גענויער דיזע פעראונגליקטע שיף, איהרע צורריסענע זעגלען וואָס העננען אראָב שטיקער וויז, איבער דעם צובראָכענעם מאַסטבוים און אלע אַנדערע צערשטערונגען וועלכע האָבען איהר צום אונטערגאנג געבראכט. דער גאַנצער שיף'ס־קערפּער איז נאָך איבריגענס אין א גוטען צושטאַנד, און דער שיפּברוך האָט וואהרשיינליך געטראָפען א גאנץ קורצע צייט צוריק, איבער איין אונבעשטימטע אורזאכע. אויף דעם פערדעק איז

צו זעהען דעם העכסט טרויעריגען אנבליק פון פיער טויטע קערפער, וועלכע געפינען זיך דאָרט פערפלאָנטערט אין די זעגעל שטריק. איינער פון זיי שטעהט נאָך יעצט און האלט דעם שטויער־רודער. אין דער טהיר פון הינ־טער־קאיוטע שטעהט א יונגע פרוי, האלטענדיג אַ קינד אין איהרע הענד. ביי דעם העללען עלעקרישען שיין איז דייטליך צו זעהען איהר געזיכט. וועל־כעס איז פערגליווערט געוואָרען מיט איין אויסדרוק פון טויט־פערצוויפ־לונג; איהר קינד האלט זי הויך געהויבען איבער'ן קאָפּף. שרעקליך איז אויך דאָס אויסזעהען פון די פיער מאַטראָזען, וועלכע האָבען זיך אָנגע־שטרענגט און געמאַטערט זיך צו בעפרייען פון די זעגעל שטריק, אין דעם מאָמענט ווען דאָס שיף איז אונטער געגאנגען. שטום מיט ביטערע הערצער, בעטראַכטען מיר די פורכטבארע סצענע פון שיף־ברוך. שוין זעהע איך פון וויטען די שרעקליכע הייפישען, מיט ב'וט דורסטיגע בליקען, וועלכע דאָס מענשענפלייש האָט אהער צו געצויגען.

דער נאוטילוס האָט זיך שליעסליך אָנגעפאנגען צו בעוועגען און פאָה־רענדיג פארביי די געזונקענע שיף לעז איך אויף איהר דעם נאָמען: פלאָ־רידא, סודערלאַנדער.

נייעצעהנטעס קאפּיטעל.

וואַניקאָראָ.

די שוידערהאפטע סצענע מיט די אונטערגעגאנגענע שיף וואר נור א פאָר־שפּיעל צו אזעלכע טרויעריגע בעגעבענהייטען וואָס דער נטואילוס האָט פון דאנען אן זעהר אָפט אין וועג בעגעגענט: פון דער צייט וואָס מיר זיינען אריין געקומען אין די מעהר בעפאָהרענע געגענדען פון ים האָבען מיר ניט זעלטען געזעהן אויפ'ן גרונד געבראָכענע שיפ'ס קערפּער, וועלכע ווארען שוין גאַנץ פערפוילט, און עטוואס טיעפער ליעגען קאנאָנען, קוילען, אנ־קערס, קייטען און טויזענד אנדערע געגענשטענדע, וואָס זיינען שוין בע־דעקט מיט ראָסט.

אונזער שנעלע אונטערוואסערדיגע רייזע איז אויף דיעזען אופן פאָרט־געזעצט געוואָרען, ביז מיר זיינען דעם 12טען דעצעמבער געקומען צו די אינזלען פּאָמאָטו, נעמליך צו די יעניגע בוגאנווילל־גרופּע, וועלכע זיינען פריהער געווען בעוואוסט אלס זעהר געפעהרליך, איידער מען האָט אויס־געפונען אַ ריכטיגען וועג, צווישען די שאַרפע אונטערוואסערדיגע פעלזען, וואָס פלעגען שטענדיג דורכלעכערען די דעקען פון די שיפען. אין גאַנצען

געפינען זיך דאָ אַזעלכע זעכציג גרופּען, וואָס פערנעהמען אַ פּלאַטץ פון דריי הונדערט זיבעציג קוואדראַט מייל. דיעזע אַלע אינזלען זיינען אויפגעבויט פון קאָראַלען. די לאַנגזאַמע, אָבער בעשטענדיגע ארבייט פון די קליינע לעבעדיגע ברואים, וואָס מען קען קוים מיט דעם שטאַרקסטען פערגרעסערונגס-גלאָז דערזעהען, ווערט אהן אויפהער פאָרטגעזעצט. זיי לעגען איין שיכט קאָראַל אויף די אַנדערע, ביז דיעזע אינזלען וועלען שליעסליך, נאָך פערלויף פון פיעלע טויזענדע יאָהרען פעראייניגט ווערען אין אַ נייע גרויסע שטיק לאַנד.

אַלס איך האָב דיעזע בעמערקונג אויסגעשפּראָכען פאַר דעם קאַפּיטאַן נעמאָ האָט ער גאַנץ ערנסט געענטפערט:

„די וועלט דאַרף ניט האָבען קיין נייע קאָנטינענטען זאָנדערן נייע מענשען.“

פאָהרענדיג ווייטער איז דער נאַוטילוס אנגעקומען צו דער אינזעל קלערמאָן טאָננער, איינער פון די מערקווירדיגסטע אינזלען, וועלכע דער קאַפּיטאַן בעלל פון דער שיף מינערוואַ האָט ענטדעקט אין יאָהר 1822. דאָ האָב איך געהאַט די געלעגענהייט גענוי צו בעטראַכטען ווי די אינזלען פון דיעזע געגענדען ווערען אויפגעבויעט פון די גאַנץ קליינע ים-מילבען, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען מאַדרעפּאָרען, זעע-שטערנס און נאָך אַזעלכע ברואים.

די מאַדרעפּאָרען, קאָראַלען און פיעלע אַנדערע פערשיעדענע מינים פון די בעוואוסטע פּלאַנצען טהיערען, אָדער פּאָליפּען, לעבען מיליאַרדען-וועיז אין די ימים פון די וואַרעמע געגענדען. זייער הויט איז בעדעקט מיט אַ סאָרט קאַלך וועלכע זיי קענען פון זיך אַבלעגען אין שיכטען. אויסגעשטאָרבענע מיליאָנען דורות פון אַזעלכע בעשעפעניסען בילדען מיט זייער אבזאַטץ די שיכטען איטער העכער און העכער, ביז דיעזע געביידען קומען ניט וויט פון דעם וואַסער שפּיגעל און פון זיי ענטשטעהען דאַן די געפעהרליכע קאָראַללען-ריפען, אונטערוואַסערדיגע פעלזען, אַן וועלכע די שטאַ. ק-סטע שיף קען אויף שטיקלאַך צובראָכען ווערען. איבער'ן וואַסער קומען שליעסליך ארויס דיעזע געביידען אין מאַנכע ערטער ווי אַ ברייטער רינג, זאָ דאָס אין מיטען בלייבט אַ גאַנץ טיעפער טייכעל. עס טרעפט אויך אַז דיעזע ריפען ענטשטעהען איבער'ן וואַסער ווי דיקע מויערען אָדער אין פערשיעדענע אַנדערע געשטאַלטען. דאָס גרעסטע טהייל פון די בעוואוסטע אינזלען, איבערהויפּט אין די ימים פון די וואַרעמע לענדער, זיינען נור אויף דיעזען אופן בעשאַפען געוואָרען. ווינד און וואַסער פערטראַגען נאָכהער אויף די נאַקעטע פעלזען קערנער פון אירגענד וועלכע זריעה; ביסלאַך ווייז בילדעט זיך אַ שיכטע ערד, וועלכע ווערט אין פערלויף פון אַ

לענגערע צייט בעדעקט מיט גרינס און פרוכטבארקייט. עס וואקסען אוים בוימער אין וועלכע עס בעזעטצען זיך פערשיעדענע פויגלאך פון די בענאכ־בארטע אינזלען. פון מעער קומען אלערליי טהיערע און לעגען דא זייערע אייער; עס ענטוויקלט זיך ביסלאכווייז א פאלשטענדיגעס לעבען, ביז ענד־ליך קומט דער מענש אלס אויבער־העררשער צו געניעסען אלעס וואס די נא־טור האט דא פארבערייטעט.

וועהרענד מיר זיינען געפאהרען אונטער'ן וואסער א קורצע שטרעקע פארביי די אינזעל, וועלכע שטעהט אזוי ווי אויף א וואנד אויסגעבויט, האב איך געמוזט מיט ערשטוינען בעוואונדערן אזא ריעזען ווערק, וואס איז אויפגעטהון געווארען פון אזעלכע ברעקלאך מילבען, וועלכע מען קען גאר מיט'ן אויג ניט דערזעהן. איך האב ביי דיעזער געלעגענהייט געקענט גאנץ גענוי בעטראכטען דיעזע מערקווירדיגע פעלזען־וועגד, וואס זיינען פון גרונד ביז צום וואסער־שפיעגעל העכער ווי דריי הונדערט עללען די הויך און גלענ־צען מיט זייער ווייסען קאלך־פארב אין דעם שיין פון אונזער עלעקטרישער בעלייכטונג.

שטעהענדיג נעבען מיר פרעגט מיין נייגיעריגער קאנסייל ווי לאנג עס האט געדארפט דויערן ביז אזעלכע ריעזען־וועגד זיינען אויפגעבויט געווא־רען און ער איז געקומען אין גרוים ערשטוינונג הערענדיג פון מיר אז אין א צייט פון הונדערט יאהר קען צו וואכסען העכסטענס איין אכטע טהייל פון א צאלל.

„אלזא, האט ער זיך געוואונדערט, אום אזעלכע וועגד זאלען קענען אויפגעבויט ווערען האט עס געדארפט נעהמען א צייט ? . . .”

„פון א פאאר מאל הונדערט טויזענד יאהר, מיין ליעבער קאנסייל, און פון דעם קענסטו פערשטעהען אז אין זעקס טעג האט יעדענפאלס אונזער וועלט ניט געקענט בעשאפען ווערען. איבריגענס בעווייזט די וויסענשאפט נאך מיט פיעלע אנדערע פאקטען, אז פיר די ענטשטעהונג פון אונזער ערד איז נויטהיג געוועזען נאך א פיעל לענגערע צייט. מען ווייס צום ביישפיעל אז די שטיין־קוילען, וועלכע מיר גראבען אוים פון דער ערד־טיעפענים, זיי־נען א מאל געוועזען אונגעהויער גרויסע וועלדער, וואס זיינען איבער געוויסע אורזאכען מיט איינמאל איינגעזונקען געווארען. אבער ביז אזעלכע געהיל־צען זאלען פערוואנדעלט ווערען אין שטיין פארדערט זיך פיעלע הונדערט־טויזענדע יאהרען.

געגען אבענד איז די אינזעל קלערמאן־מאננער פערשוואונדען געווארען פון אונזערע אויגען און דער נאוטילוס האט זיך געווענדעט נאך איין אנ־דער ריכטונג, דורכלויפענדיג די הייסעסטע געגענדען אונטער'ן עקוואטאר. דער מאנאט דעצעמבער, ווען ביי אונז אויף דער נארד האלב קוגעל פון דער

ערד הערשט דער קאַלטער ווינטער, קומט אויס דאָ, אויף דעם דרום האלב קוגעל, די צייט פון מיטען זומער. די זונען־שטראהלען ברענען אונער־טרעגליך מיט א פירכטערליכע היטץ; אָבער אין נאוטילוס שפּיערען מיר דאפון גאָר ניט, דען אונטער'ן וואסער, אין א טיעפעניס פון דרייסיג ביז פיערציג עללען, איז די טעמפּעראַטור אימער רעגעלמעסיג פון צעהן ביז צוועלף גראד.

דען 15טען דעצעמבער האָבען מיר פארביי געלאָזען די גרופּע פון די געזעלשאַפט'ס אינזלען און דאס שעהנסטע שטיק לאַנד טאיטי. גאַנץ פריה האב איך פון וויטען געזעהען די הויכע געבירגען פון דיעזער אינזעל, אונזערע נעטצען האָבען היינט ארויס געצויגען פון די נעבסטע ארומיגע וואסערען די פּראכטפאָלסטע, זעלטענע זאַרטען פיש, וועלכע עס איז שווער אירגענד אנדערש־וואו צו בעקומען.

אלס דער נאוטילוס איז דורכגעפּאָהרען אונגעפעהר א שטרעקע פון צעהן־טויזענד מייל זיינען מיר אָנגעקומען צו די גרופּע אינזלען פון טאָננא־טאבו, ביי וועלכע איינינע בעריהמטע זעע־רייזענדע ווי קאַפּיטאַן דע־לאנגעל און קאָמאנדאנט בורא מיט זיין גאַנצע מאנשאַפט, זיינען פון די ווילדע איינוואָה־נער ערמאָרדעט געוואָרען.

אים יאָהר 1463, גראדע דאן ווען לודוויג דער 14טער האט בעשטיע־גען דעם טהראָן פון פראנקרייך, זיינען דיעזע אינזלען ענטדעקט געוואָרען דורך דעם בעוואוסטען זעע־פאהרער טאסמאן. צו דערזעלבער צייט האט אויך דער גרויסער געלעהרטער דאריסעלל, אויסגעקלעהרט דעם וויכטיגען אינסטרומענט באראָמעטער, וועלכער צייגט פאראויס אָן די ענדערונגען פון וועטער. דאס אלעס איז אין איין יאָהר געשעהען, אָבער וועהרענד לוד־וויגס טהראָן־בעשטייגונג האט זאגאר פיר פראנקרייך אליין געמאכט מעהר שאדען ווי נוטצען האָבען די געלעהרטע מענער מיט זייערע טהאטען די וועלט בעגליקט און די וויסענשאפט בערייכערט.

דער נאוטילוס איז יעצט געקומען ניט ווייט פון האפען וועלאָן, דאָרט וואו קאַפּיטאַן דיללאַן האט צוערסט ענטדעקט די שפּורען פון א געוויסען בעריהמטען זעע־פאהרער לא־פּערוז, וועלכער איז דאן מיט איינינע יאָהר פריהער אין דיעזע געגענדען מיט צוויי שיפען פערשוואונדען געוואָרען. ביי דיעזע ברעגעס געפינען זיך אויסגעצייכענטע אויסטערס אין צאהלרייכע מענגע, וועלכע מיר האָבען מיט גרויס פערגניגען געגעסען. אונזער קאַנאַ־דיער האט זיך צוגעכאפּט צו דיעזען געשמאקפאָלען געריכט מיט דעם גרעס־טען אפּעטיט, און אויב ער איז דאפון ניט קראנק געוואָרען איז דאס נור דאריבער ווייל די אויסטערס קען מען זעהר לייכט פערדייען.

וועהרענד די צייט פון די נעבסטע צוועלף טעג זיינען מיר פארביי גע־

פאָהרען פערשיעדענע אַנדערע אינזלען און לאַנד־שטיקער. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט זיך די גאַנצע צייט ניט בעוויעזען, אַלס דעם 27טען דעצעמבער אין דער פריה איז ער אריינגעקומען אין גרויסען זאַלאָן, וואו איך בין גראדע יעצט בעשעפטיגט געווען צו בעטראַכטען די קאַרטע, אום ריכטיג צו ערפאָהרען אין וועלכע וועלט־געגענד מיר געפינען זיך. דער קאַפּיטאַן איז צוגעגאַנגען און ארויפלעגענדיג זיין פינגער אויף אַ געוויסען פונקט פון די קאַרטע האָט ער אויסגעשפּראָכען נור איין וואָרט:

„וואַניקאָראָ."

דיעזע נאַכריכט האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפע ווירקונג. דער אינזעל וואַניקארא איז נעמליך דער יעניגער פונקט וואו לאַ־פּערוז מיט זיינע שיפען זיינען פעראונגליקט געוואָרען.

„פאָהרען מיר דען נאָך וואַניקאָראָ?" האָב איך געפרעגט.

„יא, הערר פּראָפעסאָר."

„און איך וועל קענען אויך די אינזעל בעזוכען, דאָרט וואו די בעריהמטע שיפען בוסאָל און אַסטראָלאַב זיינען צו גרונד געגאַנגען?"

„אויב איהר וועט דאַצו לוסט האָבען — געוויס!"

„און ווען וועלען מיר נאָך וואַניקאָראָ אָנקומען, קאַפּיטאַן?"

„מיר זיינען שוין דאָ, הערר פּראָפעסאָר."

איך בין מיט דעם קאַפּיטאַן נעמאָ ארויס געגאַנגען אויפ'ן פּלאַטפאָרם און בעטראַכט מיט העכסט נייגיעריגע בליקען די ארומיגע געגענדען. אונזער שיף איז יעצט ווירקליך אריינגעקומען אין אַ האַפען, וואָס וואר אונגעפעהר פיערציג קלאַפטער טיעף. דאָס לאַנד איז איבעראַל בעדעקט מיט פרוכטבארקייט. אין מיטען אינזעל ערהויבט זיך דער בארג קאַפּאַגאַ, וועלכער האָלט העכער ווי צוויי טויזענד פוס די הויך.

אונטער דעם גרינעם שאַטען פון די שעהנע בוימער, מיט וועלכע דער בערג איז בעזעצט, בעמערק איך ווי אייניגע פון די ווילדע איינוואָהנער שטעהען אין בעשטירצונג, בעטראַכטענדיג ווי אונזער שיף קומט אָן. געוויס מיינען זיי אַז דאָס איז אירגענד וועלכע מערקווירדיגע ים־טהיער. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיר יעצט אַ פרעג געטהון אויב איך וויים עטוואָס פון דעם טרויריגען צופאַל וואָס האָט געטראָפען מיט לאַ־פּערוז.

„אַזוי פיעל ווי די גאַנצע וועלט וויים האָב איך דארויף געענטפערט.

„און קענט איהר מיר זאָגען וואָס וויים די גאַנצע וועלט?" האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט מיט אַ מיענע פון שפּאָט.

„זעהר גערן" מיט דיעזע אַנטוואָרט האָב איך אָנגעפאַנגען צו ערקלעהרען די פאָלגענדע בעגעבענהייטען. קאַמאַנדאַנט לאַ־פּערוז און זיין אונטער־

בעפעהלסהאבער קאפּיטאַן ד'לאנגעל זיינען אים יאָהר 1785 געשיקט געוואָרען פון די פראנצויזישע רעגיערונג, אום איינע רייזע ארום די וועלט פאָרצונעהמען. זיי זיינען אָבגעפאָהרען אויף די קריעגס־שיפען בוסאָל און אסטראָלאב, וועלכע זיינען שוין קיין מאָל מעהר צוריק ניט געקומען.

זעקס יאָהר שפּעטער האָט די פראנצויזישע רעגיערונג ארויסגעשיקט צוויי אנדערע גרויסע שיפען, אום צו געפינען וואָס מיט דעם קאָמאַנדאַנט לאַ־פּערוז און זיינע קאמעראדען איז געוואָרען. דער קאָמאַנדאַנט פון די צווייטע שיפען איז דורכגעפאָהרען דיעזע אַלע געגענדען, האָט זאָגאר פאַרביי וואַניקאָראָ געזעגעלט זיך ניט אבשטעלענדיג און זיין ציעל ניט עררייכט, דען עס איז איהם וועגען דעם פערשוואונדענעם לאַ־פּערוז ניט געלונגען עטוואָס צו ערפאהרען. איבערהויפּט האָט דיעזע צווייטע עקספּעדיציאָן אויך זעהר טרויעריג זיך געענדיגט. דער קאָמאַנדאַנט, צוויי פון זיינע אָפיציערען און אייניגע מאטראָזען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען און די איבריגע האָבען קוים בעוויזען זיך צו רעטען.

די שפּורען פון דעם פערשוואונדענעם לאַ־פּערוז האָט צוערסט געפונען דער אַלטער ענגלישער קאפּיטאַן דיללאָן, וועלכער איז זעהר בעוואנדערט אין דיעזע געגענדען פון שטילען אָקעאַן. אַלס דיללאָן איז אים יאָהר 1824 געקומען צו די אינזעל טיקאָפּיא האָט אַ ווילדער איהם אָנגעבאָטען צו פערקויפען אַ זילבערנעם גריף פון אַ דעגען און דערביי ערצעהלט אַז מיט אַ יאָהר זעקס צוריק, אַלס ער וואר אויף דעם אינזעל וואַניקארא, האָט ער געזעהן צוויי ווייסע מענשען, וואָס זיינען דאָרט פערבליעבען פון אַ שיף, וועלכע איז ביי דיעזען אינזעל אונטערגעגאַנגען.

דיללאָן האָט באַלד געקלעהרט אַז דא האַנדעלט זיך וועגען די שיפען פון לאַ־פּערוז, דען מיט זייער פערשווינדען האָט זיך דאמאלס די גאַנצע וועלט שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט זאָגאר געוואָלט באַלד פאָהרען נאָך וואַניקאָראָ אָבער די שטראָמונגען און די ווינדען וואָרען איהם ענטגעגען, דארום איז איהם ניט מעגליך געוועזן זיין וואונש אויסצופיהרען. אַלס ער איז נאָך אַ געוויסע צייט צוריק געקומען נאָך קאַלקוטא האָט די ענגליש־אזיאַטישע געזעלשאַפט איהם געגעבען אַ גרויסע שיף און אים יאָהר 1827 איז ער מיט איין אַגענט פון די פראנצויזישע רעגיערונג אָבגעפאָהרען, אום צו ענטדעקען וואָס מיט לאַ־פּערוז און מיט זיינע מאַנשאַפט איז געוואָרען.

נאָך פערלויף פון זעקס מאָנאַטען איז ער אָנגעקומען אין האַפען וואַניקאָראָ, גראַדע וואו אונזער נאוטילוס געפינט זיך יעצט. עס האָבען זיך באַלד געפונען פערשיעדענע אייזערנע כלים, אַנקערס, קוגלען, צובראָכענע אסטראָנאָמישע אינסטרומענטען, אַ בראָנזענע גלאָק, אויף וועלכע עס וואָרען אויסגעגאָסען די בוכשטאַבען „באַזען האָט מיך געמאַכט" און נאָך

אזעלכע זאכען, וואָס בעווייזען דייטליך אז זיי שטאַמען פון לאַ־פערוז׳ס שיפען. עס איז אַלזאָ קיין צווייפעל געווען אז דאָ איז די שטעלע וואו זיי זיינען פעראונגליקט געוואָרען. מעהר האָט אָבער דיללאָן נים געקענט ערפאהרען, און נאָך פערלויף פון פיער מאָנאַטען איז ער פון דאנען אָבגערייזט.

אונטערדעסען האָט א געוויסער דומאָנט ד׳אורוויל, קאמאנדאנט פון א קריעגס־שיף אסטראָלאב, זיך אויך ערקונדיגט וועגען די שפורען וואָס זיינען פון דעם פערשוואונדענעם לאַ־פערוז ענטדעקט געוואָרען, און נים ווי־סענדיג פון דיללאָן׳ס אונטערנעהמונג האָט ער בעשלאָסען דיזע שפורען נאָכצופאָרשען. מיט איינינע מאָנאַטען נאָך דיללאָן׳ס אבריייזע איז די אסט־ראָלאב אָנגעקומען צום אינזעל טיקאָפּיא און ד׳אורוויל האָט פון דאנען מיט־גענומען אַלס דאָלמעטשער און פיהרער א געוויסען דעזערטיר, וועלכער האָט דאָ געוואָהנט צווישען די ווילדע, דאן איז ער אויך מיט זיין שיף אים אנפאנג פון יאָהר 1827 געשטאַנען אין דיזען האפען פון וואַניקאָרא.

איינינע טעג שפּעטער האָבען די אָפיציערען פון אסטראָלאב געפונען אויפ׳ן אינזעל נאָך פיעלע אַנדערע געגענשטאַנדען פון לאַ־פערוז׳ס פער־שוואונדענע שיפען. מען האָט אויך זיך פאַנאנדער גערעדט מיט די ווילדע איינגעבאָרענע, אָבער דאָס וואר שוין א געשיכטע מעהר ווי מיט 40 יאָהר צוריק. די עלטערע פון די אינזעל בעוואָהנער האָבען זיך אָנפאנגס ארויס געמאַכט אז זיי וויסען גאָר פון אזא צופאל נים. וואהרשיינליך האָבען זיי זיך מיט דעם פעראונגליקטען לאַ־פערוז זעהר שלעכט בעגאַנגען און דארום זיינען זיי יעצט געווען ערשראָקען, אז די אנגעקומענע וויסע מענשען וועלען דאפיר פון זיי ראכע נעהמען. ענדליך איז דעם קאמאנדאנט ד׳אורוויל געלונגען זייער אנגסט צו בערוהיגען, און דעם נעכסטען טאָג האָבען זיי דורך געשענקע און פריינדליכע ווערטער זיך געלאָזען איבעררעדען צו צייגען די שטעלע וואו לאַ־פערוז האָט שיפברוך געליטען.

צווישען די קאָרראלען־ פעלזען, אונטער א טיעפענים פון איינינע קלאַפטער, זיינען געפונען געוואָרען פיעלע פערשיעדענע זאכען פון לאַ־פערוז׳ס אונטערגעגאַנגענע שיפען, צווישען זיי אויך א גרויסער אנקער און א קאַנאָנע, וועלכע די מאַנשאַפט פון אסטראָלאב האָט מיט גרויסע שוויעריגקייטען ארויס גענומען.

דומאנט ד׳אורוויל איז באַלד נאָכדעם קראַנק געוואָרען און דארום איז זיין שיף געבליעבען איינינע מאָנאַט אין וואַניקאָרא. אין פערלויף פון דיע־זער צייט האָבען זיי די געשיכטע מיט לאַ־פערוז נאָך גענויער ערפאהרען. נאָכדעם ווי זיינע שיפען זיינען צובראָכען געוואָרען אויף די ארומיגע פעלזען האָט ער מיט די גרעסטע טהייל פון זיין מאַנשאַפט זיך גערעטעט אויף דיע־

זער אינזעל. אין אַ קורצע צייט האָבען זיי פון די מאַטעריאַלען, וואָס זיי־נען איבערגעבליעבען פוןביידע געשטראַנדעטע שיפען, אויסגעבויט אַ קלע־נערע שיפעל, אויף וועלכע זיי זיינען אַבגערייזט, וואוהין וויים מען ביז היינטיגען טאָג ניט.

„אזוי גלויבט מען ביי אייך, אויף דער יבשה" האָט קאַפּיטאַן נעמאָ זיך אַבגערופען „אָבער איך קען אייך דעם שלום פון דיזע טרויריגע געשיכ־טע דייטליכער ערקלעהרען. דער קאָמאַנדאַנט לאַ־פּערוז איז נאָך דעם אונ־טערגאַנג פון זיינע שיפען אויף דיזער אינזעל גוט אויפגענומען געוואָרען. דאָ האָט ער און זיין מאַנשאַפט זיך באַלד איינגעאָרדענט און אין אַ קורצע צייט איז זיי ווירקליך געלונגען אַ קליינע שיפעל אויפצובויען. אייניגע מאַטראָזען זיינען דאָ געבליעבען צוריק, וועלכע זיינען שוין יעצט טויט. די איבריגע מאַנשאַפט איז צוזאַמען מיט זייער קאָמאַנדאַנט אַבגעפאָהרען. זיי האָבען זיך פון דאַנען געווענדעט צו די סאַלאָמאָן־אינזלען און דאָרט, ביי מזרח זייט, האָט אויך זייער קליינע שיפעל געשטראַנדעט, אָבער דיזעס מאָל איז דער קאָמאַנדאַנט מיט די גאַנצע מאַנשאַפט דערטרונקען גע־וואָרען."

„און פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלעס ?" האָב איך געפרעגט מיט גרויס בעשטירצונג.

„אַט דאָס האָב איך געפונען אויף דער שטעלע פון דעם לעצטען שיפ־ברוך."

מיט דיזע ווערטער האָט דער קאַפּיטאַן מיר דערלאַנגט אַ פּעררזאַסטען בלעכענעם קעסטעל, אויף וועלכען עס וואַר דענגאָך דייטליך צו זעהען דעם הערב פון די פראַנצויזישע רעגיערונג, עפנענדיג דעם קעסטעל האָב איך דאַרין געפונען, אַבגעבלאַקירטע אַפּיציעלע פּאַפּיערען, וועלכע עס איז נאָך מעגליך געווען ריכטיג דורכצולעזען. דאָס וואַרען אָריגינאַל־אינסטרוקציאָ־נען, וועלכע דער דאַמאַליגער פלאָטע־מיניסטער האָט געגעבען צום קאָמאַנ־דאַנט לאַ־פּערוז. אויף דעם ראַנד פון דיזע פּאַפּיערען וואַרען אויפגעשריע־בען בעמערקונגען מיט די אייגענע־האַנד פון קעניג לודוויג דעם 16טען.

„לאַ־פּערוז ליעגט אין גראַב פון קאָראַללען" האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשפּראָכען מיט אַ ריהרענדע שטימע „פיר אַ זעע־פאַהרער איז דאָס דער שעהנסטער טויט, וועלכען איך וואָלט אויך פיר זיך ווינשען, ווען מיין צייט וועט קומען".

צוואנציגסטעס קאפיטעל.

דער טאָררעס קאנאל.

איך האָב יעצט מעהר קיין לוסט געהאַט די אינזעל וואניקארא צו בעטרעטען און באלד נאָכדעם איז דער נאַוטילוס ווייטער אבגעפאהרען. אין די נעכסטע דריי טעג האָבען מיר ווידער דורכגעריייזט א שטרעקע פון גענוי אכט הונדערט מייל.

דעם ערסטען יאנואר 1868 איז מיין דיענער קאָנסייל געקומען צו מיר אויפ׳ן פּלאַטפאָרם.

„דארף איך דעם העררן היינט א גליקליכעס ניי־יאָהר ווינשען?" האָט דער עהרליכער יונג געפרעגט.

„ווארום ניט, קאָנסייל? איך נעהם אָן דיין גליקוואונש מיט דאנק, גראדע ווי איִמער, ווען מיר ווארען נאָך אין אונזער שטילע פּאריזער וואָהנונג. נור איך וועל דיך פרעגען וואָס הייסט ביי דיר אייגענטליך גליק אונטער די אומשטענדען אין וועלכע מיר געפינען זיך יעצט? מיינסט דו דאַמיט צו זאָגען אַז דיעזעס יאָהר זאָל א׳ענדער געפאנגענשאפט אויפ׳ן נאַוטילוס איין ענדע נעהמען, אָדער מיר זאָלען דעם יאָהר אויסלעבען אום דיעזע מערקווירדיגע רייזע פאָרטצוזעטצען?"

„וואהרהאפטיג," האָט קאָנסייל ערקלעהרט „איך ווייס ווירקליך ניט וואָס דעם העררן אויף דיעזע פראגע צו ענטפערען. פארלויפיג האָבען מיר צייט די ציווי מאָנאַט, וואָס מיר געפינען זיך אויף דיעזען שיף, קיין אורזאכע זיך צו בעקלאגען, אָדער צו לאנגווייִלען. מיר זעהען אימער אַזעלכע ערשטוינענדע וואונדער ויאָס איינער איז מערקווירדיגער ווי דער אנדערע. איך מיין אז מיר וועלען ניעמאלס מעהר האָבען אזא געלעגענהייט די אינערליכסטע געהיימניסע פון וועלט־מעער צו ערפאהרען."

„ניין, ניעמאלס, קאָנסייל!" האָב איך בעשטעטיגט.

„אויסערדעם מוז מען זאָגען אַז צו אונזער קאַפּיטאַן פּאַסט ריכטיג זיין לאטיינישער נאָמען, דען דאָס וואָרט נעמאָ בעדייטעט אויף דיעזער שפּראכע ניעמאנד, און ער איז ווירקליך פיר אונז אזוי ווי ניעמאנד, דען מיר בעקומען איהם זאָגאר זעלטען צו זעהען. איך מיין אלזאָ אַז מיר קענען מיט צופריעדענהייט זיך ווינשען דיעזען יאָהר דאָ צו פערברענגען, אום מיר זאָלען אלע וואונדערבארקייטען פון דער נאַטור קענען בעטראכטען."

„נון, אלעס צו זעהען וואָלט אביסעל צו לאנג מוזען דויערען" האָב איך געלאכט „אָבער זאָג מיר קאָנסייל, וואָס דענקט יעצט עדוארד לענד וועגען אונזער בעפינדונג אויף דיעזער שיף?"

„ער איז נאָך אימער אזוי בייז ווי פריהער און הערט ניט אויף צו פלוכען דעם צופאל וואָס האָט אונז אהער געבראכט. ביי איהם האָט קיין זאך קיין ווערטה ניט, אויסער א שטארקען שנאַפּס און א גוטע שטיק בראַ־טען פון רינד־פלייש; און וויל ער קען אזעלכע זאכען דאָ ניט בעקומען איז איהם דאָס לעבען אויפ'ן נאוטילוס אזוי פערהאסט אז ער וואָלט וועלען וואָס שנעלער פון דאנען לויז ווערען. נון, און איהר, מיין הערר, ווי געפעלט אייך אונזער יעצטיגע לאגע ?"

„איך בין צופריעדען, דען יעדענפאלס קען מען דאָך ניט געהען געגען די אָרדנונגען וואָס זיינען איינגעפיהרט אין נאוטילוס. פיר דיין גליקוואונש צום נייעם יאָהר, קאָנסייל, בין איך דיר זעהר דאנקבאר; קיין געשענק קען איך דיר ליידער היינטיגען מאָל ניט געבען."

„אָה, מיין הערר'ס גוטע ווערטער זיינען פיר מיך די שעהנסטע מתנה!" האָט דער טרייער יונגע אויסגערופען און באלד נאָכדעם איז ער ארויסגעגאנגען.

דעם צווייטען יאנואר זיינען מיר געקומען אין די געפעהרליכע געגענד פון דעם קאראללען־מעער, וועלכע געפינט זיך ניט וויט פון אוסטראליען. מיר זיינען אלזאָ פון די יאפאָנישע ברעגעס ביז אהער שוין דורך געפאָהרען א שטרעקע פון מעהר ווי עלף טויזענד מייל. אונזער נאוטילוס איז יעצט געשוואומען דורך דיזעלבע פירכטערליכע קאראללען־פעלזען וואו די שיפען פון דעם בעריהמטען קאפּיטאן קוק זיינען שיער צושלאגען געוואָרען. איך האָב געהאט גרויס לוסט צו בעטראכטען פון אויבען דיזען אונרוהיגען מעער, ווי זיינע וואסערען קאָכען און רוישען אזוי ווי מיט דעם געברילל פון א דונער, אָבער גראדע יעצט איז דער נאוטילוס ארונטער אין איין אונענדלי־כע טיעפענים און איך האָב פון די הויכע קאָראללען־ווענד מעהר גאָר ניט גע־קענט זעהען.

צוויי טעג נאָכדעם ווי מיר זיינען דורך געפאהרען דעם קאָראללען־מעער האָבען זיך געגען אונז פאָרגעשטעלט די ברעגעס פון דאָס לאנד פּאפּואזיען. קאפּיטאן נעמאָ האָט מיר געלאָזט זאָגען אז ער וועט דורך פאָהרען דעם טאָ־רעס קאנאל, וועלכע פיהרט פון דעם שטיללען אָקעאן אין דאָס אינדישע מעער. דיזע געגענדען זיינען פיר געוועהנליכע שיפען העכסט געפעהרליך, איבער די גרויסע פעלזען אין וואסער און נאָך מעהר איבער די ווילדע מענ־שען וואָס בעוואָהנען די ארומיגע אינזלען.

דאָס לאנד פּאפּואזיען איז א גרויסער אינזעל, פיער הונדערט מייל לאנג ביי הונדערט דרייסיג די ברייט. זי ליעגט אויף דעם 19טען מערידיאן פון דרום זייט עקוואטאָר און 146 גראד פון פּאריז. אום צוועלף אוהר, אלס דער שיף'ס לייטנאנט האָט אויפגענומען די הויכקייט פון דער זונן האָב איך

בעמערקט דעם שפיטציגען בארג ארפאלקס, וועלכער שטעהט אין מיטען פון דיעזען גרויסען אינזעל.

דער נאוטילוס איז אלזאָ יעצט אריין געפאהרען אין דיעזען ענגען קאַנאל וואס רעכענט זיך אלס דער געפעהרליכסטער אין דער וועלט, וועלכען די מוטהיגסטע זעע־פאהרער האבען זיך קוים געקענט דערוועגען דורך צו שווימען. דער בעריהמטער דומאנד ד'אורוויללּ האט מיט זיין קריעגס־שיף פּראָבירט דיעזע רייזע צו מאכען, אבער עס האט ניט פיעל געפעהלט ער זאל אין גאנצען אונטערגעהען; דעננאָך האט קאפּיטאן נעמאָ יעצט גע־וואלט זיין נאוטילוס דורך אזעלכע שרעקליכע פעלזען דורך פיהרען.

דער קאנאל טאָררעס איז אונגעפעהר דרייסיג מייל די ברייט, אבער די גאנצע שטרעקע איז פערשטעלט מיט קליינע אינזלאך, אונטערוואסער־דיגע פעלזען און הויכע שטיינער, דורך וועלכע עס איז זעהר שווער זיך דורך צו שלאגען. דארום האט יעצט דער קאפּיטאן אויך אנגעווענדעט אלע מיט־לען פון פאָרזיכטיגקייט און דער נאוטילוס איז גאנץ לאנגזאם געשוואומען זיך דרעהענדיג צווישען דיעזע אלע נאטירליכע הינדערניסע.

איך מיט מיינעביידע קאמעראדען האבען בענוצט די געלעגענהייט און מיר זיינען ארויסגעגאנגען אויף'ן פּלאטפּאָרם, אום די ארומיגע געגענדען צו בעטראכטען. איך גלויב צו בעמערקען אז אין דעם שטייערמאן'ס גלע־זערנע הייזעל געפינט זיך דער קאפּיטאן זעלבסט, וואהרשיינליך אום אכ־טונג צו געבען אז דאס שיף זאל אויף אזא געפעהרליכען וועג ריכטיג געפיהרט ווערען.

איך האב מיטגענומען פון זאלאָן די בעסטע לאנד־קארטען פון קאנאל טאָררעס, וואס זיינען די לעצטע צייטען ארויסגעגעבען געוואָרען, אום נאָכ־צוזעהען אין וועלכע פּונקטען מיר פאָהרען דורך. דער ים ארום נאוטילוס האט געבראוזט ווי אין גרעסטען וואוטה; דער שטראָם פון די וועללען האט זיך ברומענדיג געבראָכען איבער די קאָראַלען ריפען און פעלזען, פון וועלכע אין פערשיעדענע ערטער האבען זיך ארויסגעזעהען די שארפע שפּיטצען.

„דאס איז איין זעהר שלימער מעער!" האט עדווארד אויסגעשפּראָכען שטעהענדיג נעבען מיר.

„יא, זעהר געפעהרליך" האב איך געענטפערט „איך בין נאך ניט זי־כער אויב דער נאוטילוס וועט דאָ גליקליך ארויסקומען."

„נון, דער פערדאמטער קאפּיטאן ווייס וואהרשיינליך גאנץ גענוי ווי דאָ דורך צו קריעכען. אט זעהט נור יענעם שארפען קאָרראללען שפּיטץ! דער נאוטילוס וואלט געווייס צובראָכען געוואָרען אויב ער זאל זיך נור אן איהם אבקלאפען, אבער ער געהט פאָרביי איהם קוים אויף איין האאר בע־ריהרענדיג."

די לאנגע איז ווירקליך געווען זעהר געפעהרליך, אָבער עס האָט אויס־געזעהען אזוי ווי אונזער שיף וואָלט דורך אַ צויבער־קראַפט דורך די ענגסטע ערטער זיך דורך געקוועטשט. דרעהענדיג זיך ווי אַ שלאַנג פאַרביי פער־שיעדענע קליינע אינזלען, אין אלערהאנד ריכטונגען, דורך וועניג בעקאַנ־טע געגענדען און די שלימסטע געפעהרליכסטע ערטער, ביז מיר זיינען אָנגע־קומען ניט ווייט פון דעם אינזעל קוועבאָראר.

עס וואר אונגעפעהר דריי אוהר נאָכמיטאג. די ברויזענדע וואַסערען זיינען געווען הויך אויפגעשטיגען. דער נאָוטילוס איז גראדע יעצט פאַרביי־געפאהרען ביי אַ צוויי מיילען ווייט פון ברעג. פּלוצלונג בין איך געפאַלען צו דער ערד, ווי איינער וואָלט מיך אַ שטויס געגעבען. דער נאָוטילוס איז ענדליך אַרויף אויף איין אונטערוואַסערדיגען פעלזען און איז געבליעבען זיטצען אויף איהם פעסט, עטוואָס איינבויגענדיג אויף די לינקע זייט.

אַלס איך בין ווידער אויפגעשטאַנען האָב איך דערזעהען אז קאַפּיטאַן נעמאָ מיט זיין לייטענאַנט זיינען אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. זיי האָבען צווישען זיך גערעדט אויף זייער שפּראַך, בעטראַכטענדיג די יעצטי־גע לאגע פון שיף, וועלכע האָט ווי עס ווייזט אוים קיין שאַדען בעקומען, דען איהר קערפּער וואר אין דער טהאַט שטאַרק גענוג געבויט. עס איז אַלזאָ ניט געווען וואָס מורא צו האָבען אז איבער אַ ברוך אָדער אַ לאָך זאָל דאָס שיף אָנגעפילט ווערען מיט וואַסער, דעננאָך איז אָבער די געפאהר געווען זעהר גרויס, דען זאָגאר יעצט, ווען דער ים איז אויפגעשטיגען, זיצט דער נאָוטילוס אזוי ווי געשמיעדט צום פעלזען, און שפּעטער ווען דאָס וואַסער וועט אָבפאַלען איז נאָך וועניגער האָפנונג פון דאַנען זיך צו בעפרייען. דעם קאַפּיטאַן׳ס אויסגעצייכענטע אַפּאַראַטען קענען אין דיעזען פאַל וועניג וואָס העלפען, דען זיי זיינען דאָך ניט אים שטאַנד דאָס שיף אין די לופט אויפ־צוהויבען.

אין יעדען ים גיעבט עס צו אַ בעשטימטע צייט אין יעדען טאָג אַ פער־ענדערונג: עס קומט צו וואַסער און דאַן פאַלט עס ווידער אָב. די ערסטע ערשיינונג איז ניט איבעראַל גלייך; אין מאַנכע מעערען שטייגט דאָס וואַסער העכער און אין אנדערע ניעדריגער. אויף דעם שטיללען אָקעאַן, וואו מיר געפינען זיך יעצט, איז דאָס וואַסער־אויפשטייגונג ניעדריגער ווי אי־בעראַל, דארום קען קאַפּיטאַן נעמאָ ניט רעכנען אז דער צוקומענדיגער וואַ־סער וועט דעם נאָוטילוס אויפהויבען פון פעלזען, אויף וועלכען ער זיצט יעצט אזוי ווי צוגעמויערט, אָבוואָהל דאָס שיף איז געבליעבען ניט בעשעדיגט און פיר די געפאהר פון אַ ברוך איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבען.

ווערענד איך בין געשטאַנען און בעטראַכט דיעזע לאגע פון שיף איז

דער קאפיטאן צו מיר צוגעגאנגען מיט זיין געוועהנליכע רוהיגע קאלטבליטיגע מיענע.

„דיעזער צופאל, הערר קאפיטאן" האב איך צו איהם געזאגט „וועט אייך וואהרשיינליך צווינגען איהר זאלט ווידער ווערען א בעוואהנער פון די טרוקענע ערד, וועניגסטענס אויף א בעשטימטע צייט, ביז עס וועט מעגליך זיין דעם נאוטילוס אראפצונעהמען פון פעלזען."

„ניין, הערר אראנאקס" האט דער קאפיטאן געענטפערט מיט א טאן פון שפאט „דער נאוטילוס איז נאך ניט אין אזא געפאהר ווי איהר גלויבט. ער איז נאך אים שטאנד אייך צו צייגען אלע וואונדער פון מעער. אונזער רייזע האט זיך ערשט יעצט אנגעפאנגען און איך רעכען נאך לאנג צו געניעסען דעם פערגניגען פון אייער געזעלשאפט."

איך האב זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג דיזע שפאטישע בעמערקונג.

„אבער, קאפיטאן" האב איך ערוויעדערט „דאס וואסער אין מעער איז גראדע יעצט אין די צייט פון העכסטע אויפשטייגונג און איך זעה קיין מיטעל ווי עס זאל מעגליך זיין דעם נאוטילוס פון פעלזען אראפ צו נעהמען."

„דאס איז שוין ריכטיג גענוג, הערר פראפעסאר. אויף די געוועהנליכע טעגליכע וואסער־שטייגונג האבען מיר ניט וואס צו רעכנען. איהר פערגעסט דעננאך אז אין די נאכט, ווען דער מאנד שטעהט פולל אין הימעל, קומט צו אין ים וואסער מעהר ווי געוועהנליך. נאך פערלויף פון פינף טעג האבען מיר פאללמאנד און דאן בין איך זיכער אז מיר וועלען אים שטאנד זיין אונזער רייזע וויטערע פארטצוזעטצען."

נאך דיעזע ערקלעהרונג אין דער קאפיטאן מיט זיין לייטענאנט אראפ צוריק אונטען אין שיף. דאס וואסער ארום איז געווען גאנץ רוהיג און האט שוין עררייכט די העכסטע שטופע פון זיין אויפשטייגונג, זא דאס קירצליך וועט עס ווידער אנפאנגען אבצופאלען און דאן וועט דער נאוטילוס נאך פעסטער זיטצען אויף זיין אונטערוואסערדיגען פעלזען.

„נון, מיין הערר ?" האט עדוארד לענד א פרעג געטהון צוגעהענדיג צו מיר מיט קאנסייל'ן „ענדליך איז דיעזעס פערדאמטע שיף ניט אים שטאנד וייטער צו רייזען. איך גלויב אז ווען דער קאפיטאן זאל ארויס ווארפען אלעס וואס אין נאוטילוס געפינט זיך, אום די שווערקייט פון שיף לייכטער צו מאכען און אנשטרענגען אלע זיינע מאשינען וועט ער אויך ניט אים שטאנד זיין איהר פון ארט צו ריהרען."

„ער רעכענט גאר ניט אז אזעלכע מיטלען וועלען נויטהיג זיין" האב איך ערקלעהרט „נאך זיין מיינונג וועט צו דער צייט פון פאללמאנד דאס אויפשטייגענדע וואסער אליין דאס שיף אויפהויבען."

„ניין, דאס וועט ניעמאלס געשעהען !" האט עדוארד געענטפערט

מיט א בייזען טאָן „איך זאָג אייך אז דיעזעס שטיק אייזען איז יעצט ווערטה מעהר ניט וויא אויף ברוך צו פערקויפען, אונד דארום וועלען מיר געוויס פון דעם קאפּיטאן'ס אנגענעהמע געזעלשאפט קענען ערלויזט ווערען. איך גלויב אז מיר קענען שוין יעצט פּראָבירען פון דאנען צו ענטלויפען; די טרוקענע ערד איז דאָ ניט ווייט."

„פריינד עדוואַרד" האָב איך ערוויעדערט „מיר דאכט זיך אז איהר זייט אין אירטהום, דער נאוטילוס איז פּאַרלויפיג ניט אונטערגעגאנגען אונד נאָך פערלויף פון פיער טעג וועלען מיר דאָך זעהען אויב ער קען ווייטער רייזען אָדער ניט. איבריגענס וואָלט איך אייער ראטה צו ענטלויפען אָנגע-נומען ווען מיר וואָלטען היינט געשטאַנען געגען א האפען פון ענגלאנד, אָדער פראנקרייך יעצט אָבער, ביי די אינזעל פּאַפּואַזיען, איז די זאַך עטוואָס אנדערס; אין דיעזען לאַנד, וואָס איז בעוואָהנט מיט ווילדע מענשען, קע-נען מיר ניט האָפען גליקליך זיך דורך צו שלאָגען, אונד עס איז גלייכער אָב צו וואַרטען אונד זעהען וואָס דאָ וועט מיט דעם נאוטילוס ווערען."

„אָבער מיר וואָלטען דאָך וועניגסטענס געקענט פּראָבירען אויף דיעזעס לאַנד צו קומען!" האָט עדוואַרד אויסגערופען „אויף דעם אינזעל, אונטער די בוימער פון וואַלד, געפינען זיך דאָך לאַנד-טהיערע, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך קאָטלעטען אונד ראָסטביף, אזעלכע שפּייזען וואָס איך וואָלט זעהר גערן וועלען געניסען."

„אין דיעזער הינזיכט איז פריינד עדוואַרד פּאָלקאָמען גערעכט" האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען „ווען דער העהר זאָל דארום בעטען זיין פריינד, דעם קאַפּיטאַן, גלויב איך אז ער וואָלט אונז ערלויבען צום ברעג צו פאָהרען, מיר זאָלען וועניגסטענס ניט פערגעסען ווי מען געהט ארום אויף דעם האַר-טען באָדען."

איך האָב מיינע קאַמעראַדען פערשפּראָכען מיט קאַפּיטאַן נעמאָ וועג-גען דעם איבער צו ריידען, אָבוואָהל עס וואַר מיר שווער צו גלויבען אז ער וועט דערויף איינשטימען. אָבער צו מיין גרויסען ערשטוינען האָט ער מיר באַלד, ביי'ן ערשטען וואָרט, מיט די בעכטע געפעליגקייט די ערלויבנים געגעבען דיעזען שפּאַציר צו מאַכען, אונד דאַביי אויך ניט געפאָדערט פון מיר א פערשפּרעכען אז מיר זאָלען אויף דעם נאוטילוס צוריק קומען. וואהר-שיינליך פערשטעהט ער זעהר גוט אז ענטלויפען אין דיעזע ווילדע לאַנד איז פיר אונז אונמעגליך אונד אז עס איז שוין פיעל גלייכער אַלס געפאַנגע-נער אויף זיין שיף צו פערבלייבען איידער אריין צו פאַלען אין די הענד פון די שרעקליכע איינוואָהנער פון פּאַפּואַזיען, וואו עס גיבען נאָך זאָגאַר גאַנצע שטאַמען פון מענשענפרעסער.

דען פאָלגענדען פריה מאָרגען איז פיר אונז געוועזן פאַרבערייטעט דאָס

קליינע שיפעל, וועלכע צוויי מאן האָבען אראָפּ גענומען פון פלאַטפאָרם אונד אַרונטער געלאָזען אין מעער. איך האָב אָנפאַנגס געגלויבט אַז קאַפּיטאַן נעמא, אָדער וועניגסטענס אירגענד וועלכע מאַנשאַפטען, וועלען אונז בעגלייטען, אַבער דאָס וואר ניט דער פאַל; דאָס שיפעל איז געשטאַנען פערטיג מיט רודערס אונד אַלע נויטווענדיגקייטען, אונד עס שטעהט אונז פריי זיך אריין צו זעטצען אונד אָבצופאָהרען. פער דעם ערפאַהרענעם עדוואַרד לענד איז עס אַ קלייניגקייט דורך צו פיהרען דאָס שיפעל צווישען די פעלזען ביי'ן ברעג אונד אין דיעזער הינזיכט דאַרפען מיר קיינעם'ס הילפע ניט האָבען.

דאָס מעער איז געוועזען גאַנץ רוהיג. פון לאַנד האָט געוועהט אַ לייכטער ווינטעלע, איך און קאַנסייל האָבען קרעפטיג גערודערט, וועהרענד עדוואַרד לענד האָט געפיהרט אונזער שיפעל דורך דעם שמאָלען פאַהר־וואַסער, צווי־שען די פעלזען וואו דער וועג וואר גאַנץ פרייא.

עדוואַרד איז געוועזען אויסער זיך פון פרייד. ער האָט אויסגעזעהן אַזויא גליקליך ווי אַ געפאַנגענער וואָס איז יעצט פון קערקער ענטלאָפען אונד אין דיעזער מינוט איז איהם געוויס ניט געקומען אויפ'ן זינען אַז ער וועט שליסליך מוזען אין דיזעלבע געפענגניס צוריק קעהרען.

„פלייש!" האָט ער ניט אויפגעהערט מיט ענטציקונג אוים צו רופען „יעצט וועלען מיר ווידער עסען פלייש, אונד נאָך וואָס פיר פלייש! עכ־טעס ווילד־בראָטען! שאַדע נור אַז מיר קענען דאַצו קיין גוטע שטיק ברויט בעקומען, אָבער עס מאַכט ניט אוים. מען דאַרף אַלעס גוטעס מיט איין מאָל ניט פערלאַנגען. ראָסט־ביעף געבראָטען אויף גליהענדע קאָהלען איז דאָך ווירקליך ניט קיין שלעכטע געריכט!"

„נאַשער!" האָט קאַנסייל פון איהם געלאַכט „איהר שילדערט עס אַזוי לעבהאַפט אַז מיר פערוועלט זיך שוין אויך דיעזען געריכט צו געניסען."

„די פראַגע איז אָבער" האָב איך איינגעווענדעט „אויב עס גיעבט איבערהויפט אין דיעזע וועלדער טהיערע וואָס קענען נוטצען צום שפּייזען, ביילייכט וועלען מיר געפינען אַנדערע וואָס וועלען לוסט האָבען דעם גע־שמאַק פון מענשען־פלייש צו פּראָבירען."

„גאַנץ ריכטיג, הערר אַראָנאַקס!" האָט עדוואַרד אויסגערופען מיט אַזאַ מינע ווי ער וואָלט פערטיג געוועזען אַ העלפאַנד איין צושלינגען „איך בין זאָגאַר בערייט טיגער־קאָטלעטען צו עסען, נור אום אַ פלייש־שפּייז צו פערזוכען. יעדענפאַלס וועל איך זעהען מיט מיין ערשטען שוס צו טרעפען ענטוועדער אַ פיערפיסיגע בעשעפעניס אויף דער ערד, אָדער אַ צוויי פיסי־גע אין דער לופט."

„ניין, זייט נור פאָרזיכטיג אונד זעהט ריכטיג צו ציעלען."

„זאָרגט ניט, הערר אַראָנאַקס! רודערט נור שטאַרקער אונד זייט זי־

כער אז נאָך פערלויף פון א האלבע שטונדע וועל איך אויפטישען א געריכט נאָך מיין געשמאַק."

אום אכט אונד א האלב אוהר איז אונזער שיפעל דורך געפאָהרען גליקליך אַלע פעלזען אונד זאנפט געלאַנדעט ביי א זאַמדיגען ברעג פון אינזעל.

12־טעם קאַפּיטעל.

אייניגע טעג צו לאַנד

עס האָט אויף מיך געמאַכט א טיעפען איינדרוק אַלס מיר זיינען יעצט נאָך פערלויף פון אזא לאַנגע צייט, ווידער אויף דאָס טרוקענע ערד געקומען. עדוארד לענד, האָט א מאַנץ געטהאָן פון פרייד, אונד דאָך ווארען ערשט נאָר צוויי מאָנאַטען פערפלאָסען פון דער צייט וואָס מיר זיינען געוואָרען פאססאַזשירען פון נאוטילוס.

אין אייניגע מינוטען זיינען מיר געווען א שטיק אָבגעגאַנגען פון ברעג, אויף דעם באָדען איבעראַל צייגט זיך זיין רייכע פרוכטבארקייט אונד פון ווייטען זעהט זיך דער געדיכטער וואלד, מיט זיינע אונגעהויערע בוימער, פון וועלכע אייניגע זיינען ביז צוויי הונדערט פוס הויך. דאָס ווארען פון פערשיעדענע פראַכטפאָלע זאָרטען, וועלכע מען געפינט נאָר אין דיא וואַרעמע לענדער. די נאַטור אין דיעזע געגענד איז ווירקליך מאַיעסטעטיש־שעהן אונד רייך, אָבער דער קאַנאַדיער בעמערקט עס גאָר ניט; ביי איהם איז דאָס ניטצליכע פאַר'ן מאָגען פיעל וויכטיגער ווי די שעהנהייט פון די נאַטור בילדער. באַלד בעמרקט ער א קאַקאָס־בוים אונד שלאָגט אָב אייניגע פון זיינע פרוכטען, צערברעכט זיי אונד מיר האָבען מיט פערגניגען זיך אָנגעטרונקען מיט זייער מילך אונד געגעסען זייערע קערנער, וועלכע ווארען אין דיעזע מינוט פיר אונז פיעל געשמאַקער אַלס די בעסטע שפייזען וואָס מיר געניסען אויף דער נאוטילוס.

„פאָרטרעפליך!" האָט עדוארד אויסגערופען, „אונד איך גלויב ניט אז אייער נעמא זאָל עטוואָס דאַגעגען האָבען ווען מיר וועלען א לאַדונג פון דיעזע פרוכטען אויפ'ן נאוטילוס ברייננגען.

„נאַטירליך ניט" האָב איך געענטפערט „אָבער ער וועט דערפון ניט וועלען געניסען.

„דאַן וועט פיר אונז מעהר בלייבען," האָט קאָנסייל געלאַכט, וועלכער

איז יעצט געגען זיין קאַלטבלוטיגע געוואָהנהייט זעהר מונטער אונד פרעה־ליך געוואָרען."

„נאָר איין וואָרט, מייסטער עדוארד" האָב איך צום האַרפּוניער גע־זאָגט, וועלכער איז שוין יעצט געווען בעשעפטיגט פון א צווייטען בוים די קאָקאָס־ניס אָב רייסען „דיעזע פרוכטען זיינען געוויס זעהר גוט אונד גע־שמאַק, אָבער מיר דאַרפען אונטערזוכען אויב דאָ וועט ניט מעגליך זיין אנדערע ניטצליכע פּראָדוקטען צו געפינען, איבערהויבט אירגענד וועלכע קרויטער."

„מיין הערר האָט רעכט" זאָגט קאָנסייל „אונד איך שלאָג פאָר אַז מיר זאָלען אין אונזער שיפעל מאַכען דריי בעזונדערע אבטהיילונגען; איינע פיר בוים פרוכטען, דיא צווייטע פיר קרויטער אונד די דריטע פיר טהיער־פלייש."

„אַה, פלייש, פלייש!" האָט דער קאַנאַדיער אויסגעשריען „איך בין אזוי הונגעריג נאָך דיעזע שפּייז אַז זאָגאר א שטיק מענשען־פלייש וואָלט מיר יעצט זעהר גוט שמעקען."

„עדוארד, עדוארד!" האָט קאָנסייל מיט א קאָמישען געלעכטער אויס־געררופען „ איהר מענשען־פרעסער! אויב אזוי בין איך דאָך זאָגאר אין קאַיור־טע פון אייך ניט זיכער. עס קען זעהר מעגליך זיין אז א געוויסען פריה־מאָרגען וועל איך אויפוואַכען א האַלב־אויפגעפרעסענער."

מיר זיינען אונטערדעסען אימער טיעפער אין וואַלד אריינגעקומען, דורך וועלכען מיר האָבען צייט צוויי שטונדען זיך ארום געטריעבען ניט בעמער־קענדיג אירגענד וועלכען לעבענדיגען וועזען; דאַפיר אָבער האָבען מיר פון דעם פלאַנצען־ רייך געפונען א זעלטענעם, קאָסטבאַרען שפּייזע־פּראָדוקט. דאָס וואר נעמליך דער בעוואוסטער ברויט־בוים, מיט זיינע גרויסע דיקע פריכטע, אין וועלכען עס געפינט א זאָרט מעהל, וואָס ווירד בענוצט צו באַקען די געשמאַקסטע ברויט. די נאַטור האָט דיעזע געגענדען וואו עס וואַקסט קיין תבואה פערזאָרגט מיט אזא בוים, וועלכער שפּענדעט זיינע פרוכטען אין פערלויף פון אכט מאָנאַט אין יאָהר.

עדוארד לענד האָט אין זיינע צאָהלרייכע רייזען וואהרשיינליך דיעזען בוים גוט קענען געלערנט אונד ריכטיג פערשטאַנען ווי פון איהם דאָס ברויט צו פערפערטיגען.

„מיין הערר" האָט ער זיך אָבגערופען „איהר וועט באַלד געניסען אזא געשמאַקע פּאַסטעטע וואָס איהר קענט אין דער בעסטע בעקריי פון פּאַריז ניט בעקומען. מיינע פאָרבערייטונגען וועלען ניט לאַנג דויערען."

איך האָב אויסגעשפּראָכען מיין צופריעדענהייט, וועהרענד עדוארד האָט צוזאַמען גענומען דאַרע צווייגען אונד אָנגעצונדען מיט זיין ברען־גלאָז.

אין איינינע מינוטען האט שוין געפלאממט א לוכטיגער פייער. עדוארד צו שניידט א דוצענד פון דיעזע פרוכטען אויף גראבע שטיקער, אונד לייגט עס אריין אין פייער צווישען די קאהלען.

„איך זאג אייך, הערר פראפעסאר" רופט ער דאביי אויס מיט פער־געניגען „אויב דיעזע פאסטעטען וועלען אייך ניט געפעלען דאן מעגט איהר אויף מיר זאגען אז איך בין ניט דער קעניג פון הארפוניער."

נאך א קורצע צייט צייגט זיך אין די קאהלען א צארטער קלאהר־וויי־סער טייג אונד באלד איז אויך דיעזעס פרוכטען־בוים פאלשטענדיג פערטיג געוועזען. איך האב עס דעם ערשטען מאהל אין מיין לעבען פערזוכט אונד געפונען אז דאס איז ווירקליך א זארט געבעקס פיעל געשמאקער אלס אלע די יעניגע וועלכע מען מאכט פון געטריידע־מעהל.

„ליידער" האב איך געזאגט „קען מען דיעזע שפייזען ניט לאנג ער־האלטען אין א פרישען צושטאנד אונד איך גלויב אז עס נוצט דארום ניט פיעל פון זיי אויפ'ן שיף מיט צו נעהמען."

„איהר רעדט ווי א געלעהרטער, מיין הערר!" האט עדוארד ערוויע־דערט „קאנסייל, העלפט מיר נאר א רעכטע ביסעל פון דיעזע פרוכטען אויף צו זאמלען, זיי וועלען אונז זעהר גוט צו נוטץ קומען."

„אונד ווי ווילט איהר זיי דאן פארבערייטען?" האב איך מיט נייגע־ריגקייט געפרעגט.

„גאנץ איינפאך, איך מאך פון דעם פרוכטען־מעהל אין איבערגעזויער־טען טייג, וועלכער קען גאנץ לאנג האלטען אונד ניט פערדארבען ווערען. צו יעדע צייט ווען אונז וועט נאר געלוסטען, קענען מיר דאן אין דער נאוטי־לוס־קיך א גוטען ברויט זיך אויסבאקען."

„דאן פעהלט צו דיעזען ברויט גאר ניט מעהר?"

„נון מיט עטוואס גוטע קרויטער איז איהם פיעל בעסער צו געניסען" האט עדוארד ערקלעהרט.

אלס מיר זיינען מיט דעם איינזאמלען פון דיעזע ברויט־פרוכטען פער־טיג געווארען האבען מיר זיך בעגעבען וויטער אין וואלד, אום אירגענד וועלכע אנדערע שפייזען אויס צו זוכען. ביז מיטאג צייט איז אונז אויך גע־געלונגען אויף צו זאמלען א רייכע צאהל באנאנען, אנאנאסען אונד פיעלע אנדערע אונגעוועהנליך גרויסע אונד אויסגעצייכענטע פריכטע, אבוואהל דיע־זע איינזאמלונג האט ביי אונז זעהר פיעל צייט גענומען, אבער מיר זיינען דאפיר גוט בעלאהנט געווארען.

„ענדליך, פריינד עדוארד" האט קאנסייל צום קאנאדיער זיך אבגע־רופען „ענדליך וועט אייך קיין זאך ניט פעהלען. יעצט האט איהר בעקו־מען אלעס וואס אייער הארץ געלוסט."

„נון, נאָך ניט אַלעס״ האָט עדואַרד מיט איין אונצופריעדענע מינע נעענטפערט „קיין גאַנצען מאָהלצייט קען מען פון אַזעלכע פריכטען ניט האָבען. זיי זיינען נאָר גוט צום דעסערט; אָבער וואו איז די זופּ? דער בראָטען?״

„יא עדואַרד״ האָב איך פון קאַנאַדיער געלאַכט „עס איז זעהר צווייפעלהאַפט אויב איך וועט געלינגען היינטיגען מאָהל זיך צו פערשאַפען קאָטלעטען״

„מיין הערר״ האָט ער ערוויעדערט „אונזער יאַגד איז נאָך ניט געענדיגט, זאָנדערן זי פאַנגט זיך ערשט יעצט אָן. מיר וועלען באַלד אירגענד וועלכע טהיער געווים אַנטרעפען, אויב ניט דאָ איז אַנדערסוואו.״

„אונד אויב ניט היינט איז מאָרגען״ האָט קאָנסייל געלאַכט „דען עס איז שוין יעדענפאַלס צייט מיר זאָלען אומקעהרען צוריק צו אונזער שיפעל.״

עס וואַר ווירקליך שוין אונגעפעהר צוויי אוהר נאָך האַלבען טאָג אונד מיר וואַרען אַזוי ווייט פון ברעג אַז עס איז נאָר קוים גענוג צייט איבערגעבליעבען ביז נאַכט צוריק צו קומען. ניט קוקענדיג אויף עדואַרד׳ס פּראָטעסטען האָבען מיר צוזאַמען גענומען אַלע אונזערע פרוכט־זאַמלונגען אונד זיך בעגעבען אויף דעם וועג צו אונזער שיפעל.

עס איז פאַרביי געהענדיג געלונגען נאָך אייניגע סאָרטען פּאַלמען־פרוכטען אונד נאָך אַזעלכע זעלטענע שפּייז ארטיקלען צו געווינען, ביז מיר זיינען ענדליך געקומען צום שיפעל רייך אונד שווער בעלאָדען.

ענדליך אום פינף אוהר אָבענד האָבען מיר פערלאָזען דעם אינזעל אונד א האַלבע שטונדע שפּעטער זיינען מיר געוועזען אויפ׳ן נאוטילוס. אונזער שיף האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי פערלאָזען; עס איז דאָרט קיין מענשען יעצט ניט געוועזען צו בעמערקען. עדואַרד און קאָנסייל האָבען געבראַכט זייערע פּראָדוקטען אין די שפּייכלער־קאַמערן אונד איך האָב מיך בעגעבען אין מיין צימער, וואו דאָס אָבענד־עסען איז שוין געשטאַנען אויפ׳ן טיש געגרייט. איך האָב מיט אַפּעטיט געשפּייזט אונד דאַן זיך היננעלייגט שלאָפען.״

דען פאָלגענדען פריה־מאָרגען איז די לאַגע פון אונזער שיף געבליעבען ניט פערענדערט. דער נאוטילוס זיצט נאָך אימער ווי איינגעמויערט אויף די קאָראַלען־פעלזען. איבעראַל איז שטיל אונד עס איז זאָגאָר קיין לעבענס־צייכען ניט צו בעמערקען. דאָס שיפעל איז נאָך געשטאַנען אויפ׳ן וואַסער, אויף די זעלבע שטעלע וואו מיר האָבען עס נעכטען געלאָזען. מיר האָבען בעשלאָסען היינט נאָך א מאָהל אויף די אינזעל צו פאָהרען. עדואַרד לענד האָפּט אין זיינע יאַגד־אונטערנעהמונגען היינט גליקליכער צו זיין אונד פערלאַנגט מיר זאָלען איין אַנדער געגענד פון וואַלד בעזוכען.

באלד ווי די זון איז אויפגעגאנגען זיינען מיר שוין געווען אבגעפאהרען. די וואסער־שטייגונג האט אונזער שיפעל געהויבען, זא דאס עס וואר אונז היינט פיעל לייכטער צום ברעג צו קומען.

עדוארד לענד האט זיך געשטעלט ביי אונזער היינטיגען שפאציר־גאנג אלס אנפיהרער אונד מיר האבען איהם נאכגעפאלגט. אין איין גאנץ אנדערע ריכטונג נאך וועסט. מיר זיינען אייניגע טייכלאך אריבער צו פוס אונד ענדליך געקומען אויף א הויכען, גלייכען פלאטץ, וועלכער וואר פון אלע זייטען ארום גערינגעלט מיט וואונדערבארע וועלדער. אייניגע אייז־פויגלאך האבען געשוועבט איבערן וואסער, פון וועלכע מיר וואלטען זיך געקענט א געשמאקען פריהשטיק פארבערייטען, אבער עס איז ניט מעגליך געווען צו זיי נעהענטער צו קומען, זייער פארזיכטיגקייט אונד פורכט געגען א מענשען בעווייזט אז דיעזע אינזעל איז בעוואהנט, אדער פיעלייכט קומען די ווילדע פון אנדערע אינזלען אהער נאר צום יאגד, דען ביז יעצט האבען מיר דא קיין מענשען ניט געזעהען.

אריבער געהענדיג א גאנץ פרוכטבארען וויעזען־פלאטץ זיינען מיר געקומען אין א קליינעם וועלדעל, וועלכער וואר מונטער בעלעבט פון פער־שיעדענע פראכטפאל שעהנע פויגלאך, עדוארד איז שוין פערטיג געווען אויף זיי יאגד צו מאכען, אבער קאנסייל האט איהם דאפון אבגעהאלטען.

„דאס זיינען נאר פאפוגייען" האט מיין וויסענשאפטליכער דיענער איהם ערקלעהרט „אונד דיעזע פויגלאך קענען צום עסען ניט געברויכט ווע־רען."

אין דער טהאט האבען דא געפלאטערט אין די געדיכטע בוימער א מענגע פאפוגייען פון איין צוויג צום אנדערען. ביי א בעסערע ערציהונג וואלטען דיעזע פויגלאך געקענט אויסלערנען די מענשליכע שפראך, אבער יעצט שוואטצען זיי, אין דער געזעלשאפט פון אנדערע זארטען רייצענדע פויגלאך, פון וועלכע קיינע איז אבער נוטצבאר צום עסען.

דיעזע אינזלען פון פאפואזיען זיינען בעריהמט מיט די שעהנסטע אר־טען פון אזעלכע פויגלאך וואס עס איז זעלטען אין אירגענד וועלכען אנדע־רען פלאטץ אנצוטרעפען. מיר האט זיך אבער איבערהויפט געוואלט זעהן דעם הערליכען פאראדיז־פויגעל, אונד מיין נייגעריגקייט איז ווירקליך באלד בעפריעדיגט געווארען. דורכגעהענדיג וויטער א שטיק וואלד, וועלכער וואר ניט זעהר געדיכט, זיינען מיר אנגעקומען אויף א פרייען פרוכטבארען פלאטץ אונד דא האב איך באלד דערזעהען פראכטפאלע פויגלאך, מיט זייערע בע־זאנדערע, אנמוטהיגע בעוועגונגען אונד פון אזעלכע גלענצענדע פארבען אז יעדעס אויג האט דאפון געמוזט ענטציקט ווערען. איך האב באלד דער־

קענט אז דאס זיינען פאראדיעז־פויגלאך. איך האב אויסגעשפראכען מיין וואונש איינע פון דיעזע זעלטען שעהנע בעשעפעניסע צו בעזיטצען.

„מיר וועלען עס פרובירען, הערר פראפעסאר" האט עדווארד פערזי־כערט „אבוואהל די וואהרהייט זאגענדיג בין איך מיט די האפנונג פיעל מעהר געשיקט אלס מיט'ן ביקס."

דעננאך איז דעם קאנאדיער ניט געלונגען זיין פערשפרעכען צו ערפי־לען. די פארזיכטיגקייט פון די פויגלאך איז אזוי שטארק אז עס איז ניט מעגליך צו זיי נעהענטער צו קומען אונד מייסטער עדווארד האט אומזיסט פערברויכט קאפיטאן נעמא'ס גלעזערנע קוילען, זוכענדיג צו שיסען איינעם פון דיעזע שעהנע בעשעפעניסע אין די צייט פון איהר פארביי פליהען. עס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען קיין איינציגע צו טרעפען.

ביז עלף אוהר פארמיטאג זיינען מיר דורכגעגאנגען די פארדעסטע געבירגען, וועלכע שטעהען אין מיטעל פונקט פון דיעזען אינזעל. מיר האבען שוין אנגעפאנגען צו שפירען הונגער, וועלכען עס וואר ניט מיט וואס צו בעפריעדיגען, דען זיך פערלאזענדיג אויף די פראדוקטען פון אונזער יאגד האבען מיר קיין שפייז ניט מיט גענומען. צום גליק איז גראדע יעצט קאנ־סייל'ן געלונגען א פאאר ווייסע טויבען מיט א דאפעלטען שוס צו טרעפען. באלד ווארען זיי אבגעפליקט, אונד אבגעבראטען אויף א העלען פייער, וועלכער איז שנעל געמאכט געווארען פון פערטריקענטע האלץ. עדווארד האט פארבערייטעט גוטע פאכטעטען פון דעם ברויט־בוים אונד דער פארטרעפ־ליכער פריהשטיק וואר באלד פערצעהרט.

„נון, עדווארד" האב איך געפרעגט דעם קאנאדיער „זייט איהר שוין יעצט צופריעדען מיט דעם פלייש־מאהלצייט?"

„ניין; הערר אראנאקס! היהנער אונד פויגעל־שפייז איז נאר א ביי־עסען צום צייט פערטרייב. אזוי לאנג ווי איך וועל ניט האבען א גוטעם קאטלעט פון א פיערפיסיגען טהיער בלייבט מיין אפעטיט ניט בעפריעדיגט."

„אונד מיר וואלט זיך זעהר וועלען א פאראדיעז פויגעל בעקומען" האב איך אויסגעשפראכען.

„זעהר גוט, דאן מוזען מיר אונזער יאגד פארטזעטצען" האט קאנסייל זיך אבגערופען „אבער איך גלויב אז פיר אונז לוינט ניט צו קלעטערען ווייטער אין די געבירגען. עס קען מעגליך זיין אז מיר וועלען אונגעריכט אריין קומען אין א דארף פון די ווילדע מענשען־פרעסער. בעסער וועלען מיר זיך האלטען פערבארגען אין וואלד אונד ביסלעכווייז זיך דערנעהענ־טערען צום ברעג."

מיר האבען דיעזען גלייכען ראטה אנגענומען. די נעכסטע פאאר שטונדען האבען מיר צוגעבראכט אין וואלד אונד ענדעקט איינינע אנ־

דערע זאַרטען שעהנע פּרוכטען; אָבער קיין שפּור פון אירגענד וועלכע פּיער־פיסיגע טהיער, זאָגאר די פויגלאך זיינען פאסט פערשוואונדען אונד איך האָב אויסגעשפּראָכען מיין בעדויערען אז עס איז וואהרשיינליך מעהר קיין אויכזיכט מיר זאָלען א פּאראדיעז־פויגעל בעקומען. פּלוצלונג האָט קאָנסייל, וועלכער איז פאראויס געגאנגען, זיך איינגעבויגען און צוגעלאָפען צו מיר מיט איין אויסרוף פון פרייד, האַלטענדיג אין האנד א לעבענדיגען פּאראדיעז־פויגעל.

„אָבער, מיין ליעבער יונגע! האָב איך אויסגערופען מיט גרויס וואונדער „ווי אזוי איז דיר געלונגען דיעזעס שעהנעס פויגעל מיט די הוילע הענד צו פאנגען?"

„אָה, מיין העררר, זעהט איהר דען ניט אז דאָס פויגעל איז בעטרונקען?"

„בעטרונקען?" בין איך העכסט איבעראַשט געוואָרען.

„יא, מיין העררר, פון די מוסקאט־ניסען, וואָס וואקסען אויף יענעם בוים, אונטער וועלכען איך האָב איהם געפאנגען."

איך אונטערזוך דעם מערקווירדיגען פויגעל אונד געפין אז קאָנסייל ערקלעהרט גאנץ ריכטיג. דער פּאראדיז פויגעל איז געווען בעטרונקען פון דעם מוסקאט זאפט, זאָ דאָס ער איז יעצט ניט אים שטאנד געווען צו פליהען, אָדער זאָגאר זיך צו בעוועגען. דאָס האָט מיר גאנץ וועניג געקימערט וויסענדיג אז דיעזער צושטאנד איז פיר איהם ניט געפעהרליך אונד ער ברויכט נאָר זיך אויס צו שלאָפען, אום ווידער פריש אונד מונטער צו זיין.

דיעזער פּאראדיעז־פויגעל איז דער שעהנסטער אונד דער זעלטענסטער פון די אכט זאָרטען וואָס געפינען זיך אין פּאפּואזיען אונד די באנאכבאר־טע אינזלען, פון זיין פארבונג איז ווירקליך ערשטוינט אונד ענטציקט צו ווערען. זיין שנאָבעל געלב, פיס אונד נעגעל קאפע־ברוין, דאָס הויפּט קאָ־לאָר—א גלענצענדע סמאראגדען פארב, זאָ דאָס די שעהנהייט פון דיע־זען מערקווירדיגען פויגעל איז ווירקליך צו בעוואונדערען.

„איז ער דען זעהר זעלטען?" האָט זיך זאָגאר עדוארד אינטערעסירט צו פרעגען.

„יא זעהר זעלטען, גוטער קאמעראד, אונד דאצו נאָך א לעבענדיגען איז גאנץ שווער צו בעקומען. זיינע פעדערען זיינען א וויכטיגער ארטי־קעל אין האנדעל."

מיין וואונש ווענען א פּאראדיעז־פויגעל איז אויף דיעזען אופן אם בעסטען ערפילט געוואָרען. באלד האָט אָבער אויך דער צופאל בעפרידיגט דעם קאנאדיער. נעגען צוויי אוהר איז איהם געלונגען צו שיעסען א פּראכ־טיגען הירש, עדוארד האָט איהם געשיקט אָבגעשונדען אונד אויסגעשניטען

דאפון א האלב דומצענד קאטלעטען אונד א ראכט־בראטען צום אבענד עסען. דאן איז די יאגד פארטגעזעצט געווארען, ביי וועלכע עדווארד אונד קאנסייל האבען דעם בעסטען ערפאלג געהאט.

געהענדיג ווייטער דורכ'ן וואלד האבען זיי אנגעטראפען א גאנצע סטאדע קענגורוס. דאס זיינען נעמליך א זארט שפרינג־בעק, וואס לעבע־נאר אין אויסטראלישען וועלט־טהייל אונד די ארומיגע אינזלען. די בע־זונדערע מערקווירדיגקייט פון דיעזע ברואים בעשטעהט דארין, אז אונ־טערען בויך ציהט זיך נאך א דיקע הויט, ווי א זאק, אונד דארום רופט מען זיי אויך בייטעל־טהיערע. די יונגע וואכ: ווערט געבארען גאנץ שוואך און ניט ענטוויקעלט רוקט די מוטער אריין אין דיעזען בייטעל; דארט זויגען זיי זיך צו צו איהר ברוסט אונד פערבלייבען אין אזא צושטאנד צייט איי־ניגע מאנאטען אונד נאך מעהר, ביז זיי קומען ארויס פאלשטענדיג ערוואק־סען אונד קרעפטיג, דאס פלייש פון קענגורו איז געשעצט אלס די פאר־טרעפליכבטע שפייז.

ביי דעם אנבליק פון אונזערע יעגער האבען די טהיערע אנגעפאנגען האסטיג אוועק צו שפרינגען, אבער די עלעקטרישע קוילען זיינען פיעל שנעלער אונד אין א פאאר מינוטען ווארען אייניגע שטיקער געשאסען.

„הערר פראפעסאר!" האט עדווארד אויסגערופען „איך מוז אייך זא־גען אז אויף אזא פראכטיגען בראטען האב איך זיך אליין ניט געריכט. פינף שטיק ליעגען געשאסען אונד דאס אלעם וועלען מיר אויפ'ן נאוטי־לום אליין פערצעהרען. די דומקעפף פון אייער קאפיטאן'ס מאנשאפט וועל־לען פון מיר קיין שטיקעל צו פערזוכען אויך ניט בעקומען."

די יאגד האט זיך געענדיגט מיט א דוטצענד געשאסענע טהיערע, עס איז אונז קוים געלונגען ביז זעקס אוהר פאר נאכט דיעזען רייכען פלייש־פאר־ראטה אויף אונזער שיפעל צו טראנספארטירען. דער נאוטילוס זעהט זיך אונגעפעהר צוויי מייל ווייטער, ווי א לאנגער צילינדער.

עדווארד לענד האט באלד אנגעפאנגען צו פערפערטיגען די מאהל־צייט, וועלכער ער פערשטעהט אויסגעצייכענט צו מאכען. די געבראטענע קאטלעטען פון הירשען־פלייש פערברייטען באלד איין זעהר אנגענעהמען גערוך, זא דאס אין מיר האט זיך אויך ערוועקט א שטארקע לוסט דיעזע שפיי־זע צו געניסען.

קורץ, אונזער אבענד עסען איז געוועזן פארטרעפליך. דאס נעבען־גע־ריכט פון וואלד־טויבען, דיא געשמאקע פאסטעטען פון ברויט־בוים, צום דעסערט אנאנסען־פריכטע אונד איין אויסגעצייכענטער געטראנק פון קא־קאס־נים, דאס ווארען אזעלכע שפייזען וואס זאגאר די רייכסטע לייטע קענען זיך ניט צו יעדע צייט פערשאפען. איך גלויב זאגאר אז פון פיעל

לוכט זיינען די גערעכקען פון מיינע קאמעראדען עטוואס ניט־קלאָהר גע־וואָרען.

„וואָס וואָלט זיין ווען מיר זאָלען אויף דיעזער אינזעל נעכטיגען?" האָט קאָנסייל זיך אָפּגערופען.

„אָדער ווען מיר זאָלען גאָר נאָך דעם נאָוטילוס ניט צוריק קעהרען?" האָט עדוארד זיין מיינונג אויסגעשפּראָכען.

אין דיעזען אויגענבליק איז אַ שטיין געפאלען ביי אונזערע פיס אונד דאָס געשפּרעך האָט אויפגעהערט.

צוויי־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

דעם קאַפּיטאַן'ס בליטץ.

מיר האָבען זיך אַלע עטוואָס איבערראַשט ארום געקוקט צום וואַלד, נאָך יענער ריכטונג פון וואַנען דער שטיין איז געקומען צו פליהען, מיר בעמערקען אָבער פאַרלויפיג קיין לעבענדיגען מענשען ניט.

אין דיעזען אויגענבליק איז געפאַלען אַ צווייטער רונד געשליפענער, שארפער שטיין. מיר זיינען אויפגעשפּרונגען מיט די געוועהר אין האַנד, פערטיג אירגענד וועלכען אנגריף צוריק צו ווייזען.

„פיעללייכט זיינען דאָס גאָר אַפּען? (מאַנקים)" האָט עדוארד גע־קלעהרט.

„פאַסט דאָס זעלבע. דאָרט שטעהען ווילדע מענשען" צייגט קאָנסייל צום וואַלד.

איידער דעם קאמפף אויפצונעהמען, ניט וויכטיג ווי גרוס זייער צאָהל איז האָבען מיר זיך שנעל אין אונזער שיפעל צוריק געצויגען, אונד דאן האָבען מיר דערזעהען אז דאָס ווארווירקליך נויטווענדיג, דען אונ־געפעהר צוואַנציג ווילדע, מיט בויגען אונד שטיינער־שליידערער בעוואַ־פענט, האָבען זיך יעצט געצייגט ביי'ן ראַנד פון וואַלד, וועלכער וואר ניט ווייטער ווי הונדערט טריט פון אונז.

די שווארצע מענשען־פרעסער קומען צו אונז אימער נעהענטער, אָב־וואָהל ניט גאַנץ שנעל, דען וואהרשיינליך בעמערקען זיי ניט אונזער פער־בארגענע שיפעל אונד גלויבען אז מיר וועלען געוויס אין זייערע הענד אריין פאַלען. מיר האָבען נאַטירליך לאַנג ניט געוואַרט, איבערהויפּט ווען אונזערע פּראָוויאַנטען זיינען שוין זיכער אריינגעבראַכט אין שיפעל, אויף וועלכע מיר זיינען באַלד פון ברעג אָבגעפאָהרען.

מיר זיינען אונגעפעהר א האלב מייל אוועק פון ברעג, אלס דארט ווארען שוין פערזאמעלט ביי א הונדערט שטיק פון די שווארצע אינזעל־בעוואהנער, ברילענדיג ווי די ווילדע טהירע. איך גיב א קוק אויף דעם נאר־טילוס, אויב אירגענד ווער פון די מאנשאפט בעוויזט זיך אויפ'ן פלאט־פארם. אבער ניין. דאס מערקווירדיגע שיף שטעהט גאנץ לעהר.

נאך פערלויף פון צוואנציג מינוטען זיינען מיר אנגעקומען צום נאר־טילוס. די פלאטען צום טרעפ נאך אונטען זיינען אפען, אבגערוקט, וואהר־שיינליך ווארטענדיג אויף אונזער צוריק קומען. נאכדעם ווי מיר האבען דאס שיפעל בעפעסטיגט צוגעבונדען זיינען מיר אונטען אראפגעגאנגען.

איך הער אז אין זאלאן שפיעלט מען פארטעפיאנא אונד האב מיך גראדע דאהין בעגעבען. קאפיטאן נעמא איז געוועזען אזוי פערטיעפט אין מוזיק אז ער בעמערקט ניט ווי איך געה אריין אונד רוף איהם ביי'ן נאמען.

ענדליך אלס איך האב איהם די האנד בעריהרט איז ער האלב ער־שראקען אונד איבעררראשט אויפגעשפרונגען.

„אה, דאס זייט איהר, הערר פראפעסאר?" האט ער זיך אבגערופען „נון ווי איז געגאנגען אייער יאגד? האט איהר פיעל קרויטער אונד פרוכ־טע געזאמעלט?"

„יא, קאפיטאן, אבער מיר זיינען בעמערקט געווארען אויפ'ן אינזעל פון א באנדע צוויי־פיסיגע ברואים, אונד איך בין בעזארגט דארום ווייל זיי געפינען זיך דא נאהענט."

„וועלכע צוויי פיסיגע ברואים מיינט איהר?"

„ווילדע מענשען" האב איך ערקלעהרט.

„ווילדע!" האט דער קאפיטאן ערווידערט מיט א טאן פון שפאט „איז דען ביי אייך א וואונדער, הערר פראפעסאר, אז בעטרעטענדיג די טרוקענע ערד האט איהר באלד ווילדע אנגעטראפען? וואו ווערט איהר דען אזעלכע ווילדע ניט געפינען? זיינען דען דיעזע שווארצע פון פאפואזיען מעהר ווילד ווי די ווייכע מענשען פון אנדערע לענדער?"

„אבער, קאפיטאן. . ."

„נאך מיין מיינונג" האט ער איבערגעהאקט מיינע רייד איז די גאנצע וועלט פול מיט אזעלכע ווילדע."

„וועגען יענע וועלען מיר שפעטער ריידען, קאפיטאן" האב איך ער־ווידערט „אבער דיעזע ווילדע פון פאפואזיען וועלען באלד בעפאלען דעם נאוטילוס אויב איהר וועט ניט זעהען א מיטעל זיך צו שיטצען."

„זייט גאנץ רוהיג, הערר פראפעסאר, עס איז ניט דא וואס מורא צו האבען."

„אָבער די פּאָזיציען זיינען דאָ אין אַ צאָהלרייכע באַנדע, ניט ווייט ביי'ן ברעג."

„ווי פיעל מיינט איהר קענען זיך דאָרט געפינען?"

„וועניגסטענס אַ הונדערט."

„הערר אַראַנאַקס" האָט דער קאַפּיטאַן ערווידערט „ווען עס זאָלען אַפילו צוזאַמען קומען די צעהנדליגע טויזענד איינוואָהנער פון אַלע אינז־לען אַרום איז דער נאַוטילוס אויף זיכער פון זייער אַנגריף."

אויכשפּרעכענדיג דיעזע ווערטער האָט דער קאַפּיטאַן ווידער אָנגע־פאַנגען צו שפּיעלען אויף זיין קלאַוויר, מיט אַזאַ זיסע שעהנע מעלאָדיע אַז ער איז באַלד פערטיעפט געוואָרען אין אַ וועלט פון הערליכע מוזיק־קלאַנ־גען פון וועלכע איך האָב איהם לענגער ניט געוואָלט שטערען.

איך בין צוריק אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. באַלד איז גאַנץ פינס־טער געוואָרען, דען אין דיעזע וועלט געגענדען גיעבט עס פאַסט גאָר קיין פאַר נאַכט ניט, די זון געהט אונטער אונד דאַן ווירד עס מיט איינמאָהל גאַנץ דונקעל. דער נאָהענטער ברעג פון אינזעל איז ניט געווען צו זעהען, אָבער די פיעלע פייערען וואָס ווארען דאָרט אָנגעצונדען בעווייזען אַז די ווילדע מיינען ניט אַזוי שנעל זיך צוריק צו ציהען.

איך בין נאָך אייניגע שטונדען געבליבען אויפ'ן פּאָרדעק. באַלד איז דער מאָנד אויפגעגאַנגען אונד בעלויכטען מיט זיינע זילבערנע צויבער־שטראַהלען די שטילע וואַסערען פון מעער און די בוימער ביי'ן ברעג, וועל־כער וואַר יעצט פול בעזעצט מיט די פּאַפּואַזיער. אָבער דעם קאַפּיטאַן'ס קאַלטבליטיגע פערזיכערונגען האָבען אויף מיר געווירקט אַז איך האָב יעצט וועניגער מורא געהאַט. אַרום האַלבע נאַכט בין איך אַרונטער געגאַנגען אין מיין קאַיוטע אונד רוהיג איינגעשלאָפען.

די נאַכט איז פערביי געגאַנגען אָן אירגענד וועלכע שטערונג. וואַהר־שיינליך זיינען די פּאַפּואַזיער זעהר דערשראָקען געוואָרען פון אונזער מערק־ווירדיגע שיף, דען אָבוואָהל דער אַריינגאַנג צום טרעפּ איז געבליבען אָפען האָט דענאָך קיינער פון זיי זיך ניט ערלויבט צו קומען אויפ'ן נאַוטילוס אונד אַריין צו דרינגען אין שיף.

אום זעקס אוהר פריה, דען אַכטען יאַנואַר, בין איך אַרויף אויפ'ן פּאָרדעק. עס האָט גראַדע יעצט אָנגעפאַנגען צו טאָגען אונד דער מאָרגען־טהוי איז ביסלעכווייז פעריאָגט געוואָרען פון די יונגע זונען־שטראַהלען. עס איז יעצט דייטליך צו זעהען אַז די ווילדע געפינען זיך אויפ'ן ברעג פיעל צאָהלרייכער ווי פריהער, — פיעלייכט ביז פינף אָדער זעכס הונדערט. אייניגע בענוצען די יעצטיגע צייט, ווען דאָס וואַסער איז אָבגעפאַלען, אונד שפּרינגען פון איין פעלזען אויפ'ן אַנדערען, ביז זיי קומען גאַנץ נאָ־

הענט צום נאָוטילוס. עס איז מער לייכט זיי גענוי צו בעטראַכטען, דיעזע עכטע פּאַפּוּאַזיער, זייערע ריעזען קרעפטיגע געשטאַלטען, מיט ברייטע גע־זיכטער, דיקע נעזער אונד גלענצענדע ווייסע צייגער. די הויט פון גאַנ־צען קערפּער עכט שוואַרץ. אין די דורכגעשטאָכענע אויערען טראָגען זיי גרויסע שטיקער בליי. אין אַלגעמיינעם געהען דיעזע ווילדע גאַנץ נאַקעט.

איך בעמערק צווישער זיי איינינע פרויען, וועלכע זיינען פון די לענדען ביז צו די קניע בעקליידעט מיט אַ זאָרט קרינאָלינע פון צווייגען, בעהאנגען מיט פערשיעדענע בלעטער אונד פּלאַנצונגען. איינינע פון די נאַקעטע אַנ־פיהרער טראָגען האַלז־בענדער פון רויטע אונד ווייסע גלאָז־פּערלען; פּאַסט אַלע זיינען בעוואָפענט מיט בויגען, פיילען אונד פּאַנצערס, אונד אויף די שולטערם הענגט ביי זיי אַ זאָרט נעטץ, פול מיט רונדע שטיינער, וועל־כע זיי פערשטעהען זעהר געשיקט צו וואַרפען.

איינער פון דיעזע אַנפיהרער איז געקומען גאַנץ נאָהענט אונד אויפ־מערקזאַם בעטראַכט אונזער שיף. ער איז וואַהרשיינליך געוועזען אַ הויפּט־לינג פון דעם הויכען ראַנג, וואָס מען רופט ביי זיי „מאַדאַ," דען ער האָט געטראָגען אַ הילע פון באַנאַנע־בלעטער, וועלכע איז פערציערט מיט פראַנ־זען פון פערשיעדענע פאַרבען. מיר וואָלט זעהר לייכט געוועזען יעצט, ווען ער וואָר אַזוי נאָהענט, דיעזען הויפטלינג צו דערשיעסען, אָבער איך האָב בערעכענט אַז עס איז גלייכער פון אונזער זייט דעם קריעג ניט אָנצופאַנ־גען. איירער דאַרפען קיין מאָהל ניט די ווילדע צוערשט אָנגרייפען.

וועהרענד די גאַנצע צייט וואָס דער מעער וואַר אָבגעפאַלען האָבען דיעזע פּאַפּוּאַזיער זיך אַרום געטריעבען אויף די פעלזען, ניט מאַכענדיג קיין גרויסען לאַרם. איך בעטראַכט ווי זיי ווינקען צו מיר אונד רופען אי־מער דעם וואָרט „אַסאַי!" פון זייער מינע פערשטעה איך אַז זיי מיינען דאָמיט איך זאָל צו זיי אויפ'ן ברעג קומען. איך האָב נאַטירליך דיעזע איינ־לאַדונג ניט אָנגענומען.

צו עדוואַרד'ס גרויסען פערדרוס איז אונז אַלזאָ דיעזען טאַג מעהר ניט מעגליך געוועזען אויפ'ן יאַגד צו געהען. דער געשיקטער קאַנאַדיער איז איבריגענס יעצט שטאַרק בעשעפטיגט די פּראָדוקטען פון פלייש אונד מעהל, וואָס מיר האָבען פון אינזעל מיטגעבראַכט, פיר די צוקינפטיגע צייט אין אַ גוטען צושטאַנד צו פערוואַהרען. אונגעפעהר אום עלף אוהר פאַרמיטאָג, אַלס די וואַסערען פון מעער זיינען ווידער אויפגעשטויגען, האָבען די וויל־דע געמוזט פערלאָזען די פעלזען אונד זיך צוריק ציהען צום ברעג. אָבער איך זעה אַז דאָרט ווירד זייער צאָהל אימער גרעסער. וואַהרשיינליך קומען זיי פון פערשיעדענע אַרומיגע אינזלען, אָדער פון די אינערליכע דערפער אין

פאפּוּאזיען. דאָך איז ביז יעצט ניט צו זעהען קיין שיפעל, פון דעם זאָרט וואָס ווירד ביי זיי בענוצט.

אום די צייט צו פערטרייבען האָט זיך מיר פערוואָלט פאנגען מור־שעלן, פפלאַנצען־טהיערע אונד נאָך אַזעלכע פערשיעדענע געגענשטאַנ־דען, וועלכע עס איז דאָ איין קלאָרען וואַכער צו זעהען. איך האָב גערופען מיין דיענער קאַנסייל אונד ער האָט מיר געבראַכט אַ לייכטען, קליינעם נעטץ, פון דעם זאָרט וואָס מען ברויכט געוועהנליך אויסטערס צו פאנגען.

„דיעזע ווילדע" האָט קאַנסייל בעמערקט „זיינען ווי עס שיינט ניט זעהר בייז."

„אונד דאָך, מיין ליעבער יונגע, זיינען זיי וואהרע מענשענפרעסער."

„נון, מען קען אויך מענשען פרעסען אונד דאָך איין עהרליכער מאַן זיין" האָט קאַנסייל איינגעווענדעט „איין זאַך צו דאָס אנדערע האָט גאָר ניט."

„דאָס איז שוין ריכטיג גענוג. איך וועל צו געבען אַז זיי זיינען עהר־ליכע לייטע, אָבער יערענפאלס שאַדעט ניט זיך פון זיי צו היטען, דען איך האָב קיין לוסט אַז זאָגאר איין עהרליכער פאפּואַזיער זאָל מיך אויף אַ פריהשטיק פערצעהרען. אונזער קאַפּיטאַן נעמאָ איז ליידער גאָר ניט פאָר־זיכטיג אונד בעזאָרגט אונז מיט קיינע מיטלען זיך צו פערטהיידיגען."

אַזוי רעדענדיג האָבען מיר פאָרגעזעצט אונזער ארבייט מיט די נעט־צען. מיר וואָרען גראַדע יעצט בעשעפטיגט מיט די געפאַנגענע געגענ־שטאַנדען צו אוטערזוכען, אַלס פּלוצלונג איז אַ שטיין צוגעפלויגען אונד צערשמעטערט אַ קאָכטבאַרע מושעל, וועלכע קאַנסייל האָט געהאַלטען אין האַנד.

זאָגאַר מיין קאַלטבּליטיגער דיענער איז אויפגערעגט געוואָרען מיט גרויס וואוטה אונד אַרויס חאַפּענדיג דעם ביקס פון מיר ציעלט ער גראַדע אויף דעם ווילדען וואָס האָט דעם שטיין געשליידערט. איך האָב איהם אָבער דאַפון אָבגעהאַלטען.

„וואָס וויל דער הערר?" שרייט קאַנסייל אין גרויס אויפרעגונג „אַז דיעזער ווילדער הונד זאָל אונז צוערשט ערמאָרדען?"

„נאָר רוהיג קאַנסייל! אַזוי וייט וועט עס ניט קומען, אונד איבער אַ מושעל דאַרף מען דעננאָך אַ מענשען ניט דערשיעסען."

אין אַ קורצע צייט האָט זיך אָבער די לאַגע געענדערט. עס זיינען פּלוצלונג ערשיענען ביז צוואַנציג לאַנגע, שמאָלע שיפלאך, וועלכע די וויל־דע האקען געוועהנליך פון איין בוים־שטאַם. די שיפלאַך וואָרען בעזעצט מיט געשיקטע רודערער, זאָ דאָס איך בין איבער דיעזע בעגעבענהייט זעהר אונרוהיג געוואָרען.

וואהרשיינליך האָבען דיעזע פּאַפּוּאזיער אָנפאנגס זיך דערשראָקען פיר אונזער גרויסען, אייזערנעם צילינדער, פון וועלכען זיי קענען יעדענפאלס קיין גוטעס פיר זיך ניט ערווארטען. ביסלעכווייז זיינען זיי אָבער געוואָרען פיעל דרייסטער אונד האָבען אָנגעפאנגען נעהענטער צו קומען; אָבער גראדע דאָס מוז מען זעהען מיט אַלע מעגליכקייטען צו פערהינדערען.

די שיפלאך מיט די ווילדע זיינען שליסליך געקומען גאנץ נאָהענט אונד בעשאָטען דעם נאַוטילוס מיט אַ האָגעל פון פיילען.

„צום טייוועל!" האָט קאַנסייל אויסגערופען „דאָס איז שוין קיין שפּאַס ניט. עס קען זעהר מעגליך זיין אַז די פיילען זיינען פערגיפטעט."

„איך מוז דאָס דעם קאַפּיטאַן מעלדען" האָב איך געזאָגט אונד ארונטער געגאַנגען איהם אויפזוכען. ניט געפינענדיג איהם אין זאַלאָן האָב איך לענגער קיין צייט ניט געקענט פערליערען אונד אָנגעקלאַפּט אין זיין פריוואט־צימער.

„אריין!" הער איך זיין שטימע אונד עפענענדיג די טהיער געפין איך אַז ער זיצט גאנץ רוהיג אונד בעשעפטיגט זיך מיט מאַטהעמאַטישע בערעכענונגען.

„שטער איך פיעלייכט?" וואר איך געצוואונגען אוים העפליכקייט צו פרעגען.

„ווירקליך יאָ, הערר אראנאקס; אָבער איהר האָט דאָך וואהרשיינליך איין העכסט נויטוועגדיגע אורזאַכע מיך גראדע יעצט צו בעזוכען."

„איין זעהר וויכטיגע זאַגאר. די ווילדע שווימען דאָ ארום אין זייערע שיפלאך אונד מען דארף יעדע מינוט ערווארטען אַז זיי וועלען אונז בעפאַלען."

„אה! האָט נעמאָ אויסגערופען גאנץ גלייכגילטיג „זיי זיינען אַלזאָ אין שיפלאך געקומען?"

„יאָ, הערר קאַפּיטאַן!"

„נון, אויב אַזוי דארף מען צושליעסען די פלאַטען איבער'ן טרעפּ."

„געוויס! אונד איך בין דארום געקומען..."

„אָה, דאָס איז אַ קליינינקייט!" האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.

מיט דיעזע ווערטער גיעבט ער אַ דריק אויף איין עלעקטרישען קנאָפּ. דער סיגנאַל איז דאדורך געגעבען געוואָרען צו די מאַנשאַפט זיי זאָלען דיעזען בעפעהל ערפילען.

„די פלאַטען זיינען שוין געשלאָסען, מיין הערר" האָט דער קאַפּיטאַן אַ מינוט שפּעטער זיך אָבגערופען„ אונזער שיף איז יעצט זיכער. זאָרגט ניט, הערר פּראָפעסאָר! איהר ווייסט דאָך, אַז די אייזערנע ווענד פון נאַוטילוס האָבען געקענט אויסהאַלטען די קוילען פון אייער קריגס־פרעגאַטע.

אלזאָ איז פאַר די נאַרישע פּיילען פון דיעזע לייטע ניט דאָ וואָס מוראַ צו האָבען.״

„ניין, קאַפּיטאַן, דעננאָך זיינען מיר ניט זיכער פון איין אנדער געפאַהר. מאָרגען וועט מען דאָך מוזען די פּלאַטען פון נאַוטילוס עפענען, אום פרישע לופט צו שעפּען.״

„דאָס איז שוין ריכטיג געגוג״ האָט דער קאַפּיטאַן איינגעשטימט.

„נון אָבער, ווען די פּאַפּואַזיער זאָלען אונז ביז דאַן בעלאַגערען אונזער פּלאַטפאָרם זעה איך קיין מיטעל ווי זיי אָבצוהאַלטען אַז זיי זאָלען אין שיף ניט אריין דרינגען.״

„ פון מיינטוועגען זאָלען זיי אריין קומען״ האָט דער מערקווירדיגער נעמאַ אויסגעשפּראָכען „די וואַהרהייט זאָגענדיג זיינען דאָך דיעזע מענשען אָרעמע בעשעפענים, אונד מען דאַרף זיי מעהר בעדויערען אַלס פערהאַסען. יעדענפאַלס וויל איך ניט אַז צוליעב אַזאַ בעגעגענהייט זאָל זאָגאַר איינער פון זיי דאָס לעבען פערליערען.״

אויסהערענדיג דיעזען אַנטוואָרט האָב איך שוין געוואָלט ארויס געהען, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט מיך צוריק געהאַלטען אונד געבעטען איך זאָל זיך נעבען איהם זעצען. דאָס געשפּרעך איז צוערשט געפיהרט געוואָרען וועגען אונזער בעזוך אויפ'ן אינזעל אונד יעמאַ האָט ךְ אינטערעסירט גענוי צו ערפאַהרען וועגען אַלע אונזערע בעגעבענהייטען. עס איז איהם אונמעגליך געוועזען צו בעגרייפען וואַרום עדוואַרד ביינקט אַזוי שטאַרק נאָך אַ פליייש־שפּייז, וועהרענד ער קען דאָ אויפ'ן שיף בעקומען פיעל בעסערע גע־ריכטען. דער קאַפּיטאַן וואַר וועהרענד די צייט פון אונזער אונטערהאַנדלונג זעהר ליבענסווירדיג אונד באַלד איז צו רייד געקומען וועגען פערשיעדענע אנדערע געגענשטאַנדען.

צווישען דיעזע אַנדערע זאַכען האָבען מיר שליסליך בעשפּראָכען די לאַגע פון נאַוטילוס, וועלכער זיצט יעצט פעסט, גראַדע אויף די זעלבע פעלזען וואו די שיפען פון דעם בעריהמטען פראַנצויזישען זעע־פאַהרער דומאָנט ד'אורוויל, דערזעלבער וואָס האָט ענדעקט די שפּורען פון דעם פערשוואונדענעם לאַ־פּערוז.

„דיעזער ד'אורוויל״ האָט קאַפּיטאַן נעמאַ געזאָגט „איז געוועזען איינער פון די גרעסטע זעע־מענער. דער אָרמער געלעהרטער! דורך די אייזגעבירגען פון זיד פּאָל איז ער גליקליך דורכגעפאָהרען, פיעלע אַנדערע געפאַהרען אויף פערשיעדענע מעערען איז ער איבערגעשטאַנען אונד צום סוף האָט ער נאָר געמוזט ליידען דעם טויט אויף דער יבשה, פון אַ באַהן־אונגליק.״

נעמאַ האָט אויסגעשפּראָכען דיעזע ווערטער מיט אַ ריהענדע שטימע,

בעטראכטענדיג אויפ'ן קארטע די ערטער וואו ד'אורוויל האט ענדעקט אין שטילען אקעאן נייע לאנדשאפטען אונד אנדערע וויכטיגע זאכען פיר די וויסענשאפט אויפגעטהאן.

„דאס זעלבע האב איך אויפגעטהאן אין די טיעפענים פון מעער" האט דער קאפיטאן ווייטער געשפראכען מיט א זעלבסט צופריעדענעם טאן. „אונד נאך פיעל לייכטער, פאלשטענדיגער, דען דער נאוטילוס איז זיכער פון א שטורעם אונד פיעלע אנדערע אזעלכע סיבות."

„דעננאך איז אייער נאוטילוס יעצט אויך געשטראנדעט גראדע ווי ד'אורוויל'ם שיפען."

„ניין, מיין הערר. דער נאוטילוס איז ניט געשטראנדעט אונד געפינט זיך אין קיין געפאהר, ווי אנדערע שיפען וואס וואלטען געווען אין זיין לאגע. מארגען פונקט אום צוויי אוהר פיערציג מינוטען וועט די וואסער־שטייגונג איהם אויפהייבען אונד ער וועט רוהיג זיין רייזע פארזעצען."

אויסשפרעכענדיג דיעזע ווערטער מיט א בעשטימטען טאן, האט דער קאפיטאן זיך אויפגעהויבען מיט א לייכטע פערנייגונג, אלס צייכען אז אונזער געשפרעך איז געענדיגט. איך בין ארויסגעגאנגען אונד זיך בעגעבען אין מיין צימער.

„איך האב דיעזע נאכט זעהר שלעכט געשלאפען. דיווילדע זיינען ענדליך ארויף אויפ'ן פלאטפארם אונד די גאנצע נאכט געליארעמט, גע־קלאפט אונד געטראמפעלט מיט די פיס, אז עס איז ניט מעגליך געווען איין אויג צו צו מאכען. דעננאך איז אין שיף אלעס רוהיג געבליעבען אונד קיי־נער פון די מאנשאפט האט זיך וועגען דעם געקימערט.

אום זעקס אוהר פריה בין איך אויפגעשטאנען. די פלאטען זיינען נאך אימער פערשלאסען; עס איז דארום קיין פרישע לופט אין שיף ניט אריין געקומען. פארלויפיג האט מען זיך בענוצט מיט די צוזאמען־געפרעסטע לופט פון די בעהעלטער, אום די אטמאספערע מיט דעם נויטהיגען זויער־שטאף צו ערפרישען.

ביז נאכמיטאג בין איך געזעסען אונד געארבייט אין מיין צימער. דעם קאפיטאן האב איך היינט ניט געזעהען אונד ווי עס ווייזט אוים מאכט מען גאר קיינע פארבערייטונג אבצורייזען פון דאנען, אבוואהל די צייט, וועל־כע נעמא האט נעכטען בעשטימט וועט שוין באלד קומען.

אלס איך בין א ווייל שפעטער געקומען אין זאלאן האט די אוהר געצייגט צוויי אוהר מיט דרייסיג מינוט. אויב די וואסער־שטייגונג זאל יעצט דעם נאוטילוס ניט אויפהויבען דאן קען ער נאך פיעלע מאנאטען בלייבען זיצען אויף דיעזע פעלזען, אזוי ווי צוגעמויערט. דאך הער איך גראדע יעצט אז דאס גאנצע שיף פאנגט זיך אן צו בעוועגען אונד זיין דעק

שארט זיך אָן די קאָראַלען. אַ פינף מינוטען שפּעטער איז דער קאַפּיטאַן אַריינגעקומען אין זאַלאָן.

„מיר וועלען באַלד פון דאַנען אַבפאָהרען" האָט ער אויסגעשפּראָכען. „אונד איך האָב געהייסען די פּלאַטען עפענען."

„אונד די ווילדע האָב איך געפרעגט מיט גרוים איבעררַאשונג. „זיי בעלאַגערען דאָך אויבען דעם גאַנצען פּאַרדעק, וועלען זיי דען באַלד ניט אַראָפּ שטירצען אהער צו אונז?"

„הערר אַראָנאַקס" האָט נעמא רוהיג ערוויעדערט „מען שטירצט ניט אַריין אין נאָוטילוס אַזוי לייכט ווי איהר גלויבט, זאָגאַר דאַן, ווען די פּלאַטען זיינען אָפען."

איך בין געבליעבען שטעהען קוקענדיג אויפ'ן קאַפּיטאַן מיט פערוואונדערטע בליקען.

„איהר פערשטעהט ניט?" האָט ער מיך געפרעגט.

„געוויס ניט."

„דאַן קומט מיט מיר וועט איהר עס זעהען."

מיר זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען צום הויפּט טרעפּ. עדוּאַרד אונד קאָנסייל זיינען דאָ געשטאַנען אין גרויס בעשטירצונג, זעהענדיג ווי איינינגע פון די מאַנשאַפט עפענען די פּלאַטען פון פּאַרדעק, וועהרענד דאָרט אויבען ברילען די ווילדע מיט פירכטליכע געשרייען.

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָבען זיך איבערען טרעפּ געציינגט ביז 20 שרעקליכע געשטאַלטען, זיך שטופּענדיג אַריין צו קריכען אין שיף. אָבער דער ערשטער פון זיי, ווי ער האָט נאָר אַרויפגעלייגט די האַנד אויפ'ן גאַלענדער פון טרעפּ, איז געשליידערט געוואָרען צוריק אַזוי ווי פון אַ פירכטערליכען בליטץ-שטראהל; דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען אונד ענטלאָפען ברילענדיג פון גרויס שמערץ.

צעהן פון זיינע קאַמעראַדען האָר ן אויך פּרובירט דאָס זעלבע טהאָן אונד זיינען אויך אויף דיעזען אופן בעשטראָפט געוואָרען. קאָנסייל איז געשטאַנען ווי אויכער זיך פון גרויס איבעררַאשונג. דער האַסטיגער עדוּאַרד לענד האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען אונד בעטרעטען די טרעפּ, אָבער ער איז אויך מיט אַ פירכטערליכע געוואַלט געשליידערט געוואָרען צו באָדען, פון איין אונזיכטבאַרע מאַכט.

יעצט האָב איך אַלעס פערשטאַנען. דורכ'ן טרעפּ ציהעט זיך איין עלעקטרישער קאַבעל, וועלכען מען קען צו יעדער צייט אָנלאַדען ביז אויבען צום פּלאַטפאָרם. ווער עס בעריהרט יעצט דעם טרעפּ מוז אויף זאַ איין פירכטערליכען אופן צוריק געשטויכען ווערען, אָבער מען קען אויך געטויט ווערען ווען קאַפּיטאַן נעמא זאָל אָנלאָדען די עלעקטריציטעט עטוואָס שטאַר-

קער. דיעזע עלעקטרישע פעסטונג איז קיינער ניט אים שטאנד אריבער צו שטייגען.

אונטערדעסען זיינען די ווילדע אין גרעסטען שרעק פאנאנדער געלאָפען. עדוארד איז געלעגען אויף דער ערד פלוכענדיג ווי א וואנזיניגער, אונד מיר האָבען האלב לאכענדיג איהם געטרייסט אונד געריעבען דיא צושלאָגענע גליעדער.

אין דיעזען מאָמענט האָט דער נאוטילוס זיך אויפגעהויבען אונד פערלאָזען זיין קאָראללען־לאגער. עס וואר גראדע די מינוט וועלכע קאפיטאן נעמא האָט מיר נעכטען ערקלעהרט. די שרויבע שלאָגט רעגעלמעסיג אונד דיא שנעלליגקייט פון שיף ווירד אימער שטארקער, ביז מיר זיינען אין א קורצע צייט ארויסגעפאָהרען פון דעם געפעהרליכען טאררעס־קאנאל.

דריי־און־צוואנציגסטעס קאפיטעל.

איין אונערקלערליכער צופאל.

דעם נעכסטען טאָג האָט דער נאוטילוס פארטגעזעצט זיין רייזע מיט אזא מערקווירדיגע געשווינדקייט אז ער איז געפאָהרען ניט וועניגער ווי פינף אונד דרייסיג מייל א שטונדע. איך בין נאָך ביז יעצט איבערראשט פון דעם נעכטיגען צופאל, אונד ביי דעם בערעכנונג אז די עלעקטרישע קראפט גיעבט דעם נאוטילוס בעוועגונגען, ווארעמקייט, ליכט אונד דאצו נאָך זיכערע בעשיטצונג געגען יעדען אָנגרייפער, מוז איך ווירקליך בעוואונדערען דעם קונסט־פאָלען מייסטער, וועלכער האָט פערשטאנען אזא זעלטענע שיף צו בעשאפען.

צוויי טאָג שפעטער, דעם 13־טען יאנואר, זיינען מיר דורכגעפאָהרען דעם מעער פאָן טימאָר, פארביי די גרויסע אינזעל, וועלכע טראָגט אויך דעמזעלבען נאָמען. דיעזע אינזעל ענטהאלט מעהר ווי זעכצעהן הונדערט קוואדראט מייל אונד ווירד בעהערשט פון איינינגע אינדישע פירסטען, וועלכע ווערען אָנגערופען ראדעשאס. דער „גרויסער טיטעל פון אזא מין רעגיערער איז דער „זוהן פון קראָקאָדיל״ דאָס זייז זייער יחוס, צו וועלכען קיין געוועהנליכער מענש קען קיין מאָהל ניט קומען, ווייל די איינוואָהנער פון דיעזע אינזלען פערגעטערען דעם שרעקליכען קראָקאדיל אונד דיענען צו איהם. די טייכען זיינען דארום דאָרט פול מיט דיעזע געפעהרליכע רויבטהיערע, וועלכע מען שפייזט מיט די בעסטע געריכטען. אונד גאנץ אָפט

אָפּפערט מען צו זיי די שעהנסטע יונג־פּרויען. אויב עס טרעפט אַ מאָל אַז אַ פרעמדער רייזענדער זאָל שיעסען אויף אַזאַ היילינען קראָקאָדיל־אָבגאָט, דאַן מעג ער זיך שוין געזעגענען מיט זיין לעבען.

מיר אויפ'ן נאוטילוס האָבען דעננאָך דיעזע העטליכע קראָקאָדילען זאָגאָר ניט געזעהען, דען באַלד איז דאָס גאַנצע אינזעל פערשוואונדען פון אונזערע אויגען.

פון דיעזען פּונקט איז דער נאוטילוס געפאָהרען גראַדע נאָך דעם אינדישען אָקעאַן. וואוהין פיהרט אונז דער קאַפּיטאַן נעמא? נאָך די ברעגעס פון אַזיען, אָדער נאָך אירגענד וועלכע האַפען פון איראָפּאַ? דאָס איז זעהר שווער צו גלויבען, דען מיר ווייסען אַז ער זוכט אימער אויסצומיידען די גרויסע פיעל בעוואָהנטע וועלט־טהיילען. עס קען אויך מעגליך זיין אַז ער וועט פאָהרען אַרום אַפריקאַ, אום זיך צו בעגעבען נאָך דעם גרויסען אייז־מעער, וואָס געפינט זיך ביי דרום־זייט פון דעם ערד־קוגעל, אָדער ער וועט צוריק קעהרען אין דעם אונענדליכען שטילען אָקעאַן, וואו זיין נאוטילוס קען אונגעשטערט אַרום רייזען. דיעזע אַלע פראַגען קען נאָר די נעכסטע צוקונפט ערקלעהרען.

ביז דעם 14טען יאַנואר זיינען מיר אַוועק געפאָהרען הינטער אַלע לענדער. דער גאַנג פון נאוטילוס איז יעצט געוואָרען פיעל לאַנגזאַמער אונד זעהר אָפט האָט ער געענדערט זיין לאַגע; מאַנכעס מאָהל שווימענדיג גאַנץ אויבען אונד דאַן פּלוצלונג אַראָפּ זינקענדיג אין די טיעפענים פון מעער.

וועהרענד די צייט פון דיעזער רייזע האָט דער קאַפּיטאַן נעמא געמאַכט זעהר אינטערעסאַנטע אונטערזוכונגען איבער די טעמפּעראַטור פון די מעער־וואַכערען אין זייער פערשיעדענע טיעפעניסען. נאַטירליך איז מיט דעם נאוטילוס געוועזן פיעל לייכטער אונד איבערהויפּט ריכטינער דאָס צו בעשטימען. אונזער שיף האָט מיט דיעזען צוועק בעזוכט טיעפעניסען פון דריי ביז צעהן טויזענד איילען, אונד שליסליך איז פאָלשטענדיג ערקלעהרט געוואָרען אַז די טעמפּעראַטור פון מעער איז דורכשניטליך איבעראַל פיער אונד אַ האַלב גראַד, אונטער אַ טיעפענים פון טויזענד איילען.

איך האָב דעם קאַפּיטאַן אימער בעגלייטעט ביי דיעזע בעאָבאַכטונגען, וועלכע ער פלעגט מיר צו יעדער צייט מיט פערגעניגען ערקלעהרען. זעהר אָפט פלעגט מיר קומען אויפ'ן זינען די פראַגע, צו וועלכע צוועק מאַכט ער אייגענטליך אַזעלכע וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען? ער קען דאָך דאָמיט ניט מיינען צו ברייננען נוטצען פיר דעם מענשליכען־געשלעכט, דען פריהער אָדער שפּעטער מוזען דאָך אַלע זיינע טהאַטען אין אירגענד וועלכען אונבעקאַנטען מעער פערלאָרען געהען. מיינט ער פיעלייכט אַז זיינע ערפאָהרונגען זאָלען דורך מיך אין דער וועלט בעוואוסט ווערען?

דארף איך אלזא האפען אז מיין וואונדערבארע רייזע אויפ'ן נאוטילוס וועט שליסליך איין ענדע נעהמען אונד איך וועל צוריק קומען אויף די בע־וואהנטע ערד ? דעננאך קען איך פון דעם קאפּיטאן'ס בענעהמונג ביז יעצט גראדע פערקעהרט זיין איבערצייגט אז זיין אבזיכט איז מיר זאלען אויף אימער בלייבען געפאנגען אדער ווי ער דריקט זיך אוים העפליך, אלס פאססאזשירען אויף דעם נאוטילוס.

דעם 15־טען יאנואר, וועהרענד איך האב מיט דעם קאפּיטאן נעמא ארום געשפּאצירט אויפ'ן פלאטפארם אונד געפיהרט א געשפּרעך וועגען דעם אונטערשיעד פון די וואכערען אין פערשיעדענע מעערען האט ער מיך געפרעגט אויב איך ווייס ווי געדיכט די וואסערען זיינען אין דיעזע ימים. אויף מיין ענטפער אז די וויסענשאפט איז נאך ביז יעצט ניט אים שטאנד געוועזען אויסצוגעפינען א ריכטיגען מיטעל אזעלכע פינקטליכע בעאבאכ־טונגען צו מאכען האט נעמא זיך אבגערופען:

„איך האב דאס אלעס שוין אויסגעפונען אונד וואלט געקענט מיינע נאכפארשונגען קלאהר אונד דייטליך בעווייזען."

„גוט" האב איך ערוויעדערט „אבער דער נאוטילוס איז א וועלט פיר זיך אליין אונד די געהיימניסע פון זיינע געלעהרטע ווערען ניט ענדעקט פיר די מענשהייט אויף דער ערד."

„איהר האט רעכט, הערר פּראפעסאר. מיין שיף איז א גאנץ בעזונ־דערע וועלט, וועלכע קומט מיט די ערדען־וועלט אין קיין בעריהרונג, גרא־דע אזוי ווי מיר וואלטען לעבען אויף איין אנדער פּלאנעטע, וואס שוועבט ארום די זון מיליאנען מיילען ווייט פון אונז, פון וועלכע די מענשהייט קען ניעמאלס ערפאהרען וואס די געלעהרטע האבען דארט אויפגעטהאן. אייך אבער האט דער צופאל געבראכט דאצו איהר זאלט מיט מיר צוזאמען אייער לעבען פערברייגגען, דארום וויל איך אייך דעם רעזולטאט פון מיינע בעאב־אכטונגען ערקלעהרען."

„איך וועל אייך מיט פערגעניגען אויסהערען, קאפּיטאן" האב איך געענטפערט.

„איהר ווייכט, הערר פּראפעסאר, אז דאס מעער־וואסער איז עטוואס געדיכטער אלס דאס וואסער פון טייך; אבער דיעזע געדיכטקייט איז ניט איבעראל גלייך. איך האב אויסגעפונען צום ביישפּיעל, אז עס גיבט אין דיעזער הינזיכט א גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם יאנישען מעער, וועל־כער געפינט זיך אויך אין די זעלבע אייראפּייאישע געגענדען, אבוואהל דיע־זע ביידע ימים זיינען פערבונדען מיט א קאנאל."

פון דעם קאפּיטאן'ס וויטערע גענויערע ערקלעהרונגען איז מיר איבער־חויפּט געוועזען אינטערעסאנט צו ערפאהרען אז ער בעזוכט מיט זיין נאו־

טילוס זאגאר אזעלכע מעערען וואס זיינען שטענדיג בעפאהרען מיט פער־שיעדענע שיפען ווען עדווארד זאל דאס ערפאהרען וועט ער נאך מעהר קע־נען האפען צו געפינען א געלעגענהייט פון נאוטילוס צו ענטלויפען.

אויף דיעזען אופן האב איך מיט דעם קאפיטאן איניגע טעג צוגע־בראכט אין פערשיעדענע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען, ווי פיעל גראד זאלץ עס ענטהאלט זיך אין דעם וואסער פון ים, אין זיינע פערשיעדענע טיעפניסען, ווי שטארק די עלעקטריזאציאן איז אין זיי, וואס פיר א פארב זיי האבען אונד נאך אזעלכע געגענשטאנדען, אונד ביי יעדען צופאל האט נעמא געצייגט זיין שארפזיניגען פערשטאנד אונד זיין ליעבענסווירדיגקייט צו מיר. נאכדעם האט דער קאפיטאן איניגע טעג זיך ניט געלאזט זעהען אונד איך בין וויעדער געבליעבען גאנץ איינזאם אויף דעם נאוטילוס.

דעם 16־טען יאנואר איז דער נאוטילוס געלעגען נאר איניגע איי־לען אונטער דעם שפיגעל פון מעער אזוי ווי איינגעשלאפען. זיין עלעקטרי־שער גלאנץ האט מעהר ניט בעלויכטען אונד די שרויבע איז געבליעבען אונבעוועגליך. איך האב געגלויבט אז די מאנשאפט איז וואהרשיינליך בע־שעפטיגט מיט אינערליכע טעמפעראטורען, וועלכע זיינען פיעלייכט נויט־ווענדיג געווארען פיר די מאשינע אין איהרע שטענדיגע בעוועגונגען.

צו דיעזער צייט האב איך מיט מיינע קאמעראדען געהאט די געלע־גענהייט א מערקווירדיגע ערשיינונג צו בעטראכטען. די בלעכענע וועגד פון זאלאן זיינען געשטאנען אפען, אבער די עלעקטרישע בעלייכטונג פון נאוטילוס האט יעצט ניט געשיינט, דארום איז ארום אונז אין מיטען פון די וואסערען געווען האלב דונקעל. דער הימעל וואר בעדעקט מיט געדיכטע וואלקענס אונד זיין ליכט האט גאנץ ווייניג געקענט אריין דרינגען אין מעער. איך בין געזעסען ביי'ן פענסטער אונד געקוקט אין דיעזע אונבע־שטימטע דונקעלהייט, וואו די גרעסטע פיש האבען אויסגעזעהען ווי שווע־בענדע שאטען־געשטאלטען, אלס פלוצלונג איז ארום נאוטילוס העלל ליכ־טיג געווארען.

אנפאנגס האב איך געמיינט אז די עלעקטרישע בעלייכטונג פון שיף איז וויעדער אנגעצונדען, אבער באלד איז מיר קלאהר געווארען אז דיעזער העללער שיין קומט פון איין גאנץ אנדער אורזאכע. דער נאוטילוס איז יעצט נעמליך געפאהרען דורך א שיכטע וואסער וואס וואר פול מיט קליי־נע לויכטענדע בעשעפעניסע, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם אלגע־מיינעם נאמען סוינפזאריען. דיעזע ברואים קענען זיך געפינען ביז א פינף אונד צוואנציג טויזענד אין א גאנץ קליינע גלעזעל וואסער; זייערע קער־פער לויכטען מיט א זעלטענעם פאספאר־גלאנץ אונד ווען זיי קומען צו־

זאמען נעדריקט אין א לאנגע שיכטע וואסער דאן שטראהלט עס איבעראל אזוי ווי פון א גליהענד־ווייסען געגאָסענעם מעטאל.

איינינע שטונדען איז דער נאָוטילוס לאנגזאם געפאָהרען דורך אזעל־כע גלענצענדע וועללען אונד עס וואר אווירקליכער צויבער־בליק צו בע־טראַכטען ווי די ריעזען־פיש פון ים באָדען זיך אין דיעזען קאַלטען פייער. פון פערשיעדענע זאָרטען פיש בעמערק איך יעצט די שעהנע, שנעלע דעל־פינען, דעם לאנגען זעגעל־טרעגער, וואָס בעווייזט זיך אימער אין די צייט פון א שטורעם, די קליינע פיעל פארביגע האָרן־פיש אונד נאָך פיעלע אנ־דערע, וואָס שוועבען יעצט דורך דעם בעלייכטעטען עלעמענט.

אין די נעכסטע פאָאר טעג האָבען מיר נאָך איינינע מאָהל געהאַט די געלעגענהייט פערשיעדענע וואונדער אין מעער צו בעטראַכטען. דער לע־בענס־ארט אויפ׳ן נאָוטילוס איז אונז שליסליך פאָרגעקומען גראָדע ווי עס וואָלט דאַרפען אזוי זיין, אונד מיר האָבען שוין באלד געקענט פערגעסען אז מיר געפינען זיך דאָ ניט פרייוויליג, זאָנדערן ווי האלב געפאנגענע, אלס א צופאל האָט אונז דאָס זעהר שטאַרק עראינערט.

דאָס וואר דעם 18־טען יאנואר. דער נאָוטילוס איז געשוואומען אין א ווייטע, וויינינג בעזוכטע געגענד פון גרויסען מעער, דאָס וועטער איז געווען זעהר שטורעמדיג אונד די וועללען זיינען געשטויגען הויך, געטריע־בען פון א שטאַרקען מזרח ווינד. דער באראָמעטער צייגט אז באלד וועט דער שטורם נאָך פירכטערליכער אויסברעכען.

איך בין ארויפגעגאנגען אויפ׳ן פערדעק אונד געפונען ווי דער לייט־טענאַנט מאַכט זיינע געוועהנליכע טעגליכע בעאָבאַכטונגען. אָבער דיעזעס מאָהל הער איך ווי ער שרייט אריין אין שיף דורכ׳ן שפּראַך־ראָהר ניט די־זעלבע פראַזען ווי אימער, זאָנדערן איין גאַנץ אַנדערע, פון וועלכע איך פערשטעה אויך קיין וואָרט ניט. אין די נעכסטע מינוט איז קאפּיטאַן נעמא ארויפגעגאנגען אונד בעטראַכט מיט א שפּאַקטיווע נאָך א געוויכע ריכטונג וואו דער לייטענאַנט האָט איהם געצייגט. איינינע מינוטען איז ער אזוי געשטאַנען אונד געקוקט, דאַן האָט ער אראָפּגעלאָזען דעם שפּאַקטיוו אונד מיט דעם לייטענאַנט א פּאָאר ווערטער געשפּראָכען. דיעזער וואר זעהר אויפגערעגט, וועהרענד דער קאפּיטאַן איז געבליעבען ביי זיין קאַלטבלי־טינע בענעהמונג. וויפיעל איך קען פערשטעהען פון זייערע בעוועגונגען גלויב איך אז נעמא צווייפעלט אין עטוואָס אונד דער לייטענאַנט פער־זיכערט איהם אז דאָס איז ריכטיג, דאָרט אין יענער געגענד וואו ער צייגט.

איך האָב אויך אָנגעפאנגען צו בעטראַכטען יענע ריכטונג, אָבער עס איז ניט מעגליך עטוואָס צו בעמערקען. דער קאפּיטאַן שטעהט אויפ׳ן פּלאַט־פאָרם, מיט צוזאמען־געלייגטע הענד, אונד איך גלויב אז ער בעהערשט זיך

נאָר, צו בלייבען אזוי רוהיג ווי געוועהנליך, ווערהרענד אין דער טהאט איז ער אייך זעהר אויפגערעגט. דער לייטענאַנט, וועלכער איז נאָך אימער גע־שטאַנען קוקענדיג דורכ׳ן שפּאַקטיוו, האָט יעצט ווידער האסטיג צוגע־רופען דעם קאַפּיטאַן אונד עטוואָס דאָרט אין דער ווייטקייט געצייגט.

איך בין זעהר אונרוהיג געוואָרען ניט בעגרייפענדיג וואָס דאָ געהט פאָר, אָבוואָהל דיעזעס געהיימניס מוז זיך באַלד אויפקלעהרען, דען אויף דעם קאַפּיטאַן׳ס בעפעהל האָט די מאַשינע אָנגעפאַנגען שטאַרקער צו צו אַרבייטען אונד דער נאַוטילוס איז מיט איין אונגעוועהנליכע שנעליגקייט געשוואומען נאָך יענע ריכטונג. אונגעדולדיג עטוואָס געגויער וועגען דיעזע זאַך באַלד צו ערפאַהרען בין איך אַרונטער אין זאַלאָן אונד גענומען אַ גוטען שפּאַקטיוו. איך בין דאַן צוריק אַרויף אויפ׳ן פּלאַטפאָרם אונד אין דעם זעלבען מאָמענט ווי איך האָב געוואָלט מיין אויג צו לייגען צום גלאָז איז דער שפּאַקטיוו האסטיג פון מיר אַרויסגעריכען געוואָרען.

איך ווענד זיך אום איבערראַשט אונד זעה אז דער קאַפּיטאַן נעמאָ שטעהט געגען מיר, אָבער זיין פערקרימטע געזיכט פון גרויס צאָרן איז קוים מעגליך געווען צו דערקענען. פון זיינע אויגען שפּריצט איין אונהיימ־ליכער פייער. זיין שלאַנקער קערפּער, זיינע צוזאַמען געקראַמפּפטע פויס־טען אונד זיין גאַנצע האַלטונג דריקען אויס געפיהלען פון ברענענדיגען האַס. דער שפּאַקטיוו וואָס ער האָט פון מיין האַנד אַרויס געריסען, קיי־קעלט זיך אָב מיט אַ שטוים פון זיינע פיס.

פאַרוואָס איז דיעזער מערקווירדיגער מאַן אזוי שרעקליך אין כעס גע־וואָרען? פיעלייכט שטעקט דאָ אַ געהיימניס וועלכער ער וויל ניט אז איך זאָל ענטדעקען; דעננאָך פערשטעה איך אַז זיין האַס דריקט זיך ניט אויס גראַדע געגען מיר, דען יעדע מינוט וואַרפט ער זיינע צאָרנדיגע בליקען דאָ־הין, נאָך יענעם פונקט וואָס ער האָט פריהער בעטראַכט.

ענדליך איז דער קאַפּיטאַן עטוואָס רוהיגער געוואָרען אונד עס האָט אויסגעזעהען אזוי ווי ער וואָלט מיט געוואַלט יעצט זיינע בעהערשט זיינע ברוי־זענדע געפיהלען. ער זאָגט אַ פּאָאַר ווערטער צו זיין לייטענאַנט אויף דיא אונפערשטענדליכע שפּראַך, דאַן ווענדעט ער זיך צו מיר.

„הערר אַראָנאַקס" האָט ער אויסגעשפּראָכען מיט אַ בעפעהלענדען טאָן „איך ערמאַנער אייך יעצט וועגען אונזער אָבמאַך פון דאַן אַלס איך האָב אייך אויף מיין שיף אָנגענומען."

„וועגען וואָס האַנדעלט זיך דאָ, קאַפּיטאַן?"

„איהר מיט אייערע קאַמעראַדען מוזט זיך לאָזען איינשפּאַרען, ביז איך וועל עס געפינען פיר מעגליך אייך ווידער צו בעפרייען."

„אייער בעפעהל מוז געהאָרכט ווערען" האָב איך געענטפערט, קוקענ־

דיג אויף איהם מיט דורכדריגענדע בליקען „אבער דארף איך זיך ערלויבען איין פראגע צו שטעלען?"

„קיין איינציגע, מיין הערר."

געגען אזא בעשטימטע ערקלעהרונג איז ניט געווען וואס איין צו ווענדען און עס וואר אויך ניט מעגליך זיין בעפעהל ניט צו פאלגען. איך בין ארונטער געגאנגען אין שיף צו קאנסייל און עדווארד'ן אונד זיי ערקלעהרט וואס דער קאפיטאן האט געהייסען. דער קאנאדיער איז אויפגעשפרונגען מיט א פלוך, אבער עס איז אונז קיין פיעל צייט געבליעבען וועגען דעם לאנג צו שפרעכען. פיער מאן האבען שוין געווארט ביי'ן טהיער פון קאיוטע אונד ניט קוקענדיג אויף עדווארד'ס געשרייען, זיינען מיר באלד אבגעפיהרט געווארען אין דאס זעלבע רום וואו מיר האבען גענעכטיגט דעם ערשטען מאהל, אלס מען האט אונז אין שיף אריין געלאזען.

„קען דער הערר אונז ערקלעהרען וואס דא איז פארגעקומען?" פרעגט קאנסייל אלס די טהיר פו דיעזע געפענגניס־קאיוטע איז געשלאסען געווארען.

איך האב מיינע ערשטוינטע קאמעראדען ערצעהלט אלעס וואס מיט מיר האט פאסירט, אבער עס איז דאפון ניט מעגליך געווען עטוואס בעשטימטעס אונד געגויעכ זיך צו ערקלעהרען. איך בין איבערהויפט געווען זעהר בעזארגט, גלויבענדיג אז יעדענפאלס שטעהט אונז פאר אירגענד וועלכע גרויסע געפאהר, ווען זאגאר דער קאפיטאן האט זיך געצייגט אזוי אונרוהיג.

„זאל זיין וואס עס וויל!" האט אונדערדעסען עדווארד עטוואס פרעהליכער אויסגערופען „זעהט וואס פיר א גוטער פריהשטיק עס שטעהט אויפ'ן טיש."

דער טיש איז ווירקליך געווען געגרייט מיט אויסגעצייכענטע געריכטען. וואהרשיינליך האט דער קאפיטאן פריהער שוין געגעבען א בעפעהל מען זאל דיעזע צימער פיר אונז יעצט פארבערייטען.

„איך וואלט דעם העררן ראטהען זיך צו זעטצען צום טיש שפייזען" האט קאנסייל צו מיר געזאגט, זעהענדיג מיין אומעטיגע מינע „יעדענפאלס מיינט מען וואהרשיינליך ניט אונז לאנג צו האלטען איינגעשפארט."

„מיר פערדריסט נאר איין זאך" האט עדווארד זיך אבגערופען „אז היינט קען איך ניט צורעכט מאכען א גוטען בראטען פון אונזערע אייגענע פראדוקטען, אונד מיר מוזען זיך בעגניגען מיט די נארישע עסענס וואס מען געברויכט אויף דיעזע פערדאמטע שיף."

„פריינד עדווארד" האט קאנסייל ערוויעדערט „וואס וואלט איהר שוין געזעדט ווען מען וואלט אונז דעם פריהשטיק ניט געגעבען?"

דער קאנאדיער האט געגען דיעזע פערנינפטיגע רייד גאר ניט געקענט

איינוווענדען. מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש אונד אָנגעפאַנגען שטילל אונזער מאָהלצייט צו געניסען. איך אונד קאָנסייל האָבען ניט פיעל געקענט עסען, אָבער עדוואַרד'ן איז אונזער יעצטיגער פערענדערטע לאַגע גאַנץ וויי־ניג געלעגען אין זינען, ווען ער דאַרף זיין גוטען אַפּעטיט בעפריעדיגען. נאָכדעם ווי דער פריהשטיק וואר געענדיגט האָט זיך יעדער פון אונז גע־לייגט אין זיין ווינקעל.

אין דיעזען אויגענבליק איז פערלאָשען געוואָרען די עלעקטרישע קר־געל, וועלכע האָט בעלייכטעט אונזער צימער אונד מיר זיינען געבליעבען אין פאָלשטענדיגע דונקעלהייט. דער קאָנאַדיער האָט באַלד פעסט איינגע־שלאָפען אונד צו מיין גרויסען ערשטוינען הער איך ווי קאָנסייל שלאָפט שוין אויך. טראַכטענדיג וועגען דעם פיהל: ז מיין קאָפּף שווינדעלט מיר אויך, ווי פון א מין בערוישונג. מיינע אויגען שליסען זיך אזוי ווי מיט געוואַלט אונד יעצט קומט מיר אויפ'ן זינען אז אין די שפּייזען, וועלכע מיר האָבען דאָ געגעסען, זיינען וואהרשיינליך געווען ארייגעגעבען איר־גענד וועלכע מיטעלן צום איינשלעפערען.

איך הער ווי אויבען שליסען זיך די פּלאַטען. דער נאַוטילוס בעוועגט זיך מעהר ניט ווי ארומגעוואָרפען איבער די שטורמדיגע וועללען. איז ער דען ארונטער אין די טיעפענים פון מעער, וואו עס איז אימער שטיל אונד רוהיג?

איך קעמפּף מיט אַלע מעגליכקייטען אום ניט איינצושלאָפען, אָבער דאָס איז מיר ניט מעגליך. מיין אָטהעם ווירד אימער שוואַכער; איך שפּיער אז אַלע מיינע גליעדער ווערען דורכגעדרונגען מיט א קעלט אונד עס איז מיר שווער זיך פון אָרט צו ריהרען. עס האָבען זיך מיר אָנגעפאַנגען צו מישען אין געדאַנקען פערשיעדענע טרוימען אונד פאַנטזיעס; באַלד איז אַלעס פערשוואונדען אונד איך בין געבליעבען ליעגען פערזונקען אין א טיעפען שלאָף.

פיער־און־צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

א בית־עולם אונטער'ן ים.

ווי בעוואוסט שפּיערט יעדער ווען ער וואַכט אויף פון א שלאָף־טרונק זעהר ניט גוט אונד איבעל, אָבער אַלס איך האָב דעם נעכסטען פריה־מאָרגען מיינע אויגען געעפענט איז מיין קאָפּף געווען נאָך קלעהרער ווי אימער. מיין איבעררעשונג איז אָבער נאָך פיעל גרעסער געוואָרען בע־טראַכטענדיג אז איך געפין זיך ניט מעהר אין די געפענגנים־קאַיוטע, וואו

מיר זיינען אַלע איינגעשלאָפען, איך אָבער האָב ערוואַכט ניט אין שפּייז־צי־מער, זאָנדערן אין מיין אייגענעם צימער. מען האָט מיך אַלזאָ אין די צייט פון שלאָף אין מיין בעט איבערגעטראָגען, אונד וואהרשיינליך זיינען אויך מיינע קאַמעראַדען אויף דיעזען אופן אין זייער קאַיוטע געבראַכט געוואָרען. וואָס אין דיעזער נאַכט איז מיט דעם נאַוטילוס פאָרגעקומען בלייבט מיר אין איין אונערקלערליכע געהיימניס.

מיין ערשטער געדאַנקען אויפשטעהענדיג פון בעט וואַר נאַכצוזעהען, פיעלייכט בין איך גאָר אין מיין אייגענע צימער געפאַנגען אונד פערשלאָסען? אָבער ניין, באַלד איבערצייג איך זיך אַז די טהיר איז אָפען אונד איך בין פאָלשטענדיג פריי. איך האָב אָנגעצויגען מיינע קליידער אונד ארויסגעהענדיג געפין איך אַז דער נאַוטילוס שווימט פון אויבען, איבער׳ן וואַסער. די פּלאַטען איבער׳ן טרעפּ זיינען אָפען. אויף׳ן פּלאַטפאָרם גע־פין איך עדוארד לענד אונד קאָנסייל, וואַרטענדיג אויף מיך. איך פרעג זיי וואָס דאָ איז געווען, אָבער זיי וויסען אויך גאָר ניט. זיי וואַרען אויך אי־בערראַשט, ערוואַכענדיג פון שלאָף אין זייער קאַיוטע.

דער נאַוטילוס איז רוהיג אונד געהיימניספאָל ווי אימער. ער שווימט מיט אַ מעסיגע געשווינדקייט אונד ווי עס ווייזט אויס איז דאָ קיין זאַך ניט געענדערט געוואָרען. עדוארד בעטראַכט מיט זיין שאַרפען בליק דאָס מעער ווייט אַרום, אָבער עס איז גאָר ניט צו בעמערקען; קיין זעגעל, קיין לאַנד, אָדער אירגענד וועלכען אַנדער געגענשטאַנד, אויסער הימעל אונד וואַכּער. אַ וועסט־ווינד וועהט זעהר שטאַרק אונד דער נאַוטילוס טאַנצט איבער ציעמליך הויכע וועללען.

אַלס די לופט איז אינוועניג ערפרישט געוואָרען זיינען מיר אַרונטער־געשטויגען, דען דאָס שיף האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אין וואַסער, אָבער זיא איז געבליעבען נאָר ביי אַ פּופצעהן איילען אונטער׳ן שפּיעגעל פון ים, זאָ דאָס זי האָט געקענט יעדען אויגענבליק צוריק אַרויפשווימען. דאָס איז אויך אין פערלויף פון דיעזען טאָג מעהרערע מאָהל פאָרגעקומען אונד דאַן פלעגט דער שיף־לייטענאַנט מאַכען זיינע בעאָבאַכטונגען אונד אויסרופען זיין געוועהנליכע טעגליכע פראַזע.

קאַפּיטאַן נעמא האָט זיך הייגט ניט בעוויזען. פון די מאַנשאַפט בע־קום איך אויך קיינעם ניט צו זעהען, אויסער דעם סטוארט, וועלכער בע־דיענט מיך ווי געוועהנליך מיט די גענויעסטע פּינקליכקייט, אָבער גאַנץ שטום.

אַרום צוויי אוהר נאָכמיטאָג בין איך געזעסען אין זאַלאָן אונד וואַר בעשעפטיגט מיינע נאָטיצען אין אָרדנונג צו ברייננגען, אַלס די טהיר האָט זיך געעפענט אונד קאַפּיטאַן נעמא איז אריין געגאַנגען. אויף מיין גרוס

האָט ער קוים צו בעמערקען מיט אַ פּערנייגונג ערוויעדערט, ניט ריידענדיג אַ וואָרט. איך האָב זיך וויעדער גענומען צו מיין ארבייט, אין דער האָפ־נונג אַז ער וועט שליסליך מיר ערקלעהרען די בעגעבענהייטען פון די פאָ־ריגע נאכט, אָבער ער בלייבט גאנץ שטיל. ווארפענדיג אויף איהם קורצע, זייטיגע בליקען, בעמערק איך, אַז ער זעהט אויס זעהר ערמידעט. זיינע אוי־גען זיינען וואהרשיינליך דיעזע נאכט דורך שלאָף ניט ערקוויקט געוואָרען אונד זיין געזיכט טראָגט דעם אויסדרוק פון גרויס טרויעריגקייט, זאָגאָר פון אַ טיעפען, הערצליכען קומער. ער געהט ארום איבער'ן זאלאָן הין אונד צוריק, זעצט זיך, שטעהט באלד וויעדער אויף; ער נעהמט אירגענד וועל־כען בוך אונד ניט אריינקוקענדיג לייגט ער עס אוועק. ער בעטראכט זיי־נע אינסטרומענטען, אָבער ער מאכט דאפון קיינע אַטיצען ווי אימער. פון אַלע זיינע אונרוהיגע בעוועגונגען איז דייטליך צו זעהען אַז דער מאַן גע־פינט זיך איינפאך קיין אָרט ניט. ענדליך איז ער צוגעגאנגען צו מיר אונד געפרעגט:

„זייט איהר אַ דאָקטאָר, הערר אראָנאקס?"

איך בין פון דיעזע פּלוצלונגע פראגע אַזוי איבעראשט געוואָרען אַז דעם ערשטען אויגענבליק האָב איך אויף איהם אַ קוק געגעבען אונד ניט גע־ענטפערט.

„איך פרעג אייך, אויב איהר זייט אַ דאָקטאָר" האָט ער וויעדערהאָלט „פיעלע פון אייערע קאָלעגען האָבען דאָן אויך מעדיצין שטודירט."

„אין דער טהאט בין איך אַ דאָקטאָר" וואר מיין אנטוואָרט „איך האָב אין פערשיעדענע שפּיטעלער געדיענט, אונד זאָגאר אייניגע יאָהר פּראַק־טיצירט איידער איך בין אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר אין מו־זעאום."

„זעהר גוט, מיין הערר."

איך זעה אַז מיין אנטוואָרט האָט איהם זעהר בעפרידיגט, אָבער ניט וויסענדיג וואָס ער מיינט דאמיט האָב איך געשוויגען, ווארטענדיג וואָס ער וועט ווייטער זאָגען.

„הערר אראָנאקס" האָט ער דאַן זיך אָבגערופען „ווילט איהר פיי־לייכט אַזוי פריינדליך זיין איינעם פון מיינע לייטע אייער מעדיצינגעשען ראטה צו געבען?"

„איהר האָט דאָ אַ קראנקען אויפ'ן שיף?" בין איך פערוואונדערט געוואָרען.

„יאַ."

„איך בין בערייט צו טאָהן וואָס מעגליך איז."

„דאַן ביטע, קומט מיט מיר."

איך ווייס ניט ווי אזוי מיר איז דאן אריינגעפאַלען א געדאַנקען, אז די קראַנקהייט פון דיזען מאַן קומט פון די געהיימניספאַלע בעגעבענהייטהייט וואָס האָט געטראָפען די פאָריגע נאַכט. דיזער געדאַנקען בעאונרוהיגט אונד אינטערעסירט מיך זעהר שטאַרק.

דער קאַפּיטאַן האָט מיך אריינגעפיהרט אין דעם הינטערשטען טהייל פון נאוטילוס, אין דער מאַטראָזען־קאַיוטע, וואו איך בין נאָך ביז יעצט ניט געווען. דאָ ליעגט אויפ'ן בעט א מאַן פון אונגעפעהר פיערציג יאָהר, מיט איין ענערגישען אויסדרוק אויף זיין געזיכט. ער זעהט אויס פּאַסט ווי א געבאָרענער ענגלענדער. איך האָב זיך איינגעבויגען איבער איהם אונד געזעהען אז די קראַנקהייט פון דיזען מאַן שטאַמט פון א שווערע פערוואונדונג. זיין קאָפּף, איינגעוויקעלט אין פערבלוטיגטען ליינוואַנד, ליעגט אויף א דאָפּעלטער קיסען. דער שאַרבען איז פון אירגענד וועלכען שאַרפען שטויס אין גאַנצען צושמעטערט. דער מאַרך איז אָפען, אין אייניגע ערטער צוהאַקט אונד בעדעקט מיט פערגליווערטע שטיקער בלוט, וועלכע זעהט יעצט אויס ווי דער הייוועז פון וויין. דער אָטהעם איז ביי דעם פערוואונדעטען זעהר שוואַך אונד אויף זיין געזיכט ליעגט א קראַמפּפהאַפטער, שמערצליכער אויסדרוק. די ענטצינדונג פון געהירן איז פאַלשטענדיג אונד דאדורך זיינען ביי דעם קראַנקען געלעהמט ניט נאָר די געפיהלען זאָנדערן אויך דער גאַנצער קערפּער.

די וויטערע אונטערזוכונג צייגט מיר אז זיין פולס איז קוים צו פיהלען, די אויסערע טהיילען פון קערפּער זיינען שוין קאַלט אונד דער טויט איז שוין נאָהענט, זאָ דאָס דעם מאַן איז ניט מעגליך צו רעטען. איך האָב דעם אונגליקליכען צוריק דעם קאָפּף פערבונדען אונד דאַן זיך געווענדעט צום קאַפּיטאַן.

„פון וואַנען שטאַמט די פערוואונדונג?" האָב איך איהם געפרעגט.

„וואָס מאַכט עס אויס?" וואַר די טרויעריגע אַנטוואָרט „א שטויס פון נאוטילוס האָט אָבגעבראָכען פון א מאַשינע א העבעל, וועלכע איז אריינגעפלויגען דעם מאַן אין קאָפּף. אָבער וואָס האַלט איהר פון זיין צושטאַנד?

איך האָב זיך ארום געקוקט, דען מיר איז שווער געווען מיין ריכטיגע מיינונג אויסצושפּרעכען.

„איהר קענט ריידען" האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט „דיזער פערשטעהט קיין פראַנצויזיש אויב זאָגאַר ער הערט.

„אין פערלויף פון צוויי שטונדען וועט ער שטאַרבען" האָב איך אויסגערופען, נאָך א מאָהל א קוק געבענדיג אויפ'ן פערוואונדעטען.

„אונד עס איז גאָר קיין מעגליכקייט ניט דאָ איהם צו רעטען?"

דעם קאפּיטאַן׳ס האַנד האָט אַ ציטער געטהאָן אַזוי ווי פון אַ קראַמפּף אונד אין זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרהרען.

אייניגע אויגענבליקע האָב איך בעטראַכט דעם קראַנקען ווי ער ווירד אימער בלאַסער. איך זעה זיין פערשטענדיגעם געזיכט, וועלכע טראָגט איין אויסדרוק פון אַלטקייט, ניט נאָך זיינע יאָהרען, אונד בעווייזט אַז דער מאַן האָט וואָהרשיינליך זעהר פיעל אונגליק אונד עלענד אריבער געטראָגען. מיר וואָלט זיך זעהר וועלען הערען די לעצטע ווערטער פון דעם שטאַרבענדען, פיעלייכט וועל איך דאָס געהיימניס פון זיין לעבען ערפאַהרען.

„„איהר קענט זיך יעצט צוריק ציהען, הערר אראָנאַקס.״ האָט דער קאַפּיטאַן צו מיר געזאָגט.

איך בין אַלזאָ אַרוים געגאַנגען פון די מאַטראָזען־קאַיוטע אונד זיך בעגעבען אין מיין צימער, זעהר אָנגעגריפען פון די טרויעריגע סצענע. דעם גאַנצען טאָג בין איך שוין ביי מיין מוטה ניט געוועזען אונד זאָגאַר די פאָלגענדע נאַכט האָב איך זעהר אונרוהיג געשלאָפען.

אַלס איך בין אויף מאָרגען פריה אַרויף אויפ׳ן פּאָרדעק איז שוין דער קאַפּיטאַן נעמאָ דאָרט געווען אונד באַלד צו מיר צוגעגאַנגען.

„הערר פּראָפעסאָר״ האָט ער געפרעגט „וואָלט איהר היינט וועלען מיט מאַכען אַ שפּאַציער אונטער׳ן מעער?״

„אונד מיט מיינע קאַמעראַדען?״ האָב איך צוריק געפרעגט.

„געוויס, אויב זיי זיינען נאָר איינשטימיג.״

„מיר שטעהען צו אייער בעפעהל, קאַפּיטאַן.״

„דאַן קומט באַלד אייערע סקאַפאַנדער־בעקליידונג אָן צו ציהען.״

וועגען דעם קראַנקען אָדער געשטאָרבענעם האָט נעמאָ ניט איין וואָרט געשפּראָכען. איך בין אַרונטער צו עדוּאַרד׳ן אונד קאָנסייל׳ן, ערקלעהרענדיג דעם קאַפּיטאַן׳ס פּאָרשלאַג. מיין דיענער איז באַלד דאַמיט צופריעדען געוועזען אונד דער קאַנאַדיער האָט זיך בעשלאָסען דיעזעס מאָהל אויך מיט צו געהן.

עס וואַר אַכט אוהר פאָרמיטאָג. אין אַ האַלבע שטונדע זיינען מיר געווען פיר דעם צווייטען שפּאַציער־גאַנג אונטער׳ן מעער אָנגעקליידעט מיט די אַפּאַראַטען וואָס זיינען נויטיג צו בעלייכטען אונד צו אָטהעמען. די דאָפּעלטע טהיר איז געעפענט געוואָרען. איך אונד מיינע קאַמעראַדען, קאַפּיטאַן נעמאָ אין דער בעגלייטונג פון אַ צוועלף מאַטראָזען זיינען אַרויס אויפ׳ן גרונד פון ים, וועלכער וואַר אין דיעזער שטעלע נאָר אַ צעהן איילען אונטער׳ן וואַסער.

ביסלאַכווייז זיינען מיר געגאַנגען באַרג־אַראָפּ ביז מיר זיינען געקר־

מען צו אַ שטעלע וואָס וואַר אונגעפעהר פונפצעהן קלאַפטער טיעף. דיע־זע געגענד איז גאַנץ פערשיעדען פון די יעניגע וואָס מיר האָבען בעזוכט אונטער דעם שטילען אָקעאַן. דאָ איז דער גרונד ניט פון אַ פיינעם, דיע־נעם זאַמד ווי יענער; עס גיבט דאָ קיינע וויעזען (לאַנקעס) מיט פפלאַנ־צונגען אונד אויך קיין מעער־וועלדער פון פלאַנצען. איך האָב באַלד דער־קענט אַז מיר געפינען זיך אין דעם רייך פון קאָראַלען.

עס איז געווען אַ צייט ווען מען האָט געגלויבט אַז די קאָראַלען זיי־נען אַ מין שטיינער; אַנדערע פלעגען אויך בעהויפּטען אַז דאָס זיינען פפלאַנצונגען, ווייל זיי וואַקסען. אין די אַלטע פערצייטיגע יאָהרען האָ־בען קאָראַלען געגאָלטען אַלס אַ וויכטיגע רפואה־מיטעל; אין די שפּעטערע צייטען — אַלס אַ געגענשטאַנד פון ציערונג. ערשט אין יאָהר 1694 האָט אַ געוויסער, געלעהרטער פראַנצויז פריסאָנע ריכטיג בעוויזען, אַז די קאָראַ־לען זיינען אַ זאָרט לעבענדיגע ברואים, וואָס גאַנצע מיליאָנען זייערע קע־נען זיך געפינען אין איין טראָפּען.

דיעזע קליינע טהיער־פפלאַנצונגען ווערען פערשטיינערט אונד פון זיי בילדען זיך מיט דער צייט אונטער'ן ים גאַנצע וועלדער, פעלזען אונד זאָגאַר אינזלען ביז אויבען איבער'ן מעער. מיך האָט עס זעהר שטאַרק אינ־טערעסירט, צו בעזוכען איינעם פון דיעזע לעבענדיגע קאָראַלען־וועלדער, וועלכע די נאַטור האָט אויפ'ן גרונד פון ים איינגעפלאַנצט.

אונזער בעלייכטונגס־אַפּאַראַטען האָבען זיך יעצט אָנגעצונדען אונד מיר זיינען געגאַנגען פערביי אַ לאַנגע קאָראַלען־וואַנד, וועלכע האָלט זיך יעצט אין בויען, ביז עס וועט געוויס קומען אַ צייט ווען זי וועט דיעזען טהייל פון אינדישען אָקעאַן אַזוי ווי מיט אַ מויער אָבשליסען. ביי'ן וועג זיינען געשטאַנען פערפלאָנטערטע קאָראַלען־וועלדלאַך מיט דורכגעפלאָכטענע צוויי־גען, וועלכע וואָרען בעדעקט מיט קליינע, וויים שטראַהלענדע שטערן־בלומען. דיעזע בוימלאַך שטעלען פאָר גראָדע אַ פערקעהרטע ערשיינונג אַלס די ערד פפלאַנצונגען: מיט די וואָרצלען זיצען זיי פעסט אויבען, אויפ'ן שפּיץ פון פעלזען, וועהרענד זייערע צווייגלאַך ציהען זיך נאָך אונטען.

אונזער בעלייכטונג שפּיעגעלט זיך אָב מיט לעבהאַפטע פאַרבען אויף דיעזע מערקווירדיגע לעבענדיגע וועלדלאַך. איך האָב געוואָלט איינעם פון דיעזע שעהנע בלומעלאַך אָברייסען, אָבער מיין בעריהרונג האָט אויגענ־בליקליך געמאַכט איין איבעראַשענדע פערענדערונג: גראָדע אַזוי ווי דער גאַנצער וועלדעל וואָלט געווען מיט איין לעבען פערבונדען האָבען די בלו־מען־בעכערלאַך מיט איין מאָהל זיך פערשלאָסען אונד די קעפּלאַך האָבען זיך פערוואַנדעלט אין שטיינערנע שפּיצען.

באלד זיינען די וועלדלאַך געוואָרען געדיכטער אונד די בוימלאַך העכער. פאַר אונזערע אויגען שטעלען זיך פאָר פערשיעדענע פאַנטאַסטישע קאָראלען־געביידען. קאַפּיטאַן נעמא איז אריינגעגאַנגען אונטער א דונקעלע גאַלעריע, וועלכע ציהעט זיך אימער טיעפער, ביז א הונדערט עללען אונטער'ן וואַסער. די ליכט שטראַהלען פון אונזערע לאַנטערנעס ברעכען זיך מיט צויבערהאַפטע פאַרבען, אונטער דיעזע ערהאַבענע נאַטור געוועלבען. אונד איבעראל דיעזע קאַראַלען־וועלדער, אין וועלכע עס געפינען זיך אויף פיעלע אַנדערע, פערשיעדענע טהיער־פּפלאַנצונגען.

ענדליך נאָך פערלויף פון א צוויי שטונדען זיינען מיר געקומען אין א טיעפניס פון איבער דריי הונדערט עללען, ביז צו די לעצטע גרענעץ פון די קאַראַלען־בילדונגען. דאָ איז עס שוין מעהר ניט געווען צו זעהען איינצעלנע, קליינע בוימלאַך אונד נידעריגע וועגד. ארום אונז ציהעט זיך איין אונגעהויער גרויסער וואלד פון פערשטיינערטע בוימער, וועלכע זיינען פערבונדען אזוי ווי מיט א נעטץ פון שעהנע גירלאַנדען פון די ים־פּפלאַנצען וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען פּלומבאַריאַ. אונטער דיעזע הויכע צווייגען זיינען מיר געגאַנגען איבער א פּיעל פרייערען וועג, וועהרענד דער באָדען אונטער אונזערע פיס איז געוועזן אזוי ווי אויסגעשפרייט מיט א טעפּיך פון פערשיעדענע בלומען, וואָס גלאַנצען ווי די שעהנסטע עדעלשטיינער.

אונטערדעסען האָט דער קאַפּיטאַן נעמא זיך אָבגעשטעלט. איך זעה ווי זיינע מאַטראָזען רינגלען איהם ארום ווי מיט א האַלבען קרייז אונד ערסט יעצט בעטראַכט איך אַז פיר פון זיי טראָגען אויף די שולטערען א לענגליכען געגענשטאַנד. מיר געפינען זיך יעצט אין מיטען פון א גרויסען פרייען פּלאַטץ, וואָס איז ארומגערינגעלט מיט הויכע בוימער. פון אונזערע לאָמפּען איז פערברייטעט א האַלב־דונקעלע, בלייכע בעלייכטונג, אין וועלכע עס ציהען זיך לאַנגע שאָטענס איבער'ן באָדען. הינטער דיעזען בעלייכטעטען פּלאַטץ איז אַלעס בעדעקט מיט א דיקע פינסטערניס.

עדוואַרד אונד קאָנסייל זיינען געשטאַנען נעבען מיר, בעטראַכטענדיג דיעזע מערקווירדיגע סצענע. מיר בעמערקען אז אין מיטען פון דיעזען פּלאַטץ געפינען זיך שמאַלע, לאַנגע בערגלאַך, גראַדע ווי אויף א בית־עולם. יעדע פון זיי איז בעגאָסען מיט קאַלך אונד דאַביי שטעהט א מין זייל פון קאַראַלען.

אויף דעם קאַפּיטאַן'ס וואונק האָבען זיינע לייטע זיך גענומען צו דער ארבייט אוים צו האַקען א נייעם קבר. יעצט פערשטעה איך שוין אז דאָ איז ווירקליך דער בית־עולם אונטער'ן ים, פיר די מאַנשאַפט פון נאַוטילוס,

אונד אז דער קראנקער מאטראָז, וועלכען איך האָב נעכטען געזעהען, איז געשטאָרבען אונד יעצט געבראכט געוואָרען אהער צו בעערדיגען.

דער קבר איז לאַנגזאם פערטיג געוואָרען; די טרעגער זיינען צוגע־גאַנגען אונד אראָפּ געלאָזען דעם קערפּער פון זייער געשטאָרבענעם קאמע־ראד, איינגעהילט אין ווייסען. קאפּיטאן נעמא אונד די מאנשאפט האָבען זיך געשטעלט אויף די קניע, אזוי ווי צום געבעט אונד באלד דארויף איז דער גראָב פערשאָטען געוואָרען, איבער וועלכען יעדער פון די נאוטילוס־בעוואָהנער האָט אויס־געשטרעקט זיין האנד, אזוי ווי צום עווינען אבשיעד.

מיר האָבען זיך דאן בעגעבען צוריק אויף דעם זעלבען וועג נאָך אונ־זער שיף, אונטער דיעזען געוועלב פון די קאראלען־בוימער, אימער מעהר ארויף. ענדליך האָט זיך בעוויזען די בעלייכטונג פון נאוטילוס אונד ארום איינס אוהר נאָכמיטאָג זיינען מיר צוריק געקומען אין שיף.

זאָבאלד ווי איך האָב מיינע קליידער געביטען האָב איך מיך בעגעבען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. קאפּיטאן נעמא איז דאָרט געזעסען נעבען דעם עלעק־טרישען לייכט־טהורם, פערטראכט אין זעהר טרויעריגע געדאנקען.

„אלזאָ איז דער פערוואונדעטער ווירקליך דיעזע נאכט געשטאָרבען?" האָב איך זיך אָבגערופען.

„יא, הערר ארנאקס."

„אונד יעצט רוהעט ער ביי זיינע קאמעראדען אין א קבר פון קאראלען."

„יא, פערגעסען פון דער גאנצער וועלט, אויסער אונז. מיר בעשיטען דעם קבר אונד שטעלע איין אָנדענקונג. די פאליפּען בעדעקען דאן אלעס מיט א שטארקע קאלך־מויער."

דער קאפּיטאן האָט לענגער ניט געקענט צוריק האלטען זיין שמערץ; בעדעקענדיג דאָס געזיכט מיטביידע הענד האָט ער אָנגעפאנגען ביטער צו וויינען.

„דאָרט איז אונזער בית־עולם האָט ער אונטער טרעהרען געזאָגט „איי־נינע הונדערט פוס אונטער'ן ים."

„אייערע טויטע רוהען דאָרט געוויס גאנץ פריעדליך, קאפּיטאן. די רויבערישע היי־פיש קענען צו זיי ניט קומען."

„אונד די רויבערישע מענשען אויך ניט." האָט נעמא ערוויעדערט.

ענדע פון ערשטען טהייל.

צווייטער טהייל

1־טעם קאפיטעל.

אין דעם אינדישען מעער.

אונד אזוי פערלויפט דאס גאנצע לעבען פון דיעזען מערקווירדיגען מענשען, דעם קאפיטאן נעמא, אין די פערבארגענהייט פון דעם אונענד־ליכען וועלט־מעער, וועלכען ער אונד זיינע קאמעראדען האבען זיך אלס נייעם עלעמענט צום וואהנען אויסגעוועהלט, ביז עס קומט פיר יעמאנדען פון זיי די צייט צו שטארבען אונד בעערדיגט צו ווערען אויף זייער בית־עולם אונטער'ן מעערעס־גרונד, וואו זייער אייביגע רוה קען ניט געשטערט ווערען, זאגאר פון די רויבערישע מענשען ווי דער קאפיטאן נעמא האט זיך אויסגעדריקט.

יא, דיעזער מערקווירדיגער נעמא איז א שרעקליכער מענשען־פיינד! דער גרעאנקען וואס קאנסייל האט אמאל אויסגעשפראכען וועגען איהם, אז ער מוז זיין א גרויסער געלעהרטער מאן, וועלכען די וועלט האט ניט גע־וואלט אנערקענען אונד דארום האט ער זיך פון די מענשהייט אבגעווענ־דעט מיט האס אונד פעראכטונג, — דיעזער געדאנקען קען מיך ניט בע־רוהיגען. מיר קומט אימער אויף'ן זינען דאס געהיימניס פון די פאריגע נאכט, וועהרענד מיר זיינען אבגעשפארט געווארען אין געפענגניס אונד איינגעשלעפערט; דעם קאפיטאן'ס צארן אלס ער האט פון מיינע הענד דעם ספאקטיוו ארויס געריסען, אום איך זאל ניט קענען זעהען וואס ער אונד זיין לייטענאנט האבען אירגענד וואו וויינט אויפ'ן ים ערבליקט; די שרעקליכע פערוואונדונג פון דעם מאטראז, וועלכע שטאמט וואהרשיינליך ניט פון א שטויס, ווי נעמא ערקלערט מיט איין אויסרייד, — דאס אלעס ברענגט מיר צו גאנץ אנדערע בעטראכטונגען, ניין, דער קאפיטאן נעמא בעניגענט זיך ניט דאמיט נור צו אנטלויפען פון דער מענשהייט; זיין פורכטבארע שיף דיענט ניט דאצו נור איהם אונד זיינע קאמעראדען פריי־הייט צו פערשאפען, זאנדערן פיעלייכט אויך אום א שרעקליכען ראכע־פלאן אויס צו פיהרען.

וואס אנבעטרעפט מיך אונד מיינע קאמעראדען זיינען מיר אין קיי־
נע בעציהונגען צום קאפיטאן פון נאוטילוס ניט געבונדען. מיר האבען איהם
זאגאר קיין עהרענוואָרט געגעבען אויף זיין שיף צו פערבלייבען, וואו מען
האלט אונז אונטער דעם העפליכען נאמען פון „געסט" אלס געפאנגענע.
נאטירליך ווען עס זאל זיך מאכען א געלעגענהייט צו ענטלויפען האבען
מיר דאס פאלע רעכט ניט פרעגענדיג ביי איהם, דעם נאוטילוס צו פערלאָ־
זען. עדוארד וואלט עס נעווים מיט דעם גרעסטען פערגניגען געטהון אונד
איך וואלט נאטירליך ווילענדיג אָדער ניט געווען געצוואונגען צו מיינע קאַ־
מעראדען זיך אָו צו שליעסען, אבוואהל דיעזע מערקווירדיגע רייזע אויפ'ן
גרונד פון מעער, וועלכע האט זיך פאסט יעצט נור אנגעפאנגען, אינטערע־
סירט מיך זעהר פיעל, אונד עס וואלט מיר ווירקליך זעהר לייד געטהון דעם
נאוטילוס צו פערלאָזען איידער איך האב נאך געזעהען אונד בעטראכט די
וואונדער־וועלט פון דעם וואסער־עלעמענט.

דיעזען טאג, דען 12טען יאנואר, 1868, איז ארום מיטאג דער
שיפלייטענאנט בעשעפטיגט געווען מיט זיין געוועהנליכע אויפגאבע, דעם
שטאנדפונקט פון די זונן אויפצונעהמען. איך בין געזעסען אויפ'ן פלאט־
פארם אונד רויכענדיג א סיגאר בעטראכט ווי ער טהוט זיין ארבייט. מיר
דוכט אז דיעזער מאן פערשטעהט ווירקליך קיין פראנצויזיש, דען איך האב
איהם געמאכט אייניגע נויטווענדיגע בעמערקונגען וועגען זיין בעשעפטי־
גונג מיט דעם סעקסטאנט, אזעלכע בעמערקונגען וואס ער האט געדארפט
אויף זיי אויפמערקזאם ווערען ; אבער ער איז געבליעבען גאנץ גלייכגיל־
טיג אונד שטיל.

צו דערזעלבער צייט איז ארויף געגאנגען איינער פון די מאנשאפט,
דער זעלבער הויכער מאטראז וואס האט מיך אונד דעם קאפיטאן בעגלייט
אויף אונזער ערשטען שפאציער־גאנג אונטער'ן מעער, אונד דיעזער מאן
האט יעצט אנגעפאנגען צו רייניגען די פענסטער פון לייכט טהורם. בע־
טראכטענדיג יעצט גענויער די איינריכטונג פון דיעזען אפפאראט, האב
איך זיך איבערצייגט אז ער איז פערפערטיגט אויף אזא קונסטפאללען אופן
ווי ניעמאנד האט עס נאך ביז יעצט פערשטאנען צו מאכען. וועהרענד ער
פערברויכט פיעל וועניגער עלעקטרעציטעט ווי אנדערע גיעבט ער ארויס
א בעלייכטונג וואס איז בייגאהע הונדערט מאל שטארקער אונד דאצו איז
נאך די גאנצע מאשינערי זעהר מאסיוו אונד דויערהאפט.

דער נאטילוס פארבערייטעט זיך ארונטער צו שטייגען אין די טיעפ־
ניס פון מעער, דארום פערלאָז איך מיין פלאטץ אונד געהע ארונטער אין
זאלאן. באלד זייגען די פלאטען פון אויבען געשלאָסען געוואָרען אונד דאס
שיף איז אוועק אין א גראדע ריכטונג נאך וועסט, די פאאר טויזענד מייל

פון אינדישען אָקעאַן, וועלכע מיר פאָהרען יעצט דורך, זיינען העכסט מערק־ווירדיג דאַמיט וואָס דאָס וואַסער אין דיעזען שטעלען איז איבעראַל זעהר דורכזיכטיג. שטעהענדיג אויפ'ן פערדעק אונד בעטראַכטענדיג דעם גרונד פון ים קומט עס פאַר גראַדע אַזוי ווי דאָס שיף וואָלט שווימען גאַנץ הויך אין דער לופטען, זאָ דאָס עס פאַנגט אָן צו שווינדלען אין די אויגען. דער נאַוטילוס האַלט זיך ביי דיעזע רייזע דורכשניטליך אין אַ טיעפענים פון הונ־דערט ביז צוויי הונדערט עלען ; אַזוי האָט זיך עס געצויגען אין אַ פער־לויף פון פינף טעג. דעננאָך איז מיר די צייט ניט לאַנגוויליג געווען ; דער טעגליכער שפּאַציער גאַנג אויפ'ן פּלאַטפאָרם, וואו איך ערקוויק זיך מיט די פרישע זעע־לופט, די אינטערעסאַנטע בעטראַכטונגען דורך די פענ־סטער פון זאַלאָן אויף אַלעם וואָס אין ים קומט פאָר, די ביכער אין דער צאָהלרייכען ביבליאָטהעק אונד די אויסאַרבייטונג פון מיינע אייגענע נאָ־טיצען האָבען מיך גענוג דעם גאַנצען טאָג בעשעפטיגט.

אונזער געזונדהייט איז אויך געווען אין בעסטען צושטאַנד. מיר פער־זעגליך זיינען די שפּייזען פון נאַטילוס זעהר געפעלען געוואָרען אונד איך וואָלט מיך אויך דאַמיט געקענט בעגניגען, אָהן די פּריפּאַסען וועלכע עד־וואַרד האָט יעדען טאָג געמאַכט פון אונזער פאָרראַטה, וואָס מיר האָבען מיט געבראַכט פון דאָס אינזעל פּאַפּואַזיען. אויסערדעם איז די גלייכמע־סיגע טעמפּעראַטור אין שיף אונד פערשיעדענע אַנדערע אומשטענדען גע־נוג געווען אום יעדען צופאַל פון אירגענד וועלכע קראַנקהייט צו פערהיטען.

איינינע טעג לאַנג האָבען מיר בעקומען צו זעהען מאַסען פון פער־שיעדענע מעער־פויגלען. עס איז אונז נאָך אויך געלונגען פיעלע פון זיי צו שיעסען, דער קוכער פון נאַוטילוס האָט פערשטאַנען זיי געהעריג פאַר צו בערייטען אונד אונז אויסגעצייכענטע שפּייזען פון פויגעל־בראַטען צו ליעפערען. אונטער די מערקווירדיגסטע זאָרטען פון דיעזע פויגלען האָב איך בעמערקט די ווייטזעגלער וועלכע קענען די גרעסטע ימים אריבער פליהען אונד ווען זיי ווערען ערמיעדעט זעצען זיי זיך אויף די וועללען אויסרוהען. דער גרויסער פויגעל אַלבאַטראָס וואָס בעזיצט אַ קול פון איין עזעל. די פערגאַטען, וועלכע זיינען אים שטאַנד ביי זעהער שנעלסטען פליהען צו כאַפּען פיש פון אונטער'ן מעער־שפּיעגעל אונד די צאָהלרייכע פאַעטאָנס, די שעהנסטע פון אַלע ים־פויגלען.

די נעטצען פון נאַוטילוס האָבען אונז אויסער פיש געליעפערט איי־ניגע זאָרטען שילד־קרעטען, פון וועלכע עס ווירד געמאַכט אַ פּראַכטפאָלער זופּ אונד אויסערדעם זיינען די אייער פון זיי ווירקליך אַ שפּייז וואָס ער־פרישט דעם גאַנצען קערפּער.

פון 21 ביז צום 23 יאַנואַר איז דער נאַוטילוס געפאָהרען מיט אַ דורכ־

שניטליכע שנעלקייט פון צוויי אונד צוואנציג מייל אין א שטונדע, ביי די געעפענטע בלעך־ווענד פון זאלאן האב איך געהאט די געלעגענהייט צו בעוואונדערען דעם געהיימען לעבען פון פיעלע זארטען פראכטפאל־שעהנע פיש, וועלכע איך האב נאך ביז יעצט ניט געזעהען. גאנצע מאסען פון זיי בענלייטען אונזער שיף, ווייל די עלעקטרישע בעלייכטונג פון נאוטילוס ציהט זיי צו.

דעם נעקסטען טאג האבען מיר בעקומען צו זעהען די קליינע אינזעל קילינג. אויף וועלכען עס וואקסען פראכטיגע קאקס־בוימער, דעננאך איז דיעזע אינזעל ביז יעצט ניט בעוואהנט. זי איז באלד פון אונזערע אויגען פערשוואונדען אונד מיר זיינען געפאהרען ווייטער, גראדע נאך דער ריכטונג וואו דאס לאנד אינדיען געפינט זיך.

„א ציווילזירטעס לאנד” האט ביי דיעזער געלעגנהייט עדוארד צו מיר געזאגט „דאס איז ניט פאפואזיען מיט איהרע ווילדע מענשען־פרעסער. אין אינדיען גיעבט עס אייזענבאהנען, שאססעען, ענגלישע אונד פראנצויזישע שטעדט, דארט קען מען יעדע פינף מינוט א לאנדסמאן אנטרעפען. נון, וואס מיינט איהר, הערר פראפעסאר, וועלען מיר פיעלייכט שליסליך געפינען א געלעגענהייט פון דיעזען קאפיטאן נעמא פטור צו ווערען?”

„ניין, עדוארד” האב איך ערוויעדערט „איהר ווייסט דאך אז דער נאוטילוס קומט קיינמאל ניט נאהענט צו די בעוואהנטע לענדער. עס איז יעדענפאלס בעסער מיר זאלען אבווארטען ביז ער וועט אונז ברענגען אין די אייראפעאישע וואססערען אונד דאן וועלען מיר פארזיכטיג אונד קלוג זעהען אונזער וואונש אויס צו פיהרען. איבריגענס גלויב איך ניט אז קאפיטאן נעמא וועט אונז ערלויבען געהען צום יאגד אין אירגענד וועלכע אינדישע האפפען־געגענד אזוי ווי אין פאפואזיען.”

„אבער גראדע וועגען דעם פרעג איך דאך ביי אייך, הערר פראפעסאר, מיר זאלען אויסגעפינען א מיטעל אהן זיין ערלויבענעס אויף דאס לאנד צו קומען.”

איך האב עדוארד'ן דארויף גאר ניט געענטפערט, דען די וואהרהייט זאגענדיג איז ביי מיר געבליעבען בעשלאסען מיט צו מאכען די רייזע אויפ'ן נאוטילוס, ביז א בעשטימטע צייט, ווען עס וועט זיך פארשטעלען א בעסערע געלעגענהייט אויף די בעוואהנטע ערד צוריק צו קעהרען.

פון דער אינזעל קילינג איז אונזער שיף געפאהרען פערהעלניסמעסיג פיעל לאנגזאמער. זעהר אפט פלעגט דער נאוטילוס ארונטער שטייגען אין א גאנץ גרויסע טיעפנים אונד איך האב דאביי די בעמערקונג געמאכט, אז די טעמפעראטור אין ים איז איבעראל דיזעלבע, פיער גראד ווארם, נור אין די אויבערשטע וואסערען איז די טעמפעראטור עטוואס קעלטער.

וועהרענד דעם גאנצען טאָג פון 26 יאנואר האָבען אונזער שיף פער־פאָלגט א פרוכטבארע מענגע פון די שרעקליכע היי־פישען. אזעלכע אונגע־הויער געפינען זיך מאַססענהאפט אין דיעזע געגענדען פון מעער, וועלכע זיינען דארום אויך זעהער געפעהרליך, איבערהויפט פיר די יעניגע וואָס לאָזען זיך אראָפּ אין א קליינע שיפעל. איך האָב זעהר אָפט בעמערקט ווי דיעזע געוואלדיגע טהיערע שיעסען דורך דעם וואסער מיט א שרעקליכען גערויש פארביי די פענסטער פון אונזער זאלאָן, זאָ דאָס עס האָט זיך גע־קענט אויסדוכטען יעדע מינוט אז זיי וועלען די שויבען איינברעכען. דער קאנאדיער עדוארד האָט קוים זיין יאגד־לוסט געקענט איינהאלטען. איהם וואָלט זיך געוואָלט האָבען א שיפעל מיט א טיכטיגע הארפונע, אום זיין קראפט געגען דיעזע געפעהרליכע רויב־פישען צו פרובירען. דער נאוטילוס איז דעננאָך געשוואומען פיעל שנעללער ווי די היי־פישען אונד באלד האָ־בען מיר זיי פון די אויגען פערלאָרען.

דעם נעכסטען טאָג, אלס מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין גרויסען בענ־גאלישען קאנאל, האָבען מיר זעהר אָפט בעגעגענט טויטע מענשליכע קער־פער, שווימענדיג אויף די אויבערפלעכע פון מעער. דאָס ווארען נעמליך די אינדיאנישע געשטענדיגער, וואָס ווארפען זיך אריין אין זייער הייליגען טייך גאנגעס, אום דאָרט א פרומען טויט צו שטארבען. מייסטענטהיילס ווערען זיי דאָרט אויפגעפרעסען פון די קראָקאָדילען אונד די אנדערע, וועל־כע דאָס וואסער טראָגט אריין אין מעער, ווערען ענדליך פערשלונגען פון די היי־פישען.

אונגעפעהר אום זיעבען אוהר אבענדס איז דער נאוטילוס, שווימענ־דיג האלב אונטער'ן וואסער, אריינגעפאָהרען אין א ים פון מילך. אזוי וויים ווי די אויגען קענען זעהען בעשטעהעט דער אָקעאן פון א פליסיגקייט וויים ווי מילך. עס איז ניט מעגליך צו גלויבען אז דאָס מאָנדליכט גיעבט דאָס וואסער אזא פארב, דען עס וואהר נאָך איבערהויפט ערשט צוויי טעג נאָך דעם געבורט פון דער לבנה, וועלכע האָט זיך נאָך פאָרלויפיג אויפ'ן הימעל ניט בעוויעזען. די וואססערען ארום אונז זיינען געווען אזוי וויים אז די גאנצע לופט פון אויבען האָט אויסגעזעהען אזוי ווי בעדעקט מיט א טיעפע דונקעלהייט.

קאָנסייל איז זעהר פערוואונדערט געוואָרען אונד האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט די פראגע פון וועלכע אורזאכע קומט דיעזע מערקווירדיגע ער־שיינונג. איך האָב מיט פערגניגען א גענויע ערקלעהרונג געגעבען.

„אזא מילך־מעער” האָב איך איהם געענטפערט „אדער וויסע מעע־רעס־וועללען אויף א לאנגע שטרעקע, טרעפט מען זעהר אָפט ביי די ברע־געס פון אבאָניא אונד אויך אין דיעזע געגענדען.”

„אבער וויל דער הערר מיר געפעליגסט ערקלעהרען פון וועלכע אור־זאכע די וואססערען זיינען וויים געוואָרען, דען דאָס מעער האָט זיך דאָך ניט פערוואַנדעלט אין אַ מאַססע מילך.

„ניין, מיין ליעבער יונגע, דאָס ניט. די ווייסע פאַרב וועלכע דו בע־וואונדערסט קומט ארויס פון מיליארדען קליינע מילבעלאך, וועלכע מען רופט אינפוזאָריען, איין ארט ווערמלאך, דין ווי האָאר אונד ניט לענגער ווי אַ פינפטעל פון מילימעטער, דאָס הייסט, ווען מען זאָהל נעהמען איין עלל אונד צו שניידען אויף טויזענד גלייכע שטיקלאך וועט יעדע שטיקעלע זיין פינף מאָהל אַזוי גרויס ווי אזא ווערמיל. זייער צאָהל איז אָבער אַזוי פיעל אז הענגענדיג צוזאמען פערנעהמען זיי אָפט אַ שטרעקע פון אייני־גע מיילען.”

„איינינע מיילען ?” איז קאָנסייל ערשטוינט געוואָרען.

„יאַ, קאָנסייל, דאָס איז פאָלקאָמען ריכטיג, אונד דו זאָלסט זיך אומ־זיסט ניט בעמיהען דעם צאָהל פון דיעזע אינפוזאָריען אוים צו רעכענען, דען, ווי פיעל איך וויים, זיינען מאַנכע שיפען געפאָהרען מעהר ווי פיער־ציג מייל דורך אזא מילך־ים.”

איך וויים ניט אויב קאָנסייל האָט מיין ראטה געפאָלגט, אבער זעהענ־דיג ווי ער איז געבליעבען זיטצען פערטראַכט פערשטעהע איך שוין אז מיין וויסענשאפטליכער דינער וויל דורכאוים בערעכנען ווי פיעל מילימעטער עס געפינען זיך אין פיערציג קוואדראט מיילען. איך האָב אויך ניט גע־קענט אַבווענדען מיינע בליקען פון דיעזע זעלטענע ערשיינונג. איינינע שטונדען לאַנג איז דער נאוטילוס געפאָהרען גאַנץ שטיל דורך דיעזע ווייסע וועללען, ביז ארום האלבע נאַכט, ווען דאָס מעער האָט פלוצלונג וויעדער אָנגענומען זיין געוועהנליכען פאַרב, אָבער וויים אונטער אונז האָט דער גאנצער הימעל געגלענצט מיט אַ העלישען ווידערשיין פון דעם מילך־מעער.

2טעם קאַפּיטעל

דעם קאַפּיטאַן׳ס פאָרשלאַג.

דעם 28טען יאַנואַר, אלס דער נאוטילוס איז ארויס געקומען אויף די אויבערפלאַכקייט פון מעער, האָב איך בעמערקט אין דער וועסט־זייט, אונגעפעהר אַכט מייל פון אונז, אַ שטיק לאַנד, אויף וועלכע עס געפינען זיך בערג ביז אַ צוויי טויזענד פוס די הויך. איך בין ארונטער געגאַנגען

אין זאלאָן אונד נאָכזועהענדיג אויף דער קארטע איז מיר באלד קלאָהר גע־וואָרען אז מיר געפינען זיך געגען די אינזעל סיילאָן, די פערלען פון אינדיען, ווי מען רופט איהר געוועהנליך.

סיילאָן איז ווירקליך די פרוכטבארסטע שטיק לאנד פון דער גאנצער וועלט אונד נעהמענדיג אין ביבליאָטהעק א געוויסען בוך בין איך געזעסען אונד געלעזען די בעשרייבונגען פון דיעזער אינזעל, אלס קאפיטאן נעמא מיט זיין לייטענאנט זיינען אריינגעקומען.

„די אינזעל סיילאָן" האָט נעמא זיך צו מיר געווענדעט „איז בעריהמט מיט די פישעריי פון פערלען, וועלכען מען געפינט אָפט אין איהרע אַרו־מיגע וואססערען. וואָלט איך זיין אנגענעהם, הערר אראָנאקס, אזא פי־שעריי צו בעזוכען ?"

„געווים קאפיטאן !"

„זעהר גוט. דאָס קען לייכט אויסגעפיהרט ווערען. די פישערייען קע־נען מיר שוין זעהען, אָבער ניט די פישער, וועלכט קומען געוועהנליך צו־זאמען פיר דיעזע בעשעפטיגונג נור איין מאָהל אין יאָהר, אין מאָנאט מערץ. דאָס מאכט אָבער ניט אוים. מיר וועלען אריינפאָהרען אין קאנאל מאנאאר נאָך דיעזע נאכט."

דער קאפיטאן האָט דאן איינינע ווערטער געזאָגט צו זיין לייטענאנט, וועלכער איז גלייך ארויסגעגאנגען אונד דער נאוטילוס איז ווידער אראָפּ אונטער'ן וואסער. דאָס מאנאָמעטער צייגט אז מיר געפינען זיך יעצט אין א טיעפּנים פון דרייסיג פוס.

„הערר פּראָפעסאָר" האָט דער נעמא דאן צו מיר געזאָגט „ווי איהר ווייסט פיעלייכט, זוכט מען געוועהנליך פערלען אין בענגאלישען קאנאל, אין אינדישען מעער, ארום יאפאן אונד כינא, אונד אין די מעערען פון זיד־אמעריקא, אָבער אין קיין אָרט געפינען זיך דיעזע קאָסטבארע געגענ־שטאנדע ניט אזוי פיעל ווי ביי דער אינזעל סיילאָן. דאָ, אין דעם קאנאל פון מאנאאר, פערזאמלען זיך צו א בעשטימטע צייט יעדעס יאָהר, ביז דריי הונדערט שיפלאָך בעזעצט מיט פערל־פישער, וועלכע בעשעפטיגען זיך דאמיט אין פערלויף פון דרייסיג טעג. אין יעדע שיפעל געפינען זיך צעהן רודערער אונד צעהן פישער, דיעזע לעצטע לאָזען זיך ארונטער אויף א טיעפנים ניט מעהר אלס צוועלף עללען, זיך אָנהאלטענדיג מיט די פים אָן א שווערען שטיין, וועלכען מען לאָזט אראָפּ מיט א שטריק פון שיפעל."

„אונד אזעלכע האלב־ווילדע מיטלען ווערען נאָך ביז יעצט געברויכט ביי דיעזע אונטערנעמונגען ?" האָב איך זיך געוואונדערט.

„יא, הערר פּראָפעסאָר, גראדע אזעלכע, אָבוואָהל די פערל־פישערייען געהערען צו אזא פאָלק וואָס בעריהמט זיך מיט הויכע בילדונג, נעמליך :

די ענגלענדער, וועלכע האָבען די פישערייען בעקומען לויט דעם פערטראַג וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין אמען, אים יאָהר 1802.״

„איך גלויב אז אונזער סקאַפּאַנדער וואָלטען ביי אזא זאַך זעהר צו־ניטץ געקומען.״

„גאַנץ געוויס, דען די אָרמע פישער קענען לאַנג אונטער׳ן וואַסער ניט אויסהאַלטען. א געוויסער ענגלענדער פּאַרסוואַל ערצעהלט זאָגאַר פון א קאַפּפערישען פישער, וואָס איז אים שטאַנד געווען גאַנצע פינף מינוט אונ־טער׳ן וואַסער צו פערבלייבען, אָבער איך גלויב אז דאָס איז נור איבער־טריעבען. עס געפינען זיך יא אַזעלכע שווימער וואָס קענען העכסטענס ביז אַכטציג סעקונדען אין וואַסער אויסהאַלטען, דאָך זיינען אַזעלכע פּי־שער גאַנץ זעלטען, אונד ווען די אָרמע קערלען קומען צוריק אויפ׳ן שיפעל שטראָמט פון זיי דאָס וואַסער צומישט מיט בלוט פון זייער נאָז אונד אוי־רען. איך גלויב, אז דורכשניטליך קען קיינער לענגער ווי דרייסיג סעקונ־דען אויפ׳ן גרונד ניט פערבלייבען, אונד וועהרענד דיעזער צייט כאַפּט דער פישער צוזאַמען אין א קליינעם נעטץ אַלע פּערל מושעלען, וועלכע עס פאַלען איהם נור אריין אין די הענד. אין אַלגעמיין קענען דיעזע מענשען לאַנג ניט לעבען, דען אזא בעשעפטיגונג ברענגט אויף זיי פערשיעדענע קראַנקהייטען, אונד עס טרעפט אויך א מאָהל אז זיי ווערען געריהרט פון שלאַג, וועהרענד זיי געפינען זיך אונטער׳ן וואַססער.״

„יא, דאָס איז איין זעהר טרויעריגע בעשעפטיגונג, נור אום די נאַרי־שע מאָדע פון די רייכע צו בעפריעדיגען. אָבער זאָגט מיר, קאַפּיטאַן, ווי פיעל מושעלען קען אייגענטליך א שיפעל פאַנגען אין פערלויף פון א טאָג ?״

„פון פיערציג ביז פונפציג טויזענד. מען זאָגט זאָגאַר אז אין יאָהר 1814, אַלס די ענגלישע רעגיערונג האָט אַליין דיעזע אונטערנעהמונגען בע־טריעבען, פלעגט מען יעדען טאָג ארויסנעהמען העכער ווי זיעבענציג מיל־יאָן מושעלען.״

„דאַן בעקומען וועניגסטענס די פישער א רייכע בעלאָהנונג ?״

„שווערליך, הערר פּראָפעסאָר. אין פּאַנאַמאַ, צום ביישפּיעל, קען אזא פישער דורכשניטליך פערדיענען נור איין דאָללאַר א וואָך. מען צאָהלט איהם איין סו, אָדער א פיערטעל סענט, פיר יעדע מושעל וואָס ענטהאַלט אין זיך א פּערל, אָבער ווי פיעל שלעפּען זיי ארויף גאַנץ לעערע מושעלען !״

„נור איין סו דעם אָרעמען ארבייטער, פון וועלכען דער הערר מאַכט א רייכטהום ! דאָס איז א שאַנדע !״ האָב איך אויסגערופען מיט פער־דרוס.

„אַלזאָ, הערר פּראָפעסאָר, מאָרגען גאַנץ פריה וועלען מיר אין דער בעגלייטונג פון אייערע קאַמעראַדען די פּערל־פישערייען אין מאַנאַר בע־

זוכען. פיעלייכט וועלען מיר דאָרט אָנטרעפען איינעם פון די אָרמע לייטע אונד זעהען ווי ער בעמיהט זיך ביי זיין שווערע ארבייט. יא, נאָך א זאַך. — איהר האָט דאָך וואהרשיינליך קיין מורא ניט פאר די הייפישען ?״

„די הייפישען בין איך ערשראָקען געוואָרען „נון, איך מוז אייך זאָגען, קאַפּיטאַן, אז פאָרלויפיג בין איך מיט דיעזע בו־ואים גאנץ ווענינ בעפריינדעט.״

„דאָס מאַכט ניט אויס״ האָט נעמא א שמייכעל געטהון „מיט דער צייט וועט איהר זיך צו זיי צוגעוועהנען. איבריגענס זיינען מיר גוט בעוואפענט אונד אויב עס זאָהל זיך מאַכען אין וועג א הייפיש צו בעגעגנען וועט עס זיין איין גאנץ אינטערעסאַנטע יאגד. אַלזאָ צום ווידערזעהען, מאָרגען פריה.״

דער קאַפּיטאַן האָט זיך דאָס אזוי לייכט אויסגעשפּראָכען אונד איז ארויסגעגאַנגען פון זאַלאָן. מיר איז אָבער געוואָרען זעהר פּירכטערליך צו מוטה. א הייפיש ! דאָס איז דאָך פיעל געפעהרליכער ווי צו געהען אויפ׳ן יאגד געגען א לייב, אָדער א טיגער. דאָרט וועניגסטענס געפינען מיר זיך אויף דער יבשה, אין אונזער אייגענעם עלעמענט, אָבער זיך שטעלען קעמפּפען מיט א הייפיש אין וואסער, וואו דיעזער שרעקליכער רויבער בעוועגט זיך גאנץ פריי, וועהרענד מיר זיינען בעשווערט מיט די סקאַפאַנדערס אונד די קופערנע שיידען אויף די קעפּף, — אזא אונטערנעהמונג איז נאָך מעהר ווי געפעהרליך ! א קאַלטער שוויים האָט בעגאָסען מיין געזיכט. איך שטעל מיר פאָר אין געדאַנקען די אונגעהויערע מיילער פון דיעזע רויבערישע פיש, בעזעצט מיט פיעלע רייהען שאַרפע ציינער, אז זיי קענען א מענשען מיט איין ביס צומאַלען אונד איינשלינגען. איך פיהל שוין יעצט אזא ווייטאָג גראַדע ווי א הייפיש וואָלט מיך בייסען. איך האָב זיך נור געטרייסט מיט דעם געדאַנקען אז קאָנסייל וועט געווים אין אזא שפּאַציערגאַנג ניט וועלען אנטהייל נעהמען אונד דאַן וועל איך אויך האָבען איין אויסרייד זיך צו ענטשולדיגען. וואָס אַנבעטרעפט דעם קאַנאַדיער ווייס איך גאנץ גוט אז ער וועט זיך אָנהאַפּען אָן אזא צופאַל, דען קעמפּפען מיט הייפישען איז פיר דיעזען קעניג פון די האַרפּונער דאָס גרעסטע פערגניגען.

איך האָב געוואָלט צוריק נעהמען מיין בוך לעזען, אָבער איך בלעטער אומזיסט. צווישען די צייל׳ען שטאַרצען מיר ענטגעגען די פירכטערליכע ציינער פון א הייפיש. אין דיעזען אויגענבליק זיינען קאָנסייל אונד עדוואַרד גאנץ פרעהליך צו מיר אריינגעקומען.

„אויף מיין וואָרט, הערר פּראָפעסאָר!״ האָט דער האַרפּונער אויסגערופען „דער קאַפּיטאַן נעמא — דער טייוועל זאָהל איהם נעהמען ! —

האָט אונז געמאַכט איין אויסגעצייכענטען פאָרשלאַג. מאָרגען גאַנץ פריה צו בעזוכען די פרעכטיגע פערל־פישערייען פון סיילאָן.״

„אונד זאָנסט האָט ער אייך גאָר ניט געזאָגט ?״

„ניין, מיין הערר״ האָט עדוארד געענטפערט „אויסער דעם נור אַז ער האָט שוין וועגען די זאַך מיט אייך אָבגערעדט.״

„יאַ, יאַ, געוויס״ האָב איך האַלב צומישט געזאָגט „אונד ער האָט אייך פיעלייכט דאַביי אויפמערקזאַם געמאַכט וועגען. . . ״

„קיין זאַך ניט, הערר פּראָפעסאָר. איהר וועט דאָך געוויס מיטקומען, ניט וואהר ?״

„זעלבסטפערשטענדליך, אָהן אַ צווייפעל. איך זעה אַז אייך געפעלט עס זעהר גוט, אָבוואָהל איך גלויב אַז עס איז פיעלייכט געפעהרליך—״

„געפעהרליך ? וואָס רעדט איהר, הערר אראנאקס ? פאַר וועמען האָבען מיר זיך איבערהויפּט צו שרעקען אין מעער ?״

אריין געהען אין גענויערע ערקלעהרונגען איז מיר אונמעגליך, אום זיך ניט לעבערליך צו מאַכען. דער קאַפּיטאַן האָט וואהרשיינליך וועגען די הייפישען זיי ביידען ניט עראינערט אונד קאָנסייל'ן קומט עס אויפ'ן געדאַנקען ניט, אָבער ווי זאָהל איך אָנפאַנגען מיט איהם וועגען דעם צו ריידען?

פיעלייכט וועט דער הערר אַזוי גוט זיין אונז ערקלעהרען עטוואָס גענויערעס וועגען די פּערלען־פישעריי ?״ האָט מיין נייגעריגער דיענער אַ פּרעג געטהון.

„יאַ, יאַ,״ האָט דער קאַנאַדיער בעשטעטיגט „איידער מען געהט אַ זאַך זעהן שאַדעט ניט אַלעס ריכטיג צו וויסען. אַלזאָ וואָס איז אייגענטליך אַ פּערל ?״

„מיין ליעבער עדוארד״ האָב איך געזאָגט „ביי די פּאָעטען הייסט אַ פּערל אַ טרעהר פון ים. ביי די פרויען איז דאָס אַ ציערונג, וועלכע זיי טראָגען אויף פינגער, האַלז אונד אויערען. דער כעמיקער זאָגט אַז אַ פּערל איז אַ צוזאַמענמישענעס פון פאָספאָרזויערע אונד קאָהלענזויערע זאַלצען מיט אַ ביסעל ליים, אונד ענדליך פיר דעם נאַטור פאָרשער איז דאָס אַ קראַנקהאַפטע אויסגיסונג אין קערפּער פון געוויסע אויסטערס, וואָס לעבען אין אַ שאַלע פון צוויי דעקלאַך. דאָס זיינען נעמליך אַזעלכע ברואים וואָס געהערען צו דעם מין מאַללוסקען אונד צווישען זיי געפינען זיך אַזעלכע וואָס גיבען ארויס פּערלמוטער פון בלויען וויאָלעטען, אָדער ווייסען קאָלאָר, מיט וועלכע די אינוועניגסטע זייט פון זייער שאַלע איז אויסגעלייגט. אָבער די מאַללוסקע וואָס גיעבט ארויס פון זיך די בעסטע פּערלען איז די פּערלען־אויסטער.״

„טרעפט עס אויך אז מען געפינט מעהרערע פערלען אין דעמזעלבען אויסטער ?" האט קאנסייל געפרעגט.

„יא, קאנסייל, די פערלען זיטצען א מאהל פעסט צוגעקלעפט צו דעם פערלמוטער־דעקעל אונד א מאהל געפינט מען זיי אין דעם קערפער פון דעם אויסטער. מען האט ערצעהלט, אבוואהל איך גלויב עס ניט, אז איי־ניגע פון אזעלכע אויסטערס האבען ענטהאלטען אין זיך ביז הונדערט אונד פונפציג היי־פישען."

„הא, הא, הא !" האט עדוארד זיך פערנאנדער געלאכט „הונדערט אונד פונפציג הייפישען אין איין אויסטער, — דאס איז א שעהנער שפאס, העדר פראפעסאר !"

„הונדערט אונד פונפציג פערלען האב איך געוואלט זאגען. איך וויים ניט ווי אזוי האבען מיר זיך דא הייפישען אריינגעפלאנטערט."

„אונד דער פרייז פון די פערלען מוז נאטירליך זיין נאך זייער גרויס־קייט ?" האט קאנסייל געפרעגט.

„ניט גראדע די גרויס אליין שפיעלט דא די הויפט ראלע" האב איך ערוויעדערט „עס קומט נאך אין בעטראכט די פארמע, ווי זי האט זיך צו־פעליג אין דעם קערפער פון דעם אויסטער אויסגעגאסען ; דער וואסער פון איהר פארב אונד דער אריענט פון די פערל, דאס הייסט, ווי שטארק דער בליטצענדער גלאנץ איז, וועלכע מאכט איהר פיר דאס אויג אזוי רייצענד. די שעהנסטע פון זיי רופט מען יונגפער־פערלען, מען געפינט זיי נור איינ־ציגע אין דעם פלייש פון דעם אויסטער. דיעזע פערלען זיינען קלאהר ווייס, מייסטענטהיילס דורכזיכטיג אונד זייער פארמע איז אדער רונד, אדער אזוי ווי א בירנע. די רונדע פערווענדעט מען ארם־בענדער צו מאכען אונד די ביר־נען־פארמיגע נור אלס ציערונג ארום צו הענגען. די טהייערסטע פון זיי ווערען פערקויפט פער שטיק, וועהרענד די אנדערע פערלען, וואס מען געפינט אנ־געקלעפט צו די אויסטערס־דעקלאך פערקויפען זיי אויפ'ן געוויכט אונד די גאנץ ארדינערע, וועלכע הייסען זאמר־פערלען — זאגאר אויפ'ן מאס."

„אונד גיעבט עס פון יענע איינצעלנע פערלען זעהר קאסטבארע ?" האט קאנסייל געפרעגט.

„געוויס. מען זאגט אז דער רוימישער קייזער צעזאר האט געשאנקען זיין ברויט א פערל וועלכע וואלט נאך די יעצטיגע געלד געווען ווערטה מעהר ווי צוואנציג טויזענד פראנק."

„איך האב אויך פיר מיין געוועזענע כלה קאטערינא טענדער" ער־צעהלט עדוארד „געקויפט א פערלען האלז־באנד פיר איין דאללאר אונד א האלב. די פערלען זיינען געווען פראכטפאל שעהן אונד ציעמליך גרויס."

„נאטירליך זיינען דאס געווען נאכגעמאכטע גלאז־פערלען" האט קאנ־

סייל זיך אָבגערופען „אונד וואהרשיינליך גראדע דארום האָט די קאַטערינא ניט געוואָלט מיט איך הייראַטהען, מיסטער לענד.“

„אָבער איינער פון די טהייערסטע פּערל אין דער גאַנצער וועלט איז דיעזע.“ האָב איך ערקלעהרט צייגענדיג אויף איינע פון דיעזע קאָסטבאַר־קייטען וואָס ליגען אין גלאָז קאַסטען. „נאָך מיין מיינונג איז זי ווערטה ניט וועניגער ווי צוויי מילליאָן פראנק.“

„פיעלייכט וועט אונז מאָרגען אויך געלינגען אזא טהייערע פּערל צו געפינען?“

„עס קען זעהר מעגליך זיין“ האָב איך בעשטעטיגט „אונד אין דער טהאט ווען מיר זאָלען ברענגען נאָך איירָאפּא א פּערל פון איינע מילליאָנען ווערטה וואָלט עס וועניגסטענס געקענט דיענען אלס בעוויז וועגען די ריכטיגקייט פון אונזער מערקווירדיגע רייזע. אָבער זאָגט מיר, עדוארד,“ האָב איך זיך צו איהם געווענדעט מיט א לייכטען טאָן „האָט איהר קיין מורא ניט פאר די הייפישען?“

„איך זאָהל מורא האָבען?“ איז דער הארפּונער פערוואונדערט גע־וואָרען „ווייסט איהר דען ניט אז איך האָב אין מיין לעבען שוין איינִיגע צעהנדליגע שטיק פון דיעזע בעסטיעס אויסגע׳הרג׳עט?“

„יאָ, אָבער דיעזעס מאָהל האנדעלט זיך ניט אויף זיי צו וואַרפען די הארפּונע, זיטצענדיג אין שיפעל; יעצט וועט פיעלייכט אוים קומען צו קעמפּפען געגען זיי אין וואסער.“

„געוויס!“ האָט עדוארד מיט פערגניגען אויסגערופען „איך שטעל מיר שוין יעצט פאָר ווי דער הייפיש שטויסט זיך געגען אונז מיט זיין ברייטע מויל, אָבער ער איז איין אונגעשיקטע בעשעפּעניס: ער מוז זיך פריהער אומדרעהען מיטען בויך ארויף ווען ער וויל יעמאנדען איינשלינגען אונד אין דעמזעלבען אויגענבליק זעטץ איך איהם אריין מיין הארפּונע. — “

„איהר זייט ווירקליך א בראַווער הארפּוניער, עדוארד,“ האָב איך ווי מעגליך רוהיג אויסגעשפּראָכען „אונד דו, קאָנסייל? וואָס זאָגסט דו צו דיעזע הייפישען?“

„ווען מיין הערר האָט איינגעשטימט דיעזען שפּאַציער גאַנג מיט צו מאַכען בין איך שוין אויך דארויף פערטיג אונד האָב אויך קיין מורא ניט פאר די הייפישען.“

3־טעס קאַפּיטעל.

אויף דער פּערלען פישעריי.

עס איז נאכט געוואָרען אונד איך האָב זיך הינגעלייגט צו בעט זעהר אונרוהיג. די גאַנצע נאכט האָט זיך מיר געפּלאָנטערט וועגען אונגעהויער, שרעקליכע הייפישען אונד נאָך אַזעלכע פּרוכטבארע זאכען.

דען פּאָלגענדען פריה־מאָרגען האָט דער סטוארט מיך אויפגעוועקט אום פיער אוהר. איך האָב זיך שנעל אָנגעקליידעט אונד אריינגעקומען אין זאַלאָן, וואו קאַפּיטאַן נעמא האָט מיר שוין ערוואַרטעט.

„וועלען מיר שוין יעצט געהען אונזער סקאַפאַנדער־בעקליידונג אָנציהען ?" האָב איך געפרעגט.

„נאָך ניט, העחר פּראָפעסאָר. איך האָב ניט געוואָלט צו לאָזען דעם נאוטילוס אַזוי נאָהענט צום ברעג אונד מיר געפינען זיך פּאַרלויפיג אין מיטען ים, ציעמליך וויט פון מאַנאאר קאַנאַל. מיר וועלען ביז צו דעם ריכטיגען פּונקט צו פאָהרען אויף א קליינע שיפעל, אין וועלכע עס געפינען זיך שוין אַלע נויטווענדיגע אַפּפּאַראַטען אונטער'ן וואססער זיך צו בעגעבען."

אַלס איך בין אַזוי רעדענדיג מיט דעם קאַפּיטאַן ארויס אויפ'ן פּלאַטפאָרם זיינען שוין עדוואַרד אונד קאָנסייל דאָרט געוועזן. פינף מאַטראָזען זיינען געזעסען פּערטיג ביי'ן רודער אין די קליינע שיפעל, וואָס וואהר שוין אראָבגעלאָזען אונד בלויז צוגעבונדען צום נאוטילוס מיט א שטריק.

עס איז נאָך געוועזן גאַנץ דונקעל. גרעסערע אונד קלענערע וואָלקענס ציהען זיך איבער'ן הימעל אונד פערדעקען די בלייכע שטערען. דער ברעג זעהט זיך פון גאַנץ וויט ווי א נעבעלהאַפטער שטריך, וואָס ציהעט זיך פון זידען נאָך נאָרדען, צווישען דיעזען ברעג אונד די מאַנאאר פליעסט דורך א מעער־קאַנאַל אונד אין זיינע וואססערען געפינט זיך די פּערלען־פישעריי, אויף א שטרעקע פון מעהר ווי צוואַנציג מייל.

קאַפּיטאַן נעמא, איך אונד מיינע קאַמעראַדען זיינען געזעסען אין הינטערסטען טהייל פון שיפעל. דער שטייער־מאַן אונד זיינע פיער מאַטראָזען זיינען שוין אויף זייערע פּלעטצער. די שטריק וואר אָבגעבונדען אונד דאָס שיפעל איז אָבגעפאָהרען.

ארום האַלב זעכס אוהר איז דער הימעל העללער געוואָרען פון די ערשטע מאָרגען־שטראַהלען אונד מיר האָבען געקענט דעם ברעג עטוואָס דייטליכער בעטראַכטען. פון איין זייט איז ער ציעמליך פּלאַך, וועהרענד ווייטער נאָך אָסטען ווירד ער עטוואָס העכער. צווישען אונז אונד דעם לאַנד

איז דער ים גאַנץ לעער, קיין שיפעל, קיין שווימער איז יעצט ניט צו זעהען. דיעזע שטעלע, וואו עס רוישט צו אַ בעשטימטע צייט פון הונדערטע פערלען־פישער אונד אַנדערע פערזאָנען, איז יעצט גאַנץ איינזאַם אונד לעער, דען מיר זיינען געקומען מיט אַ מאָנאַט צו פריה, ווי קאַפּיטאַן נעמא ערקלעהרט.

אין אַ קורצע צייט איז באַלד געוואָרען העללער טאָג, דען אין דיעזע עקוואַטאָר־געגענדען גיעבט עס פאַסט גאָר קיין פאָר־טאָג אונד קיין פאָר־נאַכט. יעצט זעה איך דייטליך דאָס לאַנד; די בוימער אין פערשיעדענע ערטער ארום ברעג. אונזער שיפעל איז געקומען ניט ווייט פון דער אינזעל מאַנאַאַר; דער קאַפּיטאַן איז אויפגעשטאַנען אונד אויף זיין בעפעהל האָט מען אַראָפּ געלאָזען דעם אַנקער. דאָ איז דער העכסטער גרונד פון די פעלען־געגענד, זאָ דאָס דער ים איז אין דיעזע שטעללען ניט מעהר ווי איין עלל טיעף.

„יעצט זיינען מיר אויף אָרט אונד שטעללע, הערר אראנאַקס" האָט נעמא זיך צו מיר געווענדעט „איהר זעהט דאָרט יענעם קליינעם האַפּפען? דאָס איז דער פּלאַטץ וואו מיט אַ מאָנאַט שפּעטער וועלען זיך הונדערטע שיפלאַך פערזאַמלען, אום די פערלען־פישעריי צו בעטרייבען. יעצט וועלען מיר די סקאַפאַנדער־בעקליידונג אָנציהען אונד אונזער שפּאַציער־גאַנג אָנפאַנגען."

איך האָב דארויף גאָר ניט געענטפערט, קוקענדיג אויף די פערדעכטיגע וועללען, אונטער וועלכען נאָך מיין מיינונג מוזען זיין פערבאָרגען די שרעקליכסטע אונגעהויער, מיט די הילפע פון די מאַטראָזען ווארען איך אונד מיינע קאַמעראַדען באַלד אָנגעקליידעט. איך בעמערק אָבער אַז דיעזעס מאָהל האָבען מיר קיין בעלייכטונגס־אַפּפּאַראַטען.

„דאָס איז יעצט גאָר ניט נויטהיג." האָט דער קאַפּיטאַן אויף מיין פראַגע ערקלעהרט „אין קיין גרויסען טיעפנים וועט אונז ניט אויסקומען אַראָפּ צו שטייגען. די ערטער זיינען איבעראַל פלאַך אונד דאָס ליכט פון די זונען־שטראַהלען איז פאָלקאָמען גענוג. אויסערדעם איז אין דיעזע וואַסערען עטוואָס ריזיקאַליש מיט צו נעהמען איין עלעקטרישע בעלייכטונג, וועלכע קען צו ציהען די געפעהרליכע בעשעפּניסען, וואָס געפינען זיך אין דיעזע ערטער."

„אונד אונזערע געוועהר, אונזערע וואַפען?"

„צו וואָס דאַרפען מיר געוועהר?" האָט נעמא ערוויעדערט „מיר געהען דאָך ניט אויף דער יאַגד שיעסען טהיערע. אום זיך צו פערטהיידיגען זיינען גענוג דיעזע קלינגען, וועלכע יעדער פון אונז נעהמט מיט. שטעקט אייערען אריין אונטער'ן גארטעל!"

באלד נאך דעם האבען אונזערע קעפף געשטעקט אין די קופערנע שיי־דען אונד יעדער וויטערער געשפרעך וואר שוין אונמעגליך.

איך גיעב א בליק אויף מיינע קאמעראדען, זיי זיינען אויך אנגעקליי־דעט אונד בעוואפענט מיט דיזעלבע ברייטע מעססערס, נור עדוארד לענד האלט נאך דאצו אין האנד א גרויסע הארפונע, וועלכע ער האט פון נאר־טילוס מיטגענומען.

מיר זיינען דאן אין דער בעגלייטונג פון קאפיטאן ארוים פון שיפעל אונד געבליעבען שטעהן אויף א זאמדיגען גרונד, וועלכער וואר נור אנ־דערטהאלב עללען אונטער'ן וואססער. נעמא האט אונז א וואונק געגעבען מיט'ן האנד איהם נאך צו פאלגען אונד באלד זיינען מיר ארונטער טיעפער, ביז איבער'ן קאפף אין וואססער.

מערקווירדיג גראדע יעצט איז דאס געפיהל פון מורא אזוי ווי מיט א צויבער־קראפט פון מיינע געדאנקען פערשוואונדען. צו מיין ערשטוינען בין איך גאנץ רוהיג געווארען. עס איז מיר זעהר לייכט זיך דא צו בעוועגען אונד דאס אליין גיעבט מיר מעהר מוטה מיינע קרעפטען צו פערטרויען, וועה־רענד די סצענעס וואס שטעלען זיך דא פאר וועקען אויף מיין איינבילדונגס־קראפט.

די זונען־שטראהלען ברעכען זיך גאנץ העלל אונטער'ן וואססער, זא דאס עס איז מעגליך פון וויטען דעם קלענסטען געגענשטאנד צו דערקענען. נאכדעם ווי מיר זיינען אונגעפעהר צעהן מינוטען געגאנגען מיט א פלאכען בארג אראפ זיינען מיר יעצט געקומען אין א טיעפנים פון איבער זעקס עללען אונד דא איז דער באדען איבעראל געוועזען גאנץ גלייך.

פון אונטער אונזערע פיס זיינען אזוי ווי די זומפ־פויגלאך ארויסגע־פליגען מאסען פון מערקווירדיגע פיש אונד קליינע מעער־שלאנגען. די אויפשטייגענדע זונן בעלייכטעט אימער שטארקער די וואססערען. דער באדען האט ביסלעכווייז זיך געענדערט; אנשטאדט דעם זאמדיגען גרונד בעטרעטען מיר יעצט א זארט וועג, וואס איז פון ביידע זייטען אבגעגרע־נעצט מיט פעלזען, וועלכע זיינען בעדעקט אזוי ווי מיט א טעפיך פון מאל־לוסקען אונד לעבענדיגע טהיער־פפלאנצונגען. איבער זיי לויפען ארום מאס־סען פון פערשיעדענע העסליכע אינזעקטען. אויף דיעזען אופן האב איך איי־ניגע מאהל בעגעגענט דעם געוויסען ריעזען־קרעבס, וואס געפינט זיך אין ים, וועלכען דער גרויסער נאטור־פארשער דארווין האט בעשריעבען. דיעזער איג־זעקט פרעסט זעהר גערען קאקאס־ניסס, אונד אום זיין ליעבלינגס־שפייזע צו בעקומען קלעטערט ער ארויף אויף א בוים, וואס וואקסט ביי'ן ברעג, אונד ווארפט ארונטער די ניסס, וועלכע צוברעכען זיך פאלענדיג, זא דאס ער קען די שאלע מיט זיין שנאבעל עפענען.

א שטונדע שפעטער זיינען מיר ענדליך געקומען צו די שטעלע וואו עס געפינט זיך די פערל־מושעלען, פון וועלכען עס ווירד יעדעס יאָהר א מיליאָנען־רייכטהום ארויסגענומען. די שיסעלאך פון די מושעלען זיינען רונד, דיק, בעדעקט מיט פיעלע קנייטשען אונד שטארק בעפעסטיגט איי־נע צו די אנדערע. די אויסטערס געפינען זיך אין די שאלען. אנדערע פון זיי, נעמליך די שאלען פון די יונגע אויסטערס, זיינען עטוואָס גלאַטער אונד בעדעקט מיט גרינע שטרייפען. קאָפּיטאן נעמא צייגט מיר מיט'ן האנד אויף דיעזע אונענדליכע אוצרות וואָס וואַלגערען זיך דאָ ארום. עדוואַרד אונד קאָנסייל קלייבען זיך אוים די שעהנסטע מאָללוסקען אונד פּילען אָן זיי־ערע נעטצלעך, וועלכע זיי האָבען מיטגענומען.

לאנג זיינען מיר דענּנאָך ניט געבליעבען שטעהען אויף איין אָרט. מיר פאָלגען נאָך דעם קאַפּיטאן נעמא, וועלכער געהט אימער ווייטער, וואהר־שיינליך צו א געוויסען ציעל. דער באָדען איז ביסלעכווייז וויעדער געוואָ־רען העכער, זאָ דאָס איך האָב געקענט ארויסשטעקען די האנד איבער דעם שפּיעגעל פון מעער. נאכהער זיינען מיר וויעדער ארונטער אין א נידעריגען אָרט, וואו מיר זעהען געגען זיך הויכע שפּיטציג פעלזען, אונד פון זייערע שפּאַלטען זיינען אויף אונז אויסגעשטאַרצט די בליקען פון אונגעהויערע אינ־זעקטען.

אין דיעזען מאָמענט האָט זיך געעפענט פאַר אונזערע אויגען א גרוי־סע הייל, וועלכע די נאַטור אליין האָט קונסטפאָל אויסגעבויט פון פעלזען, וואָס זיינען בעדעקט מיט די שעהנסטע ים־בלומען. איך גלויב אָנפאַנגס אז אינווענינג איז גאַנץ דונקעל דען די זונען־שטראַהלען קענען אהין ניט אריינ־קומען.

קאַפּיטאַן נעמא איז אריין אין דיעזע הייל אונד מיר נאָך איהם. ביס־לעכווייז האָבען מיינע אויגען זיך אזוי איינגעוואָהנט צו דיעזע דונקעלהייט אז עס איז מיר שוין מעגליך די ארומיגע געגענשטאַנדען גענויער צו בעטראַכ־טען. מיר געפינען זיך אין א געוועלב, וואָס איז געשטיטצט אויף זיילען, וועלכע די נאַטור אליין האָט אויף געשטעלט. זייער ארכיטעקטור איז דענ־נאָך געוועזען גראַדע אזוי שעהן ווי זיי וואָלטען געוועזען אויפגעבויט פון די גרעסטע קינסטלער.

נאָך א לענגערען גאַנג, וואָס האָט זיך געצויגען אימער העכער, זיי־נען מיר אריינגעקומען אין א גרויסע רונדע שאַכט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך אָבגעשטעלט אונד געוויזען מיט'ן האַנד אויף א געגענשטאַנד וועלכען איך האָט אָנפאַנגס גאָר ניט בעמערקט. דאָס וואַר א ריעזען־אויסטער, מעהר ווי צוויי עללען די גרויס. דאָ ליעגט זי בעפעסטיגט אויף א גראַניט פּלאַטע אונד ענטוויקעלט זיך אין דיעזער פערבאָרגענהייט, אָבגעזונדערט אין דעם

רוהיגען וואסער פון הייל. נאָך מיין רעכענונג מוז דיעזע מערקווירדיגע אויס־טער וועגען ביז זעקס הונדערט פונט.

ווי איך פערשטעהע איז קאַפּיטאַן נעמא שוין ניט דעם ערשטען מאָהל אין דיעזע פערבאָרגענע הייל אונד וואהרשיינליך האָט ער אונז געפיהרט אום דיעזע וואונדערבארע אויסטער צו צייגען. איהרעביידע דעקלאָך זייי־נען גראַדע יעצט געווען עטוואָס געעפענט. דער קאַפּיטאַן איז צוגעגאנגען אונד אריינגעשטעקט צווישען זיין ברייטען מעססער, אום דאָס טהיער זאָהל זיי ניט קענען צוזאַמען שליעסען. דאַן האָט ער אויפגעהויבען די דיקע אומ־הילונג פון איהר הויט, מיט וועלכע זי וואר בעדעקט ווי מיט א ברייטען מאַנ־טעל, אונד איך האָב מיט ערשטוינען דערזעהען אז דאָ, צווישען די בלע־טער פון איהר קערפּער, ליעגט פריי א פערל וואָס איז אזוי גרויס ווי א קאָ־קאָס־נוסס. די עכט רונדע פאָרם פון דיעזע פערל, איהר פאַלקאָמענע קלאָהר־הייט אונד דער וואונדערבארער גלאַנץ פון איהר וואססער שטייגט איבער די שעהנסטע פערלען וואָס די וועלט האָט ביז יעצט געזעהען. נאָך מיין אָב־שאַטצונג איז זי ווערטה ניט ווענינער ווי צעהן מיליאָן פראַנק.

אין די גרעסטע נייגיעריגקייט האָב איך אויסגעשטעקט די האנד אום דיעזע מערקווירדיגקייט דער נאַטור אָנצוריהרען אונד נעהענטער צו בע־טראַכטען אָבער קאַפּיטאַן נעמא האָט מיך צוריק געהאַלטען אונד שנעל ארויסגעצויגען זיין מעססער, דאַן האָבען ביידע דעקלאָך זיך באַלד צוזאַמען געשלאָסען.

יעצט פערשטעהע איך וואָס דער קאַפּיטאַן בעצוועקט דאמיט. ער וויל אז דיעזע פערל, ליעגענדיג אין קערפּער פון טהיער, זאָהל נאָך מעהר וואַק־סען, ביז ער וועט עס א מאָהל צונעהמען, אום דאמיט זיין מוזעאום צו פערציערען. עס קען זעהר מעגליך זיין אז ער ווענדעט אָן איבער דעם גע־וויסען מיטעל, וואָס ווירד געברויכט אין כינא אונד אינדיען; עס בעשטעהט דארין, אז מען לעגט אריין אין די דעקלאָך א שטיקעל גלאָז, אָדער אירגענד וועלכען מעטאַל. די אויסטער ווערד דאדורך אויפגערייצט אונד גיעסט ארויס פון זיך נאָך מעהר פערלמוטער־שטאָף פון וועלכע די פערל אין איהר קער־פּער וואקסט שנעללער אונד שעהנער.

קאַפּיטאַן נעמא האָט ענדליך פערלאָזען די הייל. מיר זיינען ארויס צו־ריק אין די קלאָהרע וואססערען פון דעם קאַנאַל אונד אין פערלויף פון צעהן מינוטען זיינען מיר דורכגעגאַנגען איין עטוואָס טיעפערע טהאָל. איך האָב צו דיעזער צייט שוין אין גאַנצען פערגעסען מיין פריהערדיגע אַנגסט ווע־גען די געפאַהרען וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט מיר אזוי איבערטריעבען. פּלוצלונג איז קאַפּיטאַן נעמא געבליעבען שטעהען אונד געגעבען א וואונק איך זאָהל נעבען איהם זיך איינבויגען צום באָדען, צייגענדיג מיט'ן האַנד

אויף א פונקט, אויף וועלכען איך האב יעצט אויפמערקזאם א קוק נעגעבען.

ניט ווייט פון אונז דערזעה איך אויפ'ן גרונד א לאנגען שאטען. דעם ערשטען מאמענט בין איך זעהר דערשראקען געווארען, גלויבענדיג אז א הייפיש וועט אונז באלד בעפאלען; אבער באלד האב איך זיך ארום געזעהען מיין טעות, אז דיעזעס מאהל האבען מיר צו טהון ניט מיט איין אונגעהויער פון מעער.

דאס וואר איין מענש, איין אייפאבער, ארמער אינדיער, וועלכער האט אין דיעזע שטעלע זיין קליין שיפעל פעראנקערט. איך בעטראכט ווי ער לאזט זיך אראפ אין וואססער, זיך צוהאלטענדיג מיט די פיס אן א לאנגען שטיין וואס הענגט צוגעבונדען אויף א שטריק פון זיין שיפעל. דער אינדישער פישער פערבלייבט אונטער'ן וואססער ניט מעהר ווי דרייסיג סעקונדען, כאפט שנעל צוזאמען א זאק אירגענד וועלכע מושעלען עס פאללען איהם אריין אין האנד אונד שפריגט אריין צוריק אין זיין שיפעל.

אונז האט דער מאן ניט געזעהען. איך אונד קאפיטאן נעמא זיינען געשטאנען הינטער א פעלזען, אונד דעם ארמען קערל האט נאטירליך גאר ניט געקענט קומען אויפ'ן זינען אז דא, אונטער'ן וואססער זאלען זיך קענען געפינען מענשען, וועלכע שטעהען גאנץ רוהיג אונד בעטראכטען יעדע פון זיינע בעוועגונגען.

אייניגע מאהל האט שוין דער אינדיער זיין ארבייט געמאכט. עס איז איהם ניט מעגליך געווען מעהר ווי א דוצענד מושעלען יעדעס מאהל צו בעקומען דען מייסטענטהיילס ליעגען זיי צוגעפעסטיגט צום פעלזען, פון וועלכען מען מוז זיי אברייסען. דעננאך איז זעהר זעלטען צו בעקומען אזעלכע וואס ענטהאלטען אין זיך דעם קלענסטען פערל. דער ארמער פישער איז געצוואונגען זיין לעבען צו ריזיקירען ביז עס געלינגט איהם אויף דיעזען אופן עטוואס צו פערדיענען.

מיר איז געווען זעהר אינטערעסאנט דיעזע סצענע צו בעטראכטען אונד א רעכטע צייט בין איך אזוי געשטאנען קוקענדיג אויף דעם אינדיער'ס בעשעפטיגונג, אלס מיט איין מאהל דערזעה איך אז ער שפרינגט אויף פון גרונד, אויף וועלכען ער האט זיך עבען יעצט אראפ געלאזען, אונד מיט דעם גרעסטען ענטזעצען קלעטערט ער צוריק אין זיין שיפעל.

איך האב באלד אויך דערקענט די אורזאכע פון זיין שרעק. א ריעזענהאפטער שאטען האט זיך בעוויזען איבער דעם אונגליקליכען פישער. שנעל ווי א בליטץ איז צוגעשוואומען א מעכטיגער הייפיש; זיינע אויגען ברענען ווי פייער אונד זיין שרעקליכער מויל איז ווייט געעפענט. פון גרויס ענטזעטצען בין איך ניט אימשטאנד געווען זיך פון ארט צו ריהרען. איך זעה ווי דער מאן דרעהט זיך ארום פון אונטער דעם רויב־טהירעס מויל,

אָבער דער הייפיש דערלאַנגט איהם אַ זעטץ אין ברוסט מיט זיין מעכטיגען עק אונד דער אונגליקליכער פאַלט צום באָדען.

די גאַנצע סצענע האָט קוים איניגע מינוטען געדויערט. דער הייפיש דרעהט זיך אום אויפ׳ן רוקען אונד איז שוין פערטיג זיין אָפּפער איינצו־שלינגען, אַלס קאַפּיטאַן נעמא, וועלכער איז נעבען מיר געלעגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ שטעהל געטהון. האַלטענדיג דעם ברייטען מעססער אין האַנד לויפט ער שנעל געגען דעם אונגעהויער, אום מיט איהם צו קעמפּפען.

אין דיעזען אויגענבליק ווי דער הייפיש האָט שוין אויסגעשטעלט זיין מויל אויף דעם אונגליקליכען פישער דערזעהעט ער זיין נייעם געגנער. ער דרעהט זיך שנעל צוריק אויפ׳ן בויך און פליהט צו איהם. דער קאַפּיטאַן שטעהט אויף זיין אָרט, ערוואַרטענדיג מיט אַ וואונדערבאַרע קאַלטבליטיג־קייט דאָס פירכטערליכע טהיער, אונד אַלס דיעזע איז צו איהם צוגעשטירצט זעצט ער איהם אריין זעהר געשיקט זיין ברייטען מעססער אין בויך. אָבער דאָמיט איז נאָך גאָר ניט אויפגעטהון. דער קאַמפּף פאַנגט זיך נור יעצט אָן, דען דיעזע אונגעהויער קען קיין וואונד גאָר ניט שאַדען ביז מען טרעפט איהם גראַדע אין ברוסט. דער הייפיש איז געקומען נאָך אין אַ גרעססערע וואוטה ; דאָס בלוט גיעסט זיך ווי שטראָמען פון זיינע וואונדען ; זאָ דאָס אַרום איהם איז דאָס גאַנצע וואַסער פערדונקעלט געוואָרען.

איך קען קוים בעמערקען ווי דער העלדענמוטהיגער קאַפּיטאַן האַלט זיך מיט זיין אייזערנע פויסט אין איינעם פון דעם רויב־פיש פלוס־פעדערען אונד שטעכט איהם יעדען אויגענבליק מיט׳ן מעססער, אָבער עס געלינגט איהם ניט דעם ריכטיגען טויטליכען שטויס איהם צו געבען. דער הייפיש צאַ־פּעלט זיך מיט אַזאַ געוואַלט אַז דאָס גאַנצע וואַססער קאָכט אַרום איהם.

אַזוי ווי אַ פערשטיינערטער שטעה איך אונד קוק מיט פערשטערטע בליקען אויף דיעזען פּרוכטבאַרען קאַמפּף. ענדליך איז דער קאַפּיטאַן גע־פאַלען צו באָדען אונד דער הייפיש דריקט איהם צו מיט די גאַנצע מאַססע פון זיין קערפּער. דער אונגעהויער עפפענט זיין ברייטע מויל, נאָך איין אויגענבליק אונד מען דאַרף ערוואַרטען אַז נעמא וועט זיין פערשלונגען, אָבער שנעל ווי אַ בליטץ שטירצט יעצט צו דער קאַנאַדיער, מיט זיין גרויסע האַר־פּונע אין האַנד.

עדוואַרד לענד האָט מיט דעם ערשטען שטויס זיין ציעל ריכטיג געטראָ־פען, דעם אונגעהויער׳ס ברוסט איז דורכגעשטאָכען. איניגע מאָהל גיעבט זיך זיין גרויסער קערפּער אַזאַ צאַפּעל אַז קאַנסייל, וועלכער איז אויך דאָ ניט וויט געשטאַנען פאַלט צו דער ערד.

קאַפּיטאַן נעמא איז אונטערדעסען אויפגעשטאַנען, גאַנץ מונטער אונד אונבעשעדיגט. ער געהט גראַדע צו צום אינדישען פישער, שניידט שנעל אָב

די שטריק אין וועלכע זיינע פיס זיינען פערפלאָנטערט געוואָרען ביי'ן שטיין אונד גיעבט איהם א שטאַרקען בריק אז ער איז באלד אַרויף צו־ריק אויף די אויבער־פלאַכקייט פון מעער. באלד וואר אויך נעמא בעמיהט דעם אונגליקליכען צו דערמינטערען, דען אַבוואָהל ער איז ניט לאַנג גע־בליעבען אונטער'ן וואססער דען נאָך גיעבט ער יעצט קיין צייכען פון לעבען. מען קען גלויבען אז ער איז טויט פון דעם שטאַרקען קלאַפּ וואָס דער הייפיש האָט איהם דערלאַנגט מיט זיין עק אין ברוסט. קאָנסייל איז אויך דעם קאַפּיטאַן געקומען צו הילף אונד באלד איז געלונגען דעם אָהנמעכ־טיגען פישער צו רעטען. עס איז געוועזען א שפּאַס צו זעהן מיט וואָס פיר איין ערשטוינען אונד שרעק דער אָרמער האָט א קוק געגעבען אויף די פיער גרויסע קופּערנע קעפּ וואָס זיינען איבער איהם איינגעבויגען.

מען קען זיך נאָך פאָרשטעלען דעם אינדיער'ס איבערראַשונג אַלס קאַפּיטאַן נעמא האָט ארויסגענומען פון זיין טאַש א זעקעל פּולל מיט די שעהנסטע פּערל אונד איהם איבערגעגעבען. אין זיינע צומישטע בליקען איז לייכט צו דערקענען אז ער נעהמט אונז אָן פיר אירגענד וועלכע וועזען פון איין אַנדער וועלט, וואָס זיינען געקומען זיין לעבען צו רעטען אונד איהם צו בעגליקען אויף דעם קאַפּיטאַן'ס צייכען האָבען מיר זיך צוריק געצויגען אין וואססער אונד א האַלבע שטונדע שפּעטער זיינען מיר אָנגעקומען צו די שטעלע וואו אונזער שיפעל איז געלעגען ביי'ן אַנקער.

זאבאלד ווי מיר זיינען אין שיפעל אריינגעשטויגען אונד אַראָפּ גע־נומען אונזער סקאַפאַנדער־בעקליידונג האָט דער קאַפּיטאַן זיך געווענדעט צום קאַנאַדיער.

„מיין בעסטען דאַנק, מיסטער לענד!" האָט ער אויסגעשפּראָכען.

„איך האָב נור געטהון מיין פּפליכט" וואר עדוואַרדס קורצע אַנטוואָרט.

א בלייכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף'ן קאַפּיטאַן'ס ליפּפּען אונד דאַן האָט ער געהייסען פאָהרען צוריק צום נאַוטילוס.

דאָס שיפעל איז שנעל געפלויגען איבער די וועללען. אין איניגע מינוטען שפּעטער זיינען מיר פערביי געפאָהרען די שטעלע וואו דער טוי־טער קערפּער פון דעם הייפיש איז ארום געשוואומען אויף'ן וואססער. נאָך די שוואַרצע פאַרב פון זיין פלוס־פעדערען דערקען איך אז ער איז איינער פון די פּרוכטבאַרסטע זאַרטען רויב־פיש וואָס בעוואָהנען דעם אינדישען אָקעאַן. זיין קערפּער איז איבער פינף אונד צוואַנציג פוס לאַנג, אָבער זיין גרויסער קאָפּף פערנעהמט א דריטען טהייל פון זיין קערפּער אונד דער אָפפענער מויל מיט די פיעלע רייהען שאַרפע ציינער איז ווירק־ליך א שרעק א קוק צו געבען.

צו דערזעלבער צייט האָבען זיך שוין בעוויזען ביי א דוצענד פון די־

זעלבע רויבערישע ברואים אונד זיך ניט קיממערינדיג וועגען אונזער שי־פעל זיינען זיי בעפאלען פרעססען זייער טויטען קאמעראד, זיך רייסענ־דיג איבער די שטיקער פון זיין קערפער.

אום האלב ניין אוהר זיינען מיר שוין געווען צוריק אויפ'ן נאוטילוס. מיר איז ביי דיעזע בעגעבענהייטען זעהר וואונדערבאר געווען צו זעהן דעם קאפיטאן'ס העלדענמוטה, אבער נאך מעהר וואר איך ערשטוינט אז ער, וועלכער פערהאסט אזוי דאס גאנצע מענשליכע געשלעכט, זאהל דעננאך וועלען זיין לעבען אפפערען פיר איין אונבעקאנטן פישער. דאס בעווייזט מיר א דיעזער מערקווירדיגער מאן איז דעננאך ניט אים שטאנד געווען אוים צו לעשען אין זיין הערצען אלע בעסערע, עדעלערע געפיהלען.

אלס איך האב זיך צו איהם געווענדעט מיט דיעזע בעמערקונג, האט ער מיר געענטפערט:

„דיעזער אינדיער, הערר פראפעסאר, איז איינער פון די אונטערדריק־טע. ער וואהנט אין אזא לאנד אויף וועלכען דעספאטען האבען זייער שווע־רען יאך ארויף געלעגט. איך בין אויך איינער פון זיי אונד ביז צו מיין לעצטע מינוט וועט מיין הערץ צו זיי געהערען.“

דער קאפיטאן האט דיעזע ווערטער מיט גרוים ריהרונג אויסגעשפרא־כען.

4־טעם קאפיטעל.

דער רויטהער ים.

דעם 29טען יאנואר איז די אינזעל סיילאן פערשוואונדען פון אונ־זערע בליקען. דער נאוטילוס פאהרט מיט א קראפט פון צוואנציג מייל א שטונדע אונד בעוועגט זיך פארזיכטיג צווישען פערשיעדענע קאנאלען. זייט אונזער אבּרייזע פון יאפאנישען מעער האבען מיר שוין געמאכט איבער זעכצעהן טויזענד מייל.

דעם פאלגענדען טאג, אלס דער נאוטילוס איז ווידער אויפגעשטויגען צו די אויבערפלאכקייט פון מעער, איז שוין קיין לאנד ווייט ארום ניט געווען צו זעהען. די ריכטונג פון אונזער פאהרען געהט יעצט גראדע נאך דעם מעער אמאן, וועלכער געפינט זיך צווישען אראביען אונד דעם אינ־דישען האלב־אינזעל. פון דאנען אן איז אבער ניט מעגליך ווייטער צו פאהרען. וואוהין פיהרט אונז אייגענטליך דער קאפיטאן נעמא? דיעזע פרא־

נע האָבען מיר זיך אַלע געשטעלט, אָבער דער קאַנאַדיער איז צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָהל איהם דארויף אַ ריכטיגע אַנטוואָרט געבען.

„ווי איהר ווייסט זאָגט ער דאַביי צו מיר האָט דער פערזישער קאַנאַל קיין אויסגאַנג ניט; אויב מיר זאָהלען אהין אריין פאָהרען וועלען מיר דאָך שליעסליך מוזען צוריק קעהרען."

„זעהר מעגליך" האָב איך דארויף געזאָגט „אָבער פון דעם פערזישען גאָלף קען דער נאוטילוס דורך די וואַסער־שטראַסע פון באַבעל־מאַנדעב אריין קומען אין רויטהען מעער."

„איך דארף אייך דאָך ניט לעהרנען," מיין הערר „האָט עדוואַרד ערווידערט „אַז דער רויטהער מעער זעלבסט איז דאָך אויך פון אַלע זייטען אָבגעשלאָסען, דען דער זועץ־קאַנאַל איז דאָך נאָך ניט דורכגעבראָכען אונד יעדענפאַלס וואָלט אַזאַ געהיימניספאָלע שיף ווי דער נאוטילוס זיך ניט דארפען אונטערשטעהען דורכצופאָהרען אַזאַ קאַנאַל, וואו דער דורכגאַנג איז אָבגעשלאָסען אונד יעדע שיף וואָס וויל דורכפאָהרען מוז פריהער בעווייזען איהרע געוויסע רעכטמעסיגקייט."

„איך גלויב אָבער" האָב איך געענטפערט „אַז דער נאוטילוס וועט נור בעזוכען די מערקווירדיגסטע געגענדען פון אראַביען אונד עגיפּטען; דאַן קען ער דורך דעם קאַנאַל פון מאָזאַמביק זיך בעגעבען צוריק אין אינדישען אָקעאַן; אָדער פאַרביי דעם קאַפּ דער „גוטען האָפנונג" אין אַטלאַנטישען מעער. אין אַלגעמיין, פריינד עדוואַרד, זעה איך אַז דיעזע אונטערוואַסערדיגע רייזע איז אייך ניט זעהר אַנגענעהם; איהר זייט גאַנץ גלייכגילטיג צו די אַלע וואונדער וואָס מען זעהט אונטער'ן מעער. איך, פון מיינער זייט, בין זעהר צופריעדען דורך צו מאַכען אַזאַ רייזע וואָס קיין מענש אין דער וועלט האָט דאַצו קיין מעגליכקייט ניט געהאַט.

„ווייסט איהר אָבער, הערר אַראָנאַקס, אַז מיר געפינען זיך שוין ביינאַהע דריי מאָנאַטען אַלס געפאַנגענע אויף דעם נאוטילוס?"

„ניין, עדוואַרד; דען איך צעהל ניט די טעג אונד די שטונדען."

„אָבער וואָס וועט פון אונז דאָ ווערען דער סוף?"

„דאָס וועט די צייט ווייזען, איבריגענס קענען מיר דאָך מיט אונזער פּלעהרען די זאַך ניט ענדערען, ווען איהר וואָלט געקומען צו מיר, מיין גוטער עדוואַרד, אונד געזאָגט: „דאָ איז אַ מיטעל צו אַנטלויפען" דאַן וואָלטען מיר וועגען דעם רעדען; יעצט איז אָבער גלייכער מיר זאָהלען פאָרלויפיג געניעסען דעם פערגניגען פון דיעזער רייזע אונד גאָר ניט טראַכטען וועגען דער צוקונפט."

עדוואַרד האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען אונד געזאָגט דארויף נור

אז ער קען ניט בעגרייפען וואס פיר א פערגניגען מען קען האבען צו בלייבען אין געפאנגענשאפט.

פיער טעג לאנג, ביז צום דריטען פעברואר, איז דער נאוטילוס געשוואומען אין דעם מעער פון אמאן, אין פערשיעדענע טיעפעניסען. ענדליך, ארום פאהרענדיג פון דיעזען מעער האבען מיר אויף א קורצע צייט בעקומען צו זעהען מאסקאטא, די גרעסטע שטאדט פון לאנד אמאן, עס איז געווען צו בעוואונדערען איהר מערקווירדיגעס אויסזעהען, איהרע ווייסע הייזער צווישען די שווארצע פעלזען, די רונדע קופעל פון מאשעען (מאהאמעדאנישע קירכען) די שלאנקע שפיטצען פון זייערע מינארעטען אונד די טעראססען צווישען דעם פרישען גרינס. ליידער האט אבער דיעזע שעהנע בעטראכטונג ניט געדויערט, דען באלד איז דער נאוטילוס ארונטער אין די וועללען פון דיעזע געגענדען.

פון דאנען איז אונזער שיף געפאהרען נור ביי א זעקס מייל ווייט פון די אראבישע ברעגעס, דעם פאלגענדען טאג האבען מיר דערזעהען די שטאדט אדען, וועלכע געפינט זיך אויף א בארג וואס שטעהט אין מעער אונד איז פערבונדען מיט'ן לאנד נור דורך איין ענגען פאסס. ענגלאנד בעהערשט יעצט דיעזע נאטירליכע פעסטונג, צייט דעם יאהר 1839. אין די פארצייטיגע יאהרען איז דיעזע שטאדט געווען זעהר בעלעבט מיט האנדעל אונד די רייכסטע אין דער גאנצער געגענד.

איך האב געגלויבט אז יעצט, ווען עס גיעבט קיין אנדער וועג אויסער נאך דעם אבגעשלאססענעם רויטהען מעער, וועט דער קאפיטאן נעמא צוריק קעהרען. צו מיין איבערראשונג אבער איז אונזער שיף דעם נעקסטען טאג ווירקליך אריין געפאהרען אין דעם קאנאל פון באבאל־מאנדעב, וואס פיהרט נאך דעם רויטהען מעער. דיעזער קאנאל איז נור אונגעפעהר צוואנציג מייל'ען די לענג וועלכע דער נאוטילוס קען דורכפאהרען אין פערלויף פון איין שטונדע, אבער איך האב קיין זאך ניט בעקומען צו זעהען, דען אונזער שיף האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען טיעף אונטער'ן וואססער. אונד ווירקליך איז אין דיעזען ענגען קאנאל וואו עס פאהרען שטענדיג ארום ענגלישע אונד פראנצויזישע קריעגס־שיפען, זעהר ריזיקאליש פיר דעם נאוטילוס איבער'ן וואססער זיך צו בעוויזען.

ארום מיטאג צייט זיינען מיר ארויסגעפאהרען אויף די וועללען פון רויטהען מעער. דיעזעס מעער (ים־סוף), וואס איז דערמאנט אין דער ביבעל, אלס דער יעניגער דורך וועלכען די אידען זיינען א מאהל דורכגעגאנגען טרוקען, וועהרענד זיי זיינען געלאפען פון די עגיפטער, איז ביי א טויזענד דריי הונדערט מייל די לענג אונד דורכשניטליך הונדערט צוואנציג די ברייט. צו דער צייט ווען די עגיפטישע קעניגע, די מעכטיגע פטאלאמייער, אונד

נאכהער די רוימישע קייזערען האבען דא געהערשט, איז איבער דיעזען מעער געטריעבען געוואָרען א וועלט־האנדעל, אונד ביי זיינע פערשיעדענע האפפענס ווארען די גרעסטע שטעדט אויף געבויט, יעצט ווערט וואהרשיינ־ליך דא נאָך מעהר ווערען בעלעבט, נאכדעם וואו דער זועץ־קאנאל ווערט דורכגעבראכען ווערען.

איך האב ווייניג געטראכט צו וועלכען צוועק דער קאפיטאן נעמא האט אונז אריינגעפיהרט אין דיעזען אבגעשלאָסענעם מעער. אבער די רייזע זעלבסט אונטער זיינע וואסערען איז מיר זעהר אנגענעהם געוועזען. אונזער שיף פאָהרט מיט א מיטעלמעסיגע שנעלקייט באלד אין די טיעפענים, אום א שיף אוים צו מיידען, באלד אויבען איבער'ן וואססער, אונד איך האב געהאט די בעסטע מעגליכקייט צו בעטראכטען דיעזען מערקווירדיגען מעער אין זיין טיעפענים אונד אויך זיין אויבערפלאכקייט.

דעם אכטען פעברואר פריה דעם מאָרגענס האבען מיר בעקומען צו זעהען די אלטע שטאָדט מאקקא, פון וועלכע די מויערען זיינען צוזאמענגע־שטירצט געוואָרען פון די קאנאָנען־דונערען אונד יעצט זיינען זיי אין פער־שיעדענע ערטער בעשאטענט מיט פראכטפאָלע טייטעל־בוימער. צו דער צייט ווען דיעזע שטאָדט האט געבליהט זיינען דא געוועזען זעקס עפפענטליכע מארקען, זעקס אונד צוואנציג מאָשעען ; אונד איהר פעסטונג מויער, בע־שיצט מיט פיערצעהן פאָרטען, וואר גענוי צוויי מייל ארום אונד ארום די לענג.

פון דאנען איז דער נאוטילוס געקומען נעהענטער צו די אפריקאנישע ברעגעס, וואו דאָס מעער איז פיעל טיעפער. דא, וואו דאָס וואססער איז דורכזיכטיג ווי קריסטאָל, האבען מיר דורך די געעפענטע לאָדען פון זאָ־לאָן געקענט גענוי בעטראכטען די מערקווירדיגסטע קאראלען־וועלדער, די אונגעהויערע פעלזען־ווענד אונטער'ן ים, בעדעקט אזוי ווי מיט א טעפיך פון אלגען אונד פערשיעדענע אנדערע מעער־בלומען. די אונטערוואסערדיגע לאנדשאפטען אונד געגענדען זיינען ווירקליך שעהן אונד ערהאבען צו בע־טראכטען. אונד וואָס ווייטער וואקסען אימער די קאראלען־בוימער פראכט־פאָלער אונד ענטוויקעלטער, זאָ דאָס איך האב גענאָסען גרוים פערגניגען זיטצענדיג ביי די גלעזערנע וואנד פון זאלאָן.

אויסער די נאטור־שעהנהייטען האב איך אין דיעזע געגענדען בעמערקט א בעשעפענים וואָס איז ביז יעצט מיר ניט געלונגען צו זעהען. דאָס איז נעמליך א זאָרט שוואמען, וועלכע געהערען צו דעם טהיערישען רייך, נעמ־ליך צו די פאָליפען, ווי די נייעסטע וויסענשאפט בעווייזט ; אבוואָהל די אלטע נאטור־פאָרשער האבען מיט א טעות ערקלעהרט, אז דאָס איז א בע־זונדערע זאָרט בעשעפענים, וואָס שטעהט צווישען די פפלאנצען אונד די

טהיערען. עס גיעבען פון דיעזע טהיער־שוואַמען ביז דריי הונדערט פער־שיעדענע מינים אונד פון פערשיעדענע פאָרמען אונד פאַ'בען. זיי זיטצען געוועהנליך צו געוואקסען צו אַ פעלזען, אויך צו פערשיעדענע מושעלען, אָדער זאָגאר צו די שטיינגלאַך פון אנדערע פפלאַנצונגען. דאָס וואססער שטראָמט אריין אונד בעלעבט די אינוועניגסטע טהיילען פון זייער קערפּער, דאַן ציהט זיך דער שוואָם צוזאַמען אונד דריקט ארויס פון זיך דאָס איבריגע וואססער.

פון אנדערע טהיער־פפלאַנצונגען איז ווערטה צו בעמערקען אַ בעזאָנדערע שעהנע ארט מעדוזען, מאססענווייז אויף די אויבערפלאַכקייט פון מעער אונד זייער קערפּער איז אַזוי ווייך אַז ווען מען טריקענט זיי אויס בלייבט פאַסט פון זיי גאָר ניט, דער קאַלמאַר, פון די גרויסע זאָרטען מאָ־לוסקען איז דאָ אויך זעהר אָפט אָנצוטרעפען. אויסער דעם געפינען זיך אין דיעזען מעער פיעלע שילדקרעטען, פון וועלכע מיר האָבען איינינע געפאַנגען אונד צובערייט פון זיי אַ געשמאַקפאָלען געזונדען געריכט.

דעם פאָלגענדען טאָג איז דער נאַוטילוס דורכגעפאָהרען די ווייטעסטע שטעלע פון רויטהען מעער, צווישען סלאַקין אונד קוואָנפאָדא, וואו זיין בּרייטקייט ערריכט ביז הונדערט נײַנציג מיילען. ארום מיטאָג צייט איז קאַפיטאַן נעמאָ געקומען אויפ'ן פּלאַטפאָרם, וואו איך בין דאַן געזעסען. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט איהם זעהען אונד אויב מעגליך פון איהם ער־פאָהרען ווי ער רעכענט זיך ארויס צו דרעהען פון דיעזען מעער, וואָס איז פון אלע זייטע אָבגעשלאָסען. דער קאַפיטאַן איז באַלד צוגעגאַנגען צו מיר, אָנבאָטענדיג פריינדליך אַ סיגאַר אונד דאַן האָט ער זיך אָבגערופען:

„נון, הערר פּראָפעסאָר, ווי געפעהלט אייך דאָס רויטהע מעער? האָט איהר גוט בעטראַכט אלע וואונדערבארע זאַכען אויף זיין גרונד אונד די שטעדט ביי זיינע ברעגעס?"

„יאַ, קאַפיטאַן, אונד מען קען ווירקליך זאָגען אַז דער נאַוטילוס איז פּונקט ווי בעשאַפען פיר אַזאַ שטודיום, גראַדע ווי ער וואָלט געוועזען אַ שיף מיט פערשטאַנד."

„יאַ, מיין הערר, פערשטענדיג, דרייסט אונד שטאַרק איז דער נאַו־טילוס. ער האָט קיין מורא ניט פאַר די רייסענדע שטראָמונגען, די גרויסע פעלזען אונד די פורכטבארע שטורמס וואָס טרעפען זעהר אָפט אויף דיעזען מעער."

„ווירקליך" האָב איך געענטפערט „דער רויטהער ים האָט איין זעהר שלעכטען בערוף, אונד ווי פיעל איך געדענק פון די אַלטע בעשרייבונגען האָט מען איהם פאַרצייטען גערעכענט אַלס זעהר געפעהרליך."

„גאַנץ ריכטיג, הערר אראָנאַקס, ביי די אַלטע גריעכישע אונד לאַטיי־

נישע געשיכטע־שרייבער געפינט איהר אזעלכע ערקלעהרונגען. דער אראַ־בישער היסטאָריקער עדריזי ערצעהלט, אז אויף דעם ים געהן אַפט פיעלע שיפען צו גרונד אונד קיינער דארף זיך ניט אונטערשטעהן ביי נאכט דאָ ארום צו פאָהרען. נאָך זיין בעהויפּטונג זיינען די שטורמס אויפ'ן רויטהען מעער שרעקליכער ווי איבעראל, אונד ער איז בעדעקט מיט אינזלען ביי וועלכע יעדע שיף מוז צובראָכען ווערען."

„ווי עס ווייזט אויס" האָב איך זיך אָבגערופען „זיינען די פאַרצייטיגע רייזענדער ניט ארום געפאָהרען אויף אזעלכע שיפען ווי דער נאַוטילוס."

„וואהרשיינליך ניין" האָט דער קאַפּיטאַן א שמייכעל געטהון „אונד אין דיעזער הינזיכט זיינען אייערע היינטיגע שריפטשטעלער אויך ניט פיעל קליגער עס האָט געדויערט לאנגע יאהרהונדערטע ביז עס איז ערפונדען גע־וואָרען די קראפט פון דאמפף. ווער ווייס אויב מיט הונדערט יאָהר שפּעטער וועט זיך געפינען נאָך א אזא שיף ווי דער נאַוטילוס. די וועלט געהט אין איהר פאָרטשריט זעהר לאנגזאם, הערר אראנאקס."

„דאָס איז שוין גאַנץ ריכטיג, קאַפּיטאַן. די וויססענשאפט וועט פיעל־לייכט נאָך אין הונדערט יאָהר אָדער מעהר יאָהר ניט קענען ערפינדען ווי צו מאכען אזעלכע שיפען; דארום איז ווירקליך שאדע אז דער נאַוטילוס זאָהל בלייבען איין אייביגע געהיימניס פיר דער וועלט."

נעמאָ האָט דארויף גאָר ניט געענטפערט. איינינע מינוטען איז ער געבליעבען שטיל, דאן האָט ער זיך ווידער אָבגערופען:

„די מורא וואָס די פאַרצייטיגע זעע־פאָהרער האָבען געהאט פאַר'ן רוטהען מעער איז אפילו עטוואָס איבערטריבען, דעננאָך וואָרען אויך וויכ־טיגע אורזאכע דערצו. פיר א מאָדערנע אייזערנע שיף, געפיהרט פון דאמפּף־קראפט, זיינען נאַטירליך אזעלכע געפאהרען ווי די אלטע בעשרייבען גאָר א קלייניגקייט. בערעכענט אָבער נור וועלכע שיפלאך יענע האָבען בע־נוצט; צוזאמען געשלאָגען פון ברעטער, פערבונדען מיט שטריק, בעקלעפּט מיט פּעך אונד אריבער געצויגען מיט פעל. אונד מיט אזעלכע שיפלאך האָ־בען זיי זיך געקענט ריזיקירען צו פאָהרען אויפ'ן אָפּפענעם מעער, ניט וויסענדיג זאָגאר נאָך וועלכע ריכטונג זיי רייזען. דארום איז קיין חידוש ניט אז אין יענע יאָהרען פלעגען טרעפען אונגליקליכע צופאללען פון שיפ־ברוכען; איבערהויפּט ביי אזעלכע שטעלען ווי צווישען דעם זועץ אונד דעם זידליכען מעער, וואו די שטראָמונגען פלייצען מיט גרויס וואוטה אונד די שטענדיגע ווינדען הערען ניט אויף צו שטורמען אנטגעגען."

„דאָס אלעס איז שוין ריכטיג געזאגט. אז די גרויסע ערפינדונגען פון די נייעסטע צייטען האָבען זעהר פיעל נוצען געבראכט; אָבער ווי איך הער, קאַפּיטאַן, זייט איהר אין דיעזען זעהר גוט ערפאהרען, קענט איהר

מיר, פיעלייכט זאָגען פּאַרוואָס רופט מען איהם אייגענטליך: דער רויטהער ים ? מען זאָגט אַז דאָס איז דאַריבער ווייל אין איהם איז דער עגיפּטישער קעניג פּרעה מיט זיין גאַנצע אַרמעע דערטרונקען געוואָרען ; אָבער מיר געפעהלט דיעזע ערקלעהרונג ניט."

„ווייל זי האָט קיין זינן ניט, העדר אַראַנאַקס. אין דער וואָהרהייט קומט דיעזער נאָמען דאַפון ווייל די וואַסערען פון דיעזען מעער זיינען ווירק־ ליך אין פיעלע ערטער רויטה ווי בלוט. דיעזע פאַרב שטאַמט פון קליינע גרעזעלאַך וואָס וואַקסען אויפ'ן גרונד פון ים, וועלכע מען רופט טריכאַ־ דעסמיאַן. יעדע איינצעלנע גרעזעלע בעזונדער איז מעגליך צו בעמערקען נור דורך אַ שטאַרקען מיקראָסקאָפּ, דען אויף אַ פּונקט וואָס איז מעהר ניט גרויס ווי אַ טויזענדע טהייל פון איין עלל קענען זיך געפינען ביז פיערציג טויזענד פון דיעזע קליינע פפלאַנצונגען, אונד דעננאָך בעדעקען זיי אין פיעלע ערטער דעם גרונד אויף גאַנצע מיילען."

„אַלזאָ, קאַפּיטאַן נעמאָ, איהר פאָהרט אויף דיעזען ים שוין ניט דעם ערשטען מאָהל. האָט איהר פיעלייכט אויף זיין גרונד אירגענד וואו געפונ־ נען שפּורען פון די עגיפּטישע אַרמעע, וואָס איז אונטערגעגאַנגען וועהרענד זיי האָבען די אידען פערפאָלגט ?"

„ניין, העדר פּראָפעסאָר, דען איהר מוזט וויסען אַז די שטעלע וואו מאָזעס האָט אַריבער געפיהרט זיין פאָלק איז יעצט זעהר הויך פערטראָגען מיט זאַמד, אונד דאָס וואַסער וואָלט זאָגאַר ביז די קניע פון אַ קעמעל ניט גרייכען ; דאַפון קענט איהר דאָך פערשטעהען אַז פיר דעם נאַוטילוס איז ניט מעגליך איבער אַזאַ פלאַכע געגענד דורך צו פאָהרען. איבריגענס קען זיין אַז מען זאָהל נאָכגראָבען אין יענעם זאַמד וואָלט מען געפונען וואָפען אויך אינסטרומענטען פון די אַמאָליגע עגיפּטער."

„פיעלייכט וועט עס מעגליך זיין דאַן ווען דער זועץ־קאַנאַל וועט זיין דורכגעגראָבען" האָב איך געזאָגט „דאַמאָלס וועלען געוויס דאָ איבעראַל נייע גרויסע שטעדט אויפגעבויט ווערען אונד די גאַנצע געגענד וועט זיין מעהר בעלעבט."

„יאָ, דאַמיט וועט זיין אויפגעטהון איינע פון די וויכטיגסטע אונד ניטצליכסטע אונטערנעמונגען פיר די גאַנצע וועלט. זאָגאַר אין די אַלטע צייטען האָבען זיי שוין פערשטאַנען וואָס פיר אַ גרויסע בעדייטונג דאָס וואָלט געווען פיר דעם האַנדעל, ווען מען זאָהל קענען פערבינדען דעם רויטהען מיט דעם מיטעל־לענדישען מעער. לאַנגע יאָהרהונדערטע האָבען זיי דאַצו געווענדעט מיטלען, דעננאָך איז זיי ניט געקומען אויפ'ן זינען ווי די זאַך ריכטיג אויס צו פיהרען. נאָך מיט אַ צוויי אונד אַ האַלב טויזענד יאָהר צוריק האָט דער עגיפּטישער קעניג נעכאָ געלאָזט גראָבען אַ

קאנאל, ביז די פלאכע לאנד פון אראביען; אונד אבוואהל פיעלע קעניגע נאך איהם האבען דארויף געארבייט איז דעננאך מעגליך געווען דעם קא־נאל צו בענוטצען נור איינִיגע מאנאט אין יאהר, דען זיין גרונד פלעגט שטענ־דיג פערטראגען ווערען מיט זאמד. דער אראבישער קאליף האט ענדליך איהם אין גאנצען געהייסען פערשיטען.

„נון, זעהט איהר, קאפיטאן, אז וואס די אלטע האבען ניט געקענט אויפטהון האט דער פראנצויזישער אינזשינער, הערר לעספעס אויסגעפיהרט. דער וועג נאך אינדיען וועט אויף דיעזען אופן באלד זיין אבגעקירצט מיט א זעקס הונדערט מייל אונד דאס אפריקאנישע וועלט־טהייל וועט אויס זעהן ווי איין אונגעהויער־גרויסע אינזעל."

„יא, הערר אראנאקס, איהר מעגט שטאלץ זיין אויף אייער לאנדסמאן. ער האט געוויס פיעל מעהר נוטצליכעס געבראכט פיר דער וועלט ווי אלע אייערע בעריהמטע פעלד־הערען, די ארביטען פון זועץ־קאנאל קענט איהר פון ווייטען בעטראכטען נור ביז איבערמארגען, דען נאכדעם וועלען מיר שוין זיין אין מיטעל־לענדישען מעער."

„אין מיטעל־לענדישען מעער?" בין איך ערשטוינט געווארען.

„גאנץ געוויס" האט דער קאפיטאן רוהיג געענטפערט „וואס וואונדערט איהר זיך אזוי?"

„ווייל איך קען ניט בעגרייפען ווי וועט איהר אים שטאנד זיין צו מאכען אזא ווייטע רייזע, פארביי דעם קאפ דער גוטער האפנונג אונד ארום גאנץ אפריקא, אין א צייט פון גענויע צוויי טעג."

„אונד ווער האט אייך דען געזאגט, הערר פראפעסאר, אז דער נאוטי־לוס וועט פאהרען ארום אפריקא?"

„עס גיעבט אבער דאך קיין אנדער וועג ניט מיט'ן וואססער. אדער ווילט איהר בעהויפטען אז אייער שיף וועט פאהרען דירעקט איבער דאס טרוקענע לאנד?"

„ניט איבער, אבער אונטער דאס לאנד, הערר אראנאקס."

„אונטער דער ערד?" בין איך נאך מעהר ערשטוינט געווארען.

„גאנץ געוויס," האט נעמא געענטפערט „די נאטור האט שוין לאנג בעזארגט אין דער טיעפענים פון דער ערד דעמזעלבען דורכגאנג וועלכען דער מענש ארבייט יעצט צו מאכען פון אויבען. דיעזען דורכגאנג האב איך א נאמען געגעבען דער אראבישער טונעל." ער פאנגט זיך אן גראדע ביי'ן זועץ אונד ענדיגט זיך אין מיטעל־לענדישען מעער, ביי דעם שטראם פעלוזיום."

„האט איהר דיעזען אונטער־אירדישען טונעל צופעליג ענדעקט?"

יא, דורך צופאל, אבער נאך מעהר דורך איבערלייגונג, איך בין שוין

א פּאָאר מאָהל דאָרט דורכגעפּאָהרען, זאָנסט וואָלט איך גאָר זיך ניט בעגעבען אין דעם אָבגעשלאָסענעם רויטהען מעער.״

„איז עס ערלויבט צו פרעגען אויף וועלכען אופן אייך איז געלונגען דיעזע מערקווירדיגע ענדעקונג צו מאַכען ?״

„יא, הערר פּראָפעסאָר, איין איינפאַכע בעאָבאַכטונג האָט דאָס מיר געצייגט, איך האָב נעמליך בעמערקט אז אין רויטהען אונד מיטעל־לענדישען מעער געפינען זיך ביי געוויסע שטעלען אַזעלכע מינים פישען וואָס זיינען פאָלשטענדיג גלייך איינע צו די אַנדערע, ווי צום ביישפּיעל, מעעראָדלערס, בארשען, שלאַנגען־פישען אונד פיעלע אַנדערע. דיעזער פאַקט האָט מיך געבראַכט אויף'ן געדאַנקען, פיעלייכט געפינט זיך א פערבינדונג צווישען דיביידע ימים. אויב אַזא פערבינדונג עקסיסטירט דאַן גיעסט זיך געוויס דער שטראָם פון רויטהען אין מיטעל־לענדישען, ווייל דער שפּיעגעל פון דיעזען לעצטען איז פיעל נידריגער אַלס פון רויטהען. איך האָב גענומען פאַנגען מאַססען פיש דאַ ארום זועץ, האָב צוגעבונדען צו זייערע עקען קופּפּערנע רינגען אונד זיי אוועק געלאָזען צוריק אין ים. אייניגע מאָנאַטען שפּעטער, זייענדיג אין מיטעל־לענדישען מעער ; ביי די ברעגעס פון סיריען, האָב איך געפאַנגען דיזעלבע פיש, מיט די בעצייכענטע רינגען, דאמיט איז די פערבינדונג פון ביידע מעערען פאַר מיר קלאָהר געוואָרען. איך האָב דאַן דיעזען אונטער־אירדישען טונעל אויפגעזוכט אונד ריזיקירט מיט דעם נאוטילוס דורך צו פאָהרען. עס וועט ניט לאַנגדויערען, הערר פּראָפּעסאָר. וועט איהר אויך דיזעלבע רייזע מאַכען.״

5־טעם קאפּיטעל.

דער אראַבישער טונעל.

נאָך דעמזעלבען טאָג האָב איך קאָנסייל'ן און עדוארד'ן ערצעהלט מיין לעצטען אינטערעסאַנטען געשפּרעך מיט דעם קאַפּיטאַן. אַלס זיי האָבען פון מיר ערפאָהרען אויף וועלכען אופן קאַפּיטאַן נעמא וועט אונז אין פערלויף פון צוויי טעג ברענגען אויף'ן מיטעל־לענדישען מעער, איז קאָנסייל זעהר ערפרעהט געוואָרען אונד עדוארד האָט געמאַכט א מינע פון גרויס צווייפעל.

„איין אונטער אירדישען טונעל !״ האָט ער אויסגעשפּראָכען קוועטשענדיג מיט די שולטערען „א פערבינדונג צווישען ביידע מעערען ! אונד קיינער האָט דאפון ניט געהערט אויסער אייער קאַפּיטאַן נעמא ?״

„פריינד עדוארד״ האָט קאָנסייל ערוויעדערט „פון דעם נאוטילוס

האָט אויך ביז יעצט קיינער די ריכטיגקייט ניט ערפּאהרען, דענגאָך קענט איהר ניט צווייפלען אז ער עקסיסטירט, היינט פאַרוואָס גלויבט איהר ניט אז עס געפינט זיך ווירקליך אַ טונעל וואָס קיינער וויס נאָך פון איהם ניט?"

„גוט, מיר וועלען זעהען" האָט עדוארד געענטפערט „איך וואָלט גע־ווים וועלען אז דאָס זאָהל זיין ריכטיג, דען פון מיטעל־לענדישען מעער, וואָס געפינט זיך צווישען פיעלע בעוואָהנטע לענדער, וועט אונז פיעלייכט מעגליך זיין צו ענטלויפען."

נאָך דעמזועלבען אָבענד זיינען מיר געקומען ביז ניט ווייט פון האַפּ־פען דער בעוואוסטער שטאָדט דזעדא, וועלכע איז דער מיטעלפּונקט פון עגיפּטישען, טירקישען אונד אינדישען האנדעל. איך האָב דייטליך געקענט זעהען די צאָהל־רייכע שיפען, די הייזער אויפ'ן בולוואר, וועלכע וואָרען העל בעלייכטעט פון די לעצטע זונען־שטראַהלען. דאָרט ווייטער, היג־טער'ן שטאָדט, וואָרען צו בעמערקען פערשיעדענע גרופּען פון קליינע שטיב־לאַך, וואָס זיינען בעוואָהנט פון די האלב ווילדע אראַבער, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען בעדואינען.

דזעדא איז באַלד פערשוואונדען אין די אָבענד דונקעלהייט, אונד דער נאוטילוס האָט זיך ארונטער געלאָזען אין די פאָספאָר־גלענצענדע וואסערען.

אויף מאָרגען, דעם 10טען פעברואר, ארום מיטאָג צייט, בין איך מיט קאַנסייל'ן אונד עדוארד'ן געזעסען אויפ'ן פּלאַטפאָרם, דער ים וויים ארום איז גאַנץ רוהיג אונד קיין שיף איז ניט צו בעמערקען, וועהרענד מיר האָבען זיך אונטערהאלטען וועגען פערשיעדענע געגענשטאַדען איז עד־וארד פּלוצלונג אויפמערקזאַם געוואָרען אויף איין ווייטען פונקט.

„זעהעט איהר דאָרט עטוואָס, הערר פּראָפעסאָר?" פרעגט ער ביי מיר.

„ניין עדוארד. איך האָב ניט אזא ווייטע זעהענס־קראַפט ווי איהר."

„קוקט זיך נור גוט איין, דאָרט רעכטס פון אונז, בעמערקט איהר אַ מאַסע, וועלכע בעוועגט זיך ווי אַ גרויסער לעבענדיגער קערפער?"

איך האָב געגויער בעטראַכט אונד דאַן ווירקליך דערזעהן נאָך דער בעצייכענטער ריכטונג אויבען אויפ'ן וואסער אַ געגענשטאַנד, וואָס זעהעט אוים ווי אַ לאַנגער, שווארצליכער קערפער.

„פיעלייכט נאָך אַ נאוטילוס" האָט קאַנסייל געלאַכט.

„ניין, איך גלויב אז דאָס מוז זיין איינער פון די גרויסע זעע־טהירען האָט עדוארד ערקלעהרט.

„גיעבט עס דען וואַלפישען אין רויטהען מעער?" פרעגט קאַנסייל.

„יא, אָבוואָהל ניט גאַנץ אָפט" האָב איך זיך אָבגערופען.

„ניין, דאָס איז קיין וואַלפיש" האָט עדוארד ערוויעדערט, בעטראַכ־

טענדיג געגוי יענעם געגענשטאנד „איך זעה דייטליך אז יענע בעוועגונגען זיינען ניט ווי פון א וואלפיש.“

דער נאוטילוס איז אונטערדעסען געקומען נעהענטער צו יענעם פונקט, זא דאס דער שווארצער געגענשטאנד וואר יעצט פון אונז ניט ווייטער ווי א מייל. עס איז אונז דעננאך ניט מעגליך געוועזן צו בעשטימען וואס פיר א זארט אונבעקאנטע בעשעפניס דאס איז.

„אה, זי שווימט, זי לאזט זיך ארונטער אין וואסער!“ האט עדוארד אויסגערופען „טויזענד טייוועל! וואס פיר א טהיער זאהל דאס זיין? איך זעה דאך דייטליך אז דאס איז קיין וואלפיש אונד אויך קיין פאט־פיש, בעטראכט נור ווי זי קעהרט זיך אום אויפ׳ן רוקען אונד שטעלט אויס די בריסט!“

„א זירענע, איין עכטע זירענע!“ האט קאנסייל ערקלעהרט „ריכטיג מיין הערר!“

איך האב אויך באלד דערזעהען אז מיין דיענער האט פאלקאמען רעכט, דיעזע זירענע געהערען צו יענע זארטען ברואים וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאמען „זעע־ווייבעל,“ אין די פארצייטיגע יאהרען האט מען נעמליך געגלויבט אז א זירענע איז ביז צום העלפט קערפער א פרוי, אונד ביי אונטערשטע העלפט א פיש; אז מיט איהר וואונדערבאר זיסען געזאנג אונד קאקעטישע מיענע ציהט זי צו יעדען מענשען, ער מוז ארונ־טער שטייגען צו די מ„ער־ווייבעל,“ וועלכע נעהמט איהם אין איהרע ווייכע אומארמונגען אונד דערטרינקט איהם. נאטירליך האבען דיעזע אלע פאר־בען שליסליך זיך בעוויזען אלס איין אבערגלויבישע דומהייט. בעטראכטענ־דיג גענויער האב איך יעצט דערקענט אז דיעזע זירענע געהערט צו דעם מין וואס מען רופט דוגאנג, וועלכע זיינען שוין יעצט זעהר זעלטען, דען עס געפינען זיך נור אייניגע פון זיי אין רויטהען מעער.

עדוארד לענד קען ניט אבווענדען זיינע בליקען פון דעם דוגאנג, זיינע אויגע גלענצען בעטראכטענדיג דיעזעם טהיער אונד זיין האנד שטרעקט זיך אויס פון גרויס לוסט צו מאכען יאגד אויף איהם, ווען ער וואלט נור יעצט האבען א שיפעל מיט א גוטע הארפונע.

„אה, מיין הערר!“ רופט ער זיך אב צו מיר מיט גרויס בעדויערען. „„איך האב נאך ניעמאלס געהאט די געלעגענהייט געגען אזא טהיער צו קעמפפען.“

אין דיעזען אויגענבליק איז קאפיטאן נעמא ארויף אויפ׳ן פלאטפארם. ער בעמערקט אויך דעם דוגאנג אונד זעהעט אויף עדוארד׳ן וואס פיר א גרויס לוסט ער האט צו מאכען יאגד אויף דיעזעם טהיער.

„ווי עס ווייזט אויס, מיסטער עדוארד“ האט נעמא זיך אבגערופען

מיט א שמייכעל „קענען שוין ביי אייך די הענד ניט רוהען קוקענדיג אויף אזא פראכטפאלע בעשעפניס."

„גאנץ געוויס, הערר קאפּיטאן; די יאגד וואלט מיר געווען זעהר אנגענעהם."

„גוט, איך וועל אייך באלד געבען די מעגליכקייט עס צו מאכען, אבער זעהט נור ריכטיג טרעפען."

„איז דען ניט געפעהרליך דעם דוגאנג אנצוגרייפען?" האב איך געפרעגט.

„אפּטמאהל יא" האט נעמא ערקלעהרט „עס קען טרעפען אז ער זאהל זיך שטירצען אויף זיין אנגרייפער אונד אומקעהרען די שיפעל. אבער פיר מיסטער לענד איז וועגען אזא געפאהר ניטא וואס צו זארגען. ער בעזיצט א שנעלען בליק אונד א זיכערע שטארקע האנד. איך זאג איהם דארום ער זאהל זעהען ריכטיג צו ציעלען, ווייל פון דעם דוגאנג קען מען מאכען פיינע געריכטען, צו וועלכע מיסטער לענד האט אימער גרויס לוסט."

„ווירקליך?" האט עדוארד געפרעגט מיט איין אנגענעהמע איבערראשונג „זיין פלייש שמעקט טאקע זייער גוט?"

„יא, מייסטער לענד, איבעראל אין מאלאיען־לאנד דערלאנגט מען אזעלכע שפּייזען נור צו די פירסטליכע טישען; דארום מאכט מען אויף דיזע פארטרעפליכע טהיערען אזוי שטענדיג יאגד, אז עס זיינען שוין פון זיי גאנץ ווייניג געבליעבען."

„הערר קאפּיטאן" האט קאנסייל גאנץ ערנסט זיך אבגערופען „פיעללייכט איז דיזער דוגאנג דער לעצטער פון זיין מין, אונד פיר די אינטערעסען דער וויסענשאפט וואלט דאך געווען פיעל גלייכער איהם צו לאזען לעבען."

„אבער פיר די אינטערעסען פון קיך איז גלייכער אויף איהם יאגד צו מאכען" האט עדוארד מיט אונגעדולד ערוויעדערט „ביי מיר זיינען גוטע שפּייזען פיעל וויכטיגער ווי אלע אייערע וויסענשאפטען."

קאפּיטאן נעמא האט שמייכלענדיג א בעפעהל געגעבען דורכ'ן שפּראכראהר אונד באלד זיינען ארויס געקומען זיבען מאן פון די מאטראזען, איינער האט געטראגען א שטארקע הארפּונע מיט א שנור, ווי די וואלפישפאנגער געברויכען עס געוועהנליך, די שיפעל איבער'ן פערדעק איז אראפּגעלאזען געווארען אין מעער אונד זעקס רודערער האבען זיך געזעצט אויף די בענק, וועהרענד דער שטייערמאן איז שוין געשטאנען בערייט אויף זיין פלאטץ. עדוארד, קאנסייל אונד איך זיינען אויך אראפּגעשטיגען.

„ועט איהר ניט פאהרען, קאפּיטאן?" האב איך ביי נעמא געפרעגט.

„ניין, מיין הערר; איך ווינש אייך גליק צום יאגד."

דאָס שיפעל איז אָבגעשטויסען געוואָרען אונד די זעקס רודערער האָבען איהר געפיהרט שנעל ווי אַ בליטץ, גראַדע צו דעם פונקט וואו דער דוגאַנג איז געשוואומען. די האַרפונע מיט וועלכען מען געהט צום יאַגד געגען אַ וואַלפיש, איז געוועהנליך צוגעבונדען צו אַ לאַנגע שטריק, וואָס איז אַרוף געוויקעלט אויף אַ רעדעל פון אַ שיפעל, אונד נאָכדעם ווי די האַרפונע איז אַריין געשליידערט אין דעם טהיערס קערפער, לאָזט ער זיך שנעל אַראָפּ אונד די שטריק וויקעלט זיך אויף זעהר האַסטיג פאַנאַדער. אונזער שטריק איז אָבער געווען נור אונגעפעהר צעהן עללען לאַנג אונד ביי איהר צווייטע ענדע וואַר אָנגעבונדען אַ פוסטע פעסעל, אום עס זאָהל אויף דיעזען אויפ׳ן מעגליך זיין די ריכטונג צו פערפאָלגען וואוהין דער דוגאַנג וועט שווימען, נאָכדעם ווי ער וועט פערוואונדעט ווערען.

איך בין געשטאַנען אין שיפעל אונד בעטראַכט דיעזע מערקווירדיגע בעשעפנים. איהר לעגגליכער קערפער ענדיגט זיך מיט אַ גרויסע עק אונד איהרע פלוס־פעדערען פוןביידע זייטען זעהען אויס ווי ווירקליכע פינגער. דיעזער דוגאַנג איז פערהעלטנים־מעסיג זעהר גרויס, ביז אַכט עללען. ער ליעגט רוהיג אויף איין אָרט, ווי עס ווייזט אויס שלאָפענדיג.

שטיל אונד פאָרזיכטיג איז דאָס שיפעל צוגעפאָהרען ביז אויף דריי עללען נאָהענט פון איהם. עדוואַרד בויגט זיך עטוואָס צוריק אונד שליידערט זיין האַרפונע מיט איין ערפאַהרענע, שטאַרקע האַנד. אין דעמזעלבען אויגענבליק הערט זיך ווי אַ פייף אונד דער דוגאַנג איז פערשוואונדען.

„טויזענד טייוועל!״ האָט דער קאַנאַדיער אויסגעשריען מיט גרויס וואוטה „איך האָב ניט ריכטיג געטראָפען!״

„ניין״ האָב איך געזאָגט „דאָס טהיער איז דעננאָך פערוואונדעט, דען דאָ זעהט זיך בלוט, אָבער די האַרפונע איז אין זיין קערפער ניט געבליעבען שטעקען.״

די מאַטראָזען רודערען ווייטער אונד דער שטייערמאַן פיהרט דאָס שיפעל נאָך דער ריכטונג פון די פוסטע פעסעל. די האַרפונע האָט מען צוריק אויפגעהויבען פון וואַסער אונד אָנגעפאַנגען דאָס פערוואונדעטע טהיער צו פערפאָלגען.

דער פערוואונדעטער דוגאָנג האָט יעדע מינוט זיך בעוויזען אויפ׳ן וואַסער, אום דאָס לופט וועלכע איז פיר איהם נויטהיג צו אַטהמען. מען זעהט אַז די וואונד האָט איהם גאָר ניט אָבגעשוואַכט, דען ער שווימט זעהר שנעל. דאָס שיפעל, געטריבען פון זעקס קרעפטיגע פּאָאר הענד, בעווייזט איהם נאָך צו קומען. אָפט דערנעהענטערען זיך צו איהם אויף אַ פּאָאר עללען דער קאַנאַדיער וויל שוין ווידער זיין האַרפונע שליידערען, אָבער דער דוגאַנג פערשווינדעט פלוצלונג אונטער׳ן וואַססער.

דער אונגעדולדיגער עדוארד איז שליסליך זעהר בייז געוואָרען, אויס־שטויסענדיג פורכטבארע פלוכען געגען דאָס אונשולדיגע טהיער. זאָגאָר איך האָב זיך אויך אָנגעפאַנגען צו ערגערען, אַז דער דוגאָנג פערשטעהט אַזוי גוט אונזער אָנגריף אוים צו מיידען.

די פערפאָלגונג האָט געדויערט אונגעפעהר אַ גאַנצע שטונדע, אונד איך האָב שוין אָנגעפאַנגען צו גלויבען אַז די יאַגד וועט ניט געלינגען, אַלס דעם טהיער איז געקומען איין אונגליקליכען געדאַנקען פון אונז ראַכע צו נעהמען, אונד דאָס איז געוועזן זיין פערדערבען. עדוארד האָט באַלד בע־מערקט דעם דוגאָנג׳ס אַבזיכט.

„אויפגעפאַסט!" רופט ער אוים.

דער שטייערמאַן האָט געזאָגט צו די מאַטראָזען אַ פּאָאר ווערטער אויף זייער אונבעקאַנטע שפּראַך, מיט וועלכע ער גיעבט זיי וואָהרשיינליך גע־וויסע בעפעהלען ווי זיי זאָהלען פּאָרזיכטיג זיין.

אַלס דער דוגאָנג וואר נור ביי אַ צוואַנציג פוס ווייט פון אונז איז ער געבליעבען שטעהן, האָט איינגעצויגען אין זיך מיט זיין אונגעהויער־גרויסע שנויץ אַ מאַססע לופט אונד דאַן ארויסגעשטירצט אויף אונז. דער שטוים איז געוועזן אַזוי מעכטיג אַז דאָס שיפעל האָט זיך אַ קעהר געגעבען אויף אַ זייט אונד איז ביז העלפט פול געוואָרען מיט וואַסער. עס איז קיין צווייפעל, אַז ווען ניט אונזערע געשיקטע מאַטראָזען, וואָלטען מיר זיך אין גאַנצען איבער געקעהרט. עדוארד לענד שטעהנדיג ביי׳ן פאָרדעשטען ראַנד פון שיפעל האָט אָנגעפאַנגען צו קעמפּפען געגען דאָס אויפגערעגטע טהיער, וועלכע האָט מיט איהרע שטאַרקע ציינער געפּאַקט דעם דעק אונד דאָס גאַנצע שיפעל אויפגעהויבען איבער׳ן וואַסער. מיר זיינען צוזאַמען געפאַלען איינע אויף די אַנדערע אונד די יאַגד וואָלט זיך געווים פיר אונז זעהר טרוי־ריג געענדיגט, אַבער אין דעמזעלבען אויגענבליק איז דעם קאַנאַדיער גע־לונגען דעם וויטהענדען דוגאָנג אריין צו זעצען די האַרפּונע גראַדע אין הערצען.

עס הערט זיך אַ קריטץ פון די ציינער אונד דער דוגאָנג איז פער־שוואונדען. עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט אַלס ער איז צוריק ארויפ־געשוואומען, ליעגענדיג אויפ׳ן רוקען טויט. מיר האָבען איהם צוגעבונדען צו אונזער שיפעל אונד נאָך אַ קורצע צייט זיינען מיר געקומען צוריק צום נאוטילוס.

מיט פיעלע אַנשטריינגונג האָט מען דעם ריעזען־קערפּער אויף די פּלאַטפּאָרם ארויפגעבראַכט. זיין געוויכט וואר ביז צעהן־טויזענד פונט. דער קאַנאַדיער איז געשטאַנען צו זעהענדיג מיט נייגעריגקייט ווי מען צו שניידט דעם טויטען דוגאָנג אונד דער קוכער מאַכט צורעכט זיין פלייש.

דעמזעלבען טאָג האָט דער סטוארט מיר געבראכט צום דינער אַ פּאָאר שטיקער פון דיעזען פלייש ; עס איז ווירקליך געווען זעהר פּאַרטרעפליך, פיעל בעססער אַלס קאַלב אָדער רינד־פלייש.

דעם פאָלגענדען טאָג איז די קיך פון נאוטילוס רייכער געוואָרען מיט אייניגע אַנדערע פּראָדוקטען. עס האָבען נעמליך פלוצלונג זיך אַראָפּ געלאָזען אויפ'ן נאוטילוס אַ גאַנצע מאַססע פון פויזענדע זעע־שוואַלבען, וועל־כע געפינען זיך נור אין דיעזע געגענדען, אַרום עגיפּטען. עס איז אונז אויך געלונגען צו פאַנגען אייניגע ענטלאַך פון טייך נילוס, אונד דיעזע אַלע פויגלען האָבען אונז געליפערט אויסגעצייכענטע שפּייזען.

אַלס דער נאוטילוס איז ווייטער געפאָהרען מיט מעססיגע שנעלקייט בעמערק איך. אַז אין דיעזע ערטער ענטהאַלט די ים־וואַססער אין זיך וועניגער זאַלץ. אום פינף אוהר פאַר נאַכט האָב איך געזעהען דעם קאַפּ ראַש־מאָהאַמעד, וועלכער געפינט זיך צווישען די שטראָמען פון זועץ אונד אקאבאה, וואו עס ענדיגט זיך דאָס לאַנד פון פּעטראַיישען אַראַבין. איבער דיעזען קאַפּ בעמערק איך דייטליך אַ הויכען בארג, נעמליך דעם אַלט בע־ריהמטען בארג חורב, אויף וועלכען, ווי די ביבעל ערצעהלט, האָט מאָזעס געשפּראָכען מיט גאָט געזיכט צו געזיכט.

אַ שטונדע שפּעטער וואַר דער נאוטילוס אויפ'ן הויכען מעער, געגען די געגענד פון טאָר, וואו דאָס וואַססער איז ווירקליך איבעראַל רויטה ווי בלוט. באַלד איז אין גאַנצען נאַכט געוואָרען ; ווייט אַרום איז גאַנץ שטיל. עס הערען זיך נור אָפּט די געשרייען פון פּעליקאַן אונד אַנדערע נאַכט־פויגלען ; דאָס ברויזען פון די וועללען וואָס ברעכען זיך ביי די פעלזען, אָדער דער הילכענדער פייף פון אַ ווייטען דאַמפּפער.

פון אַכט ביז ניין אוהר איז דער נאוטילוס געבליעבען אייניגע עללען אונטער'ן וואַססער. נאָך מיין בערעכנונג מוזען מיר שוין זיין ניט ווייט פון זועץ. דורך די פענסטער פון זאַלאָן זעה איך ווי דער פעלזען־גרונד פון מעער איז העל בעלייכטעט פון אונזער עלעקטרישע ליכט. איך בעמערק אויך אַז אַרום אונזער שיף ווירד עס אימער ענגער אונד שמאָלער.

אַלס דער נאוטילוס איז ווידער אַרויס אויף די אויבערפלאַכקייט פון וואַססער בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. פון גרויס אונגעדולד צו זעהען ווי דער קאַפּיטאַן וועט דורכפאָהרען דעם מערקווירדישען אונ־טער־אירדישען טונעל האָב איך לענגער ניט געקענט בלייבען אין צימער. זיטצענדיג אויפ'ן פּערדעק בעטראַכט איך פון ווייטען אין די נאַכט דונ־קעלהייט אַ בלאַסע ליכט.

„אַ שווימענדע לייכט־הויז פון זועץ־קאַנאַל" האָט קאַפּיטאַן נעמאָ פּלוצ־

לינג הינטער מיר זיך אָבגערופען. „מיר וועלען באַלד קומען צו דעם אריינ־גאַנג אין אראַבישען טונעל.”

„איז דאָס פאָהרען דורך איהם זעהר שוועריג?” האָב איך געפרעגט.

„יאַ, מיין הערר. איך נעהם דארום אַליין דעם פּלאַטץ פון שטייער־מאַן, אום ביי דיזען דורכפאָהרען דעם נאוטילוס ריכטיג צו פיהרען. אונד יעצט, הערר אראנאקס, קומט געפעליגסט אראָפּ, דען אונזער שיף וועט זיך באַלד ארונטער לאָזען אונד מיר וועלען ארויס קומען צוריק ערשט דורכגעהענדיג דעם טונעל, אויף די וואססערען פון מיטעל־לענדישען מעער.”

איך בין מיט'ן קאַפּיטאַן ארונטער געגאַנגען. די פּלאַטען האָבען זיך געשלאָססען אונד דאָס שיף איז אראָפּ אויף אַ צוועלף עללען טיעף אין וואססער. אַלס איך בין שוין געווען בערייט צו געהן צוריק אין מיין צימער האָט נעמאָ צו מיר זיך אָבגערופען:

„הערר פּראָפעססאָר, ווילט איהר מיך בעגלייטען אין שטייערמאַן'ס הייזעל, אום צו זעהען ווי איך וועל דאָס שיף דורכ'ן טונעל פיהרען?”

„מיט מיין גרעסטען פערגניגען, קאַפּיטאַן.”

„דאַן קומט. איך וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט צו זעהען אזא דורכ־פאָהר אונטער'ן וואססער אונד אונטער דער ערד.”

דער קאַפּיטאַן האָט מיך ארויפגעפיהרט איבער אַ גאַנץ אַנדער טרעפּ אין מיטע שיף. דאָרט האָט זיך געעפענט אַ טהיר אונד מיר זיינען דורך די אויבערשטע גענג אריינקומענדיג אין דעם שטייערמאַן'ס הייזעל, וועלכע געפינט זיך ביי'ן ענדע פון פּלאַטפאָרם.

איך בין דאָ דעם ערשטען מאָהל אונד בעטראַכט נייגעריג דיזע צי־מער. זי איז אונגעפעהר זעקס פוס ברייט לאַנג. אין דער מיטען דרעהט זיך אַ ראָד, וועלכער בעוועגט דעם שטייער־רודער. פיער פענסטערלאַך פון דיקע לינזען־גלעזער גיעבען דעם שטייערמאַן די מעגליכקייט ער זאָהל קע־נען צו יעדער צייט נאָך אַלע ריכטונגען בעטראַכטען.

אין הייזעל איז יעצט דונקעל, אָבער מיינע אויגען געוואָהנען זיך באַלד דאַצו אונד איך זעה דעם קרעפטיגען שטייערמאַן, ווי ער איז אָנ־געלעהנט אויפ'ן ראָד. אין דרויסען שיינט דאָס מעער פון די העללע ליכ־טיגקייט וואָס געהט ארויס פון דאָס אַנדערע ענדע פּלאַטפאָרם.

„יעצט פאָהרען מיר גראַדע צום אונטער־אירדישען טונעל.” האָט דער קאַפּיטאַן צו מיר געזאָגט.

פון דיזען הייזעל ציהען זיך עלעקטרישע דראָטהען צו די מאַשינען־רוים, זאָ דאָס דער קאַפּיטאַן איז אים שטאַנד דורך געוויסע סיגנאַלען פון דאָנען זיינע בעפעהלען אראָפּ צו שיקען. ער גיעבט אַ דריק אויף אַ מעטאַל־

לענעם קנאַפּף אונד אין די זעלבע מינוט האָט דער נאַוטילוס אַנגעפאַנגען צו געהן פיעל לאַנגזאַמער.

איך בעטראַכט די הויכע, גראַדע וואַנד, פאַרביי וועלכע מיר זיינען געפאַהרען אין פערלויף פון אַ גאַנצע שטונדע. קאַפּיטאַן נעמאָ לאָזט קיין בליק ניט אַראָפּ פון קאָמפּאַס אונד דורך אַ וואונק צום שטייערמאַן ענדערט ער יעדע מינוט די ריכטונג פון שיף. זיטצענדיג ביי דעם לינקען פענסטער זעה איך מעכטיגע קאָראַלען-געביידען, פערשיעדענע וואַסער-פּלאַנצונגען אונד מערווירדיגע שאָל-טהיערע, וואָס שאָקלען געגען אונז פון צווישען די פעלזען זייערע אונגעהויערע קאָראַלען, אַזוי ווי זיי וואָלטען אונז וועלען בעפאַלען פאַרוואָס מיר דרינגען אַריין אין זייערע פינסטערע געהיימנים.

אום צעהן אוהר האָט דער קאַפּיטאַן נעמאָ אַליין אָנגענומען דעם שטייער-ראָד. אַ ברייטע, דונקעלע אונד טיפע גאַלעריע עפּפענט זיך געגען אונז. דער נאַוטילוס איז דרייסט אַריין געפאָהרען, עס הערט זיך פון אַלע זייטען ווי עס רוישט אונד ברויזט. די וואַססערען פון רויטהען מעער שטירצען אַראָפּ מיט אַ שרעקליכען געוואַלד דורכ'ן טונעל אין מיטעל-לענדישען מעער. דער שטראָם טראָגט דעם נאַוטילוס שנעל ווי פייל פון בויגען, אָבוואָהל די מאַשינע איז שטאַרק אָנגעשטרענגט דאָס שיף צוריק צו האַלטען.

אויף די ענגע וואַנד פון טונעל זעה איך נור פייערדיגע ליניעס, וועל-כע ציהען זיך פון דעם גלאַנצענדען עלעקטריציטעט וועהרענד דער נאַוטי-לוס פליהט פאַרביי. מיין הערץ קלאַפּט זעהר שטאַרק פון גרויס איבעררא-שונג אונד אויפרעגונג.

נאָך פערלויף פון צוואַנציג מינוט איז דער קאַפּיטאַן אַוועק פון שטייער-ראַד אונד זיך ווענדענדיג צו מיר האָט ער אויסגעשפּראָכען:

„מיר זיינען אין מיטעל-לענדישען מעער."

צו דער זעלבער צייט איז דער נאַוטילוס שטעהן געבליעבען.

6-טעם קאַפּיטעל.

די גריכישע אינזלען.

אויף מאָרגען פריה, באַלד ווי עס איז טאָג געוואָרען, האָט דער נאַו-טילוס אַרויף געשטויגען איבער'ן וואַססער. איך בין אַרויף אויפ'ן פּלאַט-פאָרם, דריי מיילען נאָך דרום זייט זעהען זיך ווי אין אַ שאָטען די ברעגעס פון פעלוזיום. יעצט קומט מיר אויך אויפ'ן זינען אַז דורך דעם טונעל איז

אלזאָ מעגליך געווען צו פאָהרען אראָפּ, פון רויטהען אין מיטעל־לענדישען מעער, אָבער צוריק קען מען זיך שוין מיט אזא וועג ניט בענוטצען.

ארום זיעבען אוהר זיינען עדוארד אונד קאָנסייל צו מיר ארויף גע־גאנגען. זיי ביידע האָבען די גאנצע נאכט רוהיג געשלאָפען אונד וויסען גאָר ניט וואָס פיר א מערקווירדיגע רייזע דער נאוטילוס האט געמאַכט.

„נון, הערר נאטור־פאָרשער ?" פרעגט עדוארד מיט א טאָן פון שפּאָט „וואו איז אייער מיטעל־לענדישער מעער ?"

„מיר פאָהרען דאָך גראדע יעצט אויף איהם, פריינד עדוארד."

„וואָס ?" איז קאָנסייל איבערראשט געוואָרען „דיעזע נאכט ? —"

„יאָ, גראדע די פאָריגע נאכט זיינען מיר אין צוואנציג מינוטען דורכגעפאָהרען דעם אונטער־אירדישען טונעל."

„ניין, איך קען דאָס ניט גלויבען." האט עדוארד ערוויעדערט.

„דאַן האָט איהר אונרעכט, מייסטער לענד" האָב איך געזאָגט „איהר בעזיטצט דאָך שארפע אויגען, קענט איהר ניט זעהען אז מיר געפינען זיך שוין אין איין גאנץ אנדער געגענד ? דאָ איז דער פּאָרט סאיד אונד דאָרט זעהען זיך די נידריגע ברעגעס פון עגיפּטען."

דער קאַנאַדיער קוקט זיך אויפמערקזאם ארום אונד רופט זיך דאַן אָב :

„ווירקליך איהר האָט רעכט, הערר פּראָפעסאָר, אונד אייער קאפּיטאַן נעמא איז א מאַן וואָס איז גאָר זיין גלייכען ניט צו געפינען ; מיר זיינען אלזאָ אין מיטעל־לענדישען מעער. זעהר גוט ! יעצט איז אָבער צייט אז מיר זאָהלען זיך א ביסעל דורכפלוידערען װעגען אונזער אייגענע אנגעלע־גענהייטען, אָבער קיינער זאָהל נור אונזער געשפּרעך ניט הערען."

איך האָב גוט פערשטאנען וועגען וואָס דער קאנאַדיער וויל רעדען אונד עס איז ביי מיר געבליעבען איך זאָהל איהם בעססער לאָזען זיך דורכ־פלוידערען, ווי ער זאָגט. מיר האָבען זיך בעקוועם געזעצט ביי די לאַנטער־נע אונד דאַן האָב איך זיך אָבגערופען :

„יעצט, עדוארד, הערען מיר אייך צו, וואָס האָט איהר אונז צו ער־קלעהרען.

„גאנץ איינפאַך, מיר זיינען אין אייראָפּא, אונד איידער דער קאפּי־טאַן נעמא'ס קאפּריז וועט אונז אוועק שלעפּען נאָך אירגענד וועלכען אייז־מעער, אָדער צוריק אויפ'ן שטילען אָקעאַן, זאָלען מיר בעסער זעהן דאָס נאוטילוס אין דער צייט צו פערלאָזען."

איך מוז זאָגען די וואהרהייט אז דיעזע געשפּרעכען האָבען מיך אי־מער געבראַכט אין גרויס פערלעגענהייט. עס וואָלט זיך מיר ניט געוואָלט שטערען מיינע קאמעראדען אונד פערהינדערען זיי זאָלען זיך בעפרייען אונד דאָך איז מיר ניט זעהר אנגענעהם געווען דעם קאפּיטאַן נעמא צו

פערלאָזען. איהם אונד זיינע אפפאראטען האָב איך צו פערדאַנקען אז עס איז מיר מעגליך יעדען טאָג מיינע וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען צו פערמעהרען אונד מיין ווערק „איבער די געהיימניסע אויפ'ן גרונד פון ים" צו פערבעסערען. וועל איך דען האָבען נאָך אַ מאָהל אזא געלעגענהייט דעם אָקעאַן אין זיינע טיעפניסען צו בעוואונדערען ? געוויס ניט ! דארום האָב איך ניט געקענט צופריעדען זיין דעם נאוטילוס צו פערלאָזען איידער אונ־זערע פאָרשונגען זיינען געענדיגט.

„פריינד עדוארד," האָב איך געפרעגט „זאָגט מיר די וואהרהייט, איז אייך שוין איבערדריסיג געוואָרען צו זיין אויף דיעזער שיף ? בעדויערט איהר זעהר דעם שיקזאל וואָס האָט אייך אהער געבראַכט ?

דער קאַנאַדיער האָט באַלד ניט געענטפערט, אונד שליסליך נאָך אַ קורצע איבערלעגונג געזאָגט :

„איך קען ניט בעהויפטען אז די רייזע אויפ'ן גרונד פון ים געפעלט מיר ניט, דעננאָך וואָלט איך וועלען אז זי זאָהל שוין זיין געענדיגט, אונד וואָס שנעלער אום זאָ בעסער."

„זי וועט זיך שוין ענדיגען, עדוארד, זייט זיכער."

„אָבער וואו אונד ווען ?"

„וואו ? דאָס ווייס איך ניט. ווען ? דאָס קען איך אייך אויך ניט בעשטימט זאָגען. יעדענפאַלס וועט דאָך שליסליך קומען דאצו אז מיר וועלען שוין מעהר ניט געפינען אירגענד וועלכע נייעס אין די וואססערען צו בעטראַכטען אונד עטוואָס דאפון צו לערנען, דאַן קענען מיר זאָגען אז די רייזע איז געענדיגט."

„איך זאָג אויך דאָס זעלבע" האָט קאַנסייל מיר צו געשטימט „אונד עס קען זעהר מעגליך זיין אז נאָכדעם ווי מיר וועלען דורכפאָהרען אַלע מעערען פון ערדען־באַלל. וועט דער קאַפּיטאַן נעמא אליין אונז בעפרייען."

„געוויס, ווארט נור אויף איהם !" האָט דער קאַנאַדיער מיט אַ בייזען טאָן זיך אויסגעלאַכט „ער וועט אייך שוין ווייזען וואָס פרייהייט איז !"

„וואָצו דארפט איהר אזוי איבערטרייבען, עדוארד ?" האָב איך ער־ווידערט „מיר האָבען געגען דעם קאַפּיטאַן פאָרלויפיג קיין אורזאַכע זיך צו בעקלאָגען, אָבוואָהל איך מוז צוגעבען אז קאַנסייל'ס מיינונג איז ניט וואהרשיינליך. נעמא וויל אז די עקסיסטענץ פון זיין שיף זאָהל בלייבען אַ געהיימניס פיר די וועלט אונד דאָס אליין וועט איהם שוין פערהינדערען אונז צוריק אויף די ערד ארויס צו לאָזען."

„אויף וואָס דען האָפט איהר אַלזאָ ?"

„אז עס וועט זיך יעדענפאַלס מאַכען אַ געלעגענהייט וועלכע מיר וועל־

לען קענן בענוטצען, אויב ניט היינט איז רעכט אפילו אין זעקס מאָנאַטען אַרום.״

„אָבער וואו וועלען מיר דאַמאָלס שוין זיין, הערר נאַטור־פאָרשער ?״ האָט עדוארד זיך געערגערט.

„פיעלייכט דאָ, פיעלייכט אין כינא, דאָס מאַכט גאָר ניט אויס. אי־בערהויפּט שפּיעלט די פראגע פון „וואו״ גאָר קיין ראָלע ניט ביי אזא שיף ווי דער נאוטילוס, וועלכער פליהט דורך דעם אָקעאַן ווי אַ שוואַלב דורך די לופט. וואָס קענט איהר וויסען, פיעלייכט וועט ער אונז קירצליך ברענגען צו די ברעגעס פון פראנקרייך, ענגלאנד אָדער אמעריקא ? דאַן וועט דאָך געוויס זיין פיעל בעקוועמער צו ענטלויפען אלס יעצט.״

„הערר אראנאקס״ האָט דער קאַנאַדיער זיך אָבגערופען „אויף אַזעלכע רייד קענען מיר זיך ניט פערלאָזען ; איהר זאָגט אימער פיעלייכט וועלען מיר זיין דאָ, פיעלייכט וועלען מיר זיין דאָרט, אונד איך ענטפער דאַגעגען : מיר זיינען דאָ אונד דאָס זאָלען מיר יעצט בענוטצען.״

איך האָב ווירקליך ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען אויף דיעזע לאָגישע ערקלעהרונג.

„מיין הערר,״ האָט עדוארד ווייטער געשפּראָכען „איך וויל איין מאָהל פיר פיר אַלע מאָהל וויסען אייער ריכטיגע מיינונג אונד שטעל אייך די פאָל־גענדע פראגע : לאָמיר אָננעהמען אז קאפּיטאַן נעמאָ וויל אונז היינט בע־פרייען, וואָלט איהר צופריעדען געוועזען זיין שיף צו פערלאָזען ?״

„איך ווייס ניט.״

„נאָך מעהר, ווען ער זאָהל צום ביישפּיעל זאָגען, אז היינט גיעבט ער אייך די ברירה צו געהן אָדער צו פערבלייבען, אונד אויב איהר ענטזאָגט זיך יעצט פון דער פרייהייט מוזט איהר דאַן אויף אימער זיין געפאַנגען אויפ׳ן נאוטילוס, וואָס וואָלט איהר דארויף ענטפערען ?״

„פריינד עדוארד, איך מוז צוגעבען אז איהר האָט רעכט געגען מיר. אייך איז יעדענפאַלס אונבעגרייפליך די וויסענשאַפּטליכע אינטערעסע וועל־כע איך האָב אין דיעזע רייזע. וואָס אַנבעטרעפט דעם קאפּיטאַן זאָג איך אייך נאָך אַ מאָהל אז ער וועט אונז מיט׳ן גוטען ווילען קיין מאָהל ניט בע־פרייען ; דארום מוזען מיר נאַטירליך טראַכטען ווי מיר זאָלען דאָס אליין קענען אויספיהרען.״

„גאַנץ ריכטיג, הערר אראנאקס, דאָס הייסט פערנינפטיג גערעדט.״

„נור איין זאַך וויל איך אייך בעמערקען, איין זעהר וויכטיגע פערגעסט ניט. אונזער אונטערנעהמונג צו ענטלויפען מוז געפיהרט ווערען מיט אזא רעכנונג אז עס זאָהל דורכאויס גליקען. אים פאַל דאָס וועט ניט געלינגען קענען מיר זיך דאַן אויף אייביג געזעגענען מיט די פרייהייט, אונד קאפּיטאַן

נעמא וועט אונז דאָס ניעמאַלס פערצייהען.״

„גאַנץ ריכטיג. די הויפּטזאַך איז אַלזאָ די פּאָרזיכטיג אונד ניט די צייט. ווען עס זאָהל זיך מאַכען אַ זיכערע געלעגנהייט דאַצו איז ביי אייך רעכט אין צוויי טעג דאָס אויך אוים צו פּאָהרען ?״

„יאַ, אָבער איך וויל איהר זאָלט מיר יעצט ערקלעהרען וואָס הייסט ביי אייך אַ זיכערע געלעגנהייט.״

„ווען צום ביישפּיעל דער נאַוטילוס זאָהל קומען גאַנץ נאָהענט צו איין אייראָפּייאישען ברעג.״

„נון, מיינט איהר אַז מיר זאָלען דאַן דורך שווימען זיך רעטען ?״

„יאַ, אויב דער נאַוטילוס וועט שטעהן אויבען איבער'ן וואַססער; זאָנסט ווייט פון ברעג, אָדער פון אונטער'ן וואַססער קענען מיר נאַטירליך וועגען אַזאַ פּלאַן ניט דענקען. אָבער מיר קומט עטוואָס אַנדערעס אויפ'ן גערדאַנקען. איך וועל זעהן עס זאָהל אונז מעגליך זיין אונבעמערקט די קליי־נע שיפעל אַרויס צו קריגען, דאַן זיינען מיר געראַטעט.

„גוט, עדוארד. פּראָבירט דיעזע מעגליכקייט אין אויספיהרונג צו ברענ־גען. אָבער וואָס איך האָב אייך געזאָגט זאָלט איהר שטענדיג האַלטען אין זינען, אַז אין פאַל פון אונערפּאָלג קען דאָס אונז אין דעם גרעסטען אונ־גליק שטירצען.״

„איך וועל דאָס ניט פערגעסען, מיין העהר.״

„אונד יעצט ווילט איהר וויסען וואָס מיין מיינונג איז וועגען אייער פּראָיעקט ?״

„גאַנץ געוויס, העהר אַראָנאַקס.״

„נון, איך דענק אַז אייערע זיכערע געלעגענהייט וועט קיין מאָהל ניט קומען.״

„פאַרוואָס ? ווי קענט איהר עס בעהויפּטען ?״

„גאַנץ איינפאַך, ווייל קאַפּיטאַן נעמא ווייס אויך זעהר גוט אַז מיר זוכען זיך צו בעפרייען, אונד דאַרום וועט ער שוין אויף אונז גוט אַכטונג געבען. דער נאַוטילוס וועט קיין מאָהל ניט צו פאָהרען נאָהענט צו אַ ברעג, איבערהויפּט דאָ, אין די אייראָפּייאישע וואַססערען.״

„דאָס וועלען מיר נאָך זעהען !״ האָט עדוארד אויסגערופען מיט אַ מיענע פון ענטשלאָסענהייט.

„אונד פון יעצט אָן, עדוארד, וועלען מיר וועגען דעם קיין איינציגען וואָרט מעהר פערליערען. ווען איהר וועט האָבען פערטיג עטוואָס אויפ־געטהון דאַן קומט אונד זאָגט אונז. איך פערלאָז זיך פאָלקאָמען אויף אייך.״

דאַמיט איז געשלאָסען געוואָרען דיעזע בעשפּרעכונג, פון וועלכע עס זיינען אין אַ קורצע צייט גאַנץ אונערוואַרטעט אַרויס געקומען זעהר וויכ־

טיגע רעזולטאטען. צו עדוארד'ס גרויסע פערצווייפלונג האבען מיינע ווער־טער זיך קירצליך בעוויזען אלס פאלקאמען ריכטיג. עס איז שווער צו זאגען אויב דער קאפּיטאן האט ווירקליך אונז ניט געטרויט, אדער ער האט זיך געוואלט היטען אויף דיזען פּיעל־בעזוכטען מעער געגען די גרויסע שיפען פון פערשיעדענע נאציאנען; אבער יעדענפאלס האט דער נאוטילוס זיך דא שטענדיג געהאלטען אונטער'ן וואססער אונד גאנץ ווייט פון אירגענד וועלכען ברעג; אפּטמאהל פלעגט דאס שיף זיך ארונטער לאזען זאגאר אין א טיעפענים פון צוויי טויזענד עללען אונד דאך קיין גרונד געפונען.

דען 14טען פעברואר בין איך אריין אין זאלאן אונד מיר האט זיך גע־וואלט די בעזונדערע מינים פיש פון דיזען מעער בעטראכטען, אבער די פענסטער זיינען געשלאסען. מיר פאהרען נאך די ריכטונג צום אינזעל קאנ־דיא, וועלכע איז צו יענער צייט, נאך איידער איך האב זיך בעגעבען אויף די פרעגאטטע לינקאלן, געשטאנען אין א רעוואלוציאן, אום זיך פון די טירקישע דעספאטישע מאכט צו בעפרייען. איך האב גראדע יעצט געוואלט אנפאנגען ווענען דעם אגעשפרעך מיט דעם קאפּיטאן נעמא, אבער ער איז ארום געגאנגען איבער'ן זאלאן אזוי ווי אונרוהיג אונד פעסט פערטיעפט אין געדאנקען, באלד זיינען אויך אויף זיין בעפעהל אבגערוקט געווארען די בלעכענע ווענד אונד ער האט אנגעפאנגען מיט גרויס ערווארטונג צו קוקען דורכ'ן פענסטער. איך בין אויך געזעסען אונד געקוקט אויפמערקזאם, בע־טראכטענדיג אייניגע זארטען אונגעוועהנליכע פישען, ווי צום ביישפיעל די זאק־פלאסען, וואס זיינען מערקווירדיג מיט דעם פאספאר־ליכט פון זייער קערפער; די מעער־בראססען וועלכע די עגיפּטער האבען א מאהל פערגעט־טערט; דער קליינער העם־פיש, אויף וועלכען מען האט פארצייטען געגלויבט אז ער איז אים שטאנד די גרעסטע שיף אב צו האלטען ווען ער הענגט זיך אן ביי'ן רודער, אונד נאך פערשיעדענע אנדערע מינים פון דיזע בעשעפ־ניסע.

פלוצלונג בין איך געבליעבען זיטצען אין דער גרעסטער ערשטוינונג. איך זעה אין מיטען וואססער, אויפ'ן גרונד פון ים, די געשטאלט פון א היכען מאן, אין די געוועהנליכע וואססער קליידונג, מיט א ברייטען לעדער־נעם גורט אויף זיינע לענדען. דעם ערשטען אויגענבליק האב איך זאגאר געגלויבט אז דאס איז א טויטער קערפער פון א דערטרונקענעם, וועלכען דאס וואססער טרייבט ארום, אבער באלד זעה איך אז דאס איז א לעבענ־דיגער מענש. ער רודערט אויסגעצייכענט מיט זיינע קרעפטיגע הענד אונד קומט נעהענטער צו אונזער שיף.

„ווער קען ער זיין?" האב איך צום קאפּיטאן זיך געווענדעט „פיעל־ליכט דארף מען איהם רעטטען?"

נעמא בלייבט שטעהן קוקענדיג דורכ'ן פענסטער אונד גיעבט קיין אנטוואָרט. דער אונבעקאנטער שווימער איז אונטערדעסען נעהענטער געקומען אונד צוגעדריקט זיין געזיכט צום שויב, אזוי ווי זוכענדיג יעמאנדען מיט זיינע בליקען. צו מיין גרויסען ערשטוינען זעה איך אז נעמא מאכט איהם א געוויסען צייכען מיט'ן האנד, דער פרעמדער ענטפערט מיט א וואונק, דאן שטייגט ער ארויף צוריק אויפ'ן וואססער אונד בלייבט פערשוואונדען.

„איהר האָט געמיינט אז ער טרינקט זיך ?" האָט דער קאפיטאן ענדליך צו מיר געזאָגט „דאָס איז דער וואהלבעריהמטער שווימער ניקאָלאס פון מאטאפאן. ער לעבט מעהר אין וואססער ווי אויף דער טרוקענעם לאנד אונד געהט זאגאר אויף דיעזען אופן פון איין אינזעל צום אנדערען."

„אונד ער איז מיט אייך בעקאנט, קאָפיטאן ?"

יא, הערר אראנאקס."

אזוי ענטפערענדיג געהט נעמא צו א שראנק, ביי'ן לינקען זייט פון פענסטער. דאָרט שטעהט אויך א גרויסער קעסטעל, פעסט בעשמידט מיט אייזען, אויף זיין דעקעל איז צו געשלאָגען א קופערנע פלאטע מיט דעם געוויסען הערב פון נאוטילוס : **Mobilis in Mobile** וועלכען איך האָב שוין בעמערקט אויף אלע מאשינערייען אונד געשירען פון דיעזען שיף. דער קאפיטאן עפפענט דעם קעסטעל, דאן דעם שראנק אין וועלכען איך זעה צו מיין גרויס איבערראשונג אז ער איז פול געפאקט מיט שטיקער גאָלד אין די פאָרמע פון שטענגלאך. איך קען זיך ניט ערקלעהרען פון וואנען נעהמט דער קאפיטאן אזעלכע אונגעהויערע מאססען פון דיעזען קאָסטבארען מעטאל אונד וואָס וויל ער דאמיט יעצט מאכען.

איך רעד ניט א וואָרט, קוקענדיג נור וואָס דאָ וועט זיין. דער קאפיטאן נעמא נעהמט ארויס די גאָלד־שטענגלאך איינע נאָך די אנדערע אונד לעגט זיי רעגעלמעסיג צוזאמען אין קאפפער. נאָך מיין אָבשאטצונג האָט ער דאָ פערפאקט אונגעפעהר צוויי טויזענד פונד גאָלד, דעם ווערטה פון א פינף מילליאָן פראנק.

נעמא פערשליסט ווידער דעם קאָפער אונד שרייבט אויפ'ן דעקעל איין אדרעס, אויף א שפראך וועלכע שיינט מיר ניי־גריכיש צו זיין. דאן דריקט ער אָן א געוויסען עלעקטרישען קנאָפף, געבענדיג דאמיט א סיגנאל נאָך די מאטראָזען־קאיוטע. אין א פּאָאר מינוטען זיינען אריינגעקומען פיער מאן אונד האָבען מיט גרויס מיה ארויסגעטראָגען דעם קאָפפער פון זאלאָן. נאכהער האָב איך געהערט ווי מען האָט מיט א שטריק איהם געשלעפּט איבער'ן לייטער צום פערדעק.

„אונד וואָס האָט איהר מיר געוואָלט זאָגען, הערר פּראָפעסאָר ?" פרעגט מיך נעמא אלס די מאטראָזען זיינען ארויסגעגאנגען.

„איך ? קיין בעזונדערע זאך ניט."
„דאן ערלויבט מיר איך גוט נאכט צו ווינשען."
מיט דיעזע ווערטער איז ער ארויס פון זאלאן.

פון איבערראשונג האב איך דיעזע נאכט גאנץ ווענינ געקענט שלאפען. איך קען ניט אויפהערען צו טראכטען אויב די ערשיינונג פון דעם אונבע־קאנטען שווימער האט עטוואס צו טהון מיט דעם קאסטען פול גאלד אונד פיר וועמען איז דיעזעס רייכטהום בעשטימט. באלד בעמערק איך אויך נאך די בעוועגונגען פון נאוטילוס אז ער שטייגט ארויף פון גרונד צו די אויבערפלאכקייט פון מעער.

אייניגע מינוטען שפעטער הער איך שטארקע טריט אויפ'ן פלאטפארם, ווי מען שרויפט דאן אב דאס שיפעל אונד לאזט איהר אראפ אין מעער. דאס שיפעל קלאפט זיך אב אן וואנד פון נאוטילוס, דאן איז אלעס שטיל געבליעבען.

צוויי שטונדען שפעטער האב איך געהערט דעמזעלבען גערויש, ווי מען געהט אויבען ארום, דאס שיפעל איז ארויפגעצויגען געווארען, צו גע־שרויפט צו איהר ארט אונד דער נאוטילוס האט זיך ווידער ארונטער גע־לאזען אין די טיעפנים פון מעער. עס איז אלזא מעהר קיין צווייפעל אז דא זיינען גאנצע מיליאנען אוועקגעשיקט געווארען, אבער נאך וועלכע געגענד ? מיט וועמען שטעהט קאפיטאן נעמא אין אזעלכע פערבינדונגען ? דאס ווארען די פראגען אויף וועלכע עס איז מיר ניט מעגליך געווען אירגענד וועל־כע ערקלעהרונג צו געפינען.

דעם פאלגענדען פריה־מארגען האב איך מיינע קאמעראדען ערצעהלט די מערקווירדיגע בעגעבענהייטען פון די פאריגע נאכט. עדווארד אונד קאנ־סייל זיינען נאטירליך אויך העכסט ערשטוינט געווארען.

„אבער פון וואנען נעהמט ער אזוי פיעל מיליאנען ?" האט דער קאנא־דיער געפרעגט מיט גרויס נייגעריגקייט, וועלכע קיינער פון אונז איז דען־נאך ניט אים שטאנד געוועזן צו בעפריעדיגען.

נאך דעם פריהשטיק האב איך זיך גענומען צו מיין געוועהנליכע אר־בייט אונד ביז פינף אוהר בין איך געוועזן בעשעפטיגט מיינע שריפטען אין ארדנונג צו ברענגען. דאן האב איך פלוצלונג אנגעפאנגען צו שפירען אזא גרויסע היטץ אז מיין גאנצער קערפער איז באלד אבגעגאסען געווארען מיט שוויים אונד איך בין געצוואונגען געוועזן דעם ראק פון זיך אראפ צו ווארפען. איך קען ניט בעגרייפען פון וואנען דאס האט זיך מיט איינמאהל גע־נומען, דען מיר געפינען זיך דאך ניט אין די הייסע געגענדען, אונד זאגאר דארט דארף מען אין די טיעפניסען פון מעער די אויסערליכע טעמפערא־

טור פון דער לופט ניט שפירען, דען דער מאנאמעטער צייגט אז מיר פאהרען יעצט זעכציג פוס אונטער'ן וואססער.

איך האב ווידער געוואלט אנפאנגען צו ארבייטען, אבער די היטץ שטייגט אזוי שטארק אז עס איז מיר שוין ניט מעגליך לענגער אויס צו האלטען.

„פיעלייכט ברענט דאס שיף ?” האב איך ביי זיך אליין געפרעגט.

איך בין שוין אויפגעשטאנען אום פון זאלאן ארויס צו געהן אלס קאפיטאן נעמא איז אריינגעקומען. ער געהט צו צום טהערמאמעטער אונד רופט זיך אב :

„יא, עס איז שוין צוויי אונד פיערציג גראד היטץ.”

„דאס שפיער איך שוין קאפיטאן, אונד אויב די טעמפעראטור זאהל נאך העכער שטייגען ווייס איך ניט ווי מיר וועלען דאס אריבען טראגען.”

„אה, הערר פראפעסאר, די היטץ וועט שטייגען נור דאן אויב איך וועל דאס וועלען.”

„איהר קענט פערטרייבען דיעזע הייסע טעמפעראטור ?”

„ניין, אבער איך קען פון איהר ענטלויפען.”

„קומט זי דען פון דרויסען ?”

„געוויס ! מיר פאהרען יעצט דורך די קאכעדיגע וואססער. קוקט נור אהער !”

די בלעך־וואנד עפפענען זיך אונד איך זעה אז דער גאנצער ים ארום דעם נאוטילוס איז ווייס ווי שוים. דיקע שוועבעל־זיילען דרינגען ארויס פון די ברענענדיגע וועללען, וועלכע ברויזען ווי זידענדעס וואססער אין א קעססעל. איך האב צוגעלעגט די האנד צום פענסטער, אבער די שויבען זיינען אזוי הייס אז מיינע פינגען זיינען שיער פערברענט געווארען.

„וואו זיינען מיר דא ?” האב איך געפרעגט אין שרעק אונד ערשטוינען.

„ניט ווייט פון דעם גריכישען אינזעל סאנטארין. הערר פראפעססאר, גראדע אין דעם קאנאל וואס ציהט זיך צווישען די אינזלען נעא קאמעני (די נייע פערברענטע) אונד פועלא־קאמעני (די אלטע פערברענטע). איך האב געוואלט אייך ווייזען די מערקווירדיגסטע ערשיינונג פון א ברענענדיגען וואולקאן אונטער'ן ים.”

„דאס איז אלזא דער זעלבער וואולקאן, וואס האט אין דיעזע געגענד פיעלע ערטער פון גרונד פון ים ארויף געהויבען אונד דאדורך זיינען די נייע אינזלען ארויס געקומען. איך האב געמיינט אז דער וואולקאן איז שוין לאנג פערלאשען.”

„איהר זעהט אבער אז ניט” האט נעמא ערוויעדערט „אונד דער פייער

אין דער טיעפֿנים פֿון דער ערד אַרבייט נאָך אימער ווייטער. ווי די אַלטע געשיכטע־שרייבער קאַסיאָדרוס אונד פּליניוס ערצעהלען איז אין אים יאָהר 19 נאָך אונזער צייטרעכנונג, אויף דיזעלבע שטעלע אַרויף געשטויגען אַ נייע אינזעל, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען „די געטליכע טהייאַ." באַלד אָבער איז דיעזע אינזעל פֿערזונקען געוואָרען אונד מיט פֿונפֿציג יאָהר שפּעטער איז אויף איהר שטעלע איין אַנדערע ערשיענען, וועלכע איז אויך אין אַ קורצע צייט אַרום פֿערשוואונדען. פֿון דאַמאַלס אָן זיינען אין פֿער־לויף פֿון אַכצעהן יאָהר הונדערטע אַזעלכע וואולקאַנישע ערשיינונגען אין דיעזע געגענדען מעהר ניט פֿאָרגעקומען. ערשט אין יאָהר 1866 איז גראַדע ביי נעאַ קאַמעני ווידער אַרויס געקומען פֿון אונטער'ן ים איין אינזעל, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבען געאָרג, אונד מיט אַכטאָג שפּעטער די קליינע אינזעלע אַפֿרעזאַ, אַזוי נאָהענט אַז צווישען זייביידען ציהט זיך אַ קאַנאַל נור פֿון צעהן עללען די ברייט, איך בין גראַדע צו יענער צייט גע־ווען אין דיעזע וואַססערען אונד האָב די נאַטור־ערשיינונג פֿון נאָהענטען בעטראַכט, וועלכע איז ווירקליך זעהר מערקווירדיג."

„אונד דאָס איז דערזעלבער קאַנאַל אין וועלכען מיר געפֿינען זיך יעצט?"

„יאַ, דאַ איז ער" האָט דער קאַפּיטאַן מיר געצייגט מיט'ן פֿינגער אויף דער קאַרטע.

„מען קען אַלזאָ גלויבען אַז דער קאַנאַל וועט זיך נאָך פֿיעלייכט אַ מאָהל אויספֿיללען אונד די קליינע וועלען פֿעראייניגט ווערען אין איין גרויסע שטיק לאַנד."

„זעהר וואהרשיינליך, העררר אַראָנאַקס" האָט דער קאַפּיטאַן געענט־פֿערט. „צייט דעם יאָהר 1869 זיינען אויך ביי פֿעלעאַ קאַמעני אַכט אַזעלכע קליינע אינזעלאַך אַרויף געשוואומען. עס איז אַלזאָ קלאָהר אַז זאָגאַר ביידע קאַמעני'ס וועלען זיך מיט דער צייט פֿעראייניגען. אין שטילען אָקעאַן ביל־דען זיך אויס שטיקער לאַנד דורך די אַרבייט פֿון קליינע קאָראַלען־טהיערען, וועהרענד דאָ טהוט דאָס זעלבע אויך דער אונטער אירדישער פֿייער. אונד דאָס זיינען די קרעפֿטען וועלכע האָבען בעשאַפֿען די גאַנצע טרוקענע ערד."

איך בין ווידער צוגעגאַנגען צום פֿענסטער. דער נאַוטילוס האָט זיך גאָר אָבגעשטעלט. די היטץ איז אונערטרעגליך, אין דער וויסער פֿאַרב פֿון מעער זעהען זיך יעצט רויטהע זיילען, פֿון די אייזען־זאַלצען וואָס קאָכען אין וואַססער. דער ים פֿלאַמען פֿערשטעלט זאָגאַר דאָס עלעקטרישע ליכט פֿון אונזער שיף, אונד טראָטצדעם וואָס דער זאַלאָן איז אַזוי פֿעסט פֿער־שלאָסען הערט זיך אין איהם אַזאַ גערוך פֿון שוועבעל אַז עס פֿערהאַפּט דער אָטהעם. איך פֿיעל אַז עס שטיקט מיך, אַז מיין גאַנצער קערפּער בראָט זיך.

„איך קען דיעזע היטץ לענגער ניט אויסהאַלטען" האָב איך צום קאַ־פיטאַן געזאָגט.

„אונד דער נאַוטילוס אויך ניט" האָט נעמא רוהיג געענטפערט.

אויף זיין בעפעהל דורך אַ סיגנאַל האָט דאָס שיף זיך אויסגעדרעהט אונד איז באַלד אַרויס פון דיעזען ברענעדיגען גלוטה. אַ פיערטעל שטונדע שפּעטער זיינען מיר אַרויס אויפ׳ן פּלאַטפאָרם אונד מיט די פרייע לופט זיך ערקוויקט.

אויף מאָרגען דעם 16טען פעברואר, האָבען מיר פערלאָזען דיזע געגענד פון די גריכישע אינזלען, וואו עס געפינען זיך אין ים טיעפניסען העכער ווי דריי טויזענד עללען. באַלד איז אויך דער נאַוטילוס געשוואומען פאַרביי דעם קאַפּ מאַטאַבאַן, אום די רייזע איבער דיעזען ים ווייטער פאָרט צו זעטצען.

7-טעם קאַפּיטעל.

דאָס מיטעללענדישע מעער.

דאָס מיטעל־לענדישע מעער, וועלכער וואר בעוואוסט ביי די אַלטע העברער אונטער דעם נאָמען (ים הגדול), איז דורכשניטליך פון אַ בלויען פאַרב, זיינע ברעגעס זיינען אין פיעלע געגענדען בעזעטצט מיט אָראַנזשען, שהענע מירטען אונד אַנדערע פּראַכטפאָלע בוימער; עס רינגלען איהם אַרום הויכע געבירגס־לענדער, וואָס זיינען געזעטיגט מיט ריינע, דורכזיכ־טיגע לופט. אָבער אונטער זיין גרונד אַרבייטען נאָך אימער די געהיימע פייער קרעפטען אין דער ערד, אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט וועלען אויפהערען צו קעמפּפען מיט די וואַססערען פון אויבען. ביי זיינע ברעגעס געפינט דער מענש די שעהנסטע קלימאַטען פון דער וועלט.

טראָטצדעם אָבער האָב איך ניט געהאַט די מעגליכקייט גענוי צו בע־טראַכטען די אַלע הערליכקייטען פון דיעזען גרויסען מעער אונד זיינע אומ־געגענדען; זאָגאר מיט די ערפאַהרונגען פון קאַפּיטאַן נעמא האָב איך ניט געקענט זיך בענוטצען, דען דיעזער מערקווירדיגער מאַן איז אַזוי פער־שוואונדען געוואָרען, וועהרענד דער נאַוטילוס האָט שנעל דורכגעשניטען די וואַססערען פון מיטעל־לענדישען מעער; אַ וועג פון ביינאַהע זעכס הונ־דערט מייל, וועלכע דער נאַוטילוס איז אַזוי ווי דורכגעפלויגען אין אַזאַ קור־צע צייט ווי 48 שטונדען. מיר זיינען דעם 16טען פעברואר אין דער פריה

אבגעפאהרען פון די גריכישע אינזלען אונד דעם 18טען, ווען די זונן האט נור אנגעפאנגען אויף צו געהן איז דער נאוטילוס שוין געשוואומען פאר־ביי די פעסטונג גיבראלטאר, וואו דיעזער מעער ענדיגט זיך אין די וואס־סערען פון דעם אונגעהויער גרויסען אטלאנטישען אקעאן.

ווי עס ווייזט אוים איז דער מיטעל־לענדישער מעער, וואס איז אזוי ווי צוזאמען געדריקט צווישען פיעלע בעזעטצטע לענדער, קיין אנגענעה־מער ארט געווען פיר דעם קאפיטאן נעמא. דא פעהלט איהם די פרייהייט פון בעוועגונג, די ברייטע מעגליכקייט צו פערשיעדענע אונטערנעהמונגען, אונד פיר זיין נאוטילוס איז צו ענג צווישען די נאהענטע ברעגעם פון אייראפא אונד אפריקא. דארום זיינען מיר דא געפאהרען מיט א שנעלקייט פון פינף אונד צוואנציג מייל אין א שטונדע. זעלבסטפערשטענדליך האט עד־ווארד לענד יעצט גאר ניט געקענט דענקען וועגען זיינע פראיעקטען צו ענט־לויפען. ביי אזעלכע אומשטאנדען איז אזוי מעגליך צו פערלאזען דעם נא־טילוס גראדע ווי אראפ צו שפרינגען פון א שנעלצוג וועהרענד ער איז אין פולען לויף. אויסערדעם פלעגט אונזער שיף נור אויף א קורצע צייט ביי נאכט זיך בעווייזען איבער'ן וואססער, אום פרישע לופט צו שעפען, אונד וועהרענד די גאנצע רייזע איז זי שטענדיג געבליעבען אונטער'ן מעער.

איך האב אלזא פון די אינערליכע געגענדען אין מיטעל־לענדישען מעער געקענט זעהען נור די אלגעמיינע לאנדשאפט, וועהרענד די בעזונדערע גע־גענשטאנדען זיינען מיט די שנעלקייט פון א בליטץ פארביי מיר געפלוי־גען. דעננאך איז מיר מעגליך געווען שטעהענדיג ביי די גלעזערנע ווענד פון זאלאן צו בעטראכטען פערשיעדענע זארטען פון מערקווירדיגע פישען, וועלכע ווארען קרעפטיג גענוג אום א קורצע צייט דעם נאוטילוס נאך צו האלטען.

אין די וואססער־שיכטען וואס זיינען העלל בעלייכטעט פון אונזער עלעקטרישען ליכט זעה איך אונגעהויער גרויסע הייפישען, וואס יאגען אי־בער איינע די אנדערע ; די נאך גרעסערע זעע־פוקסען, וועלכע בעזיטצען א מערקווירדיגע קראפט אן זייערע עקען, אונד זיינען אוך טיכטיגע רויב־בער ; די קליינע גאלד־בראססען, א זעלטענע, קאסטבארע גאטטונג פיש, אין זייער זילבערנעם אונד לאזור־בלויען פארב, מיט די גאלדענע רונדונגען ארום די אויגען. פראכטפאלע שטער־פישען, ביז צוועלף עללען די לענג, קלאפען מיט זייערע שטארקע עקען אין אונזערע שויבען. זיי זיינען אויך עהנליך צו הייפישען, אבער ניט אזוי שטארק, דאצו איז נאך צווישען זיי דער גרויסער אונטערשיעד אז די שטער־פישען ווערען געברויכט אלס גע־שמאקפאלע שפייז, פריש געקאכט, געטריקענט, מארינירט אדער געזאל־צען. אם בעסטען אבער איז מיר געווען מעגליך צו בעטראכטען די טהון־

פישען, מיט זייער בלויען שווארצען רוקען, זילבער געפאנצערטען קערפער אונד גאָלדענע פלוס־פעדערען. מען זאָגט אז דיעזע פישען בעגלייטען שטענ־דיג יעדע שיף, זוכענדיג זיך צו בעשיטצען פון די הייסע זונען־שטראהלען; אונד אויף דיעזען אופן זיינען זיי אויך נאָך געשוואומען דעם נאוטילוס, מיט זייערע שנעלע בעוועגונגען, פון זויגע טהיערען האָב איך נור בעמערקט פאָהרענדיג פארביי דעם אדריאטישען מעער איינינע דעלפינען אונד אונ־געפעהר א דוצענד ים־הינד.

אָבענדס דעם 16טען פעברואר זיינען מיר געפאָהרען צווישען סיציל־יען אונד די ברעגעס פון טוניס. אין דיעזער ענגער שטעלע הויבט זיך פלוצ־לונג אויף דער גרונד פון מעער אזוי הויך אז דאָס וואססער איז נור איינינ־גע עללען די טיעף. פוןביידע זייטען געפינען זיך שמאָללע קאנאלען, דורך וועלכע א שיף קען דורך געהן, אונד דער נאוטילוס האָט געמוזט גאנץ פאָר־זיכטיג אונד לאנגזאם דאָ פארביי שווימען, אום נעגען די אונטערוואסער־דיגע וואנד זיך ניט אָב צו קלאפען.

איך צייג קאָנסייל'ן אויפ'ן קארטע די שטעלע וואו דיעזע וואנד איז ריכטיג בעצייכענט.

„ערלויבען נור, מיין הערר," האָט ער זיך אָבגערופען „דאָס איז דאָך אלזאָ א וואהרער פאָס וואָס טהיילט אָב אייראָפא פון אפריקא."

„יא, מיין יונגע, ער פערשפארט פאָלקאָם דעם קאנאל פון ליביען. ווי געגויערע נאָכפאָרשונגען בעווייזען זיינען א מאָהל דיעזע צוויי וועלט־טהיילען געווען אין גאנצען פעראייניגט אין איין יבשה."

„מערקווירדיג!" האָט קאָנסייל זיך געוואונדערט „עס איז קוים צו גלויבען."

„נאָך אזא וואנד" האָב איך ערקלעהרט „געפינט זיך ביי די פעסטונג גיבראלטאר; יענער פעלזען האָט מיט פיעלע צעהנדליגע טויזענד יאָהר צו־ריק דעם מיטעל־לענדישען מעער אין גאנצען אָבגעשלאָסען."

„נון" האָט קאָנסייל געפרעגט „ווען עס זאָהל זיך מאכען א צופאל אז די וואולקאנישע קרעפטען זאָלען דיעזעביידע וועגד ווידער אויפהויבען?"

„דאָס איז ניט וואהרשיינליך, קאָנסייל, דען דו דארפסט וויסען אז די ווירקונג פון דיעזע וואולקאנען אין דער ערד ווערען אימער שוואכער. די פייערען פון דאמאָלס, ווען דער ערדען־באָלל איז נאָך געווען אין זיין יוגענד־צייט, ווערען ביסלאכווייז אויסגעלאָשען אונד די טעמפעראטור אין דער ערד קיהלט זיך אָב מיט יעדען יאָהרהונדערט, אונד דאמיט פערלירט זי אויך איהר לעבענס קראפט."

„אָבער די זונען־שטראהלען? —"

„קענען גאָר ניט נוטצען. א טויטער קערפער, וואָס האָט פערלאָרען

זיין אייגענע ווארעמקייט, קען די זונן ניט צוריק לעבענדיג מאכען. אויף דיזען אופן וועט אויך אונזער ערד א מאהל אבשטארבען. זי וועט בלייבען א טרוקענע מאססע, אהן ליכט, אהן וואססער אונד דאן וועלען שוין אויף איהר קיין לעבענדיגע בעשעפניסע ניט וואהנען, גראדע אזוי ווי דער מאנד, וועלכער האט שוין לאנג זיין לעבענס ווארעמקייט פערלארען.”

„אונד ווי לאנג דארף עס נאך דויערן ביז יענע טויטע צייט וועט קומען ?”

„געוויסע איינינע הונדערט־טויזענד יאהר, מיין ליעבער קאנסייל.”

„אויב אזוי האבען מיר נאך צייט אונזער רייזע אויפ'ן נאוטילוס צו ענדיגען, אזוי לאנג ווי עדוארד לענד ערלויבט עס נאך.”

מיט דיזע ווערטער האט דער עהרליכער יונגע גענומען צוריק בע־אבאכטען די אינטערעסאנטע ערשיינונגען וואס שטעלען זיך איהם פאר אין די וואססער־שיכטען.

דיזעלבע נאכט איז אונזער שיף אריין געקומען אין דעם צווייטען בע־קען פון מיטעל־לענדישען מעער, וואו עס געפינען זיך די גרעסטע טיעפ־ניסען פון פיער טויזענד עללען אונד מעהר, אין וועלכע אונזער שיף האט זיך געהאלטען אין די גאנץ אונטערשטע שיכטען. דא זיינען קיינע בעזונדע־רע מערקווירדיגייטקען דער נאטור ניט געווען צו בעמערקען, דאפיר אבער, האט דער גרונד פון מעער זעלבסט פארגעשטעלט ריהרענדע, פורכטבארע סצענעס ; דען אין דיזען טהייל ים טרעפען זעהר אפט די שרעקליכסטע אונגליקען, מיט שיפען וואס געהן אונטער אונד ווערען פערזונקען. פערגליי־כענדיג מיט דעם שטילען אקעאן איז דיזער מעער נור א קליינער טייכעל, אבער די וועללען פון דיזען טייכעל זיינען א מאהל העכסט געפעהרליך, ווען דער גוואלדיגער שטורם רעגט אויף זייער גאנצען וואוטה, דאן צער־שמעטערען זיי דאס שטארקסטע שיף ווי א ניסעל־שאלעכץ. זאגאר ביי אונזער יעצטיגען שנעלען פאהרען זיינען שטענדיג געלעגען פאר מיינע אויגען מאססען פון פערראסטעטע אדער נייע שיף־רואינען, קאנאנען, אנ־קערס, קוילען, פערשיעדענע שטיקער מאשינען, צילינדערס, קעסלען אונד אנדערע אייזערנע אינסטרומענטען.

וואס נעהענטער מיר זיינען געקומען צו ענדע פון מיטעל־לענדישען מעער, ביי דעם קאנאל פון גיבראלטאר, איז אימער מעהר צו זעהען פון דיזע פעראונגליקטע שיפען, וועלכע ליעגען אונד שטעהען אין פערשיע־דענע פאזיציאנען. דער נאוטילוס איז מיט איין אונגעהויערע שנעלקייט אי־בער זיי פארביי געפאהרען, ביז ער איז דעם 18טען פעברואר, אום דריי אוהר פארטאג, אנגעקומען צום גיבראלטאר־קאנאל.

עס גיעבען אין דיזען פונקט צוויי שטראמונגען ; די אויבערשטע

וועלכע איז אלעמען בעקאנט. וואס טראגט די וואססערען פון גרויסען אט־לאנטישען אקעאן אין דאס מיטעל־לענדישען מעער, אבער גאנץ אונטען ציהט זיך פערקעהרט א רייסענדער שטראם, פון דאנען אין אטלאנטיק. דיעזען לעצטען שטראם האט נאטירליך קיינער אויסער אונז ביז יעצט ניט געזעהען, אבער מען צווייפעלט ניט אז ער מוז עקסיסטירען, דען זאנסט וואלטען די מאססען וואססערען וואס פלייצען אריין אין מיטעל־לענדישען מעער איהם געדארפט מאכען יעדעס יאהר גרעסער. אין דער טהאט זעהט מען עס אבער ניט, אונד דארום האט מען פערשטאנען אז עס גיעבט איין אונזיכטבארער שטראם, וואס פיהרט ארויס צוריק די איבריגע וואס־סערען פון דיעזען מעער.

מיט דיעזע אינטערעסע שטראמונג איז דער נאוטילוס שנעל גענוג דורכגעפלויגען דעם גיבראלטאר־קאנאל אונד איך האב נור צייט געהאט איין אויגענבליק א קוק צו געבען אויף די הערקולעס־טעמפעל, וועלכער איז אין די אלטע צייטען דא פערזונקען געווארען צוזאמען מיט די אינזעל וואו ער איז געשטאנען. איינציגע מינוטען שפעטער זיינען מיר שוין גע־שוואומען אויף די וועללען פון אטלאנטישען אקעאן.

8־טעם קאפיטעל.

דער האפען פון וויגא.

דער אטלאנטישער ים ! זיין אונגעהויער גרויסע וואססער שטרעקע ענטהאלט אין זיך פינף אונד צוואנציג מילליאן קוואדראט מייל, לאנג איז ער ניין טויזענד אונד דורכשניטליך ברייט צוויי טויזענד זיעבען הונ־דערט מייל. דאס איז דערזעלבער ים איבער וועלכען מען פאהרט פון איי־ראפא נאך אמעריקא ; יעצט איז ער מעהר בעזוכט ווי אלע אנדערע אקע־אנען, מיט די שיפען פון אלע נאציאנען ; אבער אין די פארצייטיגע יאה־רען האט די וועלט פון איהם גאנץ וועניג געוואוסט, אויסער די דאמאלסדיגע איינוואהנער פון דער שטאדט קארטהאגא אין אפריקא, וואס ווארען דאן בעריהמט מיט זייערע זעע־רייזען, צוליעב זייער גרויסען האנדעלס־פער־קעהר אין אייראפא אונד אפריקא. אין דעם אטלאנטישען אקעאן גיעסען זיך אריין די גרעסטע טייכען פון דער וועלט, ווי צום ביישפיעל דער סענט־לארענץ, מיסיסיפי, אמאזאנען־שטראם, לא־פלאטא, ארענאקא, ניגער, דער רהיין אונד פיעלע אנדערע.

דער נאוטילוס איז ביז יעצט, אין א צייט פון דריי אונד א האלב מאנאט, שוין דורכגעפאהרען א שטרעקע פון צעהן טויזענד מייל, דאס הייסט

א שטרעקע וואָס איז לענגער ווי דער גאַנצער קרייז אַרום ערדען־באַלל. וואוהין פאָהרען מיר אונד צו וועלכען צוועק? דאָס וואַרען אַזעלכע פראַ־גען וואָס מיר האָבען זיך ניט געקענט ערקלעהרען.

זאָבאַלד ווי מיר זיינען אַרוים פון גיבראַלטאַר־קאַנאַל וואַרען מיר שוין אויפ'ן הויכען מעער, זאָ דאָס מיר האָבען טעגליך ווידער געקענט שפּאַ־ציערען אויבען אויפ'ן פּלאַטפאָרם.

איך בין אַרויפגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיינע קאַמעראַדען עדוואַרד לענד אונד קאָנסייל. צוועלף מיילען ווייטער איז קוים צו בעמערקען די שפּאַני־שע האַלב־אינזעל סענט־ווינסענט. אַ קאַלטער דרום־ווינד בלאָזט אימער שטאַרקער אונד הויבט אויף די מעכטיגע וועללען פון ים וועלכע שאָקלען אונזער שיף אַזוי שטאַרק אַז עס איז קוים מעגליך אויפ'ן פּלאַטפאָרם צו זיטצען, דאַרום זיינען מיר באַלד צוריק אַראָפּ געגאַנגען, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך ערקוויקט מיט די פרישע לופט פון ים.

איך האָב מיך בעגעבען אין מיין צימער, קאָנסייל אין זיין קאַיוטע, אָבער עדוואַרד איז מיר נאָכגעגאַנגען מיט אַ מיענע פון פערלעגענהייט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען עטוואָס וויכטיגעס זאָגען. די שנעלע רייזע איבער דעם מיטעל־לענדישען מעער האָט איהם געהינדערט זיין פּלאַן וועגען ענטלויפען אויס צו פיהרען אונד דאַרום איז ער געוועזען זעהר צו טראַ־גען. אַלס די טהיר פון מיין צימער וואַר צו געמאַכט האָט ער זיך געזעצט אונד אַ בליק געגעבען אויף מיר, אַזוי ווי וואַרטענדיג איך זאָהל איהם עט־וואָס פרעגען.

„נון, פריינד עדוואַרד" האָב איך זיך אָבגערופען „איך פערשטעה וועגען וואָס איהר ווילט רעדען, אָבער איהר קענט דאָך זיך אַליין ניט בע־שולדיגען. ביי אַזאַ פאָהרען ווי דער נאַוטילוס האָט געמאַכט איבער דעם מיטעל־לענדישען מעער וואָלט גאַר געוועזען אַ נאַרישקייט אַפילו צו דענ־קען וועגען אַזעלכע פּראָיעקטען."

עדוואַרד שווייגט נאָך אימער. זיינע צוזאַמען געפּרעסטע ליפּפּען אונד דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין געזיכט בעווייזט אַז זיין גאַנצער זינען אונד טראַכטען איז יעצט בעשעפטיגט נור וועגען איין זאַך.

„איבריגענס איז נאָך קיין זאַך ניט פערלאָרען" האָב איך ווייטער גע־שפּראָכען „מיר פאָהרען פאַרביי די ברעגעס פון פּאָרטוגאַל, אונד זיינען ניט ווייט פון פראַנקרייך אונד ענגלאַנד. יאַ, ווען דער נאַוטילוס וואָלט אַרויספאָהרענדיג פון גיבראַלטאַר זיך בעגעבען נאָך דרום־זייט, דאַן וואָלטען מיר פערשלעפּט געוואָרען אין אַזעלכע געגענדען וואו עס גיעבט גאַר קיין טרוקענע לאַנד ניט, אָבער אין דיעזער ריכטונג וואו מיר פאָהרען יעצט איז

זעהר מעגליך אז מיר וועלען אונזער פּלאַן קענען אויספיהרען אין פערלויף פון איינינע טעג.״

„מיר וועלען דאָס נאָך דיעזע נאכט אויפטהון״ האָט עדוארד זיך ענד־ליך אָבגערופען.

איך בין זעהר איבערראשט געוואָרען הערענדיג דיעזע ערקלעהרונג. אָבער עס איז מיר דאָך ניט מעגליך געוועזען דאגעגען עטוואָס צו ערווידערען.

„מיר האָבען אָבגערעדט אָב צו־וואַרטען אַ ריכטיגע געלעגענהייט אונד אזעלכע איז יעצט דאָ״ האָט עדוארד ווייטער ערקלעהרט „מיר וועלען דיע־זען אָבענד זיין גאָר ניט ווייט פון שפּאַנישען ברעג. די נעכט זיינען יעצט דונקעל אונד דער ווינד טראָגט היינט גראַדע נאָך יענע ריכטונג. איך האָב אייער וואָרט, הערר אראנאקס, אונד רעכען אז איהר וועט נעווים ערפילען.״

איך האָב אויך דארויף גאָר ניט געענטפערט. דער קאַנאַדיער איז אויפ־געשטאַנען אונד צוגעהענדיג נעהענטער צו מיר האָט ער געפּליסטערט :

„אַלזאָ דיעזען אָבענד אום ניין אוהר. איך האָב עס מיט קאָנסייל'ן שוין אָבגערעדט. קאַפּיטאַן נעמא וועט שוין דאַן שלאָפען אין זיין צימער. קיינער פון די מאַשיניסטען אָדער זאָנסט ווער פון די מאַנשאַפט וועט אונז ניט בעמערקען. קאָנסייל אונד איך וועלען זיך בעגעבען צו די מיטעלסטע טרעפּ אונד איהר, הערר אראַנאַקס, וועט פערבלייבען אין ביבליאָטהעק־צי־מער, ערוואַרטענדיג פון מיר אַ סיגנאַל. רודער מאַסט אונד זעגעל, זאָגאַר איינינע לעבענס מיטעל געפינען זיך שוין אין שיפעל. איך האָב מיר שוין אויך פערשאַפט אַ שליסעל, אום דאָס שיפעל פון נאוטילוס אָבצושרויפען. אַלעס איז אַלזאָ ריכטיג פּאָרבערייטעט אויף דיעזען אָבענד.״

„אָבער דאָס מעער איז היינט אונרוהיג.״ האָב איך פּרובירט איינווענ־דען.

„גאַנץ ריכטיג אָבער עטוואָס ריזיקירען מוזען מיר דאָך אויך״ האָט דער קאַנאַדיער ערווידערט „פיר די פריהייט איז ווערטה צו קעמפּפען. איבריגענס איז דאָס שיפעל שטאַרק גענוג אונד איינינע מייל געטריעבען צו ווערען פון ווינד האָט ניט פיעל צו זאָגען. אויב עס זאָהל אונז ריכטיג געלינגען וועלען מיר צווישען צעהן אונד עלף אוהר שוין זיין צו לאַנד, אָדער אין מעער, דערטרונקען. אַלזאָ, מיט גאָטעס הילף, דיעזען אָבענד !״

נאָך דיעזע ערקלעהרונג איז דער קאַנאַדיער ארויס געגאַנגען אונד איך בין געבליעבען זיטצען זעהר בעשטירצט. ביז יעצט האָב איך געגלויבט אז ווען עס זאָהל קומען דאַצו וועל איך צייט האָבען זיך צו איבערלעגען, איבער צו רעדען. יעצט אָבער אַלזאָ פּלוצלונג — אונד דער איינגעשפּאַר־טער קאַנאַדיער וויל גאָר קיין איבריגען וואָרט ניט הערען, אָבוואָהל, די וואהרהייט זאָגענדיג האָב איך דאָך ניט וואָס צו ערווידערען. עדוארד

איז פֿאלקאמען גערעכט. ער וויל בענוטצען די יעצטיגע געלעגענהייט אונד איך האב קיין רעכט, איבער מיין פערזענליכע אינטערעס, צו שאדען די גאנצע צוקונפט פון מיינע קאמעראדען. ווען קאפּיטאן נעמא זאהל אונז מארגען אוועק שלעפּען אין אירגענד וועלכע ווייטע וועלט־געגענד וועל איך דאס נעגען מיין אייגענעם געוויסען ניט קענען פעראנטווארטען.

א שטארקער גערויש פון די מאשינערי האט מיר אין דיעזען אויגענבליק געצייגט אז דער נאוטילוס לאזט זיך ארונטער אין די טיעפענים פון מעער. איך בין פערבליעבען אין מיין צימער. עס ווילט זיך מיר ניט בעגעגנען מיט קאפּיטאן נעמא, אום ער זאהל עטוואס אויף מיין געזיכט ניט בעמערקען. דעם גאנצען טאג האב איך פערבראכט אליין אין אויפרעגענדע בעטראכטונגען; עס וואלט זיך מיר נאטירליך אויך וועלען ווידער ווערען א פרייער מענש, אבער פון דער צווייטער זייט איז מיר זעהר שאדע גראדע יעצט דעם נאוטילוס צו פערלאזען, איידער איך האב נאך געזעהן אלע וואונדערבארע געהיימניסע פון אינדישען אונד שטילען אקעאן. מיין ראמאן פאלט מיר ארויס פון די הענד איידער איך האב איהם געענדיגט לעזען אונד מיין שעהנער טרוים איז פערפלויגען! דאס ווארען פיר מיר ווירקליך שלימעמע שטונדען, וועהרענד איך בין יענעם טאג אליין געזעסען אין מיין צימער, טראכטענדיג אז באלד וועל איך מיט מיינע קאמעראדען זיין אויפ'ן פרייען, פעסטען לאנד, דערנאך ווינשענדיג אז אירגענד וועלכער צופאל זאהל עדווארד'ס פּראיעקט פערהינדערען; אבוואהל איך מוז אליין צוגעבען אז אזא וואונש איז זעהר אונפערנינפטיג.

צוויי מאהל בין איך אריין געגאנגען אין זאלאן, אום דעם קאמפּאס צו בעטראכטען. איך האב געוואלט נאכזעהען אויב דער נאוטילוס ערווייטערט זיך פון ברעג. אבער, ניין, אונזער שיף פאהרט אין די פּארטוגעזישע וואססערען. נאך דיזעלבע ריכטונג, צו די ברעגעס פון נארדען־זייט. איך מוז אלזא זיך מאכען רייזע פערטיג; קיין געפעק האב איך דאך איבריגענס ניט, אויסער מיינע נאטיצען.

עס קומט מיר אויפ'ן געדאנקען וואס וועט דער קאפּיטאן נעמא דאצו זאגען, ערפאהרענדיג אז מיר זיינען ענטלאפען; וואס פיר א פערדרוס אונד קרענקונג דאס וועט איהם מאכען; אונד אויב ער זאהל אונזער פּלאן בעצייטענס ענטדעקען, וואס וועט ער טהון? איך קען זיך אויף איהם גע־ווים ניט בעקלאגען, גראדע פערקעהרט, ער האט אונז גאסט־פריינדליך אויפגענומען אונד איבערהויפּט געגען מיר אין זיין בעהאנדלונג אימער גע־ווען גוט אונד עדעל. דאך, אלס א מענש מיט פערשטאנד, קען ער אונז ניט בעשולדיגען אלס אונדאנקבארע געגען איהם; קיין ווארט, קיין פערשפּרע־כען האבען מיר ניט געגעבען. דער צופאל האט אונז אהער געבראכט אונד

די נויטה האַלט אונז דאָ אַזוי ווי געפאַנגענע. אייביג צו בלייבען אין אַזאַ לאַגע קען דאָך קיינער פון אונז ניט פערלאַנגען אונד דאהער איז אויך קיין וואונדער אַז מיר בענוטצען די ערשטע בעסטע געלעגענהייט אום זיך צו בעפרייען.

צייט אונזער בעזוך אויף דעם אינזעל סאַנטאַרין האָב איך דעם קאַפּי־טאַן מעהר ניט געזעהן. זאָהל איהם דער צופאַל פאַר'ן ענטלויפען נאָך אַ מאָל מיט מיר צוזאַמען ברענגען ? איך וואָלט עס זאָגאַר וועלען אָבוואָהל צו גלייבער צייט שרעק איך זיך אָב פון אַזאַ בעגעגנים. איך האָרך זיך איין אויב ער געהט ניט אַרום אין זיין צימער, וועלכע גרענעצט זיך מיט מיינע, אָבער דאָרט איז יעצט אַלעס שטיל, וואהרשיינליך איז ער יעצט גאָר איר־גענד וואו אין איין אַנדער פּלאַטץ, פּיעלייכט זאָגאַר ניט אויפ'ן נאַוטילוס. צייט יענע נאַכט, ווען איך האָב געזעהען אַז פון נאַוטילוס איז אַוועק גע־פיהרט געוואָרען אַזאַ מאַססע גאָלד, בין איך געקומען צו דער איבערצייי־גונג אַז קאַפּיטאַן נעמאָ האָט נאָך יעצט אירגענד וועלכע בעציהונגען מיט געוויסע בעוואָהנער פון טרוקענעם לאַנד, אָבוואָהל ער אַליין לייקענט עס אָב. עס איז אויך זעהר מעגליך אַז ער פאָהרט אָפטמאָהל אירגענד וואו גאַנץ שטיל אַוועק, דען עס טרעפט אַז צייט איינינע וואָכען זעה איך איהם גאָר אין די אויגען ניט. וואוהין ער פאָהרט, וועלכע געהיימע בעשעפטי־גונגען ער טרייבט אונד אין וואָס פיר אַ געגענד פון דער וועלט, — דאָס אַלעס זיינען אַזעלכע פראַגען וואָס איך קען זיך ניט ערקלעהרען.

דיעזע אַלע געדאַנקען האָבען אויף מיר אַזוי געשטורמט אַז איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפונען. דער טאָג איז מיר פאַרגעקומען אַזוי ווי אונ־ענדליך. פיר מיין אונגעדולד ציעהען זיך די שטונדען זעהר לאַנגזאַם. מיין דינער איז ווי געוועהנליך געבראַכט געוואָרען צו מיר אין צימער, אָבער היינט שמעקט מיר דאָס עססען גאָר ניט. אום זיעבען אוהר בין איך אויפ־געשטאַנען פון טיש. עס בלייבען נור צוויי שטונדען איבריג צו דער בע־שטימטע צייט. מיין אונרוהע ווירד יעדע מינוט שטאַרקער אַז איך קען אויף איין אָרט ניט איין זיטצען, אונד געה איבער'ן צימער האַפּפענדיג דעם אויפ־רוהר פון מיין גייסט דאַמיט צו בערוהיגען. מיר קיממערט אַפּילו גאַנץ ווייניג אויב אונזער פּלאַן זאָהל ניט געלינגען, אָבער ביי דעם געדאַנקען אַז מען וועט אונז כאַפּען אונד פיהרען צוריק צום אויפגעבראַכטען קאַפּיטאַן נעמאָ, ביי דער בערעכנונג אַז עס וועט מיר ניט מעגליך זיין איהם גלייך אין די אויגען צו קוקען ווירד מיין הערץ זעהר אויפגערעגט.

איך האָב געוואָלט צום לעצטען מאָהל זעהען דעם זאַלאָן, אונד בין שטילער־הייט דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר אונד אריינגעקומען אין מוזע־אום, וואו איך האָב אַזוי פיעל אַנגענעהמע אונד ניטצליכע שטונדען פער־

בראכט. איך בעטראכט מיט בליקען פון בעדויערען דיעזע אלע אוצרות, די זעלטענע וואונדער דער נאטור, די מייסטער־ווערק פון קונסט, וועלכע איך וועל באלד אויף אימער פערלאזען.

דורכגעהענדיג דעם זאלאן קום איך צו א טהיר, וועלכע פיהרט אין איינע פון קאפיטאן׳ס צימערען. דארט איז יעצט גאנץ שטיל, ער איז אין צימער ניטא. איך מאך זיך איין ענטשלאסענעם מוטה אונד געה אריין. די ערשטע זאך אויף וואס מיינע בליקע פאלען זיינען די פראכטפאלע ביל־דער, וואס הענגען ארום איבער אלע וואנד; אבער דאס זיינען ברוסט־בילדער פון פערשיעדענע, וויכטיגע היסטארישע מענער, וועלכע האבען זייער גאנצעס לעבען געאפפערט צו קעמפפען פיר די מענשליכע פרייהייט. דער גרויסער פאלנישער רעוואלוציאנער קאסצוישקא, דער העלד פון די גריכישע פרייהייטס־קעמפפער באטצארים. דער ווענעציאנישער איד מאנין, וועלכער איז געשטארבען אין פערבאנונג דאפיר וואס ער האט פערטהיידיגט די פרייהייט פון זיין פאטער־שטאדט געגען די עסטרייכער; די בעגרינדער פון די גרויסע אמעריקאנישע רעפובליק וואשינגטאן אונד לינקאלן, דער מערטירער פיר די נעגער־בעפרייאונג דזאהן בראון אונד נאך פיעלע אנדערע.

וואס פיר א באנד פעראייניגט דיעזע עדלע העלדען־זעעלען מיט דעם קאפיטאן נעמא? אין וואס בעשטעהט דאס געהיימניס פון זיין אייגע־נעם לעבען? איז ער געוועזען א קאמפף־אנפיהרער אום אונטערדריקטע פעל־קער אונד שקלאפען פון זייערע גרויזאמע הערשער צו בעפרייען? האט ער געשפיעלט אירגענד וועלכע ראללע אין די פאליטישע אונד סאציאלע בע־וועגונגען פון אונזער יאהרהונדערט?

פלוצלונג שלאגט עס אכט אוהר. דער קלאנג רייסט מיך אויף פון מיינע טרוימערייען אונד איך שטירץ שנעל ארוים פון צימער. פארביי געהענדיג גיעב איך ווידער א קוק אויפ׳ן קאמפאס אונד זעה אז די ריכ־טונג פון אונזער שיף געהט נאך אימער צו נארדען־זייט, גראדע אזוי ווי קאפיטאן נעמא וואלט וועלען דארט לאנדען, אין איינעם פון די שפאנישע האפפענס. עס איז אלזא ווירקליך איין אויסגעצייכענטע געלעגענהייט צו ענטלויפען, וועלכע מיר טארען יעצט ניט פארביי לאזען אונבענוצט.

איך בעגיעב זיך צוריק אין מיין צימער אונד באלד וואר איך שנעל אנגעקליידעט צו דער רייזע. איך האָרך זיך צו: אויפ׳ן שיף איז איבעראל שטיל, עס הערט זיך נור דער גערויש פון די שרויבע, ווי זי שלאגט רעגעלמעסיג אין וואססער. יעצט גלויב איך פלוצלונג צו הערען איינינע שטי־מען. פיעלייכט איז עדוארד ענטדעקט געווארען ביי זיינע פארבערייטונ־גען צום ענטלויפען? עס בעפאלט מיך איין אונרוה צום שטארבען אונד עס איז מיר קוים מעגליך די בעוועגונג פון מיין געמיטה איין צו האלטען.

איינינע מינוטען פאר ניין אוהר הארך איך ביי'ן קאפיטאן'ס טהיר, אבער דא איז שטילל, איך בעשליס זיך ענדליך דורכצוגעהען דעם דונקעלען קארידאר אונד שטעל זיך ביי די מיטעלסטע טרעפ ווארטען אויף עדווארד'ס סיגנאל.

אין דעמזעלבען מאמענט זיינען די בעוועגונגען פון דער שרויבע שוואכער אונד שוואכער געווארען, ביז דער נאוטילוס האט שליסליך אין גאנצען זיך אבגעשטעלט. איך קען ניט פערשטעהן וואס דא איז די אורזאכע. וועט דיעזע פערענדערונג העלפען אונזער פלאן צו ענטלויפען, אדער פערהינדערן?

פלוצלונג שפיער איך א לייכטען שטוים אונד יעצט איז מיר קלאהר געווארען אז דער נאוטילוס זיצט אויפ'ן גרונד פון מעער. פון דעם קאנאדיער איז ניט צו זעהען אונד צו הערען. איך וויל שוין געהען איהם אויפזוכען אונד ערקלעהרען אז ביי דיעזע לאגע איז אונז ניט מעגליך פון נאוטילוס ארויס צו קומען. אבער איידער איך האב נאך בעוויזען איין טריט צו מאכען עפפענט זיך די טהיר פון גרויסען זאאל אונד קאפיטאן נעמא קומט ארויס.

„אה, העער פראפעסאר!" רופט ער אוים מיך בעמערקענדיג, מיט איין גאנץ פריינדליכען טאן „איך האב אייך געזוכט. קענט איהר די געשיכטע פון שפאניען?"

מען קען זיך פארשטעלען מיין איבערראשונג, מיין פערשטערונג ביי דיעזע פלוצלינגע ערשיינונג, אונד נאטירליך בין איך, טראטץ מיין קענטניס אין דער וועלט-געשיכטע, ניט אים שטאנד געווען באלד צו ענטפערען.

„נון?" פרעגט ווידער נעמא „פערשטעהט איהר דען ניט וואס איך רייד? איך פרעג אויב איהר געדענקט גוט די געשיכטע פון שפאניען."

„זעהר ווייניג, קאפיטאן" האב איך קוים געענטפערט.

„דאס זיינען פיינע געלעהרטע וואס וויסען פון קיין זאך ניט" האט דער קאפיטאן געשמייכעלט, ווערענד מיר זיינען ביידע אין זאלאן אריין געגאנגען „דאן זעצט זיך אונד איך וועל אייך ערצעהלען א מערקווירדיגען צופאל פון דער שפאנישער געשיכטע."

דער קאפיטאן האט זיך גאנץ בעקוועם אויסגעצויגען אויף א דיוואן אונד איך האב זיך געזעצט נעבען איהם אין דער האלב-דונקעלהייט.

„הערר פראפעסאר" האט ער זיך ווידער אבגערופען „הערט נור צו אויפמערקזאם. די געשיכטע איז זעהר אינטערעסאנט אונד זי וועט אייך געבען איין ערקלעהרונג אויף אזא פראגע וועלכער קיינער האט נאך ביז יעצט ניט געקענט ריכטיג בעאנטווארטען."

„איך בין נייגיעריג צו הערען, קאפיטאן" האב איך געענטפערט, ניט

וויסענדיג וואָס ער וויל דאָ זאָגען אונד אויב ער מיינט פיעלייכט אויס צו פיהרען א געשפּרעך וועגען אונזער פּלאַן צו ענטלויפען.

„די געשיכטע וועגען וועלכע איך וויל אייך ערצעהלען" האָט נעמא אָנגעפאַנגען „איז פאָרגעקומען מעהר ווי מיט הונדערט אונד זעכציג יאָהר צוריק, נעמליך אין יאָהר 1702. איהר מוזט דאָך וואהרשיינליך וויסען אַז אייער דאמאָלסדיגער פראַנצויזישער קעניג לודוויג דער פערצעהנטער האָט ביי א געוויסע געלעגענהייט אויסגעשפּראָכען די ווערטער : „יעצט גיעבט עס מעהר קיינע פּירינעען !" איהם האָט זיך געדוכט אַז די פּירינעאישע־גרויסע בערג, די נאַטירליכע גרענעץ, וואָס טהיילען אָב פראַנקרייך פון שפּאַניען, האָבען גאָר קיין ווערטה געגען דעם ווילען פון א געקרוינטען הערשער ; דארום האָט זיך איהם פערוועלטביידע לענדער אונטער זיין שוטץ צו פעראייניגען, אונד אַלס קעניג פון שפּאַניען האָט ער געזעצט זיין אייניקעל, דעם הערצאָג פאָן־אַנזשו, וועלכער איז דאַן בעשטיגען דעם שפּאַנישען טראָהן, אונטער דעם נאָמען קעניג פיליפּ דער פינפטער, אָבוואָהל די גרויסע אייראָפּעאישע מעכטע האָבען דאָס ניט געוואָלט צו לאָזען.

„אין דער טהאט האָבען זיי געגען דעם פראַנצויזישען קעניג'ס וואונש נאָך מיט א יאָהר פריהער פּראָטעסטירט, אונד שוין דאמאָלס האָבען זיך די קעניגליכע הייזער פון האָללאַנד, עסטרייך אונד ענגלאַנד פערזאמעלט אין דער האָללאַנדישער שטאָדט האאג אונד געשלאָסען א פערבינדונגס־טראַקטאַט, אַז אויף שפּאַנין'ס טראָהן זאָהל זיצען א געוויסער הערצאָג, וועלכען זיי האָבען צו פריה א נאָמען געגעבען קאַרל דער דריטער.

„שפּאַניען האָט אַלזאָ אונטער פיליפּ דעם פינפטען געמוזט קעמפּפען געגען דיעזע מעכטיגע פערבינדעטע, נאַטירליך מיט די הילף פון פראַנקרייך ; אָבער שפּאַניען אַליין האָט דאַן ניט געהאַט קיין סאָלדאַטען צו לאַנד אונד קיינע מאַטראָזען אויף איהרע קריגס־שיפען. נור איין זאַך, גאָלד האָט איהר ניט געפעהלט ; דאָס הייסט, עס זיינען ערוואַרטעט געוואָרען גאַנצע שיפען מיט דיעזען טהייערען מעטאַל, וועלכע האָבען דאַן געדאַרפט אָנקומען פון די שפּאַנישע אַמעריקא ; עס האָט נור געפעהלט אַז זיי זאָלען גליקליך אַריבער דעם ים אונד ניט אריין פאַלען אין די הענד פון די פיינדליכע קריעגס־שיפען. דאָס וואַר אַם ענדע פון יאָהר 1702, אַלס דריי אונד צוואַנציג שיפען, פול געלאָדען מיט גאָלד, זיינען געפאָהרען אַהער פון אַמעריקא, אונטער דעם שוטץ פון א פראַנצויזישע פלאָטע, איבער וועלכע עס האָט קאָמאַנדירט דער אַדמיראַל שאַטאָ־רענאָ. די קריעגס־שיפען פון די פערבינדעטע מעכטע האָבען אָבער אויך צו דערזעלבער צייט געהיט אונד דורכגעקרייצט איבעראַל דעם אַנטלאַנטישען מעער.

„עס איז אָנפאַנגס געוועזען בעשטימט, אַז די שיפען מיט דאָס געשיק־

טע גאָלד זאָללען אָנקומען אין האפפען פון די שפּאַנישע שטאָדט קאדיקס; אָבער ערפאהרענדיג אַז אין יענע געגענד שטעהט אַ מעכטיגע ענגלישע פלאָ־טע האָט דער אַדמיראַל שאַטאָ־רענאַ בעשלאָסען פאָרלויפיג אָבצופיהרען די אַמעריקאַנער שיפען אין אַ פראַנצויזישע האפען. די שפּאַנישע קאָמאַנ־דאַנטען פון די שיפען האָבען אָבער פּראָטעסטירט נעגען דיעזען בעשלוס אונד דער אַדמיראַל איז געווען שוואַך גענוג זייער וואונש נאָכצוגעבען; דארום איז ענדליך געבליעבען אַז מען זאָהל אריין פאָהרען אין האפפען פון וויגאַ, ביי דעם נאָרד־וועסטליכען ברעג פון שפּאַניען, וועלכער וואר דאַ־מאָלס ניט בלאָקירט פון פיינד.

„וויגאַ איז אָבער איין אָפּפענער האפען אונד דאָ איז זיך שווער צו פערטהיידיגען. עס איז דאהער נויטהיג געווען וואָס שנעלער די שיפען אויס־צולאָדען, איידער דער שונא וועט אָנקומען. עס וואָלט אויך מעגליך געווען דאָס צו בעווייזען, אָבער אַ נאררישע קאָנקורענץ־פראגע האָט אַלעס צו שאַנדע געמאַכט.

„אָבער איהר הערט דאָך אויפמערקזאַם מיין ערצעהלונג?" האָט אונ־טערדעסען קאַפּיטאַן נעמאָ מיך אַ פרעג געטהון.

„פאָלשטענדיג, קאַפּיטאַן!" האָב איך געענטפערט, נאָך אימער ניט וויסענדיג צו וואָס ער גיעבט מיר דאָ אַ היסטאָרישע לעקציאָן.

„אַלזאָ הערט וויטער וואָס עס איז געווען. די קויפמענער פון קאדיקס האָבען נעמליך געהאַט אַ פּריווילעגיום אַז אַלע וואארען וואָס קומען פון אַמעריקאַ מוזען אין דעם האפפען פון זייער שטאָדט אויס געלאָדען ווערען, אונד דארום האָט וויגאַ ניט רעכט געהאַט דאָס אַנגעקומענע גאָלד אויפצו־נעהמען. אויף די קלאָגע וואָס איז אריין געקומען פון קאדיקס, האָט דער שוואַכער קעניג פיליפּ דער פינפטער געגעבען אַ בעפעהל, אַז די אַמעריקאַני־שע שיפען זאָלען בלייבען שטהען ניט אויסגעלאָדען, ביז דער האפפען פון קאדיקס וועט ווערען פריי, וויל דער פיינד מוז פון דאָרט קירצליך אוועק געהן.

„צו דערזעלבער צייט אָבער, נעמליך דעם 22טען אָקטאָבער 1702, איז געגען וויגאַ פלוצלונג ערשיענען אַ שטארקע ענגלישע פלאָטע. אַדמיראַל שאַטאָ־רענאַ, אָבוואָהל שוואַכער אין שטרייט־קרעפטען, האָט געקעמפּפט ווי אַ העלד. שליסליך אָבער האָט ער געמוזט איינזעהען אַז די אוצרות וועלען אריין פאַלען אין די הענד פון שונא, אונד דארום זיינען אויף זיין בע־פעהל אַלע דריי אונד צוואַנציג שיפען אונטער געצונדען געוואָרען אונד פער־זונקען צוזאַמען מיט זייער גאָלד־לאָדונג אין די אונגעהויערע טיעפענים פון מעער."

ביי דיעזע ווערטער איז דער קאַפּיטאַן נעמאָ שטיל געבליעבען. איך

קען נאָך אימער ניט איינזעהען וואָס פיר איין אינטערעס זאָהל פיר מיך האָבען דיעזע געשיכטע.

„נון ?" האָב איך געפרעגט מיט א טאָן פון וואונדער.

„נון, הערר אראנאקס, מיר געפינען זיך יעצט אויף דעם מעער־גרונד פון דיעזען האפפען אונד האָבען פאָלקאָמען די מעגליכקייט זיינע געהיימניסע אויס צו פאָרשען. אויב איהר האָט לוסט קענט איהר דאָס אליין בעטראַכטען דורך די פענסטער."

מיט דיעזע ווערטער איז ער אויפגעשטאַנען אונד א דריק געגעבען א קנאָפּף אין וואנד. אין נעקסטען אויגענבליק האָבען די פענסטער פון זאַלאָן זיך אָבגערוקט אונד פאר מיינע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט א מערקווירדיגע סצענע. אויף אונגעפעהר א האַלבע מייל ווייט ארום ווארען די וואססערען העלל בעלויכטען מיט די עלעקטרישע שטראַהלען פון דעם נאַטילוס. א טהייל פון די מאַנשאַפט, אָנגעקליידעט אין סקאפאנדערס, זיינען געווען בעשעפטיגט צו עפפענען גרויסע פעסער, וועלכע זיינען דאָ געלעגען גאַנצע מאַססען, אונד אויסצושיטען פון זיי אין לעדיגע קאַסטענס אונד טונען שטיקער גאָלד, זילבער, מטבעות אונד עדעלשטיינער, וועלכע האָבען זיך געגאָסען ווי גלענצענדע שטראָמען פון די פעסער. דער גאַנצער זאַמד אויפ'ן גרונד איז איבעראל בעדעקט מיט דיעזע אוצרות. די מענער פון נאוטילוס טראָגען דיעזע שווערע, קאַסטבארע לאַדונג אין שיף אונד קומען וויעדער צוריק, אום זייער ארבייט פאָרטצוזעטצען.

אַלזאָ דאָס איז דיעזעלבע שטעלע וואו די שלאַכט האָט זיך דאַמאַלס אָבגעשפּיעלט אונד וואו די אַמעריקאנישע גאָלד־שיפען זיינען פערזונקען געוואָרען. פון דאַנען נעהמט קאַפּיטאַן נעמאָ זיינע מילליאָנען. פיר איהם אַליין האָט אַמעריקא איהרע רייכע אוצרות געשיקט אונד ער איז דער איינציגער יורש פון די אַמאָליגע גרויסע אינדיאַנישע רעגיערונג, די מעכטיגע אינקאַס, וועלכע דער שפּאַניער פערדינאַנד קאָרעטץ, מיט זיינע ווילדע באַנדעס, האָט אויס געמאָרדעט, אום זייערע אונענדליכע רייכטהימער אוועק צו רויבען.

„זעהט איהר הערר פּראָפעסאָר, וואָס פיר גרויסע אוצרות עס געפינען זיך אין ים ?" האָט נעמאָ צו מיר געזאָגט מיט א שמייכעל.

„יאָ, איך ווייס אזוי פיעל ווי מען האָט אויסגערעכענט, אז ביז יעצט זיינען פערלאָרען געגאַנגען אין מעער אונגעפעהר צוויי מילליאָן טונען גאָלד."

„גאַנץ ריכטיג. אָבער דאָרט, פון דער יבשה, האָבען זיי קיין מעגליכקייט ניט אַזוי טיעף אריין צו דרינגען, אונד דאַצו דאַרף מען ביי אזא אונטערנעהמונג ריזיקירען מיט זעהר פיעל קאָסטען, אז עס וואָלט זיי פיעלליכט גאָר קיין פערדיענסט ניט בלייבען. איך אָבער דאַרף נור צוזאַמען נעה־

מען וואָס די מענשען האָבען פערלאָרען, אונד ניט נור אין דיעזען האפּפען פון וויגא אליין, זאָנדערן נאָך אין פיעלע מאססען אנדערע שטעלען, וואו רייכע שיפען זיינען אונטערגעגאנגען. דיעזע אלע פּלעטצער זיינען ביי מיר אויפ'ן ים־קארטע פערצייכענט. יעצט בעגרייפט איהר שוין אז איך בעזיטץ א רייכטהום פון אונצעהנדליגע מיליאָרדען ?"

„דאָס איז שוין גאנץ ריכטיג קאַפּיטאַן" האָב איך געענטפערט „טראָצ־דעם מוז איך ווירקליך בעדויערען פיעלע טויזענדע אונגליקליכע, ארמע מענשען, פיר וועלכע דיעזע רייכטהימער וואָלטען דאָך געקענט זעהר פיעל נוטצען ברענגען, ווען זיי זאָלען איבער דער וועלט פערברייטעט ווערען; יעצט אָבער האָט קיינער דאָפון קיין הנאה ניט אונד זיי בלייבען אין אייער שיף אלס א טויטער קאַפּיטאל."

אויסשפּרעכענדיג דיעזע ווערטער האָט עס מיר באַלד פערדראָסען, רען דער קאַפּיטאַן נעמא מוז זיך דאָך געפינען בעליידיגט פון מיין איינ־ווענדונג.

„א טויטער קאַפּיטאל ?" האָט ער אויסגערופען, אזוי ווי איבעררראשט „גלויבט איהר דען, מיין הערר, אז דיעזע אוצרות זיינען פיר די וועלט פער־לאָרען ווען איך נעהם זיי צוזאַמען ? ניט פאר מיך אליין, ווי איהר מיינט, גיעב איך זיך די מיהע אזעלכע רייכטהימער אויף צו זאמלען. פון וואנען קענט איהר דען וויסען אז איך טהו דאמיט ניט פיעל גוטעס ? זיינען דען ווענינ דאָ אויף אייער ערד ליידענדע פעלקער, אונטערדריקטע נאציאָנען, וואָס קעמפּפען פון זייערע טיראנישע הערשער זיך צו בעפרייען ? איז דאָס ניט קיין וואָהלטהאַט דיעזע אונגליקליכע צו אונטערשטיטצען אונד פון זייערע בעדריקער ראכע צו נעהמען ? קענט איהר דען בעגרייפען ?..."

ביי דיעזע לעצטע ווערטער האָט דער קאַפּיטאַן פּלוצלונג אָבגעהאַקט זיינע רייד. פיעלייכט פערדריסט איהם שוין פאַרוואָס ער האָט צופיעל גע־זאָגט ? איך האָב אָבער שוין פריהער דאָס זעלבע געקלעהרט. איבער וועלכע אורזאכען דיעזער מערקווירדיגער מענש האָט פערלאָזען די ערד, אום אין די טיעפענים פון ים זיין פּאָלשטענדיגע פרייהייט צו געפינען, בלייבט זיך גלייך; אָבער א מענש איז ער געבליעבען. זיין הערץ איז נאָך פולל מיט ליעבע צו די מענשהייט אונד זיין מיטלייד איז זעהר גרויס צו יעדען איינעם וואָס איז געפּלאָגט, פערפאָלגט אונד אונטערדריקט.

יעצט בעגרייף איך שוין אויף וואָס עס זיינען בענוטצט געוואָרען יענע מיליאָנען, וועלכע דער קאַפּיטאַן נעמא האָט ארויס געשיקט, אלס דער נאוטילוס איז געשטאנען ניט ווייט פון דער אינזעל קרעטא, וואו די איינ־וואָהנער קעמפּפען פיר זייער פרייהייט, געגען די מאכט פון די טירקישע רעגיערונג.

9־טעם קאפּיטעל.

אַ פּערזונקענער וועלט־טהייל.

אויף מאָרגען פריה, דעם 19טען פעברואר, איז דער קאַנאַדיער אַריינ־געקומען אין מיין צימער. ווי איך האָב ערוואַרטעט איז זיין מיענע געוועזען זעהר אומעטיג.

„אַלזאָ, עדוארד, האָב איך זיך אָבגערופען „ דער צופאַל איז אונז נעכ־טען ניט געלונגען.”

„יא, דער טייוועל האָט געבראַכט דעם פערדאַמטען קאַפּיטאַן גראָדע אין די מינוט ווען מיר זיינען שוין פערטיג געוועזען פון זיין שיף צו ענטלויפען.”

„געוויס, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט געשעפטען ביי זיין באַנקיער.”

„ביי וועלכען באַנקיער?” איז עדוארד ערשטוינט געוואָרען.

„דאָס הייסט, ריכטיגער געזאָגט אין זיין באַנק־הויז. איך מיין אי־נע פון די שטעלען אין אָקעאַן וואו זיינע אוצרות ליעגען נאָך זיכערער ווי אין אייזערנע שראַנקען.”

דאַרויף האָב איך דעם קאַנאַדיער ערצעהלט אַלעס וואָס נעכטען אָבענד איז פאָרגעקומען, האָפּפענדיג אַז דיעזע ערקלעהרונגען וועלען אויף איהם ווירקען ער זאָהל בעקומען לוסט אויף דיעזער שיף לענגער צו פערבלייבען; אָבער מיינע ווערטער האָבען אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאַכט; גראָ־דע פערקעהרט, דער קאַנאַדיער שימפּפט אונד פלוכט אויף דיעזער געלד, צוליעב וועלכער דער נאוטילוס האָט זיך אָראָפּ געלאָזען אונטער'ן וואַססער גראָדע אין דעם מאָמענט וואָס אונזער פּלאַן איז דאַדורך געשטערט געוואָרען.

„אָבער עס איז נאָך דאַמיט ניט געענדיגט” טרויסט ער זיך אַליין „איין אַנדער מאָהל וועט עס בעססער גליקען, אונד פיעלייכט נאָך אין דיעזען אָבענד, אויב נור מעגליך —”

„אָבער נאָך וועלכער ריכטונג פאָהרט דער נאוטילוס?” האָב איך אַ פרעג געטהון.

„איך ווייס ניט.”

„נון, דאַן וועל איך אַכטונג געבען מיטאָג צייט, ביי דער אויפנאַהמע פון דעם זונען־שטאַנדפּונקט.”

דער קאַנאַדיער איז אַרויס געגאַנגען אונד איך האָב זיך אָנגעקליידעט. אַלס איך בין קורץ נאָכדעם אַריין געקומען אין זאַלאָן בעטראַכט איך דעם קאָמפּאַס אונד זעה אַז אונזער שיף פאָהרט גראָדע אין איין אַנדער ריכטונג, נאָך זיד־וועסט. מיר האָבען שוין אַלזאָ די אייראָפּייאישע ברעגעס פערלאָזען.

עטוואָס אונגעדולדיג וואַרט איך ביז צו דער אויפנאַהמע. אום האַלב צוועלף אוהר איז דער נאַוטילוס ענדליך אַרויף געשטויגען אויף די אויבער־פלאַכע פון וואַססער. איך בין אַרויף אויף די פּלאַטפאָרם, וואו עדוואַרד האָט מיך שוין ערוואַרטעט.

ווייט רונד אַרום איז מעהר קיין סימן פון לאַנד צו זעהען, נור וואו ניט וואו בעווייזט זיך אַ זעגעל פון אַ שיף. דער הימעל איז בעדעקט מיט גרויע וואָלקענס ; דער ווינד בלאָזט שטאַרק, וואַהרשיינליך ווערט באַלד קור־מען אַ שטורם. עדוואַרד קוקט מיט בליקען פון צאָרן נאָך די געגענד וואו עס קומט צוזאַמען הימעל אונד וואַססער, האָפפענדיג דורך יענעם נעבעל אַ צייכען פון לאַנד צו בעמערקען.

אום צוועלף אוהר האָט זיך די זונן אויף איין אויגענבליק בעוויזען. דער לייטענאַנט בענוטצט דיעזען העללען צייט־פּונקט אום די אויפנאַה־מע צו מאַכען. דאַן, אַלס דאָס מעער איז אימער אונרוהיגער געוואָרען, האָ־בען די פּלאַטטען פון פערדעק זיך געשלאָסען אונד דער נאַוטילוס איז אַרונטער אין די שטילע טיעפענים.

אַ שטונדע שפּעטער האָב איך געפונען אויפ'ן קאַרטע פערצייכענט די אויפנאַהמע, אויף וועלכען פּונקט דער וועלט מיר געפינען זיך, אונד באַלד זעה איך אַז מיר זיינען שוין הונדערט אונד פונפציג מייל פון נעכסטען ברעג ; עס איז אַלזאָ וועגען ענטלויפען פאַרלויפיג ניט דאַ וואָס צו דענ־קען. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען ווי גרויס דעם קאַנאַדיער'ס וואוטה איז געוועזען אַלס איך האָב איהם דאָס ערקלעהרט.

מיר האָט דיעזער צופאַל ווייניג וואָס פערדרוס געמאַכט. איך שפּיער אַזוי ווי אַ לאַסט וואָלט פון מיר אַראָפּ גענומען געוואָרען אַז איך דאַרף וועגען קיין איבריגע זאַכען ניט טראַכטען אונד קען זיך רוהיג ווידער נעה־מען צו מיין טעגליכע בעשעפטיגונג.

דעמזעלבען אָבענד, אום עלף אוהר, איז קאַפּיטאַן נעמא גאַנץ אונ־ערוואַרטעט צו מיר אַריין געקומען, פרעגענדיג זעהר העפליך אויב איך בין שטאַרק ערמיעדעט. איך האָב איהם געענטפערט ניין.

„דאַן, העדר אַראָנאַקס, וויל איך אייך מאַכען אַ מערקווירדיגען פאָר־שלאַג.״

„אין וואָס בעשטעהט ער, קאַפּיטאַן ?״

„מיר האָבען שוין איינינע מאָהל שפּאַציערט צו פוס אויפ'ן גרונד פון מעער, אָבער דאָס וואַר איפּער ביי טאָג אונד אין זונען־שיין. ווילט איהר אַזאַ שפּאַציער־גאַנג מאַכען יעצט, אין די דונקעלע נאַכט ?״

„זעהר גערן, קאַפּיטאַן.״

„אָבער איך מוז פאָראויס זאָגען אַז דאָס ווערט אייך זעהר פיעל ער־

מיעדען, עס איז א וויטער גאנג, דאצו נאָך בארג אַרויף. די וועגען ביז דאהין זיינען נאַטירליך אויך ניט קיין געפלאַסטערטע שאָססעען."

„אייערע ווערטער, קאַפּיטאַן, מאַכען מיר נאָך מעהר נייגיעריג. איך בין בעריט איינער צו בעגלייטען."

„אויב אַזוי קומט, העדר פּראָפעסאָר, אונזערע סקאַפאַנדער־קליידונג אָן צו ציהען."

אלס מיר זיינען אריין געגאנגען אין גארדעראָבע־צימער זעה איך אז דיעזעס מאָהל געהט קיינער ניט מיט אונז, ניט מיינע קאַמעראַדען אונד אויך קיין איינציגער פון די מאַנשאַפט. אין איינינע אויגענבליקען זיינען מיר געוועזן אָנגעצויגען. מען האָט אונז צו געבונדען צום רוקען גרויסע ראַנצען פול מיט לופט, אָבער קיין עלעקטרישע לאַנטערנען דער־לאַנגט מען ניט. אויף מיין פראגע וועגען דעם האָט דער קאַפּיטאַן בלויז געענטפערט:

„מיר וועלען זיי דיעזעס מאָהל ניט דאַרפען."

וויטער פרעגען אונד רעדען וועגען דעם איז שוין קיין צייט ניט גע־ווען, דען אויסשפּרעכענדיג דיעזע ווערטער האָט דעם קאַפּיטאַן'ס קאָפּף שוין געשטעקט אין דעם קופּערנעם שייד. איך האָב אויך אָנגעטהון דיע־זען פאַנצער; מען דערלאַנגט מיר אין האנד א שטאַרקען שטעקען, בע־שלאָגען מיט מעטאַל, אונד באַלד זיינען מיר געשטאַנען אויפ'ן גרונד פון אַטלאַנטישען מעער, אין א טיעפעניס פון איבער דריי הונדערט עללען.

צו דיעזע צייט פון האַלבע נאַכט איז דאָ אונטער'ן וואַססער זעהר דונקעל, אָבער דער קאַפּיטאַן נעמט צייגט מיר פון וויטען א רויטליכען פּונקט, א שיין וואָס גלענצט זעהר העלל אונד ווי עס ווייזט אויס געפינט ער זיך ביי א צוויי מייל וויט פון נאַוטילוס. יעדענפאַלס איז דאָס א האַל־בע בעלייכטונג, אָבוואָהל איין אונבעשטימטע. מיינע אויגען געוואָהנען זיך באַלד צו דער דונקעלהייט, זאָ דאָס איך קען ווירקליך זעהר גוט אויסקומען אָהן א לאַנטערנע.

מיר געהן ביידע איינער ביי דעם אַנדערען גראַדע נאָך יענעם רויט־העען פייער. דער גלייכער באָדען שטייגט ביסלאַכוויז העכער. מיט די היל־פע פון די שטעקענס אין האנד קענען מיר שטעלען גרויסע טריט, דענ־נאָך קומען מיר וויטער גאַנץ לאַנגזאַם, דען אונזערע פיס בלייבען זעהר אָפט שטעקען אין די לעהמיגע ערד, וועלכע איז אַזוי ווי דורכגעקנעטען מיט פערשיעדענע גראָזען אונד קליינע שטיינדלאַך.

געהענדיג וויטער הער איך איבער מיין קאָפּף אַזוי ווי א גערויש פון גיעסענדיגע טראָפּענס וואַססער, וועלכע ווירד אימער שטאַרקער. באַלד איז מיר אויך די אורזאַכע דאַפון קלאָהר געוואָרען. דאָס הערט זיך דער

גערויש פון א שלאגס־רעגען, וואס גיעסט יעצט אויף דעם שפיגעל פון מעער. מיר איז דאביי ניט ווילענדיג פארגעקומען אזוי ווי עס וואלט רע־גנען אויף מיר אונד איך ווער דורכגענעצט. איך האב געמוזט לאכען איבער אזא מין געפיהל, וועלכען מען שפירט אפט נאך דער געוואהנהייט, אהן א ווירקליכע אורזאכע; דען אונטער דעם סקאפאנדער־קליידונג קען קיין נאסקייט ניט אריין קומען; מען פיהלט נור ווי מען וואלט ארום געהן אין א לופט וואס איז עטוואס גדיכטער ווי די אטמאספערע פון דער ערד, אונד דאס איז אלעס.

נאכדעם ווי מיר זיינען געגאנגען א האלבע שטונדע איז דער באדען געווארען שטייניג. מיליארדען קליינע ברואים'לאך, וועלכע עס איז קוים מעגליך צו בעמערקען אונטער א שטארקע פערגרעסרונגס־גלאז, בעלייכטען דאס מעער מיט דעם פאספאר פון זייערע קערפער. איך בעטראכט הויפענס שטיינער, וואס זיינען בעדעקט מיט פפלאנצען־טהיערען אונד ים־בלומען. די פיס גליטצען זיך אפט אויס אויף די קלעפעדיגע גראזען אונד ניט האבענדיג דעם שפיטציגען שטעקען אין האנד וואלט איך גאנץ אפט געפאלען. ווען איך ווענד זיך אום צוריק זעה איך די ווייסליכע בע־לייכטונג פון נאוטילוס, וועלכע פאנגט אן אין דער ווייטענים צו ווערען בלייכער אונד צו פערשווינדען.

דיעזע הויפענס שטיינער זיינען אבער אויפ'ן גרונד פון ים געוועזן צו־זאמען געשטעלט אין רעגעלמעסיגע רייהען. גראדע אזוי ווי פון מענש־ליכע הענד, זא דאס איך האב ניט געוואוסט ווי זיך דיעזען וואונדער צו ערקלעהרען. איך בעטראכט אז צווישען זיי ציהען זיך זאגאר דורכגענגע, וואס ווערען פערלארען אין די ווייטע דונקעלהייט. נאך אנדערע מערקוויר־דיגע זאכען קומען מיר פאר, וואס איך קען ניט פערשטעהן. איך שפיער אז מיינע בלייענע זאהלען טרעטען אויף ביינער, וועלכע צערברעכען זיך מיט א טרוקענעם קראך, איך וואלט זעהר געוואלט דאריבער פרעגען דעם קאפיטאן, אבער איך פערשטה ניט זיין ציינען־שפראך, וואס ער בענוצט געוועהנליך זייענדיג אויפ'ן גרונד פון מעער מיט זיינע לייטע.

אונטערדעסען פערגרעסערט זיך אימער דער רויטליכער שיין צו וועל־כען מיר קומען, אונד די גאנצע דארטיגע געגענד איז בעלויכטען ווי מיט אונגעהויערע פלאמען. איך קען ניט בעגרייפען ווי אזוי אונטער די וואס־סערען זאהל עקסיסטירען אזא מערקווירדיגע ליכט. איז דאס איין עלעק־טרישער שטראם, אדער איין אנדער נאטור ערשיינונג וואס איז נאך פאר די וויסענשאפט ניט בעקאנט? א זאנדערבארער געדאנקען איז מיר אין דיעזען מאמענט דורכגעפלויגען אין קאפף, — פיעלייכט איז דיעזער פייער גאר געמאכט פון מענשליכע הענד? עס קען דאך מעגליך זיין אז דער

קאפיטאן נעמא האט אירגענד וואו אין ים גענאסען, אזעלכע מענשען וואס פיהרען אזא זארט לעבען ווי ער, אונד יעצט פיהרט ער מיר צו זיי אויף א בעזוך. פיעלייכט געפינט זיך דארט א גאנצע קאלאניע פון אזעלכע פער־זאנען וואס זיי איז אויך איבערדריסיג געווארען דאס לעבען אויף דער ערד, איבער די מענשליכע אונרעכטען אונד פערפאלגונגען, אונד זיי האבען זיך אויפגעזוכט פרייהייט אונטער דעם שוטץ פון די אונענדליכע מעער־ וואס־סער. אזעלכע אונד עהנליכע וואהנזיניגע געדאנקען האבען בעאונרוהיגט מיין גייסט, אונד די וואונדערבארע זאכען וואס איך בעטראכט יעצט מיט מיינע אויגען האבען מיך אזוי איבערשפאנט אז איך וואלט שוין גאר ניט איבערראשט געווארען צו געפינען דא אויפ'ן גרונד גאנצע שטעדט, פון וועלכע קאפיטאן נעמא האט אימער פאנטאזירט.

אונזער וועג איז געווארען אימער העלער. יעצט זעה איך אז דאס ליכט שטראהלט פון א שפיטץ בארג, וואס איז אונגעפעהר אכט הונדערט פוס הויך. אבער די גאנצע בעלייכטונג אויף אונזער וועג איז נור א וויע־דערשיין וואס שפיעגעלט זיך אב אין די וואססערען, פון א גלוטה־פייער וואס געפינט זיך אויף דעם אנדערען זייט בארג.

צווישען די פערפלאנטערטע וועגען, דורך מאססען שטיינערנע הוי־פענס, געהט דער קאפיטאן נעמא מיט דרייסיג טריט נאך א בעשטימטע ריכטונג. עס איז דייטליך צו זעהן אז ער איז גוט בעקאנט אין דיעזע ערטער, וועלכע ער האט וואהרשיינליך שוין אייניגע מאהל בעזוכט אונד וועט געוויס יעצט אויך ניט פערבלאנדזען. איך געה איהם נאך מיט א פאלשטענדיגען צוטרויען. בעטראכטענדיג זיין הויכע געשטאלט אונד אלע זיינע בעוועגונגען קומט ער מיר ווירקליך פאר ווי דער הערשער פון מעער.

אום איינס אוהר נאך האלבע נאכט זיינען מיר געקומען צו די ערשטע שטופפע פון בארג ; אבער דא איז דער וועג נאך שווערער, ווייל ער ציהט זיך דורך איין אונגעהויער גרויסען וואלד. יא, דאס איז א פאלל־קאמענער וואלד פון אבגעשטארבענע בוימער, אהן בלעטער, אהן זאפט ; בוימער וואס זיינען דורך די איינווירקונג פון וואססער פאסט אין גאנ־צען פערשטיינערט געווארען. מען קען זאגען אז דאס איז איין אונענדלי־כער אוצר פון שטיין־קאהלען, וועלכער איז ניט טיעף פערזונקען אין די ערד, זאנדערען שטעהט פריי אין די וואססערען פון מעער. די וועגען דורך דיעזען וואלד זיינען בעדעקט מיט מעער־גראזען, אונטער וועלכע עס שוויב־עלט אונד גריבעלט א גאנצע וועלט פון פערשיעדענע שרצים. איך קלעט־טער אימער העכער אויף די פעלזען, שפרינג איבער געפאלענע בוים־שטאמען, צורייסענדיג די פערפלאנטערטע צווייגען וואס ציהען זיך פון איין בוים צום אנדערען אונד פערשטעלען מיר דעם וועג. איך שפיער קיין

מיעדקייט, נאָכגעהענדיג מיין פיהרער, וועלכער ווייס גאָר ניט וואָס דאָס הייסט מיעד צו ווערען.

רעכטס אונד לינקס ציהען זיך פינסטערע דורכגענגע, אין וועלכע דאָס ליכט פון אויבען קען ניט אריין דרינגען, וואָס ווייטער ווירד אָבער דער וועג פיעל געפעהרליכער ; עס קומט אונז אויס צו געהען איבער שמאָלע, גליטציגע שטעגלאַך, וועלכע הענגען איבער אונגעהויער טיעפע אָבגרונדען, זאָ דאָס איין ניט ריכטיגער טריט איז גענוג אום אראָפּ צו שטירצען ; אָבער מיט די שטיטצע פון מיין טיכטיגען שטעקען געה איך פעסט ווייטער אונד עס שווינדעלט מיר זאָגאָר ניט ווען עס קומט מיר אויס אריבער צו שפּרינגען איבער אַ טיעפען שפּאַלט, איבער אַ קלאָטץ פון אַ געפאַלענעם בוים, וואָס ליעגט אזוי ווי אַ מין בריק, אויף אַ פינסטערען אָבגרונד, אָדער פאַרביי אַ פעלזען וואָס הענגט אויף אַ האָאר איבער'ן קאָפּף, זאָ דאָס עס דוכט זיך אַז ער וועט יעדע מינוט ארונטער פאַלען.

איך מוז צוגעבען אַז דיעזע ערצעהלונג וועט פיעלייכט אויסקומען אזוי ווי אונוואַהרשיינליך ; אָבער אין דער טהאַט איז עס קיין טרוים, קיין פאַנטאַזיע, זאָנדערען אַ פאָלקאָמע ווירקליכקייט.

צוויי שטונדען נאָכדעם ווי מיר זיינען ארויס פון נאַוטילוס אונד ענדליך דורכגעגאַנגען דיעזען וואַלד האָבען מיר עררייכט אַ גאַנץ הויכען פּונקט פון דיעזען אונטערוואַסערדיגען באַרג, וואו אונגעפעהר הונדערט פוס איבער אונזערע שטאַרצט ארויס אַ גלענצענד־שטראַהלענדע גלוטה אויף די אַנדערע זייט פון שפּיטץ. ערטערווייז ציעהען זיך נאָך קלענערע פערשטיינערטע וועלדלאַך, איבער וועלכע עס פליהען מאַססענווייז די פישען אזוי ווי די פויגלען אין דער לופט. צווישען די פעלזען בעווייזען זיך טיעפע היילען, דונקעלע, גרונדלאָזע לעכער, אין וועלכע עס ריהרט אונד בעוועגט זיך אזוי פירכטערליך, אַז דאָס בלוט ווערט פערגליווערט אין מיינע אָדערען דערזעהענדיג ווי עס קריכען ארויס אונגעהויער־שרעקליכע שנויצען, מיט לאַנגע, בעוועגליכע הערנער, לעבענדיגע צוואַנגען פון די ריזענהאַפטע ים־אינזעקטען. פון אַלע זייטען בעווייזען זיך אין דער דונקעלהייט טויזענדע בליטצענדע פּונקטען. דאָס זיינען די אויגען פון די געפעהרליכע שאַללטהיערען. קאָלאָסאַלע ים־קרעבסען, אזוי גראָב ווי קאַנאָנען, שווידערהאַפטע פּאַליפּען, וואָס שטרעקען אויס זייערע וועיכע, צאַפּעלדיגע הערנער וועלכע ווייזען אויס ווי אַ גאַנצער וועלדעל פון לעבענדיגע שלאַנגען.

דיעזע אונגעהויערס זיינען פיר מיר איין גאַנץ אונבעקאַנטע וועלט. איך פרעג זיך נור צייט ווי פיעל יאַהר־הונדערטע לעבען שוין דיעזע ברואים אין די אונבעוואוסטע טיעפּניסען פון אָקעאַן ?

אָבער איך קען זיך דאָ לאַנג ניט אויפהאַלטען. קאַפּיטאַן נעמאָ קוקט

דארויף גאָר ניט. מיר זיינען ארויף געקומען אויף א הויכע, פלאַכע גע־גענד, וואו איך בין פון גאַנץ אַנדערע זאַכען איבערראַשט געוואָרען. איך זעה דאָ גאַנצע מאססען רואינירטע געביידען וואָס זיינען בעשאַפפען גע־ווארען פון מענשליכע הענד; הויפענס פון חורבות אין וועלכען מען דער־קענט דייטליך די פאָרמעס פון שלעסער אונד טעמפלען, דאָס אַלעס איז בעדעקט מיט בליהענדע פפלאַנצען־טהיערען אונד א דיקע הילע פון ים־גראָזען.

פון וואַנען האָט זיך דאָס אַלעס גענומען דאָ אויפ׳ן גרונד פון ים? איז דאָס א גאַנצע פערזונקענע וועלט? וואוהין האָט דער קאַפּיטאַן גע־מא מיך פערשלעפּט?

גערן וואָלט איך וועלען פון איהם איין ערקלעהרונג האָבען. איך בלייב שטהען אונד נעהם אָן זיין ארם, אָבער ער שאָקעלט בלויז מיט׳ן קאָפּף, צייגענדיג אויף די העכסטע שפּיטץ פון בארג, אַזוי ווי ער וואָלט דאמיט זאָגען:

„קום, נור ווייטער!"

איך נעהם צוזאַמען מיינע לעצטע קרעפטען אום איהם נאָך צו פאָל־גען, אונד אין א קורצע צייט שטייגען מיר ארויף אויף א פּונקט וואָס איז ביי א צוועלף עלען העכער איבער דיעזע לאַנדשאַפט.

איך גיעב א קוק אויף די זייט פון וואַנען מיר זיינען געקומען. דאָ איז דער בארג פון זיעבען ביז אַכט הונדערט פוס העכער איבער דעם פלאַ־כען גרונד; אָבער פון דער צווייטער זייט שטייגט ער פאַסט צוויי מאָהל אַזוי הויך. פון דאַנען קען איך ווייט ארום בעטראַכטען אונטען די אונ־געהויער גרויסע לאַנדשאַפט וואָס איז העל בעלויכטען מיט א שטאַרקען שיין פון בליטצען. אין דער טהאַט איז דיעזער בארג א וואולקאַן, וואָס שפּריצט פון זיך פייער. די עפפענונג פון דיעזען וואולקאַן (קראַטער) שליי־דערט מיט גאַנצע אונד געשמאָלצענע שטיינער אונד מעטאַל־מאַססען, וועל־כע ציעהען זיך ווי פייערדיגע שטראָמען דורך די וואַססערען. אויף דיעזען אופן בעלייכטעט דער וואולקאַן דעם גאַנצען טהאַל אונטען אַזוי ווייט ווי מען קען מיט איין אויג דערוואַרפען.

פון דיעזען קראַטער שטראָמען אַלזאָ ארוים צושמאָלצענע שטיינער, אָבער קליינע פלאַמען, וועלכע מוזען האָבען דעם זויער־שטאָף פון דער לופט, אום זיי זאָלען ברענען; אָבער דיעזע פייערדיגע שטראָמען, וועלכע טראָ־גען דעם בראַנד אין זיך זעלבסט, קענען וויים־גליהענד ווערען אין מיטען וואַססער. אַלע דיעזע גאַזען ציעהען זיך איבער די זייטען פון בארג אראָפּ, ווי פון אירגענד וועלכען אַנדערען וואולקאַנישען קראַטער.

אונטער דיעזען בעלייכטונג זעה איך ווייט אונד ברייט אין דעם אָב־

גרונד א פערזונקענע שטאָדט, מיט איינגעפאַלענע דעכער, צובראָכענע טעמפּ־לען, צוריסענע געוועלבען, געשטירצטע זיילען, אויף וועלכען מען דער־קענט נאָך די פערציערונגען פון די טאָסקאַנישע ארכיטעקטור. עטוואָס וויי־טער זעהען זיך די חורבות פון ריזענהאפטע וואססער־לייטונגען; דאָרט זעהען זיך פערגראָבען אין לעהם רואינען פון בורגען אונד פעסטונגען די שפּורען פון א גאַנצען בולוואר, וואו עס איז אמאָליגע צייטען געווים געווען א האפּפען פיר קויפמענישע שיפען אונד קריעגס־פלאָטען. נאָך ווייטער זעהען זיך לאַנגע רייהען פון צופאַלענע מויערען, גרויסע, פערוויסטעטע שטראַסען, מיט איין וואָרט, א גאַנצע פערזונקענע וועלט, וועלכע שטעלט זיך יעצט פאר געגען מיינע אויגען.

פון גרויס אויפרעגונג בין איך פערטיג אראָפּ צו רייסען דעם קופּער־נעם שייד פון מיין קאָפּף, אום צו רעדען, צו פרעגען וואו איך בין דאָ יעצט.

קאַפּיטאן נעמא בעמערקט מיין בעוועגונג אונד געהט צו מיר צו. דאַן הויבט ער אויף א מין קרייט־שטיינדיל אונד שרייבט אויף אויפ׳ן שוואר־צען פעלזען נור איין איינציגען וואָרט: אטלאַנטיס.

ווי א בליטץ איז מיר דיעזער געדאַנקען דורכגעפלויגען. ווי מען זאָגט איז אטלאַנטיס א מאָהל געווען א גרויסע שטיק וועלט, פון צוזאמען גע־זעצטע אינזלען, זיי זיינען פערזונקען געוואָרען אונטער׳ן ים נאָך אין יע־נע אוראַלטע צייטען פון וועלכע אונזער היסטאָריע וויים ניט. דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָן, וועלכער האָט געלעבט מיט 2325 יאָהר צו־ריק, בעשרייבט אין זיין ווערק „טימעטוס אונד קריטיאס" אז דיעזער צו־פאַל זאָהל האָבען ווירקליך פּאַסירט, אזוי ווי ער האָט עס געזעהען אין די יאָהרביכער פון די אַלטע עגיפּטישע פּריעסטער. דעננאָך האָבען פיעלע געלעהרטע פון אַלטערטהום אונד אונזערע צייטען, אָנפאַנגענדיג פון אָרי־גענעס ביז דעם גרויסען הומבאָלדט, אָבגעלייקענט אז די גאַנצע זאַך איז נור א פאַבעל וואָס יענע עגיפּטישע פּריעסטער האָבען אויסגעטראַכט, אונד אז אזא וועלט־טהייל האָט גאָר קיין מאָהל ניט עקסיסטירט; יעצט אָבער ליעגט דיעזע אונטערגעגאַנגענע וועלט פאר מיינע אויגען; די פערזונקע־נע אינזלען, וואָס זיינען געלעגען צווישען אייראָפּא, אזיען אונד ליביען. די איינוואָהנער פון דיעזע אינזלען, דאָס מעכטיגע אטלאַנטען־פאָלק, האָ־בען געפיהרט זייערע ערשטע קריעג מיט די אור־אַלטע גריעכען.

אין פּלאַטאָן׳ס ווערק געפינען זיך בעשרייבונגען פון די אַלטע לעגענ־דעס און די טהאטען פון יענע גרויסע העלדען. ער ערצעהלט אז דער גרעס־טער גריכישער פילאָזאָף סאָלאָן, וועלכער האָט געלעבט מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר פריהער פון איהם, איז א מאָהל געקומען אין די עגיפּטישע שטאָדט סאיס, וואָס האָט שוין דאַן עקסיסטירט צייט אכט הונדערט יאָהר.

דאָרט האָט ער זיך אונטער־געהאַלטען מיט אַ גרייז־גרויען מאַן פון זייערע גרויסע געלעהרטע, אונד דיעזער האָט איהם ערצעהלט די געשיכטע פון איין אַנדער שטאָדט, וועלכע איז נאָך מיט אַ טויזענד יאָהר עלטער; דיעזע שטאָדט נעמליך איז אַ מאָהל בעפאַלען געוואָרען פון די מעכטיגע אַטלאַנטישע קריעגער, וועלכע האָבען אַ גרויסען טהייל פון איהר צושטערט. ווייטער האָט דיעזער אַלטער מאַן ערקלעהרט פאַר סאָלאָנען, אַז דאָס אַטלאַנטען־פאָלק האָט בעהערשט אַ שטיק לאַנד וואָס איז געוועזען גרעסער ווי גאַנץ אַזיען מיט אַפריקאַ צוזאַמען, דאָס הייסט, מעהר ווי אַ העלפט פון אונזער יעצטיגער טרוקענער ערד. זיי האָבען זאָגאַר צו אַ געוויסע צייט געהערשט איבער עגיפּטען, אונד דאַן געוואָלט אויך גריכען־לאַנד אונטער־טהעניג מאַכען, אָבער פערשפּיעלענדיג איינינע קריעגען זיינען זיי געצוואונגען געוועזען זיך צוריק צו ציהען. פון דאַמאָלס אָן זיינען יאהרהונדערטע פערפלאָסען. עס איז שליסליך געקומען אַ שרעקליכער געוויסער, אַ מבול מיט איין ערד־ציטערנים, אונד די אַטלאַנטים מיט איהרע אַלע פעלקער זיינען צייט איין טאָג מיט אַ נאַכט פערזונקען געוואָרען אין ים. פון דעם גאַנצען וועלט־טהייל זיינען נור געבליעבען די העכסטע פּונקטען, וועלכע זיינען ביי אונז בעוואוסט אַלס די קאַנאַרישע, אַזאָרישע אונד אַנדערע קליינע אינזלען.

דאָס זיינען די אַלטע פאָר־היסטאָרישע בעגעבענהייטען, וועלכע דאָס וואָרט אַטלאַנטים האָט אין מיינע עראינערונגען אויפגעוועקט. אַלזאָ האָט מיך דער מערקווירדיגער צופאַל געבראַכט אויף איינעם פון די געבירגען פון יענע לעגענס־פערשוואונדענע וועלט. אַך, ווי בעדויער איך וואָס עס פעלט מיר צייט אונד מעגליכקייט דורך צו רייזען דיעזע אַלע אונטערוואַססערדיגע געגענדען; צו בעזוכען זייערע גרויסע שטעדט אונד בעטראַכטען דיעזע אונטערוואַסערדיגע וועלט־טהייל, וועלכע האָט אַ מאָהל געוויס פעראייניגט אַפריקאַ מיט אַמעריקאַ!

וועהרענד איך האָב געטרוימט מיט אַזעלכע געדאַנקען, אונד גערקוקט אויף די גרויסאַרטיגע לאַנדשאַפט וואָס ליעגט פאַר מיר, איז קאַפּיטאַן נעמאָ אויך געשטאַנען אָנגעלעהנט אויף אַ זייל, אַזוי ווי פערטיעפט אין זיינע בעטראַכטונגען.

אַ גאַנצע שטונדע זיינען מיר געבליעבען אויף דיעזער שטעלע, ניט ווייט פון דעם ברענענדיגען שטיינער־שטראָם וואָס פליעסט פון וואולקאַן. עס הערט זיך אַ מערקווירדיגער גערויש, וועלכער דרינגט דורך די טיעפע וואַססערען אין דיעזען אויגענבליק האָט דער מאָנד זיך בעוויעזען פון אונטער די וואָלקענס, וואַרפענדיג זיינע בלייכע שטראַהלען אויף די פערזונקענע וועלט, וועלכע האָט יעצט ווירקליך אויס געזעהען ווי אַ שרעקליכער

בית־עולם, טויט, אָבגעשטאָרבען. קאַפּיטאַן נעמא וואַרפט דעם לעצטען בליק אויף דעם ווייטען, ברייטען טהאָל אונד ווינקט מיר מיט'ן האַנד איהם נאָכצופאָלגען.

שנעלל געננג זיינען מיר דעם באַרג אַראָפּ געשטויגען. אַלס מיר זייַנען ארויס געקומען פון פערשטיינערטען וואַלד האָב איך דערזעהען פון ווייטען די עלעקטרישע בעלייכטונג פון נאַוטילוס ווי א גלענצענדען, ווייַסען שטערען. געהענדיג גראַדע נאָך יענער ריכטונג זיינען מיר ענדליך צוגעקומען אויף אונזער שיף ווען די ערשטע שטראַהלען פון יונגען טאָג האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען צו בעווייזען.

10טעם קאַפּיטעל.

קאָהלען־מינען אונטער'ן ים.

אויף מאָרגען, דעם 20טען פעברואַר, בין איך זעהר שפּעט אויפגעשטאַנען. ערמיעדעט פון דעם ביינאַכטיגען שפּאַציער־גאַנג בין איך געבליעבען אין בעט ביז 11 אוהר, איך האָב זיך שנעל אָנגעקליידעט, אום נאָכצוזעהען וואוהין דער נאַוטילוס פאָהרט יעצט. די אינסטרומענטען צייגען מיר באַלד אַז אונזער שיף לויפט מיט די שנעלקייט פון צוואַנציג מייל א שטונדע, ביי א הונדערט עללען די טיעף, אימער נאָך די ריכטונג פון דרום־זייט.

אַלס איך בין געזעסען אין זאַלאָן איז קאַפּיטאַן אריין געקומען אונד איך האָב איהם ערצעהלט די בעגעבענהייטען פון די פאָריגע נאַכט. די בלעכענע וועגד וואַרען יעצט אָבגערוקט אונד דאַרום האָבען מיר דורך די פענסטער געקענט זעהען פון ווייטען א טהייל פון די פערזונקענע וועלט.

דער נאַוטילוס פאָהרט יעצט ווירקליך נור א צעהן עללען איבער דעם גרונד פון אטלאַנטיס און צוואַר אזוי פליהענדיג ווי א שנעלצוג. גראַדע פאַר אונזערע אויגען שטעהען פעלזען אונד בוימער פון פערשיעדענע פאַנטאַסטישע פאָרמען, וועלכע זיינען שוין פערשטיינערט, בעדעקט מיט א טעפּיך פון פיעל־פאַרביגע וואַסער־פּפלאַנצונגען; דאַן עטוואָס ווייטער די צו־שמאָלצענע שטיינער־שטראָמען, וועלכע דער ווינטהענדער וואולקאַן שטויסט ארויס מיט א געוואַלטיגע מאַכט.

פאָהרענדיג איבער דיעזע לאַנדשאַפטען, וואָס וואַרען העלל בעלויכטען מיט די עלעקטרישע שטראַהלען פון נאַוטילוס, האָב איך ערצעהלט

קאָנסייל'ן פון יענעם אַטלאַנטען-פּאָלק, פון זייער גרויסע הערשער-מאַכט אונד די קריעג וואָס זיי האָבען געפיהרט אין די אוראַלטע צייטען, ערקלעהרענ-דיג דאַביי אַז דעננאָך צווייפלען פיעלע געלעהרטע אויב דאָס אַלעס איז ריכטיג, אָבוואָהל איך בין דארין פאָלקאָמען איבערצייגט. קאָנסייל הערט אָבער גאַנץ וועניג פון דיעזע פאַר-היסטאָרישע ערקלעהרונגען ; זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדעט אויף די מערקווירדיגע זאָרטען פיש, וועל-כע שווימען אַרום אין דיעזע טיעפעניסען, אונד איך האָב שליסליך אויך אָנ-געפאַנגען די לעבענדיגע וואַססער-בעוואָהנער גענויער צו בעטראַכטען.

דער אונטערשיעד פון דיעזע ברואים אין אַטלאַנטישען אָקעאַן גע-גען די יעניגע וואָס מיר האָבען שוין געזעהען אין אַנדערע ימים איז איב-ריגענס ניט זעהר גרויס. איך זעה דאָ ריזענהאַפטע ראָכען, פון אונגעפעהר אַכט אונד צוואַנציג פוס די גרויס, וועלכע בעזיטצען אַזאַ קראַפט אין זיי-ערע שנעלע בעוועגונגען, אַז זיי שפּרינגען אָפט אַרויס הויך איבער'ן וואַס-סער. ביי די מאַטראָזען זיינען זיי בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „מעער-טייוועל" עס גיעבט נעמליך אַ זאָרט ראָכבען-פיש וואָס בעפאַלט זיין געג-נער מיט אַ טייוועלשע שנעליגקייט אונד שטעכט איהם מיט די נאָדלען פון זיין עק. דער פירכטערליכער שמערץ פון אַזאַ שטאָך ברענגט אָנפאַלען פון קראַמפּף, וואָס ענדיגט זיך אָפט מיט'ן טויט. מען גלויבט דארום אַז די נאָדלען פון זיין עק זיינען פערגיפטעט. איך בעטראַכט אויך דורכ'ן פענס-טער פערשיעדענע זאָרטען פון די בעוואוסטע רויבער, די הייפישען ; אויס-ער דעם די ים-פערדלאַך ; אַ וואונדערבאַרער קליינער זאָרט פיש, וואָס זעהט אויס ווי אַ סקעלעט, נור פון הויט אונד ביינער, אונד זיין קעפּיל איז ווירק-ליך גאַנץ עהנליך צו אַ פערדישען ; אונד די טראָמפּעטען-פישען, וואָס זיי-ער שנויץ האָט די פאָרמע פון אַ לאַנגע טראָמפּעטע.

פון אַנדערע גרופּען איז ווערטה צו בעמערקען דעם שוואַרצען מאַקאַי-ראַ, אַ צעהן פוס די לענג, וועלכער טראָגט אַ מין שאַרפען שווערד אויף זיין רוקען. מען רופט זיי דארום אויך „שווערד-פישען," אָבוואָהל זיי זיינען ניט רויבעריש אונד לעבען שטענדיג צוזאַמען אין גרויסע געזעלשאַפטען ; אונד צייכנען זיך אויס דאַמיט וואָס זיי געהאָרכען זייערע נקבות אויפ'ן ער-שטען וואונק, גראַדע ווי ביי אונז די העפליכסטע מענער. ווייטער זעהען זיך שטענדיג פאַרביי שוועבענדיג די שעהנע גאָלד-בראַסען אונד פיעלע אַנדערע מינים פון דיעזע וואונדערבאַרע בעשעפעניסע.

דאָס אַלעס קען אָבער ניט אָבווענדען מיינע בליקען צו בעטראַכטען די אונענדליכע טהאָלען פון דאָס פערשוואונדענע אַטלאַנטיס-לאַנד. זעהר אָפט איז דער נאָטילוס געצוואונגען צו פאָהרען לאַנזאַמער אונד זיך דרעהען ווי אַ שלאַנג דורך די ענגע געסלאַך צווישען פערשיעדענע קלענערע בערגלאַך ;

אונד אויב דאס איז ניט מעגליך דאן הויבט ער זיך אויף שנעל ווי א לופט־באלאן אין וואססער, שטייגט אריבער די הינדערניס אונד פאהרט דאן ווייטער ניעדריג איבער דעם פלאכען לאנד, ביז צום נעקסטען בארג. אזא רייזע איז רייצענד צום ערשטוינען, זעהר ענליך צו די בעוועגונגען אין א לופט־באלאן, נור מיט דעם אונטערשיעד אז אונזער שטייערמאן קען דעם נאוטילוס רעגיערען אונד דרעהען וואוהין ער וויל, ווערענד דער שווימער אין א לופט־באלאן מוז לאזען זיין שיף געטראגען ווערען נאך דעם צופאל פון ווינד.

אום פיער אוהר נאכמיטאג האט זיך דאס אויסזעהען פון די לאנדשאפטען אין גאנצען געענדערט; אנשטאט דעם לעהמיגען באדען איז יעצט דער גרונד בעדעקט מיט גרעסערע אונד קלענערע שטיינער, באזאלט־פעלזען אונד פערקיהלטע צושמאלצענע מעטאלען. איך האב שוין פריהער גערעכענט אז נאך די ווייטע פלאכע לאנד וועלען זיך אנפאנגען בערג־געגענדען; אונד ווירקליך, נאך אייניגע אומדרעהונגען פון דעם נאוטילוס בעמערק איך אז דארט גאנץ ווייט איז דער ים אזוי ווי אבגעצאהמט מיט א הויכע וואנד, וועלכע שטייגט וואהרשיינליך העכער ביז איבער'ן וואסער, זא דאס דער נאוטילוס קען ווייטער אין דיעזע ריכטונג ניט פאהרען. די וואנד איז וואהרשיינליך אין אנפאנג פון א שטיק יבשה, אדער ווענינגסטענס פון איין אינזעל, דען גראדע יעצט ווייס איך איבערהויפט ניט גענוי וואו מיר געפינען זיך. יעדענפאלס גלויב איך אז מיט דיעזע וואנד ענדיגט זיך דאס פערזונקענע וועלט־טהייל אטלאנטיס, פון וועלכע מיר זיינען נור א קליינע שטרעקע דורכגעפלויגען.

עס איז נאכט געווארען. קאנסייל איז אוועק אין זיין קאיוטע אונד איך בין נאך לאנג געזעסען אליין אין זאלאן ביי'ן פענסטער, בעטראכטענדיג די זעלטענע, ווילדע שעהנהייטען פון מעער אונד די העללע שטערען אויף דעם דונקעלען הימעל, אלס די לאדענס האבען זיך פלוצלונג געשלאסען. דער נאוטילוס איז גראדע יעצט אנגעקומען צו די הויכע וואנד. וואוהין ער וועט זיך פון דאנען ווענדען ווייס איך פארלויפיג ניט. אלס איך בין צוריק אריין אין מיין צימער פיהל איך אז אונזער שיף איז שטעהען געבליעבען. קורץ נאכדעם האב איך איינגעשלאפען אונד עס איז ביי מיר געוועזען בעשלאסען אין אייניגע שטונדען ארום וויעדער אויף צו שטעהען, אום צו זעהן וואס מיט דעם נאוטילוס וועט דא ווערען.

איך האב דעננאך פערשלאפען ביז דעם נעקסטען פריה־מארגען, אום אכט אוהר. אלס איך בין אריין געקומען אין זאלאן אונד א קוק געגעבען אויפ'ן מאנאמעטער זעה איך אז אונזער שיף שטעהט אויף די אויבערפלאכקייט פון וואססער. איך הער אויך ווי מען געהט ארום איבער'ן פלאט־

פארם. באלד בין איך ארויף געשטיגען צו די עפפענונג פון די פלאטע, אָבער צו מיין גרויסע איבערראשונג געפין איך אז דאָרט איז שטארק פינס־טער. וואו געפינען מיר זיך ? איז עס נאָך נאכט ? אָבער ניין, איך בע־מערק זאָגאר קיין איינציגען שטערען אונד אזעלכע שווארץ־דונקעלע נעבט גיעבט עס גאָר ניט.

איך וויים אין דיעזע מינוט ווירקליך ניט וואס דאָס האָט צו בעדיי־טען, אלס איך הער פלוצלונג לעבען זיך א וואָהלבעקאנטע שטימע פרעגענדיג:

„זייט איהר דאָס, הערר פראָפעסאָר ?"

„אָה, קאפיטאן נעמא" רוף איך אויס „וואו זיינען מיר דען ?"

„אונטער דער ערד, הערר פראָפעסאָר."

„אונטער דער ערד ?" בין איך ערשטוינט געוואָרען „אָבער איך קען ניט בעגרייפען —"

„ווארט נור איינינע אויגענבליקען, באלד ווערען אונזערע לאנטערנעס זיין אָנגעצונדען אונד אויב איהר ווילט קלעהרער פערשטעהען די זאך וועט איהר עס באלד וויסען."

טאפענדיג בין איך ארויף אויפ'ן פלאטפאָרם אונד געבליעבען שטעהען אונד געווארט. עס איז געוועזען אזא דיקע פינסטערניס אז איך האָב זאָגאר קיין שאָטען פון קאפיטאן נעמא ניט געקענט בעמערקען. דאָך אלס איך האָב אויף געהויבען דעם קאָפף אונד א קוק געגעבען אויבען האָב איך בע־מערקט איין אונבעשטימטען שיין, א מין האלב־דונקעלע ליכטיגקייט, וועלכע זעהט זיך גאנץ הויך דורך א רונדע לאָך. אין דיעזען אויגענבליק האָט מען פלוצלונג אָנגעצונדען די לאנטערנעס אונד איבער זייער העללען גלאנץ איז פערשוואונדען געוואָרען דער שיין פון אויבען.

דער שטארקער בלאסק פון די עלעקטרישע בעלייכטונג האָט אויף א פאאר מינוט מיינע אויגען פערבלענדעט, דאן האָב איך זיך געקענט דייט־ליכער ארום קוקען. דער נאוטילוס שטעהעט אויף א דונקעלען וואססער ביי א הויכען ברעג, וואָס זעהעט אויס ווי א בולוואר. דיעזעס וואססער, אונ־געפעהר צוויי מייל די ברייט, איז רונד ארום אָבגעשלאָסען מיט הויכע פעל־זען־וועגד. בעטראכטענדיג דעם מאנאמעטער זעה איך אז די אויבערפלאכ־קייט פון אונזער אונטער־אירדישען וואססער איז גלייך מיט דעם אלגעמיי־נעם אטלאנטישען מעער, מיט וועלכען ער שטעהעט אלזאָ געוויס אין פער־בינדונג. די הויכע וועגד ענדיגען זיך אויבען מיט איין אונגעהויער גרויסען געוועלב, אונד אין מיטען פון איהם זעהט זיך יענע רונדע לאָך דורך וועל־כע איך האָב בעמערקט דעם שוואכען שיין פון טאָגעס ליכט.

עס איז מיר יעצט נאטירליך ניט געלעגען אין זינען געווי צו בעטראכ־טען וואָס פיר א זאָרט הייל דאָס איז, אויב די נאטור אָדער מענשליכע הענד

האָבען איהר געמאַכט. איך האָב זיך באַלד געווענדעט צום קאַפּיטאַן נאָך אַ מאָהל מיט די פראַגע:

„וואו זיינען מיר דאָ?"

„אין רעכטען מיטעל־פּונקט פון אַ פערשלאָפענעם וואולקאַן" האָט נעמאָ געענטפערט „אַ וואולקאַן וואוהין דער ים האָט זיך אריין געגאָסען דורך איר־גענד וועלכע שפּאַלט, פיעלייכט מיט פיעלע טויזענדע יאָהרען צוריק. וועה־רענד די צייט ווען איהר האָט געשלאָפען, הערר פּראָפּעסאָר, איז דער נאָו־טילוס אַ הער אריין געפאָהרען דורך אַ נאַטירליכען קאַנאַל, וואָס געפינט זיך צוועלף עללען אונטער'ן וואַסער. דאָ איז אונזער הויפּט־האַפען, אַ האַפען וואָס איז זיכער, בעקוועם אונד געהיימניספאָל, וואו דער נאָוטילוס איז פאָלשטענדיג געשיצט פון ווינד אונד שטורם. אין קיין איינציגען האַפען פון אייערע לענדער אונד אינזלען קענט איהר אזא רוהיגען אָרט געוויס ניט געפינען."

„ווירקליך, קאַפּיטאַן, דאָ זייט איהר זיכער, דען אין דעם צענטרום פון אַ וואולקאַן קען נאַטירליך קיינער צו אייך ניט צו קומען. אָבער זאָגט מיר וואָס איז דאָס פיר איין עפּפענונג וועלכע איך בעמערק אויבען אין געוועלב?"

„נון, דאָס איז גאַנץ איינפאַך דער קראַטער, דורך וועלכען דער וואול־קאַן האָט אַ מאָהל געשפּיגען מיט פייער, פלאַם אונד צושמאָלצענע שטיי־נער. יעצט דיענט דיעזער קראַטער פיר אונז, אַז דורך איהם זאָהל פּר־שע לופט אהער קענען אריין קומען."

„אָבער וואָס פיר איין וואולקאַנישע בארג איז דאָס?"

„ער געהערט צו די פיעלע אינזלען מיט וועלכע דיעזע געגענד פון ים איז פּאַסט איבעראַל בעדעקט. פיר אַלע שיפען איז דאָס אַ געפעהרליכער פעלזען, אָבער פיר אונז — אַ גרויסע בעקוועמע הייל. דורך אַ צופאַל האָב איך איהר ענטדעקט אונד בענוטץ איהר אַלס האַפען."

„אונד דורך די עפּפענונג פון קראַטער קען קיינער ניט אראָפּ שטייגען אהער אין וואולקאַן?"

„ניין, גראַדע אזוי ווי מיר קענען ניט ארויף שטייגען. די אינוועניגסטע ווענד, אייניגע הונדערט פוס הויך, זיינען אזוי גלאַט ווי געשליפענע גלאָז אונד קיין מענש איז ניט אים שטאַנד איבער זיי צו קלעטערען."

„איך זעה, קאַפּיטאַן, אַז די נאַטור קומט אייך צו הילף. איהר זייט אויף דיעזען וואַססער אין פאָלשטענדיגע זיכערהייט אונד קיין מענש קען דאָ צו אייך ניט קומען. אָבער צו וואָס נוצט אייך אזא געהיימניספאָלער אָרט? דער נאָוטילוס, וואָס קען זיך אָבשטעלען איבעראַל אויפ'ן גרונד פון ים, דאַרף דאָך אייגענטליך קיין האַפען ניט."

„געוויס ניט ; אָבער ער דאַרף האָבען זיין לעבענסקראַפט, די עלעקטרי־ציטעט, וועלכע, ווי איך האָב אייך שוין ערקלעהרט, בעקומען מיר פון זאַד־יום, אָדער ריכטיגער צו זאָגען פון איבערגעבֿרענטע שטיין־קאָהלען. נון, גראַ־דע אונטער דאָס מעער געפינען זיך גאַנצע וועלדער, וואָס זיינען מיט צעהנד־ליגע טויזענד יאָהר צוריק איינגעזונקען געוואָרען, אונד וועהרענד דיעזע צייט האָבען זיי זיך נאַטירליך פערוואַנדעלט אין שטיין־קאָהלען, וועלכע מיר נעהמען ארויס פון די מינעס אונטער'ן גרונד פון אונזער הייל."

„אונד אייערע מאַטראָזען ארבייטען דאביי אלס קאָהלען־גרעבער ?"

„יאָ, אָנגעצויגען אין סקאַפאַנדערס אונד בעוואָפענט מיט העק אונד שויפלען זיינען זיי יעצט דאַמיט בעשעפטיגט. מיר דאַרפען נור איין טאָג אום געגנוג קאָהלען פיר דעם נאַוטילוס צו פערשאַפען דאַן וועלען מיר ווייטער אָברייזען. אויב איהר האָט לוסט צו בענוטצען דיעזע צייט אום די היילען איבעראַל צו בעטראַכטען, אָדער אויפ'ן וואַססער ארום צו פאָהרען, דאַן שטעהט עס אייך פריי."

איך האָב דעם קאַפּיטאַן אויסגעשפּראָכען מיין דאַנק אונד אויפגע־זוכט מיינע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען פון זייער קאַיוטע ניט ארויס געקו־מען. ניט ערקלעהרענדיג וואו מיר געפינען זיך האָב איך זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן פלאַטפאָרם. דער קאַלטבלוטיגער קאַנסייל, וועלכען עס איז ניט אזוי לייכט צו איבעררראשען, וואונדערט זיך גאַנץ ווענינ וואָס ער האָט איינ־געשלאָפען אונטער'ן וואַססער אונד אויפגעוואַכט אונטער א בארג. עדוואַרד אָבער, וואָס זיין גאַנצעס דענקען אונד טראַכטען איז נור וועגען ענטלויפען, פרעגט זיך באַלד נאָך אויב עס איז מעגליך פון דיעזע הייל ארויס צו קומען.

נאָך דעם פריהשטיק, אום צעהן אוהר, זיינען מיר אראָפּ געגאַנגען פון נאַוטילוס אויפ'ן ברעג.

„נון, זיינען מיר יעצט וויעדער אויף דער ערד." רופט זיך אָב קאַנסייל.

„דאָס הייסט ביי מיר ניט „ערד" ערוויעדערט דער קאַנאַדיער „דען אין דער ווירקליכקייט זיינען מיר דאָך ניט אויף דער ערדע, זאָנדערן אונ־טער איהר."

דער ברעג צווישען דעם וואַססער אונד די וואַנד פון בארג איז אין פיע־לע ערטער ברייט זאָגאר ביז פינף הונדערט פוס. אויף זיין זאַמדיגען ראַנד איז גאַנץ אָנגענעהם ארום צו שפּאַציערען ; אָבער נעהענטער צו די הויכע וואַנד איז שוין דער בּאָדען ניט גלייך אונד אויף איהם זיינען פאַנאַנדער געוואָרפען שטיינער אונד פעלזען. אַלע דיעזע הויפענס זיינען פון דעם אַמאָליגען פייער אזוי ווי אָבגעגלאַזירט אונד די עלעקטרישע בעלייכטונג פון אונזער שיף שטראַהלט אָב אין זייער גלאַנץ, זאָ דאָס די ליכטיגקייט ווירד דאַפון נאָך שטאַרקער. זאָגאר דער שטויב פון בּאָדען טראָגט אזא גלאַזירונג

אונד ער הויבט זיך אויף פון אונטער אונזערע פיס ווי א וואָלקען פון פונקען.

דער באָדען איז וואס ווייטער פון וואססער אימער העכער, אונד באַלד זיינען מיר געקומען צו לאַנגע, געדרעהטע וועגען וואָס ציעהען זיך בארג ארויף, אָבער צווישען דיעזע הויפענס גלאַטע שטיינער מוז מען געהען זעהר פאָרזיכטיג, אונד עס טרעפט זעהר אָפט אַז אונזערע פיס גליטשען זיך אויס אויף דיעזע פערגלעזערטע פעלזען אונד קריסטאַלען.

איבעראַל זעהט מען דייטליך די שפורען פון א געוועזענעם וואולקאַן, אונד איך ערקלעהר דאָס מיינע קאמעראַדען זאָגענדיג:

„קענט איהר זיך פאָרשטעלען וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון דאָן, ווען דיעזע הייל איז פול געוועזען מיט פייער, ביז אויבען צום געוועלב? ווען דער קראַטער האָט געשאָסען מיט פלאַמען אונד ברענענדיגע שטיינער, ווען דער קאָכענדיגער, צושמאָלצענער מעטאַל האָט געפלאָסען איבער זיינע ווענד ווי פון א גיעס־אויווען?"

„דאָס אַלעס איז זעלבסטפערשטענדליך" ערוויעדערט קאָנסייל „אָבער קען דער העדר אונז ערקלעהרען פאר וואס האָט דיעזער גיעס־אויווען אויפ־געהערט צו ארבייטען, אונד ווי קומט עס אַז אַנשטאָט די ברענענדיגע מע־טאַלען איז דאָ יעצט אויסגעגאָסען א רוהיגער וואססער?"

„וואהרשיינליך דארום, קאָנסייל, ווייל אונטער'ן וואססער האָט דורך אירגענד וועלכע אורזאכע זיך געמאכט איין עפפענונג, א קאנאַל דורך וועל־כען דער נאָוטילוס איז יעצט אריין געפאָהרען. דער אַטלאַנטישער מעער האָט דאָן אריין געשטירצט אינוועניג, אין בארג. עס איז ענטשטאַנדען א פירכטער־ליכער קאַמפף צווישען וואססער אונד פייער, וועלכער האָט זיך געענדיגט דאָמיט אַז דער פייכטער עלעמענט איז געבליעבען דער זיעגער. אָבער פון יענער צייט זיינען שוין געווים פיעלע יאהרהונדערטע פערפלאָסען אונד דאָס וואססער האָט פערוואַנדעלט דעם וואולקאַן אין א פריעדליכען הייל."

„דאָס איז שוין גאַנץ ריכטיג" האָט עדוארד זיך אָבגערופען „איך בע־דויער אָבער איין זאך: פאר וואָס האָט דער אָקעאַן בעסער ניט געמאכט דעם קאנאַל אביסעל העכער, איבער'ן וואססער, דאַן וואָלט עס פיר אונז יעצט געקענט זעהר גוט נוטצען."

„אונד וואָס וואָלט דאַן געוועזען?" האָט קאָנסייל געשמייכעלט „דאַן וואָלט דער נאָוטילוס מיט אונז אהער ניט געקענט אריין קומען אונד מיר וואָלטען זיך זאָ ווי זאָ מיט אזא מין קאנאַל ניט געקענט בענוטצען."

„אונד אויסער דעם" האָב איך זיך אָבגערופען „וואָלט דער וואולקאַן געבליעבען ברענענדיג ביז היינט. אייער בעדויערען, עדוארד, איז אַלזאָ גאַנץ איבריג."

אזוי רעדענדיג זיינען מיר געקומען אימער העכער; די וועגען צווי־

שען די פעלזען זיינען געוואָרען פיעל ענגער; ערטער וויים האָבען מיר געמוזט אריבער שפּרינגען איבער גאַנץ טיעפע שפּאַלטען, אונטער די ניעדריג־ אראָבגעלאָזענע פעלזען זיינען מיר געצוואונגען געווען דורך צו קריכען אויף די קניע, אָדער זאָגאר זיך שארענדיג אויפ'ן בויך, דעננאָך האָבען מיר מיט געשיקטליכקייט דיעזע אַלע הינדערניסע איבער געקומען.

מיט אונגעפעהר דרייסיג עָלען העכער האָט זיך דער באָדען געענ־ דערט, אָבער דער וועג איז נאָך אימער ניט פיעל בעקוועמער געוואָרען. דאָ געפינען זיך שוין איבעראַל שווארצע באזאלאט־שטיינער פון פערשיעדע־ נע פאָרמען, אייניגע שטעהען זאָגאר ווי א רייהע קאלאנען, אויף וועלכער דער גרויסער געוועלב איז געשטיצט,זאָ דאָס עס איז ווירקליך א וואונדער צו בעטראַכטען דיעזע מוסטערען פון נאַטירליכע ארכיטעקטור. דורך די גענג זיינען דאָ פערברייטעט גאַנצע לאַגערס פון שוועבעל. דורך די אויי־ בערשטע טהיילען פון געוועלב דרינגט אריין דורך שפּאַלטען די העלע טאָ־ געס־ליכט אונד בעגיעסט מיט איהר שוין די פערגליווערטע מאַסען פון דעם אויסגעלאָשענעם וואולקאַן.

קומענדיג אויף א הויכקייט פון צוויי הונדערט פוסס איז אונז אָבער שוין ניט מעגליך געווען ווייטער ארויף צו שטייגען, דען דאָ ליעגט אונז שוין דאָס געוועלב אויפ'ן קאָפּף, אונד דארום זיינען מיר געצוואונגען זיך צו בעגעבען אויף איין אַנדער וועג, וועלכער פיהרט אראָפּ ניעדריג צום וואססער, אין דיעזע ריכטונג טרעפען מיר שוין אָן פיעלע געגענשטאַנדען פון דער לעבענדיגער נאַטור. פון צווישען די פעלזען זעהען זיך קליינע וועל־ דעלאך, זאָגאר גרעסערע בוימער, דיעזע לעצטע געניסען ניט די זונען־ליכט, וויל איהרע שטראַהלען קענען אהער ניט צו קומען, דאַפיר האָבען זייערע לאַנגע, טרויעריגע בלעטער א קרענקליכען אויסזעהען, אָבער איך בעמערק אויך אין אייניגע ערטער קליינע וויסע בלומעלאך, וועלכע ערקוויקען מיך מיט זייער צערטליכען גערוך.

ביי איינעם פון אזעלכע וועלדלאך איז עדוארד געבליעבען שטעהען מיט א פרעהליכען אויסרוף:

„מיין הערר, א ביענשטאָק!"

„אונמעגליך!" בין איך ערשטוינט געוואָרען „ווי קען אהער א ביענ־ שטאָק קומען?"

„אָבער הערט דאָך ווי ביענען זשושזען אינוועניג!"

איך בין צוגעגאנגען נעהענטער אונד זיך איבערצייגט אז דאָס איז פאָלקאָמען ריכטיג. אייניגע טויזענד פון דיעזע פלייסיגע אינזעקטען האָבען זיך דאָ געמאַכט איין נעסט, אין די עפּפענונג פון א פוסטען בוים. וואהר־ שיינליך געפינען מיר זיך אונטער די קאַנאַריען־אינזלען, אויף וועלכע עס

גיעבט זעהר פיעלע ביענשטאָקען אונד דער האָניג פון זיי איז זעהר געשעצט.

גאַנץ נאַטירליך האָט דער קאַנאַדיער שוין ניט געוואָלט אָבטרעטען וואו ער זאָהל דעם האָניג ניט מיט נעהמען, אונד ער וואָלט ווירקליך זעהר בייז געוואָרען ווען יעמאַנד זאָהל איהם דאַפון אָברעדען, ער צינדעט אָן א הויפען פערדאָרטע בלעטער צומישט מיט שוועבעל אונד לאָזט אריין דעם רויך אין ביענשטאָק, באַלד הערט זיך דאָרט א הוזשעריי וועלכע איז שליסליך שטיל געוואָרען. עדוארד בענוצט זיך מיט דעם אָהנמעכטיגען צו־שטאַנד פון די בינען אונד נעהמט צוזאַמען אייניגע פונט פון אויסגעצייכענטען האָניג, וועלכעס ער וויקעלט איין אין בלעטער אונד פערוואהרט אין זיין ראַנעץ.

„דיעזען האָניג צומישט מיט דעם טייג פון ברויט־בוים וועט אונז געשמאַקע קוכען ליעפערען" זאָגט ער מיט גרויס פערגניגען. אָלס מיר זיינען א קורצע צייט ווייטער מיט דיעזען וועג געגאַנגען איז דער גאַנצער אונ־טעראירדישער וואַססער געלעגען פיר אונזערע אויגען. אונטער דער עלעק־טרישער בעלייכטונג זעהט זיך דער ווייט ברייטער, גלאַטער שפּיעגעל פון איהם, אָהן אירגענד וועלכע וועלען. דער נאָוטילוס שטעהט אונבעוועגליך. די מאַנשאַפט אויף די ווייטע פּלאַטפאָרם אונד דאַבי אויפ'ן ברעג געהען ארום ווי שווארצע שאָטענס אין א העלל בעלייכטעטען קרייז.

באַלד זיינען מיר אָנגעקומען צו דעם העכסטען פּונקט פון די פעלזען אויף וועלכען דאָס געוועלב פון הייל איז אָנגעלעהנט, דאָ האָב איך זיך אויך באַלד איבערצייגט אז אויסער ביענען געפינען זיך נאָך אין דיעזען וואולקאַן אנדערע לעבענדיגע ברואים ; גרויסע רויב־פויגלען שוועבען אונד פליעהען ארוים אונד אריין אין זייערע נעסטען, וועלכע געפינען זיך איר־גענד וואו הויך אין די לעכער פון געוועלב. אויף די פעלזען־שפּיטצען זע־העו מיר אויך היבשע פעטטע טראַפּען, וועלכע קענען ניט פליהען, אָבער זיי ענטלויפען פון אונז זעהר שנעל. מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פיר א גרויס לוסט דער קאַנאַדיער האָט צו אזא פויגעל־בראַטען אונד ווי שטאַרק ער בעדויערט וואָס ער האָט גראַדע יעצט ביי זיך קיין ביקס ניט. עס איז איהם דענאָך ניט מעגליך מיט לעדיגען אוועק צו געהען אונד קלעטערענדיג איבער די פעלזען מיט לעבענסגעפאַהר וואַרפט ער שטיינער אזוי לאַנג ביז עס איז איהם געלונגען וועניגסטענס איינע פון דיעזע פויגלען צו טרעפען אונד אין זיין יאַגד־טאַש אריין צו לעגען.

פון דאַנען מוזען מיר זיך ווידער ווענדען צוריק אראָפּ צום ברעג, דען ארויף געהען נאָך העכער ביז אויפ'ן בארג איז אונמעגליך, איבער אונז זעהען מיר די עפּפענונג פון קראַטער, גראַדע ווי מיר וואָלטען געשטאַנען אויפ'ן גרונד פון א טיעפען ברונען. פון דיעזער שטעלע קענען מיר גאַנץ

פֿלאָהר בעטראכטען דעם הימעל אונד אויך זעהר דייטליך די פּאַרביי־ציעהענדע צוריסענע וואָלקענס, געטריעבען פון וועסט־ ווינד. נאָך מיין בערעכנונג איז דער וואולקאַן ניט זעהר הויך. ניט מעהר ווי אכט הונדערט פוסס איבער דעם שפּיעגעל פון מעער.

א האלבע שטונדע שפּעטער זיינען מיר געקומען אין איין אַנדער געגענד ניט ווייט פון ברעג, וואו עס וואַר איבעראַל בעלעבט מיט טויזענדע מינים פון פערשיעדענע שאלל־טהיערען, קרעבסען, פעלד־שפּינען אונד א מענגע פון מושעלען, פּירצעלאען אונד פּורפּור־שנעקען. מיר געפינען דאָ זאָגאַר א קליינע זאָרט פון שירם־פּפלאַנצען, וועלכע מען געברויכט זעהר גוט צום אויספּרעגלען, אונד קאַנסייל האָט א רעכט ביסעל דאפון אויפגעזאמעלט.

ניט ווייט פון דאַנען האָט זיך פיר אונז געעפענט א פּראַכטפאָלע, קליינע הייל. מיר האָבען גענאָסען א וואהרען פערגניגען זיך אויס צו שטרעקען אויפ׳ן ווייכען זאמד, די וועגד פון די הייל זיינען פון דעם אמאָליגען פייער אַזוי ווי אָבגעפּאָלירט אונד זייער עמאַליע גלאַנצט אונד פינקעלט פון די ליכט שטראַהלען וואָס דרינגען דאָ אריין, עדוארד טאפּף ארום די וועגד אַזוי ווי ער וואָלט דאמיט קענען אויסגעפינען ווי דיק זיי זיינען, איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון לאַכען. אונזער אונטערהאלטונג האָט ווי געוועהנליך זיך אָנגעפאַנגען וועגען פּראָיעקטען ווי צו ענטלויפען. איך האָב איהם נור געקענט טרויסטען דאמיט אַז וואהרשיינליך איז קאַפּיטאַן נעמאָ געפאָהרען אַזוי ווייט ביז אהער, נאָך די געגענדען פון דרום, אום דאָס שיף מיט דעם נויטהיגען זאָדיום צו פערזאָרגען. מען דאַרף אַלזאָ אָננעהמען אַז יעצט וועט ער צוריק קעהרען אין די ימים פון אייראָפּא, אָדער אַנדערע בעוואָהנטע געגענדען אונד דאַן וועלען מיר ווידער האָבען איין אויסזיכט ווי אייער פּלאַן אויס צו פיהרען.

א שטונדע שפּעטער זיינען מיר אַלע געלעגען אין דיעזער רייצענדער הייל פערזונקען אין טיעפען שלאָף. איך ווייס ניט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, אָבער פּלוצלונג הער איך די ערשראָקענע שטימע פון מיין דיענער קאָנסייל, ווי ער וועקט אונז מיר זאָלען שנעל אויפשטהען.

„וואָס איז די אורזאַכע ?“ פרעג איך שפּרינגענדיג, אָבער באַלד ווייס איך אַליין די אַנטוואָרט ; דאָס וואססער פּלייצט אריין אין הייל מיט איין אונגעהויערע שנעליגקייט אונד איידער מיר זעהען זיך ארום זיינען שוין אונזערע פיס בענעצט, זאָ דאָס מיר זיינען געצוואונגען וואָס גיכער צו ענטלויפען אויף א העכערען אָרט.

„וואָס קען דאָס בעדייטען ?“ פרעגט קאָנסייל „פון וואַנען האָט זיך דיעזע אויספלייצונג גענומען אַזוי פּלוצלונג ?“

„פון דעם אויסערליכען מעער״ האָב איך ערקלעהרט „דאָס איז די געוועהנליכע צייט פון טאָג ווען דער אָקעאַן פאַנגט אָן צו שטייגען אונד דער גרויסער טייך אין דיעזען געוועלב, וועלכע שטעהט מיט איהם אין פער־בינדונג, פלייצט אויך אויס צו דערזעלבער צייט. באַלד וועט דאָס וואַססער אַנפאַנגען צוריק אָב צו פאַלען, אָבער מיר וועלען דארויף ניט וואַרטען אונד אומקעהרען צוריק צום נאַוטילוס.״

אויף איין אַנדער וועג זיינען מיר נאָך אין פערלויף פון דריי פיער־טעל שטונדע געקומען אויף אונזער שיף. די מאַנשאַפט וואַר באַלד פער־טיג מיט דער אַרבייט אונד דער נאַוטילוס וואָלט שוין אייגענטליך גע־קענט אָבפאָהרען, אָבער דער קאַפּיטאַן נעמא האָט נאָך וועגען דעם קיין בעפעהל ניט געגעבען.

אויף וואָס וואַרט ער אייגענטליך? פּיעלייכט וויל ער אַרויס פאָהרען פון דיעזען אונטערארדישען האַפען ביי נאַכט, אונבעמערקט?

מיט דיעזע פראַגען וואַר איך בעשעפטיגט געהענדיג צו בעט אונד באַלד וואַר איך איינגעשלאָפען. אַלס איך האָב ערוואַכט דען פאָלגענדען פריה מאָרגען איז דער נאַוטילוס שוין געפאָהרען אין מיטען ים, ווייט פון אירגענד וועלכען פונקט לאַנד, אייניגע עללען אונטער דעם שפּיעגעל פון אַטלאַנטישען אָקעאַן.

11טעס קאַפּיטעל.

דאָס גראָז־מעער.

די ריכטונג נאָך וועלכע אונזער שיף פאָהרט איז גראַדע דיזעלבע, אימער ווייטער נאָך דרום־זייט. מיר מוזען אויפגעבען יעדע האָפנונג, אַז מיר וועלען די נעקסטע צייט זעהען די ברעגעס פון אייראָפּאַ. איך קען זיך קוים פאָרשטעלען וואוהין דער קאַפּיטאַן נעמא שלעפּט אונז.

דיעזען טאָג איז דער נאַוטילוס געפאָהרען דורך אַ בעוואוסטען טהייל פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. דער „גאָלף־שטראָם״ איז אַ נאָמען וואָס יעדער מאַן וויים. עס פליעסט אַרויס פון די וואַרעמע אַמעריקאַנישע געגענד פלאָרידאַ אונד ציהעט זיך נאָך די ריכטונג פון שפּיטצבערגען. ניט ווייט פון מעקסיקאַ צו טהיילט ער זיך אין צוויי בעזונדערע שטראָמען; איינער וואָס געהט אוועק נאָך אירלאַנד אונד נאָרוועגען, דאַן דער צווייטער וואָס ציעהט זיך נאָך דרום זייט, פאַרביי די ברעגעס פון אַפריקאַ, ביז ער

קעהרט צוריק נאָך די אַטלאַנטישע אינזלען ; די שטראָמונג פון דיעזען צווייטען גאָלף אין דעם אַטלאַנטישען מעער ווייזט אַלזאָ אויס ווי איין אונגעהויער־גרויסער, לענגליכער רינג.

אין מיטען פון דיעזען רינג, וואָס ענטהאַלט די וואַרמע פליעסענדע וואַססער פון גאָלף, געפינט זיך יענער קאַלטער, אונבעוועגליכער טהייל פון אָקעאַן, וועלכער איז בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „גראָז־מעער," אונד ער איז אַזוי גרויס, אַז די וואַססערען פון גאָלף קענען נור אין דריי יאָהר צייט איהם אין גאַנצען ארום פלייצען.

דער גראָז־מעער בעדעקט נעמליך די גאַנצע שטרעקע פון יענע גרויסע וועלט־טהייל אַטלאַנטיס, וואָס איז נאָך מיט פילע טויזענדע יאָהרען צוריק פלוצלונג פערזונקען געוואָרען אין גרונד פון ים. דיעזער גראָז־מעער איז איבעראַל פון אויבען געדיכט בעדעקט מיט הויכע גראָזען, אַזוי ווי אַ וויעזע (לאָנקע). אַלס דער בעריהמטער ענטדעקער פון אַמעריקא קאָלומבוס איז דעם ערשטען מאָהל געקומען מיט זיינע שיפען אין גראָז־מעער האָט ער שוין דאָפון אליין פערשטאַנען אַז דאָ ניט ווייט געפינט זיך אַ נייע וועלט, אָבער די מאַנשאַפט האָט זיך זעהר דערשראָקען אַלס די שיפען זיינען אריין געקומען אין אַזאַ מאַססע גראָזען, דורך וועלכע עס איז זיי ניט מעגליך געוועזען ווייטער צו פאָהרען, זאָ דאָס עס האָט געדויערט דריי וואָכען ביז זיי האָבען זיך פון דאַנען ארויסגעפּלאָנטערט.

איבריגענס זאָגאַר אין אונזערע צייטען מיידען די דאַמפּפער אויס דיעזען גראָז־מעער, דורך וועלכען זיי וואָלטען קוים מיט גרויס מיעהע קענען זיך דורך שניידען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט אויך ניט געוואָלט אַז די שרויבע פון נאַוטילוס זאָהל זיך דאָ פערוויקלען, דאַרום איז אונזער שיף געפאָהרען מיט איינינגע עללען טיעפער, דען דיעזע גראָזען בעדעקען נור די אויבערפלאַכקייט פון מעער.

אויף די פראַגע פון וואַנען נעהמען זיך צוזאַמען אַזאַ מאַססע שווימענדע וואַססער־פּפלאַנצונגען גראַדע אין דיעזען רוהיגען טהייל פון אַטלאַנטישען אָקעאַן גיעבט דער געלעהרטער מאָרי פאָלגענדע גאַנץ ריכטיגע אַנטוואָרט : יעדער איינער קען בעמערקען, זאָגט ער, אַז ווען מען זאָהל אריין ווארפען שטיקלאך קאָרק־האָלץ, אָדער אַנדערע שווימענדע געגענשטאַנדען, אין אַ געפעס מיט וואַססער וואָס דרעהט זיך ארום אַ קרייז, דאַן קלייבען זיך צוזאַמען די שווימענדע קאָריקלאך געדיכט איינער צו די אַנדערע אין מיטעלפונקט פון דיעזען וואַססער. אין דיעזען פאַל זעהען מיר אויך דיזעלבע נאַטור ערשיינונג. דער אַטלאַנטישער מעער איז דאָס געפעס ; דער גאָלף שטראָם דרעהט זיך ארום אין איהם ווי אַ קרייז אונד

דארום פערזאמלען זיך אין מיטען פון דיעזען אונגעהויערען קרייז פערשיע־דענע שווימענדע קערפער.

פאָהרענדיג אונטער דעם גראַז־מעער, וואו קיין אנדער שיף קען ניט צו קומען, האָב איך געהאט די מעגליכקייט צו בעטראַכטען ווי ריכטיג דיעזער געלעהרטער אורטהיילט. איבער אונז שווימען געגענשטאַנדען, וואָס קומען פון פערשיעדענע ערטער אונד דרינגען זיך צוזאַמען אין איין הויפען צווישען דיעזע ברוינע פפלאַנצונגען; מען קען בעמערקען צווי־שען זיי בוים־שטאַמען פון די אנדישע געבירגען, וואָס פאַלען אריין אין אַטלאַנטישען מעער דורך דעם טייך מיסיסיפּי, אָדער דעם אַמאַזאָנען־שטראָם. עס געפינען זיך צווישען דיעזע גראָזען אויך פערשיעדענע געגענשטאַנדען פון געשטראַנדעטע שיפען, שטיקער פון רודערס, ברעטער אונד נאָך אַזעלכע זאַכען. מאַנכע פון זיי זיינען שוין אַזוי ווי האַלב פערשטיינערט אונד האַל־טען ביי'ן אַראָפּ זינקען צום גרונד פון מעער, וואו זיי וועלען מיט דער צייט אין גאַנצען פערוואַנדעלט ווערען אין שטיין־קאָהלען. די נאַטור פּאָרבערייר־טעט אַלזאָ דיעזען נויטווענדיגען מאַטריאַל פיר יענע צייטען ווען די מענ־שען וועלען שוין מעהר ניט געפינען קיין קאָהלען אין די אונטעראירדישע שאַכטען פון דעם טרוקענעם לאַנד.

דעם גאַנצען 22־טען פעברואַר זיינען מיר געפאָהרען אונטער דיעזען גראַז־מעער, וואו עס געפינען זיך מאַססענהאַפט פישען, איבערהויפּט פון די יעניגע וואָס ערנעהרען זיך פון ים־פפלאַנצונגען אונד די קליינע אינזעק־טען וואָס לעבען צווישען זיי.

דעם נעכסטען טאָג ווארען מיר שוין דורכגעפאָהרען דיעזע געגענדען אונד דאָס מעער האָט ווידער געהאַט זיין געוועהנליכען אויסזעהן, פון יעצט אָן אין פערלויף פון 19 טעג, ביז צום צוועלפטען מאַרץ איז דער נאַוטילוס געפאָהרען אימער נאָך דיזעלבע ריכטונג מיט זיין געוועהנליכע געשווינד־קייט. איך גלויב אז דער קאַפּיטאַן נעמאַ מיינט פאַרביי דעם קאַפּ־האָרן זיך צו בעגעבען צוריק אין די זידליכע טהיילען פון דעם גרויסען שטילען אָקעאַן.

עדוארד איז אַלזאָ פאָלקמען גערעכט געווען: אין מיטען פון דיעזע גרויסע ימים איז גאָר ניטאָ וואָס צו דענקען פון נאַוטילוס צו ענטלויפען, דאָס איינציגע וואָס אונז בלייבט צו טהון איז געדולדיג אָב צו ווארטען ביז די רייזע וועט זיך ענדיגען אונד דאַן פּרובירען דעם קאַפּיטאַן בעטען ער זאָל אונז בעפרייען אויף עהרענוואָרט, אַז מיר וועלען זיין געהיימניספאָלע עקסיסטענץ קיינעם אויף דער וועלט ניט אויס זאָגען; אָבוואָהל איך צווייר־פעל זעהר אויב ער וועט דאַרויף איין שטימען, ער האָט דאָך פון אָנפאַנג אָן אונז ערקלעהרט אַז דאָס געהיימניסע פון זיין לעבען פאָרדערט מיר זאָ־

לען אייביג בלייבען געפאנגען אויפ'ן נאוטילוס. עס קען נאך מעגליך זיין אז אזא ערקלעהרונג וועט אונז פיעל שאדען ברענגען; דער קאפיטאן וועט איינזעהען אז אונזער איינציגער וואונש איז אויף די ערד צוריק צו קעה־רען אונד דאן וועלען מיר נאטירליך נאך שטרענגער בעוואכט ווערען, זא דאס עס וועט גאר קיין מאהל קיין מעגליכקייט ניט זיין פון נאוטילוס ארויס צו קומען. דיעזע אלע בעטראכטונגען האבען מיך גאנץ פון מוטה אראפגעשלאגען, קומענדיג אימער מעהר צו דער איבערצייגונג אז מיר מוזען יעצט די האפנונג אויף פרייהייט אויף געבען, איבערהויפט יעצט, ווען דער קאפיטאן פליהעט ווי א וואהנזיניגער נאך די ווייטע אבגעלעגענע ימים פון דרום זייט וועלט.

אין פערלויף פון דיעזע נייעצעהן טעג האט זיך קיין בעזונדערער צו־פאל ניט געמאכט, דעם קאפיטאן איז מיר אוים געקומען צו זעהען גאנץ וועניג, ארבייטענדיג אין ביבליאטהעק פלעג איך אפט געפינען ביכער פון נאטור־היסטארישען אינהאלט, וועלכע דער קאפיטאן האט געלאזען ליעגענ־דיג אפפען; צווישען זיי אויך מיין אייגענעם ווערק „איבער די געהיימ־ניסע פון מעערעס־גרונד" איך בעמערק דאביי אז דער קאפיטאן האט אויף די ראנדען פון מיין פערפאסונג אויפגעשריעבען זיינע בעמערקונגען, וועל־כע פערבעסערען ווירקליך אין פיעלע הינזיכטען דאס גאנצע ווערק. מאנ־כעס מאהל הער איך די מעלאנכאלישע טאנען פון דער פיאנא, וועלכע דער קאפיטאן שפיעלט אוים געצייכענט, אבער נור ביי נאכט אין דער שטי־לער דונקעלהייט, ווען דער נאוטילוס שלומערט אויף די וועללען פון די ווייטע איינזאמע מעערען.

וועהרענד דיעזער צייט זיינען מיר פאסט דעם גאנצען טאג געפאהרען אויף די אויבערפלאכקייט פון וואססער. דער אקעאן איז וויים רונד ארום וויסט אונד לעער. זעלטען ווען עס בעווייזט זיך א זעגעל שיף, וואס פאהרט נאך אסט־אינדיען, אדער אין דער ריכטונג צום קאפ דער גוטען האפ־נונג. איין טאג האבען אונז פערפאלגט וואלפיש־פאנגער, גלויבענדיג אהן א צווייפעל אז זיי האבען דא בעגעגענט איין אונגעהויער גרויסען ים־טהיער פון דיעזען זארט. קאפיטאן נעמא האט אבער ניט געוואלט די ארמע מענשען זאלען אומזיסט צייט אונד מיהע פערליערען, אונד אויף זייז בעפעהל איז דער נאוטילוס באלד ארונטער אין די טיעפניס.

די פיש וועלכע מיר האבען וועהרענד דיעזע רייזע געהאט די געלעג־גענהייט צו בעטראכטען, אונטערשיידען זיך גאנץ וועניג פון יעניגע וואס זיינען אונז שוין ביז יעצט אין אנדערע ערטער פארגעקומען. אבער מיר זיינען איבערהויפט אויפמערקזאם געווען אויף די גרויסע ים־הינד. וואס הא־בען פארביי אונזערע פענסטער געשוואומען. דיעזע טהיערע זיינען שרעק־

ליכע פרעסער אונד די פישער דערצעהלען אז מען האט איין מאהל אין דעם מאגען פון אזא הונד געפונען א קאפף פון א בופעל־אקס אונד א גאנצע קאלב; ביי איין אנדערען זאהל מען האבען ענטדעקט צוויי אונגעהויער גרויסע פישען אונד א מאטראז אין זיין פאלשטענדיגע בעקליידונג. נאטירליך האבען דיעזע איבערטריעבענע ערצעהלונגען קיין וויסענשאפטליכען ווערטה.

גאנצע טעג פלעגען אונז בעגלייטען די ציערליך־געבויטע, מוטווילינגע דעלפינען, שווימענדיג צוזאמען פון פינף ביז זעקס שטיק. דיעזע ציעמליך גרויסע ים־טהיערען זיינען אויך בעוואוסט אלס בעדייטענדע פרעסער. מיר האבען אויך אין דיעזע וואססערען אנגעטראפען די מערקווירדיגע שטאכעלפלאסער, אויף וועלכע מען ערצעהלט אז זיי זינגען אזוי מעלאדיש ווי אין א קאנצערט, אונד אז זייערע שטימען זיינען פיעל שעהנער ווי די מענשליכע. איך וועל ניט ווידער שפרעכען אויב דאס איז ריכטיג, אבער עס טהוט מיר זעהר לייד אז ביי אונזער פארביי פאהרען האבען זיי ניט געפונען פיר נויטהיג אונז צו ווייזען א פראבע פון זייערע מוזיקאלישע טאלענטען.

קאנסייל האט אויסער דעם אנגעצעהלט א גאנצע מענגע זארטען פון פליהענדע פיש. עס איז זעהר מערקווירדיג צו בעטראכטען מיט וואס פיר א געשיקטליכקייט די דעלפינען מאכען אויף זיי יאגד. אום זיך פון פערפאלגער צו רעטען פליהט דאס פיש ארויס פון וואססער, אפט מאהל זעהר הויך איבער דעם נאוטילוס. ער קען אבער אויבען לאנג ניט פערבלייבען אונד ווי ער זאהל זיך דארט אין דער לופט ניט בעוועגען פאלט ער שליסליך ארונטער גראדע אין די אויסגעשטעלטע מויל פון דעם דעלפין. דיעזע פליהענדע פיש פערשפרייטען פון זיך א מין פאספאר־בעלייכטונג אונד ביי דער נאכט, ווען זיי פליהען אין דער לופט, דוכט זיך אויס אזוי ווי פייערדיגע שטרייפען וואלטען זיך אויסציעהען.

אויף דיעזען אופן איז דער נאוטילוס געפאהרען ביז צום 13־טען מארץ. דיעזען טאג האט דער קאפיטאן נעמא זיך אונטערגענומען צו ערפארשען די טיעפענים פון ים אין די ארומיגע געגענדען אונד איך האב מיט די גרעססטע אינטערעסע ביי דיעזער געלעגענהייט אנטהייל גענומען.

מיר זיינען ביז יעצט שוין אבגעפאהרען אונגעפעהר דרייצעהן טויזענד מייל אונד אין דיעזע געגענדען איבער וועלכע מיר פאהרען יעצט געפינען זיך די גרעססטע טיעפעניסען פון אטלאנטישען אקעאן. קאפיטאן דענהאם פון דעם שיף העראלד, האט אין דיעזע ערטער געמאסטען מיט א זאנדע אונד אראפ לאזענדיג דעם אפפאראט אויף פונפצעהן טויזענד עללען די טיעף איז ער דענאך צום גרונד ניט צוגעקומען. קורץ נאכדעם האט לייטענאנט פארקער, פון דער אמעריקאנישע פרעגאטע קאנגרעס, דיזעלבע זאנ־

דירונג אונטערגענומען ; זיין אפפאראט האט שוין דערגרייכט מיט נאך דריי טויזענד עללען טיעפער, אבער ער האט אויך קיין גרונד ניט געפונען.

קאפיטאן נעמא האט זיך בעשלאסען ארונטער צו שטייגען מיט דעם נאוטילוס אין דיעזע געפעהרליכע טיעפניסען, אום ריכטיג ביז דעם גרונד פון מעער צו קומען. איך האב זיך פארבערייטעט אלעס וואס דיעזע אינ־טערעסאנטע אונטערזוכונג וועט ערקלעהרען גענוי אויף צו נאטירען. די לאדענס פון זאלאן ווארען געעפענט ; די שרויבע האט אנגעפאנגען צו אר־בייטען מיט איהר העכסטע קראפט אונד דער נאוטילוס האט אנגעפאנגען רעגעלמעסיג אראפ צו זינקען אונטער די וואססערען.

דער קאפיטאן אונד איך זיינען געשטאנען בעטראכטענדיג דעם וויזער פון מאנאמעטער, וועלכער איז געלאפען ארום ציפער־בלאט מיט א רייסענ־דע שנעלקייט. באלד זיינען מיר ארונטער אין אזא טיעפניס וואו עס גע־פינען זיך שוין זעהר ווייניג פיש, דען דיעזע בעשעפניסע לעבען גרעסטענ־טהיילס ענטוועדער אין די אויבערשטע אדער מיטעלסטע וואססער־שיכטען ; טיעפער אונטען קענען עקסיסטירען נור א גאנץ קליינע צאהל פון אייני־גע בעוואוסטע מינים. נאך ניעדריגער אין אקעאן הערט באלד אויף דאס פפלאנצען־לעבען אונד באלד נאכדעם פערשווינדעט אויך אין גאנצען דאס טהיערישע לעבען, דען דער דרוק פון וואסער איז דא אונטען אזוי שטארק אז קיין בעשעפנים קען דא ניט עקסיסטירען.

אונזער אראפ פאהרען דויערט שוין ביינאהע א שטונדע : דער מאנא־מעטער צייגט זעקס טויזענד עללען די טיעפנים. דא געפינען זיך שוין מעהר קיינע לעבענדיגע ברואים אונד די וואססערען זיינען צום ערשטוינען דורכ־זיכטיג א שטונדע שפעטער ווארען מיר שוין דרייצעהן טויזענד עללען די טיעף, אבער עס איז נאך זאגאר קיין סימן פון גרונד ניט צו בעמערקען.

אלס מיר זיינען ארונטער נאך אויף טויזענד עללען בעמערק איך אונטען שווארצע שפיטצען וועלכע שטארצען ארוים פון אונטער'ן וואססער. עס איז אבער זעהר מעגליך אז דאס זיינען שפיטצען פון בערג וואס זיינען אזוי הויך ווי די גרעסטע אויף דער יבשה, צום ביישפיעל די הימאלאי־געבירגען אין אזיען, אדער דער מאן־בלאן אין אייראפא,, פון צוועלף ביז פופ־צעהן טויזענד פוס. אויף דיעזען אופן קענען מיר דעם ריכטיגען גרונד פון ים נאך אימער ניט וויסען.

דער נאוטילוס דרינגט אראפ נאך טיעפער. דער דרוק פון וואססער איז דא אזוי שטארק אז די שטראהלענדע וועגד פון אונזער שיף ציטערען, די אייזערנע שטאנגען פאנגען זיך אן צו בויגען. יעדע מינוט דוכט זיך מיר אז די דיקע קריסטאל־שויבען פון אונזערע פענסטער וועלען איינברעכען ; דעננאך פערזיכערט קאפיטאן נעמא אז דער נאוטילוס איז פעהיג אויך דיע־

זע שווערקייט אוים צו האַלטען, אָבוואָהל מיר געפינגען זיך שוין אין אַ טיעפנים פון זיעבצעהן טויזענד עללען.

„אָה, וואָס פיר אַ מערקווירדיגע לאַגע דאָס איז!“ האָב איך אויס־געררופען, „צו שווימען אין אַזעלכע טיעפע רעגיאָנען וואו קיין מענש אונד קיין בעשעפניס אין דער וועלט איז נאָך ניט אריין געדרונגען. זעהט נור, קאַפּיטאַן, דיעזע פּראַכטפאָלע פעלזען, דיעזע אונבעוואָהנטע היילען! אונד וואָרום זאָהל אונז פון דאָס אַלעס בלייבען נור איין איינציגע, דונקעלע עראינערונג?“

„אויב איהר ווילט“ האָט נעמאָ געענטפערט „קענט איהר דיעזע אונ־טער־וואסערדיגע אַנזיכטען אימער האָבען פאַר די אויגען.“

„וואָס מיינט איהר דאָמיט?“

„גאַנץ איינפאַך. מיר וועלען דיעזע געגענדען באַלד אָבפאָטאָגראַפירען.“

אויגענבליקליך האָט מען אויף קאַפּיטאַן נעמאָ׳ס בעפעהל געבראַכט אין זאַלאָן אַ פאָטאָגראַפישען אַפּפּאַראַט. דורך די ווייט געעפענטע לאָדענס איז די עלעקטרישע בעלייכטונג געוועזן פערשפּרייט אין די ארומיגע וואַס־סערען פאָלשטענדיג קלאָהר, אָהן אירגענד וועלכען שאָטען, זאָ דאָס אַפילו די זונען־ליכט וואָלט אונז בעסער ניט געקענט דיענען צו דיעזען צוועק. דער נאַוטילוס איז אויף איינינגע מינוטען געבליעבען שטהען אונד באַלד האָ־בען מיר געהאַט אַ קלאָהרען נעגאַטיוו־בילד פון דיעזע לאַנדשאַפטען אין גרונד פון מער; פון דיעזע אור־וועלטליכע פעלזען וואָס ווארען ניעמאָלס בעשיינט מיט דעם הימעלס ליכט; די מעכטיגע גראַניט מאססען וואָס בילדען דעם פונדאַמענט פון אונזער ערדען־באַלל. ווייטער זעהען זיך די וואונדערבאַרע בערג, וואָס פערליערען זיך ביסלאַכווייז אין אַ טיעפע, גע־היימניספאָלע דונקעלהייט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דעם געוואַל־טיגען איינדרוק פון אַזאַ בילד, גלאַט, שוואַרץ אונד לעער, קיין צייכען פון אירגענד וועלכען לעבען, אויסער דיעזע ריזענהאַפטע נאַטור־געביידען אויף דעם זאַמד טעפּיך פון מעער׳ס גרונד, וועלכע פינקלען אונטער די שטראַהלען פון עלעקטרישע בעלייכטונג.

באַלד נאָך דעם ווי דיעזע ארבייט וואר פערטיג האָט קאַפּיטאַן נעמאָ צו מיר געזאָגט:

„יעצט וועלען מיר צוריק ארויף שטייגען, הערר פּראָפעסאָר, עס איז צו פיעל ריזיקאַליש לענגער צו האַלטען דעם נאַוטילוס אונטער אַזאַ שווע־רען דרוק. האַלט זיך צו!“

איידער איך האָב נאָך געקענט בעגרייפען וועגען וואָס ער זאָגט די לעצטע ווערטער בין איך געשטירצט געוואָרען צום באָדען. אויף דעם קאַפּי־טאַן׳ס סיגנאַל האָט די שרויבע אויפגעהערט צו ארבייטען אונד דער נאַוטילוס

איז אַרויף געשאָסען ווי אַ באַלאָן אין דער לופט. די מאַכט וואָס טרייבט אונזער שיף אַרויף איז אַזוי שטאַרק אַז אין פערלויף פון פיער מינוטען איז זי אַרויס געשפּרונגען הויך איבער'ן וואַססער אונד אַראָפּ געפאַלען צוריק אַזוי ווי מיט אַ דונער־קראַך.

12־טעם קאַפּיטעל.

אַ קאַמפּף מיט פיש.

די העכערע געגענדען פון אונזער ערדען־באַאַל, אָדער ווי מען רופט זיי געוועהנליך די עקוואַטאָר־לענדער, ציהען זיך פון מזרח נאָך מעריב. וואָס ניעדריגער אַראָפּ צו ביידע זייטען וועלט, פון צפון אונד דרום, פאַנגט אָן צו ווערען קעלטער אונד קעלטער, דער אייז־מעער אויף צפון־זייט איז שרעקליך מיט זיינע אונגעהויערע אייז־בערג אונד אייז פעלדער, דעננאָך האָבען שוין פערשיעדענע שיפען ווייט אין איהם אריין געדרונגען; דאַגע־גען איז אָבער דער אייז־מעער פון דרום־זייט נאָך פיעל מעהר פורכטבאַר. די קעלטען זיינען דאָ פיעל שטאַרקער אונד די אייז־בערג אַזוי משונה'דיג גרויס אַז זיי צאַמען פאָלשטענדיג אָב יענע געגענדען, וואו קיין שיף איז נאָך ביז יעצט ניט אים שטאַנד געוועזען זאָגאַר די קלענסטע שטרעקע דורך צו געהען. דער נאָרד־פּאָל הייסט דאָס ענדע פון דער וועלט אויף צפון־זייט, דיזעלבע ענדע ביי דרום־זייט הייסט זיד־פּאָל. די מערדיאַנען, אין וועלכע אונזער ערדען־באַאַל איז איינגעטהיילט, פאַנגען זיך אָן צו צעהלען פון עקוואַטאָר צו די פּאָלען, צו נײַנציג פון ביידע זייטען. אין די נאָרד־געגענדען זיינען שוין מאַנכע שיפען געקומען ביז איבער דעם אכציגטען מער־יאַדען, דאַגעגען האָט אָבער אין זידליכען אייז־מעער קיינער ניט געקענט אַראָפּ ניעדריגער ווי איבער די זעבציגטע מערידיאַנס, מיט אויסנאַהמע פון איינינע פונקטען.

וועהרענד די נאַכט פון פיערצעהנטען מאַרץ איז דער נאַוטילוס גע־פאָהרען אימער וויטער נאָך דרום־זייט. איך גלויב נאָך אימער אַז קאַפּי־טאַן נעמאָ וועט זיך אַרום שיפען דעם קאַפּ־האָרן, אום ענדליך צוריק צו קעהרען אין די וואַססערען פון שטילען אָקעאַן אונד דאַמיט זיין רייזע אַרום די וועלט ענדיגען, דען עס איז דאָך ניט מעגליך ער זאָהל זיך בעגעבען גראַדע אין זידליכען אייז־מעער, צום זיד־פּאָל; דאָס וואָלט ווירקליך גע־ווען אונזיניג.

דער קאנאדיער האט מיט מיר די לעצטע צייטען מעהר ניט גע־רעדט וועגען זיינע ענטלויפונגס־פראיעקטען. ער געהט ארום אימער בייז אונד שטיל. איך זעה וואס פיר א שווערען איינדרוק אויף איהם מאכט די גע־פאנגענשאפט אונד אז זיין איינגעהאלטענער צארן דאריבער שטייגט אימער מעהר. ווען ער בעגעגענט זיך מיט דעם קאפיטאן פינקלען זיינע אויגען מיט איין אונהיימליכען פייער, אונד איך מוז ווירקליך מורא האבען אז עדווארד'ס היטציגער כאראקטער זאהל איהם ניט ברענגען צו א געפעהר־ליכען סקאנדאל.

דען 14 מארץ איז ער מיט מיין דיענער קאנסייל אריין געקומען אין מיין צימער. איך פרעג וועגען די אורזאכע פון זייער בעזוך.

„איך וויל אייך נור איין איינפאכע פראגע שטעלען, העדר פראפעסאר." רופט זיך עדווארד אב „ווי פיעל מאן גלויבט איהר געפינען זיך אויפ'ן נאוטילוס?"

„דאס קען איך גענוי ניט ערקלעהרען, מיין פריינד."

„אבער מיר שיינט אז אום דיעזע שיף צו פיהרען דארף מען קיין גרויסע מאנשאפט ניט האבען."

„דאס איז שוין ריכטיג" האב איך איינגעשטימט „נאך מיין מיינונג זיינען פיר דעם נאוטילוס צעהן מאן פאלקאמען גענוגענד, דעננאך איז וואהרשיינליך אנצונעהמען אז אויפ'ן נאוטילוס געפינען זיך פיעל מעהר פערזאנען."

„פארוואס?" פרעגט עדווארד מיט גרויס שפאנונג.

איך בעטראכט דעם קאנאדיער מיט אויפמערקזאמע בליקען, דען עס איז גאנץ לייכט זיינע אבזיכטען צו פערשטעהען.

„איהר פרעגט פאר וואס?" האב איך זיך אבגערופען „נון, דאס איז גאנץ איינפאך; ווי פיעל איך קען ביז יעצט פערשטעהען איז דער נאו־טילוס הויפט זעכליך בעשאפען צו דיענען אלס נייע היימאטה פיר אזעלכע מענשען וואס ווילען מעהר ניט וואהנען אויף דעם טרוקענעם לאנד. קאפי־טאן נעמא האט ביי זיך ניט איינפאכע מאטראזען זאנדערען קאמעראדען, וואס ווילען טהיילען זיין מערקווירדיגען שיקזאל."

„דאס איז זעהר מעגליך" האט קאנסייל זיך אבגערופען „אבער אם ענדע קען דאך דער נאוטילוס נור א געוויסע צאהל מענשען ענטהאלטען אונד דער העדר קען דאך אבשאצען אונגעפעהר ווי פיעל זייערע זיינען."

„אויף וועלכען אופן, קאנסייל?"

„דורך איין איינפאכע רעכנונג. דער העדר וויים דאך ווי פיעל לופט דיעזע שיף בעזיצט אונד דאצו אויך ווי פיעל לופט יעדער מענש מוז פער־ברויכען. דער נאוטילוס מוז יעדע פיער אונד צוואנציג שטונדען פרישע

לופט שעפען ; אלזא איז דאן מעגליך פון דיעזעביידע רעכענונגען צו וויססען —"

„איך פערשטעהע וואס דו ווילסט זאגען" האב איך איהם זיינע רייד איבער געהאקט „די רעכנונג איז פאלגענדע : יעדער מענש מוז האבען צו זיין אטהמען פיר יעדע שטונדע אזוי פיעל זויער־שטאף ווי פיעל עס ענטהאלט זיך אין הונדערט ליטער לופט. אין פיער אונד צוואנציג שטונדען אלזא פאדערט זיך צוויי טויזענד פיער הונדערט ליטער. עס בלייבט אונז אלזא נור איבריג צו וויסען ווי פיעל מאהל צוויי טויזענד פיער הונדערט ליטער עס ענטהאלטען זיך אין דעם נאוטילוס."

„גאנץ ריכטיג" זאגט קאנסייל.

אונזער שיף איז גרויס פונפצעהן הונדערט טונען ; יעדע טון בעשטעהעט פון טויזענד ליטער לופט. צוטהיילענדיג דיעזע צאהל אויף צוויי טויזענד פיער הונדערט, בעקומען מיר זעקס הונדערט פינף אונד צוואנציג. דאס הייסט אלזא אז דער נאוטילוס ענטהאלט אין זיך אזוי פיעל לופט ווי פיעל עס איז נויטהיג פיר זעקס הונדערט פינף אונד צוואנציג מאן יעדען מעת־לעת.

„זאלען מיר גלויבען אז אויף דעם נאוטילוס געפינען זיך ווירקליך אזוי פיעל מענשען ?" איז עדוארד איבערראשט געווארען.

„דאס הייסט, עס ק ע נ ע ן זיך דיעזע צאהל מענשען געפינען" האב איך ערוויעדערט „אין דער ווירקליכקייט זיינען דא וואהרשיינליך קיין צעהנטע טהייל דאפון ניטא. אבער אויך אין דיעזען פאל, מיין גוטער עדוארד, זיינען זיי פיר אונז א צו גרויסע מאכט, אונד איך קען אייך נור ראטהען ביז א צייט געדולד צו האבען."

„אויסער דעם" האט קאנסייל זיך אבגערופען „קען דאך קאפיטאן נעמא אייביג ניט פאהרען נאך זידען. די גרויסע אייז־בערג וועלען דאך שליסליך אבהאלטען זיין וויייטע רייזע, דאן וועט ער מוזען צוריק קעהרען אין אנדערע מעהר בעוואהנטע געגענדען אונד אויך דאן וועלען מיר צייט האבען וועגען עדוארד'ס פראיעקטען צו דענקען."

דער קאנאדיער האט זיך א גלעט געטהאן מיט'ן האנד איבער'ן שטערען אונד איז ארויס געגאנגען.

„ארמער עדוארד !" האט קאנסייל אוים געשפראכען איהם נאכבליקענדיג „דאס איז שוין וואהרשיינליך זיין כאראקטער אזעלכער צו פערלאנגען גראדע אזא זאך וואס איז אונמעגליך אונד די הינדערנים געגען זיין וואונש רייצען איהם נאך מעהר אויף. אלע זיינע געדאנקען זיינען נור געווענדעט אויף די איין זאך ווי אם שנעלסטען פון נאוטילוס בעפרייט צו ווערען, דען וואס זאהל ער אייגענטליך טהון ? ער איז קיין געלעהרטער, ווי

דער הערר, אונד די וואונדער פון ים קענען איהם ניט אינטערעסירען. ביי איהם האָט אַ סך מעהר ווערטה ווען ער זאָהל קענען בעזוכען אַ שענק אין זיין היימאטה לאַנד."

אין דער טהאט איז עס ווירקליך אַזוי. עדוארד איז געוואָהנט צו אַ קראַפּטפּאָלען, טהעטיגען לעבען אונד דיעזע לאַנגוויליגע צייט, דאָס לע־דיג ארומגעהען, איז פיר איהם איין אָבקומענים. דעננאָך האָט באַלד גע־טראָפען אַ צופאַל וואָס האָט איהם געמוזט עראינערען זיינע אַמאָליגע פרעה־ליכע טעג, ווען ער איז ארום געפאָהרען אַלס הארפּוניער מאכען יאגד אויף די וואַלפישען.

ארום עלף אוהר פאָרמיטאָג, שווימענדיג אויפ'ן וואססער, האָט דער נאוטילוס בעגעגענט פון ווייטען אַ גאַנצע טרופּפּע וואַלפישען. עס טרעפט געמליך זעהר אָפט אַז די טהיערע ווען זיי ווערען שטאַרק פערפאָלגט, ענטלויפען אין די ווייטע איינזאַמע ערטער פון מעער. זיי געפינען זיך איבער הויפּט איןביידע אייז־מעערען פון זידען אונד נאָרדען.

מיר זיינען צו דיעזער צייט געזעסען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. דער מעער וואר גאַנץ רוהיג. אין מאַרץ מאָנאט, ווען אין דיעזע געגענדען פאַנגט זיך אָן דער הערבסט, איז דאָס וועטער מייסטענטהיילס זעהר קלאָהר. דער קאַ־נאדיער האָט מיט זיין ערפאַרענעם בליק צוערשט ענטדעקט אַ גרויסען וואַל־פיש. אונגעפעהר פינף מיילען ווייטער פון אונזער שיף, נאָך דער ריכטונג פון מזרח־זייט.

אך !" האָט עדוארד אוים גערופען מיט בעדויערען „ווען איך וואָלט יעצט געווען אויף אַ יעגער־שיפעל !" זעהט וואָס פיר אַ פראַכטפאָלעס טהיער ! ווי מעכטיג ער שפריצט ארוים פון זיינע נאָז־לעכער די וואססער־זיילען ! טויזענד טייוועל, אַז איך מוז זיין צוגעבונדען צו דיעזע פערדאַמטע שטיק אייזען !"

„האָט איהר נאָך אימער ניט פערגעסען אייער לוסט צום וואַלפיש־יאגד, עדוארד ?" האָב איך איהם געפרעגט.

„אָה, מיין הערר !" האָט דער הארפּוניער אוים גערופען מיט בע־גייסטערונג „איהר האָט קיין בעגריף ניט וואָס פיר אַ פערגניגען אַזאַ יאגד מאכט. די אויפרעגונג, די בעוועגונג ! —"

„אין דיעזע מעערען, עדוארד, זייט איהר נאָך קיין מאָהל ניט געווען ?"

„ניין, מיין הערר, נור אויף דעם נאָרדליכען אייז־מעער, אָבער דאָרט איבעראַל, ווי אין בערינגס־קאנאַל, צווישען אַזיען אונד אַמעריקאַ, זאָ אויך אין דייווים־קאנאַל, נאָהענט ביי גרענלאַנד."

„דאַן קענט איהר נאָך דעם זידליכען וואַלפיש ניט. יענע, אויף וועל־כע איהר האָט געמאכט יאגד ביי גרענלאַנד, וועלען קיין מאָהל ניט קור־

מען אהער. דען עס איז פאר זיי ניט מעגליך דורך צו שווימען די ווארמע וואססערען פון די עקוואטאר־געגענדען. איבערהויפט האט יעדע גאטונג פון דיעזע טהיערע איהרע בעשטימטע ערטער אין מעער, וועלכע זיי פער־לאזען ניעמאלס גאנץ ווייט. עס קען א מאהל טרעפען אז אזא וואלפיש בעגיעבט זיך פון בערינג אין דייוויס קאנאל, אבער דארט מוז אירגענד וואו זיין א דורכגאנג, ענטוועדער ביי די אמעריקאנישע אדער אזיאטישע זייט.״

„אבער זעהט נור, זעהט !״ האט עדוארד אויסגערופען מיט א ענט־ציקטע שטימע „דא קומט איינער גראדע צו אונז, אזוי ווי ער וואלט נור וועלען מיך אויף רייצען. ער ווייס וואהרשיינליך אז איך קען איהם יעצט גאר ניט טהון.״

דער הארפוניער גיעבט א זעץ מיט די פיס אין באדען אונד שטעלט אויס די פויסט, אזוי ווי ער וואלט יעצט האבען אין האנד א הארפונע. א קורצע צייט איז ער אזוי געשטאנען, בעטראכטענדיג אויפמערקזאם די שווימענדע טהיערען, דאן האט ער זיך צו מיר געווענדעט פרעגענדיג :

„זיינען דיעזע וואלפיש אזעלכע גרויסע ווי יענע אין דעם נארד־ליכען אייז־מעער ?״

„יא, עדוארד, ביינאהע אזוי גרויס.״

„דען איך מוז אייך זאגען אז מיר איז אויס געקומען צו בעגעגנען וואהרע ריעזען פון דיעזען זארט, אזעלכע וואס זיינען ביז הונדערט אונד פונפציג פוס לאנג. מען האט מיר אויך ערצעהלט אז עס גיעבט ביי די אלעאוטישע אינזלען נאך פיעל גרעסערע פון דיעזע ברואים.״

„נון, דאס איז עטוואס איבערטריעבען״ האב איך ערוויעדערט „די היעזיגע זארטען פון זיי, זא אויך די פאטפישען, זיינען א רעכטע ביסעל קלענער.״

„איהר זאגט אז דער פאט פיש איז א קליינעס טהיער ?״ האט עדוארד זיך געוואונדערט „דאך האב איך געהערט אנדערש. מען ערצעהלט נעמליך ביישפיעלען פון אזעלכע וואס זיינען אונגעהויער גרויס. דאצו בעהויפטעט מען נאך אז מאנכע פון זיי זיינען זעהר קלוג. זיי בערדעקען דעם קערפער מיט אלגען אונד מעער־גראז, דאן בלייבען זיי רוהיג ליעגען אויפ׳ן וואססער. די רייזענדע, גלויבענדיג אז דאס איז א אינזעל, שטייגען אראפ פון שיף בעזעטצען זיך דארט, מאכען אויף איהם פייער —״

„אונד בויען זיך אויס הייזער.״ האט קאנסייל געלאכט.

„געננג שוין לאכען !״ איז עדוארד בייז געווארען „מיר האט מען דאס ערצעהלט אז דאס טהיער לאזט זיך דאן ארונטער אונד דערטרינקט אללע מענשען וואס זיטצען אויף איהם.״

„נון, דאָס איז אַ מעשה פון טויזענד און איין נאַכט" האָב איך זיך אָבגערופען לאַכענדיג „איך האָף אַז איהר זייט פערנינפטיג גענוג און אַזעלכע פּלוידערייען ניט צו גלויבען."

„אַה," האָט עדוארד פּלוצלונג אויס גערופען, בעטראַכטענדיג אויפמערקזאם דאָס מעער „דאָס איז אַלזאָ ניט איין וואַלפיש, צעהן, צוואַנציג, אַ גאַנצע גרופּע ! אונד איך מוז שטעהן אונד בלויז קוקען !"

„אָבער, פריינד עדוארד" האָט קאָנסייל געזאָגט „פאַר וואָס זאָלט איהר ניט בעטען דעם קאַפּיטאַן נעמאָ אום ערלויבניס זיך אויף די יאַגד צו בעגעבען ?"

איידער קאָנסייל האָט נאָך בעוויזען דיזע ווערטער אויס צו שפּרעכען איז שוין דער קאָנאַדיער אַראָפּ געשפּרונגען אונטען, אום דעם קאַפּיטאַן אויף צו זוכען. אייניגע מינוטען שפּעטער זיינען זיי ביידע אַרויף געגאַנגען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. קאַפּיטאַן נעמאָ בעטראַכט די גרופּפּע וואַלפישען, וועלכע שווימען לוסטיג אַרום אין וואַססער, אונגעפעהר אַ מייל ווייט פון נאַטילוס.

„יאַ, דאָס זיינען זידליכע וואַלפישען" האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט פיר אַ פּלאָטע יעגער וואָלט דאָ געווען גענוג אַרבייט."

„נון, מיין הערר" האָט עדוארד געבעטען „ערלויבט מיר זיך אַרויס צו שיפען אויף די יאַגד, איך זאָהל וועניגסטענס מיין פּראָפעסיאָן ניט פערגעסען."

„צו וואָס ?" האָט דער קאַפּיטאַן ערוויעדערט „יאַגד מאַכען אום נור צו פערניכטען ? דאָס פלייש פון דיזע טהיערע קען מען דאָך ניט געברויכען, נור דעם טהראָן, וועלכען מיר דאַרפען גאַר ניט אויף דעם נאַוטילוס."

„דאָך האָט איהר מיר אויפ׳ן רויטהען מעער ערלויבט אַ דוגאָנג צו פערפאָלגען."

„יאַ, ווייל זיין פרישעס פלייש האָט געקענט נוטצען פיר אונז אונד די מאַנשאַפט. דאָ האַנדעלט זיך אָבער אומזיסט לעבענדיגע בעשעפּעניסע צו טויטען. איך ווייס זאָגאַר אַז מענשען האָבען זיך גענומען אַזאַ רעכט, אָבער ביי מיר קענען אַזעלכע מערדערישע צייט־פערטרייבונגען ניט גילטען. דעם נאַרדליכען וואַלפיש האָט מען שוין פאַסט אין גאַנצען פערניכטעט אונד יעצט ווילט איהר דאָס זעלבע טהון דאָ אין זידען. עס איז ווירקליך שאַדע אַז מען זאָהל אַזאַ קלאַססע פון ניטצליכע טהיערע אויסראָטען. לאָזט בעססער די אַרמע וואַלפישען צו פריעדען. זיי האָבען גענוג אָהן אייך נאַטירליכע פיינדע, די פּאָטפישען אונד נאָך אַנדערע אַזעלכע רויבערישע ברואים."

מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פיר אַ געזיכט דער קאַנאַדיער האָט

געמאכט הערענדיג דיעזע מאראלישע לעקציאן. אויף אזא פערברענטען יעגער ווי ער איז קענען נאטירליך אזעלכע ווערטער גאר קיין איינדרוק ניט מאכען. עדוארד האט א בליק געגעבען אויפ'ן קאפיטאן אזוי ווי דיע־זער וואלט איהם אומגליקליך געמאכט. דאך מוז מען צוגעבען אז נעמא איז פאלשטענדיג גערעכט; די בארבארישע יאגדען פון די וואלפיש־פענגער וועלען ווירקליך מיט דער צייט דיעזע אונשולדיגע טהיערע אין גאנצען פערטיליגען.

עדוארד לענד ווענדעט זיך אב אונד אריין שטעקענדיג די הענד אין די טאשען פייפט ער פון ערגערניס יענקי דודל. דער קאפיטאן נעמא רופט זיך אונטערדעסען אב צו מיר:

„איהר זעהט ווי ריכטיג איך האב געזאגט, אז די וואלפישען האבען גענוג פיינדע אהן דעם מענשען? בעטראכט נור אכט מיילען וויטער אונטער'ן ווינד די שווארצליכע פונקטען וואס בעוועגען זיך דארט."

„איך זעה, קאפיטאן."

„נון, דאס זיינען די רויבערישע פאטפישען; פירכטערליכע טהיערע, וועלכע איך האב אפט אנגעטראפען אין גרויסע מאססען, פון צוויי ביז דריי הונדערט. אט אזעלכע גרויזאמע, שעדליכע ברואים צו פערניכטען איז ווירקליך גאנץ רעכט."

עדוארד ווענדעט זיך האסטיג אום ביי דיעזע ווערטער. ער וואלט שוין פערטיג געווען זאגאר געגען די פאטפישען צו געהען קעמפפען.

„אויב אזוי, קאפיטאן" האב איך זיך אבגערופען, איז נאך יעצט צייט, שיקט ארוים א שיפעל —"

„ניין, הערר פראפעסאר," ערוויעדערט דער קאפיטאן „עס איז ניט נויטהיג אין אזא געפאהר זיך צו בעגעבען. דער נאוטילוס וועט שוין אליין מיט זיי פערטיג ווערען. זיין שטאהלענער שנאבעל קען גראדע אזוי פיעל אויפטהון ווי מייסטער לענד'ס הארפונע."

דער קאנאדיער קוועטשט מיט די שולטערן. אנגרייפען פיש מיט א שנאבעל פון א שיף, דאס איז גאר אונגלויבליך.

„ווארט נור, הערר אראנאקס," האט דער קאפיטאן וויטער געשפראָ־כען „מיר וועלען אייך באלד צייגען א יאגד פון וועלכע איהר האט גאר קיין בעגריף ניט. אויף דיעזע העסליכע ווילדע טהיערע איז ניט דא וואס מיטלייד צו האבען. זיי בעשטעהען אין גאנצען נור פון מויל אונד ציינער."

מויל אונד ציינער! יא, דאס איז די ריכטיגע בעשרייבונג פון דיעזע מיאוסע בעשעפנים, וועלכע איז ביז דרייסיג עללען די לענג, אבער דער קאפף פערנעהמט מעהר ווי א דריטעל פון גאנצען קערפער. דער פאט־פיש איז בעססער בעוואפענט ווי דער וואלפיש, וועלכער בעזיצט נור

קליינע צײנדלאך פון פיש־ביין, וועהרענד דיעזער האט אין זיין מויל פינף אונד צוואנציג רייהען שארפע שפיטציג ציינער פון וועלכע יעדער וועגט ניט וועניגער ווי צוויי פונט. אין דעם אויבערשטען טהייל פון דיעזען אונ־געהויערען קאפף געפינט זיך פון זעקס ביז אכט הונדערט פונט אייל, וועלכער איז זעהר קאסטבאר, אונד בעוואוסט אונטער דעם נאמען „וואל־ראטה" דער פאטפיש איז ווירקליך זעהר מיאוס. די גאנצע לינקע זייט פון זיין קערפער איז ניט ענטוויקעלט, זא דאס ער זעהט נור מיט די רעכטע אויג.

אונטערדעסען זיינען די גרופפען פון דיעזען אונגעהויער געקומען אי־מער נעהענטער. זיי האבען די וואלפישען בעמערקט אונד זיינען שוין פער־טיג געווען זיי צו בעפאלען. עס איז קיין צווייפעל ניט אז זיי וועלען די וואלפישען פערניכטען, דען אויסער די קראפט פון זייערע ציינער בעזיט־צען זיי נאך איין אנדער פעהיגקייט, לענגער צו פערבלייבען אונטער'ן וואססער אלס זייערע געגנער, ווייל די פאטפישען דארפען ניט אזוי אפט אטהמען פרישע לופט.

עס וואר שוין די העכסטע צייט די וואלפישען צו הילף צו קומען. דער נאוטילוס האט זיך עטוואס ארונטער געלאזען אונטער'ן וואססער. קאנ־סייל אונד עדוארד זעטצען זיך נעבען מיר ביי'ן פענסטער פון זאלאן. דער קאפיטאן נעמא האט זיך בעגעבען אין דאס הייזעל פון שטייערמאן, איהם העלפען דעם נאוטילוס ריכטיג אומווענדען, ער זאהל יעצט דיענען אלס פערניכטונגס־מאשינע. באלד האט די שרויבע אנגעפאנגען שטארקער צו קלאפען אונד דאס שיף זיך שנעלער צו בעוועגען.

דער קאמפף צווישעןביידע מינים פישען האט שוין אנגעפאנגען אלס דער נאוטילוס איז אויף די שטעלע געקומען. דורך זיין מאנעווערירען האט ער באלד די פאטפישען פערהינדערט דעם אנגריף. אנפאנגס האבען זיי גאנץ גלייכגילטיג געקוקט אויף דיעזען נייעם אונגעהויער וואס מישט זיך צווישען זיי, אבער באלד מוזען זיי שוין פיהלען זיינע פורכטבארע שטויסען.

וואס פיר א מערקווירדיגער קאמפף! עדוארד קוועלט פאטשענדיג מיט די הענד בראווא. דער נאוטילוס קומט איהם פאר ווי א ריעזען־הארפונע, וועלכער דער קאפיטאן שליידערט מיט א שרעקליכע קראפט. דער שטאהלע־נער שנאבעל פון שיף ווארפט זיך אין די מאססען פון די רויבערישע פיש אונד צושניידט זיי אויגענבליקליך אויף העלפט, זא דאס הינטער איהם צאפלען זיך אימער שטיקער פון זייערע צוריסענע קערפער. די רויבערישע פאט פישען בעפאלען איהם, שלאגענדיג מיט זייערע שטארקע עקען, אבער דער נאוטילוס שפיערט עס נאטירליך ניט. ער פערניכטעט איין פאט פיש

נאָך דעם אנדערען ; פערפאָלגט זיי נאָך אַלע ריכטונגען ; שטירצט ארונ־טער טיעפער אין וואססער, דערשטעכט איין ענטלאָפענעם פאָט פיש, דאַן פליהעט ער שנעל ארויף צוריק, שניידט אונד רייסט וואו ער גיעבט זיך נור א קעהר אונד א ריהר, פערניכטענדיג אונד טויטענדיג די רויבערישע ברואים.

א וואהרע שלאַכטעריי ! עס קאָכט ארום אין די וואססערען. די ענטזעטצליכע טהיערע פייפען אונד שנאָרכען מיט זייערע וויעדערליכע שטי־מען. שוין א גאַנצע שטונדע ווי דער נאוטילוס קעמפפט געגען די אונגע־הויערס. אייניגע מאָהל פּרובירען צעהן אָדער צוועלף צוזאמען בעפאלען דעם נאוטילוס. מען זעהט דורך דעם פענסטער זייערע געפעהרליכע ציינער, די גיפטיגע בליקען פון זייער פירכטערליכע אויגען. עדוארד שפּרינגט אונד טאַנצט ווי א וואהנזיניגער, מאַכט צו זיי מיט'ן פויסט אונד לאַכט זיי אוים. מיר הערען ווי זיי קלאַממערען אונד בייסען זיך איין צו אונזער שיף ווי די בייזע הינד, אָבער דער נאוטילוס שליידערט זיי אָב מיט די מאכט פון זיין שרויבע, שלעפּט מיט זיך אונד ציהעט זייערע שווערע קערפּערס איבער'ן וואססער ווי א שפּיעל צייג, ווערענד זיי קענען איהם גאָר ניט שאַדען.

ענדליך איז פון די מענגע פאָט פישען ניט פיעל איבער געבליעבען ; די אויפגערעגטע וועללען זיינען וויעדער רוהיג געוואָרען. דער נאוטילוס שטייגט צוריק ארויף איבער'ן וואססער אונד מיר בעגיעבען זיך שנעל אויפ'ן פּלאַטפאָרם.

דאָס גאַנצע מעער איז ווייט ארום בעדעקט מיט צוריסענע שטיקער קערפּערס. די שרעקליכסטע דינאמיט־באָמבעס וואָלטען ניט געקענט אזוי פיעל צורייסען, צושניידען אונד פערניכטען. מיר שווימען דורך א מאססע טויטע ריעזען־קערפּער, נור אייניגע פאָטפישען זיינען אין דעם גרעסטען ענטזעטצען ענטלאָפען אונד פערשוואונדען. מיילען ארום זיינען די וועללען אָבגעפאַרבט רויטה אונד דער נאוטילוס פאָהרט יעצט דורך א וואהרען בלוט־מעער.

יעצט איז קאַפּיטאַן נעמא צו אונז ארויס געקומען.

„נון מייסטער לאַנד ?" גיעבט ער דעם קאַנאַדיער א פרעג.

עדוארד איז שוין יעצט ניט אזוי בעגייסטערט אונד ענטציגט ווי פריה־הער אין זאלאַן, דען דיעזע אונגעהויערע פערניכטונגס־סצענע האָט ניט ווי־לענדיג אויף איהם איין גאַנץ אַנדערען איינדרוק געמאַכט.

„יא, מיין הערר," האָט ער זיך אָבגערופען „דער נאוטילוס קען ווירק־ליך קעמפּפען. איך, אַלס יעגער, מוז אָבער זאָגען אז דאָס איז קיין יאגד, זאָנדערען א שלאַכטעריי."

„דאָס איז אַ פערניכטונג פון שעדליכע טהיערע" ערוויעדערט ־ער קאַפּיטאַן „מיין נאוטילוס איז קיין שלאַכט־האַק ניט."

„מיר איז דעננאָך מיין הארפונע פיעל ליעבער." ענטפּערט עדוארד.

„נון, יעדער האָט זיין וואפען" זאָגט דער קאַפּיטאַן, ווארפענדיג אויף דעם קאַנאַדיער אַ שארפען בליק.

איך האָב שוין מורא געהאַט אַז דיעזער געשפרעך וועט זיך ענדי־גען מיט איין אונאַנגענעהמע סצענע. צום גליק זיינען מיר אַלע יעצט אויפמערקזאַם געוואָרען אויף איין אַנדער זאַך. אַ זי פון אַ וואַלפיש איז קוים שלעפענדיג צו געשוואומען אונד געבליעבען ליעגען טויט. איהר בויך איז געווען דורכגעביסען פון דעם געגנערס שטאַרקע ציינער אונד ביי איהר ברוסט העננגט איהר טויטער יונגע, וועלכע זי איז ניט אים שטאַנד געווען צו רעטען. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט געהייסען צו פאַהרען נעהענטער, צוויי מאַט־ראָזען זיינען אַראָפּ געשטיגען אויף איהר קערפּער אונד איך זעה מיט ער־שטוינען ווי זיי פאַנגען אָן צו מעלקען איהרע בריסט, אין וועלכע עס ענט־האַלט אין זיך מילך פון צוויי ביז דריי טונען.

דער קאַפּיטאַן האָט מיר אָנגעבאָטען אַ טאַש פון דיעזען וואַרמען מילך. איך האָב מיט אַ שוידער איהם ערקלעהרט אַז עס עקעלט מיך דאַפון, אָבער ער פערזיכערט אַז דאָס מילך איז פּאָרטרעפליך. גראַדע אַזוי גוט ווי פון אַ קוה. איך האָב עס שליסליך פערזוכט אונד אויסגעפונען אַז דאָס איז פאָלקאָמען ריכטיג. פיר אונז איז דאָס איין ניטצליכער פּראָדוקט, פון וועלכען מען וועט מאַכען פּוטער אונד קעז, אַלס איין זעהר אַנגענעהמע שפּייזע פיר דעם טעגליכען געברויך.

פון דיעזען טאָג אָן בעמערק איך מיט גרויס זאָרג אַז עדוארד איז אימ־מער מעהר געגען קאַפּיטאַן נעמאָ אויפגעבראַכט. פון דעם קאַנאַדיער'ס היט־ציגען כאַראַקטער איז אַלעס צו ערוואַרטען, דארום האָב איך בעשלאָסען אויף איהם שטענדיג אַכטונג צו געבען.

13־טעם קאַפּיטעל.

די אייז בערג.

דער נאָוטילוס פאָהרט ווייטער נאָך זידען דורך דעם פינפציגטען מערי־דיאַן. (די ברייט פון אַ מערידיאַן איז אונגעפעהר 69 מייל.) מיינט נעמאָ ווירקליך זיך צו בעגעבען ביז צום פּאָל ? ווייס ער דען ניט אַז אַלע בע־

מיהונגען אהין אריין צו דרינגען זיינען ביז יעצט געווען אומזיסט ? אוי־סערדעם איז דאָך שוין באַלד אַפּריל מאָנאַט, די צייט פון הערבסט אין דיעזע געגענדען, אונד דאַן וועלען זיך אָנפאַנגען שטרענגע קעלטען.

דעם 14 מאַרץ בעמערק איך אויף'ן מעער שטיקער שווימענדע אייז, וועלכע ווייזען אוים ווי קלענערע פעלזען פון צוואַנציג ביז פינף אונד צוואַנציג פוס. דער נאַוטילוס האַלט זיך פעסט אויבען אויף'ן וואַססער. ער־וואַרד איז שוין בעקאַנט מיט אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט געזעהן אין דעם נאָרדליכען אייז־מעער, אָבער איך אונד קאָנסייל זעהן עס צום ער־שטען מאָהל.

ווייטער נאָך דרום זייט בעטראַכטען מיר אין דער לופט בליטצענדע ווייסע שטרייפען. אַ שיין וואָס דער געדיכטעסטער נעבעל קען ניט פער־דעקען ; דאָס שלאָגט אָב דער ווידער שיין פון די גרויסע אייז־פעלדער.

אין דער טהאַט האָבען באַלד זיך אָנגעפאַנגען צו בעווייזען גרעסע־רע אייז־שטיקער, וועלכע גלענצען זאָגאַר אין פערשיעדענע פאַרבען. אייני־גיגע פון דיעזע מאַססען זיינען דורכגעוועבט מיט גרינע אָדערען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען בעגאָססען מיט שוועבעל־זויערען קופּער. אַנדערע ווייזען אוים ווי אונגעהויערע אַמעטיסט־שטיינער, וועלכע שפּיעגלען זיך אָב אין די ליכט שטראַהלען. נאָך מעהרערע שיינען מיט טויזענדע קריסטאַל־פונ־קען אונד שטעלען פאָר אַ מערקווירדיגע בילד ווי אַ גאַנצע שטאָדט פון מאַרמאָר. וואָס ווייטער מיר קומען נאָך זידען ווערען דיעזע שווימענדע אינ־זלען צאָהלרייכער אונד גרעסער.

קאַפּיטאַן נעמא געפינט זיך יעצט שטענדיג אויף'ן פּלאַטפאָרם, בע־טראַכטענדיג אויפמערקזאַם דיעזע וויסטע געגענדען. ער בעגיעבט זיך זעהר אָפט אין דאָס הייזעל פון שטייערמאַן, אום דעם נאַוטילוס מיט אַ געשיקטע האַנד צו פיהרען אונד אוים צו מיידען די אָנשטויסונגען געגען גרעסערע שטיקער אייז, וועלכע זיינען שוין אין דיעזע געגענדען אייניגע מיילען לאַנג אונד פון אַכציג ביז הונדערט עללען די הויך. אָפט האָט עס אויסגעזעהען אַז דער וועג געגען אונז איז פאַלשטענדיג אָבגעשלאָסען. ביי'ן זעכציגסטען מערידיאַן איז שוין דאָס מעער איבעראַל בעדעקט מיט אייז, אָבער קאַפּיטאַן נעמא געפינט נאָך אימער אירגענד וואו אַ שמאָלען דורכגאַנג אונד פאָהרט דרייסט ווייטער, אָבוואָהל ער וויים אַז הינטער אונזער שיף שליסט זיך דער אייז פעסט צוזאַמען אונד עס בלייבט קיין וועג צוריק צו פאָהרען.

אויף דיזען אופן שווימט דער נאַוטילוס זעהר געשיקט פאַרביי הויכע אייז־בערג דורך אונענדליכע אייז־פעלדער אָדער בעוועגליכע אינזלען. די טעמפּעראַטור איז שוין גאַנץ ניעדריג, אָבער מיר זיינען געשיצט געגען

די קעלט, געקליידעט אין פעלץ פון ראבען, אָדער ים־בערען. אין נאוטילוס איז די לופט אימער רעגעלמעסיג ווארעם דורך די הייצונג פון דעם עלעק־טרישען אפפאראט. אויסערדעם ווען אונזער שיף זאָהל נור ארונטער שווי־מען אייניגע עללען אין ים דאן שפּיערען מיר שוין ניט די קעלט וועלכע הערשט אויבען אין דער לופט.

צוויי מאָנאטען פריהער וואָלטען מיר אין דיעזע געגענדען געפונען די צייט ווען די זונן געהט גאָר ניט אונטער אונד עס איז דורכאויס טאָג ; יעצט איז שוין די נאכט דריי ביז פיער שטונדען לאַנג. באלד וועט אָבער דיעזע גאַנצער פּאָלאר־וועלט בעדעקט ווערען מיט אַ נאכט דונקעלהייט וואָס גע־דויערט גאַנצע זעקס מאָנאט, ווען די זונן געהט גאָר ניט אויף. דען 15 מאַרץ זיינען מיר פארביי געפאָהרען די אינזלען נויא־סעטלאַנד אונד זיד אָקנייא. קאפּיטאַן נעמא ערצעהלט מיר אַז דיעזע אינזלען ווארען אַ מאָהל בעוואָהנט מיט מאססען פון ראבען (ים־הינד), אָבער די ענגלישע אונד אַמעריקאַנישע וואַלפיש־יעגער האָבען זיי אזוי לאַנג דאָ צושטערט אונד פער־ניכטעט אַז עס איז פון דיעזע נוטצליכע בעשעפּניסע קיין איינציגע ניט איבער געבליעבען.

דעם 16 מאַרץ, אום אכט אוהר אין דער פריה, זיינען מיר פון אַלע זייטען געווען ארום געשלאָסען מיט אייז ; דער וועג נאָך זידען איז פאסט אין גאַנצען אָבגעשפּארט ; אָבער קאַפּיטאַן נעמא פיהרט דעם נאוטילוס ווייטער, פון איין שמאַלע עפּפענונג אין די אַנדערע.

„אָבער וואוהין פאָהרט ער דען ?" רוף איך זיך אָב מיט ערשטוינען צו קאָנסייל'ן.

„פאָרוועטס !" לאַכט דיעזער „אָבער ווען ער וועט שוין קיין מעגליכ־קייט געפינען ווייטער צו געהען מוז ער דאָך שליסליך אומקעהערען."

די וואהרהייט זאָגענדיג געפעלט מיר דיעזע רייזע אוים געצייכענט. די שעהנהייטען פון די נייע פּאָלאר־געגענדען קענען יעדען איינעם פּאָל־קאָמען ענטציקען. דער אייז שטעלט זיך פאָר אין פערשיעדענע פּראַכט־פאָלע געשטאַלטונגען אונד פאַנטאַסטישע סצענעס. דאָ זעהעט זיך אַ גאַנ־צע העלל־גלענצענדע שטאָדט, מיט הויכע קירכען־שפּיטצען ; דאָרט אַ גע־גענד וואָס איז אזוי ווי צוריסען פון איין ערד־ציטערנים. יעדע מינוט נייע אַנזיכטען, אַ מאָהל פונקלענדיג אונטער די קרומע זונען־שטראַהלען. אונד דאַן ווידער בעדעקט מיט דעם נעבעל פון אַ שנע שטורם, עס הערט זיך אויך זעהר אָפט גאַנץ פּלוצלונג אַ געוואַלדיגער דונער־קראך, ווי פון טוי־זענדע קאַנאָנען, ווען איין אייז־בארג שטירצט צוזאַמען אונד קאָכט אויף דעם מעער ביז אין זיינע טיעפסטע שיכטען.

דעם 16 מאַרץ האָט דענאָך איין אייז־פעלד אין גאַנצען פערשפּאָרט

אונזער ווייטערען וועג. דער קאפּיטאַן נעמא האַט דיעזע הינדערניסע דענ־נאָך ניט געקענט אַבהאַלטען. ער האַט דעם נאַוטילוס ארויף געשפּארט מיט אַזאַ שרעקליכע געוואַלט אויף דעם אייז אַז די גאַנצע פערפראָרענע מאססע איז צו קראַכט אונד צו שמעטערט געוואָרען. אויף דיעזען אופן האַט אונ־זער שיף זיך דורכגעבראָכען אַ וועג, צומאָלענדיג די אייזדעק מיט זיין שווע־רע געוויכט.

וועהרענד דיעזע טעג האַט דער ווינד פאַסט אָהן אויפהער געשטורמט. אָפטמאָהל פלעגט אַ נעבעל בעדעקען די לופט אַזוי געדיכט אַז מיר האָבען ניט געקענט זעהען פון ענדע נאַוטילוס ביז צום אַנדערען. דער שנעע האָט געשאָטען אין געדיכט מאססען, וועלכע וואַרען אַזוי האַרט אַז מיר זיינען געצוואונגען געוועזען זיך צו בעדיענען מיט העק אום איהם אָב צו ראַמען. די קעלט איז דאַצו אויך געוועזען זעהר שטאַרק אונד אונזער שיף אין פון דרויסען אין גאַנצען בעדעקט געוואָרען מיט אייז.

ענדליך דעם 18 מאַרץ איז דער נאַוטילוס געבליעבען פאָלשטענדיג איינ־געשפּארט, אָבער ניט צווישען אייז־פעלדער ווי ביז יעצט, זאָנדערען אין איין אונבעוועגליכקייט פון גרויסע אייז־בערג.

„די אייז־דעק!” האָט דער קאַנאַדיער אויסגערופען.

איך בעגרייף זעהר גוט וואָס עדוארד מיינט מיט דיעזען וואָרט. די אייז־דעק איז אויף די שפּראַך פון די זעעפאָהרער אַ שרעקליכע הינדער־ניס, וועלכע עס גיעבט גאַר אין דער נאַטור קיין מעגליכקייט איבער צו שטייגען. ארום מיטאַג־צייט, אַלס די זונן איז אויף איינינע מינוטען ארויס געקומען פון אונטער די וואָלקענס, האָט קאַפּיטאַן נעמא געמאַכט גענוי די אויפנאַהמע פון די הימעלס־געגענד, אונד עס בעווייזט זיך אַז מיר זיינען שוין נאָהענט צום 68טען מערידיאַן, אַ פּונקט צו וועלכען קיין שיף האַט נאָך ביז יעצט ניט געקענט קוממען.

ווייט ארום אונז איז ניט צו בעמערקען אירגענד וועלכען סימן פון פליעסענדע וואַססער. געגען דעם נאַוטילוס ליעגט איין אונענדליכע אייז־פעלד, אויף וועלכען עס זיינען פאַנאַדער געוואָרפען ריעזענהאַפטע שטיי־קער בלאָקען. אין פערשיעדענע ערטער גלענצען די שאַרפע שפּיטצען פון די אייז־בערג. ביז 2000 פוס הויך. עטוואָס ווייטער זעהען זיך גאַנצע ריי־העען פון גרויסע אייז־ווענד, וועלכע שיינען אין די זונען־שטראַהלען אַזוי ווי אונגעהויערע שפּיעגעל. איבער דיעזע פערוואָרפענע, וויסטע נאַטור שוועבט אַ טיעפע, טרויעריגע שטילקייט. עס הערט זיך קיין קול, קיין בע־וועגונג, זאָגאַר אונזערע אייגענע שטימען קומען ארויס ווי איינגעפראָרען.

„הערר פּראָפעסאָר” האָט עדוארד צו מיר געזאָגט „גלויבט איהר אַז אייער קאַפּיטאַן וועט נאָך ווייטער קענען בעוויזען זיינע מייסטער־שטיק?”

„וואָס מיינט איהר דאָמיט צו זאָגען, עדוארד?"

„אַז איבער די אייז־דעק וועט ער דאָך ניט קענען פאָהרען. טויזענד טייוועל! די גרענעץ וואָס די נאַטור האָט געשטעלט פיר אַלע מענשען מוז דאָך שליסליך איהם אויך אָבהאַלטען."

„דאָס איז שוין ריכטיג געזאָגט, עדוארד; אָבער איך וואָלט דעננאָך וועלען וויססען וואָס הינטער דיעזע אייז־דעק געפינט זיך. ווען אַזאַ וואַנד פערשטעלט דאן ווירד די נייגיעריגקייט נאָך מעהר אויפגערייצט."

„נון, וואָס פערשטעהעט איהר דאָ ניט, הערר פּראָפעסאָר? דאָרט הינטען איז נאַטירליך קיין אַנדער זאַך ניט דאָ אויסער אייז, וועלכע איהר וועט דעננאָך ניט אָנזעהען. יעצט וועט אייער קאַפּיטאַן נעמאָ מיט זיין נאַוטילוס מוזען פאָהרען צוריק; ער מעג וועלען אָדער ניט."

איך מוז צוגעבען אַז עדוארד איז פאָלקאָמען גערעכט, אונד אַזוי לאַנג ווי עס גיעבט ניט שיפען וואָס זאָלען קענען פאָהרען איבער די אייז־בערג מוז מען דאָ בלייבען שטעהען, אויך דער נאַוטילוס מיט זיינע מעכטיגע מיטלען קען זיך ווייטער ניט ריהרען; אָבער ער האָט שוין יעצט אויך קיין מעגליכקייט צוריק צו פאָהרען, דען דער גאַנצער וועג דורך וועלכען מיר האָבען זיך דורך געריססען איז יעצט נאָך מעהר געפראָהרען מיט אַ שטאַר־קען, דיקען אייז. די קעלט איז אַזוי גרויס אַז אין די פּאָאר שטונדען, ביז צוויי אוהר נאָכמיטאָג, איז אויך דער נאַוטילוס פון אַלע זייטען איינגע־פראָרען געוואָרען.

דער קאַפּיטאַן נעמאָ איז ווירקליך געוועזען זעהר אונפאָרזיכטיג. איך בין צו דיעזער צייט געשטאַנען אויפ'ן פּלאַטפאָרם אונד זעהע ווי ער בע־טראַכט גענוי די לאַגע פון שיף, דאַן רופט ער זיך אָב צו מיר:

„נון, הערר פּראָפעסאָר, וואָס זאָגט איהר דאַצו?"

„איך מיין אַז מיר זיצען פעסט, קאַפּיטאַן."

„אונד איהר גלויבט ווירקליך אַז דער נאַוטילוס קען זיך פון דאַנען ניט בעפרייען?"

„זעהר שווער, קאַפּיטאַן."

„הערר פּראָפעסאָר" האָט נעמאָ זיך אָבגערופען האַלב מיט שפּאָט איהר זייט נאָך אימער דערזעלבער; איבעראַל זעהט איהר נור הינדערנישע! איך פערזיכער אייך אַז דער נאַוטילוס וועט זיך בעפרייען אונד זאָגאַר ווייטער פאָהרען."

„נאָך ווייטער, צו דרום־זייט?" בין איך ערשטוינט געוואָרען.

„גאַנץ געוויס! ביז צום ענד־פּונקט פון אונזער ערדען־באָל; ביז צום זיד־פּאָל; נאָך יענע אונבעקאַנטע שטעלע וואו אַלע מערידיאַנען ענ־דיגען זיך. איהר ווייסט דאָך וואָס איך קען מיט מיין נאַוטילוס אויף טהון."

יא, איך ווייס זעהר גוט אַז דיעזער מערקווירדיגער מאַן איז דרייסט אונד ענטשלאָסען, זאָגאַר ריזיקאַליש; אָבער איבער שטייגען אַזעלכע הינ־דערניסע אונד פאָהרען צום זיד־פּאָל קומט ביי מיר אויס אַ וואהנזיניגער געדאַנקען. איך ווייס אַז די גרעסטע זעע־פאָהרער אין דעם נאָרדליכען אייז־מעער האָבען נאָך ביז יעצט ניט געקענט צוקומען צו יענעם ענד־פּונקט פון דער וועלט, צום נאָרד־פּאָל, פיעלע האָבען מיט זייער לעבען בעצאָהלט אונד זיינען ניט אים שטאַנד געווען זייער וואונש אויס צו פיהרען. אָבער דער זידליכער אייז־מעער איז נאָך פירכטערליכער אונד אויף דיעזע זייט צו ערגרייכען דעם פּאָל האָט נאָך ביז יעצט קיין מענש זאָגאַר ניט געטראַכט.

מיר פאַלט יעצט איין אין זינען צו פרעגען דעם קאַפּיטאַן אויב ער האָט שוין דיעזען פּאָל פיעלייכט איין מאָהל בעזוכט.

„ניין, מיין הערר האָט ער דאַרויף געענטפערט „איך בין מיט מיין נאָר־טילוס זאָגאַר אַזוי ווייט ווי דיעזע שטעלע נאָך ניט געקומען, אָבער מיר וועלען יעצט פאָהרען ווייטער אונד דעם זיד־פּאָל צוזאַמען ענטדעקען."

„מיט מיין בעסטען פערגניגען, קאַפּיטאַן" האָב איך האַלב לאַכענדיג געזאָגט „פאָרווערטס אַלזאָ! פיר אונז גיעבט עס קיינע הינדערניסע! לאָמיר צו ברעכען דיעזע אייז־בערג, אָדער אריבער פליהען אריבער זיי!"

„איבער זיי, הערר פּראָפעסאָר? איהר מיינט פיעלייכט צו זאָגען אונ־טער זיי?"

יעצט בעגרייף איך וואָס דער קאַפּיטאַן מיינט מיט זיינע ווערטער. זיין וואונדערבארע שיף זאָהל איהם דיענען אויף דיעזען איבערמענשליכען פּלאַן אויס צו פיהרען.

„איך זעה אַז מיר פאַנגען זיך אָן צו פערשטעהען, הערר פּראָפעסאָר," האָט נעמא געזאָגט מיט אַ שמייכעל „דעם נאָטילוס וועט זיין לייכט צו בעווייזען אַזאַ זאַך וואָס קיין אַנדער שיף וואָלט דאָס ניט קענען. אויב דער זיד־פּאָל איז ארום געריגגעלט מיט טרוקענע לאַנד וועלען מיר זיך דאָרט אָבשטעלען; זאָהל אָבער דאַגעגען דאָרט זיין אַ פרייער מעער קענען מיר ביז צום ענדע וועלט קומען."

„דאָס איז גאַנץ ריכטיג!" האָב איך מיט פערגניגען אויסגערופען, וויל ריעזער פּלאַן איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען „ווען דאָ אויבען פערשטע־לען אונז די אייז־בערג, איז דאָך דער וואַססער אונטען גאַנץ פריי, דען וואָס טיעפער אין מעער איז די טעמפּעראַטור ווארעמער. ווי פיעל איך געדענק ערקלעהרט די נאַטור וויסענשאַפט, אַז יעדע שטיק אייז זיצט נור דריי טהיילען טיעף אין וואַססער אונד דער פיערטער טהייל שווימט פון אויבען."

„גאַנץ ריכטיג, הערר פּראָפעסאָר. דיעזע אייז־בערג אַלזאָ וואָס זיינען

ניט העכער ווי הונדערט עלען, גרייכען אונטען אין ים נור ביז דריי הונ־
דערט עלען. אונד אזא טיעפקייט האט דאך פיר דעם נאוטילוס ווירקליך
קיין שום ווערטה. אויסערדעם זיינען מיר דארט פאלשטענדיג געשיצט
געגען די שרעקליכע קעלטען וואס הערשען דא אויבען.״

„ריכטיג, זעהר ריכטיג מיין הערר !״ האב איך לעבהאפט איינגע־
שטימט.

„די איינציגע שוועריגקייט בעשטעהעט נור אין דעם״ האט דער קא־
פיטאן געזאגט טראכטענדיג „אז מיר וועלען מעהרערע טעג ניט קענען
ארויס קומען איבער׳ן וואססער, אום פרישע לופט צו שעפען.״

„דאס איז אלעס ? אבער מיר קענען דאך אנפילען די בעהעלטער פון
נאוטילוס מיט לופט אונד זיך דאמיט פערזארגען אויף א לענגערע צייט.

„א גוטער פלאן !״ האט נעמא געלאכט. „אבער איך וויל אייך ער־
קלעהרען אלע מיינע איינווענדונגען, אום איהר זאלט נאכהער מיך ניט
בעשולדיגען אז איך האב צו פיעל ריזיקירט. שטעלט אייך פאר, אז דער
ים זאהל זיין בעדעקט מיט אייז ביז צום זיד־פאל, וועלען מיר דאך א
גאנץ לאנגע צייט קיין פרישע לופט ניט קענען בעקומען.״

„זעהר גוט, קאפיטאן ; אבער דער נאוטילוס וועט שוין געפינען א
שטעלע וואו עס וועט מעגליך זיין דעם אייז דורך צו ברעכען. איבריגענס
האב איך אייך נאך עטוואס צו ערקלעהרען ; די וויסענשאפטליכע פאר־
שונגען אויף דעם נארדליכען אייז־מעער בעווייזען, אז דער מיטעלפונקט
פון די קעלטען געפינט זיך אויף א געוויסען מערידיאן נעהענטער ; ווען
מען זאהל קענען דארט דורכדרינגען די אייז־בערג וואלט מען גאנץ נאהענט
ביי׳ן פאל קומען אין א פיעל ווארעמערע געגענד. דערזעלבער פאל עקסיס־
טירט געוויס אויך אין דיעזען אייז־מעער, אונד איך בין גאנץ זיכער אז
הינטער די אייז־בערג וועלען מיר ארויס קומען אויף א פרייען מעער,
אדער פיעלייכט צו איין אונבעוואוסטע שטיק טרוקענע לאנד.״

„דאס גלויב איך אויך, הערר אראנאקס״ האט דער קאפיטאן געענט־
פערט „נור איין זאך וואונדערט מיר, אז איהר האט אזוי שנעל געענדערט
אייער מיינונג. פריהער זייט איהר געווען מיט אלע איינווענדונגען געגען
מיין פראיעקט אונד יעצט רעדט איהר מיך אליין צו דאס צו טהון.״

איך בין ווירקליך יעצט געווארען העכסט בעגייסטערט פיר דיעזען
פלאן נאך מעהר ווי קאפיטאן נעמא אליין, אונד איך ערווארט מיט אונגע־
דולד ווען אונזער ווייטערע רייזע וועט זיך שוין אנפאנגען.

דער קאפיטאן האט אונטערדעסען מעהר קיין אויגענבליק צייט ניט
פערלארען. אויף זיין סיגנאל איז ארויס געקומען דער שיף׳ס לייטענאנט
אונד זיי האבען ביידע א קורצע צייט זיך דורך גערעדט אויף זייער אונפער־

שטענדליכע שפּראך. אויף דעם לייטענאנט'ס געזיכט איז דאבײ קיין צייכען פון איבערראשונג ניט געוועזן צו בעמערקען, וואהרשיינליך האט ער שוין פאַרדעם דארויף גערעכענט, אָדער ער וואר איבערצייגט אז דאַס איז מעגליך אוים צו פיהרען.

אלס איך האב קאַנסייל'ן ערקלעהרט דיעזען פּלאַן, איז ער געבליעבען גאַנץ קאַלטבליטיג. „וואו דער העדר געהט, דאהין געה איך אויך" האט דער גוטער יונג ערקלעהרט. עדוארד איז אָבער געוואָרען זעהר בייז, זאָגענדיג אז מיר זיינען אַלע משוגע, אונד דאמיט איז ער האסטיג אוועק אין זיין קאַיוטע.

אונטערדעסען האבען מיר שוין אָנגעפאַנגען די פאַרבערייטונגען צו די ווייטערע רייזע. די מעכטיגע פּומפּען פון נאוטילוס האבען אָנגעפיהלט די בעהעלטער מיט געדיכטע צוזאמען געפּרעסטע לופט. ארום פיער אוהר האט מיר דער קאַפּיטאַן אָנגעזאָגט אז באלד וועלען די פּלאַטען געשלאָסען ווערען. איך וואַרף דאָס לעצטע בליק אויף די ארומיגע אייז־לאַנדשאַפטען. דאָס וועטער איז גראָדע יעצט גאַנץ העלל, די לופט ריין, די קעלט שטרענג; אָבער דער ווינד האט זיך געלייגט, דארום איז מעגליך דיעזע טעמפּעראַטור צו ערטראָגען.

צעהן מאַן האבען ארום דעם נאוטילוס אויסגעהאַקט דעם אייז, וועלכער וואר נאָך ניט זעהר דיק, אונד דארום האבען זיי שנעל גענוג דאָס שיף בעפרייט, אונד זי איז דאַן ארונטער אין די טיעפענים פון מעער. איך האב מיט קאָנסייל'ן זיך געזעצט ביי די פענסטער פון זאַלאָן אונד מיר בעטראַכטען די אונטערשטע שיכטען פון די אייז־בערג. אין שיף איז געוואָרען פיעל ווארעמער אונד דער מאנאמעטער בעוועגט זיך, צייגענדיג ווי טיעף מיר פאָהרען ארונטער.

ריכטיג ווי דער קאַפּיטאַן האט ערקלעהרט זיינען מיר ביי א דריי הונדערט עללען אין וואססער שוין געשוואומען אונטער די אייז־בערג, אבער דאָס שיף איז אראָפּ געשטויגען נאָך טיעפער ביז אכט הונדערט עללען. וואָס ווייטער איז די טעמפּעראַטור פון וואססער מיט א גראַד אָדער צוויי ווארעמער אונד די געהייצטע לופט אין נאוטילוס איז זעהר אנגענעהם. אונזער שיף מאכט אַלע בעוועגונגען ריכטיג אונד פּינקטליך.

„דער העדר קען זיין זיכער אז מיר וועלען צו אונזער ציעל קומען." רופט זיך אָב קאָנסייל.

„איך רעכען עס געוויס" האב איך געענטפערט מיט א פאָלשטענדיגע איבערצייגונג.

דער נאוטילוס פאָהרט גראָדע נאָך די ריכטונג פון זיד־פּאָל, מיט א שנעליגקייט פון 24 מייל אין א שטונדע, זאָ דאָס פון דאַנען ביז צום

90טען מערידיאן קענען מיר אויף דיעזען אופן קומען אין פערלויף פון אונגעפעהר 40 שטונדען.

די נייע אינטערעסאנטע לאגע פון די יעצטיגע רייזע האט אונז גע־האלטען ביי'ן פענסטער ביז א שטיק אין דער נאכט. די וואססערען ארום אונז זיינען שטארק בעלויכטעט מיט דעם עלעקטרישען שיין פון נאוטילוס, אבער עס איז אין זיי איבעראל לעער. אין דיעזע איינגעשלאססענע וואססערען געפינען זיך קיין פיש ניט. עס קען זעהר מעגליך זיין אז דארט געהענטער צום פאל וועט דאס מעער וויעדער בעלעבט ווערען. מיר שפיע־רען פון די ציטערענדע בעוועגונגען אז דער נאוטילוס פאהרט יעצט נאך שנעללער.

ארום צוויי אוהר נאך האלבע נאכט האב איך זיך הינגעלעגט שלא־פען. קאנסייל איז אויך אוועק אין זיין קאיוטע. דער קאפיטאן געפינט זיך וואהרשיינליך אין דעם שטייערמאן'ס הייזעל, אום אכטונג צו געבען אויף די פיהרונג פון שיף, ווי ער טהוט עס אימער ביי בעזונדערע צופאלען.

אויף מארגען גאנץ פריה, דעם 19טען מערץ, האב איך וויעדער זיך געזעצט ביי'ן פענסטער פון זאלאן. איך בעמערק אז דער נאוטילוס פאהרט יעצט ניט אזוי שנעל ווי נעכטען, אבער ער שטייגט לאנגזאם אונד פאר־זיכטיג אימער העכער. מיין אויפרעגונג ווירד אויך יעדע מינוט גרעסער. וועלען מיר ווירקליך ארויס קומען פון אונטער די אייז־בערג אונד געפינען א פרייען מעער ארום די פאל־געגענדען ?

ניין, איך הער ווי דער נאוטילוס איז שטארק ערציטערט געווארען אונד מוז צוריק אראפ ניעדריגער. דער קלאפ מיט וועלכען אונזער שיף האט זיך אויבען אנגעשטויסען בעווייזט מיר אז דער אייז איז דארט זעהר גראב. מיר געפינען זיך יעצט אין א טיעפנים פון טויזענר פוס. איבער אונז איז אלזא דער אייז דריי טויזענד פוס דיק, דאס הייסט נאך דיקער ווי דעריע־ניגער פון וועלכען מיר זיינען אבגעפאהרען.

אין פערלויף פון דיעזען טאג האט דער נאוטילוס אייניגע מאהל פרו־בירט זיך אן שטויסען צום אייז. איך געפין אפט אז די גרעב פון אייז איז ביז צוועלף הונדערט עללען, דאס הייסט צוויי מאהל אזוי פיעל ווי פריהער. ביז צום אבענד בעמערק איך קיין פערענדערונג אין דיעזער הינזיכט.

עס וואר שוין דאמאלס אכט אוהר. ביי א געוועהנליכע צייט וואלט מען שוין געדארפט מיט פיער שטונדען פריהער די לופט אין שיף אב־פרישען. דעננאך לייד איך ניט זעהר פיעל פון דיעזע טעמפעראטור, אבוואהל מיט די פרישע לופט פון די בעהעלטער האבען מיר זיך נאך ניט בענוצט.

די פאלגענדע נאכט האב איך געשלאפען זעהר אונרוהיג. מורא אונד האפנונג לאזען מיך ניט ליעגען. אייניגע מאהל בין איך אויף געשטאנען,

הערענדיג ווי דער נאוטילוס שטויסט זיך אַן אויבען צום אייז, וועלכער איז שוין יעצט איבער אונז נור ביי פיער הונדערט עללען דיק.

ענדליך ארום דריי אוהר פארטאָג בעמערק איך אז מיר זיינען פון איבער'ן וואססער געשיידען נור מיט איין אייז־דעק פון הונדערט פונפציג עללען. איך לאָז מיינע בליקען ניט אראָפּ פון מאנאמעטער, זעהענדיג מיט פרייד אז מיר קומען מיט יעדע מייל אימער העכער ביז צו די אויבערפלאַכקייט פון מעער.

ענדליך אום זעקס אוהר אין דער פריה האָט די טהיר פון זאלאָן זיך געעפפענט אונד דער קאַפּיטאַן איז אריין געקומען.

„דאָס מעער איז פריי, הערר פּראָפעססאָר!" האָט ער אוים געשפּראָכען.

14־טעס קאַפּיטעל.

דער זיד־פּאָל.

איך בין ארוים געשפּרונגען אויפ'ן פּלאַטפאָרם. יאַ, איבעראל איז דאָס וואססער פריי. נור איינצעלנע שטיקלאך אייז שווימען ארום פון וויטען. הינטער אונז, געגען אונז, אויף די גאנצע אויבערפלאַכקייט פון מעער, זעהען זיך אַ מענגע פויגלאך אין דער לופט אונד מאססען פיש שווימען ארום אין די וואסערען, וועלכע זיינען ערטער וויז טיעף־בלוי, אָדער גראָז־גרין. מען קען זאָגען אז דאָ איז איבעראל פריהלינג הינטער די אייז־בערג, פון וועלכע מיר זעהען יעצט גאנץ וויט נור אונדייטליכע מאססען.

„זיינען מיר ביי'ן פּאָל ?" פרעג איך דעם קאַפּיטאַן אין גרויס אויפ־רעגונג.

„איך וויים ניט. מיטאָג וועלען מיר מאַכען די זונען־אויפנאהמע, אום דאָס ריכטיג צו וויססען."

„אָבער וועט זיך היינט די זונן בעוויזען ?" פרעג איך בעטראַכטענדיג דעם גרוי פערוואָלקענטען הימעל.

„ווען זי זאָהל נור אויף אַ ווײלע קומען צום פאָרשיין דאַן איז עס גענוג."

צעהן מייל וויטער פון נאוטילוס, נאָך דרום־זייט, זעהט זיך אַ קליינער אינזעל, ביז צוויי הונדערט עללען הויך. אונזער שיף פאָהרט דירעקט צו איהם, אָבער זעהר פאָרזיכטיג, דען עס קען דאָך מעגליך זיין אז דאָ אונ־טער'ן וואססער געפינען זיך פערבאָרגען שארפע פעלזען.

אַ שטונדע שפּעטער זיינען מיר צו דיעזען אינזעל אַנגעקומען, אונד אין פערלויף פון די נעקסטע צוויי שטונדען האָבען מיר בעוויעזען צו פאָהרען רונד אַרום איהם. ער איז אין גאַנצען גרויס נור פון פיער ביז פינף מייל, אונד איז ביי איין זייט אָבגעטהיילט פון לאַנד נור מיט אַ שמאָלען קאַנאַל. דיעזעס טרוקענע לאַנד שיינט צו זיין זעהר גרויס, פון וועלכע מיר וויסען נאַטירליך פאָרלויפיג די גרענעצען ניט. מיר זעהען יעצט מיט די אויגען ווי ריכטיג דער געלעהרטער אַמעריקאַנער מאָרי האָט ערקלעהרט, אַז צווישען דעם זיד־פּאָל אונד דעם זעכציגסטען מערידיאַן טרייבען זיך אַרום אַזעלכע אייז־בלאָקען וואָס קענען זיך ניט בילדען אין מיטען ים, זאָנדערען ביי די ברעגעס פון דער יבשה, דאַרום איז ער געקומען צו דער איבערציי־גונג אַז הינטער די אייז־בערג געפינט זיך איין אונבעוואוסטע שטיק וועלט.

דער נאַוטילוס איז געבליעבען שטעהען אונגעפעהר אַ האַלב מייל פון דאָס לאַנד, ווייל דאָ איז דער ברעג זעהר פלאַך. מען האָט אַראָפּ געלאָזען אַ שיפעל אין וועלכען דער קאַפּיטאַן איז אריין געשטויגען, מיט נעהמענדיג זיינע אינסטרומענטען אום די זאָנען־אויפנאַהמע צו מאַכען. איך אונד קאָנסייל, מיט צוויי מאַטראָזען האָבען זיך אויך אריין געזעצט, עס וואר צעהן אוהר פאָרמיטאָג. דעם קאַנאַדיער האָב איך ניט געזעהען אויפ׳ן פּאָרדעק ; איהם איז וואָהרשיינליך ניט זעהר אַנגענעהם צו בעטראַכטען דאָס לאַנד ביי׳ן זיד־פּאָל.

איינינע קלעפּ מיט׳ן רודער האָבען דאָס שיפעל געבראַכט צום ברעג. קאָנסייל האָט געוואָלט אַרויס שפּרינגען אָבער איך האָב איהם צוריק געהאַלטען.

„קאַפּיטאַן" האָב איך צו נעמא געזאָגט „אייך געהערט די עהרע צוערשט דיעזעס לאַנד צו בעטרעטען."

„יאַ, מיין העדר" האָט דער קאַפּיטאַן זיך אָבגערופען „דאָס לאַנד פון זיד־פּאָל, וואו קיין מענשליכעס וועזען איז נאָך ביז יעצט ניט ערשיענען."

מיט דיעזע ווערטער איז ער שנעל אַרויס געשפּרונגען אויפ׳ן זאַמד ; אונד אויף זיין געזיכט איז געוועזען צו בעמערקען ווי טיעף גערירט ער איז, בעטראַכטענדיג מיט גליהענדע בליקען דיעזען אונבעקאַנטען באָדען, וועלכען ער האָט יעצט ענטדעקט. איך אונד קאָנסייל האָבען דעם קאַפּיטאַן נאָכגעפאָלגט, וועהרענד די צוויי מאַטראָזען זיינען געבליעבען אין שיפעל.

דער באָדען, ווי וויט מען קען איהם יעצט בעטראַכטען, האָט איבעראַל אַ רויטהליכען גרונד, גראַדע אַזוי ווי ער וואָלט געוועזען בעדעקט מיט צושטויסענע ציעגעל. שלאַקען, בימשטיינער אונד נאָך אַזעלכע געגענשטענדען, וואָס בעדעקען דאָ די ערד, בעווייזען אַז אירגענד וואו אויף דיעזען לאַנד געפינט זיך אַ וואולקאַן, וועלכער מוז נאָך יעצט אויך שפּייען מיט

פייער, דען עס הערט זיך איבעראל א שטארקער שוועבעל־גערוך. דאך, שטעהענדיג אויף א העכערען אָרט, האב איך אין א קרייז פון אייניגע מייד לען ארום אזא קראטער ניט געקענט בעמערקען.

די פרוכטבארקייט פון דיעזע געגענד איז זעהר ארעם. אויף די נאקעטע, שווארצע פעלזען געפינען זיך נור אייניגע מאגערע פפלאנצען, פון דיי יעניגע זאָרטען וואס וואקסען אין דער וויסטעניס, דער ברעג איז איבעראל בעזעצט מיט מאָללוסקען, קליינע מושעלען אונד מיט גאנצע מיריאדען פון די ציערליכע פליעגעלאך, וואס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען קליאָם, די ליעבלינגס־שפייז פון דעם וואלפיש, וועלכע ער פערשלינגט א גאנצע וועלט מיט איין מאהל. דיעזע רייצענדע בעשעפניסע בעלעבען אי־בעראל די פרייע ברעג־וואססערען.

דאגעגען איז אָבער די לופט געוועזען זעהר רייך בעלעבט; פויגלאך פון פערשיעדענע גאטטונגען פליעהען אונד פלאטערען דאָ טויזענדוויז, אנ־דערע בעדעקען געדיכט די ארומיגע פעלזען, קוקען אויף אונז גאָר אָהן שרעק אונד דרענגען זיך זאָגאר נאָהענט צו אונז, עס ווארען צווישען זיי פון דעם זאָרט פינגווינען, וועלכע זיינען אין וואססער פלינק אונד בעוועג־ליך ווי די פישען, אָבער אויף דער טריקענעם קענען זיי זיך קוים ריהרען. וויטער בעמערק איך ווייסע שטראנדלויפער; רוספארביגע אלבאטראָסען, וועלכע בעזיטצען פליעגעלאך ביז פיער עללען די לענג אונד ריעזען־גרויסע שטורם־פויגלאך, בלוי אונד ווייס, מיט ברוינע פליעגלען. דער קערפער פון דיעזע לעצטע איז אזוי דיק מיט עהל אז די איינוואָהנער פון פאראָרער אינזלען, וואו עס געפינען זיך אויך אזעלכע פויגלאך, שטעקען נור אריין אין זיי א קנויט אונד בענוטצען דאן דעם געטויטען פויגעל גראדע ווי א לאָמפּ.

דער טהוי האָט ביז יעצט זיך ניט אויפגעהויבען, אָבוואָהל עס וואר שוין עלף אוהר פארמיטאָג. איך בין דאפון זעהר בעאונרוהיגט, דען זאָנסט, אויב די זונן זאָהל גראדע אום צוועלף זיך ניט בעווייזען, איז ניט מעגליך צו וויססען אויב מיר זיינען ווירקליך אָנגעקומען צום ריכטיגען פונקט פון זיד־פּאָל.

אלס מיר זיינען צום קאפּיטאן נעמא צוריק געקומען איז ער געשטא־נען אָנגעלעהנט צו א פעלזען־בלאָק אונד זיין בליק וואר געריכטעט צום הימעל. עס איז אויף זיין געזיכט צו בעמערקען אז ער איז בייז, אונגעדול־דיג, אָבער אין דיעזען פאל איז איהם ניט מעגליך עטוואס אויף צו טהון; געגען די זונן קען ער זיך ניט געבען אזא ראטה ווי געגען דעם מעער.

ענדליך איז אויך מיטאָג געקומען אונד די זונן האָט זיך ניט בעוויע־זען. הינטער דעם געדיכטען נעבעל־פאָהרהאנג איז זאָגאר ניט מעגליך גע־

ווען צו דערקענען די שטעלע וואו זי געפינט זיך יעצט. באלד האט עס שטארק אנגעפאנגען צו שנעען.

„אויף מארגען" האט דער קאפיטאן נעמא זיך אבגערופען אונד באלד זיינען מיר צוריק צום נאוטילוס אבגעפאהרען.

וועהרענד די צייט פון אונזער אבוועזענהייט האט מען פון נאוטילוס אויסגעשטעלט די נעטצען אונד איך בעטראכט מיט פיעל אינטערעס די געפאנגענע פישען. אין דיעזע פאלאר־וואסערען געפינען זיך מאססען פון פערשיעדענע זארטען וואונדער־פישען וואס קומען אראפ אהער פון די הע־כערע וועלט געגענדען, וואו זיי זיינען וועניגער זיכער ווי אין דיעזע איינ־זאמע מעערען, אבוואהל דא פאלען זיי אויך אריין אין די שארפע ציינער פון די מעער־שוויינען אונד ראבבען.

דער שנעע־שטורם איז זעהר שטארק געווארען, זא דאס אויפ'ן פאר־דעק איז ניט מעגליך געוועזן צו פערבלייבען. זיטצענדיג אין זאלאן ביי'ן שרייבען הער איך דעם געשריי פון די שטורם־פויגלען אונד אלבאטראסען, וועלכע לעבען אב מיט דעם גרעסטען פערגניגען ביי אזא שלעכטען וועטער. דער נאוטילוס פאהרט אונטערדעסען וויטער נאך זידען, וועהרענד די געגענד איז האלב בעלויכטען פון די זונן, וועלכע שטעהט דא אין דיעזע יאהרעס צייט נור ביי'ן ברעג הימעל.

אויף מארגען, דעם 20טען מארץ האט דער שנעע אויף געהערט, דא־פיר איז אבער שטרענג קאלט געווארען. דער נעבעל שטייגט אויף אונד דארום קען איך האפפען אז היינט וועט אונז מעגליך זיין די זונען־אויפ־נאהמע צו מאכען.

דער קאפיטאן איז נאך ניט ערשיענען, דארום האב איך אונד קאנסייל זיך אריין געזעצט אין שיפעל אונד צו געפאהרען צום לאנד. אויך אין דיעזע געגענדען איז דער באדען בעדעקט מיט די וואולקאנישע באזאלאט־שטיינער, אבוואהל עס איז אויך דא קיין קראטער ניט צו זעהען. אויסער די מאסען פויגלאך געפינען זיך די אונגעהויער גרויסע צאהלען פון מעער־זויגעטהיערען, וועלכע קוקען אויף אונז מיט זאנפטע בליקען. מיר זעהען צווישען זיי ראבבען (ים־הינד) פון פערשיעדענע זארטען, א טהייל פון זיי ליעגען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד; פיעלע אנדערע טרייבען זיך ארום אויף די שווימענדע שטיקער אייז; אייניגע קומען ארויס פון מעער, אנ־דערע שפרינגען אריין אין וואססער. זיי ענטלויפען אויך פון אונז ניט ווען מיר קומען נעהענטער אונד עס איז דייטליך צו זעהען אז זיי וויסען נאך גאר ניט וואס פיר א געפעהרליכער בעשעפניס דער מענש איז.

„עס איז ווירקליך ניט וואס ערוארד איז מיט אונז אהער ניט געקומען"

רופט זיך אַב קאַנסייל „אזא ליידענשאַפטליכער יעגער ווי ער וואָלט דיע־זע אַלע ראַבבען באַלד פערטיג געמאַכט.”

„אַלע, איז צופיעל געזאָגט” האָב איך ערוויעדערט לאַכענדיג „אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט אַז אונזער פריינד, דער קאַנאַדיער, וואָלט איי־ניגע פון דיעזע פּראַכט־טהיערע געוואָלט האַרפּונירען, אונד דאָס וואָלט דעם קאַפּיטאַן נעמאָ זעהר אונאַנגענעהם געווען, דען ער איז שטאַרק ניט צו־פריעדען אַז מען זאָהל אָהן אַ נוטצען פערגיעסען דאָס בלוט פון אונשול־דיגע בעשעפּניסע.”

אונד ער האָט פאָלקאָמען רעכט ; אָבער וויל דער העררר מיר זאָגען ווי רופט מען אייגענטליך דיעזע טהיערע ? —”

„דאָס זיינען ראָבען אונד וואַלראָססען, אונד מיר וועלען וואַהרשיינ־ליך יעצט האָבען אַ גוטע געלעגענהייט זיי גענויער צו בעטראַכטען. לאָמיר נור געהען ווייטער !”

עס וואַר אַכט אוהר אין דער פריה, מיר האָבען נאָך אַלזאָ פיער שטונ־דען צייט ביז מיטאָג. פון דאַנען האָבען מיר זיך בעגעבען צו אַ גרויסען נאַטירליכען האַפען, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט הויכע גראַניט שטיי־נער. דאָ איז די גאַנצע לאַנדשאַפט אונד די ארומיגע אייז־בלאָקען נאָך מעהר אונד געדיכטער בעדעקט מיט די מעער זויגעטהיערען, אונד ניט ווילענ־דיג זוכען מיינע בליקען דעם פאַבעלהאַפטען פאַסטוך פּראָטעוס, וועלכער פיטערט די סטאַדעס פון דעם מעער־גאָט נעפּטון, ווי די אַלטע גריעכען פלעגען זיך איינרעדען.

עס וואַרען איבערהויפט צווישען זיי ראָבבען, געטהיילט אין פערשיע־דענע גרופּפּען אונד בעזונדערע פאַמיליעס, ביי וועלכע דער ע ר בעוואַכט די האַלב־ערוואַקסענע יונגע, וועלכע קייקלען זיך ארום שפּיעלענדיג, וועה־רענד די ז י איז בעשעפטיגט די קלענערע אָנצוזויגען. זייערע בעוועגונגען אויף דער ערד זיינען שווער אונד אונבעהאָלפען, אָבער אין וואַססער שווי־מען זיי פאָרטרעפליך. מערקווירדיג איז צו בעטראַכטען דעם אויסדרוק פון זייערע סאַמעט־שוואַרצע, ריינע אויגען, וועלכע זייגען אַזוי שעהן אונד מילד, גראַדע ווי ביי די שעהנסטע פרויענצימער.

איך האָב דאַביי קאַנסייל'ן ערקלעהרט, אַז ביי דיעזע ברואים איז דאָס געהירען ענטוויקעלט מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע טהיערען פון דער וועלט, גראַדע אַזוי שטאַרק ווי ביי'ן מענשען ; דאַרום זיינען די ראָבבען אויך פעהיג אויף אַ געוויסען אופן ערצויגען צו ווערען. זיי געוואָהנען זיך זעהר לייכט צו צום מענשען אונד בעווייזען אין אַלע הינזיכטען זעהר פיעל פערשטאַנד.

אויסער דיעזע ראָבבען בעמערק איך צווישען זיי אַנדערע ים־טהיע־

רע, נעמליך: די זעע־עלעפאנטען, מיט זייער קורצען, בעוועגליכען שנויץ. די גרעסערע זארטען פון זיי, זיינען העכער ווי צעהן עללען לאנג אונד זעהר דיק. זיי האבען זיך אויך פון ארט ניט געריהרט אלס מיר זיינען נעהענטער צו געקומען.

„זיינען דיעזע טהיערע געפעהרליך?" פרעגט קאנסייל ביי מיר.

„ניין, מען דארף זיי נור ניט אנגרייפען. ווען א ראבבע פערטהיידיגט זיינע יונגע דאן ערשט בעווייזט ער א פירכטערליכען וואוטה, אונד ביי אזא צופאל טרעפט ניט זעלטען אז ער צוברעכט פישער־שיפעל אויף ברעקלאך."

צוויי מייל וויטער זיינען מיר געקומען צו א קליינעם בערגעל, ביי'ן דרום־זייט פון האפפען, וועלכער פאלט אראפ פאסט ווי א וואנד אין מעער. הינטער דיעזען בערגעל הערען מיר א געוואלטיגען ברילען, אזוי ווי פון גאנצע סטאדע גרויסע בהמות.

„זעהר שעהן, א קאנצערט פון אקסען!" לאכט קאנסייל.

„ניין" האב איך ערוויעדערט „דאס זיינען וואלל־ראססען, אונד זיי שרייען אזוי אין דער צייט ווען זיי קעמפפען, אדער ווען זיי שפיעלען זיך."

אין דער העכסטער נייגיעריגקייט האבען מיר זעהר שנעל אנגעפאנגען אריבער צו שטייגען דעם פעלזען־בערגעל, זעהר אפט זיך אויסגליט־צענדיג אויף די גלאטע שטיינער, נור קאנסייל איז געוועזען עטוואס געשיקטער אויף די פיס, אונד מיט זיין הילפע האבען מיר ענדליך ארויף געקלעטערט אויף די העכערע טהייל פון בערגעל, פון וועלכען מיר האבען געהאט די מעגליכקייט צו בעטראכטען א ווייטען, פלאכען טהאל, פאלשטענדיג בעדעקט מיט וואל־ראססען. די טהיערע שפיעלען זיך יעצט לוסטיג ארום־שפרינגענדיג אונד שטויסען דאביי אוים געשרייען פון פערגניגען.

די וואלל־ראססען זיינען אין בילדונג פון זייער קערפער פאסט גלייך צו די ראבען, נור מיט דעם אונטערשיעד אז די ערשטע בעזיטצען ציינער פון געדיגענעם, גאנץ גלאטען עלפענביין, וועלכע זיינען פיעל שטארקער ווי דיעניגע פון העלפאנט, אונד דאצו ווערען זיי ניט אזוי לייכט געלב; דארום זיינען אויך די וואללראסס־ציינער איין זעהר טהייערער געגענשטאנד אין האנדעל; אונד איבער דיעזע אורזאכע ווערען זיי פון די יעגער אזוי גרויזאם און אונזיניג פערפאלגט אז אין פערלויף פון א קורצע צייט וועלען זיי געוויס אין גאנצען אויסגעראטעט ווערען. די וואלל־ראססען זיינען אין די פיעל־בעזוכטע נארדליכע געגענדען זעהר שרעקענדיג, אונד ווען עס קומט זיי אוים אירגענד וואו זיך הינצולעגען רוהען, שטעלע זיי אויף ווייט ארום וואכען, וועלכע זאלען אין א מאמענט פון א געפאהר געבען פאראויס צו וויסען. דא אבער, וואו זייערע גרויזאמע פערפאלגער, דער

מענש, האָט זיך נאָך ניט בעוויעזען, זיינען די טהיערע גאַנץ רוהיג אונד צוטרויליך, זאָ דאָס מיר האָבען געקענט אַ לאַנגע צייט שטעהען נאָהענט נעבען זיי אונד גענוי בעטראַכטען.

אונטערדעסען איז שוין עלף אוהר געוואָרען. איך גלויב אַז היינט וועט אויך ניט מעגליך זיין דעם שטאַנד פון די זונן אין דער צייט אויפצונעהמען, דען גראַדע אין דער נאָרד געגענד ביי'ן ברעג הימעל זיינען אָנגעטהורמט צוריססענע שטיקער וואָלקען; דעננאָך בעגיעב איך זיך אויף דעם וועג צוריק, דען יעדענפאַלס, אויב מען זאָהל יאָ קענען די אויפנאַהמע מאַכען, וויל איך זיין דאָביי. אום האַלב צוועלף זיינען מיר אָנגעקומען צו די זעלבע שטעלע וואו מיר האָבען געלאַנדעט. די שיפעל וועלכע איז דאָן צוריק געפאָהרען, האָט גראַד יעצט געבראַכט דעם קאַפּיטאַן. איך געפין איהם שטעהענדיג ביי אַ באַזאַלאַט־פעלזען מיט זיינע אינסטרומענטען, די בליקען געריכטעט נאָך יענעם הימעלס־פונקט וואו די זונן דאַרף זיך באַלד בעווייזען. איך האָב זיך אויך געשטעלט נעבען איהם, שטיל וואַרטענדיג. די מיטאָגס־שטונדע איז שוין גאַנץ נאָהענט, אָבער גראַדע ווי נעכטען פערהינדערען די וואָלקענס אונזערע בעאָבאַכטונגען צו מאַכען.

די זאַך איז פיר אונז אויף דיעזען אופן זעהר שלים. אויב מיר זאָלען מאָרגען אויך ניט האָבען די מעגליכקייט דאָס צו טהון, דאַן איז שוין דאַרויף מעהר ניט דאָ וואָס צו רעכענען. אין דיעזע געגענדען פאַנגט זיך אָן די זעקס מאָנאַטען לאַנגע פּאָלאַר נאַכט פון 22טען מאַרץ, מאָרגען אַלזאָ וועט די זונן מיט איהרע לעצטע שטראַהלען בעשיינען דעם נאָרדליכען ברעג הימעל אונד דאַן געהט זי אונטער, אום אין פערלויף פון אַ האַלב יאָהר זיך ניט צו בעווייזען. איך האָב דאָס אַלעס יעצט אויך דעם קאַפּיטאַן נעמאָ ערקלעהרט.

„איהר האָט רעכט, הערר אַראָנאַקס" ענטפערט ער דאַרויף „אויב מיר זאָלען אויך מאָרגען ניט קענען אויפנעהמען דעם שטאַנד־פונקט פון די זונן, דאַן קענען מיר עס מעהר ניט טהון. יעדענפאַלס ווען דער צופאַל האָט מיך שוין יאָ גראַדע צו דיעזע צייט געבראַכט אין די געגענדען פון זיד־פּאָל קען איך דאָך מיט לעדיגען צוריק ניט פאָהרען. אויב די זונן זאָהל מאָרגען זיך אויך ניט בעווייזען, וועלען מיר מוזען מאַכען די אויפנאַהמע נאָך דעם אָבשיין פון די שטראַהלען."

„פיעלייכט" האָב איך ערוויעדערט „דאָך קען דיעזע בעהויפּטונג אַלס מאַטהעמאַטיש פּינקטליך ניט בערעכענט ווערען."

„גאַנץ ריכטיג, מיין הערר, אָבער דער אירטהום קען בעטרעפען ניט מעהר ווי אַ הונדערט עלען, אונד מיר וועלען זיך מוזען מיט אַזאַ צאָהל פון אונגעפעהר בעגניגען. אַלזאָ, אויף מאָרגען."

דער קאַפּיטאַן איז אַוועק געפאָהרען צוריק צום שיף. איך בין מיט קאָנסייל'ן געבליעבען צו לאַנד ביז פינף אוהר נאָכמיטאָג, וואו מיר האָבען אויף יעדען טריט אונד שריט אימער מעהר געהאַט צו בעוואונדערען די מערווירדיגקייטען פון דיעזען אונבעקאַנטען שטיק וועלט. פאַרביי געהענדיג האָב איך געפונען איין איי פון דעם פויגעל פינגווין, אונגעוועהנליך גרויס, פון גרויען פאַרב, מיט שטרייפען אונד צייכענס, וואָס ווייזען אויס פונקט ווי די פערציערונגען פון די פאַרצייטיגע עגיפּטישע היעראָגליעפען. פיר אַזאַ זעלטענהייט וואָלט יעדער ליעבהאָבער געגעבען אָם וועניגסטען טויזענד פראַנק. איך האָב עס איבערגעגעבען קאָנסייל'ן אונד דער פאָרזיכטיגער יונגע האָט עס געהיט ווי אַ קאָסטבאַרען אוצר אונד געבראַכט אין גאַנצען אויפ'ן נאַוטילוס.

דעם נעקסטען טאָג בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, אום פינף אוהר. ארויס קומענדיג אויפ'ן פּלאַטפאָרם האָב איך דעם קאַפּיטאַן נעמאָ שוין דאָרט געפונען.

„דאָס וועטער שיינט קלעהרער צו ווערען" האָט ער צו מיר געזאָגט „איך האָף אַז היינט וועט אונז געלינגען די בעאָבאַכטונגען צו מאַכען. נאָכ'ן פריהשטיק וועלען מיר זיך בעגעבען צו לאַנד אונד דאָרט אַ גוטע שטעלע פיר דיעזען ציעל אויף צו זוכען."

איך האָב דיעזעס מאָהל פאָרגעשלאָגען עדוואַרד'ן ער זאָהל אויך מיט פאָהרען, אָבער דער האַרטנעקיגער מענש ענטזאָגט זיך מיט צאָרן פון יעדען אַנטהייל אין אונזערע אונטערנעהמונג, זאָגאַר די אויסזיכט אויף יאַגד צו מאַכען האָט דיעזעס מאָהל אויף איהם קיין איינפלוס געהאַט, ער זאָהל עטוואָס פרעהליכער ווערען. איך זעה מיט פערדרוס אַז דער קאַנאַדיער ווירד וואָס פון טאָג ברומענדיגער אונד גריממיגער.

מיר זיינען אַלזאָ נאָך פריהשטיק אָבגעפאָהרען. דער נאַוטילוס איז וועהרענד די צייט פון פערגאַנגענע נאַכט איינינע מיילען צוריק אָבגעשוואָרמען, אונד מיר ווארען יעצט ווייטער פון נעקסטען ברעג, איבער וועלכען עס זעהט זיך אַ בערגעל, ביז איבער פינף הונדערט עללען די הויך.

פאָהרענדיג האָב איך בעמערקט צאָהל רייכע וואַלפישען, פון דריי פערשיעדענע מינים, וועלכע געפינען זיך נור אין דיעזע מעערען פון דעם זידליכען וועלט טהייל. די טהיערע שווימען דאָ לוסטיג ארום אין די רוהיגע וואַססערען, וואו זיי ווערען ניט אַזוי גרויזאַם פערפאָלגט ווי אין יענע געגענדען וואו דער מענש קען צו קומען. אויך געפינט זיך דאָ אַ בעזונדערער מין פון לאַנגע ווייסע מאָללוסקען, וועלכע לעבען גאַנצע געזעלשאַפטען צוזאַמען, אונד אַנדערע פון דיעזע זאָרטען ברואים, וואָס עס איז זעלטען אין אירגענד וועלכען אַנדער מעער אַנצוטרעפען.

אום ניין אוהר האָבען מיר געלאַנדעט. דער הימעל פאַנגט אָן זיך אויס צו קלעהרען; די וואָלקענס ציהען זיך צוריק נאָך זידען; דער טהוי הויבט זיך אויף פון דעם קאַלטען מעער־שפּיעגעל העכער אין דער לופט. קאַפּיטאַן נעמאָ געהט גראַדע נאָך דעמזעלבען בערגעל, וועלכער שטעהעט בײ׳ן ברעג פון ים, אום פון דאָרט אונזערע בעאָבאַכטונגען צו מאַכען. דאָס ארויף שטייגען איבער שפּיטציגע, וואולקאַנישע שטיינער, אין א לופט וואָס איז דורכגעדרונגען מיט א גערוך פון שוועבעל, איז געווען עטוואָס שווערליך. מען וואָלט געקענט גלויבען אז דער קאַפּיטאַן, וועלכער איז אָב־געוואָהנט פון די טרוקענע ערד, וועט זעהר שווער קענען אזא וועג מאַכען; דעננאָך בעוועגט ער זיך פיעל לייכטער פון אונז אזוי שנעל ווי דער בעס־טער בערג־יעגער.

צוויי שטונדען האָט ביי אונז געדויערט, ביז מיר זיינען געקומען אויפ׳ן שפּיטץ בארג, וועלכער בעשטעהט פון פּאָרפיר אונד באַזאַלט. די אויס־זיכט פון דאָנען איז גרויסאַרטיג; דאָרט, אירגענד וואו וויט, גיעסט זיך צוזאַמען דאָס אונענדליכע מעער מיט׳ן הימעל. צו אונזערע פיס ציעהען זיך שנעע־פעלדער, וואָס פערבלענדען די אויגען מיט זייער ווייסקייט, אונד איבער אונזערע קעפּ דער ריין־בלויער הימעלס־געוועלב. אין מיטען מעער ליעגט דער נאַוטילוס אזוי ווא א שלאָפענדער וואַלפיש; געגען אונז, אין נאָרדען, שטייגט אויף די זונן, ווי א פייערדיגער קוגעל, אונד הינטער אונז, נאָך זידען אונד אָסטען, איין אונבעוואוסטע שטיק לאַנד, איבעראַל בעדעקט מיט פעלזען אונד שטיקער אייז, אזוי וויט ביז די אויג קען דער גרייכען.

איין פיערטעל פאַר צוועלף האָט זיך בעוויעזען די זונן, בײ׳ן ברעג פון נאָרדליכען הימעל, ווי א גאָלדענע שויב, שיקענדיג איהרע לעצטע שטראַ־לען אויף דיעזע איינזאַם פערלאָזענע וועלט. קאַפּיטאַן נעמאָ שטעלט אָן זיינע אינסטרומענטען, אום דעם שטאַנדפּונקט פון די זונן ריכטיג אויס צו מעסטען. ער קוקט אויפמערקזאַם דורכ׳ן שפּאַקטיוו, וועהרענד איך האַלט מיט גרויס שפּאַנונג דעם כראָנאָמעטער. אויב די זונן וועט פּונקט אום צוועלף אוהר דורך געהען אין מיטען שויב פון שפּאַקטיוו, דאַן זיינען מיר ווירקליך בײ׳ן זיד־פּאָל, ביי דיעזע ענדע פון אונזער ערד־קוגעל, וואו קיין מענש איז נאָך ביז יעצט ניט געוועזען.

„צוועלף אוהר!" האָב איך אויסגערופען מיט איין אויפגערעגטע שטי־מע.

„דער זיד־פּאָל!" ערוויעדערט דער קאַפּיטאַן זעהר ערנסט, צייגענדיג מיר אין שפּאַקטיוו ווי די זונן שניידט דורך די שויב אין צוויי גלייכע טהיי־לען.

איך בעטראַכט איהרע לעצטע שטראַהלען, וועלכע וועלען זיך שוין

דאָ מעהר ניט בעווייזען אין פערלויף פון די נעקסטע זעקס מאָנאַט; די דונקעלהייט בעדעקט שוין די ניעדריגע טהיילען פון דיעזע וויסטע לאַנד־שאַפטען, איבער וועלכע עס וועט באַלד אָנפאַנגען צו הערשען אַ לאַנגע, האַלב־יעהריגע נאַכט.

קאַפּיטאַן נעמא האָט יעצט אַרויף געלעגט די האַנד אויף מיין שול־שער אונד רופט זיך אָב:

„מיין הערר, אין פערלויף פון די לעצטע צוויי הונדערט אונד זעכציג יאָהר, האָבען פיעלע בעריהמטע זעע־פאָהרער געזוכט מיט אַלע מיגלכקייטען ווי צו קומען ווייטער אין די זידליכע נעגענדען פון דער וועלט. אייניגע פון זיי האָבען ענטדעקט פערשיעדענע אינזלען אונד שטיקער לאַנד צווישען דעם 60טען אונד 70טען מערידיאַן, אָבער קיין איינציגען איז ניט געלונגען פיעל ווייטער אַרויף צו קומען, איבער די אונאיבערשטייגליכע אייז־בערג אונד אַלע הינדערניסע וואָס די נאַטור האָט דאָ געשטעלט. נון אָבער, בין איך, קאַפּיטאַן נעמא, היינט, דעם 21טען מערץ, 1868טען יאָהר, גע־קומען צום לעצטען 90טען מערידיאַן, ביי'ן זיד־פּאָל, אונד ענטדעקט אַ גרויסע שטיק לאַנד, וועלכע איך נעהם אָן אין מיין בעזיטץ.‟

„אין וועמען'ס נאָמען?‟ האָב איך געפרעגט.

„אין מיין אייגענעם, מיין הערר!‟

מיט דיעזע ווערטער האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ שוואַרצע פלאַגע, אויף וועלכע עס איז וואַר אויסגענעהט אַ גרויסער גאָלדענער בוכשטאַב N.

„נון, וועלען מיר יעצט פאָהרען צוריק‟ האָט ער דאַביי געזאָגט „דען די זונן פערלאָזט מיין נייעם רייך, איבער וועלכען עס וועט זיך יעצט פער־שפּרייטען אַ זעקס מאָנאַטליכע נאַכט.‟

15־טעס קאַפּיטעל.

אין אַ געפענגניס פון אייז.

דעם נעקסטען טאָג אין דער פריה האָבען אויפ'ן נאוטילוס זיך אָנ־געפאַנגען די פּאָרבערייטונג צו דער צוריק־רייזע. דער לעצטער ליכט־שיין איז פערפלייצט געוואָרען מיט נאַכט דונקעלהייט. די קעלט איז געוועזען אַזוי שטרענג אַז שטעהענדיג אויפ'ן פערדעק ביי אַ ווינד שפּיערט זיך אַ שטע־בענדיגער שמערץ. די שטיקער אייז פערמעהרען זיך אויפ'ן פרייען וואַססער אונד דאָס מעהר פאַנגט אָן איבעראַל צו פערפריהרען. ווי עס ווייזט אויס

איז אַלזאָ אויך דיזער זידליכער מעער, אין דער צייט פון די ווינטערליכע זעקס מאָנאַט, בעדעקט מיט אייז. פון די זויגענטהיערע וואָס לעבען אין איהם מוזען די וואַלפישען זיך צוריק ציעהען אין אנדערע אָפּפענע געגענ־רען; די פויגלען פליהען אויך אוועק נאָך דעם ווארעמען נאָרדען; נור די ראָבבען אונד וואַלל־ראָססען בלייבען אלס איינציגע בעוואָהנער פון דיע־ווער איינזאמער וועלט. דיעזע דיקע טהיערע זיינען אים שטאַנד איבער צו טראָגען די שטאַרקסטע קעלטען, אונד אום זיי זאָלען קענען אָטהעם שעפּען האַקען זיי אויס מיט זייערע שאַרפע ציינער לעכער אין אייז אונד האַל־טען שטענדיג אָפּפען, אום פון דאָרט צו יעדע צייט פרייע לופט צו בעקומען.

אונטערדעסען זיינען די וואַססער בעהעלטער פון נאָוטילוס אָנגעפיהלט געוואָרען אונד מיר זיינען לאַנגזאַם אַרונטער אין מעער ביז טויזענד פוס די טיעף. די שרויבע האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אונד אונזער שיף פאָהרט אָב גראַדע נאָך נאָרדען, מיט אַ שנעליגקייט פון פונפצעהן מייל אַ שטונדע. געגען אָבענד זיינען מיר שוין געשוואומען אונטער די אונענד־ליכע אייז־בערג.

אוים פאָרזיכטיגקייט זיינען די לאָדען פון זאַלאָן געשלאָססען דען די קריסטאַל־פענסטער קענען זיך גאַנץ לייכט אָן שטויסען אָן אַ שטיק אייז. דעם גאַנצען טאָג האָב איך פערבראַכט מיינע שריפטען אין אָרדנונג צו בדענגען, אָבער מיינע געדאַנקען וואָרען מיט עטוואָס אַנדערש בעשעפ־טיגט. איך שטעל זיך פאָר ווי מיר זיינען געקומען אָהן איבריגע שוועריג־קייטען צום זיד־פּאָל, גראַדע ווי מיר וואָלטען געפאָהרען אין אַ וואַגאָן פון איין אייזענבאַהן. יאָ, אונזער רייזע איז העכסט מערקווירדיג אונד איך גלויב אַז מיר וועלען נאָך יעצט צוריק פאָהרענדיג פיעלע אַנדערע איבער־ראַשונגען האָבען, דען די וואונדער דער נאַטור אונטער'ן ים זיינען אונענ־דליך.

די ערינערונגען וועגען די אַלע בעגעבענהייטען וואָס זיינען ביז יעצט מיט אונז פאָרגעקומען האָבען זאָגאַר די פאָלגענדע נאַכט זיך געמישט אין מיינע טרוימען, אונד מיין שלאָף וואַר זעהר אונרוהיג. פּלוצלונג אום דריי אוהר פאַרטאָג, שפּיער איך ליעגענדיג אין בעט אַ שטאַרקען שטויס. איך חאַפּ זיך אויף אונד בלייב זיטצען זיך צו האָרכענדיג אין דער דונקעלהייט, אָבער באַלד האָט נאָך אַ שטאַרקערער רוק מיך אַרוים געשליידערט פון בעט אין מיטען צימער. וואַהרשיינליך איז דער נאָוטילוס געבליעבען זיטצען פעסט אונד ליעגט יעצט אויף אַ זייט.

איך האַלט זיך אָן בייּ'ן וואַנד אונד קריעך אַרוים דורכ'ן קאָרידאָר אין זאַלאָן, וואו עס וואַר יעצט גאַנץ ליכטיג פון די אויבערשטע עלעקטרי־שע לאַמפּ. די מעבעל איז דאָ אומגעוואָרפען, נור די גלעזערנע קאַסטענס

וואָס זיינען צוגעשרויפט צום באָדען שטעהען אויף זייער אָרט. די פֿאָר־טרעטען פון די לינקע וואנד שטעהען אָב פון איהר מעהר ווי אויף א פוס. דער נאוטילוס ליעגט אלזאָ אויף דער רעכטער זייט אונד בלייבט גאנץ אונ־בעוועגליך.

איך הער ווי מען געהט אירגענד וואו אין שיף ארום אונד פערשיעדע־נע שטימען רעדענדיג גאנץ הויך, אָבער דער קאפיטאן נעמא בעווייזט זיך ניט. איך האָב שוין געוואָלט ארויס געהען פון זאלאָן אלס עדוארד אונד קאָנ־סייל זיינען אריין געקומען.

„וואָס איז דאָ פֿאָרגעפֿאלען ?“ פרעג איך ביי זיי.

„דיא אנטוואָרט אויף דיעזע פראגע ווילען מיר פון דעם העררן ער־פאהרען.“ ערוויעדערט קאָנסייל.

„טויזענד טייוועל !“ שרייט דער קאנאדיער „איך ווייס גאנץ גוט וואָס דאָ איז ! דער נאוטילוס זיצט פעסט, אונד ווי עס ווייזט אויס, וועט ער יעצט אזוי לייכט ניט קענען ארויס קומען ווי דאמאָלס פון טאָררעס־קאנאָל.“

„אָבער ווי אזוי ?“ פרעג איך ערשטוינט „איז דען אונזער שיף אויי־בען, אויפ'ן אייז ?“

„דאָס ווייסען מיר ניט“ ענטפערט קאָנסייל.

„מיר קענען דאָס באלד ערפאהרען.“

מיט דיעזע ווערטער גיעב איך א קוק אויפ'ן מאנאמעטער אונד זעה מיט גרויס איבערראשונג אז מיר געפינען זיך ביינאהע פיר הונדערט עללען אונטער'ן ים. אויף דיעזען אופן איז דאָך גאנץ לייכט ארויס צו לאָזען דעם וואסער־באלאסט פון די בעהעלטער אונד דער נאוטילוס וועט מיט זיין אייגענע קראפט זיך שנעל אויפהויבען העבער ; היינט ווי קומט עס אז ער זיצט פעסט ?

איך קען מיינע קאמעראדען דיעזע לאגע ניט ערקלעהרען, דארום זיי־נען מיר ארויס געגאנגען פון זאלאָן, אום דעם קאפיטאן אויף צו זוכען אונד פון איהם איין אנטוואָרט אויף דיעזע פראגע צו ערפאהרען. מיר זוכען איהם איבעראל, אין דער ביבליאָטהעק, ביי די מיטעלסטע טרעפ, אין דער קאָ־יוטע פון די מאנשאפט, אָבער מיר געפינען דאָרט קיינעם ניט. איך גלויב אז דער קאפיטאן איז יעצט וואהרשיינליך אין דער הייזעל פון שטייערמאן אונד דארום איז דאָס בעסטע אָב צו וואַרטען.

מיר זיינען אריין געקומען צוריק אין זאלאָן. עדוארד לעגד הערט ניט אויף צו ברומען אונד פלוכען אין גרויס צאָרן, אָבער איך געפין ניט פיר נויטהיג איהם צו ענטפערען. אזוי זיינען פארביי געגאנגען אונגעפעהר צוואנ־ציג מינוט אלס קאפיטאן נעמא איז ענדליך אריין געקומען. אויף זיין גע־

זיכט, וועלכעס איז זאָנסט קאַלט אונד רוהיג, קען מען יעצט בעמערקען אז ער איז אזוי ווי צוטראָגען. ניט קוקענדיג אויף אונז געהט ער גראַדע צו אונד בעטראַכט גענוי דעם קאָמפּאַס, דעם מאַנאָמעטער אונד אונטערזוכט דאַן אויף דער ים־קאַרטע דיעזע שטעלע פון זידליכען אָקעאַן.

אָנפאַנגס האָב איך איהם ניט געוואָלט שטערען, נור אלס ער האָט אין א ווײַלע ארום אויף מיר א קוק געגעבען האָב איך איהם א פראַגע געטהון:

„איז עטוואָס בעזונדערס געשעהען, קאַפּיטאַן?"

„א צופאַל." ענטפערט ער קורץ.

„איין ערנסטער צופאַל?"

„פיעלײַכט."

„אונד מיר געפינען זיך אין אירגענד וועלכע געפאַהר?"

„ניין."

„אונד פאַרוואָס זיצט דער נאַוטילוס פעסט? ווער איז דאַרין שולדיג?"

„ניט מיר. פון אונזער זײַטע איז קיין אונפאָרזיכטיגקייט ניט בעגאַנגען געוואָרען. די שולד ליעגט נור אין א בעזונדערע נאַטור ערשײַנונג, וועלכע מיר זײַנען ניט אים שטאַנד צו פערענדערען."

איך האָב פון אַנטוואָרט דיעזע דעננאָך קיין ריכטיגע ערקלעהרונג ניט פערשטאַנען.

„דאַרף איך וויסען, מײַן הערר, ווי אזוי עס איז צו דיעזען צופאַל געקומען?" האָב איך ווידער געפרעגט.

„איין אונגעהויער גרויסער אײַז־בערג האָט זיך אומגעוועדעט. דאָס פּאַסירט א מאָהל ווען עס קומט א וואַרעמע שיכטע וואַססער, אָדער פון א מעכטיגען שטורם אז א גאַנצער אײַז־בערג שטירצט אײַן. אזא צופאַל האָט דאָ יעצט פּאַסירט. די גאַנצע מאַססע אײַז איז אַרונטער אונטער'ן נאַוטילוס אונד האָט אונזער שיף אויף געהויבען, וועלכע בלײַבט יעצט ליעגענדיג אויף דיעזען אונטער־וואַסערדיגען אײַז־בערג."

„אָבער פאַר וואָס לאָזט מען ניט אַרויס דאָס וואַססער פון די בעהעלטער? דער נאַוטילוס וואָלט דאַן קענען פרײַ אַרויף שווימען."

„דאָס טהוט מען יעצט, מײַן הערר, איהר קענט הערען ווי די פּומפּען אַרבײַטען. גיעבט א קוק אויף דעם ווײַזער פון מאַנאָמעטער וועט איהר זעהען אז דער נאַוטילוס שטײַגט אַרויף העכער, אָבער דער אײַז־בערג שטײַגט אויך צוזאַמען מיט איהם. מיר מוזען וואַרטען ביז אירגענד וועלכע הינדערניס וועט דיעזע בעוועגונג פון דעם אײַז אָבהאַלטען, זאָנסט בלײַבט אונזער לאַגע דיזעלבע ווי יעצט."

אין דער טהאַט ליעגט אונזער שיף נאָך אימער אויף די רעכטע זײַט,

אַבוואַהל זי איז שוין אַרויף געשטויגען ביז אַ הונדערט אונד פונפציג פוס העכער. אויב די בעוועגונג פון אונטערשטען אייז־בערג זאָהל זיך אָבער ניט אָבהאַלטען אַזוי שנעל איז דאָך די געפאַהר זעהר גרויס. באַלד וועט אונזער שיף קומען צו דעם דעק פון אויבערשטען אייז־בערג אונד מיר קענען אויף דיעזען אופן צודריקט אונד צוקוועטשט ווערען צווישען ביידע אייז־בערג אַז עס וועט פון אונז אַ גאַנצעם גליעד ניט בלייבען.

פלוצלונג שפּירען מיר אין שיף אַ לייכטע בעוועגונג. עס איז דייטליך צו זעהען אַז דער נאַוטילוס הויבט זיך ביסלאַכווייז אויף, זאַ דאָס די װענד שטעהען שוין פאַסט גלייך. קיינער פון אונז איז ניט אים שטאַנד אַ וואָרט אויס צו רעדען, וועהרענד מיר בעטראַכטען זעהר אונרוהיג דיעזע בעוועגונגען פון שיף. יעצט זעה איך אַז דער פוס־באָדען איז שוין אויך גלייך.

„האָבען מיר זיך שוין אויפגעהויבען פון אייז־בערג ?" פרעג איך דעם קאַפּיטאַן.

„יאַ, די וואַססער בעהעלטער זיינען שוין באַלד לעער אונד דאַן מוז דער נאַוטילוס נאָך העכער אַרויף שטייגען."

מיט דיעזע ווערטער איז דער קאַפּיטאַן אַרויס פון זאַלאָן. באַלד זעה איך אָבער אַז מען האָט אויף זיין בעפעהל אָבגעהאַלטען דעם נאַוטילוס נאָך ווייטער אַרויף צו שטייגען, דען אין דער טהאַט מוז מען יעצט וויעדער פאָרזיכטיג זיין אַז דאָס שיף זאָהל זיך ניט אַנשטויסען צו די דעק פון דעם אויבערשטען אייז־בערג, אונטער וועלכען זי שווימט יעצט.

„מיר זיינען נאָך ניט אַרויס געקומען" האָט קאָנסייל זיך אָבגערופען.

„יאַ, זאָנסט וואָלטען מיר צווישען צוויי אייז־בערג צוזאַמען געדריקט געוואָרען" האָב איך געזאָגט.

„אַרויס געקומען ?" ברומט עדואַרד „וואַרט, דיעזע פערדאַמטע רייזע איז נאָך ניט געענדיגט !"

איך האָב דעם בייזען מענשען ניט געוואָלט ענטפערען אונד אין איבּריגע רייד זיך מיט איהם אַריין לאָזען. אויסערדעם האָבען זיך אין דיעזען אויגענבליק געעפענט די לאָדענס פון די זאַלאָן פענסטער אונד מיר האָבען דורך די פרייע גלאַז געקענט זעהען וואָס דרויסען טהוט זיך.

מיר געפינען זיך אַלזאָ פריי אין וואַססער, אָבער פון ביידע זייטען נאַוטילוס, נור אויף אַ צעהן עללען ווייטער, שטעהען גלענצענדע װענד פון אייז. איבער אונז, ווי געזאָגט, שטעהט דער אונגעהויערע אייז־בערג, אונטער וועלכען מיר פאָהרען, אונד אונטער אונז אַ צווייטער אייז־בערג, וואָס האָט אַראָפּ געשטירצט אין די טיעפענים פון מעער אונד אויפגעהויבען אונזער שיף. דער נאַוטילוס שטעהט אַלזאָ איינגעצאַמט אין אַ ריכטיגען אייז־טונעל. נור דאָס מאַכט ניט שטאַרק אויס : דער אונטערשטער אייז־בערג

שטעהט שוין פעסט אָהן אַ בעוועגונג, דאַמיט איז די הויפּט געפאַהר פון אונז אָבגעווענדעט. וואָס אַנבעטרעפט דעם קאַנאַל וועט ער דאָך מוזען באַלד אירגענד וואו זיך ענדיגען, אונד דאַן וועלען מיר אַרויס קומען פריי אין די טיעפענים פון מעער.

די עלעקטרישע לאָמפּ אין דעק פון זאַלאָן איז פערלאָשען געוואָרען. אָבער עס איז דענאָך העלער ווי אין מיטען טאָג. די אויסערע עלעקטרישע בעלייכטונג פון נאַוטילוס שפּיעגעלט זיך אָב אין די אַרומיגע אייזווענד, פון וועלכע די ליכט שטראַהלען פאַלען צוריק מיט אַזאַ שטאַרקען גלאַנץ אַז אונזערע אויגען ווערען פערבלענדעט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען דעם פּראַכט פון דיעזע שטראַהלען, וועלכע ברעכען זיך איין אין די פערשיעדענע ווינקלען אונד שפּיטצען פון די אייז־ווענד מיט אַלערליי געשטאַלטען אונד פאַרבען. מיר זיינען אַרומגערינגעלט אַזוי ווי מיט אַ ים פון בעוועגליכע עדעלשטיינער, וואָס טראָגען דעם קאָלאָר פון סאַפּיר, דורכגעקרייצט מיט בלויע אונד גרינע סמאַראַגדען.

„אַה, ווי הערליך, ווי שעהן!“ רופט אויס קאָנסייל.

„יאַ, דאָס איז העכסט וואונדערפאָל!“ האָב איך אויסגערופען „ניט וואהר, עדוארד?“

„טויזענד טייוועל, עס איז פּראַכטפאָל!“ שרייט דער קאַנאַדיער אונד מיר פערדריסט גענוג אַז איך מוז דאָס צוגעבען. אַזאַ ערשיינונג קען קיינער אויף דער וועלט ניט בעקומען צו זעהען. אָבער איך זאָג אייך, הערר פּראָפעסאָר, דאָס וועט אונז טהייער קאָסטען. אַ מענש טאָהר ניט פערלאַנגען צו זעהן אַזעלכע זאַכען וואָס גאָט וויל האַלטען פון איהם פערבאָרגען!“

עדוארד האָט רעכט. דיעזער אַנבליק איז ווירקליך צו פיעל שעהן. פּלוצלונג האָט קאָנסייל אַ געשריי געטהון. ער דרעהט זיך האַסטיג אָב פון פענסטער אונד פערשטעלטביידע אויגען מיט די הענד.

„וואָס איז מיט דיר, קאָנסייל?“ פרעג איך קוקענדיג אויף איהם זעהר פערוואונדערט.

„זאָהל דער הערר שליעסען די אויגען! אָה, איך בין פערבלענדעט, פערבלענדעט!“

איך גיעב אַ קוק צום פענסטער, אָבער נעגען מיר שטראַהלט אַזאַ פייערדיגער גלאַנץ אַז די אויגען קענען עס ווירקליך ניט אויסהאַלטען. איך פערשטעה פון וואַנען דאָס קומט. ביז יעצט איז דער נאַוטילוס געשטאַנען אויף איין אָרט, אַזוי ווי אין אַ ים־ליכט. יעצט אָבער לויפט אונזער שיף אין די גרעסטע שנעליגקייט; דער רוהיגער גלאַנץ האָט זיך דארום פערוואַנדעלט אין לויפענדע שטראַהלען אונד עס זעהעט יעצט אויס פּונקט ווי דער נאַוטילוס וואָלט פאַהרען דורך אַ ים פון פיעל פאַרביגע בליטצען.

אין דיעזער מינוט האָבען די לאָדענס פון זאלאָן זיך געשלאָסען. מיר זיינען נאָך אימער געשטאַנען האלטענדיג די הענד אויף די אויגען, וועל־כע פיהלען נאָך דעם איינדרוק פון דעם צו שטארקען ליכט, גראָדע ווי נאָכ־דעם ווען מען קוקט זיך איין אויף די העלל־שטראַהלענדע זונן. עס האָט געמוזט דויערען אַ קורצע צייט ביז אונזערע בליקען האָבען זיך ווידער בערוהיגט.

„מיין גאָט איך וואָלט אזא ערשיינונג זיך ניעמאלס געקענט פאָרשטעל־לען!" רופט אויס קאָנסייל אין גרויס ענטציקונג.

„אונד איך קען עס נאָך ניט בעגרייפען" ערקלעהרט עדוארד.

„ווען מיר וועלען צוריק קומען אויף די ערד" זאָגט קאָנסייל „איבער־גערייצט פון אזוי פיעל געהיימניספאָלע גלאַנץ־וואונדער דער נאַטור, וואס וועלען מיר דאַן קענען דענקען פון אונזער ארמע פעסט־לאנד? וואס פיר אַ ווערטה וועלען ביי אונז דאַן קענען האָבען די קלייניגקייטען וואס מענ־שען־הענד האָבען געשאַפען, וועלכע זיי מיינען אז דאס איז שעהן? אָה, ניין! די בעוואָהנטע וועלט איז אַ גאָר ניט, אַ פינסטערניס, אין פערגלייך מיט דיעזע גראַנדיעזע ערהאַבענהייט!"

איך הער דעם ערשטען מאָהל אזעלכע בעגייסטערטע ווערטער פון מיין קאַלטבלוטיגען האָללענדישען דיענער, וועלכער איז קיין מאָהל פון קיין זאַך ניט אזוי שטארק איבערראַשט געוואָרען. אָבער דער קאַנאַדיער האָט אונז אזוי ווי מיט קאַלטעס וואססער אָבגעגאָסען, ווען ער רופט זיך אָב מיט אַ האלב בייזע שטימע:

„די בעוואָהנטע וועלט! זייט נור רוהיג, פריינד קאָנסייל, מיר וועלען שוין אהין קיין מאָהל ניט צוריק קומען."

דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען אום פינף אוהר אין דער פריה. אין דיעזען אויגענבליק שפּיערען מיר אַז דער נאַוטילוס האָט זיך מיט זיין פאָרדערשטען טהייל אָן עטוואס שטארק אַנגעקלאַפּט. די ערשטע אייניגע מינוטען האָב איך געגלויבט אַז דאָס קומט געוויס דאפון, ווייל אונזער שיף איז צוזאמען געשטויסען מיט אַ שטיק אייז, וואס שווימט ארום אין דיע־זען קאַנאַל, אָדער דער קאַנאַל זעלבסט פערדרעהט זיך דאָ אָן אַ זייט. יע־דענפאַלס בין איך זיכער אַז קאַפּיטאַן נעמאָ וועט שוין געפינען אַ מיטעל ווי דאָס שיף ריכטיג צו לענקען, אַז אונזער ווייטערע רייזע זאָהל ניט אָבגעהאַלטען ווערען, אום מיר זאָלען וואס שנעלער פון דיעזע געפעהרלי־כע לאַגע ארויסקומען. צו מיין גרויסען ערשטוינען בעמערק איך אָבער באַלד אַז דער נאַוטילוס פאַנגט אָן צו פאָהרען צוריק.

„מיר פאָהרען גאָר צוריק?" פרעגט קאָנסייל פערוואונדערט.

„יאָ" האָב איך געענטפערט „וואהרשיינליך איז אויף דיעזער זייט

דער טונעל פערשפּאַרט מיט אייז אונד דער נאַוטילוס קען דאָרט ניט ארויס־קומען.״

„אָבער דאַן איז דאָך מיט אונז זעהר ניט פרעהליך.״

„פאַרוואָס? ווייל דער אייז־טונעל אויף דיעזער זייט איז פערצאַהמט? דאַן וועט דער נאַוטילוס געפינען אַ פרייען וועג ביי יענעם זייט טונעל, אונד דארום פאַהרט ער דאָך צוריק.״

איך האָב דיעזע ווערטער בלויז אויסגעשפּראָכען, אום מיינע קאַמעראַ־דען צו בערוהיגען, אָבער אין דער ווירקליכקייט בין איך אין דיעזער מי־נוט געווען זעהר בעזאָרגט, טראַכטענדיג אויב דער נאַוטילוס וועט איבער־הויפּט געפינען אַ וועג ווי פון דיעזע אייז־געפענגניס ארויס צו קומען. זאָנסט איז די געפאַהר פיר אונז זעהר גרויס. אונטערדעסען פאַהרט אונ־זער שיף דורכ'ן קאַנאַל צוריק מיט די גרעסטע שנעליגקייט.

„„די פערצעגערונג קען אונז יעדענפאַלס זעהר פיעל שאַדען״ רופט זיך אָב עדוואַרד.

„וואָס מאַכט עס אויס?״ ערוויעדער איך „אייניגע שטונדען פריי־הער אָדער שפּעטער, ווען מיר זאָלען נור פון דאַנען ארויסקומען.„

„יאַ,״ וויעדערהאָלט עדוואַרד „דאָס איז עבען די פראַגע אויב מיר וועלען ארויסקומען.״

איך בין אויף אייניגע אויגענבליקען ארויס פון זאַלאָן אין ביבלאָ־טהעק. מיינע קאַמעראַדען זיינען געבליעבען זיטצען שטיל. פאַלענדיג אויפ'ן דיוואַן האָב איך גענומען אַ בוך אין האַנד אונד אָנגעפאַנגען צו לעזען, אָב־וואָהל, פון גרויס אויפרעגונג בעגרייף איך ניט איין וואָרט פון דעם אינ־האַלט. אַ פיערטעל שטונדע שפּעטער איז קאַנסייל אריין געקומען. איך מאַך זיך אַזוי ווי פערטיעפט אין לעזען, אָבער געבענדיג אַ קוק אויפ'ן בוך, רופט ער זיך אָב צו מיר:

„איז דאָס איין זעהר אינטערעסאַנטעס ווערק, וואָס דער העררר לעזט?״

„זעהר אינטערעסאַנט!״ ענטפער איך קורץ.

„גאַנץ געוויס, דען דאָס איז דאָך דעם העררן'ס אייגענע פערפאַסונג.״

איך בין ערשטוינט געוואָרען, זעהענדיג אַז איך האַלט ווירקליך מיין אייגענעם ווערק „איבער די געהיימניסע פון מעערעס־גרונד.״ איך האָב דעם בוך צו געמאַכט אונד אריינגעאַנגען צוריק אין זאַלאָן, אָבער יעצט בין איך שוין ניט אים שטאַנד געווען מיין גרויסע אונרוהע צו פערבאָרגען. עד־וואַרד אונד קאַנסייל זיינען אויפגעשטאַנען אום זיך צוריק צו ציעהען.

„בלייבט דאַ, מיינע פריינדע״ האָב איך צו זיי געזאָגט „ביז מיר וועלען פון דיעזען זאַק־טונעל ארויס פאַהרען.״

עס זיינען וויעדער פערפלאָסען אייניגע שטונדען. איך בעטראַכט זעהר

אַפּט די אינסטרומענטען וואָס הענגען אויפ'ן וואַנד פון זאַלאָן. דאָס מאַ־נאָמעטער צייגט אז דער נאוטילוס געפינט זיך יעצט אימער אין א טיעפּ־ניס פון דריי הונדערט עללען; דער קאָמפּאַס בעווייזט אז אונזער שיף שווימט צוריק אונד פון דעם לאָג זעה איך אז מיר פאָהרען מיט די גע־שווינדקייט פון 20 מייל אין א שטונדע. אין אזא ענגען קאַנאַל איז דאָסווירקליך צופיעל שנעל, אָבער דער קאַפּיטאַן נעמא ווייס זעהר גוט, אז ביי אונזער יעצטיגע געפעהרליכע לאַגע איז יעדע מינוט טהייערער ווי א גאַנצעס יאהרהונדערט.

אום אכט אוהר פינף אונד צוואַנציג מינוטען שפּיערען מיר ווידער א שטויס, אָבער דיעזעס מאָהל האָט זיך אָבגעקלאַפּט דאָס הינטערשטע טהייל פון שיף. איך בין פון שרעק קוים אים שטאַנד געווען צו בלייבען שטעהען אויף מיינע פיס. מיינע קאַמעראַדען זיינען צו מיר צוגעלאָפען אונד קאָנ־סייל האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד. מיר קוקען איינער אויף דעם אַנדע־רען אונד יעדער פון אונז פערשטעהט שוין גוט גענוג דעם צווייטענס גע־דאַנקען. באַלד איז אויך דער קאַפּיטאַן נעמא אריינגעקומען אין זאַלאָן.

„איז דער וועג נאָך זידען אויף פערצאַהמט?״ האָב איך איהם האַס־טיג א פרעג געטהון.

„יא, מיין הערר. מיר זיינען פון אַלע זייטען פערשפּאַרט מיט די אייז־בערג.

16-טעם קאַפּיטעל.

עס פעהלט לופט.

אַלזאָ מיר געפינען זיך אין א געפענגניס פון אייז. איבער אונז, אונ־טער אונז אונד פון אַלע זייטען זיינען מיר ארומגערינגעלט מיט אונענד־ליכע דיקע וועגד פון אייז. דער קאַנאַדיער קלאַפּט מיט די פויסט אָן טיש שרעקליך פלוכענדיג. קאָנסייל זיטצט אונד שווייגט. איך גיעב א קוק אופ'ן קאַפּיטאַן; די מיענע פון זיין געזיכט איז רוהיג אונד קאַלט ווי אימער. ער שטעהט א ווייל מיט די הענד צוזאַמענגעלייגט אופ'ן ברוסט אונד טראַכט. דער נאוטילוס ליעגט אונבעוועגליך.

„מיינע הערען״ האָט ענדליך דער קאַפּיטאַן זיך אָבגערופען מיט א גאַנץ רוהיגען טאָן „אין אונזער יעצטיגע לאַגע קענען מיר שטאַרבען אויף צווייערליי אַרטען.״

דער אונבעגרייפליכער מענש רעדט דיעזע ווערטער גראדע ווי ער וואלט פארלעזען א לעקציאן פון מאטהעמאטיק.

"ערשטענס" זאגט ער ווייטער „קען זעהר מעגליך זיין אז דער אייז־בערג וועט זיך ווידער אנפאנגען צו בעוועגען אונד דאן וועלען מיר צו־דריקט ווערען. צווייטענס ווען מיר וועלען אויסניטצען די גאנצע לופט פון נאוטילוס מוזען מיר דערשטיקט ווערען. פון הונגער וועלען מיר געוויס ניט שטארבען, דען מיר האבען יעדענפאלס מעהר לעבענסמיטעל אלס עס איז נויטהיג פיר די צייט וואס בלייבט אונז צו לעבען."

„אבער, קאפיטאן" האב איך איינגעווענדעט „דארפען מיר ווירקליך מורא האבען דערשטיקט צו ווערען ווען אונזערע לופט־בעהעלטער זיינען פולל?"

„יא, וויל דיעזע לופט פון די בעהעלטער קען פיר אונז זיין גענוג נור אויף אכט אונד פיערציג שטונדען. מיר זיינען שוין זעקס אונד דרייסיג שטונדען אונטער'ן וואסער אונד אין נאוטילוס איז די אטמאספערע יעצט גענוג דריקענד אז מען וועט שפעטסטענס אין א פאאר טעג ארום, איהר מוזען אבפרישען. אויב מיר וועלען נאך אין פערלויף פון דיעזער צייט קיין אויסערליכע לופט ניט בעקומען אונד די בעהעלטער וועלען זיין אויס־גענוצט דאן האבען מיר מעהר ניט וואס צו אטהמען."

„נון, דאן מוזען מיר זעהען ביז דאהין פון דיעזער אייז־געפענגניס זיך פריי צו מאכען."

„פריי מאכען?" האט נעמא ווידערהאלט טראכטענדיג „יא, איהר האט רעכט! מיר וועלען פרובירען איינע פון דיעזע אייז־וועגד דורך צו ברעכען."

אויף וועלכע זייט?" פרעג איך מיט גרויס אויפרעגונג.

„דאס וועט אונז די זאנדע צייגען וואו דער אייז איז דינער. איך וועל דעם נאוטילוס אראפ לאזען ער זאהל בלייבען זיטצען אויף דעם באדען פון אייז־קאנאל אונד מיינע לייטע, געקליידעט אין סקאפאנדערס וועלען באלד אנפעאנגען אין די ריכטיגע שטעלע דעם אייז צו האקען."

„קען מען די לאדענס פון זאלאן עפפענען?"

„נאטירליך. ווען דער נאוטילוס ליעגט אהן א בעוועגונג וועט דאפון קיין שאדען ניט ארויס קומען."

דער קאפיטאן איז דאמיט ארויסגעגאנגען. באלד הער איך ווי דאס וואססער רוישט אריין דרינגענדיג אין די בעהעלטער; אונזער שיף לאזט זיך לאנזזאם אראפ אונד בלייבט זיטצען אויף א טיעפנים פון דריי הונ־דערט פונפציג עללען.

„מיינע פריינדע" האב איך צו עדוארד'ן אונד קאנסייל'ן געזאגט „אונ־

זער לאַנג איז זעהר ערנסט, אָבער איך רעכען אויף אייער מוטה אונד טהאטקראפט.״

„מיין הערר,״ האָט דער קאַנאַדיער זיך אָבגערופען „יעצט איז ניט די צייט אויף וועמען בייז צו זיין. איך וועל טהון אַלעס וואָס נור מעגליך איז פיר אונזער אַלגעמיינע רעטטונג.״

„גוט עדוארד״ האָב איך געזאָגט איהם רייכענדיג די האַנד צום דאַנק.

„איך פערשטעהע מיט די האַק אַזוי גוט אום צו געהען ווי מיט די הארפונע״ זאָגט דער בראַווער קאַנאַדיער „אונד וועל דיענען מיט אַלעס וואָס איך קען נור ניטצליך זיין.״

„דער קאַפּיטאַן וועט געוויס מיט פערגניגען אייער הילפע אָננעה־מען. קומט עדוארד !״

איך האָב דעם קאַנאַדיער אריינגעפיהרט אין דעם קאַממער וואו די לייטע פון נאוטילוס האָבען יעצט אין די סקאַפאַנדערס זיך אָנגעקליידעט. אויף מיין ערקלעהרונג האָט דער קאַפּיטאַן ווירקליך מיט גרויס צופריע־דענהייט עדוארד׳ן צו דער ארבייט אָנגענומען.

דער קאַנאַדיער איז באַלד אויך פערטיג געוועזען מיט זיין אָנקליידונג. יעדער פון די ארבייטער האָט אָנגעטהון אויפ׳ן רוקען דעם געוויסען רוק־ווערגל־אַפּפּאַראַט, מיט דעם ראַנעץ וואָס איז פול מיט ריינע לופט. קיין לאַנטערנעס האָבען זיי ניט געדאַרפט, דען דאָס וואַססער אין קאַנאַל איז דורך אונד דורך זעהר העלל.

איך בין צוריק אריין אין זאַלאָן אונד זיך געזעצט מיט קאָנסייל׳ן ביי׳ן פענסטער, פון וועלכען די לאָדענס ווארען יעצט געעפענט, בעטראַכ־טענדיג די ארומיגע שיכטען, אויף וועלכען דער נאוטילוס ליעגט יעצט.

באַלד דאַרויף זעהען מיר ווי אַ דוצענד מענער געהען ארויס פון שיף אויפ׳ן אייז־באָדען, צווישען זיי אויך עדוארד, וועלכען מיר דערקע־נען נאָך זיין הויכע פיגור. קאַפּיטאַן נעמאָ געפינט זיך אויך מיט זיי.

פון דעם זאַנדירען האָט זיך באַלד ערקלעהרט אַז די וואַנד פון ביידע זייטען זיינען צו דיק אַז מען זאָהל זיי קענען אין אַ קורצע צייט דורכ־האַקען. די בעססטע שטעלע האָט זיך געפונען אין באָדען פון קאַנאַל, וואו דער אייז איז נור צעהן עללען די גרעב. עס האַנדעלט זיך אַלזאָ וועגען דעם אַז מען זאָהל אויסהאַקען אויף דיעזען אָרט אַ לאָך אַזוי גרויס ווי דער נאוטילוס, דורך וועלכע ער זאָהל קענען זיך אראָפּ לאָזען אין די טיעפענים פון מעער.

די ארבייט האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען אונד די העק פליהען אין אייז מיט קרעפטיגע זעטצען. גרויסע שטיקער ווערען אויסגעהאַקט אונד צום גליק איז ניט נויטהיג זיי אָב צוראַמען, דען ווי בעוואוסט שווימט אייז

אימער פון אויבען אויפ'ן וואססער, זאָ דאָס יעדע שטיק וואָס ווירד נור לויז פון באָדען פליהעט ארויף צום דעק פון אויבערשטען אייז־בערג.

נאָך פערלויף פון צוויי שטונדען איז עדוארד געקומען צוריק זעהר ערמיעדעט. יעצט האָב איך אונד קאַנסייל זיך אָנגעקליידעט אונד מיר זיינען ארויס געגאַנגען מיט אַ צאָהל פרישע ארבייטער, אונטער די אנ־פיהרונג פון דעם שיף'ס לייטענאַנט.

דאָס וואסער איז אַזוי קאַלט אַז איך שפּיער עס זאָגאר אונטער די סקאַפאנדער־קליידונג, באַלד איז מיר אָבער פון די שווערע ארבייט מיט דער האַק גענוג ווארעם געוואָרען. די בעוועגונג אין וואססער איז אין דיעזער בעקליידונג מערקווירדיג לייכט.

אויף דיעזען אופן זיינען פארביי געגאַנגען נאָך צוועלף שטונדען פון אונאויפהערליכע ארבייט. יעדעס מאָהל ווען איך קום צוריק אין נאוטילוס זיך אויס צו רוהען אונד עטוואָס צו עסען שפּיער איך אַז די לופט אין שיף ווירד אימער שווערער אונד שטיקענדער. דעננאָך האָבען מיר אין פער־לויף פון דיעזע צוועלף שטונדען קוים בעוויזען אויס צו האקען אַ שיכט נור פון איין עלל די גרעב. עס פאָרדערט זיך אלזאָ אַ צייט פון נאָך פינף נעכט אונד פיער טעג ביז מיר וועלען אים שטאַנד זיין דעם גאַנצען אייז דורך צו ברעכען.

„פינף נעכט אונד פיער טעג!" האָב איך צו מיינע קאַמעראדען גע־זאָגט „ווערענד מיר האָבען אין גאַנצען לופט נור אויף אַכט אונד פיער־ציג שטונדען."

„אונד אויסערדעם" רופט זיך אָב עדוארד „ווען מיר וועלען שוין ארויס פון דיעזען פערדאַמטען קערקער דארף נאָך אויך נעהמען אַ געוויסע צייט ביז מיר וועלען ארויס קומען פון אונטער די אייז־בערג צו די אויבער־פלאַכקייט פון מעער."

דיעזע בעמערקונג איז ריכטיג גענוג. ווער קען יעצט בערעכנען ווי לאַנג עס דארף דויערען ביז מיר וועלען ארויס קומען צו איין אָפּפענע שטעלע איבער'ן מעער? עס איז אלזאָ קיין צווייפעל ניט אַז ביז דאהין וועלען אַלע דערשטיקט ווערען. די לאַגע איז זעהר שרעקליך, דעננאָך האָט קיינער פון אונז ניט פערלאָרען דעם מוטה אונד די ענטשלאָסענהייט צו טהון ביז דעם לעצטען מאָמענט אַלעס וואָס נור מעגליך, אום זיך צו רעטען.

אין פערלויף פון די נעקסטע צוועלף שטונדען איז ווידער איין עלל אייז אויסגעהאַקט געוואָרען. אָבער ארויס געהענדיג אין דער פריה צו דער ארבייט בעמערק איך אַז די זייטיגע וואנד שטעהען פיעל נעהענטער צום נאוטילוס ווי פריהער. דאָס וואססער ווערכער קומט אין בעוועגונג דורך

אונזער ארבייט פריהרט שנעלער איין אלס די רוהיג־שטעהענדע מאססע וואססערען. די אייז־וועגד ארום אונז ווערען אויף דיעזען אופן אימער דיקער אונד עס דארף גאר ניט לאנג דויערען ביז מיר מיט דעם נאוטילוס וועלען איינגעפראהרען אונד צושמעטערט ווערען.

איך האב וועגען דיעזע נייע געפאהר צו מיינע קאמעראדען א ווארט ניט געשפראכען, אום זיי זאלען דעם מוטה צו ארבייטען ניט פערליערען. אבער קומענדיג צוריק אין שיף האב איך דעם קאפיטאן נעמא ערקלעהרט ווי ערנסט אונזער לאגע איז.

„איך וויים דאס" האט ער געענטפערט מיט זיין געוועהנליכע קאלטבליטיגקייט „אבער איך קען קיין מיטעל ניט געפינען ווי דיעזע נייע געפאהר אב צו ווענדען. די איינציגע אויסזיכט אויף רעטטונג איז מיר זאלען ניט צו לאזען דעם וואססער איין צו פריהרען. דאס איז אלעס."

ניט צו לאזען ! איך בעגרייף שוין ווירקליך ניט ווי א מענש קען דאס אזוי רוהיג אויסרעדען !

דיעזען טאג האב איך איינינע שטונדען געהאקט דעם אייז מיט די קראפט פון פערצווייפלונג. אויסערדעם איז מיר פיעל אנגענעהמער געוועזן צו שטעהען ביי דער ארבייט אונד אטהמען די ריינע לופט פון אפאראט איידער צו זיטצען אין נאוטילוס, וואו די אטמאספערע איז אזוי פערדארבען אז מען פאנגט אן צו שפיערען די שרעקענים פון דערשטיקונג.

געגען אבענד האבען מיר אויסגעגראבען דעם אייז נאך אויף איין עלל טיעפער. אלס איך בין צוריק געקומען אין נאוטילוס אום געפייניגט צו ווערען פון די פערדארבענע אטמאספערע עראינער איך זיך אז אייגענטליך וואלטען מיר דאך געקענט אליין זיך פרישע לופט פערשאפען. דעם זויער־שטאף וואס איז דאצו נויטהיג וואלטען מיר געקענט דורך אויסדאמפפונג ארויס ציעהען פון וואסער און דעם שעדליכען קאהלען־זויערע איז מעגליך צו פערניכטען מיט קאאוסטישען קאלי ; ליידער פעהלט אבער יענער לעצטער מאטריאל אויפ'ן שיף, אונד מיר וואונדערט ווירקליך אויף דעם קאפיטאן ווי ער וואר ניט פארזיכטיג גענוג אויף יעדען פאל דאמיט זיך צו פערזארגען.

דיעזען אבענד איז שוין דער קאפיטאן געצוואונגען געוועזן צו עפנען די קראנען פון די בעהעלטער אונד איינינע שטראמען פרישע לופט אין נאוטילוס אריין צו לאזען, זאנסט וואלטען מיר געוויס ביז צום נעקסטען מארגען ניט דערלעבט.

דעם נעקסטען טאג, דען 26־טען מארץ, אלס איך וואר בעשעפטיגט ביי'ן גראבען דעם 5־טען עלל פון דעם אייז־באדען, בעמערק איך אז די וועגד ארום אונז זיינען נאך דיקער געווארען. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט אז מיר וועלען בלייבען איינגעפראהרען נאך איידער עס וועט אונז מעגליך

זיין פון דיעזען קאנאל זיך ארויס צו ארבייטען. איך האב ביי דיעזען געדאנ־קען אזוי פערלארען דעם מוטה אז די האק איז פון מיינע הענד ארויס־געפאלען. צו וואס נוצט דען ווירקליך זיך אזוי אן צו שטרענגען ווען עס גיעבט פיר אונז שוין קיין מעגליכקייט זיך צו רעטען ?

דער קאפיטאן נעמא וועלכער וואר דער אנפיהרער פון אונזער אר־בייט אונד אליין אויך דאביי געהאלפען איז אין דיעזען אויגענבליק פאר־ביי געגאנגען. איך ריהר אן זיין האנד אונד צייג איהם אויף די אייז־וואנד פון אונזער קערקער, וועלכע שטעהען שוין אונגעפעהר אויף פיער עללען גנעהענטער צום נאוטילוס. דער קאפיטאן גיעבט מיר א וואונק איך זאהל איהם נאכפאלגען. מיר געהען אריין אין נאוטילוס אונד טהוען אויס אונזערע וואסער־בעקליידונג, דאן בעגיעבען מיר זיך אין זאלאן.

„הערר ארנאקס” האט נעמא זיך אבגערופען „מיר מוזען אויס־טראכטען א מיטעל ווי זיך צו רעטען, זאנסט וועלען מיר נאך דיעזע נאכט איינגעמויערט ווערען.”

„אבער ווי ? וואס וועלען מיר טהון ?”

„אך, ווען מיין נאוטילוס וואלט געווען שטארק גענוג, אום דיעזע דריקונג פון דעם געפראהרענעם וואסער אויס צו האלטען !”

„נון, וואס וואלט דאן געווען ?” פרעג איך ניט פערשטעהענדיג וואס ער מיינט דאמיט.

„איהר קענט דאס ניט בעגרייפען ? אבער איהר ווייסט דאך דעם נא־טור געזעץ, אז דער אייז פערנעהמט מעהר פלאץ ווי דאס וואססער ווען א מאסע וואססער איז איינגעשפארט אין א געוויסען רוים אונד ווירד פערפראהרען דאן צושמעטערט זי די ווענד ארום זיך, זאגאר ווען זיי זא־לען זיין שטארק ווי פעלזען. די געפאהר וואלט אלזא פיר אונז געקענט ווערען א מיטעל פון הילף, דען ווען דאס וואססער אין דעם אבגעשלאסע־נעם קאנאל וועט אין גאנצען פערוואנדעלט ווערען אין אייז וועלען די ווענד דאדורך אליין מוזען פלאטצען אונד צובראכען ווערען אויף שטיקלאך.”

„וואס העלפט אבער וועגען דעם צו רעדען, קאפיטאן ? איידער דער אייז וועט די ווענד צו ברעכען וועט דער נאוטילוס שוין זיין צוזאמען גע־דריקט ווי א שטיק בלעך.”

„ליידער איז דאס ריכטיג. מיר קענען אלזא אויף די הילפע פון דער נאטור ניט רעכנען אונד מוזען זעהן מיט אונזער אייגענע קראפט זיך צו רע־טען. אויסער די ווענד פון ביידע זייטען איז שוין דער קאנאל פון פארנט אונד הינטען אויך איינגעפראהרען ; עס זיינען נור געבליעבען אונגעפעהר צעהן פוס פרייעס וואססער.”

„אויף ווי לאַנג האָבען מיר נאָך לופט אין די בעהעלטער ?“ פרעג איך דעם קאַפּיטאַן.

„איבער מאָרגען וועלען זיי פאָלשטענדיג לעער זיין.“

איך בין בעגאָסען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שוויים הערענדיג דיעזע ווערטער. פון אַלע זייטען שטעהט געגען אונז דער פירכטערליכער טויט, פון וועלכען מיר קענען ניט געפינען קיין מיטעל זיך צו שיטצען. זאָגאַר יעצט, שרייבענדיג יענע בעגעבענהייטען, ווירד מיין גאַנצער קערפּער דורכגעשווידערט נור ביי די ערינערונג פון אַזעלכע שרעקניסען.

קאַפּיטאַן נעמאָ איז איניגע מינוטען געזעסען פערטראַכט קלעהרענדיג. עס איז אויף זיין געזיכט דייטליך צו זעהען ווי אָנגעשטרענגט זיינע געדאַנקען ארבייטען. ענדליך רופט ער זיך אָב מיט אַ לייכטען שמייכעל :

„וועגען אַזאַ קליינינקייט אַזוי לאַנג צו דענקען ! עס איז דאָך גאַנץ איינפאַך — קאָכענדיגעס וואַססער.“

„קאָכענדיגעס וואַססער ?“ בין איך איבערראַשט געוואָרען.

„יאַ, מיין העהר. מיר זיינען איינגעשלאָסען אין איין ענגען רוים, פול מיט אַ שטעהענדיגען וואַססער, וועלכען עס איז לייכט מעגליך צו דערוואַרמען, זאָגאַר היים צו מאַכען, ווען די פּומפּען פון נאַוטילוס זאָלען ניט אויפהערען ארוים צו גיעסען אויפגעקאָכטעס וואַססער, אונד אויף דיעזען אופּן וועט עס פערהינדערען דעם ווייטערען איינפריהרען.“

„איך גלויב אַז דאָס איז אַ גוטער פּלאַן ; מען דאַרף עס פּראָבירען.“

„ניט נור פּראָבירען זאָדערען באַלד אין ערפילונג ברענגען !“ האָט נעמאָ אויסגערופען.

ער האָט מיך דאַן אריינגעפיהרט אין די קיכען־רוימען, אין וועלכע עס ארבייטען די גרויסע דיסטילאַציאָנס־אַפּפּאַראַטען ; זיי דאַמפּפען אוים די פערשיעדענע זאַלצען פון דעם ים־וואַסער, אום מען זאָהל עס נאָכהער קענען טרינקען. דיעזע אַפּפּאַראַטען זיינען באַלד פול געוואָרען אונד די גאַנצע היטץ פון די עלעקטרישע זיילען וואַר דאַן אריין געטריעבען אין זייערע רעהרען. אין איניגע מינוטען האָט דאָס וואַססער ערכייכט ביי הונדערט גראַד היטץ אונד איז אריין געפיהרט געוואָרען אין די פּומפּען, וועהרענד די דיסטילאַציאָנס־אַפּפּאַראַטען האָבען אימער געשעפּט פרישעס וואַססער פון ים, וועלכע האָט נור געדאַרפט אין זיי דורכלויפען אונד דאַן איז עס ארויסגעפלאָססען פון די פּומפּען ברענענד־קאָכענדיג.

נאָכדעם ווי דיעזע פּומפּען האָבען אין פערלויף פון דריי שטונדען אַזוי געאַרבייט איז דאָס וואַססער אין אונזער קאַנאַל געוואָרען נור אויף איין גראַד וואַרעמער ; אָבער צוויי שטונדען שפּעטער אויף גאַנצע דריי גראַד.

„דער פּלאַן געלינגט אויסגעצייכענט" האָב איך געזאָגט צום קאַפּיטאַן, בעטראַכטענדיג ווי די קראַנקע גיעסען אָהן אויפהער זידענדעס וואַססער.

„יאַ, יעצט זיינען מיר זיכער ניט איינגעפּראָהרען צו ווערען; ווע־ניגסטענס האָבען מיר צו טהון מיט איין געפאַהר, וועלכע וויל אונז דער־שטיקען."

אויף מאָרגען, דעם 27 מאַרץ, וואָרען שוין ביז זעקס עללען אייז אויס־געהאַקט. פיער עללען בלייבט נאָך אַלזאָ איבריג דורך צו ברעכען, דאָס דאַרף דויערען אַכט אונד פיערציג שטונדען; אָבער די לופט אין נאַוטי־לוס ווירד אימער ערגער אונד עס איז שוין באַלד ניט דאָ מיט וואָס איהר אָב צו פרישען.

אום דריי אוהר נאָכמיטאָג האָב איך אָנגעפאַנגען צו שפּיערען אַ שרעקליכע קלעמענים. מיין ברוסט אַטהעמט האַסטיגער, זוכענדיג די נויט־וועגדיגע לופט וואָס איהר פעהלט, אונד צו גלייכער צייט ווירד מיין גאַנ־צער קערפּער אַזוי ווי געלעהמט פון איין אונערטרעגליכע שווערענים. איך בין געבליעבען ליעגען אָהן קראַפט, פאַסט אָהן אַ בעזינונג. מיין טרייער קאָנסייל, וועלכער ליידעט אויך די זעלבע פּיין, טרעט דעננאָך ניט אָב פון מיין זייט. ער נעהמט אָן מיינעביידע הענד, זוכט מיך אויף צו מונ־טערען, אונד איך הער ווי ער מורמעלט זעהר טרויעריג:

„אַך, ווען איך וואָלט געקענט אויפהערען צו אָטהמען, אום **דער הערר** **זאָהל מעהר לופט האָבען!"**

איך בין געריהרט געוואָרען ביז טהרערען פון דיעזע ווערטער.

ביי דיעזע פורכטבאַרע לאַגע פלעגט יעדער פון אונז מיט אַ האַסטיגע פרייד אַרויף וואַרפען אויף זיך די סקאַפאַנדער־בעקליידונג. אונזערע הענד זיינען שוין פערוואונדעט פון שווערע אַרבייט, אָבער דאַרויף קוקט קיינער ניט, דען אַרבייטענדיג קען מען דאָך האָבען די מעגליכקייט צו געניעסען די ריינע לעבענס־לופט פון רוקוועראַל־אַפּפּאַראַט אונד פריי אָבציעהען דעם אָטהעם. דעננאָך האָט קיינער זיך ניט ערלויבט צו טראָגען דעם אַפּפּאַ־ראַט לענגער ווי עס וואַר בעשטימט. יעדער האָט עס פּינקטליך צו דער צייט איבער געגעבען זיין קאַמעראַד. קאַפּיטאַן נעמאָ אַליין האָט אויך שטרענג ערפילט דיעזע אָרדנונג מיט זיין געוועהנליכע רוהיגע בענעהמונג.

דיעזען טאָג איז די אַרבייט געטהון געוואָרען מיט נאָך מעהר קראַפט, וועלכע נור די פערצווייפלונג קען געבען. עס בלייבען נור נאָך צוויי על־לען אייז אויס צו האַקען; דאַן וועלען מיר שוין זיין בעפרייט פון דיעזען שרעקליכען קאַנאַל. אָבער די לופט בעהעלטער זיינען שוין פאַסט לעער, אונד די ביסעל לופט וואָס איז נאָך געבליעבען מוז מען איבער לאָזען פיר די אַפּפּאַראַטען פון די אַרבייטער.

אלס איך בין פון דער ארבייט אין שיף צוריק געקומען בין איך שיער דערשטיקט געוואָרען אין די פערפעסטעטע לופט. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען אין וועלכע מארטערנים פון טויט מיר האָבען די פאָלגענדע נאַכט דורכגעלעבט. עס האָט מיך געכאַפּט א שווינדעל פון ניט־גוטקייט אז איך האָב געמיינט מיין לעצטע שטונדע איז שוין געקומען. מיינע קאַמעראַדען האָבען זיך אויך קוים ארום געשלעפּט. פיעלע פון די מאַנשאַפט זיינען געלעגען זיך מארטערנדיג ווי אין דער גסיסה.

דיעזען זעקסטען טאָג פון אונזער געפאַנגענשאַפט וואָלטען מיר געוויס שוין ניט געקאָנט איבערלעבען, דארום האָט קאפּיטאַן נעמא בעשלאָסען די לעצטע שיכטע אייז מיט איין מאָהל דורך צו ברעכען. איך מוז ווירקליך בעוואונדערען דיעזען מערקווירדיגען מענשען; ער ליידעט פון לופט מאַנגעל גראַדע ווי מיר אַלע, אָבער קיין געפאַהר, קיינע שמערצען, קענען ביי איהם ניט אוועק נעהמען זיין טהאַט קרעפטיגע, קאַלטבלוטיגע איבערלעגונג.

באַלד איז אויף זיין בעפעהל דער נאוטילוס אויפגעשטויגען פון אייזבּאָדען, אויף וועלכען ער איז יעצט געזעסען, אונד אריינגעשוואומען אין די אונגעהויער גרויסע גרוב, וואָס איז פיר איהם אין פערלויף פון פינף טעג אויסגעגראָבען געוואָרען. די וואססער־בעהעלטער זיינען ווידער אָנגעפיהלט אונד אונזער שיף איז יעצט געזעסען אין דיזעלבע גרוב אויף דעם אייז־דעק איין על דיק, וועלכע טהיילט איהר אָב פון דעם אונטערשטען פרייען מעער. די גאַנצע מאַנשאַפט וואר אין שיף; די פּלאַטען זיינען אַלע פעסט געשלאָסען.

מיר וואַרטען, האָרכען, פערגעסען אונזערע ליידען, אין דער האָפנונג אז דיעזעס לעצטע רעטונגס־מיטעל וועט געלינגען. איך הערר ווי אין טרוים אז עס ברעכט זיך אונטער די דעק פון אונזער שיף, וועלכע זינקט אראָפּ אימער טיעפער, דער אייז קראַכט געוואַלטיג אונטער די לאַסט פון נאוטילוס.

„באַלד וועלען מיר בעפרייט ווערען!" מורמעלט קאַנסייל מיר אין אויער.

איך בין שוין ניט אים שטאַנד א וואָרט צו ענטפּערען אונד דריק איהם נור שוואַך די האַנד, אלס צייכען אז איך האָב פערשטאַנען זיינע ווערטער.

יעצט הערט זיך א שרעקליכער קראַך אונד דער נאוטילוס איז אראָפּ ווי א קויל אין די אונענדליכע טיעפנים. באַלד האָבען זיינע עלעקטרישע פּומפּען אָנגעפאַנגען שנעל צו ארבייטען, ארויסגעטריעבען דעם וואססער־באַלאַסט פון די בעהעלטער אונד נאָך איינינע מינוטען האָבען מיר אויפ־

געהערט אראפ צו זינקען. דער מאנאמעטער צייגט שוין אז אונזער שיף שטייגט צוריק ארויף, די שרויבע פאנגט אן צו ארבייטען אונד מיר שווי־מען מיט די העכסטע געשווינדיגקייט נאך נארדען.

אבער ווי לאנג וועט נאך דיעזעס פאהרען אונטער'ן אייז דויערען? איך ליעג אויפ'ן דיוואן אין ביבליאטהעק שוין האלב דערשטיקט, מיט א בלויע געזיכט אונד געלעהמט אין אלע קרעפטען. איך הער, איך זעה שוין קיין זאך ניט.

ווי פיעל שטונדען עס זיינען אויף דיעזען אופן פארביי געגאנגען ווייס איך ניט, אבער איך שפיער אז מיין טויט איז שוין נאהענט.

פלוצלונג בין איך וויעדער צו זיך געקומען. אייניגע טראפפען פרישע לופט זיינען אריין געדרונגען אין מיין ברוסט. זיינען מיר שוין ארויסגעקו־מען פון אונטער'ן וואססער? בעפרייט פון די אייז־געפענגניס?

ניין! מיינע געטרייע פריינדע, עדווארד אונד קאנסייל אפפערען זיך אליין אום מיר צו רעטען. עס איז נאך אין זייער אפפאראט איבער געבליע־בען א ביסעל לופט, אונד אבוואהל זיי אליין זיינען שוין אויך האלב דער־שטיקט, בענוטצען זיי עס ניט פיר זיך. איך האב דעם אפפאראט געוואלט אבשטופען פון זיך, אבער זיי האלטען מיר צו די הענד אונד איך ציהע אב דעם אטהעם מיט איין אונבעשרייבליכע לוסט.

די אוהר צייגט האלב עלף פארמיטאג. דער נאוטילוס פליעהט מיט די שרעקליכסטע געשווינדיגקייט פון פיערציג מייל אין א שטונדע. קאפי־טאן נעמא בעווייזט זיך ניט, אונד איך ווייס איבערהויפט ניט אויב ער אונד זיין גאנצע מאנשאפט לעבען נאך. אין דיעזען אויגענבליק צייגט דער מאנאמעטער אז מיר געפינען זיך נור אויף צוואנציג פוס פון די אויבערפלאכקייט; נור איין דינע אייז־פעלד טהיילט אונז אב פון די אויסערליכע פרייע וועלט; אבער ווי ווייט ציעהט זיך דיעזעס פעלד? פיעלייכט וואלט מעגליך געווען איהר אייז־דעק דורך צו ברעכען?

גראדע אזוי ווי יעמאנד וואלט געענטפערט אויף מיינע געדאנקען, בע־מערק איך ווי דער נאוטילוס לאזט אראפ די הינטערשטע טהייל אונד שטעלט אוים זיין שטארקען אייזערנעם שנאבעל. אנשטרענגענדיג זיין גאנ־צע עלעקטרישע קראפט גרייפט ער אן די אייז־דעק מיט א פורכטבארע געוואלט. דער אייז פאנגט אן צו ברעכען; דער נאוטילוס ציעהט זיך וויע־דער צוריק אונד שיעסט אוים מיט זיין גאנצע מאכט אויף דיעזע דעקע, וועלכע ווירד אין גאנצען צוברָאכען; נאך אזא שטויס, אונד דער אייז איז צושפרונגען אויף טויזענד שטיקלאך.

די פלאטען זיינען יעצט האסטיג אויפגעריסען געווארען אונד די פרי־שע לופט איז אריינגעדרונגען אין אלע רוימען פון נאוטילוס.

17־טעם קאפיטעל.

צום אמאזאנען שטראם.

עס איז מיר ניט מעגליך זיך צו ערינערען ווי איך בין געקומען אויפ׳ן פלאטפארם. פיעלייכט האט מיך עדוארד ארויפגעטראגען, אבער איך אטהמע פריי, איך ציעה איין מיט א פולע ברוסט די ערקוויקענדע לופט. מיינעביידע קאמעראדען ליעגען אויך נעבען מיר, געניעסענדיג מיט פולע אטהעם־ציגען די ערפרישונג. ווען אונז וואלט אויסגעקומען אזוי לאנג צו ליידען פון מאנגעל אין שפייז דאן וואלטען מיר זיך געמוזט היטען מיט איינמאהל דעם הונגער צו בעפריעדיגען, אום זיך ניט צו שאדען. יעצט אבער דארפען מיר זיך ניט צוריק האלטען אונד קענען פאלשטענדיג מיט די פרישע לופט זיך אבלאבען, וועהרענד דער ים־ווינד בעגיעסט אונז ווי מיט א נייעם לעבענס־שטראם.

„אך,” רופט אוים קאנסייל „ווי ערקוויקענד עס איז דער זויער־שטאף! יעצט דארף דער הערר ניט איבערציטטערען איבער א ביסעל לופט. עס איז דא גענוג פיר אלעמען!”

עדוארד לענד רעדט גאר ניט, אבער ער שפארט אויף די מויל אונד אטהעמט מיט אזא קראפט אז א הייפיש וואלט זיך געמוזט פאר איהם דערשרעקען.

ביסלאבוויז זיינען מיר געקומען צו די קרעפטען אונד איך בין ער־שטוינט געווארען זיך ארום קוקענדיג אז מיר זיינען אליין אויפ׳ן פלאט־פארם, וואו קיין איינציגער פון די מאנשאפט איז ניט ארויסגעקומען. קאפי־טאן נעמא אונד זיינע לייטע בעגניגען זיך מיט די אינערליכע אבגעפרישטע לופט אין נאוטילוס.

מיט די ווארעמסטע ווערטער האב איך אויסגעשפראכען מיין הערצליכע דאנבארקייט צו מיינע טרייע רייזע־קאמעראדען. עדוארד אונד קאנסייל האבען מיך גערעטעט וועהרענד די לעצטע שטונדען פון מיין קאמפף מיט׳ן טויט. איך האב ניט געקענט געפינען גענוג ווערטער זיי דאפיר מיין דאנק אוים צו שפרעכען.

„גענוג וועגען דעם, הערר פראפעסאר!” האט עדוארד זיך אבגע־רופען „מיר האבען נור געטהון אונזער פפליכט, דען אייער לעבען איז יעדענפאלס ניטצליכער אונד פיעל מעהר ווערטה אלס אונזערער.”

„ניין, עדוארד, דאס לעבען פון א גוטען, עדלען מענשען איז געוויס זעהר פיעל ווערטה, אונד איהר בעזיצט פאלקאמען דיעזע איינענשאפטען.”

„גוט, גוט !" האָט עדוארד וויעדערהאָלט האלב אין פערלעגענהייט.
„אונד דו, ליעבער קאָנסייל, האָסט אויך זעהר פיעל געליטען."
„אָה, דאָס מאַכט ניט אויס ! עס האָט מיר צוואר געפעהלט אביסעל לופט, אָבער איך בין שוין באַלד דאַמיט איינגעוואָהנט געוואָרען. —"
קאָנסייל איז געבליעבען שטיל אזוי ווי פערשעהמט איבער דיעזע לע־בערליכע ערקלעהרונג.
„מיינע פריינדע" האָב איך זיך אָבגערופען מיט א געריהרטע שטימע „מיר זיינען אויף אייביג צוזאַמען פערבונדען, אונד איהר האָט רעכט פון מיר אַלעס צו פערלאַנגען —"
„גראָדע דיעזען רעכט וויל איך בענוטצען" האָט דער קאַנאַדיער זיך ארויס געכאַפּט „נעמליך : אייך מיט צו נעהמען ווען מיר וועלען דיעזען העלישען נאַוטילוס פערלאָזען. איך וואָלט נור וועלען וויסען נאָך וועלכע ריכטונג מיר פאָהרען יעצט."
„נאָך נאָרדען" האָב איך געענטפערט „אין דיעזע זידליכע האַלב קוגעל פון דער ערד געפינט זיך די זונן אויף נאָרדען זייט."
„דאָס איז שוין ריכטיג" ערוויעדערט עדוארד „אָבער איך מיין, אויב מיר בעגיעבען זיך נאָך דעם שטילען, אָדער אַטלאַנטישען אָקעאַן ; דאָס הייסט אין די בעזוכטע אָדער איינזאַמע וואַססער־געגענדען."
אויף דיעזע פראַגע איז פאָרלויפיג ניט מעגליך געווען א בעשטימ־אַנטוואָרט צו געבען, אָבוואָהל איך האָב דאַמאַלס געקלעהרט אז קאַפּי־טאַן נעמאָ פיהרט אונז נאָך יענעם אונגעהויערען אָקעאַן, וועלכער ציעהט זיך ארום אַזיען אונד אַמעריקא, אום דאַמיט אונזער רייזע ארום די וועלט אויפ'ן גרונד פון ים צו ענדיגען, זאָ דאָס עדוארד'ס פּראָיעקטען האָבען אויף דיעזען אופן קיין אויסזיכט ניט ערפילט צו ווערען.
יעדענפאַלס מוזען מיר איבער דיעזען וויכטיגען פּונקט גענויערע ער־קלעהרונגען האָבען. דער נאַוטילוס פאָהרט מיט גרויס שנעליגקייט. באַלד זיינען מיר אַרויס פון די קאַלטע מערידיאַנען אונד אונזער שיף האָט זיך געווענדעט צום קאַפּ האָרן. דעם 31 מאַרץ, אום זיעבען אוהר אָבענד, זיי־נען מיר געווען געגען דעם שפּיטץ פון אַמעריקאַנער באָדען.
די פערגאַנגענהייט מיט אַלע איהרע שרעקניסען זיינען פערגעסען געוואָרען, אונד אונזערע געדאַנקען וואָרען יעצט בעשעפטיגט מיט די נעקס־סטע צוקונפט. דער לייטענאַנט נעהמט ווי געוועהנליך יעדען טאָג אויף די לאַגע אונד פערצייכענט אויפ'ן קאַרטע, זאָ דאָס איך בין אים שטאַנד געווען די ריכטונג פון נאַוטילוס גענוי צו וויסען. צו מיין גרויסע בעפריע־דיגונג האָב איך דיעזען אָבענד זיך איבערצייגט אז מיר פאָהרען נאָך נאָרדען

דורך דאָס אטלאַנטישע מעער. איך האָב דעם קאַנאַדיער אונד קאָנסייל'ן ערקלעהרט מיינע בעאָבאַכטונגען.

„גוטע נייעס !" רופט אויס עדוארד צופריעדען „אָבער וואוהין פאָהרט דער נאוטילוס ?"

„דאָס קען איך ניט ערקלעהרען, עדוארד."

„איז דען מעגליך אז ער וויל פון זיד־פּאָל יעצט ווידער צום נאָרד־פּאָל פאָהרען ? אויב אזוי מוז ער דאָך דורך דעם געפעהרליכען נאָרד־וועסטליכען קאַנאַל גראַדע אין שטילען אָקעאַן קומען. אָבער מיר וועלען שוין אויסגעפינען אַ מיטעל פון דאַנען צו ענטלויפען."

„יעדענפאלס" רופט זיך אָב קאָנסייל „איז דער קאַפּיטאַן נעמא אַ מאַן ווי עס דאַרף צו זיין, אונד מיר מעגען צופריעדען זיין פון די בעקאַנט־שאַפט מיט איהם."

„אונד איך וועל נאָך מעהר צופריעדען זיין ווען מיר וועלען פון איהם פּטור ווערען." ערוויעדערט דער קאַנאַדי'ער.

אויף מאָרגען דעם 1־טען אַפּריל, אַלס דער נאוטילוס איז געפאָהרען אויפ'ן וואַססער, האָבען מיר אַרום מיטאָג צייט דערזעהען פון וויטען אין דער וועסט זייט אַ בערג. דאָס וואַרען די פייערלענדער, אייניגע אינז־לען וואָס ציעהען זיך אויף דרייסיג מייל לאַנג אונד אַכציג ברייט. די בער־געס ווייזען אויס זעהר פלאַך, אָבער אין מיטען פון דיעזע אינזלען זעהען זיך גאַנץ הויכע בערג. איינער פון זיי איז דער בעוואוסטער סאַרמיענטאַ, אַ שפּיטציגער בארג ווי אַ זייל, העכער ווי צוויי טויזענד עלען איבער'ן שפּיעגעל פון מעער. עדוארד פערזיכערט, אז ווען דיעזער בארג איז אויבען בעדעקט ווי מיט אַ טהוי דאַן איז עס אַ סימן אויף שלעכטעס וועטער, אונד פערקעהרט ווידער ווען ער איז גאַנץ ריין פאַר אַ גוטען וועטער.

„אַ מערקווירדיגער באַראמעטער, מיין ליעבער פריינד !" האָב איך אונ־גלויבליך אויסגעשפּראָכען.

„יאַ, מיין הערר, אַ נאַטירליכער באַראמעטער, וועלכער צייגט אימער גאַנץ ריכטיג."

יעצט שטעהעט דער שפּיטץ בארג אין דעם הינטער גרונד פון הימעל גאַנץ קלאָהר. עס איז אַלזאָ נאָך עדוארד'ס מיינונג אַ זיכערער צייכען אויף גוטען וועטער.

דער נאוטילוס איז יעצט ווידער אַרונטער אין וואַססער אונד צוגע־קומען נעהענטער צום ברעג, פאָהרענדיג פאַרביי איהם נור אויף אַ פּאָאַר מיילען ווייט. דורך די פענסטער פון זאַלאָן בעטראַכט איך יעצט לאַנגע ריעזען־ליאַנען, אַ זאָרט מעער־גראָז, וועלכע טראָגען פרוכט וואָס זעהען אויס ווי בירנען; זייערע גלאַטע, קלעפּעדיגע פעדים ציעהען זיך אָפּט

לענגער ווי דריי הונדערט עללען, ביז א צאָאל דיק, אָבער אזוי שטארק אז מען בענוצט זיך מיט זיי אזוי גוט ווי מיט די בעסטע שטריק, אום שיפען צו צו בינדען. איין אנדער זאָרט גראָז, וואָס איז בעוואָוסט אונטער דעם נאָמען פעלפ, מיט פיער גרויסע בלעטער, בעדעקט דאָ איבעראַל דעם גרונד פון ים. אונטער זיין דעק לעבען מיריאַדען פון פערשיעדענע שאַל־טהיערען, וועלכע ערנעהרען זיך פון איהם אונד איבערהויפט איז דיעזעס גראָז א פרעכטיגע שפייז פאר די ראַבבען (ים־הינד) אונד אָטטערען (א זאָרט באָברעס.)

איבער דיעזען פרוכטבארען גרונד איז דער נאָוטילוס געפאָהרען זעהר שנעל. געגען אָבענד זיינען מיר געקומען צו די גרופפע פון די פאָלק־לאנד אינזלען, וועלכע מיר האָבען דען נעקסטען פריה מאָרגען געקענט גענוי בעטראכטען. דיעזע לענדער האָבען א מאָהל געהערט צו די פראַנצויזישע רעגיערונג אונד וואָרען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען מאַלואינען. יעצט געהערען זיי צו ענגלאַנד.

וועהרענד דער נאָוטילוס איז יעצט געשוואומען אויפ'ן וואססער האָבען זיך אויף זיין פלאַטפאָרם אראָפּ געלאָזען גאנצע דוטצענדע ווילדע גענז אונד ענטלאך. פיעלע פון וועלכע האָבען נאַטירליך באלד געפונען א פלאַטץ אין אונזער קיך. פון די פישען האָב איך דאָ בעמערקט א מערקווירדיגען זאָרט, וואָס ווייזט אויס ווי א פראָפּען־ציעהער, אונגעפעהר א פינפטעל עלל די לענג, בעדעקט מיט ווייסליכע אונד געלבליכע פלעקען.

דאָס גלייכען האָב איך דאָ בעוואונדערט די צאָהלרייכע קוואַלען, דאָס זיינען אזעלכע פפלאַנצען־טהיערען, וואָס געפינען זיך נור אין דיעזען מעער. אייניגע פון זיי ווייזען אויס ווי פיינע שירמלאך, מיט רויט־ברוינע שטרייפען, ארום געהאנגען רעגעלמעסיג מיט צוועלף בלומען ; אנדערע האָבען דעם געשטאַלט פון איין אומגעקעהרטען קערבעל, פון וועלכען עס וואַקסען ארויס בלעטער אונד רויטהע צווייגלאך. איך וואָלט גערן געוואָלט אייניגע פראָבען פון די פפלאנצונגען מיט נעהמען, אָבער אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי ווי א שיין פון א שאָטען ; זיי ווערען צוגאנגען אונד צו שמאָלצען, זאָבאלד ווי מען נעהמט זיי ארויס פון וואססער.

אלס די לעצטע בערג־שפיטצען פון די פאלקלאנדס אינזלען זיינען פון אונזערע אויגען פערשוואונדען געוואָרען, איז דער נאָוטילוס ארונטער אין א טיעפניס פון אונגעפעהר צוואַנציג עללען אונד געפאָהרען פארביי די אַמעריקאַנישע ברעגעס. קאַפּיטאן נעמא האָט זיך די גאַנצע צייט ניט געלאָזט זעהען.

ביז צום 3־טען אפּריל זיינען מיר געפאָהרען פארביי די ברעגעס פון פּאַטאַגאָניען, אַמאָהל אויפ'ן וואססער אונד גרעסטענטהיילס אונטער'ן ים. דער נאָוטילוס איז אויף דיעזען אופן דורך געגאנגען דעם טיעפען אָבגרונד

וואס ציעהעט זיך פון לא־פלאטא, ביז מיר זיינען דעם 4־טען אפריל גע־קומען געגען דאס לאנד אורגווייא, אבער אויף פונפציג מיילען ווייט פון ברעג , אין מיטען ים. אונזער רייזע ציעהט זיך נאך אימער נאך נארדען, פארביי די קרומע ברעגעס פון זיד־אמעריקא. אין גאנצען זיינען מיר ביז יעצט שוין אבגעפאהרען אונגעפעהר זעכצעהן טויזענד מייל זינד מיר האבען אנפאנגס אבגערייזט פון יאפאנעזישען מעער.

געגען עלף אוהר פארמיטאג זיינען מיר געשוואומען פארביי דעם הויכען ברעג פון קאפ פריא, אין בראזיליען. דיעזע געגענד איז זעהר גוט בע־וואהנט אונד דא וואלט עדוארד פיעלייכט געקענט דענקען זיינע פלאנען אויס צו פיהרען, אבער צו זיין גרויסע ערגערניס איז דער נאוטילוס דא געפלויגען מיט אזא שנעליגקייט, אז קיין פיש אונד זאגאר קיין פויגעל וואלט ניט געקענט מיט איהם מיט האלטען, זא דאס מיר האבען זאגאר ניט געקענט בעטראכטען אלע מערקווירדיגקייטען דער נאטור, מיט וועלכע דיעזע מעער איז זעהר רייך.

מיט אזא רייסענדע שנעליגקייט זיינען מיר געפאהרען אייניגע טעג ביז צום 9 אפריל, ווען מיר זיינען געקומען צום שפיטץ קאפ סאן־ראק אין זיד־אמעריקא. אבער דא איז דער נאוטילוס ווידער אוועק ווייט פון ברעג, אין די גרעסערע טיעפניסען צווישען אמעריקא אונד אפריקא. דיע־זעם טהאל צוטהיילט זיך ביי די אנטיללישע אינזלען אין צוויי ריכטונגען אונד ענדיגט זיך ביי נארדען אין א גרויסען אבגרונד, ביז צעהן טויזענד עללען טיעף. דאס זיינען אויך די געגענדען פון די גרויסע, פארצייטיגע שטיק וועלט, וואס איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען אטלאנטיס.

צוויי טעג לאנג זיינען מיר געפאהרען דורך דיעזע וויסטע, טיעפע וואסערען. דעם 11־טען אפריל, איז דער נאוטילוס פלוצלונג ארויף גע־שטויגען אויפ׳ן וואסער, אונד דא האבען מיר בעקומען צו זעהען דאס לאנד ביי דעם אמאזאנען־שטראם ; זיינע וואססערען פליעסען אריין אין ים זעהר ווייט אונד אין אזוי פיעל מאססען אז אויף אייניגע מיילען פערליערט דאס מעער זיין געזאלצענעם אינהאלט.

מיר זיינען אריבער דעם עקוואטאר, (די מיטעלסטע טהייל וועלט צווי־שען זידען אונד נארדען), לאזענדיג צוואנציג מיילען אויף דער וועסט זייט דאס פראנצויזישע שטיק לאנד קאיענע. דא וואלטען מיר אויך געהאט א גוטע געלעגענהייט דעם נאוטילוס צו פערלאזען, אבער דער ווינד האט גע־וועהט אזוי שטארק אונד די וועללען ווארען אזוי אויפגערעגט אז עס איז גאר וועגען אזעלכע פראיעקטען יעצט ניט מעגליך געוועזן צו דענקען. עדוארד האט דאס גוט איינגעזעהען אונד זיך שטילערהייט געערגערט, ניט רעדענדיג אווארט וועגען דעם.

איך, פון מיין זייט, האב גראדע די פּאאר טעג זיך זעהר אינטערעסירט מיט מיינע בעאָבאכטונגען. דער נעטץ האט אין פערלויף פון דיעזע צייט ארויף געשלעפּט פון ים פערשיעדענע זעהר מערקווירדיגע זאָרטען פון טהיער־פּפלאנצונגען, פישען אונד שרצים.

פון די ערשטע ווארען ווערטה צו בעטראכטען די זעלטענע פּיקטאָלי־נען וועלכע געהערען צו די שטראהלען־טהיערע, וואס געפינען זיך אין דיעזע ערטער, אויסערדעם מאָללוסקען, פּארטרעפליכע טינטען־פּיש, זעהר געשמאק צום שפּייזען, אייניגע זאָרטען פון די גרויסע קאלמארען אונד נאך אזעלכע בעשעפּניסע.

אונזער נעטץ האט איינמאָהל ארויף געבראכט איין זעהר פּלאכען ראָ־כען־פיש, וועלכער זעהט אויס פּאָלקאָמען רונד אונד האט געוואָגען ביז פיערציג פונט. אויבען איז ער וויס אונד אונטען רויטלעך, מיט טיעף־בלויע פלעקען. ליעגענדיג אויפ׳ן פּלאטפאָרם האט ער זיך שטארק געצאַ־פּעלט אונד געקייקעלט מיט שפּרינגענדע בעוועגונגען, אום צוריק אין וואס־סער צו קומען. ער איז שוין ווירקליך געוועזען ניט ווייט פון ראנד אלס קאָנ־סייל איז צוגעלאָפען אונד איהם שטארק אָנגעהאפּט מיטביידע הענד.

פּלוצלונג איז אָבער דער אָרמער קאָנסייל געשטירצט געוואָרען צו באָ־דען, מיט די פיס אויסגעשטעלט אין דער לופט. וועהרענד די אויבערשטע העלפטע פון זיין קערפּער וואר אזוי ווי געלעהמט, ליעגט ער אונד שרייט:

„אָה, מיין הערר, מיין הערר, הילפע, רעטונג!"

איך אונד עדוארד האָבען איהם אויפגעהויבען אונד געריעבען מיט אַלע קרעפטען, אום די ווירקונג פון דעם עלעקטרישע קלאפּ צו פערניכטען, אָבער עס האט לאנג געדויערט, ביז דער ארמער יונג איז צו זיך געקומען.

„אַ ציטער־פּיש, פון דעם פּאַספּאַריצירענדען זאָרט" מורמעלט ער מיט בלייכע ליפּפּען.

„יא, קאָנסייל" האב איך בעשטעטיגט „דאס איז אַ ציטער־פּיש, וועל־כער האט דיר מיט זיין אינערליכע עלעקטרישע קראפט אזא טיכטיגען שטויס געגעבען."

דער ראָך איז ווירקליך איינער פון די שלימסטע זאָרט ציטער־פּישען. שווימענדיג אין וואסער איז ער פעהיג זאָגאר אויף אייניגע עלען ווייט צו געבען פון זיך אזעלכע פירכטערליכע עלעקטרישע קלעפּ, אז די שטארקס־טע טהיערע מוזען דאפון ניעדערגעשטירצט ווערען.

דעם נעקסטען טאָג איז דער נאַוטילוס אָנגעקומען צו דער שטעלע, וואו דער טייך מאראָני פליעסט אריין אין ים. אין דיעזער שטעלע האָבען מיר געפונען אַ טרופּפּע פון אייניגע זעע־קיה, דאס ווארען נעמליך די מאנאַ־טי, וועלכע געהערען צו די קלאססע וואססער־טהיערע, וואס מען רופט

סירענען. דיעזע שעהנע, פריעדליכע זוויגע־טהיערע זיינען ביז זיעבען עללען לאַנג אונד יעדע פון זיי וועגט וועניגסטענס ביז אַכט טויזענד פונט. איך האָב ערקלעהרט מיינע קאַמעראַדען, אז די נאַטור האָט זיי בעשאַפּען אום איין זעהר וויכטיגע זאַך צו פערזאָרגען. גראַדע ווי די ראַבבען זיינען זיי אויך גראַז־פרעסענדע טהיערע, אונד פערצעהרען מאַססען פון פערשיע־דענע שעדליכע פפלאַנצונגען וואָס בעדעקען זעהר געדיכט דעם גרונד פון ים אין דיעזע הייסע געגענדען.

„אונד ווייסט איהר" האָב איך דאַצו געזאָגט „וואָס עס איז שוין יעצט ארויסגעקומען פון די פערניכטונג, מיט וועלכע דער מענש פערפאָלגט דיעזע ניטצליכע טהיערע ? די פערפוילטע גראַזען פאַנגען אָן צו פערפּעסטען די לופט אונד אימער אָפטער אונד שטאַרקער בעווייזט זיך דער געלבער פיעבער, וועלכע פערוויסטעט דיעזע הערליכע געגענדען. די גיפטיגע פפלאַנ־צונגען זיינען אונטער דיעזע ימים פון דעם הייסען וועלט־טהייל פערמעהרט געוואָרען אונד וואָס ווייטער ווירד די פעסט אימער מעהר פערברייטעט פון ריא דע־לא־פלאַטא ביז פלאָרידא.

„דער גרויסער געלעהרטער טוסנעל בעווייזט, אז די יעצטיג פלאָגע איז נאָך גאָר ניט געגען דעם וואָס אונזערע נאָכקאָמענדע דורות וועלען איבער דיעזע אורזאַכע מוזען ליידען, דאַן ווען וואַלפישען, ראַבבען, זעע־קיה אונד דער גלייכען גראַז־פרעסענדע זוויגע טהיערע וועלען פון דעם מענשענס האַנד אין גאַנצען פערטיליגט ווערען, דער ים וועט ווערען פול מיט פוילענים ; אין איהם וועלען זיך אָנקלייבען פּאָליפּען, קוואַלען, קאַלמאַרען אונד נאָך אַזעלכע שעדליכע ברואים אונד ווייט איבער דער ערד וועט פערברייטעט ווערען די פירכטערליכע פעסט."

די מאַנשאַפט פון נאָוטילוס, ווי יעדע אַנדערע זעע־פאָהרער פון אונ־זערע צייטען, האָבען זיך דענענאָך ווייניג געקימערט וועגען די צוקונפט, אונד א האַלבע דוצענד פון דיעזע מאַנאַטי זיינען באַלד געטויטעט געוואָרען. דער מענש איז שוין אימער אזוי, ער זוכט נור צו בעפריעדיגען די נויט־ווענדיגקייטען פון דעם געגענווערטיגען אויגענבליק, אונד עס איז יעצט נויטהיג צו פערזאָרגען פיר אונזערע שפּייכלער־קאַממערען מיט דעם פלייש פון דיעזע טהיערע, וועלכעס איז פיעל בעססער אלס רינד אָדער קאַלב פלייש. די יאָגד אויף די מאַנאַטי איז לייכט, אָבער אויך ניט אינטערעסאַנט. זיי לאָזען זיך גאַנץ רוהיג טויטען, אָהן אירגענד וועלכען וויעדערשטאַנד. אייניגע טויזענד פונט פלייש איז דאַן געבראַכט געוואָרען אין שיף צום טריקענען. אויסערדעם וואַרען אונזערע שפּייכלער דאָ פערזאָרגט מיט א רייכען פיש־פאַנג.

אלס דער לעצטער נעטץ איז פון וואַססער ארויסגעצויגען געוואָרען האָט

דער נאוטילוס זיך דערנעהענטערט צום ברעג. דאָ זיינען אַ גרויסע צאָהל זעע־שילדקרעטען געלעגען שלאָפענדיג אויפ'ן וואססער. עס וואָלט זעהר שווער געווען זיי צו פאנגען, דען פון דעם קלענסטען גערויש ווערען זיי אויפ־געוואכט, אונד דורך דעם הארטען פאנצער, מיט וועלכע זייערע קערפער זיי־נען בעדעקט, קען קיין הארפונע אונד קיין קויל ניט דורכדרינגען. עס איז אונז אָבער געלונגען מיט די הילפע פון זעע־איגעלען איניגע שטיקער פון דיעזע שילדקרעטען צו בעקומען.

די מאטראָזען פון נאוטילוס האָבען נעמליך איניגע פון דיעזע פי־שען, וועלכע זיינען פריהער אריינגעפאלען אין נעטץ, צוזאמען געבונדען מיט די עקען צו זעהר שטארקע, לאנגע שטריקלאך, אונד גאנץ שטיל אוועק געלאָזען פריי אין מעער. די זעע־איגעלען זיינען גלייך צוגעשוואומען צו די שילדקרעטען אונד האָבען זיך אזוי פעסט אָנגעזויגען צו זייערע בויך־פאנצערס אז עס איז דאן געווען אַ גאנץ לייכטע זאך זיי צוזאמען מיט די שילדקרעטען ארויף צו שלעפען אויפ'ן פערדעק פון שיף.

איניגע פון די געפאנגענע שילדקרעטען וואָרען העכער ווי איין עלל לאנג אונד ביז פיער הונדערט פונט געוויכט. זייערע פאנצערס זיינען אַ קאָסטבארער ארטיקעל אין האנדעל, אָבער פיר אונז וואר איבערהויפט וויכטיג דאָס פלייש, וועלכעס איז זעהר געשמאַק.

נאָכדעם ווי דיעזע יאגדען וואָרען געענדיגט האָבען מיר פערלאָזען דעם אמאזאָנען־שטראָם אונד דיזעלבע נאכט איז דער נאוטילוס צוריק אוועק אויפ'ן הויכען מעער.

18־טעם קאפיטעל.

אַ בעפאל פון ריעזען־פאָליפען.

איניגע טעג לאנג האָט אונזער שיף בעשטענדיג זיך דערווייטערט פון אמעריקאנישען ברעג. ווי עס וויזט אויס וויל דער קאפיטאן נעמא ניט פאָהרען אין דעם גאָלף פון מעקסיקא אָדער אין די אנטיללישע געגענדען. אָבוואָהל די וואססערען זיינען דאָרט גענוג טיעף, דורכשניטליך ביז צוויי טויזענד עללען, אָבער יענע ערטער זיינען בעזייט מיט פיעלע בעוואָהנטע אינזלען, שיפען פאָהרען דאָרט שטענדיג ארום, אונד אזעלכע געגענדען זוכט אונזער קאפיטאן ווי פיעל מעגליך אויס צו מיידען.

דעם 16־טען אפריל זיינען מיר געקומען געגען די אינזלען מארטי־

ניק אונד גוואַרעלופע, וועלכע מיר האָבען געזעהען אויף א וויטקייט פון אונגעפעהר דרייסיג מייל. דער קאַנאַדיער האָט גערעכענט אז אונזער שיף וועט אַריין פאָהרען אין גאָלף אונד דאָרט וואָלט מעגליך געווען אונזער פּלאַן צו ענטלויפען אויס צו פיהרען, דען אין יענער געגענד פאָהרען שטענ־דיג פערשיעדענע שיפלאַך פון איין אינזעל צו די אַנדערע. אָבער יעצט אין מיטען ים, איז גאָר וועגען דעם ניט מעגליך צו דענקען.

איך אונד מיינע קאַמעראַדען האָבען ווידער א לאַנגע צייט זיך בער־ראַטהען וואָס מיר זאָלען טהון. צייט זעקס מאָנאַטען זיינען מיר שוין געפאַנגען אויפ'ן נאַוטילוס. מיר האָבען וועהרענד דיזע צייט שוין געמאַכט אַ רייזע פון זיעבענצעהן טויזענד מייל אונד איך מוז צוגעבען עדוואַרד'ס ריכטיגע ווערטער, אז ווי עס ווייזט אויס וועט פון דיזע רייזע קיין מאָהל קיין ענדע ניט נעהמען. ער האָט מיר דאָרום געמאַכט א פאָרשלאַג אז איך זאָהל איין מאָהל פיר אַלע מאָהל פרעגען דעם קאַפּיטאַן, אויב ער מיינט ווירקליך אייביג אונז צו האַלטען געפאַנגען אויף זיין שיף.

מיר איז דיזער פּלאַן ניט געפעלען געוואָרען. נאָך מיין מיינונג קען דאָס צו קיין ציעל ניט פיהרען. פון קאַפּיטאַן נעמאַ האָבען מיר אין דיזער הינזיכט גאָר ניט וואָס צו ערוואַרטען אונד אונזער בעפרייאונג איז אונז מעגליך נור דורך אייגענע מאַכט אויס צו פיהרען. אויסערדעם בעמערק איך די לעצטע צייטען אז דיזער מאַן איז געוואָרען פיעל וועניגער פריינד־ליך צו אונז אונד ציעהט זיך אימער צוריק פון אונזער געזעלשאַפט. ווי עס ווייזט אויס זוכט ער זאָגאַר מיך אויס צו מיידען אונד איך זעה איהם זעהר זעלטען. זאָנסט פלעגט איהם מאַכען פערגניגען צו פערברענגען מיט מיר לאַנגע שטונדען אונד ערקלעהרען די וואונדער פון אונטער'ן מעער; יעצט זיטץ איך אימער אליין ביי מיינע בעאָבאַכטונגען אונד קאַפּיטאַן נעמאַ בעווייזט זיך מעהר ניט אין זאַלאָן.

אָבער וועלכע אורזאַכע איז ער אַזוי פערענדערט געוואָרען? איך וועניגסטענס קען זיך קיין פאָרווירפע אין מיין בעהאַנדלונג געגען איהם ניט מאַכען. פיעלייכט איז אונזער אַנוועזענהייט אויפ'ן שיף איהם איבער־דריסיג געוואָרען? דעננאָך גלויב איך ניט אז ער וועט מיט'ן גוטען ווילען איינשטימען אונז צו בעפרייען.

איך האָב דאָרום געבעטען עדוואַרד'ן ער זאָהל מיר געבען צייט זיך איבער צו לעגען וואָס מיר זאָלען טהון. אויב קאַפּיטאַן נעמאַ זאָהל אונ־זער וואונש וועגען בעפרייאונג ענטזאָגען, דאַן וועט אונזער לאַגע אויפ'ן שיף ווערען פיעל ערגער אונד דאַן וועט אונז נאָך שווערער זיין אויף צו טהון אירגענד וועלכען פּלאַן ווי צו ענטלויפען. איבריגענס, האָב איך דאַצו ערקלעהרט, קענען מיר פאַרלויפיג זיך ניט בעקלאָגען אויף דעם צושטאַנד

פון אונזער געזונדהייט, אָדער איבער אירגענד וועלכע געפאַהרען. אויסער דעם צופאַל אין די אייז־בערג ביי'ן זיד־פאָל האָט מיט אונז קיין בעזונדע־רע זאַך ניט פּאַסירט אונד מיר אַלע שפּירען זיך יעצט אַזוי גוט אונד קרעפ־טיג ווי נאָך גיעמאַלס אין לעבען. די געזונדע שפּייזען אונד די פרישע מעער־לופט קענען צו קיין קראַנקהייט ניט צו לאָזען. פיר אַזאַ מאַן ווי נעמאָ, וועלכער האָט יעדע עראינערונג וועגען די בעוואָהנטע וועלט פון זיין הערצען אויסגעשלאָסען, וועלכער האָט זיך דאָ אין ים געגרינדעט אַ בעזונדערע, פרייע היימאַטה אונד בעוועגט זיך אויף געהיימניספאָלע וועגען וואוהין אונד ווען ער וויל, — פיר איהם קען אַזאַ לעבען ווירקליך זיין אַנגענעהם. אָבער מיר האָבען זיך נאָך פון די מענשהייט ניט ענטזאַגט. עס איז גוט געווען דיעזע אַלע מערקווירדיגקייטען -צו זעהען, אונד צו בעטראַכטען, דענ־נאָך וויל איך זיי ניט מיט נעהמען מיט זיך אין אירגענד וועלכען קבר אונטער'ן ים. איך וויל מיינע ערפאַהרונגען מיט־טהיילען מיינע מענשען־ברידער אונד וואָס פריהער אימער בעססער.

אויך יעצט, זיטצענדיג ביי די געעפענטע לאָדענס פון זאַלאָן, שטעל־לען זיך פאַר געגען מיינע אויגען זעלטענע וואונדער. טהיער־פּפלאַנצונגען אין פערשיעדענע פאַרבען אונד געשטאַלטען, וועלכע שפּיעגלען זיך אָב בליטצענדיג אונטער די זונען־שטראַהלען. פון די פיש בעמערק איך גרוי־סע ראָכען, צעהן פוס לאַנג, וואָס פערדעקען אָפּט מיט זייער קערפּער דעם גאַנצען פענסטער פון שיף. אַנדערע פון דיעזע בעשעפּניסע מיט גאָלדענע שטרייפען פון קאָפּף ביז צום עק. זילבער־פאַרביגע מאַנד־פישען שטייגען אויף אין די וואַססערען, פון וועלכע עס שלאָגט אָב אַ שיין גראַדע ווי פון די לבנה אויפ'ן הימעל.

דיעזע אונד פיעלע עהנליכע מערווירדיגקייטען וואָלט איך נאָך לאַנג געקענט בעטראַכטען, אָבער יעצט האָט דער נאַוטילוס אַראָפּ געשטויגען אויף אַ טיעפענים פון דריי ביז פיער טויזענד עללען, אין אַזעלכע אָבגרונ־דען וואו עס געפינען זיך מעהר קיינע לעבענדיגע ברואים, אויסער איינינע זאָרטען פון פפלאַנצען־טהיערע.

דעם צוואַנציגסטען אַפּריל זיינען מיר געפאָהרען אין די געגענד פון די לוקאַנישע אינזלען, אין אַ טיעפענים פון פונפצעהן הונדערט פוס, אַזוי ווי דורך אַ דונקעלען טונעל פון הויכע פעלזען, וואָס שטייגען אַרוים הויך איבער'ן מעער. אין דיעזע פעלזען־וואַנד זעה איך שוואַרצע לעכער פון היילען, אין וועלכע די עלעקטרישע שטראַהלען פון נאַוטילוס קענען ניט אַריין דרינגען. די פעלזען זיינען איבעראַל בעוואַקסען מיט פערשיעדענע געדיכטע וועלדלאַך, אַ וואַהרע ריעזען־וועלט פון וואַססער־פפלאַנצונגען.

עס וואַר ביינאַהע עלף אוהר, ווען עדוואַרד האָט מיך אויפמערקזאַם

געמאַכט אויף פירכטערליכע קוויטשערייען, וואָס הערען זיך פון צווישען דיעזע מאַססען.

„יאַ,“ האָב איך ערקלעהרט „די היילען זיינען נאַטירליך בעזעצט מיט גרויסע זאָרטען פּאָליפּען, אונד עס וואָלט מיך ניט שטאַרק וואונדערען, ווען מיר זאָלען בעקומען צו זעהען איינינע פון דיעזע אונגעהויער.“

„דער הערר מיינט וואַהרשיינליך די קאַלמארען, ביי וועלכע די פּיס וואַקסען פון קאָפּף?“ פרעגט קאָנסייל.

„ניין. דאָ מוזען זיך געפינען גרעסערע ריעזען פון דיעזע ברואים, אַזעלכע וואָס מען קען געוועהנליך זעלטען וואו אָנטרעפען.“

„אונד איך וועל ניעמאַלס גלויבען, אַז אַזעלכע טהיערע עקסיסטירען אין דער ווירקליכקייט“ האָט עדוואַרד ערוויעדערט.

„דיעזע טהיערע הייסען קראַקען“ זאָגט קאָנסייל מיט זיין געוועהנ־ליכע ערנסטע מיענע „אונד איך וויים אַז איינער פון אַזעלכע קאָפּף־פיסלער איז אים שטאַנד אַראָפּ צו שלעפּען אַ גאַנ‍צ‍ע שיף צום אָבגרונד.“

„איהר ווייסט? האָט איהר דאָס אַליין געזעהען?“ פרעגט עדוואַרד מיט שפּאָט.

„געוויס האָב איך דאָס געזעהען מיט מיינע אויגען.“

„וואו, אין האַפפען, אָדער אויפ'ן מעער?“

„ניין אין דער קירכע פון סאַנקט־מאַלאָ, אויסגעמאָלט אויף אַ בילד.“

„האַ, האַ, האַ!“ האָט עדוואַרד זיך פאַנאַנדער געלאַכט „מיט וואָס פיר איין ערנסטע מיענע איהר קענט שפּאַס מאַכען, פריינד קאָנסייל!“

„דעננאָך זאָגט קאָנסייל די וואַהרהייט“ האָב איך זיך אָבגערופען „אַזאַ בילד גיעבט עס ווירקליך אין יעדע קירכע. נאַטירליך איז די פאָרשטעלונג געגרינדעט נור אויף אויף די פאָלקס־ערצעהלונגען, אונד וואָס פיר אַ ווערטה אַזעלכע לעגענדעס האָבען פיר די וויסענשאַפט איז דאָך שוין אַ בעקאַנטע טהאַט־זאַך.“

„אָבער איז דען אין דיעזע לעגענדעס גאָר קיין טהייל וואַהרהייט ניט דאָ?“ פרעגט קאָנסייל.

„גיין, מיינע פריינדע. ווען עס קומט צו רייד וועגען אונגעהויערע ברואים דאַן פאַנגט אימער אָן די ווילדע פאַנטאַזיע זיך פאַנאַנדער צו שפּיעלען. מען ערצעהלט זיך אַזעלכע משונה'דיגע מעשות אַז עס גיעבען פּאָ־ליפּען וואָס קענען שיפען אַרונטער שלעפּען; נאָך מעהר: אַ געוויסער אָלעוס מאַגנוס פערזיכערט אַז איינינע פון דיעזע ברואים זיינען לאַנג אַ מייל אונד ווען זיי ליעגען רוהיג אויפ'ן וואַססער קען מען האָבען איין אירט־הום אונד גלויבען אַז דאָס זיינען אינזלען. אַזעלכע לעגענדעס האָט מען זיך אין די פאַרצייטיגע יאָהרען זעהר פיעל ערצעהלט; דער בישאָף פון

נידראַס זאָל האָבען אויפגעבויט איין אַלטאַר אויף אַ גרויסען פעלזען און אָבּ־געהאַלטען אויף איהם אַ גאָטעס־דיענסט מיט אַ פּרעדיגט, אָבער דאַס וואַר נור אַ שלאָפענדער פאַליפּ, וועלכער האָט זיך שליעסליך אַראָפּ געלאָזען אין וואַססער. איין אַנדער בישאָף פאָנטאָפּידאַן דערצעהלט פון אַזעלכע פּאַ־ליפּען וואָס אויף איינעם פון זיי וואָלט מען קענען מאַנעווירען אַ גאַנ־צען רעגימענט קאַוואַלעריע, אָבער יעצט גלויבט קיינער אין אַזעלכע נאַ־רישע לעגענדעס.״

„אונד ווי גרויס זיינען אין דער ווירקליכקייט די ריעזענהאַפטע פּאַ־ליפּען וואָס עקזיסטירען יעצט ?״

„יעדענפאַלס קיין מאָהל ניט אַזוי גרויס ווי אַ וואַלפיש. איבריגענס מוז דאָך געבען אירגענד וועלכע אורזאַכע פיר אַזעלכע פאַנטאַזיעס, אונד דאַס קומט אַרויס דאַפון, ווייל זאָגאַר אַ קליינער פּאָליפּ, וואָס איז נור זעקס פוס לאַנג אונד אונגעפעהר אַ קלאַפטער גרויס, בעזיצט פיסס וואָס זיינען ביז זיעבען אונד צוואַנציג פוס די לענג. מיט דיעזע פיס קען ער ווירקליך איין געפעהרליכען אַנגריף מאַכען אונד אַזאַ פּאָליפּ איז שוין אַ געוואַלטיגער אונגעהויער.״

„טרעפט עס אַז מען פאַנגט אַזעלכע פּאָליפּען ?״ האָט עדוואַרד גע־פרעגט.

„דאָס האָב איך ניט געהערט, אָבער מען זעהעט זיי גאַנץ אָפט. איינער פון מיינע פריינדע, אַ געוויסער קאַפּיטאַן פאַסס, פון האַוור, האָט מיר ער־צעהלט אַז אין אינדישען מעער איז איהם אויסגעקומען צו זעהען אַזעלכע זאָרטען אונגעהויער. איין פאַקט, וואָס האָט געטראָפען מיט איינינע יאָהר צוריק, אין 1861, בעווייזט אָהן אַ שום צווייפעל די טהאַטזאַכע, אַז אַזעלכע ריעזען־פּאָליפּען עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט.״

„אונד וואָס האָט דאַן געטראָפען ?״ פרעגט עדוואַרד.

„איך וועל אייך דאָס ערצעהלען. אין יענעם יאָהר, נעמליך, ניט ווייט פון טענעריפאַ, אונגעפעהר אין דיזעלבע מערידיאַנען וואו מיר געפינען זיך יעצט, האָט די מאַנשאַפט פון די פּאָסט־שיף אַלעקטאָן בעמערקט איין אונ־געהויער גרויסען קאַלמאַר, שווימענדיג אין וואַססער. דער קאָמענדאַנט בו־גער איז געפאָהרען נעהענטער צום טהיער אונד האָט איהם אָנגעגריפען מיט די האַרפּונע אין די פלינטע, אָבער עס איז איהם ניט מעגליך געווען דאָמיט פיעל וואָס אויפצוטהון, דען דער קויל אונד די האַרפּונע דרינגען דורך זיין פליישׁ, וואָס איז אַזוי ווייך ווי גאַללערטע (פּערגליווערטע זופּ) אָהן שום ביינער, אונד ברענגען איהם פאַסט קיין שאָדען ניט. נאָך מעהרערע אומזיסטע בעמיהונגען איז שליעסליך די מאַנשאַפט געלונגען אַרויף צו וואַרפען אויף דעם קערפּער פון די מאַללוסקע אַ שטריק, צוזאַמען געבונ־

דען ווי א שלינגע (פעטלע), אונד דיעזע שלינגע האט זיך אראפ געגליטצט אונד געבליעבען פעסט זיטצען ביי'ן עק. מען האט דאן אנגעפאנגען דאס טהיער צו שלעפען אויפ'ן פערדעק, אבער זיין געוויכט איז געוועזן אזוי שווער אז איידער עס איז מעגליך געוועזן דאס אויף צו טהון, האט די מאללוסקע זיך אבגעריסען, לאזענדיג דעם עק, אונד איז פערשוואונדען אין די טיעפ־נים.

„אונד דאס איז ווירקליך א ריכטיגער פאקט ?״ פרעגט דער קאנאדיער.

„יא, פריינד עדוארד, א פאלקאמענער פאקט. מען האט זאגאר פאר־געשלאגען דיעזע גרויסע זארטען פאליפען צו רופען „קאלמאר־בוגער.״

„אונד ווי גרויס איז דאס טהיער געוועזן ?״ פרעגט עדוארד.

„פיעלייכט אונגעפעהר זיעבען עללען ?״ רופט זיך אב קאנסייל, וועל־כער איז די גאנצע צייט געשטאנען ביי'ן פענסטער, קוקענדיג אויפמערק־זאם אין וואססער.

„גראדע אזוי גרויס.״ האב איך געענטפערט.

„האט ער פיעלייכט געהאט אכט פיס, אדער הענד, וואס וואקסען ביי איהם ארויס פון קאפף, אונד צאפלען זיך אום אין וואססער אזוי ווי א קנויל שלאנגען ?״ פרעגט קאנסייל ווייטער.

„גאנץ ריכטיג.״

„זיינען פיעלייכט די פארדערשטע אויגען ביי איהם משונה'דיג גרויס?״

„יא, קאנסייל, דו שילדערסט גראדע ווי דו וואלסט איהם אליין גע־זעהען.״

„אונד זיין שנאבעל איז פערקרימט ווי ביי א פאפוגייא, אבער פורכט־באר אונד גרויס ?״

„ווירקליך קאנסייל, אזוי ווייזט ער אויס.״

„אויב אזוי״ זאגט קאנסייל גאנץ געלאסען „קען דער הערר יעצט אויך האבען די מעגליכקייט צו זעהען א קאלמאר־בוגער, אדער וועניגס־טענס זיינעם א ברודער.״

איך האב פערוואונדערט א קוק געגעבען אויף קאנסייל'ן. עדוארד איז צוגעשטירצט צום פענסטער.

„אה, ווי שרעקליך !״ האט ער אויסגערופען מיט א שוידער.

אלס איך האב אויך א קוק געגעבען איז מיר ניט גוט געווארען פון עקעל אונד אבשוי. פאר מיינע אויגע בעוועגט זיך א פירכטערלי־כעס אונגעהויער, פון דיעניגע ברואים וואס נור די לעגענדעס קענען וועגען זיי דערצעהלען.

דאס וואר נעמליך א קאלמאר (א זארט ים־שפין) ביז צעהן עללען די גרויס. ער שווימט זעהר שנעל, מיט א צוריק־בעוועגונג, גראדע צום נאוטי־

לוס, אויף וועלכען עס זיינען אויסגעשטעלט זיינע פורכטבאַרע, גרויסע אויגען, פון גרוי־גרינע פאַרב. זיינע אַכט הענד, אָדער ריכטיגער צו זאָגען פיס, וואַקסען אַרויס פון קאָפּף (דאַרום רופט מען דיעזע זאָרט טהיערע „קאָפּף־פיסלע״) אונד זיינען צוויי מאָהל אַזוי גרויס ווי דער גאַנצער קערפער, צאַפּלען זיך אַרום איבער זיין קאָפּף שרעקליך, ווי אַ מאַססע שלאַנגען. עס איז דייטליך צו זעהען ווי דיעזע פיס זיינען איבעראַל בעזעצט אַזוי ווי מיט האַלב רונדע קאַפּסלען (באַנקעס), וועלכע איך האָב אָנגעצעהלט ביז צוויי הונדערט, אונד מיט זיי קען ער זיך שטאַרק צו זויגען צו יעדען געגענשטאַנד. דאָס מויל פון דיעזען אונגעהויער, — אַ שנאָבעל פון ביין, אין דעם געשטאַלט ווי ביי אַ פּאָפּוגייא, — עפּפענט אונד שליעסט זיך ווי אַ גרויסע שעער. פון דיעזען מויל שטעקט ער אַרויס פייפענדיג אַ ביינערנעם צונג, וועלכע איז אויך בעזעצט מיט מעהרערע רייהען שפּיטציגע ציינער. ווי פאַנטאַסטיש דאָס קומט פאָר ! אַ מאָללוסקע מיט אַ שנאָבעל פון אַ פויגעל ! זיין קערפער, אין די פאָרמע פון אַ פראָפּען־ציעהער, איז אין מיטען אַזוי ווי אָנגעבלאָזען אונד צוזאַמען ענטהאַלט ער אַ מאַססע פלייש וואָס וועגט וועניגסטענס פון פיערציג ביז פונפציג טויזענד פונט. די פאַרב פון דיעזע בעשעפענים בלייבט ניט אימער גלייך, זי בייט זיך זעהר שנעל. ווען זי ווירד אויפגערייצט פערוואַנדעלט זיך דער גרוי־שוואַרצליכער קאַלאַר אין ברוין־רויטליך.

איבער וואָס איז די מאָללוסקע יעצט געוואָרען בייז ? נאַטירליך איבער די אַנוועזענהייט פון אונזער נאַוטילוס, וועלכער איז פיעל שטאַרקער ; זי זויגט זיך צו צו איהם מיט איהרע באַנקעס אונד בייסט איהם מיט די ציינער, אָבער עס איז איהר ניט מעגליך עטוואָס דאַמיט צו מאַכען. אונד דאָך, וואָס פיר אַ שרעקליכע אונגעהויער זיינען דיעזע פּאָליפּען, וואָס פיר אַ מאַכט עס ליעגט אין זייערע בעוועגונגען אונד ווי גרויס מוז זיין זייער לעבענסקראַפט, דען אַזאַ בעשעפּנים בעזיצט דאָך דריי הערצער.

דער צופאַל צייגט מיר יעצט דיעזען קאַלמאַר אין זיין גאַנצע פורכטבאַרקייט אונד איך קען ניט פאַרביי לאָזען דיעזע געלעגענהייט אַזאַ מין זעלטענע בעשעפּנים גענוי צו בעטראַכטען. איך פיהל זאָגאַר אַ ניט גוטקייט פון גרויס עקעל, קוקענדיג אויף איהר, דעננאָך נעהם איך אַ בלייפעדער אונד פאַנג אָן צו צייכנען דיעזע שרעקליכע געשטאַלט.

„פיעלייכט איז עס דאָסזעלבע טהיער, וועלכע מען האָט געזעהען פון שיף אַלעקטאָן ?״ מיינט קאָנסייל.

„ניין״ ערוויעדערט דער קאַנאַדיער „יענע האָט דאָך איהר עק פערלאָרען, אונד ביי דיעזע איז ער נאָך אין גאַנצען.״

„דאָס איז דעננאָך קיין בעוויז ניט״ האָב איך זיך אָבגערופען „ביי

דיעזע ברואים קענען די אָבגעהאַקטע גליעדער צוריק אָב וואַקסען, אונד פון יענער בעגעבענהייט מיט דעם קאלמאר־ביגער זיינען שוין פאַרביי גע־גאַנגען זיעבען יאָהר, אַ צייט וועלכע איז נאָך מעהר ווי גענוג אַז דיזעלבע מאַללוסקע זאָהל איין אַנדער עק בעקומען."

„איבריגענס מאַכט עס ניט אויס" זאָגט עדוואַרד דער נעמליכער אָדער ניט, אָבער יעדענפאַלס גיעבט עס נאָך פיעל פון דערזעלבער גאַטונג."

ווירקליך האָבען זיך באַלד אַנגעפאַנגען צו בעווייזען נאָך אייניגע אַזעלכע טהיערע ביי'ן פענסטער. איך האָב אַנגעצעהלט זייערע זיעבען שטיק. זיי בעגלייטען דעם נאַוטילוס, אונד איך הער ווי זיי קראַטצען מיט די שנאָבלען ארום אונזערע אייזערנע וואַנד.

איך אַרבייט ווייטער, זייערע געשטאַלטען אויפ'ן פאַפּיער אויף צו צייכנען. די אונגעהויער האַלטען זיך אַזוי גענוי געגען אונזער פענסטער אַז עס ווייזט אויס ווי זיי וואָלטען זיך גאָר ניט בעוועגען, אונד דארום איז מיר גאַנץ לייכט פינקטליך זיי אויף צו מאָלען. אויסערדעם פאַהרען מיר יעצט וואָס ווייטער אימער לאַנגזאַמער.

פּלוצלונג איז דער נאַוטילוס געבליעבען שטעהן. אַ שטויס, אונד דאָס גאַנצע שיף איז דורכגעציטערט געוואָרען.

„וואָס איז געשעהען?" פרעג איך איבערראַשט „האָבען מיר גע־שטראַנדעט?"

„ניין" ערוויעדערט דער קאַנאַדיער „עס קען זיין אַ קלאַפּ פון אַ פעל־זען, אָבער מיר זיטצען ניט פעסט."

מען קען ווירקליך שפּיערען אַז דער נאַוטילוס איז פריי אין וואַססער, דעננאָך פאָהרט ער ניט. די שרויבע האָט אויפגעהערט צו אַרבייטען. אַ פּאָאַר מינוטען שפּעטער איז אין זאַלאָן אַריינגעקומען דער קאַפּיטאַן נעמא אין דער בעגלייטונג פון זיין לייטענאַנט.

איך האָב איהם שוין אַ רעכטע צייט ניט געזעהען; זיין מיענע ווייזט אויס פערדריסליך. ניט רעדענדיג אַ וואָרט, זאָגאָר ניט קוקענדיג אויף אונז, געהט ער צו צום פענסטער, בעטראַכט די פּאָליפּען אונד זאָגט איי־ניגע ווערטער צוו זיין לייטענאַנט.

דיעזער איז אַרויס געגאַנגען. באַלד זיינען די לאָדענס געשלאָסען גע־וואָרען אונד דער זאַלאָן איז געבליעבען ווי געוועהנליך העלל בעלייכטעט פון די עלעקטרישע לאָמפּ אויבען אין דעק.

איך בין צוגעגאַנגען נעהענטער צום קאַפּיטאַן.

„אַ מערקווירדיגע פערזאַמלונג פון פּאָליפּען!" האָב איך געזאָגט מיט אַ קאָלטבלוטיגען טאָן.

„דאָס איז ריכטיג, הערר נאַטורפאָרשער" רופט זיך אָב דער קאַפּי־

טאַן זעהר ערנסט „אָבער אונז שטעהט יעצט פאַר מיט דיעזע געפעהרלי־כע בעשעפּניסע צו קעמפפען.“

„קעמפפען ?“ האָב איך איבער געפרעגט מיט גרויס וואונדער.

„יאָ, מיין הערר. די שריובע שטעהט שטילל. איך גלויב אַז איינער פון דיעזע קאַלמארען האַט אריין גערוקט זיין ביינערנעם שנאַבעל צווישען די שיפלען אונד דארום קען די שרויבע ניט ארבייטען.“

„אונד וואָס רעכענט איהר צו טהון ?“

„מיר וועלען ארויף שטייגען צו די אויבערפלאכקייט פון וואססער אונד די גאַנצע באַנדע פערניכטען.“

„דאָס וועט אָבער זיין זעהר שווער.“

„גאַנץ געוויס. די עלעקטרישע קוילען האָבען אויף זייער וויכע פלייש קיין ווירקונג ניט, אונד פליעהען דורך זייער קערפּער ניט פּלאַטצענדיג. מיר וועלען זיי מוזען אַנגרייפען מיט די העק.“

„אונד איך מיט די הארפונע, מיין הערר“ האַט דער קאַנאַדיער זיך אַנגעבאָטען „נאַטירליך אויב איהר וועט מיין הילפע ניט צוריק ווייזען.“

„איך נעהם עס אָן מייסטער לענד.“

„מיר וועלען אייך אויך בעגלייטען“ האָב איך זיך אָבגערופען, אונד באַלד נאָכדעם זיינען מיר צוזאַמען מיט דעם קאַפּיטאַן נעמאָ געקומען צו די מיטעלסטע טרעפּ.

דאָ זיינען שוין געשטאַנען צעהן מאַן, בעוואפענט מיט גרויסע העק, פערטיג צום אַנגריף. איך אונד קאָנסייל האָבען אויך גענומען העק אין די הענד אונד עדוארד זיין הארפונע.

דער נאוטילוס איז שוין געווען אויבען אויף'ן וואססער. איינער פון די מאַטראָזען איז ארויף צו די אויבערשטע טרעפּ אונד אָנגעפאַנגען אָב צו שרויפען די פּלאַטע. קוים האָט ער נור בעוויזען דעם לעצטען שרויף אָב צו דרעהען איז די פּלאַטע מיט אַ געוואַלט אויפגעריסען געוואָרען, פון די פאַליפּען־הענד, וואָס האָבען זיך צו איהר צוגעזויגען.

אין דעם נעקסטען אויגענבליק האָט זיך אריין געלאָזען איינער פון דיעזע לאַנגע הענד אַזוי ווי איין אונגעהויערע שלאַנג ; נאָך צוואַנציג אַנדערע רינגלען זיך באַלד אויף אויבען איבער'ן דעק. קאַפּיטאַן נעמאָ גיעבט אַ זעטץ מיט זיין האַק אונד די פירכטערליכע האַנד פאַללט אראָפּ זיך צאַפּלענדיג אונטער די טרעפּ.

אין דעמזעלבען מאָמענט ווי מיר דרענגען זיך איינער איבער דעם אַנדערען, אום אויפ'ן פּלאַטפאָרם ארויס צו קומען, לאָזען זיך אראָפּ צוויי אַנדערע הענד, דורכשניידענדיג די לופט, אונד גרייפען אָן דעם מאַטראָז

וואס שטעהט דער נעקסטער צום קאפּיטאן נעמא, באלד וואר דער מאן מיט א שרעקליכע געוואלט אויפגעהויבען אין דער לופט.

דער קאפּיטאן נעמא שטויסט אויס א פערצווייפעלטען געשריי אונד שטירצט ארויס. מיר אלע הינטער איהם.

וואס פיר א מורא'דיגע סצענע עס האט זיך יעצט פארגעשטעלט געגען אונזערע אויגען. דער אונגליקליכער איז צוזאמען געדריקט אין די שלאנגען הענד פון די מאללוסקע; איהרע באנקעס האבען זיך איין געזוינגען אין זיין קערפּער אונד זי שאקעלט איהם ארום אין דער לופט. ער שרייט מיט א פערשטיקטען קול אום הילפע, אונד מיט גרויס בעשטירצונג הער איך פון איהם די פראנצויזישע שפּראך. אלזא געפינט זיך דא אויפ'ן שיף איינער פון מיינע לאנדס־לייטע, פיעלייכט מעהרערע. זיינע הערץ־רייסענדע געשרייען וועל איך מיין גאנצען לעבען ניט קענען פערגעסען!

דער אונגליקליכער איז אהן רעטונג פערלארען. ווער איז דען אים שטאנד איהם פון דיעזע ערדריקענדע הענד ארויס צו רייסען? דער קאפּיטאן נעמא האט אונטערדעסען צוערשט צוגעשטירצט אויפ'ן אונגעהויער אונד נאך א האנד איהם אבגעהאקט. זיין לייטענאנט קעמפּפט מיט א פערצווייפעלטען וואוטה געגען איין אנדערען פּאליפּ, ביי דער זייט פון נאוטילוס. די גאנצע מאנשאפט ארבייט מיט די העק. דער קאנאדיער, קאנסייל אונד איך האקען אין די מאססען פלייש, וואו עס פאלט נור אריין. די לופט איז שוין איבעראל פערפּעסטעט מיט א שטארקען גערוך פון מאשוש; עס איז שרעקליך.

איין אויגענבליק האב איך זיך שוין געפרעהט, גלויבענדיג אז באלד וועלען מיר בעפרייען דעם מאטראז פון די באנקעס וואס האבען זיך אין איהם איינגעזויגען. זיעבען הענד פון דעם אונגעהויער זיינען שוין אבגעהאקט, נור נאך איינע, וועלכער שאקעלט ארום איהר קערפּער ווי א פעדער, צאפּעלט זיך אין דער לופט. אבער אין דעם מאמענט ווי דער קאפּיטאן נעמא אונד דער לייטענאנט זיינען צוגעשטירצט צום פּאליפּ. האט דיעזעס פירכטערליכע טהיער ארויס געשטראמט פון זיך א דיקען שטראהל שווארצע פליססיגקייט, וועלכע געפינט זיך אין א בייטעל פון איהר לייב, גראדע אין אונזערע געזיכטער. מיר זיינען געבליעבען שטעהן ווי בלינדע. אלס דיעזער עקלהאפטער וואולקאן איז פאנאדער געגאנגען וואר שוין דער פּאליפּ מיט מיין אונגליקליכען לאנדס־מאן פערשוואונדען.

אויסער זיך פון פערצווייפלונג זיינען מיר פון גרויס וואוטה אונד צארן בעפאלען אויף די איבריגע פּאליפּען. צעהן ביז צוועלף פון דיעזע געפעהרליכע ברואים האבען בעזעצט די פּלאטפארם אונד די זייטען פון

נאוטילוס. שפּרינגענדיג אונד פאַלענדיג דורך די מאַססען צוהאַקטע שלאַנ־גען קעמפּפען מיר אימער וויטער, אונד דיעזע אַלע העסליכע גליעדער צאַפּ־לען זיך אויפ׳ן פערדעק אין אַ טייך פון בלוט אונד טינט.

עס האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי די קלעפּעדיגע שלאַנגען־הענד פון דיעזע אונגעהויער וואַקסען אימער פון דאָס ניי אויף זייערע קעפּף. עד־וואַרד ציעלט מיט זיין הארפּונע אין די גרוי־גרינע אויגען פון די פּאָליפּען אונד בויערט זיי דורך. דער געשיקטער קאַנאַדיער איז אַפילו גענוג פאַר־זיכטיג, אָבער אין די היטץ פון קאַמפּף בעמערקט ער ניט ווי עס לאָזט זיך פלוצלונג אַראָפּ אויף איהם אַ האַנד פון איין אונגעהויער אונד אין דעמ־זעלבען מאָמענט איז ער געשטירצט צום באָדען.

אַך, מיין הערץ איז שיעור צופּלאַצט געוואָרען פון ריהרונג אונד אנגסט! שוין האָט זיך געעפענט דער פירכטערליכער שנאָבעל פון פּאָליפּ איבער עדוואַרד׳ן אונד נאָך איין מאָמענט וואָלט ער פאַר אונזערע אויגען צוריסען געוואָרען. איך האָב צוגעשטירצט איהם צו רעטען. אָבער דער קאַפּיטאַן נעמאָ איז פריהער צוגעלאָפען. זיין האַק איז טיעף אריינגעזונ־קען אין די גרויסע באַקען, אונד דעם קאַנאַדיער ווי דורך אַ וואונדער גע־רעטעט. ער איז אויפגעשפּרונגען אונד האָט אריינגערוקט זיין הארפונע דורך אַלע דריי הערצער פון דעם אונגעהויער.

„דיעזע רעטונג בין איך איך שולדיג געוועזן.“ זאָגט דער קאַפּיטאַן צו עדוואַרד׳ן.

דער קאַנאַדיער פערנייגט זיך מיט אַ שטומען דאַנק.

דער קאַמפּף האָט געדויערט מעהר ווי אַ פיערטעל שטונדע. צוהאַקט, צושלאָגען האַלב פערניכטעט, זיינען די פּאָליפּען ענדליך פערשוואונדען אין וואַססער.

דער קאַפּיטאַן נעמאָ אָבגעטונקט אין בלוט, בלייבט שטעהען אונ־בעוועגליך ביי׳ן ראַנד פון שיף, קוקענדיג אויפ׳ן מעער, וואוהין איינער פון זיינע לייטע איז אַראָפּ געשלעפּט געוואָרען, אונד דיקע טהרערען פליעסען פון זיינע אויגען.

19־טעם קאַפּיטעל.

דער גאָלף־שטראָם.

דיעזע פירכטערליכע סצענעס פון 20 אפּריל וועט קיינער פון אונז ניעמאַלס פערגעסען. וועהרענד איך בעשרייב יעצט ריכטיג יענע בעגע־

בענהייטען שטעלען זיי זיך נאָך א מאָהל פאָר אין מיינע געדאַנקען אין זייער גאַנצע גרויזאַמקייט, אָבער איך ווייס אַז קיין פעדער איז ניט אים שטאַנד דיעזע שרעקעניסען געגוי אָב צו שילדערען. דער שמערץ פון קאַפּי־טאַן נעמא איז געוועןן זעהר גרויס. יעצט האָט ער נאָך איינעם פון זיין מאַנשאַפט פערלאָרען. אונד דורך וואָס פיר א מורא'דיגען טויט ! צו־קעוועטשט, צודריקט, צוריסען פון איין אבשוילִיכען אונגעהויער, האָט ער געפונען זיין קבר ניט אויף דעם שטילען קאראַללען בית־עולם פון מעער'ס־גרונד, זאָנדערען אין בויך פון איין עקעלהאַפטען מאַללוסק ! —

אויף מיר האָט דער פערצווייפלונגס־געשריי פון דעם אונגליקליכען גע־מאַכט א הערץ־רייסענדען איינדרוק. אין דער מינוט פון טויטליכע אַנגסט האָט ער גערופען אויף זיין מוטער־שפּראַך. איך האָב אַלזאָ געהאַט א היימאַטס־גענאָסען צווישען דיעזע לייטע, וואָס זיינען דעם קאַפּיטאַן נעמא איבער געגעבען מיט לייב אונד זעעלע ! איז ער געוועןן דער איינציגער זוהן פון פראַנקרייך אין דיעזע געזעלשאַפט וואָס איז צוזאַמען געמישט פון פערשיעדענע נאַציאָנען ? אויף דיעזע פראַגע האָב איך קיין מאָהל קיין ריכטיגע ערקלעהרונג ניט ערהאַלטען.

דער קאַפּיטאַן נעמא האָט זיך צוריק געצויגען אין זיין צימער אונד איינינע צייטען האָב איך איהם ניט בעקומען צו זעהען. אָבער אַז ער איז טרויעריג, פערצווייפעלט אונד אַז זיין זעעלע איז פערפינסטערט מיט די ערגסטע פיין בעווייזט מיר דער יעצטיגער גאַנג פון נאַוטילוס. און־זער שיף פאָהרט ניט מעהר נאָך א בעשטימטע ריכטונג, זאָנדערען טרייבט זיך ארום איבער די וועללען אזוי ווי א טויטער קערפּער. די שרויבע איז פריי, אָבער זי ארבייט ניט אונד לאָזט דאָס שיף זעגלען ווי דער ווינד יאָגט איהר.

אזוי זיינען פארביי געגאַנגען גאַנצע צעהן טעג, ערשט דעם ערשטען מאַי, אַלס דער נאַוטילוס איז צופעליג געקומען ניט ווייט פון די לוקאַני־שע אינזלען, דאָרט וואו עס ענדיגט זיך דער באַהאַמאַ־קאַנאַל, האָט ער אָנ־גענומען א בעשטימטע ריכטונג נאָך נאָרדען. מיר זיינען יעצט געפאָהרען מיט דעם לויף פון גאָלף־שטראָם, דער גרעסטער טייך פון אַלע מעערען, וועלכער האָט זיינע אייגענע ברעגעס, אייגענע קלימאַטען אונד בעזונדערע זאָרטען פיש.

דאָס איז געמליך דער טייך וואָס פליעסט דורך דעם אטלאַנטישען אָקעאַן, זעלבסשטענדיג, דאָס הייסט, זיינע וואַססערען צומישען זיך ניט מיט דעם ים. דיעזער טייך איז פיעל געזאַלצענער אַלס דאָס מעער דורך וועלכען ער שטראָמט. זיין טיעפנים בעטרעפט דורכשניטליך ביז דריי טוי־זענד פוס. די מיטעלסטע ברייט ביז זעכציג עללען, אין מאַנכע ערטער פליעסט

ער מיט א שנעלקייט פון דריי מייל א שטונדע. וואססער ענטהאלט ער אין זיך מעהר ווי אלע טייכען אין דער וועלט.

נאך די ענטדעקונגען פון דעם קאמענדאנט מארי פאנגט זיך דיעזער שטראם אן אין דעם גאלף פון גאסקאן. פון דארט פליעסט ער נאך זידען, ארום די ברעגעס פון אפריקאנישען וועלט־טהייל, אונד דארט ווארעמט ער זיינע וואססערען אונטער די ברענעדיגע זונען־שטראהלען. דאן ציעהט ער זיך אוועק סקווער, פארביי דאס לאנד בראזיליען, דורכ'ן אטלאנטישען אקעאן, ביז צום קאפ סאן־ראק. דא צוטהיילט זיך דיעזער טייך אין צוויי בעזונדערע שטראמען, פון וועלכע איינער געהט אוועק אין דעם אנטיל־לישען מעער; אבער די הויפט־ראלע שפיעלט דער צווייטער שטראם, וועל־כער איז פון דער נאטור בעשטימט אויסצוגלייכען די טעמפעראטור פון די הייסע וואססערען אין די ווארעמע וועלט־געגענדען מיט די פערפרא־רענע אין דעם קאלטען נארדען. פון מעקסיקאנישען גאלף, פארביי די ברעגעס פון אמעריקא ציעהט ער זיך ביז צום פרייען מעער פון די נארדי־שע פאלאר־לענדער.

אויף דער שטעלע וואו דער נאוטילוס געפינט זיך יעצט, ביי'ן באהא־מא־קאנאל, איז דער גאלף־שטראם ביז פיערצעהן מייל ברייט אונד דריי הונדערט פונפציג עללען טיעף. די שנעלקייט פון זיין לויפען ווירד רעגעל־מעסיג לאנגזאמער וואס ער קומט ווייטער נאך נארדען, אונד עס איז העכסט נויטווענדיג אז דיעזער צושטאנד פון זיין פליעסען זאהל אימער אזוי בלייבען, דען די קלענסטע פערענדערונג אין דיעזער הינזיכט קען ברענ־גען בעדייטענדע שטערונגען אין די קלימאטען פון פערשיעדענע איירא־פייאישע לענדער.

ארום מיטאג צייט בין איך מיט קאנסייל'ן געזעסען אויפ'ן פלאט־פארם אונד איך האב איהם ערקלעהרט דיעזע אלע בעזאנדערע אייגענ־שאפטען פון דעם גאלף־שטראם, זאגענדיג ער זאהל פרובירען אריין שטע־קען זיין האנד אין וואססער. קאנסייל איז זעהר פערוואונדערט געווארען אלס זיין האנד שפיערט אין וואססער קיין ווארעמקייט אונד קיין קעלט.

„דאס קומט דאפון" האב איך איהם ערקלעהרט „ווייל די וואססער פון גאלף־שטראם ענטהאלט אין זיך אזא גראד טעמפעראטור ווי דאס בלוט אין א מענשליכען קערפער. די ברעגעס פון די אייראפייאישע לענדער קענען זיך אוים פוטצען מיט די שעהנסטע גרינסען נור דורך דיעזע ווארעמ־קייט וואס ער פיהרט מיט זיך."

דער גאלף־שטראם איז אזוי צוזאמען געדריקט פון דעם ארומיגען מעער אז זיינע וואססערען זיינען א רעכט ביסעל העכער. מיט זיין בלויען פארב

אונטערשיידעט ער זיך אויך בעדייטענד פון די גרינע מעער וואססערן. ביי נאכט בליצט דער גאָלף מיט א פאָספאָר־קאָלאָר.

דעם 8־טען מאי זיינען מיר פארביי געפאָהרען דעם קאפ האטעראס געגען די נאָרד־קאראלינען, וואו דער גאָלף־שטראָם איז פינף אונד זיעבענציג מייל ברייט אונד מעהר ווי צוויי הונדערט עללען טיעף. דער נאוטילוס פאָהרט נאָך אימער אָהן א בעשטימטען פלאַן אונד גאנץ לאנגזאם. דאָס מעער אין דיעזע געגענדען איז שטענדיג בעזוכט פון גרעסערע אונד קלענערע דאמפפער; אונד אבוואָהל מיר געפינען זיך ביי א דרייסיג מייל וויט פון נעקסטען ברעג, דעננאָך זיינען דיעזע פערהעלטניסע זעהר גינסטיג אוים צו פיהרען אונזער פלאַן פון נאוטילוס צו ענטלויפען.

אונגליקליכער וויזע שטערט אונז יעצט א זאך געגען וועלכע מיר קענען זיך גאָר קיין ראטה ניט געבען. אין דיעזע ים־געגענדען הערשען אימער גרויסע שטורעמס אונד יעצט איז אויך דער וועטער אזוי שלעכט אז מיר קענען אויף קיין פאל ניט ריזיקירען זיך אראָפּ צו לאָזען אין מעער אויף א קליינע שיפעל. דער טויט אומצוקומען אין די וועללען וואָלט אונז דאן פאָלקאָמען זיכער געוועז. עדוארד זעהט דאָס אליין איין אונד דיעזעס מאָהל איז אויף איהם בעפאלען א וואוטה פון גרויס פערצווייפלונג.

„מיין הערר" האָט ער זיך צו מיר אָבגערופען „די זאך מוז יעצט איין ענדע נעהמען, דען מיין געמיטה קען עס לענגער ניט אריבער טראָגען. אייער נעמא פאָהרט יעצט ווידער אוועק פון די בעוואָהנטע געגענדען אין די ריכטונג פון דעם וויסטען נאָרדען. אָבער פאר מיר איז שוין מעהר ווי גענוג די רייזע צו זיד־פאָל; איך וועל צום נאָרד־פאָל אויף קיין פאל ניט מיט געהען."

„אָבער וואָס זאָלען מיר טהון, עדוארד? איהר זעהט דאָך אז גראדע יעצט איז ניט מעגליך צו ענטלויפען."

„אונד דיעזע מעגליכקייט וועט זיך קיין מאָהל פיר אונז ניט געפינען!" האָט עדוארד אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג „איך בלייב ביי מיין מיינונג, אז מען דארף איבער רעדען מיט'ן קאפיטאן. אלס מיר זיינען געוועזן אין מעער פון אייער פראנצויזישע היימאטה האָט איהר געשוויגען, יעצט זיינען מיר ניט וויט פון מיין היימאטה, אונד איך וועל רעדען. אין אייניגע טעג וועט דער נאוטילוס אָן קומען אין נוי־שאָטלאנד, דאָרט וואו דער טייך סאנט לאָרענס פאלט אריין אין מעער; מיין היימאטהליכער טייך, וואָס ביי זיינע ברעגעס שטעהט מיין געבורטס־שטאָדט. ווען איך ערמאינער זיך דאָס ווירד מיין גאנצעס הערץ אויפגעקאָכט, און איך זאָג אייך, מיין הערר, אויב עס וועט קיין אנדער אויסזיכט ניט זיין ווי דאָ וויטער צו בלייבען וועל איך בעסער אריין שטירצען אין מעער אונד זיך פערטרינקען!"

איך זעה מיט גרוים בעדויערען אז דער קאנאדיער האט שליעסליך די גאנצע געדולד פערלארען. זיין לעבענס קרעפטיגע, פרייע נאטור קען לענגער ניט ערטראגען דיעזע געפאנגענשאפט אונד דארום ווירד זיין כא־ראקטער יעדען טאג פינסטערער. איך קען זיך פארשטעלען ווי שטארק ער מוז ליידען ווען זאגאר מיר איז שוין דער אויפענטהאלט אויפ׳ן נאר־טילוס האלב איבערדריסיג געווארען אונד איך פאנג שוין אויך אן צו בייגקען א היים. אויסערדעם איז די יעצטיגע בענעהמונג פון קאפיטאן נעמא אונד דער אומעט וואס הערשט אויפ׳ן שיף צייט דעם אונגליקליכען קאמפף מיט די פאליפען, אויך זעהר ניט אנגענעהם. מיין בעגייסטערונג פון די ערשטע צייטען איז שוין פארביי געגאנגען. נור אזא קאלטבלוטי־גע נאטור ווי מיין האללענדישער דיענער קאנסייל קען אזא לאגע נאך לענ־גער אויסהאלטען.

„נון, מיין הערר?“ פרעגט עדוארד, ניט הערענדיג פון מיר קיין אנטווארט.

„איך האב דאך אייך געזאגט, עדוארד, מיין מיינונג, אז עס לאהנט וועגען דעם מיט דעם קאפיטאן ניט צו רעדען.“

„פיעל גלייך. איך וויל איין מאהל פיר אלע מאהל דאס וויסען בע־שטימט. רעדט איבריגענס נור אין מיין נאמען אליין אויב איהר ווילט ניט פאר אונז אלעמען.“

„אבער איך טרעף איהם יעצט זעלטען.“ האב איך פרובירט איינ־ווענדען „ער זוכט מיר זאגאר אויסצומיידען.“

„דאס מאכט ניט אויס. איהר קענט גאנץ לייכט צו איהם אין צי־מער אריינגעהען.“

„גוט, עדוארד“ האב איך זיך ענדליך בעשלאסען „איך וועל מיט איהם איבררעדען.“

„אבער ווען?“ פרעגט דער קאנאדיער אונגעדולדיג.

„ביי די ערשטע מעגליכקייט, ווען איך וועל איהם נור אנטרעפען.“

„הערר אראנאקס, ווילט איהר איך זאהל אליין אריינגעהען צום קא־פיטאן נעמא?“

„אה, ניין! איהר וועט אלעס פערדערבען. לאזט בעסער מיך די זאך דורכמאכען. מארגען —“

„איך פערלאנג אבער איהר זאלט דאס נאך היינט טהון.“ איז דער קאנאדיער צוגעשטאנען.

„פון מיינטוועגען. איך וועל זיך נאך היינט מיט איהם זעהען.“ האב איך געמוזט איינשטימען, אום נור צו פערמיידען אז דער היטץ־קאפף עדוארד זאהל אליין זיך ניט אונטערנעהמען מיט דעם קאפיטאן צו רעדען,

דען דאפון וואָלט געוויס אַרויסגעקומען דער געפעהרליכסטער סקאַנדאַל.

דאַמיט איז עדוארד פון מיר אַוועק געגאַנגען. איך בין אויך אויפגע־שטאַנען, אום דעם קאַפּיטאַן נעמא באַלד אויפצוזוכען. אויב שוין יאָ רעדען מיט איהם איז גלייכער ניט לאַנג אָבצולעגען.

אַלס איך בין געקומען אין מיין צימער הער איך ווי דער קאַפּיטאַן געהט ביי זיך אין קאַיוטע אַרוּם הין אונד צוריק. דיעזע געלעגענהייט, איהם צו טרעפען, דאַרף איך ניט פערזאַמען. איך קלאַפּ אָן ביי זיין טהיר; קיין אַנטוואָרט. איך קלאַפּ נאָך אַ מאָהל, עפען אויף אונד געה אַריין.

איך געפין אַז דער קאַפּיטאַן איז פערטיעפט ביי זיין אַרבייטס־טיש, זאָ דאָס ער האָט וואַהרשיינליך מיין אָנקלאַפּען ניט געהערט. ער בעמערקט אויך ניט ווי איך בין אַריינגעקומען, אָבער מיט דעם בעשלוס ניט אַרויס צו געהען מיט לעדיגען, טרעט איך צו נעהענטער צו איהם. ער האָט שנעל זיך אומגעווענדעט צו מיר אונד אויף זיין געזיכט בעוויזט זיך אַ מיענע פון פערדרוס.

„איהר זייט עס?" פרעגט ער מיט אַ טאָן פון אונאַנגענעהמע איבער־ראַשונג „וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?"

„איך האָב מיט אייך וואָס צו רעדען, קאַפּיטאַן."

„אָבער איהר זעהט דאָך, מיין הערר, אַז איך בין בעשעפטיגט מיט נוטהיגע אַרבייט. איך ערלויב אייך דאָך אויף מיין שיף אַליין צו זיין ווען איהר ווילט. דאַרפט איהר דאָך וועניגסטענס מיך אויך דיעזע פרייהייט פערגינען."

אַזעלכע ווערטער האָבען מיר נאַטירליך קיין מוטה ניט געקענט צו־געבען; אָבער איך בין ענטשלאָסען אַלעס אויסצוהערען, נור איך זאָהל היינט וויסען אויפריכטיג וואָס מיר האָבען פון דיעזען מאַן צו ערוואַרטען.

„מיין הערר" האָב איך קאַלטבלוטיג ערוויעדערט „עס טהוט מיר לייד אייך צו שטערען, אָבער די זאַך וועגען וועלכע איך וויל רעדען קען ניט אָבגעלייגט ווערען."

„אונד וואָס, מיין הערר?" פרעגט ער מיט אַ טאָן פון שפּאָט „האָט איהר פיעלייכט געמאַכט איין ענטדעקונג פון וועלכע איך ווייס ניט? האָבען זיך אייך פאַרגעשטעלט אירגענד וועלכע נייע וואונדער פון די גע־היימניסע אין מעער?"

דער קאַפּיטאַן האָט וואַהרשיינליך בעמערקט אויף מיר די מיענע פון אונצופריעדענהייט, אונד איידער איך האָב נאָך געקענט עטוואָס ענטפערן רופט ער זיך אָב עטוואָס ערנסטער, צייגענדיג אויף אַ געשריעבענעם בוך וואָס ליעגט ביי איהם אויפ'ן טיש:

„דאָ זעהט איהר, הערר אַראָנאַקס; דיעזעס בוך איז פערפאַסט אין

איינינע שפּראכען. עס ענטהאלט אין זיך אללע מיינע וויסענשאפטליכע ערפאהרונגען, וועלכע איך האָב געמאכט אין מיינע רייזען איבער פערשיע־דענע מעערע פון דער וועלט אונד א קורצע בעשרייבונג פון מיין לעבענס־געשיכטע. איך וויל אז דיעזע שריפטען זאָלען ניט געהען צו גרונד צו־זאמען מיט מיר. דער לעצטער וואָס וועט איבערלעבען אלע אנדערע אין נאוטילוס וועט פאר זיין טויט דאָס בוך פערפּאקען אין א קעסטעל וואָס קען ניט דערטרונקען ווערען, אונד אריינוואַרפען אין מעער, עס וועט שווימען איבער די וועללען ביז יעמאנד וועט עס געפינען.״

אויף מיר האָבען דיעזע ווערטער געמאכט א טיעפען איינדרוק. דער היכטינער נאָמען פון דיעזען מערקווירדיגען מאן, זיין לעבענסגעשיכטע אונד זיין געהיימנים וועלען דעננאך א מאָהל ענטדעקט ווערען. איך האָב באלד בערעכענט אז גראדע דיעזעס געשפרעך איז א פּאסענדע געלעגענהייט אום מיין וואונש צו ערקלעהרען.

„קאפּיטאן״ האָב איך זיך אָבגערופען „איך קען דאָצו נור זאָגען אז אייער אבזיכט איז פאָלקאָמען ריכטיג. די פרוכט פון אייער ארבייט דאַרף פיר די וויסענשאפטליכע וועלט ניט פערלאָרען געהען. אָבער גלויבט איהר עס צו ערגייכען דורך אזא מיטעל? ווער ווייס וואו דער ווינד וועט דעם קעסטעל מיט׳ן בוך פערטראָגען? אין וועלכע הענד דאָס וועט אריינ־פאלען? איז דען ניט מעגליך פיר דיעזען ציעל א בעסערען פּלאן צו געפינען? קען פיעלייכט יעמאנד פון אייערע לייטע, אָדער זאָגאר איהר אליין —״

„אָה, ניין, דאָס ניט!״ האָט נעמא מיינע רייד איבערגעשלאָגען.

„אָבער איך אונד מיינע קאמעראדען וואָלטען בערייט געוועזען אייער בוך מיט צו נעהמען, אונד אויב איהר ווילט אונז די פרייהייט צוריק געבען —״

„די פרייהייט?״ האָט דער קאפּיטאן איבערגעפרעגט, זיך אויפהויי־בענדיג פון שטוהל.

„יא, מיין הערר, אונד גראדע וועגען דעם בין איך געקומען היינט מיט אייך רעדען. עס זיינען שוין זיעבען מאָנאט פערפלאָסען צייט מיר געפינען זיך אויף אייער שיף, אונד נון פרעג איך אייך אין דעם נאָמען פון מיינע קאמעראדען אונד פון זיך אליין, ווילט איהר אונז אייביג צווינ־גען דאָ צו פערבלייבען?״

„הערר אראנאקס, איך קען היינט אייך געבען נור דעמזעלבען ענט־פער ווי דאמאָלס, מיט זיעבען מאָנאט צוריק. ווער עס קומט איינמאָהל אין נאוטילוס דאַרף איהם מעהר ניט פערלאָזען.״

„דאָס הייסט גאַנץ איינפאַך, איהר מיינט אונז דאָ צו האַלטען מיט געוואַלט, אַלס געפאַנגענע שקלאַפען.”

„פון מיינטוועגען, רופט עס ווי איהר ווילט.”

„אָבער אַ שקלאַף האָט אין דער גאַנצער וועלט זיין רעכט זיך די געראויבטע פרייהייט צוריק צו פערשאַפען. ער מעג אָנווענדען אַלע מיט־לען, יעדע געלעגענהייט וואָס קען איהם צום ציעל פיהרען.”

„אונד ווער נעהמט ביי אייך אוועק דיזעס רעכט?” האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט גאַנץ גלייכגילטיג „האָב איך דען אייך געבונדען מיט אַ שבועה, אָדער זאָגאַר מיט איין עהרענוואָרט, איהר זאָלט דאָ פערבליי־בען. איהר פון אייער זייט, מעגט אייך טהון וואָס איהר קענט.”

„מיין הערר” האָב איך דאַרויף ערוויעדערט „ניט אייך אונד ניט מיר וועט זיין אנגענעהם נאָך אַ מאָהל וועגען דיזען געגענשטאַנד צו שפּרעכען. יעצט אָבער, ווען מיר האָבען שוין וועגען דעם אָנגעפאַנגען צו רעדען, איז גלייכער מיר זאָלען זיך די זאַך גענויער ערקלעהרען. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָהל, דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען מיין פּערזאָן אַליין. פיר מיך איז שטודירען אונד לערנען אַזאַ וויכטיגע, טהייערע זאַך צוליעב וועלכע איך וואָלט בערייט געווען אַלעס אין דער וועלט צו פערגעסען. גראַדע אַזוי ווי איהר, וואָלט איך אים שטאַנד געווען צו פערברענגען מיין לעבען אין איין אונבעוואוסטע דונקעלהייט, ארבייטען מיט פערגניגען פיר די וויסענשאַפט, מיט די אונזיכבערע האָפנונג, אַז פיעלייכט וועט די וועלט אַ מאָהל ערפאַהרען וועגען מיר, דורך אַ קעסטעלע וואָס וועט זיך ווער ווייס ווי לאַנג אַרום טרייבען אויף די וועללען פון ים. מיט איינעס וואָרט, איך קען אייך בעגרייפען אונד בעוואונדערען, אונד נאָכפאָלגען אייער ביישפּיעל אָהן פיעל פערדרוס. אָבער איך זעה, אַז אין אייער לעבען געפינען זיך אירגענד וועלכע געהיימניסע, אַז איהר שטרעבט צו אַ געוויסען ציעל, וועל־כער וועט פיר אונז אייביג בלייבען דונקעל אונד דאַרום וועלען מיר אי־מער זיין פרעמדע אויף דיזען שיף. דאָס מאַכט אונזער לאַגע אונמעגליך, אונערטרעגליך, זאָגאַר פיר מיר, היינט ווער רעדט שוין וועגען עדוואַרד לענד? אויב איהר ווילט בערעכנען זיינע געפיהלען, דאַן שטעלט זיך די פראַגע: וואָס דאָס הייסט פרייהייטס־ליעבע, האַסס געגען שקלאַפעריי, ראַ־בע פיר אונטערדריקונג, אונד איבערהויפּט נאָך ביי אַזאַ כאַראַקטער ווי דער קאַנאַדיער, וועלכער מוז טראַכטען, מאַכען פּלאַנען אונד פּרוּווען —„

„אייער עדוואַרד לענד” האָט דער קאַפּיטאַן וויעדער אונטערבראָכען מיינע ווערטער „מעג זיך דענקען, מאַכען פּלאַנען אונד פּרוּווען וואָס ער וויל; צו מיר האָט דאָס גאָר ניט. איך האָב איהם ניט געשיקט ער זאָהל אהער אויף מיין שיף קומען, אונד איך האַלט איהם דאָ אויך ניט צוליעב

פערגניגען. איהר, הערר אראנאקס, קענט אלעס בעגרייפען, זאגאר ווען מען רעדט וועניגער. מעהר האב איך אייך דארויף ניט וואס צו ענט־פערען ; אונד איך בעט אייך, אז היינטיגער ערשטער געשפרעך וועגען דיעזען געגענשטאנד זאהל אויך דער לעצטער זיין, דען א צווייטען מאהל וועל איך זאגאר ניט וועלען אייערע רייד אויסהערען."

דאמיט בין איך ארויס געגאנגען. אונזער לאגע איז נאטירליך פון דיע־זען טאג אן געוועזן נאך וועניגער אנגענעהם. איך האב מיינע קאמעראדען גענוי ערקלעהרט דעם אינהאלט פון מיין געשפרעך מיט דעם קאפיטאן נעמא.

„יעצט ווייסען מיר וועניגסטענס וואס מיר האבען פון דיעזען מאן צו ערווארטען" האט עדוארד זיך אבגערופען. „דער נאוטילוס קומט באלד ניט ווייט פון לאנג־איילאנד. מיר וועלען ענטלויפען זאגאר ביי דעם ערגס־טען וועטער."

אבער דאס וועטער איז גראדע צו דיעזע צייט געווארען אימער מעהר געפעהרליך ; עס האבען אנגעפאנגען זיך צו בעווייזען אלע בעוואוסטע צייכענס אז קירצליך וועט קומען איין אונגעוועהנליך גרויסער שטורעם. די לופט איז געוועזן ווייסליך, אזוי ווי מילך־פארביג. ביי די ברעגעס פון הי־מעל זיינען ביסלאכווייז פערמערט געווארען דיקע, פינסטערע וואלקענס. די וועללען פון מעער האבען אנגעפאנגען אויף צו שטייגען אימער העכער. אויסער די שטורעם־פויגלאך זיינען אלע אנדערע פערשוואונדען. דער באַ־ראמעטער צייגט אז די גאנצע לופט איז פול מיט עלעקטריציטעט אונד באלד וועט זיך אנפאנגען א געוואלטיגער קאמפף פון די ערשיינונג אין דער נאטור.

דאס געוויטער האט אויסגעבראכען דעם 18־טען מאי, גראדע דא־מאלס אלס אונזער שיף איז געשטאנען גענען לאנג־איילאנד, בלויז איי־ניגע מייל פון דעם נויארקער האפפען. קאפיטאן נעמא איז דיעזעס מאהל ניט אראפ געשטיגען ווי געוועהנליך אין די טיעפנים פון ים, אום דארט אין די רוהיגע וואססערען דעם שטורעם אב צו־ווארטען. דער נאוטילוס איז אזוי ווי צום טראטץ געגען די אופגערעגטע וועללען געבליעבען אויף די אויבערפלאכקייט פון מעער.

אנפאנגס האט מען געקענט רעכנען אז דאס איז בלויז א שטארקער ווינד, וועלכער וועהט פון זיד־וועסט, מיט די געשווינדיגקייט פון פונפ־צעהן עללען אין א סעקונדע ; אבער ארום דריי אוהר נאכמיטאג איז שוין דיעזער ציפפער ביינאהע פערדאפפעלט געווארען. דער שטארקער ווינד האט זיך אלזא פערוואנדעלט אין א געפעהרליכען שטורעם.

קאפיטאן נעמא, זיך וועניג קימערענדיג וועגען די שטויסען פון ווינד, האט זיך געזעצט אויפ'ן פלאטפארם. אום זיכער צו זיין פון די אונגעהויערע

וועללען, אז ער זאָהל ניט אראפּ געשלעפּט ווערען אין ים, האָט ער זיך מיט א האלבען קערפּער צוגעבונדען צום פערדעק, איך האָב דאָסזעלבע געטהון, בענוטצענדיג דיעזע געלעגענהייט אום דעם שטורעם צו בעוואונדערען אונד צו גלייכער צייט אויך דיעזען מערקווירדיגען מאַן, וואָס האָט קיין מורא ניט זאָגאר פאר די קראפט פון די אויפגערעגטע נאטור.

צורריסענע שטיקער וואָלקענס, געיאָגט פון שטורעם, פליעהען ניעדריג איבער׳ן ים, וועלכער איז אויפגעקאָכט ווי אין א פורכטבארען וואוטה. שווארצע וועללען, הויך ווי די גרעסטע בערג, זיינען אזוי געדיכט אז איך בעמערק גאָר ניט ווי זיי פאַלען צוריק. זיי שטייגען אימער העכער, קעמפּפענדיג איינע געגען די אַנדערע. דער נאוטילוס קייקעלט זיך איבער זיי, אָדער בלייבט שטעהען ווי א מאַסט, שפּרינגענדיג איבער דיעזע קאָכענדיגע וואַססער־בערג.

ארום פינף אוהר איז ארויס געפאַלען א שלאַגס־רעגען, אזוי ווי גאַנצע רייסענדע שטראָמען וואָלטען זיך גיעסען אין דער לופט. דער געוואַלטיגער שטורעם האָט יעצט אויסגעבראָכען מיט א שנעליגקייט פון פינף אונד פיערציג עללען א סעקונדע, דאָס הייסט פיערציג מייל א שטונדע. ביי אזא שטארקייט איז ער אים שטאַנד אום צו רייסען הייזער, אראפּ צו טראָגען דעכער, צו ברעכען אייזערנע צאַהמען אונד זאָגאר די שווערסטע קאַנאָנען פון זייער פּלאַטץ אוועק צו רוקען. דער נאוטילוס קען אָבער דיעזען געפעהרליכען אויפרוהר גאַנץ רוהיג אויסהאַלטען, גראדע ווי איין ערפאַהרענער אינזשינער האָט א מאָהל געזאָגט: „דיענינע שיף וואָס קען זיך ניט שטעלען געגען די מאַכט פון מעער איז ניט ריכטיג געבויט.״ אזעלכע ברויזענדע וועללען קענען צוברעכען א פעלזען אויף שטיקלאך, אָבער זיי זיינען ניט אים שטאַנד צו שאַדען דעם נאוטילוס, וועלכער בעוועגט זיך איבער זיי אָהן מאַסטען אונד אָהן זעגלען, ניט שפּיערענדיג קיין געפאַהר.

ביז פארנאַכט איז דער שטורעם נאָך שטאַרקער געוואָרען. איך בעמערק צו דערזעלבער צייט דאָרט, אירגענד וואו ווייט, ווי א גרויסע שיף קעמפּפט צווישען הימעל אונד וואַססער. דאָס איז וואהרשיינליך א דאַמפּפער פון די נויאָרק־ליווערפּול ליניע, וועלכער געפינט זיך יעצט אין א גרויס געפאַהר.

אַלס עס איז נאַכט געוואָרען האָט זיך דער גאַנצער הימעל אָנגעצונדען אין פייער אונד פלאַמען אונד די לופט איז געוועזען פול מיט אונאויפהערליכע בליטצען. מיר זיינען בייגאַהע די אויגען דאַפון פערבלענדעט געוואָרען, וועהרענד דער קאַפּיטאַן נעמאָ וועגדעט ניט אָב זיינע בליקען קוקענדיג מיט אזא צופריעדענהייט אזוי ווי ער וואָלט מיט פערגניגען די זעעלע פון שטורעם איין אַטהמען. שרעקליך איז דאָס ברויזען אונד רוישען

איבעראָל ארום אונז ; עס קאָכען די געבראָכענע וועללען, דער שטורעם־ווינד ברומט, דער דונער קלאַפּט אונד דער ווינד פייפט פון אַלע זייטען מיט איין אונגעהויערע קראַפט.

יא ! דיעזער גאָלף־שטראָם איז ווירקליך ווי מען רופט דער קעניג פון די שטורעמס ! די פערשיעדענהייטען פון די טעמפּעראַטור אין די לופט־מען איבער איהם ברענגען זעהר אָפט צו אַזעלכע געפעהרליכע אויפרוהרען.

נאָך דעם פּלאַטץ־רעגען איז געקומען אַ רעגען פון פייער. יעדעס טראָפּ־פען וואססער שפּיעגעלט זיך אָב מיט פערשיעדענע שטראַהלען אין די פייערדיגע בליטצען. מען וואָלט קענען מיינען אַז קאַפּיטאַן נעמא איז דאָ־רום געבליעבען זיטצען אויפ'ן פערדעק, אום צו געפינען אַ גיכען פּאססענ־דען טויט. ביי איינע פון די שרעקליכע בעוועגונגען וועהרענד דער נאָו־טילוס האָט זיך אויפגעשטעלט מיט זיין שטאָהלענעם שנאָבעל ארויף, אזוי ווי אַ בליטץ־אַבלייטער, האָב איך געזעהען אַז עס פליהען פון איהם לאַנ־גע פונקען.

לענגער איז דאָס מיר ניט געוועזען מעגליך צו ערטראָגען אונד קריע־כענדיג אויף אַלע פיער האָב איך ערדייכט די פּלאַטע, אָבגערוקט אונד אראָפּ געשטויגען אין זאַלאָן. דאָס געוויטער איז יעצט געקומען צו די העכסטע שטופע אונד אינוועניג פון שיף איז ניט מעגליך געוועזען אויף די פיס זיך צו האַלטען.

ארום האַלבע נאַכט איז דער קאַפּיטאַן נעמא ארונטער געגאַנגען. איך העד ווי די וואססער בעהעלטער ווערען פול אונד דער נאַוטילוס פאַנגט אָן רוהיג זיך ארונטער צו לאָזען אין די טיעפענים פון מעער.

דורך די אָפענע פענסטער פון זאַלאָן בעמערק איך ווי גרויסע פיש פליעהען ארום זעהר בעשטירצט, אזוי ווי פאַנטאַסטישע בעשעפּניסען אין די פייערדיגע וואַססערען. אייניגע פון זיי זיינען פאַר מיינע אויגען פון בליטץ געטראָפען געוואָרען.

דער נאַוטילוס זינקט אימער טיעפער. איך האָב געמיינט אַז ביי אַ פונפצעהן עללען אונטער די אויבערפלאַכקייט פון ים וועלען מיר געפינען רוהיגעס וואסער. אָבער ניין, די אויבערשטע שיכטען זיינען צו געוואַל־טיג אויפגערעגט אונד דער אונגעוועהנליכער שטורעם האָט דאָס מעער גאַנץ טיעף דורכגעבראָכען. רוהע האָבען מיר געפונען ערשט קומענדיג ביי אַ פונפציג עללען ניעדריגער.

דאָפיר איז אָבער דאָ אונטען שטיל אונד פרעהליך. קיינער וואָלט גאָר ניט גלויבען אַז איבער'ן מעער וויטהעט גראַדע יעצט אַ געוואַלטיגער שטור־רעם אין זיין פורכטבאַרסטע מאַכט.

20־טעם קאפיטעל.

די נקמה־שיף.

דער אויבען בעשריעבענער שטורעם האט אונזער שיף צוריק געוואר־פען א שטיק וויטער נאך אסטען. דאמיט איז פיר אונז אויך פערשוואונ־דען געווארען יעדע האפנונג צו ענטלויפען ביי אירגענד וועלכען האפפען פון נויארק, אדער סענט־לארענץ. דער ארמער עדוארד האט איבער זיין גרויס פערצווייפלונג זיך צוריק געצויגען פון אונזער געזעלשאפט, גראדע ווי דער קאפיטאן נעמא. קאנסייל אונד איך זיינען פון יעצט אן געבליעבען אליין צוזאמען די צייט צו פערברענגען.

אין דיעזער ריכטונג וואו דער נאוטילוס איז יעצט אוועק געשטויסען געווארען איז ער אייניגע טעג ארום געפאהרען אזוי ווי אהן א בעשטימטען ציעל, א מאהל אויבען, א מאהל אין מיטען ים. די טהויען וואס זיינען אזוי געפעהרליך פיר די זעע־פאהרער, האבען יעצט בעדעקט דיעזע אלע געגענ־דען. זיי קומען ארויס איבערהויפט דאפון וואס דער אייז צוגעהט אונד פיהלט שטענדיג אן די לופט מיט פייכקייט. ווי פיעלע שיפען זיינען שוין געגאנגען אין דיעזע ערטער צו גרונד, גראדע אין דעם מאמענט ווען דורך דעם נעבעל האט זיך פאר זיי בעוויעזען די אונקלאהרע בעלייכטונג פון האפפען! וועלכע אונגליקליכע צופאלען האבען שוין דיעזע טהויען גע־בראכט! פיעלע פון אזעלכע שיפען ווערען געשליידערט צו די פעלזען אונד צובראכען אויף שטיקלאך; אנדערע שטויסען זיך צוזאמען אין אזא דונקעלהייט אונד געהען באלד צו גרונד.

אונד ווירקליך זעהט אויס דער גרונד פון מעער אין דיזע געגענד ווי א שלאכטפעלד, בעדעקט מיט שטיקער פון די אפפער, וועלכע דער אקעאן האט פערשלונגען. דא איז צו זעהען גאנצע אונד צובראכענע שיפען פון פערשיעדענע ארטען, וועלכע זיינען אונטערגעגאנגען מיט מאנשאפט אונד פאססאזשירען. דאס זיינען נעמליך אזעלכע געפעהרליכע שטעלען ווי דער קאפ רייס, די ערטער ארום אינזעל סענט־פאול אונד דער קאנאל בעלל־איל. דער נאוטילוס פאהרט דא צווישען זיי ווי איבער א שרעקליכען בית־עולם.

מיר זיינען ענדליך געקומען צו די לעצטע זידליכע שפיטץ פון ניו־פאונדלענד. אין דיעזען פונקט איז א שטיק מעער בעדעקט פון אויבען מיט פערשיעדענע צוזאמען געשוואומענע אבפאללען, וועלכע קומען אהער טהייל־ווייז מיט דעם גאלף־שטראם, פון די הייסע עקוואטאר־לענדער, טהייל־

ווייז מיט די גענענשטראָמונג, וואָס לויפט פאַרביי די אַמעריקאַנישע ברעגעם פון דעם ווייטען נאָרד־פּאָל. דאָ זיינען צוזאַמען געשפּאַרט פערשיעדענע גענענשטאַנדען אונד טויטע קערפּער פון מאָלוסקען, פישען, טהיערפּפלאַנצונגען אונד נאָך אַזעלכע ברואים, וואָס זיינען אירגענד וואו צו גרונד געגאַנגען.

די טיעפקייט פון מעער איז אין דיעזע ערטער ניט גרויס, העכסטענס נור אייניגע הונדערט עללען. אָבער אַ ביסעל ווייטער נאָך זידען געפינט זיך איין איינזינקענעס, אַ מין לאָך פון דריי טויזענד עללען די טיעף. דער גאָלף־שטראָם פערברייטעט זיך דאָ גאַנץ ווייט. ער פערליערט אין דיעזע געגענדען זיין געשווינדע שטראָמונג אונד זיין אייגענטליכע טעמפּעראַטור, אָבער דאַפיר ווירד ער פּערוואַנדעלט אין אַ וואַהרען מעער.

פון די מאַססען שעהנע זעלטענע פיש, וועלכע דער נאַוטילוס האָט דאָ איבעראַל בעגעגענט, איז ווערטה צו עראינערען דעם קאַבעליאַו; פון וועלכע עס געפינען זיך דאָ, אין זיין ליעבלינגס־פּלאַטץ אונענדליכע מילליאָנען.

מען קען זאָגען אַז דער קאַבעליאַו איז אייגענטליך אַ געבירג־בעוואָהנער, דען דיעזער גרונד, אַרום ניו פאַונדלענד, איז אין דער טהאַט איין אונטערוואַססערדיגער באַרג.

אַלס דער נאַוטילוס איז געפאָהרען דורך די מאַססען פון דיעזע פיש האָט קאָנסייל אויסגערופען:

„אַה, די קאַבעליאַוס! איך האָב געמיינט אַז זיי זיינען אַ סאָרט פּלאַכע פיש, גראַדע ווי די קעלישען אונד נאָך אַזעלכע מינים.“

„ווי נאַרריש!“ האָב איך ערווידערט „די קאַבעליאַוס זיינען פּלאַך נור ביי׳ן קרעמער, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אויסגעטריקענט צו פערקויפען. אָבער אין וואַסער זיינען זיי העכסט רונד.“

„דאָס זעה איך שוין יעצט ריכטיג, אָבער וועלכע מאַססען דאָ געפינען זיך פון זיי!“

„יאַ, מיין פריינד; עס בלייבען דעננאָך נור אַ קלענסטע טהייל לעבענדיג, דען גרעסטענטהיילס ווערען זיי פערצעהרט פון דעם מענשען אונד די זעע־סקאָרפּינען. ווייסט דו וויפיעל אייער אין איינציגע זי פון אַזאַ פיש לעגט?“

„נון, ווען איך זאָהל טרעפען, וואַהרשיינליך זעהר פיעל, פיעלייכט פינף מאָהל הונדערט טויזענד.“

„ווייט ניט געטראָפען, מיין ליעבער. מען האָט נאָכגעצעהלט אונד געפונען עלף מילליאָנען.“

קאָנסייל איז ערשטוינט געוואָרען, מאַכענדיג איין אונגלויבליכע מיענע.

„דאָס איז איין פאָלקאָמען ריכטיגער וויסענשאַפטליכער פאַקט“ האָב

איך פערזיכערט „דאפון קענסט דו זיך מאכען א בעגריף צו וועלכען אונגעהויער גרויסען צאהל דיעזע פישען זיינען אים שטאנד זיך צו פערמעהרען. צעהנדליגע טויזענדע ווערען געפאנגען פון פראנצויזישע, ענגלישע, אמעריקאנישע און פיעלע אנדערע שיפען. מען פערצעהרט זיי מיליאנען־ווייז און ווען דיעזע פיש וואלטען ניט געווען אזוי פרוכטבאר צום ערשטוינען דאן וואלט אין א קורצע צייט פון זיי אין ים גאר ניט געבליעבען. קענסט זיך פארשטעלען אז נור ענגלאנד אונד אמעריקא בעשעפטיגען פינף אונד זיעבענציג טויזענד מאן אויף פינף טויזענד שיפען איינציג מיט דעם פאנג פון די קאבעליאום. יעדעס שיף ליעפערט דורכשניטליך פיערציג טויזענד שטיק, דאס מאכט אלזא פינף אונד צוואנציג מיליאן איין פאנג. ביי די ברעגעס פון נארוועגיען זיינען די צאהלען נאך גרעסער.”

„איך גלויב אז דער הערר ערקלעהרט ריכטיג” האט קאנסייל זיך אבגערופען טראכטענדיג „נעמליך וועגען די עלף מיליאנען אייער וואס איין זי פון די קאבעליאום לעגט; אבער דאפון איז שוין מעגליך זיך צו מאכען א בעגריף ווי פיעלע פון זיי עס ווערען פערניכטעט. דען זאנסט וואלט דאך גענוג געווען בלויז פיער אזעלכע זיען אום גאנץ ענגלאנד מיט אמעריקא אונד נארוועגיען מיט דיעזע פיש צו פערזארגען.”

וועהרענד מיר זיינען געפאהרען אויף דעם גרונד פון דיעזע געגענד ארום ניו פאונדלענד האב איך געזעהען גענוי די לאנגע שנורען, אויף יעדע פון וועלכע עס הענגען ביז צוויי הונדערט האקענס, וואס ווערען ארויסגעווארפען פון יעדען שיף פון דעם פיש־פאנג. דער נאוטילוס איז געצוואונגען זיך דורך צו דרעהען צווישען דיעזע אונטערוואססערדיגע נעטצען.

איבריגענס זיינען מיר לאנג ניט געבליעבען אין דיעזע בעפעלקערטע געגענדען. אונזער שיף האט זיך בעגעבען ווייטער נאך נארדען, ביז געגען דעם בריטיש־אמעריקאנישען דארף הארטס־קאנטענט, וואו עס ענדיגט זיך דער דראט פון אונטער אטלאנטישען טעללעגראף. פון דאנען האט דער נאוטילוס זיך בעגעבען מעהר נאך אסטען, גראדע ווי ער וואלט וועלען נאכפאלגען די ריכטונג איבער וועלכע דיעזער דראט ליעגט אויפ׳ן גרונד פון ים.

מיט צוויי טעג שפעטער, אלס מיר ווארען שוין ביי א פינף הונדערט מייל ווייטער פון הארט־קאנטענט, האב איך בעמערקט אויף א טיעפענים פון בייגאהע דריי טויזענד עללען אויפ׳ן גרונד פון ים, דעם קאבעל, (טעלעגראפישען דראט), וועלכער פערבינדעט אייראפא מיט אמעריקא. קאנסייל האט אנפאנגס געמיינט אז דאס איז איין אונגעהויערע ריעזען־שלאנג, אבער איך האב איהם ערקלעהרט די ווירקליכקייט אונד דאצו פאלגענדע טהאט־זאך מיטגעטהיילט:

דער ערשטער קאבעל אויפ'ן גרונד פון אטלאנטישען ים איז געלעגט געוואָרען אין יאָהר 1857. עס זיינען דורך איהם אריבער געשיקט געוואָרען אונגעפעהר פיער הונדערט דעפעשען אונד דאַן האָט ער אויפגעהערט צו ווירקען. פינף יאָהר שפּעטער האָט מען פערפערטיגט א נייעם קאבעל, פיעל גרעסער אונד שטארקער אלס דער ערשטער. די אינזשינערען פון שיף „גרייט איסטערן" זיינען אבער ניט אים שטאנד געווען דיעזע אונטערנעה־מונג מיט ערפאלג אויסצופיהרען, אונד מען איז געצוואונגען געווען די זאך אין גאנצען אויפצוגעבען.

די אמעריקאנער האָבען דעננאך דעם מוטה ניט פערלאָרען. א גע־וויסער סירוס פיעלד, וועלכער האָט זיין גאנצען גרויסען פערמעגען פיר דיעזע אידעע געאָפּפערט, איז געווען פאסט ענטשלאָסען אלע מעגליכקיי־טען אָן צו ווענדען ביז די זאך וועט צושטאנד קומען אזביידע וועלט־טהיי־לען זאָלען זיין טעלעגראפיש פערבונדען. דורך זיין ענערגישע טהעטיג־קייט איז איהם באלד געלונגען צו גרינדען א גרויסע קאָמפּאניע, מיט א ריעזען־קאפּיטאל, אונד די נייע אונטערנעהמונג האָט זיך אָנגעפאנגען ביי די בעסטע בעדינגונגען, דער טעלעגראפען־דראָט וואר דיעזעס מאָל ארומ־געוויקעלט מיט געוויסע שטאָפּען, בעשיצט מיט א מעטאלענעם שייד, וועל־כער איז פון אויבען בעצויגען געוואָרען מיט א צווייטען שייד פון גומי. דאָס שיף „גרייט איסטערן" וואר אויך יעצט בעלאָדען מיט די דראָטען, אונד דען 13־טען יולי 1866־טען יאהר איז זי ארויס געפאָהרען פון אייראָפּא נאָך אמעריקא, אום דיעזען אויסגעפערטיגטען קאבעל אוועק צו לעגען.

איין בעזונדערער צופאל האָט דאמאלס פאסירט. אבוויקלענדיג די קאבעלען האָבען די אינזשינערען בעמערקט אז דער גומי־שייד ארום דראָט איז דא ניט לאנג דורכגעשטאָכען געוואָרען מיט צוועקעס. דאָס האָט א פּאָאר מאהל פּאסירט, אונד דער שולדיגער איז ניט ענטדעקט געוואָרען; אבער דער קאפּיטאַן אנדערסאָן האָט געלאָזט בעקאנט מאכען, אז אויב דער וואָס טהוט עס זאָל ענטדעקט ווערען, וועט מען איהם געוויס אריין שליידערען אין מעער. פון דאמאָלס אָן האָט שוין קיינער מעהר דעם קאבעל ניט בעשעדיגט.

צעהן טעג שפּעטער, אלס דער „גרייט איסטערן" וואר נאָך א פינף הונדערט מייל פון אמעריקא האָט מען איהם טעלעגראפירט פון אירלאנד די נאכריכט וועגען דעם פריעדען, וואָס איז אבגעשלאָסען געוואָרען צווי־עסטרייך אונד פּרייסען, אין דער מלחמה וואָס זיי האָבען דאַן צווישען זיך געפיהרט. דען 27־טען יולי איז דאָס שיף אָנגעקומען אין הארט קאָנסענט, די אונטערנעהמונג וואר גליקליך געענדיגט. די ערשטע דעפּעשע וועלכע דאָס יונגע אמעריקא האָט דורך דיעזען קאבעל אבגעשיקט צו די אלטע איי־

ראפא איז בעשטאנען אין די בעוואוסטע ווערטער: „עהרע צו גאט אין הימעל אונד פריעדען צו מענשען אויף דער ערד.״

דיעזער קאבעל געפינט זיך נאך יעצט אויך גראדע אין אזא גוטען צושטאנד ווי ער איז נײ ארויס פון די פאבריקען. ווי איין אונענדליכע שלאנג ציעהט ער זיך איבער׳ן רוהיגען גרונד פון מעער; שטיקער מושע־לען בעדעקען איהם ווי מיט א שטיינערנעם בעצוג אונד די עלעקטרישע קראפט פליעהט אונגעשטערט דורכ׳ן דראטה, איבערגעבענדיג א דעפעשע פון אמעריקא נאך איירא־פא אין פערלויף פון א דריטעל סעקונדע. איך גלויב אז דיעזער קאבעל איז זעהר דויערהאפט, דורך זיין שייד פון גומי, וועל־כעם מוז אימער שטארקער ווערען וואס לענגער עס ליעגט אין וואססער.

דער נאוטילוס פאהרט מיט דערזועלבער ריכטונג ווי דער קאבעל איז אוועק געלעגט אויפ׳ן גרונד פון מעער, ביז מיר זיינען דעם 28־טען מאי געקומען צו די שטעלע וואו דער ערשטער קאבעל האט מיט דריי יאהר צוריק געפלאצט. מיר זיינען יעצט נור א הונדערט צוואנציג מייל ווייט פון די אירלענדישע ברעגעס. צו מיין גרויסער איבערראשונג בעגיעבט זיך אונזער שיף וויעדער אין די איירא־פעאישע וואססערען. איך זעה פארביי פאהרענדיג דאס ליכט פון טהורעם אויפ׳ן קאפ קלוד, וועלכעס שיינט פיר יעדע שיף וואס געהט אב פון גלאסגאוו אדער ליעווערפול. עדווארד לענד וועלכער האט זיך יעצט וויעדער בעוויעזען, הערט ניט אויף מיך צו פרעגען אויב דער נאוטילוס וועט זיך בעגעבען אין קאנאל פון ענגלאנד, אבער וואס קען איך איהם דארויף ענטפערען? קאפיטאן נעמא לאזט זיך נאך אימער ניט זעהען. דעם 30־טען מאי זיינען מיר געקומען צו לאנד׳ס־ענד, די לעצטע שפיטצע פון ענגלאנד, געגען די אינזלען פון סציללי. אויב דער נאוטילוס מיינט ווירקליך צו בעזוכען דעם קאנאל, דארף ער זיך בעגעבען גראדע נאך אסטען, אבער ער טהוט עס ניט.

אויף מארגען איז דעם גאנצען טאג אונזער שיף געגאנגען הין אונד צוריק, אזוי ווי זי וואלט זוכען אויפ׳ן גרונד פון ים א שטעלע וועלכע זי קען ניט געפינען. צו מיטאג־צייט איז דער קאפיטאן נעמא ארויפגעגאנ־גען אויפ׳ן פלאטפארם אליין מאכען די אויפנאהמע פון דעם זוננען־שטאנד. מיט מיר רעדט ער קיין ווארט; ער ווייזט אויס אומעטיגער ווי אימער. די אויבערפלאכקייט פון ים גלענצט אין זיין מאיעסטעטישע רוהע; דאס וועטער איז פראכטפאל שעהן. אונגעפעהר אכט מייל נאך אסטען זעהט זיך א גרויסער דאמפפער, אבער עס איז פון זיי קיין מאסט קיין פלאג ניט צו בעמערקען, אונד דארום איז מיר ניט מעגליך צו וויססען צו וועלכע נאציאנאליטעט ער געהערט. אייניגע מינוטען איידער די זונן איז דורכ־געגאנגען דעם מיטעלפונקט פון מערידיאן האט דער קאפיטאן נעמא גע־

נומען זיין סעקסטאַנט אונד אַנגעפאַנגען געגוי צו בעאָבאַכטען. דער נאַוי־טילוס איז אין דיעזער מינוט געלעגען גאַנץ רוהיג אויפ'ן שטילען מעער, אונד אַלס די אויפנאַהמע איז געווען געמאַכט האָט קאַפּיטאַן נעמאָ אויס־געמורמעלט דיעזע ווערטער : דאָ איז עס."

ער האָט זיך דאַן אָבגעווענדעט אונד אַראָפּגעגאַנגען אונטען. איך זעה אַז יענער דאַמפּפער האָט אונז בעמערקט אונד זיך אומגעקעהרט, אום שנעלער צו אונז צו קומען. אַלס איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין סאַלאָן זיינען די פּלאַטען פון נאַוטילוס געשלאָסען געוואָרען אונד איך העך ווי זיינע בעהעלטער ווערען פול מיט וואַססער. אונזער שיף איז דאַן אַראָפּ געזונקען אין אַ טיעפענים פון אונגעפעהר טויזענד עללען אונד געבליעבען זיטצען אויפ'ן גרונד. אין זאַלאָן איז גאַנץ פינסטער, נור אַלס די לאָדענס זיינען געעפענט געוואָרען האָב איך דערזעהען אַז דער ים איז העלל בעלייכ־טעט מיט די עלעקטרישע שטראַהלען פון אונזער לאַנטערנע, וועניגסטענס אויף אַ האַלב מייל פון אַלע זייטען ארום.

ביי דער רעכטער זייט פון אונזער גלעזערנע וואַנד זעה איך קיין זאַך ניט, אויסער די רוהיגע וואַססערען, וועלכע גיעסען זיך דאָרט ווייט צוזאַמען מיט די דונקעלהייט. אָבער אַ קוק געבענדיג לינקס בין איך באַלד אויפמערקזאַם געוואָרען אויף אַ גרויסע רואינע, וועלכע איז בעדעקט אי־בעראַל מיט מושעלען, אַזוי ווי אַ מאַנטעל פון שנעע. בעטראַכטענדיג גענוי־ער דערקען איך אַז דאָס איז איין דערטרונקענע שיף, וועלכע איז שוין געווים מיט פיעלע יאָהרען צוריק אַראָפּ געזונקען אויפ'ן גרונד פון ים, דאָס בעווייזען נעמליך דיזעלבע מושעלען, מיט וועלכע זי איז וועהרענד דיעזער צייט ביסלאַך־ווייז אַזוי ווי בעקאַלכט געוואָרען.

וואָס איז דאָס פיר אַ שיף ? פאַרוואָס איז דער נאַוטילוס געקומען בע־זוכען איהר נאַססען קבר ? איז זי אַליין אונטער געגאַנגען, אָדער אַ פיינד־ליבע מאַכט האָט איהר רואינירט ? וועהרענד איך שטעה נאָך אונד טראַכט וועגען דיעזע פראַגע הער איך פּלוצלונג ווי דער קאַפּיטאַן נעמאָ זאָגט צו מיר לאַנגזאַם :

„אַ מאָהל האָט דיעזע פראַנצויזישע שיף געטראָגען דעם נאָמען „לאַ־מאַרסייל." זי איז אויפגעבויט געוואָרען אין יאָהר 1752 אונד האָט גע־טראָגען פיער אונד זיעבענציג קאַנאָנען. אין יאָהר 1778, דען 13 אויגוסט, האָט זי העלדענמוטהיג געקעמפּפט געגען די ענגלישע שיף „פּרעסטאָן." דען 11־טען יולי 1779 האָט זי צוזאַמען מיט די פלאָטע פון גענעראַל ד'עסטיינג עראָבערט די פעסטונג גראַנאַדאַ. אין 1781, דען 5 סעפּטעמבער האָט זי אַנטהייל גענומען אין דעם קאַמפּף פון גראַף דע־גראַססע געגען דעם ענג־לישען האַפּפען שעספּיק. אין יאָהר 1794, נאָך די גרויסע רעוואָלוציאָן אין

פראנקרייך, האָט די רעפּובליק געענדערט דעם נאָמען פון דיעזען שיף. דעמזעלבען יאָהר, דעם 16־טען אפּריל, האָט זי זיך אָנגעשלאָסען צו די פלאָטע פון וויללארעט־זשאָיעס, וועלכע האָט געפיהרט נאָך פראנקרייך א לאדונג געטריידע פון אמעריקא. דיעזע שיף האָט זיך קורץ נאָכדעם צוזאמען געטראָפען מיט איין שטארקע ענגלישע פלאָטע, אונד עס איז ענשטאַנען א פורכטבארער קאמפף. היינט איז דער ערשטער יוני 1868; מיט 74 יאָהר צוריק האָט גראדע אויף דיעזע שטעלע דער קאמפף פּאססירט. מעהר ווי א דריטעל פון די מאנשאפט איז שוין געוועזען ערמאָרדעט, אָדער טויטליך פערוואונדעט; לענגער איז שוין ניט מעגליך געוועזען גע־גען דעם מעכטיגען שונא זיך צו האלטען. איידער זיך אונטער צו געבען האָט דיעזעם שיף זיך אליין דורכגעבויערט אונד אראָפּ זינקענדיג אין ים מיט די פרייהייטס פלאַג אויסגעשטעלט, האָבען איהרע דריי הונדערט אונד פונפציג מאן מיט בעגייסטערונג אויסגערופען: „עס לעבע די רעפּובליק!״

„אָה, מיין גאָט!״ האָב איך אויסגערופען מיט איין איבערראשונג פון שרעק „דאָס איז אלזאָ די בעריהמטע רעפּובליקאנישע ראכע־שיף?״

„יא, מיין העהר, די ראכע־שיף! א שעהנער נאָמען, ניט וואהר?״

21־טעם קאפּיטעל.

א מאססען־מאָרד.

די פלוצלינגע סצענע פון דיעזע אונטערגעגאנגענע פּאטריאָטישע שיף, די אויפרעגונג מיט וועלכע קאפּיטאן נעמא האָט די לעצטע ווערטער אויס־געשפּראָכען אונד דער נאָמען „ראכע־שיף״, וואָס האָט צו יענער צייט ארויף געיאָגט א שרעק אויף די גאנצע וועלט — דאָס אלעס האָט אויף מיר א טיעפען איינדרוק געמאכט. איך קען ניט אראָפּ לאָזען די אויגען פון קאַ־פּיטאן נעמא, ווי ער שטעהט דאָ, קוקענדיג מיט ברענענדיגע בליקען אויף די בעריהמטע רואינע. פיעלייכט וועל איך ניעמאלס ריכטיג ערפאהרען ווער דער מאן איז אונד וואוהין ער ציעלט, אָבער וואָס ווייטער מוז איך קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער מיט זיינע גענאָסען האלטען זיך אָבגעזאָנדערט פון דער וועלט אין די טיעפנים פון מעער איבער א שרעקליכען מענשען־האסס. א האסס וואָס קען נור מיט דער צייט געשטילט ווערען.

די נעקסטע צוקונפט האָט מיר בעוויעזען ווי ריכטיג מיין מיינונג איז. דער ציעל פון דיעזען האסס איז א שרעקליכע, פורכטבארע ראכע.

דער נאוטילוס האט אונטערדעסען אנגעפאנגען לאנגזאם צוריק ארויף צו שטייגען, אונד באלד האב איך פון זיין לייכטע בעוועגונג דערקענט, אז מיר געפינען זיך וויעדער אין די פרייע לופט. אין דיעזען אויגענבליק הערט זיך א דונער־קראך. איך גיעב א קוק אויף'ן קאפיטאן נעמא. ער ריהרט זיך ניט.

„קאפיטאן!" רוף איך איהם, אבער ער ענטפערט ניט.

איך האב איהם איבער געלאזען אונד בין ארויף אויפ'ן פלאטפארם. קאנסייל אונד דער קאנאדיער וואַרען שוין דארט.

„מען שיעסט אויף אונז פון א קאנאנע" מעלדעט מיר עדווארד.

איך זעה ווירקליך, אז יענער דאמפפער, וועלכען איך האב פריהער בע־מערקט קומט שנעל נעהענטער. יעצט איז ער שוין נור אונגעפעהר זעקס מייל פון אונז.

„וואס איז דאס פיר א שיף, עדווארד?" פרעג איך איהם.

דער קאנאדיער קוקט זיך גענוי איין מיט זיינע שארפע בליקען. דאן רופט ער זיך אב:

„קיין צווייפעל, עס איז א קריעגס־שיף, אבער צו וועלכע נאציאן זי געהערט איז שווער צו דערקענען; קיין פלאג איז דארט ניט ארוים גע־שטעלט."

אין פערלויף פון די נעקסטע פיערטעל שטונדע איז דאס שיף געקומען נאך נעהענטער. יעצט איז דייטליך צו זעהען אז דאס איז ווירקליך א גרויסע קריעגס־שיף, מיט א געפאנצערטער דאבעלט־דעק.

„מיין העדר" רופט זיך אב עדווארד „ווען דאס שיף וועט קומען אויף איין מייל צו אונז וועל איך אראפ שפרינגען אין וואססער אהין צו שווימ־מען, אונד איך פערלאנג איהר זאלט אויך דאסזעלבע טהון."

איך האב דארויף גאר ניט געענטפערט, קלעהרענדיג וואס פיר א שיף זאהל דאס אייגענטליך זיין; איין ענגלישע, פראנצויזישע אדער אמערי־קאנישע — יעדענפאלס קענען מיר ניט בעשטימט רעכנען אז מען וועט אונז דארט אויפנעהמען. איך האב שוין געוואלט אויף עדווארד'ס פארשלאג ענטפערען, אבער גראדע אין דער מינוט האט זיך פון יענע שיף דערזעהען א ווייסער רויך, א קראך — אונד — א קאנאנען קויל איז אריין געפלויי־גען אין וואססער הארט ביי'ן נאוטילוס, זא דאס מיר אלע זיינען בעשפריצט געווארען. איך בין אין דיעזער מינוט העכסט ערשטוינט געווארען, ווייל עס איז מיר ניט מעגליך זיך צו ערקלעהרען איבער וועלכע אורזאכע מען מאכט אויף אונז אזא פורכטבארען אנגריף.

„אויסגעצייכענט!" האט עדווארד אויסגערופען מיט גרוים צופריע־דענהייט „שליסליך ווייסען זיי שוין מיט וועמען זיי האבען צו טהון."

עדווארד׳ר ווערטער האָבען אין מיר ארויס גערופען גאַנץ אַנדערע געדאַנקען. עס איז העכסט וואהרשיינליך אַז דער קאָמענדאַנט פון „אייבראַם לינקאָלן” האָט דאַמאָלס דערקענט אַז דאָס איז קיין ריעזען־נאַרוואַל, זאָנדערען איין אונטערוואַססערדיגע שיף, וועלכע איז פיעל געפעהרליכער ווי דאָס גרעסטע אונגעהויער. דער פאַקט איז ענדליך אין דער גאַנצער וועלט בעקאַנט געוואָרען אונד יעצט פערפאָלגט מען איבער אַלע מעערען דעם קאַפּיטאַן נעמא אונד זיין פירכטערליכע צערשטערונגס־מאַשינע.

יאַ, דאָס מוז אייגענטליך זיין דער נאַוטילוס, אַ שרעקליכע מאַשינע, וועלכע פערניכטעט געוויסע שיפען, אום אויס צו פיהרען דעם קאַפּיטאַן׳ס ראַכע געגען זיינע פיינדע. די אורזאַכע דאַפון איז מיר פאָרלויפיג אונבעקאַנט, אָבער איך בין זיכער אַז אין יענע נאַכט, ווען מען האָט אונז איינגעגעבען אַ שלאָף־טרונק אונד פערשפּאַרט אין אונזערע צימערען איז דער נאַוטילוס צוזאַמען געשטויסען מיט אַ שיף; עס איז ענטשטאַנען אַ קאַמפף, אונד דאַן איז יענער מאַן, וועלכען איך האָב נאַכהער געזעהען, טויטליך פערוואונדעט געוואָרען. יעצט איז מיר אויך קלאָהר פאַרוואָס דער קאַפּיטאַן נעמא האָט געשפּראָכען מיט אַזוי פיעל בעגייסטערונג וועגען די אַמאָליגע פראַנצויזישע ראַכע־שיף, דען וואהרשיינליך האָט ער אַליין אויך געשוואָרען האַסס צו די גאַנצע מענשהייט.

אונטערדעססען שיעסען די קאַנאָנען־קוילען צו אונז אימער אָפטער. אייניגע דערגרייכען ניט דעם נאַוטילוס, אַנדערע פליהען אריבער אַ שטיק ווייטער, אָבער קיינע האָט נאָך ביז יעצט אונזער שיף ניט געטראָפען. קאַפּיטאַן נעמא בעוויזט זיך ניט, אָבוואָהל אונזער לאַגע איז יעצט זעהר געפעהרליך, דען דאָס פיינדליכע קריעגס־שיף איז שוין נור אַ מייל דריי ווייט פון אונז.

„מיין הערר” האָט דער קאַנדיער זיך צו מיר אָבגערופען „מיר מוזען אַלעס אָנווענדען אום מיט דיעזען צופאַל זיך צו בענוטצען. לאָמיר זיי געבען אַ סיגנאַל אום דאָרט אויף יענער שיף זאָל מען דערקענען אַז מיר זיינען עהרליכע לייטע.”

מיט דיעזע ווערטער נעהמט ער זיין טאַשען־טוך אונד פאַנגט אָן צו שאָקלען אין דער לופט, אָבער ביי די ערשטע בעוועגונג האָט איהם אַ מעכטיגע האַנד צו באָדען געשליידערט.

„שענדליכער!” ברילט דער קאַפּיטאַן נעמא „ווילסט דו איך זאָהל דיך פריהער אויפהענגען איידער איך וועל יענע שיף פערניכטען?”

נאָך פירכטערליכער ווי דיעזע ווערטער איז געווען דעם קאַפּיטאַן׳ס אויסזעהען. ער ווענדעט זיך מיט זיין בלייכע געזיכט צו די פיינדליכע שיף אונד רופט אויס ווי אַ צוקאָכטער:

„אָה, דו ווייסט ווער איך בין, דו שיף פון א פערפלוכטע נאציאָן! איך דארף דיין פלאַג׳ ניט זעהען, אום דיך צו דערקענען, אָבער מיינע וועל איך דיר יאָ צייגען!״

מיט דיעזע ווערטער שטעלט ער ארויס אַ שווארצע פלאַגע, אונד אין דיעזען אויגענבליק איז אַ קויל געפלויגען, אָבגעקלאַפּט אַן וואנד פון נאוטילוס, אָבער זי איז צוריק אָבגעשפּרונגען אונד פערזונקען אין וואסער. דער קאפּיטאַן ווענדעט זיך צו מיר אונד רופט זיך אָב מיט אַ בייזע מיענע:

„געהט ארונטער אונטען צוזאמען מיט אייערע קאַמעראַדען!״

„אונד איהר ווילט די שיף אַנגרייפען?״ פרעג איך איהם אויסער זיך פון אויפרעגונג.

„דאָס האָט צו אייך ניט. מיינט ניט אַז איהר קענט זיין מיין ריכטער. איך וועל שוין דיעזע שיף דורכבויערען אונד דערטרינקען. געהט זאָג איך אייך!״

איך אונד מיינע קאַמעראַדען זיינען געצוואונגען געווען צו געהאָרכען. ארום קאפּיטאַן נעמאָ שטעהען יעצט פונפצעהן קרעפטיגע מענער ווארטענדיג אויף זיין בעפעהל. זיי אַלע קוקען אויך אויף די קריעגס־שיף מיט בליטצענדע אויגען פון האסס אונד ראַכע.

ארונטער געהענדיג הער איך ווי אַ קויל שלאָגט אָב אין פּלאַטפאָרם אונד דאַן שרייט דער קאפּיטאַן אויס:

„שיעס נור, שיעס, דו נאררישע שיף! דער שנאַבעל פון נאוטילוס וועט דיך דעננאָך דורכשטעכען; אָבער ניט דאָ זאָלסט דו פערזינקען, וואו עס ליעגט די רואינע פון די עהרליכע ראַכע־שיף; איך וועל דיך אוועקפיהרען ווייטער!״

זיטצענדיג אין מיין צימער הער איך ווי דער נאוטילוס ענטלויפט אזוי ווייט אַז די קוילען פון די פיינדליכע שיף זאָלען איהם ניט קענען ערגרייכען; אָבער ער האַלט זיך בעשטענדיג אין אַזאַ קורס אַז יענער דאַמפּפער וואָס פערפאָלגט איהם זאָהל איהם אויך פון די אויגען ניט פערליערען.

ארום פיער אוהר נאָכמיטאָג האָב איך שוין פון אונגעדולד ניט געקענט אויסהאַלטען אונד בין ארויסגעגאַנגען צום מיטעל־טרעפּ. די פּלאַטע פון אויבען איז אָפּפען אונד איך האָב זיך בעשלאָסען ארויף צו געהען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. איך זעה יענע שיף אונגעפעהר זעקס מייל ווייט פון אונז. דער נאוטילוס דרעהט זיך ארום אונד לאָזט זיך פערפאָלגען, אָבפיהרענדיג איהר אימער ווייטער נאָך אַמטען. קאפּיטאַן נעמאָ זעהט אויס עטוואָס רוהיגער אונד איך האָב פּרובירט רעדען אַ וואָרט, איהם פון זיין שרעקליכען ראַכע־פּלאַן אָב צו האַלטען.

„שווייגט!״ האָט ער מיט צאָרן זיך אָבגערופען „איך טהו נור

וואָס רעכט איז, נעהמענדיג ראכע פון איין טיראנישען אונטערדריקער. דורך זיי האָב איך אַלעס פערלאָרען וואָס מיר איז ליעב געוועזן; היימאַטה, פרוי, קינדער, פאָטער, מוטער, אַלע זיינען פאר מיינע אויגען צו גרונד געגאנגען פון יענע מערדער־הענד. אייערע רייד וועלען גאָר ניט העלפען!"

ווארפענדיג דעם לעצטען בליק אויף יענע אונגליקליכע שיף וואָס וועט באַלד מוזען פאַלען אַלס אָפּפער, בין איך צוריק אַראָפּ אונטען אונד אָבגערעדט מיט עדוארד'ן אַז מיר זאָלען זעהען וואָס שנעלער פון דאנען צו ענטלויפען, דען יעצט האָב איך שוין אַליין געוואָלט בעסער אונטערגעהען איידער צו פערבלייבען אויף דיעזען שרעקליכען נאַוטילוס.

עס איז נאכט געוואָרען. אויפ'ן נאַוטילוס איז פאַרלויפיג שטיל אונד אין זיין גאנג האָט זיך קיין זאַך ניט פערענדערט. איך אונד מיינע קאמעראדען האָבען בעשלאָסען צו ענטלויפען אין דעם אויגענבליק ווען יענע שיף וועט נור קומען עטוואָס נעהענטער צו אונז, דען די נאכט איז יעצט ליכטיג פון די פולע מאָנד־שטראהלען, אונד אויף דיעזען אופן קענען מיר האָפען אַז דער פּלאַן וועט אונז געלינגען, ווען מיר זאָלען נור בעוויזען אין דער רעכטער צייט אהין ארויף צו קומען וועלען מיר זיי וואָרנען, אַנזאָגען אַז די געפאהר איז שרעקליך אונד זיי מוזען זעהען מיט אַלע מעגליכקייטען זיך צו רעטטען.

אַזוי איז פארביי געגאנגען אַ טהייל פון דער נאכט. מיר זיינען געשטאנען לויערנדיג אויף אַ געלעגענהייט, ווען עס וועט קומען אַ ריכטיגער מאָמענט אַז מיר זאָלען קענען פון נאַוטילוס אַראָפּ שפּרינגען. עדווארד איז פערטיג געוועזן יעדע מינוט אין מעער אַריין צו שטירצען אונד מיר איז קוים מעגליך געוועזן דעם אונגעדולדיגען מענשען איינצוהאַלטען.

אַרום דריי אוהר פארטאָג בין איך ווידער ארויף אויפ'ן פּלאַטפאָרם. קאַפּיטאַן נעמא שטעהט נאָך אימער דאָרט, ביי זיין שווארצע פלאַג, קוקענדיג אויף דאָס פיינדליכע שיף, וועלכע איז יעצט נור צוויי מייל ווייט פון אונז. זי פערפאָלגט דעם נאַוטילוס נאָך דעם עלעקטרישען שיין וואָס פערברייטעט זיך פון איהם איבער'ן וואסער, אָבער וועהרענד די צייט פון נאכט האָט זי געמוזט אויפהערען אויף איהם צו שיעסען. אַזוי איז פאַרביי געגאנגען די צייט ביז זעקס אוהר אין דער פריה, אונד דער קאַפּיטאַן נעמא האָט מיך נאָך ניט בעמערקט. יענע שיף איז געקומען נאָך נעהענטער, אונד אַלס עס איז ליכטיג געוואָרען האָט זי ווידער אָנגעפאנגען אויפ'ן נאַוטילוס צו שיעסען. זי איז שוין יעצט ניט מעהר ווי אַ מייל ווייט פון דאנען אונד וואהרשיינליך וועט שוין באַלד קומען דער מאָמענט ווען איך מיט מיינע גענאָססען וועלען קענען דעם נאַוטילוס אויף אייביג פערלאָזען.

אַראָפּ נעהענדיג צוריק צו דעם טרעפּ הער איך ווי דער קאַנאָנען־

דונער ווירד אימער שטארקער. איך בין אריינגעגאנגען אין זאלאן צו מיינע קאמעראדען, וועלכע האבען דא אויף מיר די גאנצע צייט געווארט.

„מיינע פריינדע” האב איך צו זיי געזאגט „דער ריכטיגער מאמענט צו ענטלויפען איז יעצט געקומען. גאט זאהל אונז בעהילפיג זיין.”

עדווארד לענד ווארט ענטשלאסען; קאנסייל רוהיג; איך בין פון גרויס אויפרעגונג קוים אים שטאנד געוועזען זיך צו בעהערשען. מיר זיינען דורך געגאנגען דעם קאררידאר אונד אין דיזעלבע מינוט אלס מיר זיינען געקומען צו די מיטעל־טרעפ אונד אנגעפאנגען ארויף צו שטייגען האט די פלאטע פון אויבען זיך האסטיג צו געשלאסען. קאפיטאן נעמא אונד די גאנצע מאנשאפט זיינען שוין וואהרשיינליך אויך ארונטער אין שיף דען איך הער ווי דאס וואססער רוישט, אריינדרינגענדיג אין די בעהעלטער פון נאוטילוס, וועלכער פאנגט זיך אן אראפ צו לאזען אין מעער, איך פערשטעה זעהר גוט צו וועלכען צוועק דאס ווירד געטהון; קאפיטאן נעמא וויל דורכלעכערען יענע שיף ניט אין איהר זייט, וואס איז בעשיצט מיט א דאפעלטען קופפערנעם פאנצער, זאנדערען אונטען אין איהר דעק.

אום דיעזע טהאט ניט צו זעהען מיט מיינע אויגען בין איך ווי א וואנהזיניגער אריינגעלאפען אין מיין צימער, פיהלענדיג אז אלע מיינע נערווען ציטטערען אין מיר. עס איז מיר יעצט שווער זיך צו עראינערען ווי לאנג איך בין דארט אין אזא צושטאנד פערבליעבען, אבער באלד בין איך אויפגעשפרונגען מיט א געשריי פון שרעקליכען ענטזעטצען. איך הער א שטויס, ווי דער שטאהלענער שנאבעל פון נאוטילוס דרינגט אריין אין וואנד. ער בויערט מיט א מעכטיגע געוואלט אין די מאססע פון שיף, אזוי ווי די נאדעל פון זעגעל־מאכער דורך די שטיקער לייננוואנד.

עס איז מיר אונמעגליך געוועזען לענגער צו פערבלייבען אין מיין צימער אונד האב אריינגעשטירצט אין זאלאן ציטטערענדיג אין אלע גליעדער. קאפיטאן נעמא איז שוין דא. שטום, מיט איין אויסדרוק פון גרויזאמע ראכע אויף זיין געזיכט שטעהט ער אונד קוקט דורכ'ן פענסטער ביי די לינקע זייט פון שיף. דער פיינדליכער דאמפפער פאנגט אן ארונטער צו זינקען אין מעער, אונד אום ריי צו וואהנען די סצענע ווי זיי ראנגלען זיך מיט'ן טויט, לאזט זיך דער נאוטילוס אויך אראפ צוגלייך מיט יענע שיף. נור ביי א פונפצעהן עללען ווייטער זעה איך ווי דאס וואססער דרינגט דארט אריין מיט א דאנער גערויש. דער פערדעק איז פול מיט געשטאלטען פון מענשען, וועלכע לויפען ארום מיט פערצווייפעלטע בעוועגונגען.

דאס וואססער שטייגט ווייטער; די אונגליקליכע שפרינגען אויף די שטריק, קלעטערען אויף די מאסטען, צאפלען אונד דרעהען זיך אונטער'ן וואססער. ווי געלעהמט פון שרעק קוק איך מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען

אויף דיעזען פורכטבארען מאססען־מאָרד. איך שפיער אז דער אָטהעם ווירד מיר פערשטיקט אונד דעננאָך האלט מיר איין אונבעגרייפליכע מאכט אזוי ווי צוגעשמידט אויף דער שטעלע געגען פענסטער, אונד איך קען זיך פון אָרט ניט ריהרען.

יענע שיף זינקט אימער ניעדריגער אונד מיט איהר צוזאמען דער נאוטילוס. פלוצלונג הערט זיך א קראך פון איין עקספּלאָזיאָן; די צו־זאמען געפּרעסטע לופט האָט ארויס געפּלאצט דורכ'ן פערדעק, אזוי ווי א פייער וואָלט אויסגעבראָכען. דער נאוטילוס איז פון די שטארקע בעווע־גונגען אין וואססער אויף א רעכטע שטיק אָבגעשליידערט געוואָרען.

יעצט האָט דאָס אונגליקס־שיף אָנגעפאנגען שנעלער אראָפּ צו זינ־קען. איך זעה דעם מאָסט־קאָרב, די באלקענס פול מיט מענשען, וואָס קלאַמערען זיך דאָרט אין טויטליכען אנגסט; ענדליך בעוויזט זיך נור די שפּיטץ פון זיין הויפּטמאסט, אונד דאן איז די גאנצע מאססע מיט די דערטרונקענע מאַנשאפט אראָפּגעזונקען אין שרעקליכען אָבגרונד.

איך װענד זיך אום אונד ניעב א קוק אויפ'ן קאפּיטאן נעמא. ער שטעהט נאָך דאָ אונד קוקט, דיעזער ענטזעטצליכער הענקער, דער מאססען־מערדער! אלס די פורכטבארע סצענע איז געענדיגט געווען איז ער ארייג־געגאנגען אין זיין צימער. ניט וויללענדיג האָב איך איהם נאָכגעקוקט אונד זעה אויפ'ן וואַנד א בילד פון א יונגע פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. נעמא איז געשטאנען אייניגע אויגענבליקען בעטראכטענדיג דיעזען בילד, דאן האָט ער אויסגעשטעלט זיינע הענד געגען זיי אונד איז געפאלען אויף די קניע וויינענדיג.

22־טעס קאפּיטעל.

שלום.

אין דיעזען שרעקליכען אויגענבליק זיינען די לאָדען געשלאָסען געוואָ־רען. אין נאוטילוס איז געבליעבען דונקעל אונד שטיל. יעצט פאָהרט ער אָב פון דיעזע אונגליקס־שטעלע, שווימענדיג א הונדערט עללען אונטער'ן וואססער. געגען דעם קאפּיטאן נעמא שפּיער איך ניט וויללענדיג א געפיהל פון אבשייליכע פורכט. וואָס ער זאָהל ניט האָבען פון מענשען געליטען גיעבט איהם דעננאָך קיין זאך ניט רעכט אזעלכע גרויזאמע ראכע־טהאטען אוים צו פיהרען.

פון דיזען טאָג אָן האָב איך מעהר קיין מעגליכקייט געהאַט ריכטיג צו בעשטימען וואוהין דער נאוטילוס פאָהרט; זאָגאר די צייט פון טאָג אונד נאַכט האָב איך מעהר ניט געקענט אונטערשיידען. דעם קאַפּיטאַן נעמאָ אונד זיין לייטענאנט איז ניט מעהר צו זעהען אונד צו הערען, אָבער אויך קיין איינציגען פון די מאַנשאַפט האָב איך די גאַנצע צייט ניט אָנגע־טראָפען. די זונען־אויפנאַהמע ווירד שוין מעהר ניט געמאַכט יעדען טאָג; אויף דער קאַרטע פערצייכענט קיינער ניט די וועלט־געגענד וואו מיר געפי־נען זיך, זאָגאר די אוהרען שטעהען שטיל.

עדוארד איז פון גרויס פערצווייפלונג פערטיג געווען זעלבסטמאָרד צו בעגעהען, אונד קאָנסייל האָט געהאַט פיעל מיהע דעם אונגעדולדיגען מענשען איין צו האַלטען, עס זאָהל מיט איהם אירגענד וועלכעס אונ־גליק ניט געשעהען.

אזוי זיינען פאַרביי געגאַנגען אונגעפעהר 15 ביז צוואַנציג טעג — גענוי קען איך דאָס ניט בעשטימען — אַלס איינמאָל אין דער פריה, ווערהענד איך בין געלעגען אין אַ האַלב־שלומער, געפייניגט פון טרויריגע געדאַנקען, איז עדוארד צו מיר אריינגעקומען.

„אין די נעקסטע נאַכט וועלען מיר ענטלויפען" זאָגט ער צו מיר גאַנץ שטיל. אויפ'ן נאוטילוס איז אַלעס ווי אויסגעשטאָרבען. זייט איהר דאַצו פאָרבערייטעט, מיין הערר?"

„יאַ, אָבער וואו געפינען מיר זיך?"

„דאָס ווייס איך ניט. דורך דעם מאָרגען־טהוי האָב איך יעצט געזעהען אַ לאַנד אונגעפעהר צוואַנציג מייל נאָך אָסטען. אהין וועלען מיר זיך בע־נעבען."

„גאַנץ געוויס, עדוארד, ווען איך זאָהל אפילו וויסען דערטרונקען צו ווערען."

„דאָס מעער איז יעצט שלים. דער ווינד איז שטאַרק, אָבער איך האָב שוין אַלעס פאָרבערייטעט דאָס שיפעל פון נאוטילוס אָבצושרויפען אונד אויך אייניגע לעבענסמיטעל פערשאַפט. אַ קורצע שטרעקע פון צוואַנציג מייל איז פיר אונז אַ קליינינקייט, עס וועט אונז געלינגען."

איך בין אויף אַלעס געווען ענטשלאָסען. דער טאָג האָט זיך פיר מיך געצויגען ווי איין אונענדליכע עוויגקייט. מיט מיינע קאַמעראַדען האָב איך ניט געוואָלט פיעל רעדען, אום מען זאָהל אויף אונז עטוואָס ניט בע־מערקען.

אום האַלב זיעבען אוהר פאַר נאַכט איז עדוארד צו מיר אריינגעקומען.

„מיר וועלען ביז דעם מאָמענט פון אָבפאָהרען זיך ניט זעהען" האָט ער געפליסטערט „אום צעהן אוהר איז דער מאָנד נאָך ניט אויפגעגאַנגען

אונד אין דער דונקעלהייט וועלען מיר אונזער פּלאַן גאַנץ גוט קענען אויס־פיהרען. איהר זאָלט דאַן אַרויף קומען אויבען צום שיפּעל. איך אונד קאַנ־סייל וועלען אייך ערוואַרטען."

מיט דיעזע ווערטער איז דער קאַנאַדיער אַרויסגעגאַנגען, איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט איהם צו ענטפערען.

איך האָב זיך בערעכענט אַז עס איז העכסט נויטהווענדיג וועניגסטענס צו וויסען אין וועלכע ריכטונג מיר פאַהרען יעצט אונד דאָרום בין איך אַריינגעגאַנגען אין זאַלאָן.

די אינסטרומענטען ציינגען מיר אַז דער נאַוטילוס פאַהרט נאָך אָסט־נאָרד מיט אַ שרעקליכע געשווינדיגקייט, מעהר ווי פופציג עללען אונטער די אויבערפלאַכקייט פון מעער.

איך וואַרף מיין לעצטען בליק אויף דיעזע מערקווירדיגע וואונדער דער נאַטור, אויף דיעזען מוזעאום, אין וועלכען עס זיינען אויפגעזאַמעלט אוצרות פון רייכטהום אונד קונסט; דאָס אַלעס וועט אַ מאָהל צו גרונדע געהען אין די טיעפענים פון מעער, צוזאַמען מיט דעמיעניגען וואָס האָט זיי מיט אַזוי פיעל מיהע געגרינדעט. איך וויל אַז אין מיין גייסט זאָהל בלייבען איין אונפערגעסליכער איינדרוק פון דיעזער ערהאַבענער שעהנהייט. אַ גאַנצע שטונדע בין איך דאָ געבליעבען, קוקענדיג מיט אויפגערעגטע בליקען אויף דיעזע קאָסטבאַרקייטען, וואָס גלענצען אין זייערע גלעזערנע קאַס־טענס אונטער די העללע עלעקטרישע בעלייכטונג; דאַן בין איך צוריק אַוועק געגאַנגען אין מיין צימער.

אַריינקומענדיג אַהער האָב איך זיך אָנגעצויגען אין מיינע דויער־האַפטע מעער־בעקליידונג. לאַנזאַם אונד פּינקטליך האָב איך צוזאַמען גע־פּאַקט מיינע נאָטיצען, וועלכע זיינען פיר מיר זעהר וויכטיג, אונד אַריינגע־שטעקט צו זיך אין די טאַשען. מיין ברוסט האָט געקלאַפּט געוואַלטיג; עס איז מיר ניט מעגליך צו בעהערשען מיין גרויסע אויפרעגונג. געוויס ווען קאַפּיטאַן נעמאָ זאָהל נור יעצט אויף מיר איין קוק געבען, וועט ער פון מיינע אונרוהיגע בליקען אונד פערשטערטען געזיכט באַלד פערשטעהען וואָס ביי מיר אין האַרצען געהט פאָר.

וואָס טהוט ער אַליין אין דיעזען מאָמענט? איך האָרך זיך צו ביי די טהיר פון זיין צימער אונד הער אַז מען געהט דאָרט אַרום. דער קאַפּי־טאַן נעמאָ איז דאָרט. ער האָט זיך נאָך ניט געלעגט צו בעט. ביי יעדער בעוועגונג, ווען זיינע טריט קומען נעהענטער צום טהיר, דוכט זיך מיר אַז אָט וועט ער אַרויסקומען אונד וואַרפענדיג אויף מיר אַ פאָרוואורפס־בליק פון זיינע מערקווירדיגע אויגען, וועט ער מיר פרעגען פאַרוואָס איך וויל ענטלויפען. מיט יעדע מינוט ווירד מיין אונרוהע אימער גרעסער

אונד מיין איינבילדונגס־קראַפט שטאַרקער. מיט איין מאָהל שטעלט זיך מיר פאָר אַ געדאַנקען אַז עס פּאַסט ווירקליך ניט פיר מיר איך זאָהל ענטלויפען פון דאַנען שטילערהייט ווי אַ פערברעכער. קאַפּיטאַן נעמאָ האָט מיר אימער מיט גרויס אַכטונג אונד מאַנכעס מאָהל אויך בעהאַנדעלט מיט פריינדליכקייט אונד דאַרום איז מיין פּפליכט זיך פון איהם צו שיידען אויף איין גאַנץ אַנדערען, אַנשטענדיגען אופן. עס איז פיעל שעהנער איך זאָהל יעצט אַריינגעהען גראַדע צו איהם אין צימער, איהם אָפּפען אונד עהרליך ערקלעהרען אַז ביי מיין פאָלשטענדיגען רעספּעקט צו זיין פּערזאָן, צו זיינע הויכע קענטניסע, קען אונד וויל איך לענגער ניט פערבלייבען אין זיין געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי איך האָב געזעהען זיינע פורכטבאַרע ראַכע־טהאַטען.

דאָס וואַרען געדאַנקען פון אויפרעגונג ביז צום וואַהנזינן! גליקליכערווייזע האָב איך דאָס ניט געטהון, אונד האָב זיך היגעלעגט אין מיין בעט, אום מיין קערפּערליכע אויפרייצונג עטוואָס צו שטילען. מיינע נערווען האָבען זיך אַ ביסעל בערוהיגט, אָבער אין מיין איבערגעשפּאַנטען געהירן בעטראַכט איך אין אַ שנעלע ערדינערונג מיין גאַנצעס לעבען וואָס איך האָב פערבראַכט אויף דיעזע שיף, די אַלע גליקליכע אונד אונגליקליכע בעגעבענהייטען פון דער צייט וואָס איך בין אַרונגעשליידערט געוואָרען פון די אַמעריקאַנער פרעגאַטע „אייבראַם לינקאָלן," ביז צו די שרעקליכע סצענע, פון דעם מאַססען־מאָרד וואָס דער קאַפּיטאַן נעמאָ האָט בעגאַנגען, אין זיין פירכטערליכע ראַכע געגען יענעם אונבעקאַנטען קריעגס־דאַמפּפער, וואָס איז פאַר מיינע אויגען מיט זיין גאַנצע מאַנשאַפט אַראָפּגעזונקען אין די טיעפענים פון מעער. עס איז וואַהר אַז קאַפּיטאַן נעמאָ בעווייזט זיך מיר אין דיעזען צופאַל אַלס איין ענטזעצליכער הענקער, אָבער איך קען אויך זיין איבערמענשליכען ערהאַבענעם כאַראַקטער, וואָס האָט גאָר אין דער וועלט זיין גלייכען ניט. נור אַזאַ מאַן ווי ער איז איס שטאַנד צו רעגיערען מיט אַזאַ שיף ווי דער נאַוטילוס אונד צו בעקעמפּפען אַלע געפאַהרען ביי וועלכע איך אַליין האָב בייגעוואָהנט.

עס איז שוין דאַמאָלס געוועזן האַלב צעהן אוהר. איך האַלט מיין קאָפּף צוזאַמען געדריקט מיטביידע הענד, דען מיר דוכט זיך אַז מיין געהירן וועט יעדען מאָמענט פּלאַטצען. איך שליעס מיינע אויגען, דען עס איז מיר אונמעגליך לענגער צו טראַכטען אונד צו דענקען. אַלזאָ נאָך איין האַלבע שטונדע בלייבט איבער צו וואַרטען. איך האָב גאַנץ איינפאַך מורא איך זאָהל וועהרענד דיעזער צייט ניט משוגע ווערען.

אין דיעזען אויגענבליק הער איך ווי מען פאַנגט אָן צו שפּיעלען אויף אַ פּיאַנאָ, איינע טרויריגע טיעף טרויריגע האַרמאָניע, איין אונבעשרייבליכ

ליבע מעלאָדיע, דער קלאָגענדער אויסדרוק פון אַ הויכע זעעלע, וועלכע בּיינקט נאָך עטוואָס שעהנעם ערהאַבענעם אונד וואָלט וועלען צורייסען איהרע אירדישע קייטען. איך האָרך זיך צו מיט יעדען געפיהל פון מיינע זינען, אונד בין קוים אים שטאַנד דעם אָטהעם אָב צו ציעהען. גלייך מיט דעם קאַפּיטאַן נעמאָ ווירד מיין זעעלע פון די מוזיקאַלישע ענטציקונג אַזוי ווי מיט איין אונבעגרייפליכע מאַכט אַוועק געטראָגען ווייט, איבער די גרענעצען פון דיעזע געוועהנליכע וועלט.

דאַן האָט מיך פּלוצלונג איין געדאַנקען ערשראָקען. קאַפּיטאַן נעמאָ געפינט זיך דאָך יעצט ניט מעהר אין זיין צימער, ער זיצט אין זאַלאָן, דורך וועלכען איך מוז דורכגעהען אום צו ענטלויפען. דאָ וועל איך איהם צום לעצטען מאָהל טרעפען. ער וועט מיך פּיעלייכט דערזעהען אונד מעגליך וועט ער אויך אָנפאַנגען מיט מיר צו רעדען. איין בעוועגונג פון איהם וואָלט אַלע מיינע אַבזיכטען פערניכטען, זיין איין איינציגער וואָרט וואָלט גענוג געוועזען אום מיר אויפ'ן נאַוטילוס צוריק צו האַלטען.

אונטערדעסען דאַרף שוין באַלד שלאָגען צעהן אוהר. דער מאָמענט איז געקומען איך זאָהל פערלאָזען מיין צימער אונד געהען זיך אָנשליסען צו מיינע קאַמעראַדען וואָס וואַרטען אויף מיך אויבען.

יעצט דאַרף איך ניט איין אויגענבליק לענגער פערזאַמען, ווען קאַפּיטאַן נעמאָ זאָהל זאָגאַר געגען מיר אין דיעזען מינוט אויפטרעטען. איך עפּפען שטילל אונד פאָרזיכטיג מיין טהיר אונד דאָך קומט מיר פאָר אַז זי קנאַקט צו שטאַרק. עס קען זיין אַז איך האָב זיך אין דיעזען אויפרעגענדען מאָמענט דאָס נור איינגעבילדעט.

איך בעוועג זיך וויטער גאַנץ שטילל דורך די דונקעלע קאָרידאָרען פון נאַוטילוס, אָבשטעלענדיג זיך ביי יעדען טריט, אום מיין הויך־קלאַפּענדע ברוסט צו בערוהיגען.

אָנקומענדיג צום זאַלאָן האָב איך די טהיר גאַנץ שטיל געעפענט. דאָ איז איבעראַל פערברייטעט אַ טיעפע דונקעלהייט. די אַקקאָרדען פון דער פּיאַנאָ קלינגען גאַנץ שוואַך. דער קאַפּיטאַן נעמאָ געפינט זיך דאָ, אָבער ער זעהט מיך ניט. איך גלויב זאָגאַר אַז ביי די העללע טאָגעס־ליכט וואָלט ער מיך אויך ניט בעמערקט, יעצט ווען זיין גאַנצע זעעלע איז פערזונקען אין טיעפסטע ענטציקונג.

איך געה לאַנגזאַם אויף די שפּיטץ פינגער איבער דעם וויכען טעפּיך אונד היט זיך ניט צו מאַכען דעם קלענסטען גערוייש, אום מיין אַנוועזענהייט זאָהל דאַדורך ניט פערראַטהען ווערען. גאַנצע פינף מינוטען צייט האָט עס ביי מיר גענומען, ביז איך בין געקומען צו די אַנדערע טהיר, וואָס פיהרט אין ביבליאָטהעק־צימער.

איך האָב שוין אויסגעשטרעקט מיין האַנד, אום די טהיר צו עפּ־פענען, אַלס אַ טיעפער זיפץ פון קאַפּיטאַן נעמאָ'ס ברוסט האָט מיך אויף דער שטעלע אָבגעהאַלטען. אין דער דונקעלהייט פיהל איך אַז ער הויבט זיך אויף פון שטוהל. איך קען איהם זאָגאר זעהען, דען דאָס ליכט פון ביב־ליאָטהעק־צימער דרינגט אריין אין זאַלאָן. ער געהט גראַדע צו מיר, די הענד צוזאַמען געלעגט אויפ'ן ברוסט, שוועבענדיג ווי אַ גייסט. אַ שטיל־לער געוויין גיעסט זיך ארויס פון זיין געדריקטע ברוסט אונד איך הער ווי ער מורמעלט — דאָס זיינען איבערהויפּט די לעצטע ווערטער וועלכע איך האָב פון זיין מונד געהערט :

„אַלמעכטיגער גאָטט ! גענוג, גענוג !"

„פייניגט איהם זיין געוויסען פיר די גרויזאַמע ראַכע־טהאַטען וועלכע ער האָט בעגאַנגען ?" טראַכט איך מיט זיך אַליין.

אין די גרעסטע בעשטירצונג לויף איך דורך די ביבליאָטהעק, שטייג ארויף די מיטעל־טרעפּ אונד קום אין אויבערשטען קאָרידאָר, וואָס פיהרט צום בעהעלטער, אין וועלכען די שיפעל איז איינגעשרויפט. דורך די עפּ־נונג פון אונטען שטייג איך אהין אריין אונד געפין דאָרט מיינע קאַמעראַדען וואַרטענדיג.

„שנעל, נור שנעל פון דאַנען !" האָב איך אויסגערופען.

„באַלד, דיעזען אויגענבליק !" ענטפערט דער קאַנאַדיער.

דיעזע אונטערשטע ערעפנונג, אין דעם אינערליכען פערדעק פון נאָוטי־לוס, האָט עדוארד יעצט וויעדער פעסט צוגעשלאָסען, מיט דעם פאַלשען ענגלישען שליסעל, וועלכען ער האָט געוואוסט זיך צו פערשאַפען. דער פערדעק פון שיפעל איז אויך ריכטיג פערמאַכט געוואָרען אונד יעצט בלייבט נור איבריג איהר אָב צו שרויפען פון בעהעלטער, אונד דיזעלבע מינוט וועט אונז דער וואַססער ארויף שליידערען צו די אויבערפלאַכקייט פון מעער.

דער קאַנאַדיער פאַנגט שוין אָן די שרויבען צו עפנען, אָבער אין דיע־זען אויגענבליק דערהערען מיר אונטען אַ גערוויש אין שיף, פערשיעדענע שרייענדע שטימען אונד האַסטיג ארום לויפענדע טריט. וואָס זאָהל זיין די אורזאַכע דאַפון ? האָט מען שוין יעצט בעמערקט אונזער אונטערנעהמונג צו ענטלויפען ? איך שפּיער ווי עדוארד לענד רוקט מיר אריין אַ מעסער אין האַנד.

„יאַ, האָב איך געענטפערט „איך בין יעצט בערייט צו שטאַרבען אין קאַמפף פיר אונזער בעפרייאונג."

דער קאַנאַדיער האָט אויפגעהערט זיין ארבייט ביי'ן אָבשרויפען. אָבער איין וואָרט, וועלכעס איך האָב צוואַנציג מאָהל וויעדערהאָלענדיג, איין פירכ־טערליכעס וואָרט ערקלעהרט מיר באַלד די אורזאַכע פון דיעזע אונרו־

הינע בעוועגונג אין דעם נאָוטילוס. דאָ האַנדעלט זיך גאָר ניט וועגען אונז קיינער פון די מאַנשאַפט האָט וואַהרשיינליך אונזער ענטלויפען גאָר ניט בעמערקט.

„דער מעלשטראָם! דער מעלשטראָם!” העד איך דאָרט שרייענדיג.

דער מעלשטראָם! קיין שרעקליכערע געפאַהר האָט אונז אין דיעזער פירכטערליכע לאַגע אין וועלכען מיר געפינען זיך יעצט ניט געקענט טרעפען. מיר געפינען זיך אַלזאָ ביי דיעזע געפעהרליכע שטעלע ביי די ברעגעס פון נאָרוועגישען לאַנד. איז דער נאָוטילוס אריינגעריסען געוואָרען אין דיעזען ברויזענדען אַבגרונד, גראַדע אין דעם מאָמענט ווען מיר זיינען שוין פערטיג געווען אָב צו שרויפען פון איהם אונזער שיפעל?

ווי בעוואוסט, בילדעט זיך אין די וואַססערען, וואָס זיינען איינגעדריקט צווישען די נאָרוועגישע אינזלען פעבער אונד לאָפאָדען, אַ מין קעססעל־גרוב, אַ רייסענדער אַבגרונד, איבערהויפּט צו די צייט, ווען דער ים שטייגט איז די מאַכט פון דיעזען שטראָם אַזוי שטאַרק אַז קיין שיף איז נאָך פון איהם ניט גערעטעט געוואָרען. פון אַלע זייטען רייסען זיך אָהער די אונגעהויערע וועללען אונד קומען זיך צוזאַמען אין אַ ברויזענדען מיטעלפונקט. די אַנציהונגס־קראַפט פון דיעזע געפעהרליכע שטעלע איז אַזוי גרויס אַז פון אונגעפעהר צעהן מייל ארום ווערען אָהער צוגעשלעפּט ניט נור די שיפען, זאָנדערען אויך וואַלפישען אונד אייז־בערען.

אונד אָהער אין דיעזען מעלשטראָם האָט דער קאַפּיטאַן אריינגעפיהרט זיין נאָוטילוס, פיעלייכט מיט אַ פערצווייפעלטע אַבזיכט, אום זיך מיט אַלעמען צוזאַמען אויף איין מאָהל צו פערניכטען. יעצט דרעהט זיך דער נאָוטילוס ארום ווי אַ שפּענדעל, מיט די שנעלקייט פון אַ בליטץ אין דיעזען קעססעל־גרוב, קומענדיג אָהער נעהענטער צום מיטעל־פונקט. מיט איהם ווירד אויך געטראָגען דאָס שיפעל, אין וועלכען מיר זיטצען, וועהרענד עס פאַנגט אונז אָן צו שווינדלען אין קאָפּף. אַ שרעק פון טויט איז אונז בעפאַלען אין דיעזען העכסט גרויזאַמען מאָמענט, אונד אַ קאַלטער שוויים האָט ארויס געשלאָגען אויף אונזערע קערפּער. אונד ווי עס רוישט אונד קאָכט ארום אונזער שוואַכע שיפעל! דאָס ברויזען וועלכער קלינגט אָב מיט אַ פירכטערליכען ווידערקול מיילען ווייט ארום! די וועללען קראַכען אָן די שאַרפע פעלזען פון אַבגרונד, צערשמעטערנדיג די האַרטעסטע קערפּער אונד ארויסרייסענדיג די מעכטיגסטע בוימער „ארום רייבענדיג זייער גאַנצען פעלץ” ווי די נאָרוועגער זאָגען אַ שפּריכווערטעל.

ווי שרעקליך עס איז אין אַזאַ לאַגע זיך צו געפינען! מיר וואַרען ארום געשליידערט הין אונד צוריק. דער נאָוטילוס פערטהיידיגט זיך ווי אַ מענשליכע ריעזען־בעשעפענים. זיינע אייזערנע מוסקלען ציטטערען קנאַקענדיג.

ער שטעלט זיך יעדע מינוט מיט'ן שפּיטץ אַרויף אונד מיר ווערען אין אונזער שיפעל אויף איין זייט צוזאַמען געוואָרפען.

„מיר מוזען זיך מוטהיג פעסט האַלטען!" רופט אויס עדוארד „די שרויבען צוריק אַריין דרעהען. אויב דאָס שיפעל זאָהל נור ניט אָבגעריסען ווערען פון פערדעק קענען מיר זיך נאָך רעטען. דער נאַוטילוס..."

איידער ער האָט נאָך בעוויזען צו ענדיגען זיינע ווערטער האָט עס געגעבען אַ געוואַלטיגער קראַך. די שרויבען ווערען אויסגעבראָכען; אונזער שיפעל איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון איהר בעהעלטער אונד אַרויס געשליידערט ווי אַ שטיין אין מיטען פון דעם ברויזענדען קעססעל־גרוב.

מיין קאָפּף האָט זיך אַ זעטץ געטהון אָן איין אייזערנעם ראַהם אונד ביי דיעזע שטאַרקע ערשיטערונג בין איך געפאַלען אין אַ טיעפע אָהנמאַכט.

דאַמיט האָט זיך געענדיגט אונזער רייזע אויפ'ן גרונד פון ים. וואָס עס איז אין דיעזע נאַכט ווייטער פאָרגעקומען, ווי אַזוי אונזער שיפעל איז גערעטעט געוואָרען פון דעם פורכטבאַרען מעלשטראָם אונד אויף וועלכען אופן איך, עדוארד אונד קאָנסייל זיינען פון יענעם ברויזענדען אָבגרונד אַרויס געקומען, — דאָס אַלעס ווייס איך ניט צו ערקלעהרען. אַלס איך בין ווידער צו זיך געקומען בין איך געלעגען אין אַ שטיבעל פון אַ פישער, אויף דעם אינזעל לאָפאָדען. מיינעביידע קאַמעראַדען, געזונד אונד מונטער, שטעהען נעבען מיר אונד דריקען מיינע הענד פון גרויס פרייד. מיר האָבען זיך אומגעאַרמט מיט ענטציקונג וואָס עס איז ענדליך אונז געלונגען גליקליך זיך צו בעפרייען.

אין דיעזען אויגענבליק קענען מיר פאָרלויפיג ניט דענקען אַזוי שנעל נאָך פראַנקרייך צוריק צו קעהרען. די פערבינדונגען צווישען דיעזע אייזאַמע געגענדען פון די ווייטע נאָרדליכע נאָרוועגיען מיט די מעהר בעפעלקערטע לענדער זיינען זעהר קליין. מיר מוזען דאַהער דאָ אָבוואַרטען ביז עס וועט אַהער אָנקומען דער דאַמפּפער, וואָס פאָהרט רעגעלמעסיג יעדע צוויי מאָנאַט צום נאָרד־קאַפּ.

אונד צווישען דיעזע איינפאַכע, עהרליכע פישער־לייטע, וועלכע האָבען אונז אַזוי גוטהערציג אויפגענומען זעה איך נאָך אַ מאָהל דורך די בעשרייבונגען פון אַלע מיינע מערקווירדיגע בעגעבענהייטען. אַלעס איז ריכטיג גענוי ערקלעהרט; קיין פאַקט ניט איבערגעלאַזען אונד קיין זאַך ניט איבערטריעבען. דאָס איז אַ טרייע ערצעהלונג פון דיעזע אונוואַהרשיינליכע רייזע, דורך דעם נאַסען עלעמענט וועלכער בלייבט ביז יעצט פערשלאָסען פיר די מענשהייט, אָבער די פאָרטשריט דער וויסענשאַפט וועט געוויס מיט דער צייט אַ פרייען צוטריט פאַר אַלעמען דאַהין פערשאַפען.

וועט מען מיר גלויבען? איך ווייס עס ניט. איבריגענס איז מיר

דאָס אויך פיעל גלייך. וואָס איך בעהויפּט יעצט איז, אז איך האָב פּאָלקאָ־מען רעכט צו רעדען וועגען דיעזע ימים, אונטער וועלכע איך בין פערבליע־בען אונגעפעהר צעהן מאָנאַט אונד געמאַכט א רייזע אַרום די וועלט פון צוואַנציג טויזענד מייל: א רייזע וועלכע האָט מיר ענטדעקט אזוי פיעל זעלטענע וואונדער אין די טיעפעניסען פון די גרעסטע אָקעאַנען אונד אין דעם זידליכען אייז־מעער.

אָבער וואָס איז פון נאַוטילוס געוואָרען? האָט ער אויסגעהאַלטען דעם געוואַלטיגען דורק פון מעלשטראָם? פערפאָלגט דער קאַפּיטאַן ווייטער זיינע שרעקליכע ראַכע־פּלאַנען, אָדער ער איז ביי דיעזען לעצטען מאַססען־מאָרד שטעהען געבליעבען? וועלען א מאָהל די וועללען פון ים ברענגען זיין בוך אין וועלכען עס ענטהאַלט זיך זיין לעבענס־בעשרייבונג? וועל איך ענדליך דעם נאָמען פון דיעזען מאַן ערפאַהרען?

איך האָף עס. איך וויל אויך גלויבען אז דער מעכטיגער נאַוטילוס האָט בעזיעגט דיעזען שרעקליכען אָבגרונד פון מעער אונד איז אַרויס אונ־בעשעדיגט פון יענע שטעלע וואו פיעלע אַנדערע שיפען זיינען פערלאָרען געגאַנגען. אויב דאָס איז ריכטיג, אויב דער קאַפּיטאַן נעמא וואָהנט נאָך אימער אין די טיעפענים, וואו ער האָט זיך א נייע היימאַטה געגרינדעט, ווינש איך איהם אז דער ווילדער האַסס אין זיין הערצען זאָהל געשטילט ווערען; די בעטראַכטונגען פון אזוי פיעל וואונדער דער נאַטור זאָלען פער־לעשען אין זיין ברוסט דאָס געפיהל פון ברענענדיגע ראַכע! ער זאָהל אויפ־הערען צו זיין א שטראָפענדער ריכטער אונד בעסער בלייבען א פריעדלי־כער געלעהרטער, וועלכער ערפאָרשט די געהיימנים פון די טיעפע אָבגרונ־דען אין מעער. זיין שיקזאַל איז וואונדערבאַר אונד ערהאַבען, אונד איך האָב צעהן מאָנאַט צייט געהאַט דיעזעס אויסער נאַטירליכע לעבען גענוי צו בעטראַכטען.

מיט טויזענדע יאָהרען צוריק האָט מען אין די ביבלישע שריפטען געשטעלט די פראַגע: „ווער איז דען איס שטאַנד געוועזען די טיעפעניסען פון מעער אויס צו פאָרשען?“ אין דער גאַנצער מענשען־וועלט גיעבט עס צוויי וואָס קענען דאַרויף איין אַנטוואָרט געבען: קאַפּיטאַן נעמא אונד איך.

נאַכבעמערקונג.

אונד וואָס איז פון איהם געוואָרען דער סוף? ווער איז געוועזען קאַ־פּיטאַן נעמא? איבער וועלכע אורזאַכע האָט ער זיך אָבגעזונדערט פון

די גאַנצע וועלט מענשען אונד ווער איז די נאַציאָן וואָס וואר איהם אַזוי פערהאַסט ? אום דיזע אַלע פראַגען אויף דער שטעלע צו ערקלעהרען געפינען מיר פיר נויטהיג צו ברענגען אַ קורצען אויסצוג פון זשול ווערן'ס איין אנדער ראָמאַן.

קאַפּיטאַן נעמא איז געווען איין אינדישער פּרינץ. מיט דעם נאָמען דאַקאַר. דער זוהן פון אַ געוויסען פירסט פון לאַנד בונדעלקונד אונד דער נעפפע פון דעם בעריהמטען אינדישען העלד טיפּפּאָ־סאַיב, וועלכער איז געפאַלען אין שלאַכט געגען די ענגלענדער. אַלס פּרינץ דאַקאַר איז אַלט געוואָרען צעהן יאָהר דער פאָטער איהם געשיקט נאָך איירָאָפּאַ, וואו ער זאָהל אַ גוטע ערציהונג געניסען. אונד דאַדורך צו האָבען די מעגליכ־קייט צו קעמפּפען געגען די אונטערדריקער פון זייער לאַנד, די ענגלענדער, מיט דיזעלבע ציוויליזירטע וואַפּפען דורך וועלכע זיי האָבען דאָס אינדישע לאַנד אונטער זייער יאָך געבראַכט.

ביז צום דרייסיגסטען יאָהר פון זיין לעבען איז פּרינץ דאַקאַר גע־בליעבען אין איירָאָפּאַ, וואו ער האָט מיט זיינע הויכע פעהיגקייטען פיעלע קונסטען אונד וויסענשאַפט אויסגעלעהרענט. ער האָט בעזוכט אַלע איירָאָ־פּיאישע לענדער אויסער ענגלאַנד, וועלכע וואר איהם אין די טיעפסטע זעעלע פערהאַסט. די הייליגסטע אידעע פון דיזען פּרינץ איז אימער געווען אַז איהם זאָהל געלינגען זיין פּאַטעטישע פּאַטערלאַנד פון ענגלאַנד'ס יאָך צו בעפרייען אונד דיזע פרעמדע איינדרינגען פון דאָרט צו פערטרייבען. מיט דיזען וואונש אין הערצען איז ער אין יאָהר 1849 געקומען צוריק אין בונדעלקונד אונד געהייראַטה אַ שעהנע אינדישע פּרינצעסין, וועלכע האָט איהם צוויי קינדער געבאָרען. אויסער די ליעבע צו פאָטער אונד מוטער איז ער געווען צו געבונדען מיט אַלע זיינע צערטליכע געפיהלען צו פרוי אונד קינדער, אָבער אין זיין פאַמיליען גליק האָט ער ניט איין מינוט פער־געסען דעם אונטערדריקטען צושטאַנד פון זיין פּאָטערלאַנד.

קורץ נאָכדעם האָט געגען ענגלאַנדס הערשאַפט אין אינדיען אויסגע־בראָכען אַ רעוואָלוציאָן, פון וועלכע פּרינץ דאַקאַר איז געוואָרען דער ער־שטער אָנפיהרער. מעהר ווי אין צוואַנציג מלחמות האָט ער ווי אַ העלד געקעמפּפט געגען די אונטערדריקער פון זיין פּאַטערלאַנד, אָבער געגען דעם מעכטיגען שונא איז ער ניט אים שטאַנד געווען צו זיעגען. די רעוואָלוצי־יאָן איז שליעסליך אונטערדריקט געוואָרען אונד אויף דעם קאָפּף פון דעם אָנפיהרער איז אויסגעזעצט געוואָרען אַ פּרייז. אַלס פּרינץ דאַקאַר איז צוריק געקומען אין די הויכע בערג פון בונדעלקונד האָט ער ערפאַהרען אַז זיינע עלטערען, פרוי אונד קינדער האָבען מיט זייער לעבען בעצאָהלט אין

דיעזען קאמפף פיר די פרייהייט פון זייער פאטערלאנד אונד זיינען געפא־לען אונטער די הענד פון דעם זיעגרייכען פיינד.

מיט א געפיהל פון ברענעדיגען האסס געגען די ענגלענדער אונד אב־שוי געגען די גאנצע ציוויליזירטע מענשהייט, האט דער פרינץ צוזאמען גענומען אלע זיינע רייכטהימער אונד איז באלד נאכדעם אין דער בעגלייטונג פון צוואנציג טרייע קריעגס־קאמעראדען פערשוואונדען.

דאס וואר נעמליך דערזעלבער קאפיטאן נעמא, אונד דאמאלס ווען פראפעסאר אראנאקס מיט זיינע צוויי בעגלייטער זיינען פערוואָרפען גע־וואָרען אויפ'ן נאוטילוס האט פרינץ דאקאר שוין צייט 14 יאהר געפיהרט דיעזען לעבען אונטער דעם מעערעס־גרונד. אין פערלויף פון די נעקסטע 16 יאהר זיינען אלע זיינע קאמעראדען איינער נאך דעם אנדערען אויס־געשטארבען. ענדליך איז ער אליין אויך געשטארבען אונד ער רוהט אין זיין נאוטילוס, וועלכער דיענט איהם אלס גראב, אויף דעם טיעפען גרונד פון מעער, אין א האפפען פון „א געהיימניספאלען אינזעל.“



אלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויץ).

אַלטע מעשה אָדער א נאַכט אין צרות, א בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא, 10

ווינש פינגעריל, א מתנה פיר די ליעבע אידישע קינדער 15

די טאסקע, אָדער די שטאָדט בעלי טובות, א מייסטערהאַפטע קריטיק איבער דעם אידישען צושטאַנד אין רוסלאַנד, אין דער צייט ווען אידען האָבען זיך אָהן א טאסקע ניט געקענט בעגעהן, 15

יודעל, א ספור המעשה אין שירים, אין דיעזע ווערק איז אבראַמאָוויץ דורכגעגאַנגען די גאַנצע אידישע געשיכטע פון אָנפאַנג ביז היינטיגען טאָג, 15

ישראליק דער משוגענער, א מייסטערהאַפטע קריטיק איבער די לעצטע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד, 10

לעצטע שריפטען א זאמלונג פון זיינע לעצטע שריפטען. 35

פישקע דער קרומער, א מעשה פון אידישע אָרימע לייט, 15

דער פריזיוו, א דראמא אין 5 אקטען, 15

די קליאַטשע אָדער צער בעלי החיים, דאָס איז די בעסטע מייסטערווערק וואָס איז ארויס פון אבראַמאָוויץ'עס פעדער און האָט געמאַכט א שטורם צווישען דעם לעזע־פובליקום אין דער וועלט. „די קליאַטשע" איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין אַלע וועלט שפּראַכען און ווערט גערעכנט פיר א ליטעראַרישען אוצר אין דער וועלט־ליטעראַטור, 15

דאס קליין מענשעלע, א מייסטערהאפטע ווערק, וועלכע איז פולל מיט וויטץ, הומאר און שארפזינן און דערביי איז עס א גוואלדיגע קריטיק איבער די אידישע שטאדט-בעל-טובות, רעדעל-פיהרער און סתם בעלי-צדקות און גוטע אידען פון רוסלאנד, 15

א רייזע-בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, ווי ער איז אויף זיינע נסיעות פערגאנגען גאנץ ווייט, אז אונטער די הרי חושך, און האט זיך געגוג אנגעזעהען און אנגעהערט חדושים, שעהנע זאכען, וועלכע זיינען זעהר אינטערעסאנט צו לע-זען, 10

שלמה ר' חיים'ס, א שילדערונג פון דעם אידישען לעבען אין דער ליטא, וועלכע איז זעהר אינטערעסאנט, שפאנענד און בע-לעהרענד, און ווערט גערעכענט פיר איינע פון די בעסטע ווערק וואס מענדעלע מוכר ספרים האט אין דער לעצטער צייט ארויסגעגעבען, 10

פאָליטישע עקאָנאָמיע

איהר ענטשטעהונג און געשיכטע

פון א. ש. זאַקס.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאפט פון דעם מענשען'ס שאפען און ווירקען, האנדלען און וואנדלען ווען ער איז צוזאמען מיט נאָך אנדערע אין געזעלשאפט.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעהרע פון די געזעלשאפטליכע ווירטהשאפט, זי לערענט דעם מענשען ווי ער זאָל ארבייטען און ווי ער זאָל זיין ארבייט בעסער אויסנוצען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע לערענט ווי אזוי אלע זאכען וועלכע זיינען נעטהיג צום מענשען'ס לעבען ווערען פראָדוצירט, ווי אזוי זיי ווערען פאר־נאנדער געטהיילט און ווי אזוי זיי ווערען פערברויכט.

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאפטליכע ווירטהשאפט פיהרט זיך יעצט ?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאפטליכע ווירטהשאפט האָט זיך אמאָל געפיהרט אין די אלטע צייטען ?

ווילט איהר וויסען ווי די געזעלשאפטליכע ווירטהשאפט דארף ווערען געפיהרט צום וואָהל און בעסטען פון דער גאנצער מענשהייט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט געזעלשאפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס איז דעם מענשען'ס אויפגאבע אין דער געזעלשאפט ?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי זיך צו מאכען ניצליך אין דער געזעלשאפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט פראָטעקשאָן און פרי טרייד ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט קאפיטאליזמוס און סאָציאליזמוס ?

דאָן קויפט און לעזט „די פאָליטישע עקאָנאָמיע" פון א. ש. זאקס, וועלכע איז יעצט ביי אונז ערשיענען אין א פראכט־אויסגאבע און ווערט פערקויפט צו א ספעשעל ביליגען פרייז פון

בלויז 40 סענט (רעגולאַר פרייז 1 דאל.).

(פאָסט־געלד פיר שיקען דעם בוך ביי פאָסט 10 סענט עקסטרא.)

HEBREW PUBLISHING CO.

83-85 Canal St. New York.